STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03666

# BAYM OPGRUNT

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

# געזאַמלטע שריפטן

אַכט און צוואָנציגסטער באַנד

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע", װאַרשע

שלום אַש

# בײם אָפּגרונט

ראָמאַן

צװײטער בוך

קאָאָפּעראַטיװער פאַרלאַג „קולטור-ליגע", װאַרשע

Printed in Poland
Copyright by Schalom Asch
SZALOM ASZ
BAJM OPGRUNT
Spółdz. Wyd. „Kultur-Liga"
Warszawa — 1938
2-טע אויפלאגע — 600 עקזעמפלארן
Druk. Brzezińskiego, Warszawa

קאַפּיטל 1

# מיט די לייט לאָזט זיך אַרבעטן

עס האָבן געלויערט אויפן פאָטערלאַנד געפאַרן פון אַלע זייטן. דאָס לאַנד איז צעריסן-געוועזן אויף פּיצלעך. באַדעקט מיט צרעת און קרענק ווי אַ פוילנדיגער קערפּער. אַלע האָבן געצויגן דעם דישעל אויף זייער זייט. דער פראַנצויז האָט אָפּגעשניטן דאָס רור-געביט און פאַרחתמעט עס פאַר דעם איבעריגן דייטשלאַנד. קיין איין פונט קויל קומט נישט אַרויס פון דער רור אין דעם אומבאַזעצטן געביט אַריין. אינעווייניג, אין דעם באַזעצטן געביט, דערציט דער פיינט אַ סעפּעראַטיסטישע באַוועגונג, וועלכע דראָט אָפּצושניידן זיך פון דייטשלאַנד... אין זאַקסן, אין טירינגען האָבן קאָמוניסטישע עלעמענטן באַקומען די אויבערהאַנט. נאַציאָנאַליסטן, וועלכע זענען שטענדיג באַרייט צו כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער און אַריינצומישן זיך, וואו עס איז נאָר דאָ אַ געלעגנהייט צו מאָרדן, שטעלן גרייט זייער דינסט דער רעגירונג, בילדן אַליין אויס קאַמפּאַניעס אונטערצודריקן אויף אייגענער האַנט די קאָמוניסטישע געפאַר. אין מינכען, ווי אין גאַנץ בייערן, וועלכע האָט זיך פון אָנהייב-אָן זינט נאָכן קריג אָנגעהויבן צו פילן ווי אַן אומאָפּהענגיגער שטאַאַט, גרייט זיך עפּעס... מאָנאַרכיסטישע עלעמענטן ווילן אָפּרייסן בייערן פון רייך. היטלער זאַמלט אַרום זיך די יונגע יונקערישע פאַנאַטיקער, ער שטורמט זיי אויף מיט עקזאַלטירטע העצערישע רעדעס. עס איז ווינציג

שלום אַש, ביים אָפּגרונט, 25.

דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד, וואָס מען האָט אַרויסגערופן אין רור־געביט און וואָס עס עסט־אויף די לעצטע רעזערוון פון דער דייטשער רייכסבאַנק. היטלער פּרעדיגט דעם אַקטיוון ווי־דערשטאַנד. „ווען זעכציג מיליאָנען מענטשן האָבן דעם מוט פּאַנאַטיש נאַציאָנאַל צו זיין, וועט זיך דאָס געווער פון דער פויסט אויסשמידן". די מאָנאַרכיסטישע בייערישע רעגירונג פאַר־ווערט נישט היטלערס אַגיטאַציע און רוף צום אויפשטאַנד. פאַרקערט, דורך געהיימער קאָנספּיראַציע דערמוטיגט זי אים צו פאַרשטאַרקן זיינע שטורם־אָפּטיילונגען. ער זאַמלט אַרום זיך אוואַנטוריסטישע עלעמענטן מיט דער לאָזונג נאָכצוטון מוסאָ־לינין און צו גיין אויף בערלין... די צענטראַלע רעגירונג אין בערלין באַקעמפט די היטלעריסטישע געפאַר מיט יידישע וויצן און מיט „בערלינער טאַגעבלאַט"־אַרטיקלען...

אין באַזעצטן געביט האָט דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד קיין שום רעזולטאַטן נישט געבראַכט... אַ חוץ, וואָס ער האָט אויסגעליידיגט די קעלערס פון דער רייכסבאַנק, געצאָצט אַ שפּאָר ביסל לעבנס, פריהייט, צעשטערט הונדערטער־טויזנטער היימען. די פראַנצויזן האָבן זיך גאָרנישט דערשראָקן פאַר די פאַרהעלטנישמעסיג קליינע צאָלן קוילן און קאָקס, וואָס זיי האָבן געקאָנט פון דעם באַזעצטן געביט אַרויספירן. זיי האַלטן ערשט אין אָרגאַניזירן די אויסנוצונג פון די „משכנות" — ווי זיי רופן־אָן דאָס רור־געביט.

דאָס לאַנד — געפירט דורך אַן אומפעאיגן מאַן, וואָס די גרויס־פינאַנץ האָט אַריינגעזעצט — האָט מיט זיין פּאַסיוון ווידערשטאַנד אַזוי צוגעפירט, אַז דער מאַרק, וועלכער האָט גע־האַלטן, איידער די פראַנצויזן האָבן באַזעצט דאָס רור־געביט, אַכט טויזנט פאַרן דאָלאַר, איז אין ערשטן מאָנאַט — נישט געקוקט אויף דער קאָסטבאַרער אינטערווענץ פון דער רייכס־באַנק צו שטיצן דעם מאַרק — דערגאַנגען אַזוי וויט, אַזש צו פערציג ביז צו פופציג טויזנט פאַרן דאָלאַר. דער רעגירונג איז, אמת, געלונגען דורך אומדערהערטן אָפּצאַפּן פון גאָלד־באַשטאַנד פון דער רייכסבאַנק דעם מאַרק איבערן האַלבן חודש פעברואַר ביז דעם זיבצענטן אַפּריל צו האַלטן אין דער נידער, אין דער נאָענט פון צוואַנציג טויזנט פאַרן דאָלאַר. די אויבערפלעכלעכע

סטאַביליזירונג פון דעם מאַרק דורך די צוויי חדשים, וואָס איז געקומען אויף דעם דרינגענדן באַפעל פון דעם „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד״, האָט טאַקע געגעבן דער באַפעלקערונג אַ ביסל אָן אָטעם-צוג, אָבער דערפאַר אָן אומבאַרעכטיגטן גלויבן אין מאַרק... דאָס האָט געשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר די גרויסע שיבערס און שפּעקולאַנטן, פאַר די קלוגע „ראַפּקעס״ איינצושאַפן זיך אומדערהערטע פאַרמעגנס אויף קרעדיט... אָפּצוקויפן אַלץ פון דעם נאַיוון מיטלשטאַנד, וועלכער האָט געגלויבט אין דער פעסטקייט פון מאַרק און איז איצט ווילינ-געוועזן פאַר אים זיינע גיטער אָפּצוגעבן... דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד״ האָט אין פאַרלויף פון די צוויי חדשים, פון 15-טן פעברואַר ביז דעם 17-טן אַפּריל, 1923, דורך דער צייט ווען דער מאַרק האָט מער אָדער ווינציגער אָנגעהאַלטן זיין ווערט און מיט דער הילף פון דער רייכסבאַנק אַרויסגעוויזן אַפילו טענדענצן צו הויבן זיך, איינגעקויפט האַלב בערלין: — אומבאַגרענעצטע רייכטימער, גאַנצע גאַסן מיט הייזער אין אַלע שטעט פון דייטשלאַנד, פאַבריקן, האָטעלן, שלעסער, וועלדער, גיטער, אַקציעס פון כעמישע פאַרבן-אינדוסטריע, אָן אַ צאָל גרויס-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, לעדער-גאַרבערייען, לאָמ-באַרדן — ווער קאָן אויסרעכענען די אומדערהערטע רייכטימער, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אויף דעם גנבה- און גזלה-וועג פון די אינפלאַציע-קרעדיטן, וואָס זיינע אייגענע בענק האָבן אים געגעבן... אין זיינע טריט זענען געגאַנגען די אַנדערע שיבער און „ראַפּקעס״. מיטאַמאָל איז געקומען דער 17-טער אַפּריל! — דער מאַרק, וואָס איז נאָך נעכטן געשטאַנען שטאָל-און-אייזן (ווי ער האָלט זיך שוין זינט צוויי חדשים) — אַרום די צוואַנציג טויזנט פאַרן דאָלאַר, גיט זיך אַ וואַקל. די באַנקן צאָלן פינף-און-צוואַנציג, די שוואַרצע בערזע ביז-אָן 27 טויזנט דעם דאָלאַר. אַ טאָג שפּעטער שטייט שוין דער אָפיציעלער קורס 29 טויזנט, די שוואַרצע בערזע צאָלט 30 און 32 טויזנט. נאָך פרוּוּט די רייכסבאַנק צו אינטערווענירן, וואַרפט-אַרויס דאָס לעצטע ביסל גאָלד און האַלט-איין דער מאַרק אַ פּאָר טעג אין דער נאָענט פון 30 טויזנט פאַרן דאָלאַר. אָבער אין אַ טאָג, צוויי אַרום פליט ער שוין אין דער נאָענט פון די פערציגער.

אין מיטן מאַי — אין די פופציגער, ביי ענדע מאַי — אין די זעכציגער; אין מיטן יוני האָט דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" — און נאָך אים אַלע אַנדערע שיבערס — באַצאָלט חובות מיט אַ מאַרק, וואָס ער האָט געקויפט פאַר הונדערט טויזנט דעם דאָלאַר פאַר אַ מאַרק, וואָס ווען ער האָט אים גענומען, איז ער ווערט-געווען אַכט טויזנט דעם דאָלאַר. אין יולי האָט ער געצאָלט מיט אַ מאַרק, וואָס האָט די ווערט-געהאַט 750 טויזנט פאַר איין דאָלאַר, אין ענדע אויגוסט האָט ער געצאָלט חובות מיט אַ מאַרק, וואָס האָט די ווערט געהאַט צען מיליאָן פאַר איין דאָלאַר, אין ענדע סעפּטעמבער האָט ער געצאָלט חובות מיט אַ מאַרק, וואָס האָט די ווערט געהאַט 160 מיליאָן פאַרן דאָלאַר, אין אָקטאָבער — 78 מיליאַרדן פאַרן דאָלאַר, אין נאָוועמבער האָט עס שוין געציילט אין די ביליאָנען...

און די רעגירונג? די אויטאָריטעט?

דאָס נייע רעפּובליקאַנישע דייטשלאַנד איז נישט געווען קיין פּראָדוקט פון דער רעוואָלוציע. נישט קיין רעוואָלוציע איז אַדורכגעגאַנגען איבער דעם „פאַטערלאַנד". ניין, עס איז נאָר געווען אַ פּחדניש אַנטלויפן פון יענע עלעמענטן, וואָס האָבן דייטשלאַנד צוגעבראַכט צו דעם צושטאַנד פון 1918. דער מאַנטל פון דער רעגירונג איז נישט מיט געוואַלד אַראָפּגע-ריסן-געוואָרן דורך די אַנדערע, נאָר ער איז אויפגעהויבן-גע-וואָרן דורך זיי, נאָך דעם — ווי יענע, וואָס האָבן געהאַלטן די לייצעס ביז איצט, האָבן אים אַזוי פּחדנותדיג געלאָזט פאַלן. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן און די מיטל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען מיט די קאַטאָליקן און דעם צענטר זענען אַריינגעטריבן-געוואָרן אין דער רעגירונג נאָכן צוזאַמענבראָך פון די יונקערס. אויף זיי איז אויסגעפאַלן דער גורל אונטערצושרייבן די באַליידיגנ-דיגע אָפּמאַכן, וועלכע דער זיגער האָט זיי דורך הונגער און נויט, וואָס די בלאָקאַדע און דער קריג האָט אויף דעם לאַנד געבראַכט, אויפגעצוואונגען. זיי איז נישט עפּעס אַנדערש אי-בערגעבליבן, ווי נאָר צו טון דאָס בעסטע און צו זען ווי אַזוי צו קאָנען קירעווען די שיף פון דער רעגירונג אין די שטורמיגע וואַסערן פון שאַנד און אומגליק, אין וועלכער די פריערדיגע האָבן די שיף אַריינגעטריבן. אויף זיי איז געפאַלן

די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט ווייל זיי האָבן דידאָזיגע פאַראַנטוואָרטלעכקייט געוואָלט אויף זיך נעמען, נאָר ווייל קיין אַנדערע זענען נישט געווען. פון דער ערשטער מינוט-אָן האָט די דעמאָקראַטישע רעגירונג, די נייע רעפּובליק, געהאַט צו קעמפן נישט נאָר מיט אַן אומבויגזאַמען זיגער, וועלכער האָט זיך געקליבן צו מאַכן דייטשלאַנד בלוטיגן פאַר אַלע עוולות, אויסגיסן אויף איר אַלע נקמות, וואָס דער לאַנג-דויערנדער קריג האָט אויסגעוואַרימט אין די הערצער פון די ליידנדיגע מענטשן, נאָר זי האָט געהאַט אויך צו קעמפן מיט דעם אייגענעם פאָלק. אַריינגעטריבן אין פאַרצווייפלונג דורך הונגער און נויט ביי איין עלעמענט, געטריבן צו משוגעת פון אומדערפילטע אַמביציעס ביים צווייטן עלעמענט, איז די רעגירונג אַוועקגעשטעלט-געוואָרן צווישן די צוויי פייערן — צווישן קאָמוניזם און אומפאַראַנטוואָרטלעכן, צו משוגעת-טרייבנדיגן שאָוויניזם. זי האָט אַפילו נישט געהאַט קיין פיזישן כוח, אויף וועלכן זי זאָל זיך קאָנען שטיצן אין שעה פון נויט. איר מאַכט און אויטאָריטעט איז נאָר געווען דער אויסערלעכער מאַנטל, וואָס זי, די רעגירונג, האָט באַקליידט. קיין רעוואָלוציע האָט איר נישט געגעבן דאָס געווער אין דער האַנט. די אייגענע פּאַרטיי איז נישט גענוג שטאַרק אין פּאַרלאַמענטאַרישער אויטאָריטעט און אין פיזישן כוח... מען מוז אָנקומען צו דער נויט-מערהייט פון אַנדערע פּאַרטייען, מיט וועלכע מען מוז שליסן קאָמפּראָמיסן. מען מוז נאָכגעבן, אַפילו אויף די קאָסטן פון די אייגענע פּרינציפּן, דורך דעם פאַרלירט מען דעם אייגענעם באָדן... אין שעה פון נויט, ווען אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן האָבן געדראָט דער רעגירונג צו שטירצן (צי פון לינקס, צי פון רעכטס), איז די רעגירונג, די אויטאָריטעט פון לאַנד, געצוואונגען-געווען צו זוכן פיזישן כוח, כדי צו באַשיצן דאָס נאַקעטע לעבן, ביי די רעאַקציאָנערע יונקערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן אויף-אינדערגיך אויפגעשטעלט קאָמפּאַניעס פון נאָך לעבעדיגע אַרומוואַלגערנדיגע רעשטן פון דעם מלחמה-פלייש, וואָס דער אַרויפגעצוואונגענער שלום האָט אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפן... מיט זאָרגן אין האַרץ האָט זיך די רעגירונג באַנוצט מיט די עלעמענטן צו באַקעמפן די געפאַרן.

פון דער צווייטער זייט — מיט זאָרגן אין האַרץ פאַר די אַמ־ביציעזע אַפּעטיטן, וואָס האָבן זיך דערוועקט אין די גענע־ראַלן, אַליין צו פאַרכאַפּן די מאַכט דורך פּוטשן און אויפ־שטאַנדן, אַזוי געוואָרפן צווישן קאָמוניזם און שאָוויניזם, האָט די רעגירונג געפּרואווט אויסקירעווען זיך, אויסמאַנעווּרירן, איינהאַלטן אַן אויטאָריטעטע מאַכט, וועלכע זאָל באַהאַנדלען די אומצייליגע שווערע פּראָבלעמען, וואָס — פון איין זייט די נויט, דער הונגער פון אינעווייניג, פון דער צווייטער זייט — די שטריק, וועלכע זענען פון זיגער אויפן האַלז פאַרוואָרפן־געוואָרן פון דרויסן, האָבן געשאַפן..

דאָס איז געווען די אויטאָריטעט, וואָס די ווייּמאַרישע קאָנסטיטוציע האָט געשאַפן אַלס ערזאַץ פאַר דעם מיליטעריש־פּאַראַדנעם יונקערטום און קייזערטום פון דער ווילהעלמישער עפּאָכע... דעם סימבאָל פון אויטאָריטעט האָט פאַרקערפּערט אַ נאַטירלעך־גוטער און אַ מענטשן־ליבנדיגער, אַן אייביג־צעשמייכל־טער און אייביג גוט־אויפגעלייגטער, אָפּטימיסטישער „רייכס־פּרעזידענט”. אַ טיכטיגער אָרגאַניזאַטאָר, אַ געטרייער פּאַרטיי־מאַן, מיט דעם אייביג־באַגלייטנדיגן דעמאָקראַטישן שמייכל אויף די ליפּן און גוט־קאַמעראַדישן האַנט־דריק, איז ער געווען צום ווינציגסטן פּערזענלעכקייט פון אַלע זיינע פּאַרטיי־חברים, אַז ער זאָל האָבן פיינט צווישן אייגענע. דאָס איז געווען דער שטאַפּל צו זיין גדולה...

און דער פּרעזידענט האָט זיין הויכן באַרוף אויסגעפירט אין דעם בעסטן זין פון זיין געוויסן, מענטשלעכן געוויסן. ער האָט זיך געפירט ווי יעדער פּרעזידענט פון יעדער אַנדע־רער רעפּובליק: געהאַט אין זינען די אַלגעמיינע אינטערעסן און נישט די פּאַרטייאישע. אדרבא, ער האָט זייער מדקדק־געווען דערויף, חלילה נישט צו טון קיין זאַך, וואָס קאָן דעם צד־שכנגד אויסקוקן, אַז ער איז פּאַרטייאיש. פאַרקערט, מען האָט ליבער געוואָלט מוותר־זיין אויף אייגענע און אַביסל צו־זינדיגן פאַר אייגענע, איידער געגן פרעמדע. מען איז אָפּטמאָל געווען צוליב דעם מער פלייסיגער און מיט מער ענערגיע האָט מען אונטערגעדריקט אַ געפאַר, וואָס האָט געדראָט פון לינקס, איידער פון רעכטס... וואָרים פאַר אייגענע האָט מען

זיך געקאָנט פאַרענטפערן, איינשטילן מיט דער שרעק, אַז די רעפּובליק שטייט אין סכנה... „עס איז נויטיג פאַר דער שעה", וואָרים בעוונותינו הרבים איז די צייט נאָך נישט רייף, אַז „אונזערע" זאָלן איבערנעמען די מאַכט. „מיר האָבן נישט קיין מערהייט, מען מוז אָנקומען צו דער הילף פון די אַנדערע פּאַרטייען, מיט וועלכע מען האַלט אין איין האַנדלען... דורך דעם מוז מען זיין געדולדיג און אויסמיידן אַלע אומפּראָדוקטיווע עקספּערימענטן, וועלכע קאָנען צעפירן די גאַנצע סטרוקטור פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד". „דייטשלאַנד איז נישט רוסלאַנד, וואָס איז אַן אַגראַר-לאַנד, וואו מען קאָן זיך דערלויבן אויף עקספּערימענטן... דייטשלאַנד אָן איר אינדוסטריע, אָן איר וועלט-מאַרק מוז אונטערגיין." „דורך דעם מוז מען זיין פאָרזיכטיג נישט אָפּצושרעקן די קאַפּיטאַליסטן, וואָס זענען נויטיג פאַר דעם לאַנד, וואָס האַלטן-אויף דאָס חיות פון דער מלוכה — די פינאַנסיסטן און די גרויס-אינדוסטריעלער... וואָס קאָן מען טון? ווי זאָגט דאָס גלייכווערטל — „אַז מען באַדאַרף דעם גנב, שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה"...

דער פּרעזידענט האָט געלייגט גרויס געוויכט דערויף, וואָס פאַר אַ מיינונג עס האָבן וועגן אים — נישט אַזוי דער מאַן פון דער גאַס (געוויס, דאָס איז אויך וויכטיג), נאָר די גרויס-אינדוסטריעלער און פינאַנסיסטן, מיליטער-לייט, די הויכע פּענסטער... צוליב דעם צוועק האָט ער זיך געלאָזט אינפאָרמירן פון דער שטימונג און דער מיינונג, וואָס הערשט וועגן אים אין די גרויסע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. דידאָזיגע אינפאָרמאַציעס האָט אים צוגעשטעלט אַ גלויבנסווירדיגע [illegible]רזאָן — אַ דאַמע פון דער אַריסטאָקראַטיע-וועלט, וועלכע האָט זיך באַקענט צו דער רעפּובליק.

אין יעדער רעגירונג, אין יעדן רעזשים פון יעדער צייט, צי דאָס איז אין אַן אַמאָליגן עגיפּטישן הויף, אָדער צי דאָס איז אַ היינטיגער דעמאָקראַטישער, רעפּובליקאַנישער פּרעזידענט — מוז זיך געפינען אַזאַ שדכנטע, אַ מין „פאַרבינדונגס-אָפיציר" צווישן דער הויכגעשטעלטער פּערזאָן און דער געזעלשאַפט. פאַרשטייט זיך, אַז די באַטרעפנדע דאַמע מיט אַ קלינגענדיגן אַריסטאָקראַטישן נאָמען, מיט זייער פיל ראַפינירטער

איינגעבוירענער און אויסגעלערנטער געשיקלעכקייט צו מאַנעווי־רירן צווישן די פּאַרטייען, — האָט לויט דעם דייטשן געשמאַק געמוזט זיין זייער הויך, פול־לייביג, בלאָנד, מיט אַ לייכטנדי־גער ראָזער הויט־קאָליר, מיט אַ פאַרשטענדעניש פאַר הומאָר און גרויס מענטשן־קענטעניש, וואָס זי האָט זיך דערוואָרבן דורך איר לאַנגער קאַריערע אומצוגיין מיט וויכטיגע מענער. מיט איין וואָרט — איינער פון די סטערעאָטיפּישע פיגורן, איינע פון יענע גאַנצע כאַראַקטערן, וועלכע געפינען זיך אין אַלע גע־זעלשאַפטן, וואו עס מאָלט זיך די מיל פון די געשעענישן אין דער געשיכטע... טיילמאָל געניגט בלויז געשיקטע, שלויע אינ־טעליגענץ; טיילמאָל — אַ צווייִדייטיג פאַרנעפּלט צוזאָגן... אַן אַנדערש מאָל מוז מען טאַקע דאָס צוגעזאָגטע אויסלייזן מיט אַ קליין אָדער גרעסער חסדל, וואָס מען האָט פערזענלעך צו דיספּאָזיציע פאַר אַן אינטערעסאַנט אינפאָרמאַציעלע, וואָס מען קאָן ביי ווּעמען אַרויסקריגן. אַן אַנדערש מאָל מוז מען באַ־צאָלן מיט אַ פיל־אַריינברענגענדיגער רעגירונגס־שטעלע (וואָס די דאַמע האָט דורך איר איינפלוס צו פאַרטיילן) פאַר פּאָלי־טישער שטיצע אין רייכסטאַג... פאַר אַן אָנגעלייגטער דינסט פאַרן „הויף", וואָס אין היינטיגער צייט הייסט עס — פאַר דער פּאַרטיי... זעלבסטפאַרשטענדלעך געהערט אויך דערצו אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער סאַלאָן. אַ רייכער מעצענאַט, וועל־כער שטייט הינטער די פּלייצעס פון דער דאַמע, פינאַנסירט מיט ברייטער האַנט פאַר אַ גוטער באַלוינונג די אַלע קאָסט־באַרע אויפנאַמען, וואָס די דאַמע גיט אין איר, מיט פיל געשמאַק און ראַפינירטער קינסטלערישער קולטור, איינגעאָר־דענטן סאַלאָן...

יעדעס מאָל, צו יעדער צייט האָט מען געקאָנט געפינען אין די סאַלאָנען, בודוארן אָדער אין די קאָרידאָרן (לויט דער שטעלונג פון די באַזוכער, פאַרשטייט זיך) פון דער באַטרעפנ־דער דאַמע מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַן אוידיענץ, אויף אַ גוט וואָרט — אַפילו אויף אַ פאַלשן צוזאָג. וואָרים די דאַמע האָט געהאַט פיל צו פאַרטיילן... איר איינפלוס האָט ווי אַ זון אַריינגעשיינט אין אַלע דעפּאַרטאַמענטן און מיניס־טעריומס...

דאָסמאָל איז אָבער אין איר אינטימען „מוזיקצימער" (מוזיקצימער האָט מען עס גערופן, ווייל עס איז געווען באַשטעלט מיט אַ פּאָרטעפּיאַן), וואָס אינדעראמתן איז עס געווען אײַנגעאָרדנט ווי אַן אינטימער ווייבער-בודואַר, מיט זײַדן-באַשלאָגענע קלײַן-מעבל אין סטיל פון לואי דעם 16-טן, מיט באַקוועמע „אינטימע" ווינקל-סאָפּעלעך באַשטעלט, וואו נאָר יחידי-סגולה האָבן געהאַט אַ צוטריט (און דאָרט אַרײַנגעפירט צו ווערן האָט געהייסן, אַז די טויערן פון חסד זענען אָפן...)— אין דעמדאָזיגן אינטימען מוזיק-סאַלאָנדל איז געזעסן דער אַלהערשנדער קעניג פון דער אינפלאַציע. אסור, אויב עס וואָלט ווער געזאָגט, אַז דער מאַן מיט דעם שוואַרצן רונד-געשוירענעם בערדל, וואָס זוימט-אָפּ אַ געל-וואַקסן אָריענטאַליש פּנים, איז פון רײַן אַרישן, דײַטשן אָפּשטאַם. ער זעט-אויס גיכער, ווי אַ מאַרסעלער גרויסער פיש-הענדלער, אָדער ווי אַן אַרמענישער אייל-סוחר, ווי אַ פּאַריזער בערזען-מעקלער— אָבער קיינמאָל נישט, ווי דער מעכטיגער מאַן פון דײַטשלאַנד, וועלכער האָט די פראַנצויזן קריג דערקלערט אַליין אויף אייגענער פויסט. אַרײַנגעשלעפּט דײַטשלאַנד אין אַ האָפענונגס-לאָזן פּאַסיוון ווידערשטאַנד. אַרויפגעצוואונגען אויף אַ פאָלק פון זעכציג מיליאָן די אינפלאַציע און שניידט ווי אַ מלאך-המות מיט דער קאָסע די קרבנות, וואָס די אינפלאַציע-מגפה פאַרזייעט פאַר אים... ער איז געזעסן אומבאַקוועם און נישט זיכער אויף איינער פון די פײַן-געשניצטע, מיט בלויען זײַדנס באַדעקטע שטולן, אַזוי ווי ער וואָלט מורא-געהאַט, אַז זי זאָל נישט צוזאַמענברעכן אונטער דער לאַסט פון זײַן שווערן קערפּער. ער איז געזעסן מיט אַ שטומער מרה-שחורהדיגער מינע אויסגעגאָסן אויף זײַן געל פּנים, וואָס איז געקומען פון זײַן לעבער-קראַנקהייט, און מיט אַן אויסדרוק פון פאַראַכטני-דיגער גלײַכגילטיגקייט, מער פון אָנטייללאָזער רעזיגנירטקייט, נישט פאַראינטערעסירטקייט, וואָס נאָר אַ לעבנס-געפּערלעכער מענטש, וועלכער האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון לעבן, קאָן אויף זײַן פּנים אָפּשפּיגלען...

צווישן דעם אַלמעכטיגן „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" און דעם רעפּובליקאַנישן רעזשים פון זײַן לאַנד איז אָנגעּ-

גאַנגען אַ ברוגז-טאַנץ. קודם-כּל האָט זיך דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" אַליין געהאַלטן פאַר אַ הערשער — אַ שטאַאַט אין אַ שטאַאַט. פאַר אים, פאַר „דעם מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד", האָט נישט נאָר בלויז די רעפּובּליקאַנישע רעגירונג פון זיין אייגן לאַנד נאָך נישט עקזיסטירט, נאָר ער האָט נאָך אפילו נישט אָנערקענט, אַז זיין לאַנד האָט דעם קריג פאַרלוירן... ער, וואָס האָט דורך זיינע צייטונגען און נייעס-אַגענטורן באַהערשט די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד, פּונקט ווי ער האָט דורך זיינע שיף-געזעלשאַפטן באַהערשט דעם גאַנצן פאַרקער-ווען פון זיין לאַנד; ער, וואָס האָט פאַרמאָגט די קויל, דעם קאָקס, די כעמישע פאַרב (וועלכע געפינט זיך, אגב, איצט אין זיכערע הענט — ביי די פראַנצויזן, און האָט נישט קיין מורא פאַר קיין קאָמוניסטישע נאַציאָנאַליזירונג פון זיינע גיטער); ער, וועלכער האָט נאָר-וואָס האַלב דייטשלאַנד אָפּגעקויפט אויף קרעדיט — ווער איז פאַר אים די שלאַבריגע רעפּובּליקאַנישע רעגירונג? און ווער איז פאַר אים דער פּרעזידענט, מישטיינס-געזאָגט, דער געוועזענער זאָטלמאַכער, וועלכן זיי האָבן פון זיך אַלס דעם סימבאָל פון דער דייטשער מאַכט אויסגעקליבן? ער האָט אי די רעגירונג און אי איר רעפּרעזענטאַנט איגנאָרירט. ער האָט אונטערגעהאַנדלט מיט דער מאַכט פון זיין לאַנד, ווי אַ פרייער אומאָפּהענגיגער הערשער מיט אַ צווייטן, נישט פּערזענלעך חלילה, דאָס איז אונטער זיין כּבוד — נאָר דורך איינעם פון זיינע מיניסטאָרן, דירעקטאָרן, פּרעזידענטן פון זיינע אונטערנעמונגען. איינער זיינס אַ שיק-יינגל — אַ פּרעזידענט פון אַ שיף-געזעלשאַפט, מיט וועלכער ער שטייט אין פאַרבינדונג, פּירט-אָן מיט דער רעגירונג. ער איז דער רייכסקאַנצלער. פון אים שטאַמט די גאַנצע אידעע פון דער אינפלאַציע... מיט דעם רייכסקאַנצלער שטייט ער אין פאַרבינדונג, אָבער די אַנדערע מיטגלידער פון דער רעגירונג, איבערהויפּט איר רעפּרעזענטאַנט — דעם פּרעזידענט האָט ער איגנאָרירט... דעם פּרעזידענט איז אָבער געגאַנגען אין לעבן, אַז דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" זאָל אים אָנערקענען, זאָל אים באַזוכן, זאָל זיך מיט אים באַראַטן, זאָל זיין צווישן זיינע נאָענטע, צווישן זיינע עצות-געבער. דער פּרעזידענט

וואָלט דאַרפן געזען אַ סאַנקציאָנירונג, אַן אָנערקענונג פון דער הויך-פינאַנס און גרויס-אינדוסטריע פאַר דעם רעפּובליקאַנישן רעזשים...

ביז-איצט איז נישט געלונגען צו באַוועגן דעם „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד", אַז ער זאָל דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק צאָלן זיין רעספּעקט און אים באַזוכן. ווען מען האָט באַדאַרפט זיין עצה אָדער זיין הילף, האָט ער דער רע-גירונג געהאָלפן. וואָרים נישט די רעגירונג האָט געהאַט צו זאָגן איבער די קוילן, שטאָל און קאָקס, וואָס מען האָט באַ-דאַרפט די פּראָנצויזן געבן, נאָר ער. צוליב דעם האָט אויך דער „זיגער" געוואָלט גיכער רעדן מיט אים, ווי מיט דער רעגירונג... ווייל דער זיגער האָט געוואוסט, אַז דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" איז מעכטיגער אין לאַנד און האָט מער צו זאָגן איבער די רייכטימער פון לאַנד, ווי די מאַכט. אָבער העלפן דער רעגירונג מיטן פרייען ווילן, באַזוכן איר פּרעזי-דענט, שואל-עצה זיין זיך מיט אים — דאָס האָט ער נישט געוואָלט.

איצט איז עפּעס אַנדערש געווען. עס איז עפּעס געשען אַזאַ זאַך, וואָס אַפילו דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" האָט זיך דערשראָקן און ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ קאָנ-טאַקט מיט דער רעגירונג, „כדי צו פאַרהיטן פון דער נאַריש-קייט, וואָס די רעגירונג האָט בדעה אָפּצוטון, איידער מען וועט עס שוין נישט קאָנען פאַרריכטן"....

די רעגירונג האָט, נעמלעך, באַשטימט זיך ערנסט צו נע-מען צו אַלע שיבערס, „ראַפּקעס" און הענדלער מיט שפּייז. אַזוי לאַנג ווי דער מאַרק האָט זיך געהאַלטן, האָבן זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט נאָרמאַלע פּרייזן פאַר פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, לויט די פאַרדינסטן און לויט דעם ווערט פון דעם מאַרק. אָבער זינט דער מאַרק האָט אָנגעהויבן ווי-דער צו זינקען, זענען די שפּעקולאַנטן אויפגעריכט-געוואָרן. שפּייז-פּראָדוקטן זענען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן-געוואָרן פון מאַרק און פון געוועלב, און דער הונגער-געשריי פון דער באַ-פעלקערונג איז אויפגעגאַנגען אין די הויכע פענסטער. די רע-גירונג האָט זיך געגרייט מלחמה-צו-פירן מיט די שפּעקולאַנטן.

אין מיניסטעריום פון דערנערונג איז געוואָרן אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט צו פאַרווערן דעם פרייען האַנדל מיט אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, צו מאָנאָפּאָליזירן דעם גאַנצן אימפּאָרט פון לעבנסמיטלען פון אויסלאַנד אין די רעגירונגס-הענט.

דאָס האָט נישט געטאָרט צוגעלאָזט-ווערן. פון שטענדיגאָן איז דער האַנדל מיט לעבנסמיטל געווען נישט נאָר בלויז אַ גוט שפּעקולאַציע-מיטל פאַר די אינפלאַציע-געווינלער, נאָר ער איז אויך וויכטיג-געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצושמוגלען פון לאַנד דעוויזן און גאָלד-ווערטן. דורך לאָזן פריי איינקויפן שפּייז-פּראָדוקטן אין אויסלאַנד, האָט יעדער „שיבער" אונטער דעם תירוץ געקאָנט באַקומען אַ שיין אויף אַרויסצושיקן דעוויזן קיין אויסלאַנד.

דאָסדאָזיגע לאָך האָט נישט געטאָרט פאַרשטאָפּט-ווערן. די רער, דורך וועלכער עס איז געפלאָסן די וואַליוטע קיין אויסלאַנד, האָט געמוזט געהאַלטן-ווערן פריי. אַ שרעק און אַ פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע שפּעקולאַנטן. דער כּוהן-גדול זייערער — דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" האָט געהייסן זאָגן דורך דער דאַמע דעם פּרעזידענט (מיט וועלכן זי האָט איצט איינמיטן אַ טעלעפאָן-געשפּרעך), „אַז ער, דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד", נעמט-אַראָפּ פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט — ווען דאָס געזעץ זאָל ווערן דורכגעפירט — צו באַשפּייזן די באַפעלקערונג. און וואָס דאָס מיינט, אַז די באַפעלקערונג וועט הונגערן, קאָן זיך דער פּרעזידענט אַליין פאָרשטעלן."

„כּדי צו פאַרהיטן דאָס לאַנד פון אַ קאַטאַסטראָפע, איז ער אַפילו באַרייט, געגן זיין שטייגער, דעם פּרעזידענט צו באַזוכן און אים פּערזענלעך אויפקלערן וועגן דער געפאַר, וואָס לויערט אויפן לאַנד, ווען, חלילה, דאָס משוגעת פון אַ רעגירונגס-מאָנאָפּאָל זאָל טאַקע ווערן אויסגעפירט..."

מערקווירדיג, אייגנטלעך גייט אים דאָך גאָר די גאַנצע מעשה נישט אָן. דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" האַלט דאָך, אַז ער באַלאַנגט שוין נישט צו דער וועלט. דער אורטייל פון די דאָקטוירים וועגן דעם צושטאַנד פון זיין לעבער און נירן איז אים גוט באַקאַנט. ער ווייסט, אַז ער וועט באַלד

דאָס פעלד פון שפּעקולאַציע מוזן לאָזן פאַר אַנדערע און עס האָט אייגנטלעך נישט קיין צוועק, פאַר וועמען און פאַרוואָס, די וועלט-אוצרות אָנצוזאַמלען. זיין פאַמיליע-דינאַסטיע, פאַר וועלכער ער האָט זיין „האָריזאָנטאַלע אינדוסטריע" אויפגעבויט — די איינציגע אין דער וועלט — איז אים אינערלעך גלייכגילטיג. ער איז איבערצייגט, אַז זיינע יורשים וועלן די אינדוסטריעלע פּיראַמידע, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, נישט קאָנען איינהאַלטן. נאָך זיין טויט וועט זי זיך צעפאַלן און צעשיטן, צעדריקן זיינע אייגענע אונטער אירע חורבות. וויפיל מאָל האָט ער זיך אַליין געזאָגט: „עס איז פיל שווערער די אינדוסטריעלע פּיראַמידע אויפצוהאַלטן, איידער זי אויפצושטעלן". און אַז צווישן זיינע קינדער געפינט ער קיינעם נישט, וועלכער זאָל האָבן די פעאיגקייט די גיגאַנטישע טאַט צו באַווייזן. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז קיין באַוואָרענישן פון קליגע אויסגעשפּיצטע אַדוואָקאַטן, קיין שום יורי, קיין קלאַוזולעס און ירושה-צוואות, קיין טויטער בוכשטאַב איז נישט ביכולת די לעבנס-ענערגיע צו געבן, וואָס זיין האָריזאָנטאַלע אינדוסטריע-באַשעפעניש, וואָס ער האָט אין לעבן אַרויסגערופן, באַדאַרף האָבן. נאָך מער, ער האָט אינערלעך אין זיך קיין שום באַדערפעניש נישט געפילט, אַז דער בבל-טורעם, וואָס ער האָט ווי אַ וואונדער פון דער אינפלאַציע אויפגעשטעלט, זאָל ווירקלעך נאָך זיין טויט בלייבן שטיין... פאַרקערט, אין האַרץ האָט ער געוואונשן, אַז די גאַנצע פאַנטאַסטישע געביידע פון זיין האָריזאָנטאַלער אינדוסטריע זאָל נאָך זיין טויט צוזאַמענפאַלן. ער האָט באַטראַכט זיין ווערק ווי אַ ריין-אינדיווידועלע שאַפונג, וועלכע וועט אונטערגיין מיט אים צוזאַמען. אויס ריינעם אינדיווידועלן „ספּאָרט" האָט ער די פּיראַמידע אויפגעשטעלט.

אַזוי נאָנט פאַר זיין טויט דערזעט ער ערשט, אַז די אַלע פאַרשידענע פאַרענטפערונגען, פאַרוואָס ער שאַפט דאָס ריזן-ווערק, איז נאָר געווען אַן איינרעדעניש, נאָר כדי צו שאַפן זיך אַן אילוזיע, די נויטיגע מאָראַלישע רעכט — די פאַרמעגנס פון מענטשן אָוועקצורייבן. ער האָט קיינמאָל קיין פּאָליטישע אַמביציעס נישט געהאַט, ווי, למשל, זיין פריינד, דער צווייטער קעניג פון דער אינפלאַציע, זיין קאָנקורענט, וועלכער

האט די מאשינען-אינדוסטריע פארלאזט, כדי פאר זיך אויפצובויען אן אינדוסטריע פון דער „עפנטלעכער מיינונג", וועלכע ער זאל אויסנוצן פאר זיינע פאליטישע צוועקן. ער, דער „מאן מיט דער שווארצער בארד", האט קיינמאל אפילו קיין אייגענע פאליטישע מיינונג נישט געהאט. גארנישט איז אים אין תוך אנגעגאנגען. ער האט „עפנטלעכע מיינונג" פראדוצירט דורך זיין פרעסע-מאשין, נאר ווייל ער איז ארייגעטריבן-געווארן דורך דער קאנקורענץ פון זיין פריינד. ער האט אים געוואלט נאכטון, האט ער אויך אויפגעקויפט ציישונגען און באשאפן נייעס-אגענטורן. נאר בשעת דער צווייטער האט פארפאלגט א געוויסן צוועק דערמיט, אויפצושטעלן אן אייגענע פארטיי, אויסצואיבן א שטארקן פאליטישן איינפלוס און טאקע אויפגעבויט א פאליטישע פארטיי, אליין געווארן א פאליטישע מאכט, — האט דער „מאן מיט דער שווארצער בארד" קיין שום פאליטישע אמביציעס, קיין רעגירונגס-וואונשן נישט געהאט... ריינער ספארט איז עס געווען — דאס אפקויפן ציישונגען און נייעס-אגענטורן, כדי ארויפצוצווינגען זיין מיינונג אויפן פאלק, אדורכפירן דעם סאבאטאזש פון דער חובות-צאלונג, כדי אדורכצופירן די באזעצונג פון רור-געביט. פונקט אזוי ווי עס איז געווען ריינער ספארט ארייגצוטרייבן דאס לאנד אין דעם כף-הקל-זינקענדיגן אינפלאציע-אפגרונט. קיין שום אידעאל, קיין שום פאטריאטישע מאטיוון האבן דערביי נישט מיטגעשפילט. נישט ער האט דעם פאטריאטיזם געדינט, נאר ער האט דעם פאטריאטיזם צוגעפאסט צו זיינע עגאיסטישע אינטערעסן. דורך דעם איז ער אים באקוועם-געווען. וואלט דער פאטריאטיזם געשטאנען געגן זיינע מאטעריעלע אינטערעסן, וואלט ער ליבער דאס לאנד געלאזט אונטערגיין, די באפעלקערונג אויסהונגערן, ווי ער טוט דאס טאקע איצט דורך זיין אומזיניגן טרייבן דאס לאנד צום משוגעת פון אומנוצלעכן פאסיוון ווידערשטאנד עפנטלעך, און צום אקטיוון ווידערשטאנד אין געהיים. פונקט ווי ער טרייבט איצט דאס לאנד צום משוגעת פון אינפלאציע פאר קיין שום צוועק נישט, אפילו נישט פאר פאמיליע-גליק. — וואס איז גליק? רייכטום, מ'שטיינס-געזאגט? ווי לאנג וועט עס דען אנהאלטן נאך זיין טויט? ניין, עס איז גארנישט מער געווען.

עס איז געווען בלויז פּוסטער גאַוהדיגער, גאַטלאָזער, אויפגעבלאָזענער ספּאָרט, ספּאָרט, ספּאָרט, געטריבן פון אים, פון דעם „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד”, פאַר אייגענעם צייט-פאַרטרייב און פאַרגעניגן, ניין, דאָסמאָל איז עס אויך גאָרנישט... ערשט איצט אַזוי נאָענט פאַר זיין טויט זעט ער דאָס איין דעם פאַפּירענעם אומנוצלעכן און צוועקלאָזן פונדאַמענט, אויף וועלכן ער האָט די ווילדע טאַנצנדיגע פּיראַמידע אויפגעשטעלט פון זיין האָריזאָנטאַלער אינדוסטריע...

ווי ער זיצט אַזוי, דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד”, און שוואַרצע פינקלענדיגע זייפן-באַלאָנען שוועבן אים פאַר די אויגן, דער רעזולטאַט פון אַן אַטאַק פון די לעבערגאַזן, וואָס איז אים באַפאַלן — שטייט פאַר אים די דאַמע, אַן אויפגעשטראַלטע, מיט באַלעבטע אויגן און באַקן. איר אויפגעדעקט בלאָנד האַרץ-ברעט שלאָגט מיט כוואַליעס, וואָס עטערן מיט פאַרפום, זי איז נאָר-וואָס אַרויסגעקומען פון איר שלאָפצימער, וואו זי האָט דורך איר פּריוואַטן טעלעפאָן-דראָט גערעדט מיטן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און אים איבערגעצייגט אין דער ערנסטקייט פון דער לאַגע, וואָס עס דראָט דעם לאַנד, ווען מען וועט אַזאַ מאַן, ווי עס איז דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד” דערצערענען מיט נאַרישע, ריזיקאַלע אונטערנעמונגען. זי האָט, פאַרשטייט זיך, געוואונען דעם צוטרוי פון פּרעזידענט, ווי תּמיד.

ווי זי שטייט אַזוי מיט דער פרייליכער בשורה פון דערפאָלג אויף איר מויל, ווערט זי דערשראָקן פאַר דעם אָנבליק פון דעם מאַן, וואָס זיצט פאַר איר. די רונדע, שוואַרצע פלעקן אונטער זיינע אויגן זענען זיך ווי ווערים צעקראָכן און באַדעקן זיין גאַנץ פּנים. עס דאַכט זיך, אַז די געלע הויט פון פּנים באַקליידט אַ פאַרברענטן בר-מינן.

— אום גאָטעס ווילן, וואָס פעלט אייך? זאָל איך נאָך אַ דאָקטאָר טעלעפאָנירן? — פרעגט די פרוי דערשראָקן.

— ניין, נאָר אַ גלאָז וואַסער, מיינע פּילן צו נעמען.

— דער פּרעזידענט איז אינגאַנצן מיט אייער מיינונג, וואָס אָנבאַטרעפט דער באַשפּייזונג פון דער באַפעלקערונג. ער ווייסט, ווי צו שעצן אייער הילף פאַרן פאָטערלאַנד אין דער-

דאָזיגער שווערער צייט! ער דערוואַרט אייך אַכט אַזייגער היינט אין אָוונט, אייך פּערזענלעך דאָס צו זאָגן.

— איך האָף, דער פּרעזידענט וויל נישט פאַרלירן זיין קאָסטבאַרע צייט אויף פּרוכטלאָזע דיסקוסיעס. אויף דיסקוסיעס האָב איך קיין צייט נישט, — זאָגט דער „מאַן מיט דער שוואַר־צער באָרד״.

— דיסקוסיעס זענען אויסגעשלאָסן. דער פּרעזידענט איז אײַנגאַנצן מיט אייער מיינונג. איך האָב אייך שטענדיק פאַרזי־כערט, אַז — מיט די לייט לאָזט זיך אַרבעטן!.. — זאָגט די דאַמע מיט אַ גוט שמייכעלע.

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען! — זאָגט דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד״, שוין אינגאַנצן באַפרייט פון זיין לעבער־אַטאַק דורך דער ווירקזאַמער פּיל, און צוריק געוואו־נען זיין ווילן און מאַכט.

איצט זעט ער שוין קלאָר די „פּאַטריאָטישע טאַט״, וואָס שטייט אונטער זיין האַנדלונג און ער געווינט דורך איר דעם פולן מוט, כדי זיין דיקטאַטאָרישע מיינונג אויפן לאַנד אַרויפ־צוצווינגען.

## קאַפּיטל 2

# זיי װעלן אַלץ פּרעסן

פֿון קדמונים־אָן איז אָנגעגאַנגען אַ פּעטס־אויסטויש צווישן די צוויי שכנותדיגע מדינות, צווישן האָלאַנד און דייטשלאַנד. דאָס קליינע האָלאַנד, וואָס איז רייך אין פּי־פּוטער, האָט געליפערט דעם גרויסן דייטשלאַנד פּעטס צו פּיטערן די לעבעדיגע ענערגיע — דעם מענטש. דייטשלאַנד האָט באַצאָלט דערפאַר מיט פּעטס צו שפּייזן די טויטע ענערגיע — די מאַשין. די האָלענדישע קאַנאַלן, וואָס צווייגן זיך אַרויס פֿון רהיין, האָבן געפירט די שפּייז פאַר דער מאַשין אויף שיפן, בערלינקעס, אויך די באַנען האָבן פֿון רור־געביט אַרויסגעפירט די שוואַרצע בריליאַנטן קיין האָלאַנד אַריין. דערפאַר האָבן געפּרעסטע קיל־וואַגאָנען פֿון האָלאַנד צוריקגעפירט אין דער גרויסער און געדיכט־באַפעלקערטער דייטשער מדינה אַריין — מילך, פּוטער, קעז, פאַרטיגע מאַרגאַרינען און פאַרשידענע פּעטסן — רוי־מאַטעריאַלן אויסצואַרבעטן מאַרגאַרין־פּוטער.

דאָס פּעטס, אונטערצוהייצן די ענערגיע פֿון מענטש, האָט זיך פֿונאַנדערגעטיילט אין פאַרשידענע קוואַליטעטן... פאַר די אויסדערוויילטע — ערשט־קלאַסיג פּעטס, וואָס איז באַשטאַנען פֿון ריינער שמאַנט־פּוטער און פֿון גוט־קאָנסערווירטע קעזן. דאָס „פּעטס פאַרן רייכן" איז מיט גרויס אָפּגעהיטנקייט, מיט פיל פלייס און געשיקלעכקייט באַהאַנדלט־געוואָרן. די ספּעציעלע אייז־וואַגאָנען, וואָס האָבן געפירט דעם רייכן מאַנס פּעטס,

שלום אַש, ביים אָפּגרונט, 26.

זענען פלינק אָפּגעפּאַרטיגט-געוואָרן, מיט שנעלע באַנען צו דער הויפּטשטאָט געפירט-געוואָרן, כּדי זיי זאָלן איבערן וועג נישט קאַליע-ווערן. דעם אָרימאַנס פּעטס ווערט נישט מיט אַזאַ פלייס און פאָרזיכט אָפּגעהיטן, דאָך שנעל ווי מעגלעך ווערט עס צו פראַכטצוגן צוגעקייטלט און עקספּעדירט...

היינט אָבער פּוסטעווען די קאַנאַלן. דער שטאָם, פון וואַנען די קאַנאַלן צווייגן זיך אַרויס — דער רהיין, ברענגט נישט קיין בערלינקעס, קיין שלעפּ-שיפן מיט קוילן מער אין די קאַנאַלן אַריין. דער גראָדער אויסגעשניטענער ברעג פון רהיין, וואָס באַווייזט איצט אין פריען פרילינג אַן ערד-נאַקעט אויפגעגראָבן פּנים, פון וועלכן וואָרצלענדיגע וויינשטאָקן, ווי אויסגעשטרעקטע קראַמפּהאַפטע הענט, הויבן זיך אַרויס, ליגט רואיג אין זיין קאַלטער פריער פרילינג-זון. קיין רויך פון שיפן-אויוונס באַוואָלקענען נישט מער דעם גלאַטן, מיט פיינלעכער אָרדנונג באַאַרבעטן רהיין-ברעג. ווי אַ פלאַש האָבן די פראַנ-צויזן פאַרקאָרקעוועט דאָס רור-געביט.

און דער אַלטער פאָטער „רהיין" שלאָפט אומגעשטערט אין זיין ווייכער גרינער, מיט טוי אויסגעבעטער קאָריטע.

יעדעס פונט פעטס, וואָס גייט איצט אַריבער די דייטש-האָלענדישע גרענעץ, מוז ווערן געקויפט פאַר גאָלד, באַרעכנט אין האָלענדישע גולדנס. זינט צוויי חדשים איז דער שטראָם פון פעטס, סיי פאַר דעם רייכן, סיי פאַר דעם אָרימען געפלאָסן איבער דער גרענעץ מיט אַ מער אָדער ווינציגער נאָרמאַלקייט. נאָך נעכטן זענען די גרענעץ דורכגעגאַנגען די וואַגאָנען — אָבער נישט דורך דעם געוויינלעכן גרויסן קעניג-וועג פון ליטיך קיין אַאַכען, וואָרים דער גאַנצער דייטשער אַרום, וואָס שטרעקט זיך אויס צו דער האָלענדישער גרענעץ אין דעם רהיין-טאָל, איז באַזעצטער געביט, געהערט נישט מער צו דייטשלאַנד, — נאָר דורך קליינע, אָפּגעלעגענע גרענעץ-שטעטלעך, ווייט-אַרויף אין פריזנלאַנד, ביי דער עמס, דורך שפּאַרעס און רינעס פליסט-אַריין דאָס ביסל פעטס פאַר דער אויסגעהונגערטער באַפעלקע-רונג אויף אַ שמוגלערישן וועג...

אין דער אָפּגעלעגענער געגנט פון עמס-טאָל איז דורך דער עמס אָנגעגאַנגען אַ באַלעבטער שמוגל פון לעבנסמיטלען

איבער דער האָלענדיש-דייטשער גרענעץ. די גרענעץ-וואַך איז פאַרטאָפּלט-געוואָרן און האָט געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף אַלע ווייבער, יינגלעך, מיידלעך, קינדער און אַלטע לייט, וועלכע זענען מיט פּאַסיר-שיינען דורכגעגאַנגען די גרענעץ. היינט אינ-דערפרי נאָך האָט אַ גרענעץ-פּאַטראָל געבראַכט צו דער וואַך אַ פּאַרטיע פון פרויען און קינדער, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט אין אַ שיפל אַריבערקומענדיג איבער דער עמס. ביי די ווייבער האָט מען אונטער די קליידער געפונען האָלענדישע קעזן, די קינדער-בייכלעך זענען בוכשטעבלעך געווען אַרומגעוויקלט מיט טיכער, אין וועלכע עס זענען געווען גאַנצע קנוילן מיט פּוטער און מאַרגאַרינע-פעטס, וועלכע האָבן געהאַלטן אין דער וואַרימ-קייט פון די קינדערישע לייבער אין צערינען... עס איז געווען אַ גרויסער יאָמער, אַ געוויין און אַ יללה, ווען מען האָט פון די ווייבער און די קינדער דאָס עסן אָפּגענומען. די ווייבער האָבן געקעמפט פאַר די קעז און פּוטער מיט אַ פאַרביטערט-קייט און איינגעשפּאַרטקייט, וואָס שטאַמט פון הונגער-טויט-געפאַר... עס האָט זיי נישט געהאָלפן, מען האָט ביי זיי אָפּגענומען ביז צו אַ לויט, — אַ חוץ דעם פעטס, וואָס האָט זיך שוין געפונען אין די מאָגנס, אין די בייכער, וואָס מען האָט שוין נישט געקאָנט אָפּנעמען; „סיידן אין אַן אַנדער געשטאַלט...", ווי עס האָט זיך איינע פון די ווייבער אויסגעדריקט פאַרן גרענעץ-וואַכמאַן. דערפאַר אָבער האָט די צאָל-קאַמער געלאָזט יעדן טאָג אַדורכגיין וואַגאָנען מיט האָלענדישע טוליפּאַנען-ציבעלעס, האָ-לענדישן קאַקאַאָ און „נעגל-קעסטלעך", וואָס אַ געוויסע עקספּע-דיציע-פירמע האָט לעגאַל איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד... מילא, האָלענדישע טוליפּאַנען-ציבעלעס איז נאָך געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עס לוינט זיך דער פירמע צו באַציען. דאָס-זעלבע אויך בנוגע די קעסטלעך קאַקאַאָ. אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו פרעגן ביי דער גרענעץ-וואַך — נאָך וואָס באַ-דאַרף דייטשלאַנד באַציען פון האָלאַנד נעגל ?... כאָטש די פראַגע איז אויף אַלעמענס ליפּן געלעגן.

אויף אַ קליינער האָלענדישער גרענעץ-סטאַציע זענען אָנ-געקומען צוויי וואַגאָנען מיט האָלענדישע טוליפּאַנען-ציבעלעס, כאָטש דער סעזאָן איז שוין געהאַט פאַרביי. עס איז שוין גע-

ווען אין מיטן אַפּריל, און טוליפּאַנען האָבן שוין געבליט אין די בלומען־טעפּלעך און אויפן מאַרק האָט מען זיי שוין פאַרקויפט פאַרן פּסח־יום־טוב. דאָך האָט אַלץ די עקספּעדיציע־פירמע נישט אויפגעהערט צו שיקן די טוליפּאַנען־ציבעלעס. די וואַגאָנען מיט די טוליפּאַנען־ציבעלעס זענען אָבער נישט אַדורך די גרענעץ־סטאַציע. איידער די וואַגאָנען זענען געוואָרן צוגעקייטלט צו אַ פּראַכט־באַן, וואָס האָט געזאָלט אָפּגיין קיין דייטשלאַנד, איז דער עקספּעדיציע־אַגענט ביי דער גרענעץ־סטאַציע אָנגעקומען צו לויפן אַ דערשוויצטער און אַ צעיאַכמערטער און געלאָזט אָפּטשעפּען די וואַגאָנען און זיי פאַרלויפיג אָפּגעפירט אויף אַ זייטיגער ליניע. דאָסזעלבע איז שפּעטער געשען מיט די צוויי וואַגאָנען קעסטלעך האָלענדישן קאַקאַאָ... איבערן טאָג האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט נאָך אַ פּאָר וואַגאָנען מיט אַנדערן האָלענדישן גוטס — האָלענדישער שאָקאָלאַד־פּולווער, וואָס מען האָט אָפּגעשטעלט פון איבערשיקן קיין דייטשלאַנד און אָפּגעפירט אויף דער זייטיגער ליניע.

דאָס איז געשען דעם זיבעצענטן אַפּריל.

טעלעגראַמען האָבן אָנגעהויבן צו פליען אין אַלערליי שיפרירטע און אָפּגערעדטע צייכנס, אָפּצוהאַלטן דאָס לעבנסמיטל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר פאַרשידענע אונטערנעמונגען, ביז מען וועט ווייטער לאָזן וויסן. אין צוויי טעג אַרום האָט דער מאַרק פאַרלוירן צוויי פינפטל פון זיין ווערט. אין דריי טעג אַרום איז אָבער ווידער עפּעס געשען אויף דער קליינער האָלענדישער גרענעץ־סטאַציע.

דורך די דריי טעג האָבן זיך געהאַט אָנגעקליבן עטלעכע־און־צוואַנציג וואַגאָנען — אַ גאַנצער פּראַכטצוג מיט האָלענדישער „טרוקענער" סחורה, באַשטימט פאַר דייטשלאַנד. וואָס קאָן דאָ געשען מיט נעגל? מיט טוליפּאַנען־ציבעלעס? מיט קאַקאַאָ אין בלעכן און קאַנען? צי אַפילו מיט קאַרטאָפל, ווען זיי ליגן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען? נאָר דורך די דריי טעג האָט די יונגע, כאָטש נאָך קאַלטע אָבער שטאַרקע פרילינג־זון געגאָסן אירע גליענדיגע שטראַלן אויף די הילצערנע וואַגאָנען־דעכער, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער שאָטן־פרייער זייטיגער ליניע... אין אָנהייב האָט מען עס באַמערקט דורך אַ זיס־זויערלעכן גע־

שטאַנק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אַרום דער קלײנער באַן-סטאַציע. דער געשטאַנק האָט בײ זײַן גאַנצער אומאָנגענעמלעכקייט געהאַט דאָך אַ געוויסן רייץ. אַ רייץ, וואָס רופט-אַרויס אַן אַפּעטיט, ווי פאַרלעגענער שאַרפער לימבורגער קעז מיט אַ פאַרפירערישן בײגעשטאַנק, וואָס האָט געוועקט די סעקסועלע חושים... מען האָט זיך נישט פאַרוואונדערט, וואָס נעגל גיבן פון זיך אַרויס אַזאַ מאָדנע ריח... מן-הסתם איז עס שוין אַזוי... פאַרנאַכט האָט זיך דער געשטאַנק צעלייגט ווי אַ וואָלקן איבער דער גאַנצער סטאַציע. עס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ערגעץ-וואו וואָלט געלעגן אַ נבלה באַהאַלטן און פאַרשפּרייט אַ שלעכטן ריח אַרום זיך... מיט דעם זון-אויפגאַנג, ווען די שטראַלן האָבן אָנגעהויבן צו צעוואַרימען די האָלצערנע ברעטער פון די וואַגאָנען, איז שוין נישט געווען מער אויסצוהאַלטן. דורך די שפּאַרעס פון די וואַגאָנען-ברעטער האָט געשפּאַרט אַ ריח און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער צעזעצט די וואַגאָנען. די לופט איז פאַרסמט-געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט. דער געשטאַנק האָט זיך צעלאָזט און איז אויפגעגאַנגען אין אַ זאַלציגער פּאַרע, וואָס האָט זיך אַריינגעשפּאַרט דורך די צעלן פון מענטשלעכן קערפּער. דער געשטאַנק איז שוין נישט בלויז געווען אינדרויסן; נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אויך אינערלעך, ער קומט פון זיך אַליין... עס איז שוין נישט געווען וואו אויסצובאַהאַלטן זיך פאַר אים. מען האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן פון דער סטאַציע ווי פאַר אַ שוואַרצער פּעסט. אָבער דער געשטאַנק איז מיטן מענטש מיטגעלאָפן...

דער סטאַציע-שעף האָט געמוזט עפּעס טון מיט די וואַגאָנען. מען האָט געשיקט נאָך דעם עקספּעדיציע-אַגענט און פאַרלאַנגט פון אים, אַז די וואַגאָנען זאָלן תיכף ווערן אָפּגעעקספּעדירט צו דער דײטשער גרענעץ, אַנישט וועט מען זיי לאָזן עפענען דורך אַ סאַניטאַרן-קאָמיסיע, מען וועט זיי צונעמען און פאַרברענען. דער עקספּעדיציע-אַגענט האָט געלאָזט עפענען די וואַגאָנען, וואָס דאָס איז געשען מיט גרויס שוועריגקייט. אונטער די קאַסטנס מיט טוליפּאַנען-ציבעלעס האָט מען געפונען האָלצערנע טינען מיט שלעכט-פאַרפּאַקטן מאַרגאַרין-פעטס...

די ציבעלעס, די קאַקאַאָ-קאַסטנס האָבן געדריקט דאָס פּעטס. אונטער דעם שווערן דרוק האָט עס זיך צעוואַרימט, זיך צע-לאָזט און אָנגעהויבן צו יצרן. די שטיקער פעטס האָבן זיך צע-לייגט, אויפגעלאָזט זיך אין אַ פליסנדיגן בלעזלדיגן ים — דערפון האָט דאָס געזעצט דער געשטאַנק, וואָס האָט די לופט פאַרפעסטעט...

— וואָס רעכנט איר צו טון מיט דעם דרעק? — האָט דער שעף פון דער סטאַציע געפרעגט דעם עקספּעדיציע-אַגענט.

— מיט זאַלץ באַשיטן און שנעל צו דער דייטשער גרע-נעץ עקספּעדירן...

— אין דעם צושטאַנד?

— זיי וועלן אַלץ פרעסן...

— מיר איז אַלצאיינס, אַבי נאָר שנעל אַוועק פון דאַנעץ!

דער עקספּעדיציע-אַגענט האָט געלאָזט די קאַסטנס מיט נעגל באַזייטיגן. אין דעם צושטאַנד די מאַרגאַרינע איבער דער גרענעץ אַדורכשמוגלען איז שוין געווען אוממעגלעך. דער גע-שטאַנק האָט אויסגעזאָגט, וואָס אין די וואַגאָנען געפינט זיך. מען האָט געברענגט פיל צענטער זאַלץ, די מאַרגאַרינע באַשיט, אַז דאָס זאָל אין זיך דעם געשטאַנק אַריינזאַפּן און מען האָט עס פלינק צו דער דייטשער גרענעץ אָפּגעשיקט.

אויף יענער זייט, נאָכן דערליידיגן דעם צאָל, זענען שוין די וואַגאָנען געגאַנגען ווייטער פאַרזען לויטן דייטשן אָרדענונגס-מוסטער מיט פּלאַקאַטן: „אייל-גוט", „לעבנסמיטל", „קיל האַלטן!" די פּלאַקאַטן האָבן עס נישט באַדאַרפט זאָגן, דער זיס-זויערלעכער געשטאַנק פון פאַרלעגענעם קעז, וואָס איז געדעמפּט-געוואָרן דורך דעם זאַלץ און געחירצן, האָבן געדייצט דעם אַפּעטיט פון די הונגעריגע באַן-אָנגעשטעלטע דורך אַלע סטאַציעס, וואָס זיי האָבן דורכפּאַסירט, ביז זיי האָבן דער-גרייכט זייער באַשטימטן מקום.

---

אין די געוועלבער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו פאַר-פעלן דאָס נויטיגסטע. די ווייבער האָבן זיך געפעדערט גאַנץ

אינדערפרי, ארומגעהילט אין די טיכער און האבן געוואַרט ביי די שפּייז-געוועלבער, כדי צו זיין די ערשטע. קוים איז א שפּייז-געוועלבל אויפגעעפנט-געוואָרן, איז עס באַלאַגערט-געוואָרן פון מענטשן. מען האָט געקויפט אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט קריגן: גרויפּן, גריצן, מאַקאַראָנען, רייז, גרייפּלעך, וואָס מען האָט נאָר געוואָלט, אָבער עס איז געווען צו באַקוּ־מען. מען האָט מורא-געהאַט, אַז אין אַ שעה, צוויי אַרום וועט עס טייערער-ווערן, אָדער וואָס נאָך ערגער — עס וועט פאַר־שווינדן-ווערן פון קראָם. די פּרייזן אין די שפּייז-קראָמען האָבן זיך אָנגעהויבן צו ענדערן אַ פּאָר מאָל אין טאָג, לויט דעם שטאַנד פון דעם מאַרק. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס אַפילו פאַר געלט און פאַר דעם פּרייז, וואָס מען האָט געבאָטן איז גאָרנישט געווען צו באַקומען...

אָפּגעערדט פון שפּייזן, וואָס זענען אָפּהענגיק-געווען פון דאָרף אָדער פון מאַרק, ווי, למשל, די מיט גאָלד-צוגלייך קאַרטאָפל, אָדער אַנדערע גרינוואַרג, צי פעטס, פיש און ווער רעדט שוין פון פלייש! — נאָר אַפילו קאָלאָניאַל-אַרטיקלען, וואָס זענען שטענדיק פאַראַן-געווען לרוב, האָבן אויך אויסגע־פעלט. דער קרעמער איז געוואָרן אַ שופט און לויט זיין איינ־זען האָט ער צווישן די ווייבער איינגעטיילט פון די אַלע סחורות. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. ערשט נעכטן, אייערנעכטן איז אַלץ געווען צו קריגן נאָך פאַר געלט און מיטאַמאָל איז עס נישט-געוואָרן! די אָרימע הויז־פרויען, וואָס האָבן געהאַט פאַמיליעס צו דערנערן זענען גע־וואָרן פאַרצווייפלט. זיי האָבן בשום-אופן נישט געקאָנט פאַר־שטיין, וואָס האָט דער מאַנגל פון שפּייז-פּראָדוקטן צו טון מיט דעם קורס פון דאָלאַר. אין פיל פאַלן האָבן זיי פאַראַנט־וואָרטלעך-געמאַכט די שפּייז-הענדלער, אַז זיי באַהאַלטן-אויס די לעבנס-מיטל. עס זענען אויסגעבראָכן אומרוען, מיסהאַנד־לונגען און געשלעגערייען. די באַפעלקערונג האָט אויסגעלאָדנט די ביטערקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זיי מיט אַ פולער מאָס.

און דווקא דער פרילינג, אויף וועלכן מען האָט אַזוי אויסגעוואַרט, האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם צומפאַרשטענד־

לעכן מאַנגל פון לעבנסמיטלען. ווי ער וואָלט צוזאַמען מיט דער פרילינג-זון אַן אומבאַקאַנטע געפערלעכע קראַנקהייט געבראַכט. דער מאַנגל פון עסן, דאָס אויסכאַפּעניש פון די לעבנסמיטלען אין די געוועלבער איז ביי דער באַפעלקערונג פאַרגעקומען נישט ווי אַן עקאָנאָמישע דערשיינונג צוליב דעם פאַלן פון דעם מאַרק (זיי האָבן באין-אופן נישט געקאָנט דאָס אין צוזאַמענהאַנג ברענגען מיט דער פאַרביליגונג פון זייער געלט). זיי האָבן די פלוצלינגע דערשיינונג פון דעם פאַרשווינדן פון די לעבנסמיטלען אויף די מערק באַטראַכט ווי אַן עלעמענטאַרע קאַטאַסטראָפע, איבער וועלכער זיי האָבן קיין קאָנטראָלע נישט, ווי אַן עפּידעמיע, אַ מגפה אַזעלכע... זיי האָבן עס באין-אופן נישט געקאָנט צושרייבן, אַז עס איז די שולד, וואָס זייער געלט איז פלוצלינג געפאַלן...

דורך די צוויי חדשים, וואָס דער מאַרק האָט זיך געהאַלטן, נישט געקוקט דערויף, וואָס פאַר אַ ציפער, וואָס פאַר אַ שורה מיט נולן עס האָט געטראָגן דאָס געדרוקטע פּאַפּירל, איז דאָס שטיקל פּאַפּיר, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם מאַרק, צוריק-געוואָרן אַן אַלמעכטיגער פאַקטאָר, וועלכער שאַפט-איין דאָס וויכטיגע באַדערפעניש פאַרן לעבן. דאָס פּאַפּיר אַליין האָט זיך פערזאָניפיצירט אין אַ געטלעכער מאַגיק. דאָס שטיקל פּאַפּיר האָט סימבאָליזירט דעם ווערט פון געלט... דורך די צוויי חדשים האָט עס צוריקגעקריגן די גאַנצע חשיבות, די אומדערהערטע אויטאָריטעט, וואָס געלט שטעלט מיט זיך פאָר. מען האָט דערפאַר אָפּגעגעבן אַלץ מיט גרויס פאַרגעניגן, וואָס דער מענטש האָט נאָר באַזעסן, פון רעאַלע ווערטן ביז פלייס; מען האָט זיך געחנפעט דערפאַר, געבויגן זיך און געשנאָרעט ווי אַ הונט; מען האָט דאָס אייגענע לייב אַנטגעגנגעטראָגן, מען האָט גיטער דערויף אויסגעטוישט, גיטער, וואָס זענען געווען פאַררעכנט פאַר פעסטונגען פון דער פאַמיליע, די פאַרזאָרגונג אויף די אַלטע יאָרן... הייזער, פּאַפּירן, פאַמיליע-צירונג — אַלץ האָט מען געטוישט, פאַרקויפט פאַר דעם פּאַפּיר. ווידער האָט מען עס געטראָגן מיט רעליגיעזער ערנסטקייט אין די שפּאָר-קאַסעס. מען האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז עס האָט זיך אַנומלט געהאַט געוואַקלט, אַז עס האָט פאַר-

וירן זיין ווערט און האָט אָפּגענאַרט. מען האָט עס פאַרטיידיגט מיט כל-המיני תירוצים, אַז נישט דאָס פּאַפּירל איז שולדיג, נאָר די פּראַנצויזן, דאָס רור-געביט, די שלעכטע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. דאָס פּאַפּירל אַליין איז הייליג און אומבאַרירבאַר. טאַקע דאָס אַליין, וואָס עס האָט צוריקגעווינען נאָך אַמאָל זיין ווערט, באַווייזט, אַז עס איז אַ גאָט, אָן וועלכן די וועלט קאָן נישט עקזיסטירן!

און ווידער איז דער גאָט געפאַלן!

אין די פרימאָרגנס און אין די פאַרנאַכטן האָבן זיך אָנגעהויבן די ווייבער צו פאַרזאַמלען פאַר די שפּייז-געוועלבלעך. גרויע שאַלן, שוואַרצע קאָפּ-טיכער, איינגעשרומפּענע פּנימער, אַרויסשטאַרצנדיגע קנאָכן, טרויעריגע, אויסגעלאָשענע אויגן, פאַרביסענע און פאַרביטערט-צוזאַמענגעשנורטע ליפּן. שרייענדיגע אָדערדיגע העלזער פון די גרויע און שוואַרצע טיכער אַרויס. גרויע און שוואַרצע טיכער — אָנזאָגער פון נויט און זאָרג פאַרפלייצן די טראָטואַרן, באַשטעלן די גאַסן, שטופּן זיך צונויף ווי שוואַרצע קראָען אַרום די שפּייז-געוועלבלעך, אַרום די אויסגעליידיגטע מילך-קראָמען, אַרום די בעקערייען, אַרום די געמיזן-האַליעס, אַרום די אויסגעליידיגטע יאַטקע-קלעצער. נאָך זיי שלעפּן זיך נאָך קינדער; מיידלעך, ווי די מוטערס, אין גרויע און אין שוואַרצע טיכער, — די שטעקן-דינע נאַקעטע פיסלעך באַווייזן זיך פון אונטער די טיכער-אַרויס, פון די צו-גרויסע שיך — מיט קאַנטן און טעפּ אין די הענט, מיט קאָרבן און זעק. וואָס אַמאָל מער פאַרפלייצן זיי די גאַסן מיט נויט-און-זאָרג, וואָס עס וואַרפן פון זיך די שוואַרצע, גרויע קאָפּ-טיכער. אין די קנאָכנדיגע, אָדער-אַרויסגעזעצטע הענט פאַרפויסטן זיי דאָס פּאַפּירן-געלט, שטרעקן עס אויס איבער די קעפּ, קנייטשן, קנאָדערן עס, צעדריקן דאָס געלט אין זייערע פויסטן, ווי זיי וואָלטן פון דעם אַלמעכטיגן גאָט, פון דעם שטיקל פּאַפּיר, געוואָלט אַרויסקוועטשן דאָס ביסעלע אָרימע חיונה, מיט וואָס זיי באַדאַרפן זייער אָרימע פאַמיליע צו דערנערן. אַ קללה רייסט זיך אַרויס. דאָ-און-דאָרט — אַ שימפּוואָרט פון אַן אָדער-אויסגעצויגענעם האַלז, אָבער אַממערסטן האָבן זיי שטיל, שווייגנדיג, אָן רעש און אָן גערודער פאַר-

פלייצט די גאַסן פאַר די שפּייז־געוועלבער, — אַ טייך פון נויט און זאָרג — שוואַרצע און גרויע קאָפּ־טיכער...

שפּעטער קומען די מענער פון די פאַבריקן און וואַר־שטאַטן, פון די געשעפטן און ביוראָס, מיט שווערע פאַרכמאַ־רעטע פּנימער, מיט שלעכט־אַנזאָגנדיגע בליקן, מיט געבײַלטע פויסטן אין די טאַשן.

דער גאָט געלט איז ווידער קראַנק־געוואָרן, און זײַן חולאת האָט זיך ווי אַ פּעסט צוזאַמען מיט דעם געשטאַנק פון פאַרלעגענער מאַרגאַרינע איבער די בערלינער גאַסן צעלייגט...

---

אין קאַפע־הויז „צום ליבן אויגוסטין" איז אַ באַוועגונג, ווי מען איז נישט געוואוינט־געווען ביז איצט. די מענטשן זיצן שוין נישט מער בײַ די טישלעך, ווי אַנומלט, אַלץ איז אויפגערעגט און אויפגעלעבט, מען שטייט איצט אַרום די טיש־לעך. עס קומען־אַרײַן און גייען־אַרויס מענטשן, קוקן זיך אַרום מיט דורשטיגע אויגן, זוכן וועמען, גייען־צו צום קעלנער, וואָס שטייט און האַלט וואַך זײַן אויג אויף די, וועלכע באַזוכן דאָס קאַפע־הויז.

— הער מאַקס איז נישטאָ?

— ניין, הער מאַקס איז נישטאָ.

ווירקלעך שטייען די טישלעך, בײַ וועלכע עס פלעגט זיצן דער מאַן מיט דעם מאָנאָקל אין אויג, מיט דעם אײַ־זערנעם קרײַץ אויף דער זײַט און די דיקע אָריענטאַלישע פרוי מיט די גאָר־דינע פּאַפּיראָסלעך, ליידיג. עס וואַגט אָבער קיינער נישט זיך אַנידערצוזעצן נעבן זיי. דאָס באַווײַזט, אַז כאָטש די טישלעך שטייען ליידיג, זענען זיי דאָך פאַרנומען. דאָס גלעזל קאָניאַק — דײַטש, פאַרשטייט זיך — אין טאָפּלטע פּאָרציעס, זאָגט־אָן, אַז דער הער מאַקס — כאָטש ער איז נישטאָ, איז ער דאָך דאָ. זײַן דאָ־זײַן ־ילט מען, זײַן אָרט בלײַבט שטענדיג נישט־באַזעצט...

אָבער, זעט זיך אויס, אַז הער מאַקסעס אָנוועזנהייט איז זייער נויטווענדיג־געווען. וואָס אַמאָל זענען מער מענטשן אַרײַנגעקומען, נערוועזע, אויפגערודערטע, מיט באַלעבטע

פנימער און זוכנדיגע אויגן און האָבן ביים קעלנער געפרעגט אויף דעם „הער מאַקס". אַ טונקל־געשטופּלטער מאַן, וואָס איז געווען ספק־גריך, ספק־טערק, האָט זיך אַזוי צעשריגן און מיט אַזאַ אייפער פאַרלאַנגט דעם „הער מאַקס", אַז דער קעלנער, וואָס איז איינצייטיג געווען דער שומר פון הער מאַקס, דער מיט דעם בלאָנדן קאַרק און גרויסן בויך, האָט אים אָנגעכאַפּט מיט זיינע שטאַרקע צוויי אָרעמס און דעם גריך, צי דעם טערק אַרויסגעוואָרפן. דערפון האָבן זיך די אַנדערע אַ מוסר אַראָפּגענומען און געדולדיג שוין געוואַרט ביי די טישלעך אויף דעם הער מאַקס. ביז עס איז געקומען אַריינצולויפן אַ דערשוויצטער און צעיאָכמערטער מיטן שטעקעלע אין דער האַנט, אין דעם אויסגעבאָרגטן קאַפּעלושל אַרויפגעשאַרצט אויפן שפּיץ קאָפּ, דער הער ראָזענבערג, נאָכשלעפנדיג נאָך זיך אַ דייטש מיט אַ גרויסן דיקן בויך — האָט ער זיך צעשריגן, נאָך זייענדיג ביי דער טיר:

— הער פאָן שרעדער, וואָס האָב איך איהן געזאָגט?

— הער ראָזענבערג, שרייען זי נישט. הער מאַקס איז נישטאָ! — וואָרנט אים דער קעלנער.

— אַז ער איז דאָ נישטאָ, איז ער ערגעץ־אַנדערש־וואו, ווייס איך שוין, וואו ער איז. קומען זי מיט מיר! — רעדט און שלעפּט ה' ראָזענבערג דעם דיקן דייטש נאָך זיך.

— ה' ראָזענבערג, איך האָב איהן געזאָגט, שרייען זי נישט! — וואָרנט אים דער קעלנער נאָכאַמאָל...

— שוין, שוין, ווער שרייט, ווער? קומען זי מיט מיר.

אין אַ הויף אויף אַן אָפּגעלייגטער גאַס, פאַרשטעלט מיט טינען און מיט ברעטער און מיט קלעצער, האָט ה' ראָזענבערג געשלעפּט דעם צעשוויצטן דיקן דייטש נאָך זיך אין אַ פאַרבאָר־גענעם קעלער אַריין, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פינסטערן קאָרידאָר. דער דייטש האָט געשטאָלפּערט איבער די טינען און איז פיל מאָל שיער נישט אומגעפאַלן. איידער זיי זענען נאָך צוגעקומען צום קעלער, וואָס איז איצט באַלויכטן־געווען מיט עלעקטרישער ליכט, האָט זיי אָנגעגעגנגעשלאָגן אַ שלעכטער ריח פון פאַרלעגענע סחורות. כלערליי ריחות האָבן זיך צו־נויפגעמישט און אויסגעדעמפּט אַ פייכטן געשטאַנק, אין וועלכן

עס האָט זיך געפילט דער זיס-זויערלעכער, רייצנדיגער ריח פון פאַרלעגן פעטס און נבלה-פליש... דער אין קינדער-שווייס דערמאָנענדיגער זויערער ריח פון מילביגן מעל און גרויפּן, דער פייכטער געשטאַנק, וואָס עס גיט-אַרויס פאַרפוילט אַלט גרינוואַרג — די אַלע געשטאַנקען זענען האַלב אויסגעגעסן-געוואָרן און צוזאַמענגעמישט פון אַ געשטאַנק פון מייזן-פּגרים, פון פאַרפוילטע קאַרטאָפליעס און צעזעצטע קעזן...

— אוי-וויי, ווי עס פילט זיך דאָ! — האָט ראָזענבערג געזאָגט, פאַרשטאָפּנדיג זיך די נאָז. — קומען זי מיט מיר! — האָט ער געשלעפּט דעם דייטש נאָך זיך.

נאָר קוים האָט ער באַמערקט דעם הער מאַקס, באַלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל, שטייט האַלב פאַרטרונקען אין קו-פּעס קאַרטאָפּל און קאָמאַנדעוועט מיט אַן אָפיצירן-טאָן די מענטשן, וואָס סאָרטירן דאָס „עסנוואַרג", קוים האָט ה' ראָזענבערג אים געזען מיטן מאָנאָקל אין אויג, וואָס ער האָט אפילו איצט נישט אויסגעטון און מיטן אייזערנעם קרייץ אויף דער זייט, האָט ער זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און אויסגע-רופן:

— נו, הער פאָן שרעדער, וואָס האָב איך איהן גע-זאָגט?

— פאַרפלוכט, וויפיל מאָל האָב איך איהן געבעטן, ה' ראָזענבערג, זי זאָלן מיך נישט ביים נאָמען רופן.

— פאַרצייאונג, מיינעטוועגן, הער מאַקס. האָב איך נישט רעכט געהאַט? — ביז צום 15-טן אַפּריל האָב איך איהן צייט-געגעבן. נו, איז עס דער 17-טער געוואָרן.

— גוט. וואָס זוכן זי היער? — שרייט דער אָפיציר אין ציווילן אויפן יידל מיט אַ באַפעלנדיגן טאָן, אויפגעריכט פון דער גוטער קאָניונקטור, וואָס דאָס פאַלן פון מאַרק האָט גע-בראַכט. ער האָט דערמיט צוריקגעוואונען זיין גאַנצע הערשער-נאַטור.

— שאַ, שרייען זי נישט. איך האָב איהן אַ קויפמאַן געבראַכט!

— דריבן אין קאַפע-הויז. איך קום אַריבער, דאָ איז דער לאַגער!

— דער לאַגער? — שפּאַט דער דיקער דייטש. — דער געשטאַנק גייט דאָך צום הימל־אויף!

— וואָס, עס געפעלט איהן נישט? וואַרטן זי נאָר. זיי וועלן אַלץ פרעסן! — זאָגט דער געוועזענער אָפיציר אין אַ שאַרפן יונקערישן טאָן, אַרויסנעמענדיג דעם מאָנאָקל פון אויג און קוקט־אָן באַפעלעריש מיט אַ הערשנדיגן בליק דעם ייד און דעם דייטשן קויפמאַן.

## קאַפּיטל 3

# יודקעוויטשס פאַמיליע-לעבן

ער האָט עס נישט אַזוי לייכט-געהאַט, אהרן יודקעוויטש — אָדער ווי ער האָט זיך איצט גערופן: דער דירעקטאָר פון דער מזרח-באַנק — די לעצטע צוויי חדשים, ווען דער מאַרק האָט אָנגעהאַלטן זיין גלייכגעוויכט. ער האָט זיך געקירעוועט, מאַנעווירט ווי אַ שיף בעת אַ שטורעם, כדי צו האַלטן זיך אויף דער אויבערפלאַך, אַדורכצוקריגן זיך דורך דער „שלעכטער" צייט, אָנצוהאַלטן זיינע קרעדיטן אין די בענק, פאַר וועלכע ער האָט גערעכנט צו באַצאָלן שפּעטער מיט אַ ביליגן מאַרק. זיין ליכט אין די פינסטערע טעג זענען געווען, ווי פאַר פיל זיינס גלייכן, די גרויסע קאַרפּן-קעפּ, די גרויסע שפּעקוליאַנטן און אינפלאַציע-פירשטן. פאַרלאָזנדיג זיך אויף דעם וואָס זיי טון, האָט ער זיי נאָכגעטון. ער האָט געוואוסט, אַז דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" האָט אויפגעקויפט אומשאַצבאַרע רייכטימער דורך די צוויי חדשים, ווען מענטשן זענען וויליג-געווען צו טוישן זייערע גיטער אויף מאַרקן, אויף קרעדיט — צו באַצאָלן אין ענדע מאַי, אין יוני, אין יולי. ער האָט עס נישט אַזוי לייכט-געהאַט, ווי דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד", אָדער די אַנדערע אינפלאַציע-פירשטן. זיין קרעדיט איז נישט געווען „אומבאַגרענעצט" ווי זייערער... ער האָט געמוזט זיין קאָפּ זיך אויסדאַרן, אויסצוקאָמבינירן „גאַראַנטיעס", „האַנט-משכנות", „דעקערס" — די בענק דאָס מויל צו פאַרשטופּן און ווייטער

דעם קרעדיט צו קאָרמענען, אַבי נאָר וואָס-מער גוטס אויפצו-קויפן. זיין שפּעקוליאַטיווער געניוס האָט געשטראָמט מיט איינ-פאַלן און קאָמבינאַציעס. דאָ האָט ער פאַרזעצט אין דער באַנק צוואַנציג טויזנט מעטער טונקעלע וואָל-שטאָפן, וואָס ער האָט אין אַ פאַבריק געקויפט, גענומען געלט און אַנגעלייגט אַ שפּייכ-לער מיט צוקער. איבערגעגעבן דער באַנק די שליסלען פון שפּייכלער צוקער אַלס פאַרזיכערונג, גענומען ניי געלט און אויפגעקויפט הייזער. דער עיקר האָט ער זיך פאַרלייגט אויף די באָדענהיימערישע הייזער... ער האָט שוין אויסגעפונען ביי די הייזער-מעקלער, וואו עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַ באָדענ-היימעריש הויז צו קויפן, מיט אָדער אָן היפּאָטעקן, האָט ער אָפּגעקויפט. ער האָט זיך געטוישט מיט אַנדערע שפּעקו-ליאַנטן און הייזער-סוחרים, אַוועקגעגעבן זיינע און איבערגענומען אַזעלכע הייזער, וואָס האָבן היפּאָטעקן אין דער באָדענהיימע-רישער אַנשטאַלט. ביי דער ענדע פון „קריזיס", דאָס הייסט, ווען דער מאַרק האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו וואַקלען און יודקעוויטש האָט דערזען ליכט... האָט ער געהאַט אין זיין באַ-זיץ איינִיגע צוואַנציג אָביעקטן, אויף וועלכע די באָדענהיימע-רישע היפּאָטעקן-אַנשטאַלט האָט געהאַט שטיין איינִיגע צענדלינג מיליאָנען מאַרק. אין ענדע חודש מאַי, ווען דער מאַרק האָט געהאַלטן ביי זעכציג טויזנט פאַרן דאָלאַר, האָט יודקעוויטש פאַרגעלייגט דער באַנק אַ סומע, וואָס וואָלט דענסמאָל — אויב נישט די באָדענהיימערישע אַנשטאַלט, איז יעדנפאַלס די באָדענ-היימערישע פאַמיליע — געקאָנט רעטן פון אונטערגאַנג. מאַקס באָדענהיימער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די חובות.

— אויב אַזוי, וועלן מיר וואַרטן, ביז דער מאַרק וועט דעדגרייכן הונדערט טויזנט פאַרן דאָלאַר און איך וועל אָפּצאָלן דעם גאַנצן חוב מיט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר ביי אַ נאָטאַר...— האָט יודקעוויטש אָפּגעענטפערט.

אַז דער מאַרק קאָן נאָך נידעריגער פאַלן, אויף דעם האָט ער זיך אַליין נישט גערעכנט, און ער אַליין האָט עס נישט געוואונשן...

ער איז דענסטמאָל געווען אין די פעדערן, אהרן יודקע-וויטש. זיינע אָנגעזאַמלטע סחורות אין די מאַגאַזינען, זיינע

באַדענהיימערישע הייזער האָבן אים איצטגעגעבן אין די בענק אַן אומבאַגרענעצטן קרעדיט. ער איז אימשטאַנד-געווען אויסצופירן פּלערליי קאָמבינאַציעס, ער האָט געקאָנט זיין שפּעקוליאַטיווע פאַנטאַזיע לאָזן אין שפּיל, ער האָט געקאָנט אויספירן אַלע זיינע האַלז- און נאַקן-ברעכערישע פּלענער. ווי רייך זיין פאַנטאַזיע איז נישט געווען, האָט זי דאָך נישט געקאָנט טראָגן אויף אירע פליגלען די ווירקלעכקייט. ער האָט דענסטמאָל געהאַנדלט אויף קורצע טערמינען. אין אַזעלכע צייטן ווייסט מען קיינמאָל נישט, ווען מען וועט אָנשלאָגן דעם גרונט. „די גאַנצע קונץ איז צו בלייבן שטיין אַ טריט פאַרן אָפּגרונט...״ — איז געווען זיין לעבנס-שפּרוך. זיין איינציגע זאָרג איז געווען, אַז ער זאָל תמיד שולדיג-בלייבן. מיליאָנען, מיליאַרדן — וויפיל עס לאָזט זיך נאָר באַקומען, און דער צייט איבערלאָזן צו באַצאָלן פאַר אים. ער האָט צו דעם צוועק געקויפט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט, די אויסטערלישסטע סחורות, אַלץ וואָס קאָן נאָר ליגן. געקויפט, כדי נאָר צו האָבן אַ משכון איינצולייגן אין דער באַנק, ער זאָל דערויף געלט באַקומען און ווייטער צו קויפן... זיינע פלענער האָבן אים אַזוי פאַרטראָגן, אַז אָפּטמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די וועלט איז משוגע-געוואָרן און ער אינאיינעם מיט איר, אַז ער טאַנצט אַ ווילדן קאַראַהאַד און די וועלט אַרום אים, אַז ער טרינקט זיך אין אַ ים פון מאַרקן און ער ווייסט נישט, צי ער וועט זיך אַמאָל דערשלאָגן צום באָרטן...

אַלץ וואָלט גוט-געווען מיט יודקעוויטשן, נאָר איין זאַך — זיין חתונה-האָבן מיט אסתרן, דאָס ווייבל, וואָס ער האָט צו-גענומען ביי ראַבינאָוויטשן, איז אים אויסגעפאַלן „באָקעם״. נישט ווייל ער האָט זי פיינט. פאַרקערט, ער האָט זי שוין גאָרנישט פיינט. וואָס פאַראַ געבערענטע צרות זי טוט אים נישט אָן, ווי זי דערגייט אים נישט די יאָרן מיט איר הערשאַפט איבער אים. קאָן ער נישט פועלן ביי זיך — נישט נאָר זי פיינט צו האָבן, נאָר אַפילו בייז צו זיין אויף איר. זיין כעס ווערט אויסגעלאָשן אין דעם מאָמענט, ווען ער דערזעט זי, ווען זי מאַכט אַ כשר, אומשולדיג פּנימל און שטעלט זיך אַזוי אַוועק, ווי זי וואָלט גאָט די נשמה שולדיג-געווען. ווער רעדט נאָך,

ווען זי צעוויינט זיך, אָדער ווען זי באַקומט אַן „אָנפאַל" פון ספּאַזמעס און פאַרבענקט זיך נאָך איר קינד... אָדער ווען זי שליסט זיך אָפּ אין איר שלאָפצימער און לאָזט אים נישט אַריין צו זיך, און ער שטייט הינטער דער טיר און הערט זיך איין צו איר העשען. דעמאָלט בעט ער זיך ביי איר: „אסתּר־לעבן, שטיל דיך איין!..." דעמאָלט קאָן זי פון אים אַלץ אַרויס־קריגן. ער קאָן פּשוט פיזיש נישט איבערטראָגן אירע טרערן, אָדער ווען עס איז איר שלעכט, ווען זי באַווייזט־אַרויס סימנים פון צער, דעמאָלט וואָלט ער זיך ליבער אַ מעשה אָנגעטון. ער וואָלט איר אַלץ נאָכגעגעבן, אַבי זי זאָל אויפהערן צו „ליידן", אַבי אַרויסצורופן אַ שמייכל אין אירע פאַרטרערטע אויגן. ער האָט איר שוין נישט איין הויז אָנגעבאָטן, בריליאַנטן, פעלצן, דערביי איז ער געלעגן און געקניט פאַר איר בעט און געבעטן זיך ביי איר: „אסתּר, אסתּר, הער־אויף, איך קאָן עס נישט איבערטראָגן. זאָג, וואָס ווילסטו?!..."

— פון דיר וויל איך גאָרנישט! איך וויל פון דיר פּטור־ווערן. פאַרוואָס האָסטו מיך פון מיין מאַן און מיין קינד אַוועק־גענומען, אַז יאָך זאָל אַ וויסט לעבן האָבן מיט

— אַ וויסט לעבן?...

— וואָס דען איז עס? וואָס האָב איך שוין פון דיינע הייזער? פון דיינע בריליאַנטן, וואָס דו קויפסט מיר? וואָס קאָ־נען זיי מיר שוין געבן, אַז די איינציגע פרייד, וואָס אַ פרוי האָט, איז מיר פאַרזאָגט! אוי וויי איז מיר, וואָס יאָך האָב געטון אַזאַ זאַך און געלאָזט זיך פון דיר אַ קאָפּ פאַרדרייען!...

— אסתּר־לעבן, הער־אויף, איך בעט דיך. איך וועל אויף דיין נאָמען פאַרשרייבן דאָס הויז, וואָס איך קויף די וואָך.

— וואָס, מיט אַ הויז קאָן איך לעבן? וואָס באַדאַרף איך אַ הויז, וואָס?!

ווען זי וואָלט אים דענסטמאָל געהייסן אויף די קני זיך שטעלן און פאַר איר ווי אַ הינטל „ס'דוזשען", וואָלט ער עס מיט פאַרגעניגן געטון. ווען זי וואָלט אים געהייסן, ער זאָל זיך פאַר איר דערנידעריגן, קניען און זי זאָל טרעטן אויף אים, וואָלט ער מיט צופרידנהייט דאָס פאַר ליב־גענומען. ער, דער גרויסער יודקעוויטש, וועלכער האָט געהאַט אַ קאָפּ אויף די

פלייצעס, וועלכן אַ וועלט האָט מקנא־געווען; ער, דער גרויסער יודקעוויטש, וואָס האָט האַלב הייזער פון דער באַדענהיימערי־שער קרעדיט־אַנשטאַלט אויסגעקויפט, באַצאָלט אַ שיבוש און איצט קלויבט ער זיך די גאַנצע באַדענהיימערישע אַנשטאַלט איבערצונעמען; ער, יודקעוויטש, וואָס האָט אַ נאָמען אין דער וועלט פון שפעקוליאַנטן און אינפלאַציע־געווינלער, און גרויסע העכט, גרויסע בענק יאָגן זיך נאָך אים, מיט אים שותפות־צו־מאַכן; ער, יודקעוויטש, פאַר וועמען אַ וועלט ציטערט — ער איז אַ וואָרעם, אַ גאָרנישט אין דער האַנט פון זיין ווייבל. זי קאָן טון מיט אים, וואָס זי וויל, זי הערשט איבער אים אומבאַגרענעצט.

זי הערשט איבער אים פון ערשטן טאָג אָן, וואָס זיי זענען געווען צוזאַמען און ער האָט זי נישט געקאָנט באַמאַנען. זי האָט תיכף אויסגעפונען זיין שוואַכע זייט און איר שטאַרקע... אומבאַוואוסט — ניין, נישט אויס כיטרעקייט, כדי עפעס פון אים אַרויסצוקריגן, שפילט זי פאַר אים אַ קאָמעדיע, דערנידע־ריגט און באַליידיגט אים, צעווייַנט זיך און קלאָגט, נאָר אָן יעדן ציל און אויסרעכענונג, אומבאַוואוסט און טיילמאָל אַפילו געגן איר אייגענעם ווילן, דערוועקט זיך אין איר אַן אומפאַר־שטענדלעכער פאַרלאַנג אים צו פייניגן, צו קוועלן, צו באַליי־דיגן, צו דערנידעריגן. אַפילו אין געגנוואַרט פון פרעמדע, פון זיינע באַקאַנטע קאָן זי אים אַמאָל אַריינזאָגן אַ וואָרט, וואָס נישט נאָר עס בלייבט אים שטעקן ווי אַ שפּילקע אין לייב, נאָר עס מאַטערט אים, וואָס זיינע באַקאַנטע, די נישט־פאַרגינער וועלן זיך דערנאָך טעג־לאַנג אַמוזירן אויף זיין חשבון...

און ער קאָן זיך נישט העלפן, געגן איר האָט ער נישט קיין שום אַמביציעס, קיין שטאָלץ, אַפילו קיין מענטשלעכע ווירדע, וואָס ער טראָגט עס דאָך מיט אַזאַ זיכערקייט. זי קאָן אים באַליידיגן ביז דער זיבעטער ריפּ, און ער נעמט אַלץ פאַר ליב. איינמאָל, ווען ער האָט זיך באַרימט פאַר איר מיט אַ קלוגער קאָמבינאַציע, וואָס ער האָט געמאַכט, דורך וועלכער ער האָט אַ הויפן מיט געלט פאַרדינט, איז די באַצאָלונג פאַר זיין פלייס געווען:

— יאָ, הלוואי וואָלסטו צו עפּעס אַנדערש אַזוי געטויגט, ווי דו טויגסט צום געשעפט...

און אַז אַ רויטקייט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיינע באַקן און ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער, האָט זי רחמנות־געקריגן אויף אים.

— אַראָנטשיקל (ווען זי האָט געוואָלט גוט-זיין צו אים, האָט זי אים גערופן ביים נאָמען), אַראָנטשיקל קום נאָר אַהער, איך האָב דיר עפּעס־וואָס צו זאָגן, — האָט זי געוואונקען צו אים מיט אַ פינגערל, ווי מען ווינקט־צו צו אַ הינטל.

און ער איז צוגעגאַנגען. האָט זי אים ווי אַ הינטל איבערן בעקל געטרייסט:

— און דאָך האָב איך צוליב דיר אַ מאַן פאַרלאָזט.

איז עס פאַר אים אַ באַצאָלונג־געווען פאַר אַלע באַליי־דיגונגען.

ער איז אַלע באַליידיגונגען פון איר אויסגעשטאַנען, אַלע שטעכווערטלעך אַראָפּגעשלונגען און פאַרשוויגן. דאָס איז געווען, ווייל ער האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר איינזאַמ־קייט, ער האָט זי אַוועקגענומען פון איר קינד... ער האָט שוין געפּרוווט טון פאַרשידנס, ער האָט שליחים־געשיקט צום מאַן, געהיימערהייט, הינטערן ווייבס רוקן, אַז ער זאָל זיי דאָס קינד אַרויסגעבן פאַר אַ גרויסער סומע געלט, וואָס ער האָט אים פאַרגעלייגט. יודקעוויטשן האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר געלט קאָן ער אַלץ באַקומען. ער האָט איר געוואָלט מאַכן אַן איבערראַשונג. ער האָט מיט רעכט צו זיך געזאָגט, אַז דורך דעם, וואָס זי וועט דאָס קינד באַקומען, וועט זי זיך באַרואיגן, זי וועט האָבן אַ ציל און וועט אָנהייבן פירן אַ הויזלעך, רואיג לעבן. נאָר מערקווירדיג, ער האָט באין־אופן נישט געקאָנט פועלן דאָס, וואָס עס האָט זיך אים, יודקעוויטשן, אויסגעוויזן אַזוי לייכט. וואָס קאָן מען דען אַלץ נישט פאַר געלט באַקומען! אָבער דאָ איז גאָרנישט געווען צוצוטרעטן. ראַבינאָוויטש, איר געוועזענער מאַן, וועלכער האָט געהאַלטן דאָס קינד, וואָס זיין שוועסטער האָט דערצויגן אין וואַרשע האַלב אין נויט און אין דחקות און וועלכער האָט זיך געקליבן נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן, האָט באין־אופן נישט געוואָלט הערן דערפון. „ווען אַפילו זי זאָל די

ניכפה־קריגן טו איך עס נישט״. ערשטנס, האָט ער זי געהאַלטן פאַר אַן אויסגעלאַסענע, אין ווענמענס הענט מען טאָר גאָר קיין קינד נישט אָנפאַרטרויען. צווייטנס, איז עס געווען די איינציגע מעגלעכקייט פון נקמה־נעמען אין איר, די איינציגע שייכות, וואָס האָט אים נאָך פאַרבונדן מיט איר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט איבערשניידן. ער האָט געפלעגט אַ שטילע האָפענונג אין זיך, אַז דורך דעם קינד וועט ער זי נאָך אַמאָל צוריקבאַ־קומען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אוממעגלעך, ווייל לויטן דין איז זי אסור צו אים אויף לעולם־ועד. נאָך מער ווער עס האָט זיך איינגעשטעלט דערפאַר, אַז מען טאָר איר באין־אופן נישט דאָס קינד צוריקגעבן פאַר קיין שום אוצרות אין דער וועלט, איז געווען די שוועסטער זיינע, דער הויקער. דער הויקער, וואָס איז איצט אַ גאַנץ פרום קעצל געוואָרן און אַלץ צוגעשריבן דאָס, וואָס האָט זיך מיט אסתרן געטראָפן — „ווייל מיר זענען אַראָפּ פון דרך־הישר״ — ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, האָט זיך געקאָכט: „וואָס, דו וועסט איבער־געבן אַזאַ כשרע יידישע נשמה אין זייערע טריפהנע הענט אַריין! איך פאַר שוין צום רבין, זאָל לעבן!״

ניין, דאָס קינד איז פאַרלויפיג געווען אוממעגלעך פאַר איר צו שאַפן. און יודקעוויטש האָט געמוזט פאַר ליב־נעמען די צרות, וואָס זי האָט אים אָנגעטון, איבער דער ליידיגקייט, וואָס ער האָט אַריינגעבראַנגט אין איר לעבן.

נאָר ווי געזאָגט, האָט ער עס פאַרליב־גענומען. אָבער נישט בלויז מיט אונטערטעניגקייט און סבלנות, נאָר אויך מיט אַ גע־וויסער ליידנס־לוסט האָט ער איבערגעטראָגן אירע קאַפּריזן. ער האָט זיך געפּרעגלט מיט פאַרגעניגן אין זיינע אייגענע צרות. ער האָט געהאַט אַ להכעיס־הנאה צו נעמען נקמה אין זיך אַליין... דאָס ווייבל, האָט ער געהאַלטן, איז נישט ווי קיין ווייב, נאָר ווי זי וואָלט געווען זיין טאָכטער... אַ קאַפּריזנע בת־יחידה. נאָר וואָס קאָן ער זיך העלפן, אַז עס איז זיין אייגנס... דער איינ־ציגער אינהאַלט אין זיין לעבן, און וואָס טראָגט מען נישט איבער פון אַן אייגן קינד!

די לעצטע צייט איז אָבער אַריינגעטרעטן אַן ענדערונג אין איר — אָנשטאָט בייז־און־שלעכט־זיין צו אים, האָט זי זיך

מיטאַמאָל געביטן. זי איז געווען גאָר איצט אויסטערליש גוט צו אים, און נישט אַנדערש, ווי „איר אָראַנטשיק", האָט זי אים גערופן. „און איצט זעט זי ערשט איין, וואָס פאַרא גליק עס האָט איר געטראָפן, אַז ער האָט זי אַוועקגענומען פון איר ווילדן יענקל, ביי וועלכן זי וואָלט דאָך נאָר מיט איר שיינקייט פאַרוועלקט-געוואָרן"...

— איך האָב דען געוואוסט פון אַ לעבן ביי מיין שמענדריק?! — פלעגט זי גאָר אינמיטן העלן טאָג אַרויספאַלן אויף „אָראַנטשיקס" האַלז. — ביי דיר ווייס איך דאָך, וואָס לעבן הייסט!...

און דווקא איר צופרידנהייט, די פלוצלינגע ענדערונג, וואָס איז אויף איר געקומען, האָט יודקעוויטשן באַאומרואיגט, געבערענגט אים אויף פאַרשידענע שלעכטע געדאַנקען און גע־רויבט זיין שלאָף ביינאַכט.

„וואָס איז דאָס מיט איר מיטאַמאָל געשען?!" — האָט ער זיך געפרעגט. — „וואָס זי פלאַטערט-אויף ווי אַ דערשראָ־קענער פויגל יעדעס מאָל, ווען ער קומט אומגעריכט אין מיטן טאָג אַהיים?" ווי זי וואָלט עפּעס-וואָס געווען באַהאַלטן פאַר אים! אָפטמאָל, עפּטער ווי ביז-איצט, געפינט ער זי גאָרנישט אינדערהיים. זי באַנוצט דעם אויטאָ מיט דעם שאָפער, דעם „מאַרקיז" צו אָפט... גאַנצענע טעג ראַמפּלט זי אַרום, און יעדעס מאָל האָט זי אַן אַנדערן תּירוץ: דאָ איז זי מיטאַמאָל געפאָרן זען אַ געיעג פון אויטאָמאָבילן... און דאָ איז זי אויף אַן אויסשטעלונג פון דאַמען-קליידער געווען... און אַז זי קומט אַהיים, איז זי מאָדנע אויפגעלייגט, אומנאַטירלעך פריינטלעך און ליבלעך צו אים. זי האַלט אים אין איין קושן, אין איין גלעטן און דערציילן, ווי גליקלעך זי איז. אָדער טיילמאָל האָט זי גאָר אומדערהערטע קאָפּ-שמערצן, „מיגרענע" האָט זי (יאָ, זי האָט זיך, אסתּר, אויסגעלערנט שוין אַלע מאָדנע נעמען), און זי מוז זיין איצט אַליין. און זי שליסט זיך איין ביי זיך אין צימער און לאָזט קיינעם נישט אַריין... נאָר שוין קיינמאָל נישט האָט זי אירע „אָנפאַלן", זי וויינט נישט און בענקט נישט נאָכן קינד, ווי זי פלעגט עס האָבן ביז-איצט, זי דערמאָנט עס שוין גאָרנישט, און זי מאַכט אים שוין נישט פאַראַנט־

וואָרטלעך דערפאַר, וואָס זי ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו טון...

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער שאָפער זיינער, דער „מאַרקיז", באַנעמט זיך אַנדערש צו אים ווי ביז-איצט. אין זיינע קליינע ביר-אויגן, וואָס זיצן אַזוי טיף, טיף אין זיין פליישיג, פעט פּנים, לויכט אַ נקמה-ליכטל, וואָס יעדעס מאָל, ווען ער דערזעט די אייגלעך פון דעם שאָפער, גיבן זיי אים אַ בריענדיגן שטאָך, ווי מיט אַן אָנגעגליטער שפּילקע... צי דאַכט זיך אים נאָר אַזוי אויס, צי איז טאַקע אַזוי, אַז יעדעס מאָל, ווען דער מאַרקיז וואַרט אויף אים מיטן וואָגן, איז ער זייער אויפמערקזאַם און פריינטלעך צו אים, ווי געוויינלעך, נאָר בלויז אַ שפּיציג שמייכעלע האָט זיך זינט אַ געוויסער צייט אַרויפגעגנבעט אויף זיינע דינע, מיט קליינע בלאָנדע וואָנסעלעך באַצירטע ליפּעלעך... וואָס זאָל הייסן דאָס שמייכעלע? אויך האָט דער מאַרקיז שוין אויסגעטון זיין מלחמהדיגע „טרענטש-יאַקע", ער פּוצט זיך גאָר. ער האָט אים אין דער לעצטער צייט כמעט גאָרנישט דערקענט, דעם שאָפער; ער טראָגט געשיקטע קליידער, גאָרנישט ווי אַ שאָפער, נאָר ווי אַ גרויס-שטאָטישער דענדי, אין געשיקט-געשניטענע קליידער, מיט לאַקירטע שטיוועלעך. דאָס אָנטוען פון „מאַרקיז" איז אים זייער אויפגעפאַלן, מער ווי זיין חוצפּהדיגער שמייכל און דער פרעכער בליק זיינער, פון וועלכן ער האָט זיך געפילט באַליידיגט...

ער האָט געהאַט אַפילו אָפּגעמאַכט ביי זיך פון דעם „מאַרקיז" פּטור צו ווערן. ער האָט עס אָבער נישט באַלד אויסגעפירט. ער האָט נישט געוואָלט אַזוי פלינק זיך אַליין צוגעבן, אַז ער פאַרדעכטיגט דאָ עפּעס. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ באַליידיגונג פאַר זיך צוצוגעבן געוויכט דעם פאַרדאַכט... ביז איינמאָל האָט זיך עפּעס געטראָפן, וואָס האָט אים געצוואונגען אָנצונעמען אַ שטעלונג. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט אַרויסדרייען און אָפּפטרן זיך אַליין מיט אַ תירוץ:

ער איז אַרויסגעקומען פון זיין ביוראָ צו דער געהעריגער צייט, כדי צו פאָרן אַהיים, האָט ער דעם „מאַרקיז" מיט דעם אויטאָ נישט געטראָפן. ער האָט גענומען אַ געדונגענעם אויטאָ און איז אַהיימגעקומען. דאָס ווייב איז אויך נישט געווען אינ-

דערהיים. די דינסט האָט אים געזאָגט, אַז דאָס ווייב איז אַרויסגעפאָרן מיטן שאָפער אויף אַ שפּאַציר. דער שפּאַציר האָט געדויערט אָבער אַ גאַנצן טאָג. ערשט פאַרנאַכט זענען זיי צוריקגעקומען. זי, אסתר, איז געווען זייער אויפגעלייגט, זי האָט זיך געמיט צו זיין נאַטירלעך, אָבער עס איז איר נישט געלונגען. זי איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי אויפגעלייגט און שיין... — האָט זיך יודקעוויטש געטראַכט. און זי האָט אַן אויפגערוימטע דערציילט אַ גאַנצע מעשה וועגן דעם אַרויספאָרן קיין „ווערדער", אַ פאָרשטאָט פון בערלין, כדי צו זען ווי די עפּל בליען... עס איז דרויסן אַזוי שיין און אַלע האָבן געזאָגט, אַז מען באַדאַרף עס זען, און ער, יודקעוויטש, נעמט זי קיינמאָל נישט אַרויס און זי האָט אים אויך נישט געוואָלט פאַרדרייען קיין קאָפּ אין מיטן דער וואָך... זי ווייסט דאָך, ווי פאַרנומען ער איז, האָט זי געבעטן דעם „מאַרקיז" און ער האָט זי אַרויסגעפירט...

יודקעוויטש איז אויסערגעוויינלעך בלייך-געוועזן. זיינע נאָזדרעס האָבן שווער לופט געאָטעמט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אויך איידער ער האָט אַ וואָרט פון זיין מויל געקאָנט אַרויסברענגען, האָט זי זיך אָנגערופן צו אים:

— עס איז מיר אַלצאיינס, צי דו גלויבסט מיר יאָ, צי דו גלויבסט מיר נישט... — און פון אירע אויגן האָט געבלישטשעט אַ פלאַם פון שנאה, פאַר וועלכן ער האָט זיך דערשראָקן.

באַלד דערויף איז איר שנאה צעגאַנגען אין אַ געוויין.

— ביי מיין ערשטן מאַן האָב איך אַזעלכעס נישט געטון! — און זי איז אַריין צו זיך אין צימער מיט אַ קנאַק פון דער טיר.

הינטער דער טיר האָט ער געהערט איר האַרציג און ספּאַזמאַטיש געוויין:

— ווי איז נאָך ר׳ ברכיהס טאָכטער! וואָס איז פון מיר געוואָרן!...

אירע טרערן האָבן שוין דאָס גאַנצע פייער פון זיין כעס אויסגעלאָשן. איבערגעבליבן איז נישט מער ווי נאָר רחמנות און אייגענע שולד-באַוואוסטקייט...

— אסתר-לעבן, שטיל דיך איין, איך האָב דאָך דיר גאָרנישט געזאָגט.

— דו באַדאַרפסט מיר דען עפּעס זאָגן? און אַליין ווייס איך נישט, וואָס עס איז פון מיר געוואָרן?!...

— אסתר-לעבן, איך בעט דיך...

צוויי שעה האָט זי אים געלאָזט אָפּמוטשען זיך הינטער איר טיר, געפּלאָגט און געשמיסן פון אירע טרערן. ערשט אין אָוונט האָט זי זיך געלאָזט איבערבעטן. ניין, זי האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין שום מתנות, וואָס ער האָט איר פאַר-געלייגט, כדי אירע טרערן איינצושטילן. נישט קיין נייע בריליאַנטן, נישט קיין הויז — גאָרנישט. זי האָט נאָר געהאַלטן אין איין וויינען און באַהאַלטן איר שיין פּנימל אין קישן.

— דאָס איז דאָך אַלץ דערפאַר, „אַראָנטשיק", וואָס איך ווייס נישט וואָס מיט מיר צו טון!

און אירע טרערן זענען דאָס מאָל געווען אויפריכטיגע און אמתע.

און דאַן האָט זי איר פּנימל אַוועקגענומען פון דעם קישן און געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט אַ שמייכעלע פון אירע פאַרטרערטע גרויסע אויגן אַרויס.

— דאָס ביסטו אין אַלעם אַליין שולדיג, „אַראָנטשיק". דו ביסט צו גוט צו מיר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ דערלייזנ-דיגן קרעכץ — אַנדערע מענער שלאָגן זייערע ווייבער פאַר אַזעלכע זאַכן און נישט זיי גיבן מתנות...

אַראָנטשיק האָט זיך פאַרשעמט, דאָס בלוט האָט אין זיין פּנים געשלאָגן און האָט אַזש זיין ליסינע פאַררויטלט.

— און דו מיינסט כאָטש, ווער ווייסט וואָס איך האָב געטון! וואָס איך בין, בין איך, נאָר איך בין אַ יידישע טאָכטער...

— ווער זאָגט דיר, אַז איך מיין עפּעס? איך מיין גאָר-נישט.

— יאָ, דו מיינסט. אין דיין פּנים זע איך, יודקעוויטשל, אַז דו מיינסט שלעכטע זאַכן אויף מיר... זאָל מיר מיין מאַ-מעשי אַזוי לעבן. איך האָב נאָר געוואָלט אַביסעלע אַרויספאָרן, דאָס עפּל-בלעכל צו זען. אַלע האָבן געזאָגט, אַז עס איז אַזוי שיין, און דו נעמסט מיך קיינמאָל נישט אַרויס. און דער גוי-

חזיר האָט מיך געהאַלטן אין איין אַרומפירן. איך האָב מיך געבעטן ביי אים, ער זאָל מיך אַהיימברענגען, עס וועט שפּעט־ווערן. און ער האָט מיך געהאַלטן אין איין אַרומשלעפּן איבער וועלדער, איבער פעלדער... שיק אים אַוועק, אַראָנטשיק. איך וויל מער זיין טריפהנעם פּרצוף נישט אָנקוקן. באַצאָל אים און שיק אים אַוועק. ער איז ביי זיך אַ גאַנצער מורנו געוואָרן, און איך האָב נישט ליב, ווי ער באַהאַנדלט דיך. ער מיינט, אַז מען דינט ביי אַ ייד, קאָן מען זיך אויף אַלץ דערלויבן...

— יאָ, איך וועל אים אַוועקשיקן.

— און איצט קום־אַהער צו מיר, אַראָנטשיקל. קום־אַהער, זעץ זיך דאָ נעבן מיר אויפן בעט. אָט אַזוי. זאָלסט וויסן זיין איין זאַך — אַז וואָס איך זאָל נישט טון, נאָר איך וועל קיינ־מאָל נישט טון אַזעלכעס, וואָס אַ יידישע טאָכטער טאָר נישט טון. חלילה! איך וואָלט עס בלויז שוין פאַר מיין מאַמעשי נישט געטון. איך האָב אַ טאַטן אַ למדן, דו גלויבסט מיר, אַראָנטשיק?

— געוויס גלויב איך דיר!

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב. און דו וועסט זען, גאָט וועט דיר נאָך העלפן און איך וועל נאָך זיין גליקלעך מיט דיר, ווי יעדע פרוי מיט איר מאַן.

זי האָט באַהאַלטן איר קעפּל אונטער זיינע אָרעמס און געפּיעשטשעט זיך ווי אַ קליין קינד.

אַראָנטשיק האָט זיך געלאָזט טרייסטן.

— נאָר דו באַדאַרפסט גאַנץ אַנדערש זיין צו מיר. נאָכ־אַמאָל, אַז איך וועל אָפּטון אַזאַ זאַך, זאָלסטו מיך שלאָגן, זאָלסט מיך קאַטעווען, נישט דו זאָלסט מיר מתנות געבן. דו הערסט!

יודקעוויטש האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און באַהאַלטן אים אין אירע הענט.

— אוי־ווי איז מיר, דו וויינסט, אַראָנטשיק־לעבן. איך האָב קיינמאָל נישט געזען, אַז אַ מאַנספּאַרשוין זאָל וויינען...

יאָ. דעם „מאַרקיז" האָט ער אַוועקגעשיקט. אַזוי לייכט איז עס אים נישט אָנגעקומען. עס האָט אים געקאָסט אַ מטמון מיט געלט, נאָר עס איז דאָס גאַנצע געלט ווערט־געווען. „מאַר־קיז" האָט זיך לעצטנס געפילט, ווי דער באַלעבאָס אין הויז...

---

נאָר די איינזאַמקייט האָט אים אָנגעהויבן צו פרעסן, ווי אַ וואָרעם דעם עפּל. ער האָט זיך געפילט מיט זיין לייב, ווי אַן אָפּגעריסענער בלאַט, וואָס אַ ווינט טראָגט, און ווייסט נישט, וואו ער וועט אים פאַרשלעפּן. ער האָט גאָרנישט געהאַט מער אין זיין לעבן. נישט דערפאַר, וואָס זיין באַציאונג צו זיין ווייב האָט זיך געענדערט, אָדער וואָס זי איז געפאַלן אין זיינע אויגן. פאַרקערט, דאָס רחמנות־געפיל צו איר, וואָס האָט גע־שטאַמט אויס זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויס זיין פליכט־געפיל, וואָס ער האָט פאַר איר, האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט אין אים. ער האָט זי באַטראַכט ווי אַ פאַרוואָרלאָזט קינד, וואָס ער האָט פון אַ מוטערס אַ הויז פאַרפירט... און ער איז מיטפאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר אַלעם, וואָס זי טוט. דאָס אַחריות־געפיל, וואָס ער פאַרמאָגט פאַר זיין ווייב, איז נאָך געוועזן דער איינ־ציגער אָנהאַלט אין זיין לעבן. אָבער פאַר זיך אַליין האָט ער פון איר מער גאָרנישט דערוואַרט... אין זיין איינזאַמקייט האָט ער זיך ווידער געצוווענדעט צו זיין משפחה. געמיינט צו געפינען די צוגעהעריגקייט אינדערהיים, צווישן זיין משפחה, וואָס זיין אָרים פאַמיליע־לעבן האָט אים נישט געקאָנט געבן. ער האָט ענדלעך אויסגעפונען, וואו זיין שוועסטער ליבקע, וועלכע ער האָט פון זיין גאַנצער משפחה געפילט אַמנאָענטסטן, געפינט זיך. און ער האָט געמאַכט אומגעהייערע אָנשטרענגונגען זי אַרויסצוקריגן פון מאָסקווע, וואו זי האָט געהאַט אַ הונגער־שטעלע און זי אַריבערברענגען קיין בערלין.

און נאָך אַ זאַך. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך ער האָט אַמאָל געהאַט „אידעאַלן", האָט זיך אינטערעסירט מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער האָט אַפילו באַלאַנגט צו אַ רע־וואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אפשר איצט, ווען גאָט האָט אים גע־

האָלפן, ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, אפשר איז אַ יושר, אַז ער זאָל זיך ווידער אָנהייבן אינטערעסירן, כדי ער זאָל מיט זיין געלט עפעס אויפטון גוטס...

וואָרים אויך יודקעוויטש האָט באַדאַרפט האָבן עפעס, פאַרוואָס צו לעבן!...

קאַפּיטל 4

# יודקעוויטש — אַ קאָמוניסט

ווייסן האָט ער געוואוסט יודקעוויטש, אַז דאָס וואָס ער טוט איז געמיין און נידערטרעכטיג און וואָלט דערפאַר אין רוסלאַנד באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף. נאָר ער האָט דאָס נישט אָפּהענגיג־געמאַכט פון זיין פּערזענלעכער מאָראַל. „וואָס איז פּערזענלעכע מאָראַל? — אַ פאַרעלטערטער בורזשואַזער באַגריף (יודקעוויטש האָט שוין אָפּערירט מיט מאָדערנע אויס־דריקן). די ערלעכקייט און אָנשטענדיגקייט איז אָפּהענגיג פון דער מאָראַל פון קאָלעקטיוו, פון סיסטעם...״

וואָרים אויך ער, יודקעוויטש, האָט באַדאַרפט האָבן אַ באַרעכטיגונג. די באַרעכטיגונג איז די, וואָס דאָס סיסטעם, אין וועלכן מיר לעבן — דאָס קאַפּיטאַליסטישע — ברענגט דערצו, אַז עס זאָלן מעגלעך־זיין אינפלאַציעס, שפּעקולאַציעס און אַלערליי אַנדערע אָפּגענאַרערייען. ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען און ווי אומוואָרשיינלעך דאָס זאָל זיך נישט אויסווייזן — יודקעוויטש האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ באָלשעוויק, פאַר אַ קאָמוניסט... איי, פאַרוואָס ווידער פירט ער אַזאַ אַרט לעבן? — דאָס איז דערפאַר, ווייל ער לעבט אין אַ קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדנונג. און פונקט ווי אַ פרומער ייד, וואָס לייגט־אָפּ אַלע אויסלייזונגען פון שלעכטס אויף דער צייט, ווען משיח וועט קומען, אַזוי האָט יודקעוויטש אָפּגעלייגט די ער־לעכקייט און אָנשטענדיגקייט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע...

דאָרטן, אין רוסלאַנד, וואָלט ער אַזעלכעס נישט געוועז געטון. פּאַרקערט, ער וואָלט געווען אַ געטרייער קאָמוניסט און מיט אַלדינג צוגעהאָלפן דער סאָוויעטישער רעגירונג אויסצופירן איר פּראָגראַם. דערפאַר אָבער, ווייל ער לעבט אין אַ לאַנד פון אַ פאַרפוילטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, צעקראָכענער דעמאָקראַטיע, פאַרקריפּלטן קליין־בורזשואזן ליבעראַליזם, פון אַ פאַררעטערישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מעג ער, דאַרף ער — ניין, עס איז אַפילו אַ מצווה צו טון אַלדינג, וואָס קאָן צו־העלפן צום אונטערגאַנג פון דעם פאַרפוילטן, צום טויט־פאַר־אורטיילטן סיסטעם, כדי צוצואיילן דעם פּראָצעס פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע...

ער האָט זיך געהאַלטן — ווי ער האָט זיך גערן־געהאַט אויסצודריקן האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט אין קרייז פון סימפּאַטיקער פון נייעם רוסלאַנד, מיט וועלכע ער האָט פאַרקערט — „אַז ער דינט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אויפן קאַפּיטאַליסטישן פראָנט”. ער האָט זיך אָנגעהויבן רימען מיט זיין „רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט”, אין וועלכער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל אַלס יונגער בחור אָנטייל־גענומען און אָן וועלכער ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע ברידער, די באָלשעוויסטישע טוער אין רוסלאַנד, פאַר וועלכע ער האָט זיך אַמאָל געמוזט אויס־באַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן פויער, בשעת די רויטע האָבן זייער שטעטל באַזעצט, זענען געוואָרן ביי אים מיטאַמאָל דאָס אויבער־שטע פון שטויסל. ער האָט זיך גערימט מיט זיי ביי יעדער געלעגנהייט, ווי מיט רוסלאַנד בכלל, צו וועלכער ער האָט זיך מיט איין מאָל אָנגעהויבן מיחס־זיין און זייער זיך גרויסן: „ביי אונז אין רוסלאַנד וואָלט אַזאַ זאַך אוממעגלעך־געווען...” „ביי אונז אין די סאָוויעטן וואָלט מען געוואוסט, ווי אַזוי מיט די לייט זיך אומצוגיין...” „ביי אונז, אין אונזער פאָטער־לאַנד, — האָט ער מיט שטאָלץ זיך אויסגעדריקט, — וואָלט מען זיך מיט די עלעמענטן נישט לאַנג צערעמאָניעט — צום וועגטל און פּטור!” אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט אויף די אַנדערע שפּעקוליאַנטן, שיבער און „ראַפּקעס” פון לעבנס־מיטל. פאַרגעסן, פאַרשטענדלעך, זיין אייגענע ראָלע אין דעם „דאַנ־

טישן גיהנום", וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ גרויס לאַנד...
טײלמאָל האָט ער אַפילו דעם מוט־געהאַט זיך אַליין מיט
אַרײַנצוּבראָקן אין דער זופּ, נישט וואַרטנדיג אַפילו, אַז עס
זאָל אים ווער דערמאָנען אין דעם:

— צי נעמט, למשל, מיין אייגענע באַשעפטיגונג? איר
מיינט, אַז איך ווייס נישט, אַז מען דאַרף מיך שטעלן צום
וועגטל פאַר דעם, וואָס איך טו? נאָר אין אַ לאַנד מיט אַ
סאָציאַליסטישער אָרדנונג, ווי למשל אין רוסלאַנד, וואָלט איך
זיך דען מיט דעם געוועזן פאַרנומען? איך וואָלט גאָרנישט קיין
געלעגנהייט געהאַט מיט הייזער צו שפּעקולירן. דאָס סיסטעם
וואָלט מיך געמאַכט פאַר אַ נוצלעכן בירגער. איך וואָלט מיינע
פעאיגקייטן אויסגענוצט פאַר אַ פּראָדוקטיווער אַרבעט. אָבער
אין אַ לאַנד מיט אַ פאַרקריפּלטן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם איז
אַ יודקעוויטש מעגלעך...

פאַרשטייט זיך, אַז יודקעוויטש האָט מיט אַ ברייטער
האַנט, ווי די אומשטענדן האָבן אים דערלויבט, געגעבן אויף
פאַרשידענע צוועקן אונטערצואיילן דעם פּראָצעס פון דער
סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער האָט זיך ממש געגויטיגט אין דער־
דאָזיגער פריי־גיביגקייט. פּונקט ווי אַ פרומער ייד, וואָס וויל
זיך אָנגרייטן אַביסל חלק־לעולם־הבא, אָפּקויפן די זינד מיט
אַ פאָר מצוות, אַזוי האָט יודקעוויטש געוואָלט אויסלייזן זיינע
סאָציאַלע עבירות, וואָס זיין באַשעפטיגונג ברענגט־מיט מיט זיך,
מיט אונטערשטיצן ראַדיקאַלע אונטערנעמונגען, פּראָלעטאַרישע,
סאָציאַלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. דער עיקר אָבער האָט
ער געגעבן אויף פּראָפּאַגאַנדע־שריפטן, כדי אונטערצוגראָבן
דאָס פאַרפוילטע סיסטעם פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.
וואָרים יודקעוויטש איז געווען אַ ראַדיקאַל ביז גאָר. מיט שוים
אויף די ליפּן האָט ער געקאָכט געגן דער „פאַררעטערישער
סאָציאַלדעמאָקראַטיע". פאַר יעדן קאָמפּראָמיס, וואָס זיי האָבן
געמאַכט, האָט ער זיי געסטעמפּלט אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנערן.
ער האָט זיי געזידלט מיט: „קליין־בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע",
„מיט פאַרנעפּלען דעם קלאַסן־קאַמף", מיט „אָפּנייגונג פון דער
לענינשער ליניע" און מיט אַלע אַנדערע גוטע נעמען, וואָס
די רויטע פּרעסע האָט אים צוגעשטעלט...

אין דער הינזיכט איז אים צונויפ־געקומען דער קליינער קעניגסבערג. יאָ, דער קליינער קעניגסבערג, וועלכן ער האָט אָנומלט אָנגעטראָפן ביי די באָדענהיימערס און וועלכער איז ביז לעצטנס געווען באַשעפטיגט אין דער באָדענהיימערישער אַנשטאַלט. ער האָט די אַנשטאַלט פאַרלאָזט, ווי אַ מויז אַ זינקענדיגע שיף. ווארים די באָדענהיימערישע באַנק האָט גע־האַלטן אין אונטערגיין, זי האָט שוין לענגסט נישט געצאָלט אירע באַאַמטע (וועלכע האָבן זי, אגב, פאַרלאָזט). דער קליינער קעניגסבערג האָט מיט זיין גוטער נאָז באַלד דערשמעקט, וואו פוטער געפינט זיך און געשטעלט זיינע דערפאַרונגען און סודות פון דער „באָדענהיימערישער אַנשטאַלט" צו דינסט פון יודקעוויטשן. אָנגעהויבן האָט זיך דערפון, וואָס ער האָט צום ערשט פאַרמעקלט יודקעוויטשן אַ פּאָר באָדענהיימערישע הייזער. און אַזוי ווי ער האָט געקענט אַלע קליענטן און געוואוסט וועמען דער שיך קוועטשט, איז ער יודקעוויטשן זייער צונויפ־געקומען, אַריינצוקריגן אין זיינע הענט אַריין די באָדענהיימע־רישע גיטער, ווי אויך די טייל באָדענהיימערישע אַקציעס, וואָס זענען געווען צו באַקומען. אגב, האָט זיי אַ חוץ דער געשעפטלעכער זייט אויך פאַרבונדן זייערע געמיינזאַמע פּאָלי־טישע אָנשויאונגען, זייער „סאָציאַל געוויסן", אַזוי צו זאָגן... ווארים אויך קעניגסבערג, פונקט ווי יודקעוויטש, האָט די אָנ־שטענדיגקייט און די ערלעכקייט נישט אָפּהענגיג־געמאַכט, לויט דעם פאַרעלטערטן בורזשואַז־ליבעראַלן באַגריף, פון פּערזענלע־כער מאָראַל, נאָר פון מאָראַל פון צוועק, פון קאָלעקטיוו, פון סיסטעם, אַזוי צו זאָגן...

ער, קעניגסבערג, האָט דאָס צוגעהאָלפן — ניין, ער איז דאָס געווען דער איניציאַטאָר פון דער אידעע איינצוריכטן ביי יודקעוויטשן אין הויז אַ מין „קאָמוניסטישן סאַלאָן", כדי אים צו טרייבן אויף דער סאָציאַלער לייטער אַלס פּראָטעקטאָר פון דער סאָציאַלער אידעע און אַ מעצענאַט פון דער פּראָלעטאַ־רישער קונסט...

די באַקאַנטשאַפט, וואָס קעניגסבערג האָט געהאַט אין געוויסע קאָמוניסטישע קרייזן פון בערלין, זיין אינטערעס אין דער סאָציאַלער באַוועגונג האָט געשאַפן, אַזוי צו זאָגן, דעם

נויטיגן מיליע צו פאַרוואַנדלען יודקעוויטשעס וואוינונג אין אַ „קאָמוניסטישן סאַלאָן״...

נאָר בעת ביי יודקעווישן איז זיין באַקערן זיך צום קאָמוניזום געווען אַ ביסל אויסגערעכנט (געוואָלט זיך רעהאַבּיליטירן פאַר אַמאָליגע זינד), אַביסל אויך טאַקע פון אינערלעכן דראַנג, אַ מין רעטונגס־שטריק אין זיין פוסט לעבן, אַ פאַרנעלטונג פאַר שלעכטס, אַ רעכטפאַרטיגונג פאַר עבירות — איז עס ביי קעניגסבערגן געווען לויטער ספּאָרט... נישט אַלעמאָל איז דער קליינער קעניגסבערג געווען אַזוי ראַדיקאַל געשטימט. פאַרקערט, געווען אַמאָל אַ צייט, ווען ער האָט געדינט די שטאַרקע און רייכע. די צייט איז גאָר נישט לאַנג, ווען קעניגסבערג איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דער ליבעראַלער אידעע, „וועלכע האָט מעגלעך־געמאַכט אַלע דערגרייכונגען פון אונזער הייַנטיגער ציוויליזאַציע״. אַ גרויסער האַסער פון מאַרקסיזם און סאָציאַליזם, אין וועלכע ער האָט געזען אַלדאָס שלעכטס. ער האָט איבערהויפּט געזידלט, וואָס יידן האָבן דערמיט צו טון... קעניגסבערג איז דענסטמאָל געווען אַ שאַלאַטן־שמש ביי די קאַרפּן־קעפּ. ער האָט געוואוסט יעדן געבורטסטאָג פון איטלעכן „פינאַנציעלן גדול״, יעדער חתונה־טאָג פון איטלעכער איינפלוסרייכער פּערזענלעכקייט אויף דער בערזע... די אַלע האָט ער נישט פאַרפעלט צו גליקוואונשן און צו גראַטולירן. אין דער ברוסט־טאַש האָט ער שטענדיג אַרומגעטראָגן אַן אָנגעפּראָפּטן טייסטער מיט דאַנק־בריוו פאַר גראַטולאַציעס, די גוטע ווונשן צו געבורטס־ און חתונה־טעג, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו די קאַריפּעען פון דער „בראַנזשע״...

יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיך געטראָפן מיט קעניגסבערגן, האָט ער געהאַט וואָס צו באַווייזן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם טייסטער: „אָט האָב איך נאָר־וואָס געקריגן אַ בריוו פון אָפּענהיימער, דעם שעף פון דער אָפּענהיימער־פירמע״... „און אָט שרייבט מיר היינט דער סעניאָר פון דער דאַרמשטאַטער באַנק״... וואָרים קעניגסבערג האָט געהאַט אַ נאַטור די גרויסע הערן בלויז אויס ליבע, אָן יעדער באַצאָלונג, צו דינען. ער האָט זיך גענויטיגט וועמען דעם שטויב צו לעקן, פאַר וועמען אין דרייען זיך צו בייגן, פאַר וועמען

כּורעים צו פֿאַלן. אויך ער האָט נישט געקאָנט לעבן אָן אַ גאָט. און ווי נאָר ער האָט דערפֿילט, אַז זײַן גאָט, וועלכן ער האָט געדינט ביז־איצט, דער קאַפּיטאַליסטישער גאָט, האָט פֿאַרלוירן דעם באָדן, האָט ער אים פֿאַרלאָזט און איז איבערגעגאַנגען צו דער „קאָנקורענץ"... פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך אַמאָל אַרומגעטראָגן מיט בריוו פֿון דער פֿינאַנציעלער וועלט, אַזוי טראָגט ער זיך שוין איצט אַרום מיט בריוולעך, געשריבענע עמפּפֿעלונגען פֿון די קאָמוניסטישע גדולים. טיילמאָל באַווײַזט ער בלויז די אונטערשריפֿט פֿון אַ נאָמען, וואָס האָט אַ געוויסן ווידערקלאַנג, אַ נאָמען, וואָס קומט פֿון סאַמע מאָסקווע... אויך דאָ האַט ער גאָרנישט דערוואָרט און גאָרנישט געוואָלט, ווי אַמאָל, ווען ער האָט געדינט דעם גאָט שכּנגד — נאָר אויס בלויז ליבע פֿאַר דער מצווה־וועגן. וואָרים קעניגסבערג האָט געהאַט אַ נאַטור צו קאָכן זיך אין אַלע טעפּ. עס האָט גאָרנישט געקאָנט זײַן קיין חתונה אָן אים. ווי אַזוי האָט דאָ געקאָנט זײַן אַ באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אָן קעניגסבערגן?! עס זענען פֿאַראַן נאַטורן, וואָס האָבן די פֿעאיקייט אַזוי געשווינד איבערצוקאָלערן זיך פֿון איין עקסטרעם צו אַן אַנדערן, אַז מען באַמערקט גאָרנישט, ווען דאָס איז געשען. אָט ערשט האָט קעניגסבערג געטראָגן דעם קאַפּיטאַליסטישן צילינדערהוט, און שוין טראָגט ער דאָס קאָמוניסטישע שטריימל. און נישט נאָר בלויז איבערצוקאָלערן זיך, נאָר זיי האָבן אויך די פֿעאיקייט אַזוי היימיש צו פֿילן זיך אין יעדער פּאָליטישער אַטמאָספֿערע, דאָס עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען דאָרט אײַנגעוואָרצלט און באַלאַנגען דאָרט אַהין, זיי האָבן גאָר קיינמאָל צו קיין אַנדערן גאָט נישט געדינט...

מיט זײַן מעקלער־נאַטור, פֿון וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט באַפֿרײַען — סײַ אין מסחר, סײַ אין פּאָליטישן לעבן — האָט ער באַלד דערפֿילט, אַז יודקעוויטש וואַקסט. עס אַנטשטייט אַ נײַע צײַט, — די צײַט פֿון די יודקעוויטשעס, און ער איז שוין דאָ געווען, און ער האָט שוין פֿאַרשפּרייט זײַנע זעגלען, געריכטעט זיך לויט די נײַעווינטן... און ווי אַמאָל בײַ די באָדענהיימערס, אַזוי איז ער איצט בײַ יודקעוויטשן געווען אַ בן־בית... געהאָלפֿן יודקע־

שלום אַש, בײַם אָפּגרונט, 28.

וויטשן די וואוינונג איינריכטן, וואָס יענער האָט זיך אויף אַן אויבערשטן שטאָק פון זיינס אַ הויז אויפגעבויט. ער האָט איינגעקויפט פאַר יודקעוויטשן אין אַ גרויסאַרטיג מעבל-געשעפט די גאַנצע איינריכטונג פאַר דער וואוינונג (פאַרשטייט זיך, אַ פערטל באַצאָלט אין באַר, דאָס איבעריגע אויף אַ דריי-חדשימדיג וועקסל, וועלכעס די באַנק האָט קיינמאָל נישט איינגעמאָנט, ווייל עס האָט זיך נישט מער געלוינט...), אַנטיקוואַרע מעבל, דאַנציגער שענק, געשניצטע שטולן, טייערע טיש- און בעט-וועש, קרישטאָלן און אַ גאַנצע ביבליאָטעק... קעניגסבערג האָט זיך זייער נוצלעך-געמאַכט, געהאָלפן אסתרן, וועלכע האָט זיך איצט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון איינאָרדנען איר הויז, וואָס יודקעוויטש האָט נישט אָן אויסרעכענונג דאָס געטון, כדי איר צו געבן אַ באַשעפטיגונג און זי אָפּצוּבייגן פון שלעכטע געדאַנקען. קעניגסבערג האָט יודקעוויטשעס ווייבל געמאַכט קאָמפּלימענטן, ווי אַמאָל דער מאַדאַם באָדענהיימער, וועלכעס עס איז אים, אַגב, אויך לייכטער אָנגעקומען... די שיינע קאָקעטע מאַדאַם יודקעוויטש האָט די קאָמפּלימענטן זייער ליב אָנגענומען... ער האָט פאַר יודקעוויטשן איינגעאָרדנט די ביבליאָטעק, וועלכע האָט לויט דער שטימונג פון דער צייט און לויט די אָנשויאונגען פון איר באַזיצער, אַרויסגעוויזן אַ גרויסע נייגונג צו סאָציאַלע פּראָבלעמען און צו רעוואָלוציאָנערע טענדענצן. עס האָבן נישט געפעלט אין דער ביבליאָטעק די ווערק פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, געשיכטעס פון אַלע רעוואָלוציעס. נאָר דערפאַר איז, לויט דער איניציאַטיוו און איינפאַל פון קעניגסבערגן, אונטער די דיקע בענדער פון מאַרקס „קאַפּיטאַל” און אַנדערע סאָציאַליסטישע גאונים געוואָרן קינסטלעך איינגעאָרדנט אַ קליינער באַר, אויסגעשטאַט מיט אַלע מכשירים צו מישן קאָקטיילן... און ווען מען האָט געוואָלט אַרויסנעמען אַ בכבודיגן באַנד פון אַ סאָציאַליסטישן דענקער, איז מען איבעראַשט-געוואָרן מיט דער אַנטדעקונג פון די וואונדערבאַרסטע שנאַפּסן און ליקערן...

ער, קעניגסבערג, האָט אין יודקעוויטשעס הויז, וואָס איז איצט אָפן-געווען פאַר לינק-שטייענדיגע עלעמענטן, אַריינגעפירט דעם געהילף-רעדאַקטאָר פון אַ זייער לינק-שטייענדיגן זשורנאַל,

וועלכער האָט זיך געבוויטיגט אין אונטערשטיצונג. דאָס איז געווען אַ בלאָנדער דייטשער שגץ, וועלכער האָט ליב-געהאַט ווי דאָס לעבן אין זיין דייטשן לשון אריינצופלעכטן אַ צוויי-דריי רוסישע ווערטער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט בעת זיין וויזיט אין רוסלאַנד. ער האָט אין יעדער פראַזע באַנוצט: „טאָוואַרישטש" און „ניטשעוואָ". דאַן איז געקומען אַ צוקונפ-טיגער רעזשיסער אין אַ יוגנטלעכן טעאַטער, אַ יינגל פון אַ יאָר אַכצן, וועלכער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער צו רעוואָלוציאָניזירן דאָס וועלט-טעאַטער... דאַן אַ ספּקדיגן באַאַמטן פון דער רוסישער אַמבאַסאַדע, וועגן וועלכן מען האָט צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים נישט געטאָרט פרעגן קיין שום נענ-טערס און נישט געטאָרט וויסן... אַ דייטשן קאָמוניסט, וועל-כער האָט אויף אייגענער פויסט געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-הילף און ער זאַמלט איצט געלט אין הונגעריגן דייטשלאַנד אויף קאַקאַאָ פאַר די רוסישע באָל-שעוויסטישע קינדער... דאַן אַ צוויי-דריי פּליטים פון באָלשע-וויסטישן רוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך איצט צוריק אָנערקענט צום באָלשעוויזם. איינער פון זיי האָט פּלוצלינג אַנטדעקט זיינע סימפּאַטיעס צו סאָוויעט-רוסלאַנד און געבענקט נאָך אַ קאָמוניסטישער אָרדנונג — נישט דענסטמאָל, ווען ער איז געווען אָרים ; פאַרפאָלגט, נאָר דווקא איצט, ווען ער איז רייך-געוואָרן דורך שפּעקולאַציע און דורך דער גוטער קאָנ-יונקטור, וואָס די אינפלאַציע האָט אים געגעבן...

די געזעלשאַפט האָט זיך פאַרקליבן צו יודקעוויטשן אין הויז, וואו מען האָט ביי אַ קאָקטייל, וואָס קעניגסבערג האָט טאַקע פון דעם קליינעם באַר, וואָס איז באַהאַלטן-געווען הינ-טער מאַרקס' „קאַפּיטאַל", צוזאַמענגעמישט — דיסקוטירט איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען. מען האָט געזידלט, געשאָלטן די סאָ-ציאַליסטן אויף וואָס די וועלט שטייט... געגן די רעכטע עלע-מענטן, געגן די נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן דענסטמאָל אָנ-געהויבן אַזוי שטאַרק און מעכטיג אויפצוקומען, האָט מען גאָר-נישט געהאַט. מען האָט אין זיי קיין געפאַר נישט געזען. דאָס איז דער אָפענער שונא און געגן אים וועט מען זיך שוין שפּעטער אַן עצה-געבן. די גאַנצע געפאַר האָט מען געזען

דווקא אין די סאָציאַליסטן, געגן וועלכע מען האָט, לויט דער רעצעפּט פון רוסלאַנד, אָנגעשטעלט אַלע פייַלנבויגנס צו מלחמה געגן די „קאָנטררעוואָלוציאָנערן", די „בורזשואַזע משרתים", וואָס פאַרנעפּלען די מוחות, פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס, באַלעמוטשען דעם אַרבעטער-קלאַס. זיי, די פאַררעטערישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, באַדאַרף מען אויסראָטן. אַלע מיטלען זענען כשר, כּדי זיי אומשעדלעך צו מאַכן, אויפצודעקן זייער אמתן פּרצוף. האָט מען געהאַלטן ביי יודקעוויטשן, ווי אין אַנדערע קאָמוניסטישע קרייזן, אַז מען דאַרף דעם גאַנצן צאָרן אויסגיסן אויף די סאָציאַליסטן און זיי פאַראַנטוואָרטלעך צו מאַכן פאַר דער אינפלאַציע, וועלכער מען האָט אייגנטלעך דעם גאַנצן וואָילטאָג צו פאַרדאַנקען...

למען האמת מוז מען מודה-זיין, אַז אסתּרן איז די חברותא באַלד נישט געפעלן-געוואָרן. דער גאַנצער עסק מיט די לייט-לעך, וואָס קעניגסבערג האָט געבראַכט אין הויז אַריין, אויך דער קעניגסבערג אַליין, איז איר נישט געווען צום האַרצן.

„יאָך האָב עס נישט ליב! — האָט זי געזאָגט. — יעדער איינער באַדאַרף זיך האַלטן ביי דאָס זייניגע. אַז דו, יודקע-וויטש, ביסט אַ סוחר, און דו, קעניגסבערג, ביסט אַ מעקלער פון הייזער, באַדאַרפט עטץ אומגיין מיט אייערס גלייכן... ווי קומט איר צו די „מענטשלעך"? אָדער ווי קומען די „מענ-טשלעך" צו אייך?" — האָט זי געפרעגט. דאָך האָט זי גע-שוויגן. געדולדעט, אַזוי צו זאָגן, די געזעלשאַפט, וועלכע איז איר גאָרנישט צום האַרץ געווען. זי האָט זיך געטראַכט: איר יודקעוויטש האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. מן-הסתּם, אַז ער טוט עפּעס, ווייסט ער וואָס ער וויל... אפשר באַדאַרף ער עס צוליב זיין עסק, פאַר פּרנסה-וועגן... נאָר פון ווען יודקע-וויטש האָט געהאַט צרות, פון ווען ער האָט זיך אַ שוואַרץ יאָר אויסגעריכט, איז עס געווען פון זיין אייגענער שוועסטער ליבקע, וועלכע ער האָט נאָך שווערער מי פון רוסלאַנד אַרויס-געקריגן און קיין בערלין געבראַכט.

קודם-כּל האָט זי לחלוטין נישט אונטערגעדריקט איר צופרידנקייט און פרייד, וואָס זי האָט זיך ענדלעך אַרויסגע-קריגן פון דעם רוסישן גן-עדן אין דעם „פרייען אָפענעם

אייראָפּע". זי האָט זיך גאָרנישט געשעמט צוצוגעבן, אַז זי איז אַ געגנערין פון דער סאָוויעטישער מאַכט, וועלכע דריקט־אונטער דעם פרייען אינדיווידואום, אַז זי איז אַ פאַרביטערטער שונא פון די טיראַנישע מעטאָדן, וואָס ווערן באַנוצט אין רוסלאַנד צו באַקעמפן דעם געגנער. זי האָט זיך אָפן באַקענט — אוי ווי צו די אויערן, וואָס הערן דאָס! — צום רעאַקציאָנערן ציוניזם, אין וועלכן זי האָט געזען דעם אויסלייזן פון דער יידישער נויט. זי האָט געהאַלטן אין איין פרעדיגן, אַז אין ארץ־ישראל ווערט דער ריכטיגער און אמתער קאָמוניזם איינגעפירט דורך די יידישע אַרבעטער. און דאָרט אַהין האָט זי זיך טאַקע אַליין אויך געקליבן. „און מיר וועלן דאָרטגעבן אַ ביישפּיל, וואָס פאַראַ שעפערישע כוחות די קאָמוניסטישע אידעע איז פעאיג אַרויסצוברענגען און וואָס פאַראַ דער לייזנדע ישועה זי טראָגט אין זיך, ווען די אידעע פון קאָלעקטיוויזם ווערט נישט אַרויפגעצוואונגען פון אַ יחיד אויף אַן אומבאַוואוסטער מאַסע, ווי עס איז דער פאַל אין רוסלאַנד, נאָר איז אַ פועל־יוצא פון אַ רייפער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון אַ פרייער איבערצייגונג, אַ קאָלעקטיוו פון מענטשן, געטריבן פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, ווי עס איז דער פאַל אין ארץ־ישראל". מיט איין וואָרט — לויט איר מיינונג נאָך, וועט דער ריכטיגער קאָמוניזם געשאַפן־ווערן דווקא אין ארץ־ישראל, געטראָגן דורך דער אידעע פון נאַציאָנאַלער באַנייאונג פון יידישן פאָלק, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט דריקט מיט אַזאַ אַכזריותדיגקייט אונטער און באַהאַנדלט זי אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנערע. נאָר ווען זי איז אַפילו נישט מסכים מיט די מעטאָדן, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט פירט־איין, ווען זי איז אַפילו אַ ביטערער געגנער פון די צאַרישע מיטלען, מיט וועלכע מען וויל נייטן די פויערן צו קאָלעקטיוויזם, און זי וועט קיינמאָל נישט מוחל־זיין די יידישע באָלשעוויקעס די מיטלען, וואָס זיי ווענדן־אָן געגן אירע אייגענע פּאַרטיי־חברים, וועלכע זענען פאַר דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק — דערלויבט איר דאָך נישט איר סאָציאַליסטיש געוויסן צו שטיין צוזאַמען מיטן ברודער, נאָכדעם ווי זי האָט זיך באַקענט מיט זיין באַשעפטיגונג און זיין בורזשואַזיש לעבן, וואָס ער פירט.

און כאָטש זי איז נישט מסכּים מיט איר ברודער מישע און זי האָט איר אייגענע מיינונג וועגן דעם, ווי אַזוי מען זאָל ליקווידירן די שפּעקולאַנטן און מעקלער (דורך פּראָדוקטיווער אַרבעט — האָט זי באַלד צוגעלייגט), דאָך פאַרשטייט זי די מעטאָדן, וואָס רוסלאַנד פירט-איין צו ליקווידירן די אומ-פּראָדוקטיווע און שעדלעכע עלעמענטן פון דער שפּעקולאַציע, צווישן וועלכע זי מוז ליידער איר אייגענעם ברודער צורעכע-נען. און זי פאַרשטייט זייער גוט מישען, זייער ברודער, וועלכער האָט געזוכט צו באַזייטיקן אַראָנטשיקן און אים אומ-שעדלעך צו מאַכן דעמאָלט, ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אין רוסלאַנד... און צוליב דעמזעלבן מאָטיוו קאָן זי זיך נישט געפינען ביי אים — האָט זי דעם ברודער געזאָגט. זי האָט דאָס געזאָגט אָפן; כאָטש זי איז צוליב געוויסע מאַטעריעלע באַדינגונגען, וואָס ווערן אויף איר אַרויפגעצוואונגען דורך דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, אין וועלכן זי געפינט זיך, גע-נויט צייטווייליג אָנצונעמען זיין מאַטעריעלע הילף...

און כאָטש איר סאָציאַליסטיש געוויסן האָט איר נישט דערלויבט ביים ברודער צו וואוינען, האָט עס איר אָבער דער-לויבט צו באַנוצן זיך מיט זיין מאַטעריעלער הילף, וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ליבקע, מיט איר גאַנצער סאָציאַליסטי-שער אידעע, איז געווען אַ פרוי. אַרויסגעקומען פון רוסלאַנד, אויסגעהונגערט מער נאָך לוקסוס ווי נאָך ברויט, האָט זיך אין דעם מיידל דערוועקט אַ דורשט נאָך אָנטון-זיך. זי האָט זיך גאָרנישט געשעמט פאַר איר „סאָציאַליסטיש געוויסן” און איר קאָמוניסטישער איבערצייגונג — זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן אין די וואָרן-הייזער, זיך נישט געקאָנט אָנזעטיגן פון אָנצוקוקן די אויסגעפּוצטע ווייבער, די פאַרשידענע לייוונטן, זיידנס, עכטע זיידענע זאָקן. זי האָט איר שוועגערין געהאַלטן אין איין אויסבייטלען. וואָס זי האָט געזען אויף אסתרן, האָט זי באַלד געוואָלט אָנמעסטן -- אירע זיידענע שאַלן, דעם פּריילינגס-מאַנטל, דעם שיינעם זילבערנעם פוקס. ניין, זי האָט עס נישט געוואָלט האָבן, זי האָט נאָר געוואָלט אָנמעסטן, די „בורזשואַזע קליידער”, איבערצייגן זיך, ווי זיי זעען-אויס אויף איר... ווי זיי פּאַסן צו איר פיגור... און אַ פיגור האָט

זי דווקא געהאַט, די באָלשעוויסטקע, אַ שיינע, דער זילבער-
נער פוקס האָט פּראַכטפול באַצירט איר הויכן שטאָלצן האַלז
און האָט באַלעבט אירע פּעך-שוואַרצע האָר, וואָס זי האָט
געטראָגן קורץ געשוירן און וועלכע האָבן זיך צעוואָרפן אין
אַ מבול פון נאַטירלעכע קליינע לאָקן. אסתר האָט זי אַ פּאָר
מאָל געפירט צום פריזירער, האָבן די האָר אירע, וועלכע האָבן
זיך נישט אויפגעהערט צו קרייזלען, זיך צעפינקלט, באַקומען
אַ גלאַנץ. אסתר האָט אויפגעלעבט... געפונען אַ באַשעפטיגונג
איר שוועגערין צו פּוצן. זי האָט זי געהאַלטן אין איין אָנטון
אין אירע קליידער, וואָס צו דער שאַנד פון דער באָלשע-
וויסטקע מוז געזאָגט-ווערן, אַז ליבקע האָט זיך געפרייט
מיט די בורזשואַזע איינריכטונגען, באַוואונדערט זיי — די
ווייבערישע העמדער, בלוזקעס, סטאַניקעס, קליידלעך, מאַנטלען,
און ווי אַ דורשטיגע, אַן אויסגעשמאַכטע האָט זי געטרונקען
דאָס זיידנס ביז צו שיכרות. ווי אַ הונגעריגער, וואָס האָט
יאָרן-לאַנג קיין ברויט נישט געזען, האָט זי אַ פּשוטע באַ-
דערפעניש געהאַט איר קערפּער צו באָדן אין זיידנס. זי האָט
זיך אַפילו געלאָזט צורעדן פון דער שוועגערין, וועלכע האָט
זי געוואָלט אויס ווילדע מאַכן, מיטצוגיין מיט איר אין טאַנץ-
לאָקאַלן, צוצוזען, מיט וואָס די קאַפּיטאַליסטישע, בורזשואַזע
וועלט אַמוזירט זיך... נאָר באַלד איז איר הונגער געזעטיגט-
געוואָרן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי עס שוין געענוג-
געהאַט. איר סאָציאַליסטיש געוויסן האָט זיך דערוועקט. זי איז
מיטאַמאָל פאַרשוואונדן, און נישט יודקעוויטש, נישט זיין ווייב
האָבן געקאָנט זי אויפזוכן, וואו עס געפינט זיך איר גע-
ביין. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי צוריקגעקומען, ווידער
אָנגעטון אין אירע ניכטערע, שוואַרצע, שלעכט-געשניטענע
קליידער פון גראָבן איינפאַכן פּויערישן שטאָף, אין וועלכע זי
איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, און האָט דערקלערט, „אַז די
בורזשואַזע איינריכטונגען האָבן איר דערעסן“.

זי האָט זיך באַקענט מיט אַ גרופּע חלוצים און חלוצות
אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע קלייבן זיך אַרויס-
צופאָרן אויף אַ דאָרף די ערד צו באַאַרבעטן, כדי פּאָרצו-
ברייטן זיך צו דינען ארץ-ישראל. זי וויל זיך אָנ-

שליסן אָן זיי, כּדי דורכצומאַכן די „הכשרה" און פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אָבער אונטער דעם שוואַרצן שלעכט־געשניטענעם קלייד האָט זי דאָך אַרויסגעוויזן אַ געטאָקטן פוס אין אסתּרס אַ פּאָר זיידענע זאָקן. פון יצר־הרע צו זיידענע זאָקן האָט זיך די באַלשעוויסטקע מער נישט געקאָנט באַפרייען...

## קאַפּיטל 5

# אַ קאָמוניסטישער סאַלאָן

אויף איינעם פון די אָוונטן, וואָס יודקעוויטש האָט איינגעאָרדנט אין זיין הויז פאַר זיינע לינק־שטייענדע פריינט, האָט זיין פון רוסלאַנד־געקומענע שוועסטער אויפגעשפּילט אַ חתונה, וואָס זיי וועלן עס האָבן לאַנג צו געדענקען. יודקעוויטש, וועלכער האָט זיך נישט אויפגעהערט צו רימען מיט דער באַלשעוויסטישער צוגעהעריגקייט פון זיינע ברידער, וועלכע געפינען זיך אין רוסלאַנד, האָט זיך אויך געוואָלט ווייזן פאַר זיינע פריינט מיט דער שוועסטער, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פון דאָרט. כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דער באָדן איז נישט זיכער, ליבקע איז מיט אירע אידעען נישט אינגאַנצן כשר, אַז זי בויגט־אָפּ פון דער ליניע, האָט געפערלעכע קאָנטררעוואָלוציאָנערע געדאַנקען — דאָך איז זי פאָרט נאָר־וואָס געקומען פון רוסלאַנד און האָט פאַרטרעטן, אַזוי צו זאָגן, דאָס סאָוויעטישע פאָטערלאַנד. אויף דעם אָוונט איז זי דווקא געווען אָנגעטון, נישט אין אירע פון רוסלאַנד־מיטגעבראַכטע קליידער, ווי עס וואָלט זיך אפשר געווען געפּאַסט פאַר דער געלעגנהייט, נאָר אין אסתרס בורזשואַזע מלבושים — אין אַ קורץ־געשניטן קליידל, וואו זי האָט געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצואווייזן אירע שיינע, באַזאָקטע פיס, מיט אַ רויטער זיידענער שאַרף פאַרוואָרפן אויף איר הויכן האַלז. אסתר האָט זי אָנגעטון פאַר מענטשנס־וועגן און זי האָט זיך געלאָזט. ווייל ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט:

„מיט בורזשוצן וויל איך זיין אַ בורזשויקע״. עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ פינף, זעקס לייט, וואָס קעניגסבערג האָט צו־זאַמענגעשלעפּט: דער געהילף־רעדאַקטאָר פון דעם לינקן זשור־נאַל, דער דייטש מיט די פּאָר רוסישע ווערטער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד און נישט אויפגעהערט צו קאָקעטירן מיט זיי, און וועלכער האָט שוין געהאַט פון יודקעוויטשן אַרויסגעקריגן אַ געוויסע סומע געלט און דערוואַרט נאָך אַ גרעסערע אונטערשטיצונג פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן; אַ וואַליוטע־סוחר, וואָס האָט אַ קליינע „וועקסל־שטוב״ אויף דער פרידריך־שטראַסע — אַ יונגערמאַן, וואָס האָט שוין אַלע געטער געדינט, שוין געווען אַן אָרטאָדאָקס, אַ ציוניסט, שוין געווען אין אַמע־ריקע, אין ארץ־ישראל און אויסגעפונען, אַז אַלץ איז בלאָטע, אַז די איינציגע האָפענונג פון דער וועלט איז די סאָציאַלע רע־וואָלוציע, און פאַר אים — אַ פּאַרטרעטערשאַפט אין דער רוסי־שער האַנדלס־מיסיע, נאָך וועלכן ער יאָגט זיך. ער האָט מיט־געבראַכט מיט זיך זיין ווייב, אַ באַפּליישטע, וועלכע האָט אָנ־געטון אויף זיך אַלע בריליאַנטן, כדי צו באַווייזן זיך פאַר אסתרן און איר די גאַל־אָפּדריקן... עס איז אויך געווען אַ גע־וועזענער רוסישער מענשעוויק — אַן עס־עראָוועץ, וואָס איז דווקא דאָ, אויף דער עמיגראַציע, געוואָרן גענייגט צום באָל־שעוויזם; דאַן דער מיסטעריעזער דייטש מיט ברילן, וואָס קעניגסבערג האָט אויפן וועג געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר נישט צופיל נאָכפרעגן וועגן אים. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז ער זאַמלט געלט אויף קאַקאַאָ פאַר די רוסישע קינדער — און מען באַדאַרף געבן... און דאַן נאָך אַ צוויי־דריי יונגעלייט, צווישן זיי — אַ ליטעראַט פון רעוואָלוציאָנערע דראַמען און דער בחור, וועלכער קלויבט זיך צו רעוואָלוציאָניזירן דאָס וועלט־טעאַטער. דער קליינער קעניגסבערג מיט זיינע אויגנגלעז־לעך (אַלץ איז ביי אים געווען קליין, אַפילו די צוויקערס זענען געווען צוגעפּאַסט צו זיין דינע נעזל) און זיינע קליינע שוואַרצע אויגעלעך, וואָס זענען אַרומגעלאָפן ווי די מייזלעך, און פונקט ווי זיינע אויגן, אַזוי איז ער אַליין מיט דעם קאָקטייל־„מיקסער״ אין דער האַנט אַרומגעלאָפן פון איינעם צום אַנדערן, קיין איין מינוט האָט ער נישט גערוט; דאָ האָט ער אַ וואָרט אַריי־

געוואָרפן, דאָ אַ וויץ, דאָ האָט ער דיסקוטירט מיט דעם הויכן רוס, דעם געוועזענעם עס-ער, וועלכער איז, אַגב, געווען טויב און געמיינט — ווי דער שטייגער פון אַלע טויבע — אַז קיינער הערט נישט און האָט צו קעניגסבערגן געשריגן אין אויער אַריין עפּעס אויף רוסיש, וואָס קעניגסבערג האָט נישט פאַרשטאַנען, נאָר גוטמוטיג, ווי ער איז געווען און מיט זיין באַרייטשאַפט צו דינען, האָט ער צו אים צוגעשמייכלט. קעניגסבערג האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון הויכן טויבן רוס, וואָס האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו אים דאָס אומפאַרשטענדלעכע רוסיש, ער האָט בעסער געוואָלט צוגיין אונטערהאַלטן זיך, אַמוזירן — ווי זיין שטייגער איז געווען — די באַלעבאָסטע פון הויז, ווייל זיין באַאָבאַכטנדיג אויג האָט אויפגעכאַפּט, אַז זי איז מיט עפּעס נישט צופרידן, זי לאַנגווייליגט זיך און מען באַדאַרף אַ שפּרונג-צו-טון מיט הילף... נאָר דער רוס האָט אים פעסט אָנגעהאַלטן ביי די פּאָלעס און נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים אַריינגעשריגן אין זיינע אויערן די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. ביי קעניגסבערגן זענען די הענט שיער נישט געפרוירן-געוואָרן פון דעם אייז-קאַלטן קאָקטייל-מיקסער, אָבער דער רוס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, ער האָט אים געמוזט אויסהערן אין רוסיש די גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי ער, דער עס-ער, האָט זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז די לעניניסטישע ליניע איז די ריכטיגע. פון תמיד-אָן האָט ער געהאַט אַ נייגונג צו איר, נאָר ער איז געפירט-געוואָרן דורך קאַפּריזן, ווי אַלע עס-ערן, געטאַנצט מיט איר אַ ברוגז-טאַנץ... „דאָס האָבן מיר דאָך געוואָלט, פאַר דעם זענען מיר דאָך אויף סיביר געגאַנגען. און ווען עס איז געקומען, האָבן מיר זיך דערשראָקן. איר פאַרשטייט, פּשוט זיך דערשראָקן דערפאַר...“

פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליצע אין דער ביבליאָטעק, אין וועלכער עס זענען געשטאַנען די דיקע בענדער פון מאַרקס' „קאַפּיטאַל“, איז געווען אָפן און מען האָט אַנטדעקט דעם קליינעם באַר...

גערעדט האָט מען ווי תמיד וועגן דער פאַררעטערישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועגן נאָסקען, וועלכער האָט איבערגעגעבן די רייכסווער אין די הענט פון די אַלטע גענעראַלן,

וועגן שיידעמאַנען און דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק עבערט, וועלכע זענען פאַרשטייט זיך, אויף סאָלד ביי סטינעסן ווען נישט זיי, וואָלט שוין לענגסט די ישועה געקומען און די סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָלט געקעניגט. מען באַדאַרף אַלדינג זעען צו טון, כדי זיי צו דיסקרעדיטירן אין די אויגן פון פּראָלעטאַריאַט...

— און איך זאָג אייך, אַז נישט הוגענבערג, נישט סטינעס, נישט לודענדאָרף, נישט היטלער איז דער שונא, נאָר שיידעמאַן, נאָסקע און עבערט! — האָט זיך דער געהילף־רעדאַקטאָר געקאָכט. — און דאָס איז אונזער אויפגאַבע דעם פּראָלעטאַריאַט צו באַווייזן!

— זיי שפּילן דיזעלבע פאַררעטערישע ראָלע ווי די עס־ערן אין רוסלאַנד, וועלכע זענען דערנאָך מיט דעניקינען געגן די סאָוויעטן געגאַנגען און דעם בירגערקריג אַרויסגערופן.

ליבקע איז געזעסן ווי אויף אָנגעגליטע קוילן. זי האָט אירע אויערן־און־אויגן נישט געגלויבט — ביי איר ברודער אַראָנטשיק, וועלכער האָט געפירט שאַכער־מאַכער מיט פּעטליורען און וועלכן מישע האָט מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט אַרומגעזוכט צו טויטן אים, ביי איר ברודער אַראָנטשיק, וועלכער זיצט אין בערלין און קויפט־אויף אין דער אינפלאַציע הייזער, פאַרדינט פון דער שפּעקולאַציע, וועלכער וואוינט און לעבט ווי אַ בורזשוי, דאָ אין דער וואוינונג, אַרום די מענטשן, אַט די נקבה מיט די בריליאַנטן, וואָס זיצט דאָ און די אַלע מענטשן דאָ — זאָל אַזעלכעס ווערן גערעדט און דיסקוטירט! ווי קומען זיי צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע? צום באָלשעוויסטישן רוסלאַנד? זי איז טאַקע אַ נאַציאָנאַליסטקע און אַן אינדיווידואַליסטקע און זי נויגט־אָפּ אינגאַנצן פון דער לעניניסטישער ליניע, וואָס איז איצט די סטאַלינישע, און זי איז געגן דער אומגערעכטיגקייט און נידערטרעכטיגקייט, וואָס ווערט געגן די פּויערן באַגאַנגען אין רוסלאַנד — אָבער נאָך אַלעם איז זי אַ סאָוויעטישע, אַ קאָמוניסטקע, וועלכע קלויבט־זיך דאָס צו באַווייזן אין ארץ־ישראל,—וואָס האָבן די מענטשן דאָ צו טון מיט סאָוויעט־רוסלאַנד? וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי צו רעדן וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע! וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי צו זידלען און

צו שעלטן סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן די אַרבעטער געדינט — די שפּעקוליאַנטן און מעקלער, מיט ווייבער אין בריליאַנטן!? אַך, ווער קאָן איצט מישען אַריינברענגען מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, אַז ער זאָל זיי דאָ וויזן, וואוהין זיי געהערן...

זי האָט זיך געביסן די ציין, איינגעהאַלטן זיך, צוגעהערט זיך, ווי איינער דערציילט וועגן סאָוויעט-רוסלאַנד, וועגן די פּויערישע קאָלעקטיוון, וואָס מען קלויבט זיך אין רוסלאַנד איינ-צופירן, און ווי די פּויערן זענען גליקלעך דעריבער און קומען מיט פּירלעך ברויט קיין מאָסקווע צום פּרעזידענט פון די סאָ-וויעט-רעפּובליקן, צום פּאָטערל קאַלינין, זייער דאַנק אויסדריקן...

— איר זענט דאָרט געווען, און איר האָט עס טאַקע געזען, ווי די פּויערן ברענגען די פּירלעך ברויט קיין מאָסקווע צום פּאָטערל קאַלינין? האָט איר נישט געהערט פון די רציחות, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט באַגייט געגן די פּויערן? — פרעגט זי דעם דערציילער.

— רציחות, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט באַגייט געגן די פּויערן?!

— יאָ, און די רציחהשע מיטלען, וואָס מען נוצט די פּויערישע בונטן איינצושטילן! אַך, ווען לענין וואָלט געלעבט, וואָלט עס צו דעם נישט געקומען!

— און די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען זענען בעסער? באַגייען זיך אָנשטענדיגער? און שיידעמאַן און עבערט? און מוסאָליני? ווען די סאָוויעטישע מאַכט באַגייט זיך שטרענג מיט אירע שונאים, איז עס אַ נויטווענדיג שלעכטס. אָן אַ נאַהייקע קאָנסטו נישט רעגירן. עס האַנדלט זיך נאָר, צי די נאַהייקע איז באַשטימט פאַר מיר אָדער פאַר מיינע שונאים. ווען די סאָוויעטישע רעגירונג טוט אַ נויטווענדיג שלעכטס, טוט זי עס פאַר מיר, פאַר אונז, פאַר די סאָוויעטן! — האָט זיך יודקעוויטש געקאָכט.

— פאַר אונז, זאָגסטו? — כאַפּט זיך ליבקע אויף און איז שוין רויטפלאַמיג, אירע שוואַרצע געקרייזלטע האָר צעפלאָ-שעט. — ווער זענט איר? אָט איר אַלע, וואָס האָט זיך דאָ צוזאַמענגעקליבן און אַריינגענומען אין שותפות סאָוויעט-רוס-

לאַנד ?! איר זענט דאָך אַ באַנדע שפּעקוליאַנטן, נידערטרעכטיגע אינפלאַציע-געווינלער, וואָס איר האָט זיך באַרייכערט אויף מענטשלעכן אומגליק! ווי קומט איר צו רעדן וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועגן די סאָוויעטן ? ווייסט איר, וואָס מען וואָלט מיט אייך געטון אין רוסלאַנד ? — דאָסזעלבע, וואָס מיין ברודער מישקע האָט געוואָלט טון מיט אים! — ווייזט זי אָן אויף איר ברודער אַראָנטשיק, — צום וואַנטל שטעלן! איר אַלע באַלאַנגט דאָך דאָרטן אַהין! אַ שאָד, וואָס מישקע האָט דיר נישט דענסטמאָל אַ קויל אין קאָפּ געשיקט, וואָלסטו פאַרשפּאָרט מענטשן שלעכטס צו טון! און זיי רעדן דאָ וועגן סאָוויעטן!... איך האָב טאַקע מיינע חשבונות מיט דער סאָוויעטישער מאַכט, נאָר איך בין אַ סאָוויעטישע און איך וועל אייך נישט לאָזן דאָ די סאָוויעטישע מאַכט אַריינציען אין אייער שמוציגער שפּעקולאַציע!...

אַ טויט-שרעק איז זיי אַלעמען באַפאַלן. בלייך ווי די וואַנט איז דער קליינער קעניגסבערג געבליבן שטיין מיטן קאַלטן מיקסער אין דער האַנט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, נאָר אַן אַנגסטלעכע שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט פאַר אירע אמתע באָלשעוויסטישע אויגן, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען אויף דער וואָר.

— מיר וואָלטן זיך מיט אייך נישט געשפּילט אין רוסלאַנד! — האָט ליבקע דערהויבן די האַנט צום קליינעם קעניגסבערג און אַ פראַסט איז אים פון אירע ווערטער דורך די ביינער אַדורכגעגאַנגען.

— מיר לעבן אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, — האָט דאָס פּיפּיגע יידל געפּרווט רעדן, נאָר ליבקע האָט אים שוין נישט געלאָזט צום וואָרט קומען.

— צי אין אַ סאָציאַליסטישער, צי אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, — איר זענט אַלע גנבים, שפּעקוליאַנטן, ווי ער — צום וואַנטל מיט אייך אַלע!

נאָר דער איינציגער, וואָס האָט זיך נישט דערשראָקן און נישט נאָכגעגעבן, איז געווען יודקעוויטש.

— יאָ, נו וואָס איז, ווען מישע וואָלט מיר דענסטמאָל אַ קויל אין קאָפּ געגעבן, וואָלט איך עס ווערט-געווען. איך

האָב נישט קײן מורא צוצוגעבן, אַז דאָס, וואָס איך טו, איז אַ נידערטרעכטיגע, געמײנע אומפּראָדוקטיווע בורזשואַזע באַשעפטיגונג, וואָס אין סאָוויעט-רוסלאַנד באַדאַרף מען דערפאַר טאַקע צום ווענטל שטעלן. אָבער דאָ אין דער פאַרפוילטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, בײ דער פאַררעטערישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, באַדאַרף מען טאַקע אַלץ טון, כּדי צו דיסקרעדיטירן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. איך דין, אַזוי צו זאָגן, דאָ דעם באָלשעוויזם אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן פראָנט! מיטן פּנים שטענדיג געווענדט צום פּראָלעטאַריאַט. מיר שטײען, אַזוי צו זאָגן, אין דער לעניניסטישער ליניע...

פון די ווערטער האָבן אויך די אַנדערע מוט געקריגן.

— אין סאָוויעט-רוסלאַנד וואָלטן מיר געווען אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט, דאָ אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג מעגן מיר אַלץ טון, כּדי אונטערצוגראָבן דאָס פאַרפוילטע סיסטעם! — האָט דער צווייטער שפּעקוליאַנט נאָכגעברומט יודקעוויטשן.

נאָר פון וועמען ליבקע האָט געקריגן דעם ריכטיגן אָפּשניט, איז עס געווען פון טויבן עס-ער, וועלכער האָט דווקא אויף דער עמיגראַציע צוריקגעפונען זײן וועג צו דער רעוואָלוציע. ער האָט יודקעוויטשעס געדאַנק פאַנאַנדערגעוויקלט און אים אַוועקגעלײגט טעאָרעטיש, לויט די עס-ערישע דיסקוסיע-מיטינגען.

— דאָס וואָס די חברטע זאָגט איז עכטע קאָנטררעוואָלוציע. אויך מיר האָבן זיך אַמאָל מיט אַזעלכע פאַלשע געדאַנקען אַרומגעטראָגן, און דאָס האָט אונז אַוועקגעפירט פון דער לעניניסטישער ליניע. די חברטע גײט-אַרויס פון דעם בורזשואַזיש-ליבעראַלן, אינדיווידועלן מאָראַל-שטאַנדפּונקט. מאָראַל אַלס אַזעלכעס עקזיסטירט נישט, דאָס איז אַן אײנרעדעניש פון דער צום אונטערגאַנג-פאַראורטײלטער בורזשואַזער וועלט, אַן איבערבלײבעכץ פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם, וואָס די פּריצים מיט דער הילף פון דער קירך האָבן געהאַלטן אין אײן אָפּשרעקן די מאַסן, כּדי צו טאַמעווען דעם רעוואָלוציאָנערן כּוח פון בונטעווענדיגן פּראָלעטאַריאַט. מען האָט געהאַלטן אין אײן פאַרסמען דעם זיך וועקנדיגן רעוואָלוציאָנערן כּוח פון די אונטערדריקטע מאַסן מיט רעליגיע און מאָראַל. וואָס עס עקזיסטירט

יאָ, איז עס די מאָראַל פון קאָלעקטיוו, פון סיסטעם. ווען דאָס סיסטעם איז אַזעלכעס, וואָס זאָרגט פאַר די נויטן פון גאַנצן קאָלעקטיוו, און איך זינדיק מיט מיינע מעשים געגן די אינטע־רעסן פון קאָלעקטיוו, איז עס אַ פאַרברעך, פאַר וועלכן מען דאַרף מיך שטראָפן. אָבער ווען דאָס סיסטעם איז אַזעלכעס, וואָס זאָרגט נאָר וועגן די אינטערעסן פון יחיד און דאַגעגן דריקט עס אונטער די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן, איז אַלץ וואָס איך טו, כדי צו דיסקרעדיטירן דאָס סיסטעם, כדי צו שעדיגן דאָס סיסטעם, נישט קיין פאַרברעך, נאָר פאַר־קערט — אַ דינסט דער רעוואָלוציע. יאָ, איך וואָלט אַפילו געזאָגט, אַ מצווה פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. און וואָס אָנבאַטרעפט „מאָראַל״ — איז דאָס גאָרנישט. דאָס איז אַן אַלטער בורזשואַזער באַגריף. אין אונזערע לעקסיקאָנען, אין דעם לעקסיקאָן פון דער וועלט־רעוואָלוציע, געפינט זיך נישט אַזאַ וואָרט...

דער דייטש, וועגן וועלכן מען האָט נישט געטאָרט זיך צופיל נאָכפרעגן, וואָס האָט ביז־איצט גאָרנישט געטון, נאָר געהערט און געשוויגן, איז אומרואיק־געוואָרן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט וואָס מען האָט גערעדט, ווייל דאָס גע־שפרעך איז געפירט־געוואָרן אויף רוסיש, און עס איז אים אויך נישט אָנגעגאַנגען. דאָס איינציגע, אין וואָס ער האָט זיך אינ־טערעסירט, איז געווען אין דער זאַמלונג פון דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־הילף אויף קאַקאַאָ פאַר די רוסישע קינדער. ער האָט געמיינט, אַז ליבקע רעדט געגן דער זאַמלונג אויף קאַקאַאָ פאַר די רוסישע קינדער, ווייל די דייטשע קינדער נויטיקן זיך אין דער קאַקאַאָ נישט ווינציגער ווי די רוסישע, איז ער נערוועז־געוואָרן און האָט אויפגעעפנט זיין מויל:

— דווקא איצט, ווען מיר אַליין אין דייטשלאַנד זענען צוגעקומען צו דעם צושטאַנד, צו וועלכן די פאַררעטערישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט דאָס לאַנד צוגעפירט, מוזן מיר אַרויסווייזן אונזער סאָלידאַריטעט מיט די רוסישע ברידער, און מיר באַדאַרפן שיקן לעבנס־מיטל פאַר די רוסישע קינדער.

נאָר קיינער האָט אים שוין נישט געהערט. ווייל אין ליבקען האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ ריכטיק פייער. זי איז

געשטאַנען ווי אַ פּוריע מיט אירע צעפּלאָשעטע געקרייזלטע האָר און פייער־שיטנדיגע אויגן, האָט זי מיט אַ פאַרביטערטן כּעס אויף דער געזועלשאַפט זיך אַרומגעקוקט. די ווערטער פון עס־ער האָבן זי אונטערגעצונדן.

— הם... קיין מאָראַל איז נישטאָ, אָבער פאַרברעכן איז יאָ דאָ! אַלץ וואָס איר טוט און רעדט, צי דאָס איז אין אַ סאָציאַליסטישער אָדער אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, איז עס פאַרברעכן געגן די אינטערעסן פון די מאַסן. נישט נאָר בלויז אָט די שפּעקוליאַנטן, נאָר אייך אַלעמען דאָ... כּע, רעוואָלוציאָנערן רופט איר זיך? גנבים זענט איר, זשוליקעס, וואָס ווילן אָפּלעקן אַ ביינדל ביי די שפּעקוליאַנטן און דערפאַר כּשרט איר זיי — צום װענטל מיט אייך!

און זי האָט גענומען אסתּרס פוטערנעם פוקס און גע־געבן אַ רייס אַראָפּ פון איר האַלז און אַ וואָרף־געטון אויף דער ערד:

— צום טייוול מיט אייער גאַנצער בורזשואַזער „אָבסטאַ־נאָווקע”!

און זי איז שוין נישט געווען.

---

נאָר אַן ענדע פון יודקעוויטשעס קאָמוניזם האָט געמאַכט נישט קיין אַנדערע, ווי נאָר זיין ווייבל אסתּר.

— הער־נאָר, יודקעוויטשל, — האָט זי צו אים געזאָגט נאָך דעם סקאַנדאַליעזן אָוונט. — מער זאָלסטו מיר די לייט אין שטוב נישט אַריינברענגען. און מיט דיין קעניגסבערג וועל איך די טיר אויסהאַקן, און דו זאָלסט דיך מער מיט די לייט־לעך נישט חברן. דיין שוועסטער האָט רעכט — אָדער מען איז אַ שפּעקוליאַנט אָדער מען איז אַ באָלשעוויק, ביידע צו־זאַמען קאָן מען נישט זיין. און ווי צו דיינע יאָרן, אַז דו זעסט נישט, אַז זיי ווילן נאָר פון דיר די פּאָר גראָשן אויס־גענאַרן... אַנישט מיינען זיי דען באָלשעוויזם? נאַר, דער גוי איז טריף אָבער זיין גראָשן איז כּשר!

און זי איז צוגעגאַנגען צום ספרים־אַלמער, אויפגעעפנט די בלינדע פּאָליצע, הינטער וועלכער עס זענען געשטאַנען די

פלעשער מיט שנאַפּס, וואָס קעניגסבערג האָט אַזוי קונציג איינ־געאָרדנט, געגומען די פלעשער און געוואָרפן אָן דער ערד.

— אָדער מען האָט ספרים אָדער מען האָט אַ שענקל! ביידע צוזאַמען קאָן מען נישט האָבן. ביי מיין טאַטעשי איג־דערהיים איז אַ ספרים־אַלמער געווען אַ ספרים־אַלמער, און ביי מיין ערשטן מאַן אויך!... — האָט זי אים ביין אַנגע־קוקט...

קאַפּיטל 6

# איינער אַליין

און דאָך איז דער פרילינג געקומען. ער האָט איבער דער הונגעריגער שטאָט געטאַנצט זיין ווילדן יוגנטלעכן חתונה־טאַנץ, ווי צום געלעכטער און צו שפּאָט פון דער באַפעלקע־רונג. מיט ליידיגע מאָגנס האָבן די גאַסנקערער אויסגעפּירט מיט דייטשן פליכט־געפיל זייער דינסט. די בערלינער גאַסן האָבן זיך געשפּיגלט פאַר זויבערקייט. די טראַמווייען זענען געלאָפן צווישן זאַרגפעלטיג־געפלעגטע גראָז־בייטן, אין וועלכע די אייזערנע שינעס זענען געווען אויסגעבעטעט. מיט האַרץ־ווייטאָג האָט מען צוגעקוקט, ווי די שווערע וואַגאָנעס שטרייכן די יונגיטשקע „בלויע אויגלעך", וואָס האָבן געבליט ביי די ראַנדן פון די גראָז־בייטן. עס זענען אַראָפּגעהאָנגען די פאַנאַנדער־געבליטע רויטע געראַניעס פון די עלעקטרישע סלופּעס און לאַמטערן. אין די פּרינציפּאַלע גאַסן, די געגנט אַרום טיער־גאַרטען, איז די לופט געווען אַדורכגענומען מיט אַקאַציע־ און יאַשמין־געשמאַק...

די קאַפע־הייזער זענען געווען איבערגעפּולט מיט פרילינג־באַלעמוטשנדיגן פּובליקום. אין די נאָכמיטאָגס האָט מען קיין פּלאַץ נישט געקאָנט געפינען. עס זענען פאַראַן־געווען אין בערלין גענוג מענטשן אין דער צייט פון דער אינפלאַציע, וואָס האָבן געקאָנט באַווייזן די קונסט פון מאַנעווורירן זייערע בערזע־שפּעקוליאַציעס, וואָס יעדער אין דייטשלאַנד איז געווייט־

געוועזן צו טון, ווען ער האָט זיך געוואָלט פאַרגינען אַן עכטן מאָקאַ אָדער דאָס באַליבטסטע מאכל פון די בערלינער — שאָקאָלאַדן-טאָרט מיט שלאַגזאַנע, געמאַכט פון ערזאַץ, וואָס די דייטשע געלערנטע האָבן אויסגעטראַכט מיט קליגשאַפט. פיל קאַפע-הייזער, איבערהויפּט אין דער וועסט-זייט, האָבן שוין געהאַט לויטן פאַריזער שטייגער איינגעפירט צו סערווירן אין קליינע גערטנדלעך אינדרויסן אויפן טראָטואַר. דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פיל גאַסן-קלויבערס זיך צונויפצוזאַמלען פאַר די קאַפע-טראָטואַרן, כדי אויפצוקלויבן דעם אָפּפאַל פון די ציגאַרעטן און ציגאַרן, וואָס די גליקלעכע דערינען אין קאַפע-הויז האָבן זיי צוגעוואָרפן. די אָפענע קאַפע-הייזער האָבן אויך צוגעצויגן אויסגעדאַרטע ווייבער און פאַרחלשטע הונגעריגע קינדער, וועלכע האָבן מיט עכטער דייטשער אָרנטלעכקייט זיך געהאַלטן אין אַ געהעריגער דיסטאַנץ פון די געסט און באַגנוגן זיך געלאָזט מיט אָנשמעקן זיך פון די אָנגענעמע ריחות פון פרישער קאַווע אָדער אָנקוועלן זיך מיט דעם אָנבליק פון דער ערזאַץ-געמאַכטער שלאַגזאַנע, וואָס ווערט אינעווייניג סערווירט פאַר די אויסדערוויילטע, און איינצושלינגען דאָס אייגענע שפּייעכטס און דערנאָך זיך פונאַנדערצוגיין...

אַן אַנדערשמאָל אין דער צייט איז די איינציגע טאָכטער פון פּריוואַט-געלערנטן און הויז-אייגנטימער פאָן סטיקער, די פרייליין לאָטע פאָן סטיקער, געריטן יעדן פרימאָרגן אין טיערגאַרטען, אַדורכגעווינדיגט פון די פריילינג-דופטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די בליענדע ליפּעס, סאָסנעס און קאַשטאַנען-ביימער, רייטערין און פערד אויפגעטרייסלט יעדן טראָפּן בלוט דורך דעם פלינקן גאַלאָפּ איבער די אָפּגעלעגענע, קוסטעס-באַוואַקסענע וועגן פון טיערגאַרטען, איז זי אַהיימגעקומען אַ צעוואַרימטע, אַן אויפגעברויזטע מיט אַ זיסער מידקייט אין אירע אינערלעכע גלידער און אויפגעפרישט זיך מיט פרייד אין אַ קאַלטן מאָרגן-באָד. נאָך היינט, אַז עס קומט דער פריילינג, פילט זי זיך ווי אַ יונג פערדל, איינגעשלאָסן אין שטאַל, וואָס הירזשעט און קלאַפּט מיט די פיס און וויל אַרויסגיין אויף דער פריי. איר גאַנצער קערפּער וויגט זיך און בענקט נאָך דער אויפטרייסלונג פון פערד-טריט. אירע נאָזדרעס לעכצן נאָך דעם

פערד־געשטאַנק און פערד־שווייס... היינט זיצט פרייליין לאָטע פאָן סטיקער אין דער ווייבערישער קליידער־אַטעליע אויף לייפּציגער שטראַסע, מיט אַ קלינגענדיקן פראַנצויזישן נאָמען „מינעט״, מיט אַנדערע רוסישע אָדער דייטשע אַריסטאָקראַטקעס און וואַרט אויף איר רייע אָנצוטון זיך, כּדי זיך צו באַווייזן מיט גראַציעזער באַוועגונג און ריטמישע טריט פאַר אַ רייכער קונדין... אירע שיינע לאַנגע בלאָנדע האָר, איר יוגנטלעכע גוט־געהאַלטענע, באַוועגלעכע געשטאַלט האָט זי געמאַכט פאַר אַן אויסגעצייכנטן כּלה־מאַנעקין, און מען האָט אויף איר אָנגעמאָסטן די חופּה־קליידער, וואָס רייכע כּלות האָבן באַשטעלט אַלס אויסשטייער אין דער פּרויען־אַטעליע. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זי געהאַלטן אין איין אויספּוצן אין ווייסע חופּה־קליידער, מיט לאַנגע שלעפּעס און וואוּאַלן, און זי האָט זיך געהאַלטן אין איין ווייזן מיט גראַציעזע טריט פאַר אַנדערע כּלות... פאַרנאַכט, ווען זי איז אַרויסגעקומען פון אַטעליע, האָט שוין אויף איר געוואַרט איר פריינד האַנס באָדענהיימער. זיי האָבן צוזאַמען ביי אַשינגערן געגעסן וואורשטלעך מיט קרויט, געגאַנגען צוזאַמען אויף קאָנצערטן, געאיילט זיך צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אָדער אַ שפּאַציר דורך דעם טיערגאַרטען. בלויז איין זונטאָג האָט מען גענוג צייט געהאַט אַרויסצוקומען פון שטאָט קיין וואַנזעע צו כאַפּן אַ שווים און צו וויגן זיך אין אַ שיפל איבער דעם טייך, אָדער מאַכן אַ שפּאַציר אין די וועלדער אַרום דער שטאָט.

געלעבט האָט מען דערפון, וואָס אַביסל האָט זי פאַרדינט פון איר שטעלע, מערסטנס אָבער פון דעם געלט, מיט וועלכן זיין פאָטער, דער באַנקיר מאַקס באָדענהיימער האָט זיי געשטיצט. האַנס באָדענהיימער, אַזוי ווי ער איז נאָר אַוועק פונדערהיים, האָט ער געפּרואווט אויסצוקומען אָן דעם פאָטערס הילף. ער האָט באַקומען אַ באַשעפטיגונג אין אַ וואַרנהויז, אָבער ער האָט דאָך געמוזט באַלד צוריקגיין צו זיין איבערגעריסענעם סטודיום אין אוניווערזיטעט. איינמאָל, ווען ער איז אַהיימגעקומען צו זיך אין פּאַנסיאָן, וואו ער האָט געוואוינט מיט לאָטען, איז ער איבעראַשט־געוואָרן, טרעפנדיק ביי זיך

אין צימער זיין פאָטער, דעם באַנקיר מאַקס באָדענהיימער, וועלכער האָט אויף אים געוואַרט.

— איך בין געקומען, ווייל איך האָב געהערט, אַז דו האָסט איבערגעריסן דיין סטודיום. איך זע נישט איין קיין שום אורזאַך, פאַרוואָס דו זאָלסט נישט ווייטער שטודירן, — האָט דער פאָטער געזאָגט קאַלט, נישט־געבנדיג אים אַפילו די האַנט.

— אָבער פאָטער...

— איך וויל פון קיין „אָבער” נישט וויסן. די באָדענ־היימערס — וואָס עס איז פון זיי שפּעטער נישט געוואָרן — האָבן זינט דריי דורות דורכגעמאַכט אַקאַדעמישע בילדונג. דיין אויסקום וועט דיר וועכנטלעך אויסגעצאָלט־ווערן פון באַנק, אָדער דו קאָנסט דיין געלט באַקומען דורך דעם אָנקל אַדאָלף. איך פאַרלאַנג פון דיר, זאָלסט זאָפאָרט צוריק אָנהייבן גיין אין אוניווערזיטעט!

— אָבער, פאָטער!...

— איך האָב דיר געזאָגט, מיך אינטערעסירט נישט צו וויסן, וואָס דו טוסט, מיט וועמען דו ביסט. דאָס איינציגע, וואָס איך וויל וויסן, איז — צי מיין זון שטודירט. דאָס איז אַלץ, וואָס אינטערעסירט מיך. אַ גוטע נאַכט!

און אַזוי ווי ער האָט דעם זון אָן האַנט־דריק באַגעגנט, האָט ער אים אויך אָן האַנט־דריק פאַרלאָזט, בלויז מיט אַ קנאַפּן קאָפּ־פאַרבויג, מיליטעריש, אַזוי ווי דער טאָן פון זיין רעדן.

האַנס האָט נישט געוואָגט זיין פאָטערס באַפעל זיך אַנט־געגנצושטעלן. ער איז ווידער געגאַנגען אין אוניווערזיטעט.

---

האַנס איז געווען אַ קינד פון נאָכן קריג. אָן אַן אי־דעאַל. די וועלט איז נאַר־וואָס געהאַט אַרויסגעקומען פון דער פינסטערער נאַכט. פון די פעלדער איז נאָך אויפגעגאַנגען דאָס געשריי פון די חללים, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַן ענטפער: פאַרוואָס און צוליב וואָס זענען מיר געטויט־געוואָרן? דער נאַציאָנאַלער געדאַנק, וואָס איז געווען דער הויפּט־פאַקטאָר צוריקצורופן די קליינע אונטערדריקטע נאַציעס צום לעבן,

האָט איצט ביים רעאַליזירן זייערע ווייטגייענדיגסטע פּאַטריאָטישע אַספּיראַציעס נישט באַפרידיגט זייערע אַפּעטיטן, נאָר פאַרקערט. די שטודירנדיגע יוגנט, וועלכע איז פאַרן קריג געווען דער טרעגער פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, איז איצט פאַרשיכּורט-געווען פון די נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען, איז געוואָרן דער טראָגנדיגער כּוח פון שאָוויניזם, האָט אָנגעהויבן צו חלומען פון נאַפּאָלעאָנישע נצחונות... זיי זענען טראָגנדיג געוואָרן מיט דער משוגעת פון גרויסמאַכט, מיט וואונשן פון דעראָבערן נייע לענדער און אונטערדריקן פרעמדע פעלקער. אין זיין אייגן לאַנד האָט האַנס אַרום זיך געפילט, ווי אַ נבלה וואָלט ערגעץ-וואו געלעגן און פאַרשטונקען די לופט... דורך מלחמה און איבערקערענישן, צעפירטע פאָרמען, צעשטערטע אמתן, אויסגעלאָשענע אידעאַלן, איז אַלדאָס אוממעגלעכע מעגלעך געוואָרן... אַן אינפלאַציע פון מאַטעריעלע און גייסטיגע גיטער. עס האָט אויפגעהערט צו הערשן יעדע אויטאָריטעט. עס האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען פון דער צעמישונג פון די באַגריפן, עס זענען מער נישט געווען קיין פעסטע אָנגענומענע אמתן, דורך וועלכע מ'קאָן מעסטן ווערטן. אַלץ איז רעלאַטיוו, אַלץ איז אין אַ צעשווימענדן צושטאַנד. פונדאַמענטאַלע אָנגענומענע אמתן ווערן אַריינגעגאָסן אין עגאָיסטישע פאָרמען, צוגעפּאַסט פאַר היפּאָקריטישע דעמאַגאָגישע הערשער-זוכנדיגע שפּעקולאַנטן. עס איז נישטאָ קיין פעסט-שטייענדיגער שטערן אין הימל, וואָס זאָל זיין דער אָנווייז פאַר דער מאָראַלישער נאַוויגאַציע... אין דעם צושטאַנד האָט די יוגנט געבענקט נאָך אַ פיזישער רוט, וואָס זאָל זי אָנטרייבן, ווי די פאַרווירטע שעפּסן אונטער אַ דאַך. די רוט האָט זיך באַלד געפונען: דער אַלטער אָפּגאָט, דער אַלטער מולך — דער אַבסאָלוטיזם, וואָס האָט שוין אַזויפיל פאָרמען געטראָגן, כּדי אויפצופרעסן, צו פאַרשקלאַפן דעם יחיד, האָט געפונען אַ ניי כּישוף-קלייד — דעם שטאַאַט; שפּעקולאַטיווע אַוואַנטוריסטן, אין מלחמה- און איבערקערעניש-געפאַרן אויסגעגליטע נאַטורן האָבן קונציג דאָס פאַרפירערישע כּישוף-וואָרט „שטאַאַט“ אויף זיך אָנגעקליידט. דער שטאַאַט איז נישט מער קיין באַגריף פון אָרגאַניזאַציע, וואָס דינט אַ קאָלעקטיוו, נאָר דער שטאַאַט — לויט דעם שפּרוך פון די אַלטע טיראַנען:

„דער שטאַט — דאָס בין איך!” ס׳איז געוואָרן אַ פּערזאָניפּי־קאַציע פון צווייפלהאַפטע, שאַרלאַטאַנישע אינדיווידואומס וועלכע האָבן געוואוסט צוצוואוואָרפן דעם הונט — די מאַסן—אַ פאַרגיפטעטן וואורשט אין דער פאָרם פון עגאָלסטישע, רויבעריישע און אומאויספירבאַרע האָפענונגען... פעלדפעבל־יונגען האָבן דעם געשמאַק פון קאַזאַרמע־גייסט, וואָס זיי האָבן געטראָגן מיט זיך, פאַרשפּרייט אויף די העכסטע לערן־אַנשטאַלטן, וואָס האָבן פון תמיד־אָן געדינט צום פאָרטשריט, צו לערע און הומאַניטעט. אַ מגפה פון גייסטיגן זעלבסטמאָרד האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע יוגנט, צו פאַרניכטן מיט זייערע אייגענע הענט יעדע שפּור פון אינדיווידועלער פרייהייט, פון אומאָפּהענגיגן דענקען, — וואָס דאָס איז דער קוואַל פון פּערזענלעכקייט,—כדי זיך איינצושפּאַנען אין דעם רייטוואָגן, וואָס גאָטלאָזע יונגען האָבן אָנגעטריבן, צו פירן זיי צום ציל פון זייערע גאַוועהדיגע אַמביציעס... די יוגנט האָט מיט פאַרגעניגן צעפירט איר גייסטיג רייכטום, זי האָט געלעכצט געפּרעסן־צו־ווערן פון אַמביציעזע, סקרופּעללאָזע, דעמאַגאָגישע חיות... יעדע מיטלאון הויכשול, שוין יעדער קינדער־גאָרטן איז פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ פאַרשטונקענער קאַזאַרמע. אָנשטאָט לערע און גאָטספאָרכטיגקייט זענען זייערע הערצער און מוחות אָנגעשטאָפּט־געוואָרן מיט גאַז־סמים פון שנאה, פאַנאַטיש־שאָוויניסטישע פּוסט־גאַוועהדיגע איינרעדענישן. זיי האָבן מיט ליבע אויף זיך גענומען די קאַזאַרמישע דיסציפּלין, וואָס איז אין זיי אַריינגעשמיסן־געוואָרן דורך פאַטריאָטישע פאַרשטונקענע גאַזן... פאַר דעם פּרייז פון קאָנען טראָגן קנעפּלעך און אויסערלעכע אָפּצייכנס, וואָס פּיפּיגע יונגען האָבן זיי באַשאָנקען, האָט אַ גאַנצע יוגנט אַ תל־געמאַכט פון איר מאָראַלישן באַשטאַנד און איר גייסטיגן רייכטום, נאָר כדי צו קאָנען וועמען דינען, וועמען אָנצוגעהערן. עס איז געווען, ווי פון איין זייט האָט איין טייל פון דער באַפעלקערונג געלעבט אין גייסט פון פּסוק: „היינט לאָמיר פרעסן, היינט לאָמיר טרינקען, וואָרים מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן”, האָט פון דער צווייטער זייט—די יוגנט—מקיים־געווען אויף זיך דעם פּסוק: „עס וועלן אָנכאַפּן זיבן ווייבער אין איין מאַן און וועלן זאָגן — אונזער ברויט וועלן

מיר עסן, אונזער וואַסער װעלן מיר טרינקען, נאָר דײַן נאָמען זאָל אָנגערופן װערן אויף אונז״...

עס זענען אָבער פאַראַן נאַטורן, װאָס קאָנען נישט עקזיסטירן אָן דער נאָענטקייט פון גאָט... מעגן זײ אין זײער פּערזענלעכן לעבן און אין זײער אויפפירן זיך בלאָנדזשען און אירן, מעגן זײ אין זײער טון נאָך װי אַזוי נישט גערעכט־זײַן, — זײ מוזן אָבער פילן, אַז עס איז דאָ עמעץ, װעמען מען איז שולדיק דין־וחשבון... אַז עס איז דאָ עפּעס אײביקס און אויסער אונזער באַגריף עקזיסטירנדיקס, גײַסטיקס, מיט װעלכן מיר זענען פאַרבונדן מיט אומזעבאַרע באַנדן, און דאָס גאַנצע טון־און־טראַכטן װעגט זיך און מעסט זיך לויט די אײביקע װערטן, װאָס די גײַסטיקײט האָט פאַר אַלע צײַטן פעסטגעשטעלט. צו די נאַטורן האָט געהערט האַנס באַדענהײַמער. אמת, ער האָט פון זײַן פאָטערס הויז נישט מיטגעבראַכט מיט זיך קײן גרויסן באַגאַזש פון רעליגיעזן רײַכטום. ער איז כמעט דערצויגן־געוואָרן אָן אמונה, אַ חוץ די פון שול אוי־בערפלעכלעך־אויסגעלערנטע קאַטעכיזמען, װאָס זײַן לוטעראַנישע אמונה האָט אים פאַרפליכטעט; נישט דערצויגן־געוואָרן אין קײן שטרענג־רעליגיעזער דיסציפּלין, האָט ער דאָך צוליב דעם עטישן, האַרמאָנישן לעבן, װאָס זײַנע עלטערן האָבן געפירט, נאָך מער — צוליב דער טיפער רעליגיעזער צוגעהעריקײט, װאָס האָט אומבאַוואוסט געלעבט אין זײַן בלוט, געפלעגט אין זײַן האַרץ אָן אמתע גאָטספאַרכטיקײט, אַ טיפע הכנעהדיקײט און אַ פעסטן גלויבן אין דער געטלעכקייט, װאָס איז אַרויס־געגאַנגען איבער די גרענעצן פון אײנצלנע אמונות און קאָנפעסיעס, האָט אַרויסגעשטראָמט פון דעם העכערן גלויבנס־געפיל אין דער אײביקײט, װאָס יעדע רעליגיעזע נאַטור באַזיצט. דאָס רעליגיעזע געפיל, אומבאַוואוסט אָדער באַוואוסט, איז אַ פאַנצער אין געפאַר, אַ שוץ אין נויט, מער פון אַלעם אָבער — אַ װעגװײַזער, אַ פעסטגעזעצטער שטערן אין מאָראַלישן הימל, לויט װעלכנס ריכטונג עס לענקט דער מענטש די שיף פון זײַן געוויסן... בײַ מערסטע מענטשן איז דאָס רעליגיעזע גע־פיל אין דער יוגנטלעכער צײַט אומבאַוואוסט, עס קומט ערשט, װי די חכמה, מיט דער עלטער. אויך בײַ האַנס באַדענהײַמער

איז דאָס געפיל געווען אומבאַוואוסט, געגן זיין ווילן אָפילו האָט עס אים באַשיצט, ווי אַ מוטער איר שלאָפנדיג קינד, און האָט געלענקט זיין לעבן...

דאָס רעליגיעזע געפיל פאַרלאַנגט אָבער שפייז, די שפייז, וואָס האַנס האָט באַקומען, האָט נאָר געקאָנט אָפּטויטן מיט איר גיפט יעדן גלויבן אין בעסערן און שענערן...

מיט וועמען פון זיינע חברים ער האָט נאָר גערעדט, איז יעדער געווען פאַרכאַפּט פון דער קאָלעקטיווער סטאַדע-אידעע, וואָס האָט ווי אַ מגפה אַרומגעכאַפּט די גאַנצע יוגנט. יעדע באַוועגונג האָט די אידעע באַקליידט מיט דעם פאַלשן בלישטשענדיגן מאַנטל פון אידעאַליסטישן סאָציאַלן שטאַאַט, וואָס איז געווען דער ענד-ציל פון דער שטרעבונג. דער אי-דעאַלער סאָציאַליסטישער שטאַאַט איז אָבער אָפּגערוקט-גע-וואָרן אויף משיחס צייטן... דערווייל האָט די אידעע פאַר-ניכטעט יעדעס מענטשלעכע געפיל, יעדע אייגענע שעפערישע פערזענלעכקייט... צעשטערט יעדן אָנגענומענעם אמת, אויסגע-לאָשן יעדע שפור פון פּרימיטיווער גערעכטיגקייט, דערצויגן אָנשטאָט דעם אַ סטאַדע-געפיל. אונטער דעם נאָמען פון פאַר-שידענע געטער — אין נאָמען פון אַ „סאָציאַלער רעוואָלוציע", פון אַ „קאָמוניסטישן שטאַאַט", אין נאָמען פון אַ „הערן-פאָלקס-געפיל", „איבער-מענטש-אידעע פון דער אויסגעווײלטער ראַסע", איז דער יחיד באַפרייט-געוואָרן פון יעדער פערזענלעכער מאָראַלישער פליכט. קיין שום מיטל איז נישט צו טריף, זיך אָפּצושטעלן דערפאַר. יעדער אויסוואורף האָט גאָרנישט מער באַדאַרפט טון, נאָר צו אָנערקענען זיך צו אַ וועלכער ס'איז אידעע, כדי צו האָבן די געלעגנהייט דעם שמוץ פון זיין האַרץ אַרויפצוּוואַרפן אויף זיינע מיטמענטשן, צו דערטרינקען אין זיין שפייענדיגן ים פון שנאה יעדן אייגעם, וואָס באַקענט זיך נישט צו זיין אָפּגאָט, אָדער איז נישט פון דער אָפּשטאַ-מונג פון זיין בלוט... אַ קאַניבאַלישער שבט-שטאָלץ האָט אָנגעפולט די הערצער פון דער יוגנט אָנשטאָט אַ גאָטס-פאָרכטיגקייט.

ניין, ער האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין פריינד, קיין חברים צווישן זיינע מיטשילער. האַנס באַדענהיימער מיט

זיינע לעבעדיגע, לוסטיגע איין-און-צוואַנציג יאָר האָט זיך אַרומגעדרייט אַן איינזאַמער, אַן אַרויסגעשטויסענער פון זיין וועלט. ער איז נישט געווען גליקלעך אין זיין איינזאַמקייט, ער האָט אויך געוואָלט צו וועמען באַלאַנגען. ער האָט דעגסט-מאָל פיל געלעזן, ער האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט דעם „וועלט-אידעאַל". אויך פון די ביכער איז נישט געקומען די ישועה. אַלץ, וואָס ער האָט דערזען אין די ביכער איז: שפּעקוליאַטיווע נאַטורן, וואָס קאָנען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, זיי האָבן איינגעשמידט אין די שפּאַנישע שטיוול פון זייער געדאַנקלעכן אוניפאָרם דעם גאַנצן באַגאַזש פון די מענטשלעכע דערפאַרונגען. דער גאַנצער אוניווערס איז נאָר באַשאַפן-געוואָרן צוליב דעם, די דערפאַרונגען פון דעם מענטש-לעכן געניוס זענען דערוואָרבן-געוואָרן צוליב דעם, אַפילו די געזעצן פון דער נאַטור זענען נאָר איבער דעם באַשאַפן-גע-וואָרן, כדי צו באַשטעטיגן זייערע טעאָריעס, וואָס באַציען זיך בלויז אויף געוויסע קלאַסן אָדער אויף פעלקער באַשטימטע, פון עגאָיסטישע מאָגן-צוועקן נאָר געזעענע האָריזאָנטן און באַשטימונגען... און די יוגנט האָט געפרעסן די פאַרסמטע וואורשטן, וואָס די שפּעקוליאַטיווע מוחות האָבן זיי צוגעוואָרפן. מיט אַן אומדערזעטיגטן הונגער, אָן יעדן קריטישן געפיל, וואָס שטאַמט פון אייגענעם מאָראַלישן מהות און גאַטספאָרכטיגן געוויסן. זיי האָבן אויפגענומען די טעאָריעס, נישט קוקנדיג דערויף, וואָס זיי האָבן אָפּגעטויט זייער פרימיטיוו מענטשלעך גערעכטיגקייטס-געפיל, פרייוויליג אַריינגעקראָכן אין דעם דיס-ציפּלינירטן יאָך פון אַרויפגעוואָרפענע מיינונגען, מיט לייכטזיניגן פאַרשיכורטדיגן זעלבסטפאַרניכטונגס-געפיל, אָן יעדער שפור פון מענטשלעכן גערעגל, פון טראַגישן ספק, מיט וועלכן די בחירה האָט אונז באַשאָנקען... זיי זענען געגאַנגען אין שטאָל מיט בהמהשער תמימותדיגקייט...

ער האָט נישט אין דער יוגנט פון זיין צייט, נישט אין די ביכער פון זיין צייט געפונען זיין פריינד. ער האָט זיך מיט זיין צאַפּלדיגער לעבנס-נאַטור אָפּגעשלאָסן אין זיין אינערלעכקייט, מיט לאָטען נעבן זיך...

לאָטע מיט איר זעלבסטפאַרשטענדלעכן כאַראַקטער האָט

אים איצט צייטנווייז דערמאָנט אָן זיין מוטערס גראָדליניגקייט, מערקווירדיג, וואָס לענגער ער איז געווען מיט איר, וואָס נענטער זיי זענען געוואָרן, אַלץ מער האָט ער אַנטדעקט אין איר די כאַראַקטער-שטריכן פון זיין מוטער. איר אָלימפּישע רואיגקייט האָט אים צייטנווייז דענערווירט... נישט קוקנדיג אויף איר קריסטלעבער אָפּשטאַמונג, האָט זיך גאָרנישט באַמערקט אין איר דאָס טראַגישע גאָט-זוכנדיגע, גאָט-קלאָמערנדיגע, וואָס צייכנט-אויס דעם גלויביגן מענטש... די העלענישע העל-לויכטנדיגע זאָרגלאָזע זון האָט אַדורכגעשיינט דורך די שלייערן, מיט וועלכע דאָס קריסטלעכע גלויבן האָט די נאַקעטקייט פון איר געצנדינערישן כאַראַקטער באַדעקט...— אָלימפּישע, אומטראַגישע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. פון קיין געשעעניש נישט געלאָזט באַאיינפלוסן די אינערלעכע און אייביגע שלימותדיגקייט. אַ שלימותדיגקייט, וואָס שטאַמט פון אַן עקשנותדיג אָפּזאָגן זיך פון וויסן... האָט נאָך האַנס געמעגט זיין ווי אויפגערעגט איבער שפּענגלער, וועלכער האָט אָנגעהויבן זייער פּאָפּולער צו ווערן ביי דער יוגנט צוליב זיינע שפּעקוליאַטיווע אויספירונגען וועגן „הערן-פאָלק", צי איבער דעם פאַריסענעם און גאַווהדיגן ניטשעס „איבערמענטש", צי אַריינפאַלנדיג אין שטוב מיט אַ פול מויל וועגן דעם מאָלער וואַן-גאָגס לעבן, וואָס ער האָט ערשט נאָר-וואָס איבערגעלייענט אין מאיר גרעפעס בוך:

— הערסט, לאָטע, אויך די קונסט האָט אירע הייליגע...—

איז זי געשטאַנען, די לאָטע, ביים פּרעס-ברעט און האָט זיך אויסגעפּרעסט אַ בלוזקע בגנבה פון דער באַלעבאָסטע פון פּאַנסיאָן, האָט זי זיך אָפּגערופן גלייכגילטיג:

— איך האָב זיך דערשראָקן, געמיינט, אַז די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען און האָט מיך געכאַפּט ביים נוצן אין געהיים דאָס פּרעסאייזן...

— אָך, לאָטע! ווי קאָנסטו דאָס?

— יאָ, האָסט מיך דערשראָקן מיט דיין פּלוצלינגען אַריינפאַלן!

געוואוינט האָבן זיי צוזאַמען אין אַ מעבלירטער וואוינונג, וואו זיי האָבן אָפּגעדונגען צוויי צימערן מיט אַ באָד-

צימער, אָן באַשפּייזונג. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז לאָטע איז אַ וואונדערבאַרע באַלעבאָסטע. נישט קוקנדיג דערויף, וואָס זי האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אַלס מאַנעקין, האָט זי דאָך באַזאָרגט דיווירטשאַפט אויפן בעסטן אופן. אויף אַ קליינער פּרימוס-מאַשינקע האָט זי צוגעגרייט די מאָלצייטן, וואָס זיי האָבן צוליב עקאָנאָמיע אָפט געמאַכט אינדערהיים. ווארים דאָס געלט, וואָס איז זיי איבערגעבליבן נאָך דער וואוינונג און קאַרגער באַשפּייזונג, האָבן זיי באַדאַרפט האָבן אויף קאָנצערטן און טעאַטער, וואָס האָט אויפגעגעסן אַ גרויסן טייל פון זייער בודזשעט. אָבער לאָטע מיט איר באַלעבאָסטע-אינסטינקט, מיט איר דייטשער שפּאָרזאַמקייט און ליבע פאַר אָרדנונג, האָט זי אַזוי געוואוסט איינצואָרדנען, אַז זיי האָבן מיט זייער אָרימען בשותּפותדיגן געלט, וואָס ער האָט באַקומען פונדערהיים און זי מיט אירע קנאַפּע פאַרדינסטן, מער אָדער ווייניגער געפירט אַ רעגלמעסיגע באַלעבאַטישקייט, וואו עס איז ווינציגסטענס איין מאָל אין טאָג אַ וואַרים מאָלצייט געגעסן-געוואָרן.

און עס איז דאָך אויך געווען דער אָנקל אַדאָלף! דער אָנקל האָט געוואַכט איבער זיי. ער איז געווען דער איינציגער פריינד פון הויז, אַזוי צו זאָגן. צו אים זענען זיי געקומען מיט אַלע זייערע זאָרגן. ער האָט אויך אָפטמאָל מיט זיי אַן אָוונט פאַרבראַכט ביי דער היימישער פּרימוס-מאַשינקע, אויף וועלכער לאָטע האָט פלינק פּראָוויזאָריש אַן אָוונט-עסן צוזאַמענגעשטעלט, וואָס דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן אין דער אינפלאַציע-צייט. אָנקל אַדאָלף האָט זיי אָפט געפירט אין די מוזעאומס אָדער אויף אויסשטעלונגען, אַנטדעקט פאַר זיי די שיינקייט-סודות פון דער מאָדערנער קונסט. סעזאַן און זיין שטרענג-קינסטלערישע דיסציפּלין איז געווען דער נייער גאָט. אויך וואַן-גאָג מיט זיינע שטאַרקע טראַגישע עמאָציעס. די קינסטלערישע רעליגיעזיטעט פון די ביידע קינסטלער-כּוהנים האָט אויף האַנסן אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט. דער איינציגער הערשנדער גאָט אין זיין קינסטלערישן הימל איז אָבער אַלץ געבליבן דער אַלטער רעמבראַנדט.

געלעבט האָבן זיי אין זייער אייגענער וועלט, ווי שלי-

מאַקעס, פֿאַרמאַכט אין זייערע הייזלעך. ווינציק באַקאַנטע, נאָך ווינציקער פֿרײַנד. געלאָפֿן פֿון מוזעאומס און אויסשטעלונגען אויף קאָנצערטן, וואָס דאָס האָט דאָס גאַנצע געלט אויפֿגעפֿרעסן. אָפּגעשטאַנען אויף די פֿיס אָדער געכאַפּט אַ זיץ אויף דער פּאָדלאָגע פֿון דער העכסטער גאַלעריע אין דער פֿילהאַרמאָניע. יעדער וואַגנערישער אָדער בעטהאָווענישער קאָנצערט איז אָפּגעריכט־געוואָרן ווי אַ גאָטעסדינסט און האָט נישט געטאָרט פֿאַרפֿעלט־ווערן. וואַגנער פֿאַר לאָטען און בעטהאָווען פֿאַר האַנסן, מאַלער — פֿאַר ביידע...

און דאָך בײַ דער גאַנצער נאָענטקייט, וואָס איז געווען צווישן זיי, האָט פֿאָרט געהערשט אַ געוויסע דיסטאַנץ, אַ צוריקגעהאַלטנקייט צווישן די ביידע. און דאָס נישט צוליב לאָטעס שולד, נאָר דווקא צוליב האַנסן. ער האָט זי געהאַלטן אין איין באַהאַנדלען ווי אַ כּלה, ווי עפּעס, וואָס איז שוין באַשטימט, אָבער איז נאָך נישט אינגאַנצן זײַן. ער איז דאָס געווען דער, וועלכער איז דורכאויס באַשטאַנען דערויף, אַז זיי זאָלן האָבן צוויי באַזונדערע שטובן, איינע נעבן די אַנדערע. כאָטש דאָס טאָפּלטע צימער האָט אויפֿגעגעסן אַן אָנגעזעענעם טייל פֿון זייער בודזשעט און זיי האָבן זיך צוליב די עקסטרע הוצאות געמוזט אָפּזאָגן פֿון פֿיל נייטווענדיגע זאַכן. לעצטנס, ווען דאָס געלט איז קנאַפּער־געוואָרן און זיי האָבן זיך ווירקלעך נישט געקאָנט דערלויבן מער אויף דעם משוגעת צו האָבן צוויי צימערן, האָט זי געוואָלט פּועלן בײַ אים, אַז זיי זאָלן ביידע טיילן איר גרויס צימער און פֿאַרשטעלן איר בעט מיט אַ שפּאַניש ווענטל, ער זאָל שלאָפֿן אויף דער קאַנאַפּע, אויב ער באַשטייט דורכאויס דערויף. אָבער עס איז מיט אים גאָרנישט צו מאַכן. האַנס האָט דורך פֿאַרשידענע תּירוצים (ער האָט צוליב שעמעוודיגקייט געהיטן זיך אָנצוגעבן, פֿאַרשטייט זיך, דעם מאָראַלישן מאָטיוו), ווי: צוליב באַקוועמלעכקייט און אויך צוליב פֿאָרזיכטיגקייט, אָנגעהאַלטן די נייטווענדיגקייט פֿון טאָפּלטן צימער... מערקווירדיג, כאָטש זיי זענען שוין וואָכן און חדשים צוזאַמען, האָט ער זי נאָך אַ נאַקעטע נישט געהאַט געזען. ווי ער האָט נישט געגאַרט אָנצוטרינקען זײַן דורשטיג אויג מיט דעם אָנבליק פֿון איר

שיינקייט, האָט ער זיך דאָס נישט דערלויבט. ער האָט דעם העכסטן אַקט פון פאַרבונדנקייט אָפּגעלייגט אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן לעגאַל געהערן איינער צום אַנדערן... עס איז געווען אַ „פאַרשאַלטן קאָנסערוואַטיוו געפיל”, ווי לאָטע האָט עס אָנגערופן, וואָס האָט האַנסן געהאַלטן געבונדן אין געוויסע ראַמען, אָפּגעצוימט אים מיט גרענעצן, וואָס ער האָט אַליין אויף זיך אַרויפגעצוואונגען, אַרומגעצוימט זיך מיט חומרות, וואָס ער האָט אַליין אויף זיך אַרויפגעלייגט. ער איז נישט איינמאָל געשטעלט-געוואָרן דורך דעם אין אַ פאַרלעגנהייט, אין אַ לעכערלעכער סיטואַציע. אַנומלט, זונטאָג אין דער פרי, ווען זי איז געווען אין באָדצימער, האָט זי אים גערופן. האַנס,— וועלכער האָט זיך געהיטן נישט צו פאַרשוועכן איר אינטימיטעט, האָט קיינמאָל נישט איבערגעטרעטן איר שוועל, נישט פריער אָנצוקלאַפּן אין טיר,—האָט זיך געפונען אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך געשראָקן, צי עס איז עפּעס נישט מיט איר דאָרט געשען אין באָדצימער, ווען זי רופט אים אַריין. האָט ער געפרעגט הינטער דער טיר:

— לאָטכען, דו ווילסט דאָך נישט, איך זאָל אַריינקומען?

— אָבער מאַך דאָך נישט קיין קונצן! אַז איך האָב דיך גערופן, באַדאַרף איך דאָך!...

אַז ער האָט זי אַנטפּלעקט מיט אירע ווייסע אָרעמס און אירע פלאַנצנדיגע, ווי טרויבן פולע, אַרויסגעשאָסענע בריסטן, וואָס האָבן פון צווישן אירע בלאָנדע האָר אַרויסגעקוקט, איז ער אין דער טיר שטיין-געבליבן דערשראָקן:

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט איז געשען! פאַרוואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן? — האָט זי געפרעגט פון דער וואַנע אַרויס. — איך האָב נאָר געטראַכט, דו זאָלסט מיט מיר דאָס באָד טיילן. די באַהייצונג פון אַ באָד קאָסט אַזוי טייער...

— אָבער לאָטכען, איך וויל דאָך גאָרנישט נעמען קיין באָד!

— געוויס ווילסטו. מאַך נישט קיין לאַנגע קונצן, וואַרף אַראָפּ דעם שלאָפראָק און קום-אַריין. די ווירטין וועט נישט ויסן, זי וועט נאָר פאַר איין באָד באַרעכנען.

ער איז רויט-געוואָרן, זיין האַרץ האָט אים געקלאַפּט. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון. אַ מינוט איז ער גע-שטאַנען פאַרלוירן, פאַרכאַפּט פון דעם הערלעכן בילד. דאַן האָט ער איר פלינק אַ קוש-געגעבן אין דעם נאַקעטן רוקן און דאָס באַדצימער פאַרלאָזן.

ער איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, פאַרמאַכט די אויגן, פאַרטראָגן אין אַ חלום. האָט זי אים אויפגעעפנט די אויגן מיט אַ קוש. ער האָט זי געזען פאַר זיך אין איר לאַנגן מאַנטל מיט די צעלאָזענע האָר. זי האָט געלאַכט אויס אים.

— אַך, ביסטו קאָמיש, האַנס! דיין פאַרפלוכט פוריטאַניש געפיל...

— וואָס קאָן איך מיר העלפן, לאָטכען... — און ער שטרעקט-אויס ביידע הענט צו איר.

— ניין, איך בין אויף דיר בייז. דו האָסט נישט גע-וואָלט מיט מיר זיך באָדן.

— אָבער, קינדכען, וואָס קאָן איך מיר העלפן?

— ווייסטו, וואָס איך דענק? — אַז דאָס פוריטאַנישע געפיל איז העסלעך און זינדיג.

— פאַרוואָס?

— איך האָב גאָרנישט געקלערט דערביי, ווען איך האָב דיך אין מיין באָד אַריינגערופן. אַ חוץ די נוצלעכקייט און דאָס געלט-איינשפּאָרן, און דו... פוי!...

— לאָטכען, קום-אַהער!

— ניין, דו ביסט אַ מיאוסער און אַ שלעכטער מענטש. און ווייסטו נאָך וואָס, — האָסט מיך גאָרגישט ליב... זאָג, בין איך אַזוי העסלעך, אַז מען קאָן מיך נישט אָנקוקן?...

און מיט איין באַוועגונג וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ דעם לאַנגן שלאָפראָק און בלייבט שטיין פאַר אים מיט אירע גאָל-דענע האָר אין איר גאַנצער דערשיינונג.

— זאָג, בין איך אַזוי העסלעך?

מיט איין שפּרונג איז ער אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע און וויל פאַרדעקן איר נאַקעטקייט מיט זיין ראָק:

— זיי נישט משוגע!

— ניין, ניין, דו מוזסט מיך אָנקוקן. זע, זע, דו מוזסט מיך אָנקוקן. זע, זע...

— גאָלד מיין, לאָטכען, וואָס טוסטו?... און מיט כּוח פאַרהילט ער זי מיט זיין מאָרגן-ראָק.

— איך האָס דיך!

— יאָ, יאָ. אָבער איצט וועסטו אַרומגיין ווי אַ מענטש אָנגעטון.

אָבער זי איז אויף אַן אמת בייז-געווען, באַליידיגט.

— איך פאַרשטיי דאָך נישט. מיר געהערן זיך איינער דעם אַנדערן, מיר האָבן קיינעם נישט, פאַר וועמען רעכנ-שאַפט אָפּצוגעבן, גאָר פאַר זיך אַליין, און מיר מעגן אַלץ...

— אָבער דאָך זענען דאָ גרענעצן...

ניין, זי פאַרשטייט אים נישט. פאַר בייזקייט ווערט זי פרעך.

— איך זע נישט איין, וואָס עס איז דער חילוק. דו קאָנסט מיך אין דער טונקלקייט ליב-האָבן, פאַרוואָס קאָנסטו נישט מיין קערפּער אין טאָג-ליכט זען?

— ווייל, ווייל... פאַרשטייסטו דען נישט, אַז עס באַ-דאַרפן זיין לעצטע געהיימנישן... וואָס מען טאָר נישט אויפ-דעקן!

ניין, זי פאַרשטייט דאָס נישט. און צום ערשטן מאָל דערהערט ער אַ וואָרט פון איר, וואָס מאַכט אים פאַרפרעמדט און דערשטוינט.

— ווייסטו וואָס, האַנס, האָט דאָס נישט צו טון מיט דיין אָפּשטאַם? מיט דיין בלוט?

— וואָס?

— איך מיין דאָס, וואָס דו צוימסט דיך שטענדיג אַרום מיט גרענעצן, דאָס נישט קאָנען געניסן און אויף זיך אַליין קייטן אַרויפלייגן, די אינערלעכע פאַרשקלאַפונג.

— פאַרוואָס האָט דאָס צו טון מיט מיין אָפּשטאַם? מיט מיין בלוט? עס איז אַן אינדיווידועלער כאַראַקטער-שטריך, וואָס קומט וואָרשיינלעך דורך דערציאונג.

— ניין. אויך מיר זענען דערצויגן-, געהאַלטן-געוואָרן אין צוימען. דאָך פילן מיר אַן אינערלעכע פרייהייט. מיר זענען

די הערן פון זיך אַליין, און מיר לאָזן קיינעמען נישט זאָגן אַ דעה אין אונזער לעבן. קיין שום צוימונגען, צי פון בלוט-געירשנטע אָדער דורך דערציאונג-דיסציפּלינירטע.

— וועמען מיינסטו „מיר"? — פרעגט האַנס דערשטוינט.

— איך מיין — מיר, די גערמאַנישע ראַסע, פאַרשטענדלעך. מיר זענען ווי די אַלטע העלענער, און אפשר זענען מיר טאַקע די נאָכפאָלגער פון די רוימער, נישט נאָר בלויז דורך ירושה, נאָר אויך אין בלוט. די גערמאַנען זענען שטענדיג געווען אַ הערן-פאָלק.

— ווי קומען צו דיר אַזעלכע ווערטער: „הערן-פאָלק"? לעזסט דו אויך שפּענגלער?

— פאַרוואָס נישט?

— איך וועל דיר עפּעס זאָגן, לאָטכען. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין איבערלויפער, איך פיל מיך גוט אין מיין אייגענער הויט. עס איז אַמאָל געווען אַ צייט,—ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך דווקא געוואָלט פאַרלייקענען איין טייל פון מיין אָפּשטאַם אויפן חשבון פון אַנדערן, ווייל איך האָב געגלויבט, אַז עס איז פאַראַן בעסער און ערגער בלוט, אָדער ווי דו דריקסט זיך אויס: „הערן- און קנעכטפעלקער". איך האָב מיך, גאָט צו דאַנקען, דערפון באַפרייט. ערשטנס, גלויב איך, אַז יעדעס בלוט, וואָס פליסט אין מענטשלעכע אָדערן, איז איידל און ריין, ווייל עס איז מענטשןבלוט. יעדע טייל פון דער מענטשהייט האָט איר אַנטייל אין אונזערע מענטשלעכע דערגרייכונגען. די זון האָט איבער יהודה נישט טונקעלער געשיינט ווי איבער אַטען. מיר וואַרימען זיך אין אירע שטראַלן ביזן היינטיגן טאָג. נישט בלוט האָט דעם דעצידירנדיגן איינפלוס אויף דעם מענטש אויסגעאיבט, ווי זיי מיינען היינט. עס איז אַ לייכטער אויסרייד אָפּצופטרן פון זיך יעדע פליכט פון אייגענער כאַראַקטער-דערציאונג. דעצידירנדיג איז דער יחיד, דער אינדיווידואום, וואָס ער מאַכט אויס זיין איידעלן מענטשן-בלוט, די דיסציפּלינירונג פון זיך אַליין. עס איז לעכערלעך מעלות אָדער חסרונות אין אונזער כאַראַקטער צוצושרייבן צו ירושות. דורך דעם פאַרלייקענען מיר נאָר און פאַרקלענערן אונזער אייגענעם ווערט. מיר פאַר-

שליסן דעם קוואל פון אונזער אייגענער אויסבעסערונג. מיר מאכן אפהענגיג אונזער ישועה, די אויסבעסערונג פון אונזער עקזיסטענץ — נישט פון אונז, נאר פון א פאטום. מיר ווערן אפהענגיג פון א מיטאס, דורך דעם ווערן מיר איבערפליסיג. נישט מיר ווערן, נאר מיר זענען. עס זענען שוין געווען צייטן, ווען מען האט די מענטשן געוואלט אריינברענגען אין דעם משוגעים-העמדל פון פאטום. ווייסטו, ווער עס האט אונז באפרייט דערפון? — דווקא די יעזואיטן, מיט זייער פראקלאמירונג פון „פרייען ווילן". מיר באדארפן איצט א ניי-עם יעזואיטן-ארדן, וועלכער זאל נישט ווינציגער זיין אגרעסיוו, מיליטאנטיש, אפילו פארברעכעריש, ווי די אלטע יעזואיטן, וואס זאל די מענטשהייט פון דעם נייעם פאטום באפרייען.

— אבער אום גאטעס ווילן, פארוואס זיך אזוי אויפרעגן, האנסכען? אלץ דעריבער, ווייל דו ווילסט מיך נישט זען א נאקעטע! זע, וואו דו האסט אזש דערגרייכט — צו די יע-זואיטן!

ווי ערנסט ער איז נישט געווען, האט ער זיך געמוזט צעלאכן.

— דאס איז אלץ דערפאר, ווייל דאס רעגט מיך אויף. אזוי אפט, ווען איך הער פלאפלען פון „אויסערגעוויינלעכן בלוט" און פון „הערן-פאלק". ווייסטו, אז ביז-איצט האט נאר מיין ראסע, די יידן, געהאט די פריווילעגיע פון „אתה בחרתנו", איצט האט איר עס איבערגענומען. א דאנק אייך פארן פעקל-טראגן!...

— ועמען מיינסטו „איר"?

— די גוים, פארשטענדלעך,

— ביסטו דאך אויך איינער פון זיי.

— יא, אבער — גאט צו דאנקען — נישט קיין גאנצער, העלפט-אויף-העלפט. דאס מאכט מיך פאר א שטיקל מענטש. איך ווייס נאך ביזן היינטיגן טאג נישט, וועמען איך האב נאך צו פארדאנקען אט די צווייפלונגען, די „אינערלעכע פאר-שקלאפונג", ווי דו רופסט עס אן, צי מיין טייל יידישער אפ-שטאמונג, צי דער גויאישער אמונה, וואס זיי האבן מיר גע-

געבן. יעדנפאלס האָט יהודה דערין שולד, זיי שטאַמען ביידע פון דאָרט.

— ניין, האַנס, דו האָסט אַליין שולד, עס איז דיין אינ־דיווידועלע אייגענע פאַרשאָלטענע איינגערעדטע אָנשטענ־דיגקייט.

— ניין, דו האָסט שולד, לאָטכען!

— איך?

— יאָ, קום־אַהער, וועל איך עס דיר אין אויער איינ־רוימען: איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, דיין קערפּער נאָר צו זען אין דער נאַכט פון אונזער חתונה. וואָרים דיין קערפּער... דיין קערפּער איז מיר געהייליגט...

— אַך, האַנס!... דו וועסט דיך שוין קיינמאָל נישט בע־סערן... — און זי גראָבט־איין איר פּנים אין זיין האַלז...

*קאַפּיטל 7*

## די קללה פון געבענטשטן

וואָלפגאַנג פאָן סטיקער איז געקומען אַהיים אויף אַ קורצן באַזוך צו זיינע עלטערן. געקומען איז ער ווי תמיד אומגעריכט. אַריינגעגנבעט זיך אין הויז אומבאַמערקט, אין דער פאַרגאַכטיגער טונקלקייט און אויפגעעפנט דעם פאָטערס טיר מיט דעם שליסל, וואָס ער האָט תמיד געהאַט ביי זיך. ער האָט זיך נאָר-וואָס אין געהיים געהאַט אומגעקערט קיין בערלין אויס דעם באַזעצטן רור-געביט, וואו די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמעריע האָט אים אַרומגעזוכט פאַר אַ פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען, ביי דער מיטהילף פון צוויי חברים זיינע. זיי האָבן נעמלעך אָפּגעשרויפט אַ שטיק שינע פון אַן אייזנבאַן-ליניע, אויף וועלכער עס האָט געזאָלט באַלד אַדורכפאָרן אַ טראַנספּאָרט פון סאָלדאַטן מיט קוילן אויס דעם באַזעצטן געביט קיין פראַנקרייך. איידער אָבער דער טראַנספּאָרט מיט קוילן איז אַדורכגעגאַנגען די געפערלעכע שטעלע, איז אַדורכגעפאָרן אַ לאָקאַלער צוג. דער צוג איז אַראָפּ פון דער ליניע און עס זענען געווען געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. זיינע צוויי חברים, די אָנטיילנעמער פון דעם אַטענטאַט, האָט די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמעריע פאַרהאַלטן. אים, וואָלפגאַנג פאָן סטיקער, איז געלונגען אומבאַמערקט דאָס באַזעצטע געביט צו פאַרלאָזן. איצט קלויבט ער זיך קיין מינכען צו זיין שטורמיסטן-אָפּטיילונג, וואָס היטלער זאַמלט אין געהיים און דער

בייערישער הויפּטשטאָט פאַר עפּעס אַ נייער אונטערנעמונג, וואָס ווערט נאָך געהאַלטן פאַר אים אַליין בסוד. ער ווייסט נישט, צי דאָס האָט צו טון מיט אַ נייער טעטיגקייט פון אָקטיוון ווידערשטאַנד קעגן שונא, צוליב וואָס מען רופט אים זיך צו געפינען אינדערנאָנט פון מינכען, צי פאַר עפּעס נאָך גרעסערס און וויכטיגערס. יעדנפאַלס קומט דאָרט פאַר זייער אַנטשיידענעס. איידער ער האָט זיך צוגעשטעלט אין מינכען, האָט ער געוואָלט זיין אינדערהיים; זיין גאָרדעראָב, איבערהויפּט זיין וועש, האָט געדאַרפט געטוישט-ווערן. ער האָט אויך באַדאַרפט אַ פיזישן אָפּרו אויף אַ פּאָר טעג פון די אַלע געפאַרן, פון וועלכע ער האָט זיך נאָר-וואָס מיט אַ ווּפיל מזל אַרויסגעראַטעוועט. זיין קערפּער האָט געלעכצט נאָך אַ היימישער באָד, און זיין גייסט — נאָך אַ קריג מיטן פאָטער, מיטן אַלטן פאָן סטיקער, אַ קריג, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ פאַרעקשנט שווייגן מצד דעם אַלטן, און פון אַ בייז פייפן מצד דעם זון. דער דריטער צד אין דעם קריג איז געווען דאָס הויכע שעלטן פון דער מוטער. אַ חוץ אָבער פון דער פראַנצויזישער זשאַנדאַרמעריע, איז ער אויך געזוכט-געוואָרן פון דער דייטשער פּאָליציי פאַרן אָנטיילנעמען אין אַ פּאָליטישן מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען-געוואָרן אויף אַ הויכשטייענדיגער פּערזענלעכקייט פון דער רעגירונג. ער האָט געמוזט זייער פאָרזיכטיג-זיין. פון אַלע איינוואוינער אין הויז, איז אים באַקאַנט נאָר איין שכן, וועלכער קאָן געבן אַ וואונק דער פּאָליציי, אַז דער יונגער פאָן סטיקער געפינט זיך אינדערהיים, און דאָס איז דער שלאָסער אַלבערט שפּינער, וועלכער וואוינט ביי זיי אין הויף. פאַר דעם פאַרשאָלטענעם סאָציאַלדעמאָקראַט מיט זיין חתן-יונג, דעם היינריך, וועלכן ער איז חושד אין קאָמוניזם, באַדאַרף מען זיך אויסהיטן. פאַר די אַנדערע איינוואוינער פון הויז סטיקער האָט ער קיין מורא נישט, זיי איז עס גלייכגילטיג און עס גייט זיי נישט אָן קיין פּאָליטיק.

אַריינגעשלייכט זיך אין הויז זיכער, מיט שטילע טריט, אַז אַפילו דער הויז-וועכטער האָט אים נישט באַמערקט. דורכן קאָרידאָר איז ער אַריינגעקומען אין קיך און האָט

אָנגעהויבן צו פּייפן, כּדי מען זאָל וויסן, אַז דאָס איז ער, וואָלפגאַנג, געקומען.

אָנשטאָט דער מוטער, דער שוועסטער, אויף וועלכע ער האָט זיך גערעכט, האָט ער אָנגעטראָפן דעם פאָטער אין דער קיך. דער אַלטער פאָן סטיקער איז געשטאַנען אין אַ שירץ אָנגעטון איבער זיין בכבודיגער, וויסבערדיגער און ווייסהעמ־דיגער ברוסט, מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל און זיך געפאָרעט מיט די טעפּלעך ביי דער פּרימוס־מאַשינקע.

— גוטן־אָוונט. דו אין דער קיך, פאַפּאַ? וואו איז דען לאָטע?

— איך ווייס נישט. די מוטער איז ביי זיך אין צימער, — האָט דער אַלטער קורץ אָפּגעענטפערט, נישט מבטל־זייענדיג זיך פון דער אַרבעט און נישט געשאָנקען דעם אַהיימקומענ־דיגן זון קיין בליק. די מוטער פון איר צימער האָט שוין דערהערט זיינע טריט און דאָס פּייפן און האָט צו אים הויך פון איר בעט אַרויסגערופן:

— וואָלפגאַנג, דאָ אַריין!

ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דער מוטערס צימער, האָט ער שוין פון אַלעם געוואוסט. אַז די לאָטע איז מיט אַ „יודען־בענגעל" אַנטלאָפן און זי לעבט מיט אים אומלעגאַל...

זיינע גרויע אויגן האָבן איצט אין יונגן, פון ווינטן און נאַכט־קעלטן, רויען, צעהאַקטן געזיכט אַ פּאָר שוואַרצע ראַנדן באַקומען. דער דינער שניט פון זיין מויל איז ווי פאַרשטיי־נערט־געוואָרן, אַזוי אויך זיין גאָמבע. דאָס פּייפן פון ליד איז פאַרשטומט־געוואָרן.

שווייגנדיג איז ער אַריין אין באָדצימער, זיין באָד גע־נומען, אַ העמד איבערגעטוישט, אין זיינע מיליטער־קליידער אַריינגעקראָכן, וואָס ער האָט פון קריג מיטגעבראַכט און וואָס ער האָט אינדערהיים ליב־געהאַט צו טראָגן אָנשטאָט דעם פאַרהאַסטן ציוויל־ראָק. ער האָט זיין רעוואָלווער באַטראַכט, וואָס ער האָט פון די אַלטע הויזן אַרויסגענומען. די לאָדונג האָט נאָך געהאַט פיר קוילן. צוויי זענען אין דער נאַכט פון אַנטלויפן נאָכן באַן־אַטענטאַט אויסגעשאָסן־געוואָרן. ער האָט אין דער רער פון זיין רעוואָלווער אַריינגעקוקט, די לאָדונג

צוריק אין אויטאָמאָט אַריינגעזעצט און געקלערט וועגן דעם, צי יאָ טויטן דעם „יודען-בענגעל" אָדער נישט.

צוויי מניעות שטייען אין וועג. די ערשטע מניעה איז — דער באַפעל, וואָס ער האָט פון זיין פאָרגעזעצטן פירער אויפן פינפצענטן צו געפינען זיך מיט צוויי זיינע אונטערגעאָרדנטע נעבן מינכען, אין אַ געוויסער געגנט, וואו עס איז אים אָנ-געוויזן. ווען ער זאָל דעם מאָרד באַגיין, וואָלט ער דעם באַ-פעל נישט געקאָנט אויספירן, מען ווייסט נישט, ווי עס קאָן אויספאַלן... די צווייטע מניעה איז געווען דער אָפּהאַלט צוליב דעם פאַמיליע-סקאַנדאַל, וואָס דער מאָרד וואָלט אַרויסגערופן. דער מוטער וואָלט עס נישט אויסגעמאַכט, אָבער פאַרן אַלטן וואָלט עס געווען אַ קלאַפּ. ניין, ער מוז דעם מאָרד אָפּלייגן אויף אַן אַנדערער צייט, צוליב איינזעעניש. אָבער אַזוי אָפּ-לאָזן די זאַך קאָן ער נישט. זיין שוועסטער מיט אַ „יודען-בענגעל"! ער מוז זי אָפּלערנען און אָנווייזן איר אָרט, וואוהין זי באַלאַנגט...

אָבער ווי אַזוי קריגט מען זי? ער ווייסט, אַז זי האַלט-אָן באַציאונגען מיט דער טאָכטער פון דעם שלאָסער שפּינער, זיי זענען גוטע פריינדינס. דעם שפּינערס טאָכטער ווייסט דאָס אָרט, וואו זי אַרבעט. אויך די הויז-וועכטערין ווייסט פון דעם אָרט. זי איז אַנומלט דאָ געווען, געקומען זיך נאָכפרעגן וועגן דער מוטער, און אויך אַ ביסל קליידער פון דער היים אַרויסגעקריגן.

דאָס איינציגע, וואָס בלייבט צו טון, איז צו שרייבן אַ בריוול אויפן אָרט, וואו זי אַרבעט, אַז די מוטער איז קראַנק און וויל זי זען, אַז זי זאָל אַהיימקומען.

אויך די מוטער אין בעט איז איינשטימיג מיט דעם פּלאַן. זי לאָזט זיך אַפילו פון דער הויז-וועכטערין דער טאָכ-טערס אַדרעס געבן. ניין, וואו זי וואוינט, די לאָטע, דאָס ווייסט זי נישט, דאָס האָט זי דער וועכטערין נישט געגעבן, בלויז דאָס אָרט, וואו זי אַרבעט.

צומאָרגנס, זעקס פאַרנאַכט, שטייט האַנס אויפן טראָטואַר פון דער לייפּציגער שטראַסע פאַר דער פירמע פון דער פּרויען-אַטעליע „מינעט" און וואַרט-אָפּ, ווי יעדן אָוונט, לאָטען, וועלכע

באַדאַרף אָט דאָ באַלד צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרבעטאָרע־רינס פון דעם וואַרשטאַט אַרויסקומען. נישט קוקנדיג אויף דעם פאַרנאַכט, איז נאָך גענוג ליכטיג אַריינצוקוקן אין אַ בוך און נאָך צו לייענען דעם „טאַסאָ" פון געטע, וואָס זיי גייען היינט אין אָוונט זעען אין דער אינסצעניזירונג. אין דער טאַש האָט ער שוין די פּאָר זעמל, וואָס ער האָט אין אַ בע־קעריי געקויפט, מיט אַ שטיקל וואורשט, וואָס זיי וועלן עסן וואַרטנדיג אין דער רייע פאַרן טעאַטער. אַז זיי זאָלן האָבן די געלעגנהייט זיך אַריינצוקריגן אין טעאַטער היינט אָוונט, מוזן זיי זיין צום ווינציגסטענס פאַרן טעאַטער אַ פערטל נאָך זעקס, איידער דער געדראַנג פון די, וועלכע גייען אויף דער גאַלעריע, ווערט גרויס. גאָט צו דאַנק, פון דער לייפּציגער שטראָסע ביז צום „דייטשן טעאַטער" איז נישט זייער ווייט, זיי קאָנען נעמען די אונטערגרונט־באַן, אַרויפלויפן די שומאַן־שטראַסע און אָנקומען פאַרן טעאַטער אַ שטיק פריער, איידער די אַנדערע אָנגעשטעלטע פון די ווייטערע געגנטן פון דער שטאָט וועלן אָנקומען צום טעאַטער, איצט איז זעקס, קוקט ער אויף דעם האַנט־זייגערל, איצט מוז זי באַלד אַרויסקומען. יאָ, אָט גייען זיי שוין, אָט איז די רוסין קאַטיאַ, איצט קו־מען די אַנדערע. וואו איז לאָטע? ער גייט־צו נענטער צום טויער. „די לאָטע? די לאָטע האָט באַקומען אַ בריוו, אַז איר מוטער פילט זיך נישט גוט, זי איז אַהיימגעגאַנגען די מוטער זעען! — זאָגט די קאַטיאַ. — זי האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל עס אייך איבערגעבן".

ער שטייט פאַרן הויז פון דער ראַנקען־שטראַסע. אַלע פענסטער פון פערטן שטאָק זעענען ווי תמיד טונקל, אויך לאָטעס צימער איז נישט באַלויכטן. פון אַ מיטלצימער, וואו עס לייכט זיך קיינמאָל נישט, זעט זיך נאָר אַ שוואַך ליכט.

ניין, זי באַוויזט זיך נישט. זאָל ער אפשר אַריבערגיין זיך נאָכפרעגן ביי די שפּינערס, זיי מוזן וויסן, וואָס עס איז מיט דער אַלטער, ער קען זיי אָבער נישט גוט. ניין, ער וועט נאָך צוואַרטן ביז ניין אַזייגער, דערנאָך וועט ער אַהיימגיין. ניין, ער וועט נאָך וואַרטן אַ האַלבע שעה, ער האָט סיי־ווי־סיי נישט וואָס צו טון אינדערהיים. ער קאָן נישט זיין אַליין

אינדערהיים, און אפשר וועט זי דאָך אַראָפּקומען. זי האָט דאָך אים געמוזט זען פון אויבן, אַז ער וואַרט אויף דעם אַלטן אָפּגערעדטן אָרט, ביי דער לאָמטער, אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר, געגנאיבער איר פענסטער.

און מיטאַמאָל דערזעט ער זי. ער דערקענט זי מער דורך דער סילועטקע, וואָס איר פיגור צייכנט. זי גייט פּאַמע־לעך, וואַקלט זיך. אום גאָטעס ווילן, איז זי נישט אַמאָל קראַנק? וואָס קאָן דאָ זיין? ער קומט איר אַנטקעגנצולויפן. איר קאָפּ איז באַדעקט נישט מיט איר ברייטן קאַפּעליוש, ווי תמיד, נאָר מיט עפּעס אַ מאָדנער באַדעקעכץ, מיט אַ פּויעריש טיכל איז איר קאָפּ פאַרשטעלט, ווי זי וואָלט צאָן־ווייטאָג געהאַט.

— לאָטע!

אָן אַ וואָרט צו רעדן, אַפילו נישט צו קוקן אויף אים, לענט זי זיך אָן מיט דער האַנט אויף אים, ווי עס וואָלט איר שווער־געווען צו גיין, דעם קאָפּ האַלט זי אַראָפּגעבויגן צו דער ערד.

— וואָס איז דיר? ביסטו שוואַך?

— ניין, גאָרנישט.

— וואָס מאַכט דיין מוטער?

— ווי שטענדיג.

— נאָך וואָס האָבן זיי דיך גערופן?

— איך ווייס נישט, — זאָגט זי מער מיטן צוק פון דעם אַקסל.

— וואו האָסטו דיין הוט? פאַרוואָס טראָגסטו עפּעס אַזאַ מאָדנע באַדעקעכץ?

— פרעג מיך נישט...

איבערן גאַנצן וועג שווייגט זי.

— ווילסטו פאָרן? זאָלן מיר נעמען אַ טראַמוויי?

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

ערשט אינדערהיים, ביי דעם אָנגעצונדענעם ליכט דער־זעט ער עס. עס איז עפּעס אָן ענדערונג אין איר. עס נעמט אַ געוויסע ווייַלע, ביז ער דערקענט, אַז אירע האָר זענען אָפּגעשניטן און איר בלאָנדער בליענדער קאָפּ איז באַדעקט

מיט נישט גלייכע טרעפן, וועלכע ווייזן-ארויס דעם גרונט פון איר קאָפּ-הויט, אַזוי ווי מען וואָלט פון איר קאָפּ גאַנצע פּויסטן האָר אויסגעריסן. עס זעט-אויס, ווי איר קאָפּ וואָלט מיט בלויע ביילן באַדעקט-געווען פון שלאָגן...

— ווער האָט עס געטון?

— מיין ברודער וואָלפגאַנג!

— וואו איז ער?

— געווען אינדערהיים און איז צוריק אַוועק! אַנישט וואָלט איך נישט געקאָנט אַרויסקומען.

— פאַרוואָס?

— זיי האָבן מיך געהאַט אָפּגעשלאָסן...

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט. אין אירע אויגן, וואָס זענען געווען דירעקט געווענדט צו זיינע, האָט געשטראַלט מיט אַ מעטאַלן שטראַלן-ליכט. זי איז שווייגנדיג און טרויעריג-געווען, און אויף אירע האַלב-געעפנטע ליפּן איז געלעגן אַ ביטערע שוים.

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און געשוויגן אַ וויילע.

מיטאַמאָל איז עס צו אים געקומען. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט זי אויף זיינע הענט גענומען, ווי מען נעמט אַ קליין קראַנק קינד און האָט זי אויף זיין בעט געטראָגן. זיין פּנים, זיין לעבן, זיין איך האָט ער באַהאַלטן אויף אַלע אייביגקייטן אין איר...

זיי זענען דאַן געוואָרן מאַן-און-ווייב...

שפּעטער איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. עס האָט זיך דעם וואַכנדיגן האַנס געדאַכט, וועלכער איז געזעסן און באַטראַכט זי, אַז זי איז ערגעץ-וואו אַוועק אין די מרחקים, זי געפינט זיך דאָ גאָרנישט אויף דער וועלט. איר פּנים, וואָס האָט איצט נאַקעט און בלויז אויסגעקוקט פון איר אָפּגעשוירע-נעם קאָפּ האָר, האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ קינד, וואָס מען האָט עס אומגערעכט און שווער באַשטראָפט. איצט ווערט עס געהיילט פון וועמען, און געטרייסט פון וועמען... איר פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט מיט אַ לייטזעליגקייט, וואָס האָט זי באַפרייט פון אינערלעכע יסורים און פּלאָגענישן... זי האָט אין שלאָף טיף און ווייטאָגלעך אויפגעקרעכצט, ווי זי וואָלט

מיט די קרעכצן פון אַלע דריקענישן זיך באַפרייט, נאָר איר מויל איז אין שלאָף האַלב-אָפן געווען און אויף די האַלב-געעפנטע ליפּן איז געלעגן אין פייכטקייט פון גאַווער דער חסדימדיגער שמייכל פון טרייסט...

ער האָט אירע אויסגעשפּרייטע נאַקעטע פיס באַדעקט מיטן ליילעך און זיי דורכן ליילעך געקושט און זיך געטראַכט אין זיין האַרץ: דאָס איז מיין ווייב...

אויפן צווייטן טאָג האָט ער פון ערגעץ-וואו געלט באַקומען און אַהיימגעבראַכט צוויי קידושין-רינגלעך.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי דערשטוינט געפרעגט.

— דאָס איז פאַר מענטשנס פרעגן, — האָט ער פאַרשעמט זיך פאַרענטפערט.

דער איינציגער, פאַר וועמען ער האָט זיך פאַרטרויט און אַן עצה-געפרעגט, איז געווען דער אָנקל אַדאָלף.

דער אָנקל אַדאָלף האָט אויסגעהערט האַנסן, וועגן דעם וואָס עס איז געשען לאָטען און אים געפרעגט:

— נו, וואָס ווילסטו טון?

— פאַרשטענדלעך, איך וועל אים אויפזוכן, וואו ער געפינט זיך און אָנלערנען אים.

— וואָס מיינסטו, זיך שלאָגן?

— געוויס.

— און אַז ער וועט שטאַרקער-זיין פון דיר? דאָס הייסט, וואָס זיי רופן עס אָן, ווען איינער האָט ווינציגער סקרופּולן דעם צווייטן צו מאָרדן?

— איז פאַרפאַלן. דאָס איז דער גורל פון קאַמף.

דער אָנקל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— דאָס גוטע קעמפט נישט, — האָט אָנקל אַדאָלף געזאָגט. — בלויז דאָס שלעכטע קעמפט...

— וואָס-דען טוט עס?

— עס וואַרט-אָפּ, און דורך דער צייט ליידט עס און שווייגט.

דער ערשטער איז געווען דער אָנקל אַדאָלף, וועמען לאָטע האָט געוואָלט זען. זי האָט זיך נישט מער איר אָפּגע-שוירענעם קאָפּ פאַרשטעלט. זי האָט אים אויפגענומען אַזוי ווי

זי איז געווען, מיט די אָפּגעשוירענע טרעפּן אויף איר קאָפּ האָר.

— די ייִנגלעך-קעפּ ווערן היינט זייער מאָדערן, — האָט דער אָנקל אין שפּאַס געזאָגט. — און לאָטע מוז, פאַרשטענדלעך, זיין איינע פון די ערשטע!... — און צו האַנסן האָט ער צוגעלייגט: — נאָך וואָס זיצט איר, אייגנטלעך, אין שטאָט, דו האָסט דאָך דיין קליין גערטנדל דרויסן אין שאַרלאָטענבורג, גייט דאָך אַרויס, „דער פרילינג איז שוין דאָ אין לאַנד, די אַקאַציעס בליען אין סקווער", — האָט ער דעקלאַמירט אַ געדיכט.

— דאָס איז אַ גוטער איינפאַל.

— און ווייסט איר וואָס, קינדער? קומט, איך לאַד אייך איין צום עסן און דערנאָך וועלן מיר גיין די רעמבראַנד-אויסשטעלונג אָנקוקן. זיי האָבן די בילדער פון גאַנץ דייטשלאַנד צוזאַמענגעבראַכט.

— אָבער אָנקל! — זאָגט פאַרלעגן האַנס, קוקנדיק אויף לאָטען.

— ווען דו מיינסט מיך, האַנס, איז מיר מאַכט עס נישט אויס. דאָס איז מיין ערן-פּריזור! — באַווייזט זי אויף אירע אָפּגעשניטענע האָר. — איבעריגנס, זענען מיר דאָך שוין פאַרהייראַט, דער האַנס און איך. — און זי באַווייזט איר רינגל אויף דער האַנט.

— חתונה-געהאַט? ווען איז דאָס געשען? — פרעגט דער אָנקל פאַרוואונדערט.

— פאַרשטענדלעך, דער וואָלפגאַנג האָט דאָך אונז חתונה-געמאַכט.

דער אָנקל טראַכט אַ ווייל.

— דו מיינסט דורך די אָפּגעשניטענע האָר. יאָ, דו האָסט רעכט, לאָטע, דער וואָלפגאַנג איז אַ גוטער שדכן געווען, עס קומט אים אַ דאַנק.

אויף דער רעמבראַנד-אויסשטעלונג איז דער אָנקל מיט זיי לאַנג שטיין-געבליבן פאַר דעם בילד „יעקבס ברכה", וואָס איז פון דער קאַסעלער גאַלעריע אויסגעבאָרגט-געוואָרן. נאָכדעם, ווי ער האָט זיי אויפמערקזאַם-געמאַכט אויף דער מאַלערישער

ווערט פונם בילד, אויף דער שטימונג, די פארבן פון די קליידער, וואו יעדער צאָל פון דעם גרויסן געמעל האָט זיין אייגענע קאָלאָריסטישע ווערט, איז ער געקומען צו רעדן וועגן די פיגורן.

— קוקט זיך צו צו די פנימער פון די צוויי קינדער, פון מנשה און אפרים. א זעלבסטבאַוואוסטקייט פון דער באַשערטקייט אויסגעוויילט רוט אויף אפרימס פנים, א נאַיווע זיכערקייט, א שטומער הילפסלאָזער רחמנות. דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם געלייטזעליגטן. דאַגעגן, ווי אַלווייסנדיג, ביז צו זינד דערגרונטעוועדיג עס איז דאָס קלוגע פנים פון דעם עלטערן, וואָס זאָגט עדות, אז ער וועט זיך פאַר גאָרנישט אָפּשטעלן און נעמען זיין אייגן מזל אין די הענט אריין. אז מען קוקט אַזוי אויף דעם רחמנות-דערוועקנדיגן נאַיוון געבענטשטן פנים פון דעם יינגערן, באַדויערן מיר אים... — דאָס איז די קללה, וואָס ליגט אויף דעם געבענטשטן, די ווערלאָזיגקייט פון גוטן. דאַגעגן דער מנשה, אים איז פיל בעסער, ער קאָן זיך ווערן, קעמפן, אָפּנעמען זיך פאַר דער עוולה און נקמה-נעמען. ער איז פריי פון דער ברכה! — דער אַלטער רעמבראַנדט האָט דאָס אַלץ געוואוסט אין זיינע בילדער איינגעצוקנעטן...

### קאַפּיטל 8

## אַלע גערטענער בליען

נאָך פאַר דער מלחמה האָבן די בערלינער פאַרלייגט קליינע גערטנדלעך איבערן ראַנד פון דער שטאָט. פאַראיינען פון באַאַמטע אָדער אַנדערע געזעלשאַפטן, אָפּטמאָל גרופּן באַקאַנטע, מערסטנטיילס יחידים פלעגן אָפּדינגען פריי־שטייענדיקע פלעצער הינטער דער שטאָט, זיי באַאַרבעטן, פאַרפלאַנצן בלומען, גרינוואַרג, אויפשטעלן זיך אַ קליין ביידל, וואו מען פלעגט אין די זונטאָגס, אָפטמאָל אויך אין מיטן דער וואָך, אַרויסקומען מיט ווייב און קינדער און פרייען זיך מיט דער נאַטור. פאַר דער מלחמה זענען די דאָזיקע גערטנדלעך געווען מער אַ שפּילעכל, אַ פאַרווײַלונג, איידער אַ נויטווענדיקייט. אַ גרויסע נויטווענדיקייט זענען זיי ערשט געוואָרן אין דער צייט פון קריג, ווען יעדעס שטיקל ליידיק־שטייענדיקע ערד אויפן לאַנד און הינטער דער שטאָט איז באַאַרבעט־געוואָרן, פאַרזייעט מיט גרינוואַרג און איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר דער הונגעריקער באַפעלקערונג. ערשט רעכט האָבן זיך אָט די גערטנדלעך אַנטוויקלט נאָך דער מלחמה, אין דער צייט פון דער אינפלאַציע, ווען יעדעס שטיקל פלאַץ הינטער דער שטאָט איז פאַרזייעט־געוואָרן. דאָרט, וואו די שטחים זענען פאַרנומען פון גאַנצע אָרגאַניזאַציעס אָדער געזעלשאַפטן, האָבן די קליינע חלקים גערטנדלעך געטראָגן לויט דער דייטשער ליבע צו אָרדנונג, צוימען, אויסגעאַרבעט פון דער פאַבריק אין איין

אוניפאָרם. נאָך שאַרלאָטענבורג, העט-ווייט אַרויס נאָך גרונע-וואַלד, וואו די פּלעצער זענען געדונגען-געוואָרן דורך יחידים, מערסטנטייל דורך דער אָרימער באַפעלקערונג, האָט יעדער צוים, וואָס איז באַשטאַנען פון צופעליג צוזאַמענגעשלעפּטע, אונטער דער האַנט געפונענע ברעטער-לייסטן, אָפטמאָל נאָר בלויז אָפּגעצוימט מיט שטעכיגן דראָט, געטראָגן זיין אייגענעם כאַראַקטער און צוויסן-געגעבן פון דעם אינדיווידועלן געשמאַק און די באַזונדערע באַמיאונגען פון זיין אייגנטימער.

די „באָדענהיימערישע אַנשטאַלט" האָט הינטער שאַרלאָ-טענבורג געהאַט פרייע פּלעצער, וואָס זי האָט אַמאָל איינגע-קויפט מיטן אויסזיכט אויפצובויען אַ נייע גאָרטן-שטאָט. דער פּלאַן איז צוליב דער מלחמה און אינפלאַציע נישט פאַרווירק-לעכט-געוואָרן.

אַלס יינגל נאָך האָט האַנס געהאַט דאָרט זיין לוסט-און שפּיל-גאָרטן, וואָס ער האָט באַאַרבעט מיט דער הילף פון זיין פאָטערס שאָפער. אין דעם גערטנדל האָט ער געהאַט זיין ביידל, אַ פּראָוויזאָריש פעלד-בעט, קיך-כלים און הויז-מכשירים, און ער פלעגט אַרויסגיין אַהין וואוינען אין זיין גאָרטן הינ-טער דער שטאָט מיט חברים און פריינד און פאַרברענגען די וואָך-ענדען.

דאָרט אַהין האָט ער איצט געבראַכט לאָטען. צורעכט-געמאַכט דאָס אַלטע ביידל, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט שטיין, באַדעקט דעם צעלעכערטן דאַך מיט דער דעק פון אַ לייוונט פון געצעלט, אויפגעשלאָגן צוויי פעלד-בעטן, וואָס האָבן זיך געפונען דאָרט, אויסגעבאָרגט זיך אַ ביסל געלט פון אָנקל אַדאָלף, איינגעקויפט זיך כלי-מכשירים, אַ פּרימוס צו קאָכן, אַ נאַפט-לאָמפּ צום לייענען ביינאַכט, אַ פּאָר טעלער און טעפּלעך און זיי זענען אַרויף אויף אייגענער ווירט-שאַפט.

עס איז נאָך געווען פרי אין פרילינג, די נעכט זענען נאָך געווען קאַלט-געווען, אָבער די גאַנצע געגנט איז שוין באַזעצט-געווען פון שטאָטישע מענטשן, וועלכע זענען אַנט-

לאָפן אין די גאָרטן-ביידלעך פאַר דעם הונגער אין דער שטאָט. עס האָט אויסגעזען, ווי די מענטשן וואָלטן זיך געוועזן געקלאַמערט צו דער ערד, כדי צו געפינען שוץ ביי איר פאַר דער אכזריותדיגער אינפלאַציע-קרענק, וואָס האָט אין דער שטאָט געהערשט. מען האָט פאַרלוירן דעם צוטרויען צו דער אייגענער פּראָפעסיע און ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל אָנהאַלט, איז אַנטלאָפן צו דער ערד. עס איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט. אַלץ האָט געגראָבן, געאַקערט, פאַרזייעט, געפליקט דאָס ווילדגראַז, געריייניגט, באַגאָסן און געפלעגט זיין שטיקל גאָרטן; יעדעס גרעזל, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון דער ערד, איז געוועזן אַ האָפענונג, אַ פאַרזיכערונג פאַרן הונגער... מען האָט נישט געגונג צייט געלאָזט די נאַטור זאָל אָפּטון איר אַרבעט בשלימות, נאָר מען האָט זי אונטערגעשמיסן, אונטערגעיאָגט מיט באַמיסטיגונגען, מיט באַוואַסערונג, מיט פּראָוויזאָרישע באַשיצונגען פון ווינט און שטורמען. מען האָט פאַרשטעלט די בייטן מיט גלאָז-פלאַטן, מיט ראָגאָזשעס, כדי וואָס שנעלער אַרויסצוקריגן די פּראָדוקטן פון דער שויס פון דער נאַטור, און וועלכער מען האָט זיך אַזוי גענויטיגט. קוים זענען די ערשטע קאַרטאָפל פאַרטיג-געוואָרן, האָבן זיך שוין באַוויזן גנבים. ביינאַכט האָבן זיך געהערט איינצלנע שאָסן, געשרייען, געוואַלדן, וואָס האָבן אָפּגעיאָגט די הונגעריגע מענטשן, וועלכע זענען פון שטאָט געקומען גנבענען די רייף-ווערנדיגע גרינסן...

האַנס און לאָטע האָבן זיך געפילט ווי אדם און חוה פאַרוואָרפן אין גן-עדן. זיין פּנים האָט זיך געשיילט פון דער זון, זיינע הענט זענען פאַרגרעבט-געוואָרן פון דער אַרבעט. זיי זענען אַרומגעגאַנגען האַלב-נאַקעט, ער און זי אין קורצע הויזן, און מיט לאָטעס אָפּגעשוירענעם קאָפּ האָר האָבן זיי ביידע אויסגעזען ווי צוויי בחורים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דערהיים און מאַכן זיך אַ יום-טוב. מיט דייטשער פלייסיגקייט און גרינדלעכקייט האָט זיך האַנס גענומען צום שטודירן אין פאַרשידענע האַנט-ביכער איבער הויז-גערטנעריי און גרין-צוכט, געהאַלטן גאַנצע לעקציעס פאַר זיין יונגער פרוי וועגן אינזעקטן, וועלכע ווערים עס זענען שעדלעך און ווי אַזוי זיי

צו באקעמפן און וועלכע נישט, און ווי אזוי צו באצווינגען די נאטור, אז זי זאל פריער פארענדיגן אירע כעמישע פראצעסן אויף ארויסצוגעבן שפייז. פארשטייט זיך, אז עס האט לאנג נאך געדויערט, ביז לאטע האט געקאנט אפקאכן א זופ פון אייגענע גרינסן. דערווייל האט מען געלעבט דערפון, וואס האנס האט באצויגן פון פאטערס געהאלט דורך דעם אנקל אדאלף... עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז נישט בחינם האט לאטע פארבראכט אין איר מוטערס קיך. זי איז נישט נאר געווען א זארגזאמע באלעבאסטע, נאר אויך א גוטע קעכין. זי האט געקאנט קאכן אויף דער פרימוס-מאשינקע שפייזהאפטע זופן, פון וועלכע מען איז א גאנצן טאג זאט-געווען. האנס איז געפארן יעדע פאר טעג אין שטאט ארײַן אײַנקויפן צו מאכן, און ער האט צוליב דעם פאלן פון געלט, ווי יעדער גוטער באלעבאס, באזארגט זיך מיט א קליינעם זאפאס פון שפייזן: באבעס און קאשעס, מעל און רייז, און מיט די אייגענע סאלאט, מייערלעך און שפינאק, וואס מען האט שוין אזוי פרי באוויזן פון דער ערד ארויסצוקריגן, האט מען זיך דערהאלטן ביים לעבן. פרילינג, יוגנט, און פארליבט איז מען געווען, האט די וועלט אויסגעקוקט ביי אלע אומגליקן ווי א גן-עדן.

ווי נאענט קאנען זיך מענטשן זיין? געוויס, נישט נאר אין מאמענטן פון גרויסן חסד ווערן פארווישט די גרענעצן, וואס בויערן זיך ווי אומגעזעענע אפגרונטן פון איין יחיד צום אנדערן, נאר נאך מער קומט די אבסאלוטע נאענטקייט אין מאמענטן, ווען מען קלערט נישט וועגן זיי, ווען מען ווייסט נישט, אז זיי זענען דא... אפטמאל, ווען זיי האבן געארבעט ביידע אין זייער קליינעם גארטן און זייערע הענט האבן זיך צוזאמענגעטראפן ביים קולטיווירן א פלאנץ, ביים אויסרייסן דאס ווילדגראז, ביים דערלאנגען איינס דאס אנדערע די קאן וואסער, אדער גלאט-אזוי ביים צוזאמענגעפינען זיך אין צווייען אין דעם שטילן רואיגן דרויסן, וואס האט ווי א געצעלט פון שלום אפגעצוימט די קלארע, יונגע אומשולדיגע, קינדישע פרילינג-וועלט פאר זייער אייגענעם רוים, אפגעשניטן די ווארצלען פון איר פאטערס היים, פארשטויסן פון

די אייגענע, באַליידיגט און פאַרשעמט, — איז זי, לאָטע, צו אים פאַרקנסט-געוואָרן דורך דער שוק, וואָס זי האָט געפונען אין אים... זי האָט קיינעם נישט מער געהאַט אַ חוץ אים. און ער, געלייטזעליגט דורך איר צוגעהעריגקייט צו אים, דערהויבן דורך דעם, וואָס זי האָט זיך איבערגעגעטפערט צו אים, האָט ער זי באַטראַכט ווי זיין הייליגקייט, זיין אומבאַפלעקטע ריינקייט. טיילמאָל, ווען זיי זענען געזעסן אין די פאַרנאַכטן אויף דער שוועל פון זייער פּראָוויזאָריש הייזל און געפרייט זיך מיט די אויפגייענדיגע גרינסן פון זייער מיניאַטור-גאָרטן, זענען זיי זיך פאָרגעקומען, ווי אדם און חוה. פאַרשטויסן פון פאָטערס הויז זענען זיי אַנטרינען אין זייער אייגענעם גן-עדן. האַלטנדיג זיך ביי די הענט, האָבן זיי געפלאָכטן פאַנטאַסטישע פּלענער פון לאַנגע אויסטערלישע רייזעס. זיי האָבן זיך געפונען ביי די דענקמעלער פון גריכנלאַנד, זיי האָבן נישט-געזעענערהייט באַוואונדערט די קלאַסישע סטאַטועס. דאָ האָבן זיי זיך געפונען ביי די פּיראַמידן אין עגיפּטן, אין אַ מינוט אַרום שוין ביי די הייליגע וואַסערן אין אינדיען. אין די פרייע אויסגעשטערנטע אָוונטן האָבן זיי זיך האַלב-נאַקעט ווי די קינדער אַרומגעיאָגט אין זייער גאָרטן, ביז ער האָט זי געכאַפּט און זי געטראָגן אויף זיינע הענט אין זיין קליין הייזל אַריין...

ער האָט געהאַט טויזנטער וועגן זי איבערצוראַשן און אַרויסצואווייזן איר זיין אויפמערקזאַמקייט. אין יענער הונגעריגער צייט, ווען נאַטירלעכע מענטשלעכע שפּייז איז געווען אַזאַ זעלטנהייט און קאָסטבאַרקייט, האָט האַנס אַרויסגעוויזן זיין ליבע צו איר דורך דעם, וואָס יעדעס מאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין, אין אוניווערזיטעט אָדער זיינע ביכער איבערטוישן אין ביבליאָטעק, האָט ער אָנשטאָט איינצוקויפן שפּייז אויף אַ פּאָר טאָג פאַר דער באַשיידענער סומע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איר געבראַנגט עפּעס אויסערגעווייגלעכס, ווי אַן עכט שטיקל שאָקאָלאַד. דעם גרויסן אידעאַל פון אַ שטיקל פּוטער האָט זיין בייטל קיינמאָל נישט דערלויבט זיך צו פאַרווירקלעכן. אַז לאָטע האָט דאָס דערזען, האָט זי זיך דערשראָקן.

— נו, איצט האָסטו דאָס גאַנצע געלט איסגעגעבן אויף שאָקאָלאַד, און מיר וועלן דערפאַר קיין ברויט נישט האָבן...

געוויס האָט דאָס יוגנטלעכע לעבנס־געפיל אין איר, דער פרייער אַרום, די אויפמערקזאַמקייט און איבערגעגעבנהייט פון האַנסן, געמאַכט פאַרגעסן אין דעם יונגן מיידל די בלוטיגע באַליידיגונג, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין איר היים. וועגן דעם האָט זי האַנסן קיינמאָל נישט דערציילט, וואָס עס איז מיט איר געשען. ער האָט זי, פאַרשטענדלעך, נישט געפרעגט. אָבער דאָך, זינט יענעם שרעקלעכן אָוונט, ווען מען האָט איר אויף אַ גרויזאַמען אופן די האָר אָפּגעשניטן אין איר מוטערס צימער, איז אַ ביטערער שוים געלעגן אין די ווינקלען פון איר מויל, אַ פאַרביסענער קנייטש אין די שטרענגע, פעסט־אויסגעקנעטענע, ווי פון שטיין אויסגעהעמערטע אויגן־ראַנדן... חיהש־אויפשרייענדיגס, ווי אירע אויגן וואָלטן־געוועזן געזען עפּעס שרעקלעכס, פון וועמענס אָנבליק זיי קאָנען זיך שוין קיינמאָל נישט באַפרייען. אַ באַהאַלטענע, אָפּטמאָל שלעכטס־אָנזאָגנדיגע שטילקייט איז געווען אין איר... און אַז זי האָט איצט געשמייכלט, איז דאָס לאַכן נישט געווען פריי, זאָרגלאָז־קלינגענדיג, ווי מען איז עס געוואוינט־געווען צו הערן ביי איר, נאָר אַ קלוגער, אַלווייסנדיגער שמייכל, דער שמייכל פון אַ געשמיסן קינד... און וואָס נאָך מער — זי, די זאָרגלאָזע, מיט געלעכטער־שפּרודלדיגע האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַראינ־טערעסירן מיט ערנסטע זאַכן. זי האָט, למשל, אָנגעהויבן צו גיין אויף קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע אירע באַ־קאַנטע פון דער אַלטער וואוינונג, מאַרטאַ, די שפּינערס טאָכ־טער, מיט איר חתן היינריך האָבן זי אָנגעהויבן מיטצונעמען...

עס איז געווען אַזוי: נאָכדעם, ווי האַנס און לאָטע האָבן זיך באַזעצט אין זייער גערטנדל הינטער דער שטאָט, האָט זיך לאָטע דערמאָנט אָן דער מאַרטאַ, איר אַלטע באַקאַנטע פון דער ראַנקען־שטראַסע. זי האָט זיך געטראַכט: אַזוי ווי די ביידע, די מאַרטאַ און איר חתן היינריך, קאָנען נישט חתונה האָבן, ווייל זיי האָבן דאָך קיין וואוינונג נישט, זאָלן זיי זיך אויפשטעלן אין זייער גערטנדל אַ געצעלט און דאָ וואוינען. אגב, קאָנען זיי אויך באַאַרבעטן אַ טייל פון גאָרטן און האָבן

זייער אייגן גרינוואַרג. דער חתן היינריך האָט אָבער נישט געקאָנט אָננעמען לאָטעס פּאַרשלאָג. דער פּלאַץ, וואו ער האָט געאַרבעט, איז געלעגן אין דעם אַנדערן עק שטאָט און ער וואָלט קיין מאָל נישט געקאָנט באַווייזן צו קומען אינדערצייט אין דער פאַבריק. מאַרטאַ און היינריך זענען צו לאָטען אַרויס־געקומען יעדן זונטאָג, פאַרבראַכט מיט זיי, געהאָלפן באַארבעטן דעם גאָרטן, אַהיימגענומען אַביסל גרינס, בלומען. די יונגע מענטשן האָבן זיך באַפריינדעט, די שלעכטע צייט, אין וועל־כער מען האָט געלעבט, האָט אָפּגעווישט יעדן סאָציאַלן אָדער בילדונגס-אונטערשיד. היינריך, אַזוי אויך מאַרטאַ, האָבן שוין געהערט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. איבערהויפּט איז דער היינריך געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דערדאָזיגער אידעע. דאָס הייסט, פון דער אידעע אַליין, און וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר, האָט ער אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה געהאַט, עס איז אים אויך אַלצאיינס געווען, וואָס דער קאָמוניזם באַצוועקט אין זיין ענד־ציל. וואָלט ער אַליין אויף דער פראַגע געשטעלט-געוואָרן צו לעבן אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, אסור אויב ער וואָלט דערויף איינגעגאַנגען. ווען עס וואָלט אים אויסגעקומען צו לעבן אונטער די קאָמוניסטישע באַדינגונגען אין רוסלאַנד, וואָלט ער וואָרשיינלעך געווען דער ערשטער, וואָס וואָלט רע־וואָלטירט געגן קאָמוניזם. וואָרים דער יונגערמאַן, דער היינריך, ווי אויך די מאַרטאַ זענען דווקא געווען „קליינבירגער", וואָס טוען גאָרנישט, נאָר זאָרגן פאַר זייערע עגאָיִסטישע מאָלצייטן... און זייער איינציגער וואונש איז — אַן אָרט, וואו זיי זאָלן זיך קאָנען באַהאַלטן מיט זייער ליבע, מער נישט, נאָר וואו דעם קאָפּ אַהינצוטון. צו דעם צוועק האָבן זיי זיך שטאָל-און־אייזן געהאַלטן אין זייער „האָב-און-גוטס", וואָס איז באַשטאַ־נען פון ווערטלאָזע פּאַפּיר-מאַרקן, וואָס די מאַרטאַ האָט גע־האַלטן אין איין אָפּשפּאָרן פון איר אָרים געהאַלט ביי ווערטהיי־מער, כדי צו זיין ביכולת איינצוקויפן זיך אַ קיך-איינריכטונג פאַר איר צוקונפטיגער ווירטשאַפט, כאָטש זי האָט נאָך נישט געהאַט קיין פּלאַץ פאַר דער קיך. מיט אמתער דייטשער שפּאָרזאַמקייט און פלייס האָט זי אָפּגעשפּאַרט דעם ביסן פון מויל, צונויפגע־לייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, אַבי צו דערגרייכן צו דער

טומע, זי זאָל קאָנען איינצאָלן אויף דער קיך־ווירטשאַפט. נאָר וואָס מער און לענגער זי האָט געשפּאָרט און געזאַמלט, איז זי אַלץ מער הינטערשטעליג־געבליבן מיט איר געלט, ווייל די קיך־ווירטשאַפט איז געשפּרונגען אין פּרייז, אַזוי אַז לעצטנס האָט עס אויסגעזען, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט זיין ביכולת צו דערגיין צו דער ציפער, וואָס די קיך־ווירטשאַפט האָט באַטראָפן. דאָך האָט זי ווייטער געהאַלטן אין איין זאַמלען, און זאָל ווער פּרוּאוון אָנצורירן איר ביסל אָפּשפּאָרונג!...

זיי זענען געווען דאָס, וואָס מען רופט „להכעיס־קאָמוניסטן". פּונקט ווי זייער פאָטער, דער אַלטער שפּינער, וועלכער איז זיין גאַנץ לעבן געגאַנגען אין דעם ערלעכן, אויסגעטראָטענעם אָקסן־שריט, אין וועלכן עס האָט אים געפירט זיין געווערקשאַפטן־אָרגאַניזאַציע, האָט באַשטימט די היינטיגע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג צום טויט צו פאַראורטיילן מיט דעם, וואָס ער האָט „געשטימט קאָמוניסטיש", אַזוי האָבן זיי אויך באַטראַכט דעם קאָמוניזם אַלס שטורם־טרעגער, אין וועלכן זיי קאָנען זייער פּראָטעסט און ביטערקייט, וואָס זיי טראָגן צו דער משוגענער וועלט, אויסלאָדן... נישט דער קאָנסטרוקטיווער טייל פון קאָמוניזם, פון וועלכן זיי האָבן די מינדסטע אַנונג נישט געהאַט, האָט זיי אינטערעסירט, נאָר דער צעשטערנדיגער טייל: „זאָלן זיי נאָר וואַרטן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט די מאַכט אין דער האַנט באַקומען, וועלן מיר זיי דאַן שוין ווייזן, ווי רוסלאַנד האָט עס געטון!..." רוסלאַנד איז געווען דער אידעאַל. מען האָט נישט געוואָלט וויסן, וואָס אין רוסלאַנד טוט זיך, די אמתע לאַגע פון די רוסישע פאַרהעלטענישן. מען האָט זיך איינגעראַמטן ווייניג־וואָס אינטערעסירט, וואָס עס טוט זיך דאָרט. מען האָט באַדאַרפט אַ שלאָג־וואָרט, אַ גאָט, אין וועמענס נאָמען מען זאָל קאָנען פאַראורטיילן די זינקענדיגע וועלט, אין וועלכער מען האָט זיך געפונען... דאָס פאַרביטערטע לעבן האָט פּראָדוצירט אַזויפיל אומצופרידנהייט, האַס, מענטשן־פיינטשאַפט, און די פיינטשאַפט האָט געזוכט אַן אויסלאָדונג. טייל האָבן עס געפונען אין דעם שטייגערנדיגן שאָוויניזם, אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם; די אַנדערע — אין קאָמוניזם.

ביידע זענען זיי געטראָגן-געוואָרן פון איין כּוח,—פון כּוח פון האַס, און ביידע האָבן געשטרעבט צו איין ציל: צו געפינען אַ קרבן, אויף וועמען אויסצולאָדן דאָס דורשטיגע נקמה-געפיל.

— נקמה-נעמען! גאַנץ גלייך אין וועמען! אַ רעכט נאָר אויף צו מאָרדן...

דערדאָזיגער אַרט קאָמוניזם איז צוגעפּאַסט-געווען איצט צו לאָטעס באַליידיגטען געפיל. ער איז איר נאָענט-געווען און פאַרשטענדלעך.

האַנס האָט זיך געפילט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איינגעשלאָסן-געוואָרן אויף אַ קליינעם אינזל, אויף וועלכן עס האָט זיך אָנגעזאַמלט די שנאה-און-קנאה. די מענטשן האָבן זיך פיינט איינס דאָס אַנדערע און וואַרטן נאָר אויס אויף דער געלעגנהייט, ווען זיי זאָלן זיך די העלזער איבערשניידן. איבער דער לופט פון דעם אינזל הענגט אַ שווערער מעטאַלענער נעפּל, וואָס פאַרפּעסטעט די לופט, דענערווירט זי מיט דער אומזיכערקייט, וואָס שרעקט אַלעמען. קיינער ווייסט נישט, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגן... אונזער צייט איז אין דעם גאַנג פון די געשעענישן אַריינגעיאָגט-געוואָרן אין אַ קלאַמער, צוגעקומען צו אַן אָפּגרונט... וואָס איז דאָרט אויף יענער זייט? מענטשן האָבן פאַרלוירן אין דער אַלגעמיינער געפאַר די בשותּפותדיגע שפּראַך. יעטוועדע שפּור פון געמיינזאַמעס, וואָס די אַלגעמיינע געפאַר באַשאַפט אין יעדן קיבוץ, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין אונזער היינטיגער נויט.

— עס איז נישט קיין קאַמף פון קלאַסן, פון מאַטעריעלע אינטערעסן, ווי עס דאַכט זיך אונז אויבערפלעכלעך אויס, — האָט האַנס געזאָגט צו זיך. — „מאַטעריעלער קאַמף”—דאָס האָבן מיר נאָר אַזוי אַ נאָמען-געגעבן, ווייל מיר האָבן קיין אַנדער וואָרט נישט דערפאַר. דער קריזיס איז נישט קיין מאַטעריעלער, נאָר אַ גייסטיגער, וועלכן די וועלט לעבט איצט אַדורך. אונזערע ווערטן האָבן פאַרלוירן זייער געוויכט. די שטערן אין אונזער הימל זענען אונטערגעגאַנגען און מיר ווייסן נישט מער, וואו מיר געפינען זיך. נישט אונזער מאַטעריעל פאַרמעגן, נאָר אונזער גייסטיג לעבן, אונזער אמונה, אונזער קולטור, אונזערע הייליגקייטן האָבן פאַרלוירן זייערע ווערטן. וואָס איז מאַטע-

ריעלער קריזיס? יעדעס עקאָנאָמיש־פּאָליטישעס פּראָגראַם, מעג עס נאָך אַזוי ווייט־און־ברייט זיינע פליגלען אויסשפּרייטן איבער די ברייטסטע מאַסן, דאָך וועט עס שטענדיג עמעצן פון אונטער זיינע פליגלען אַרויסלאָזן און נישט צודעקן...״

די שנאה, וואָס האָט זיך געטראָגן צו אים, האָט אויף אים ווי קייטן אַרויפגעוואָרפן, וועלכע האָבן קיין רו נישט געגעבן.

„נאָך אַלעם בין איך דאָך דערזעלבער מענטש ווי זיי. מיר רעדן דיזעלבע שפּראַך, באַלאַנגען צום זעלבן פאָלק און צום זעלבן לאַנד. מיר האָבן קיינמאָל פערזענלעך איינער דעם אַנדערן קיין עוולה נישט געטון, נישט די געלעגנהייט געהאַט שלעכטס צו טון — פונוואַנען־זשע נעמט זיך די שנאה צו מיר? פונוואַנען ווידער די פיינטשאַפט?״

האַנס האָט אויך נישט באַשולדיגט די אַרומיגע, אַז די שנאה צו אים פליסט־אַרויס בלויז פון איין שלעכטן מקור. זיי אַליין פאַר זיך זענען גאָרנישט שלעכט. זיי האַלטן זיך פאַר אויסדערוויילטע, פאַר אידעאַלע, פאַר מענטשן, וואָס זענען פעאיג אויף די העכסטע פערזענלעכע קרבנות, געבילדעטע און געוויס אויך — פאַר גערעכטע.

„גוט, זיי האָבן פיינט מיין אָפּשטאַם! וואָס איז מיין אָפּ־שטאַם ערגער ווי אַן אַנדערער? איך האָב זיך גאָרנישט צו שעמען מיט מיינע פאָטערס. זיי זענען נישט בעסער אָבער אויך נישט ערגער ווי די אַנדערע. געוויס זענען דאָ צווישן יידן עלעמענטן, וועלכע באַרייכערן זיך אויפן חשבון פון דער אינ־פלאַציע, שפּעקוליאַנטן, ווי דער מאַן דאָרט, וואָס איז אַנומלט געוועזן ביי אונז — ווי הייסט ער דאָס? דער יודקעוויטש, פון וועלכן דער פאָטער האָט אַזויפיל זאָרגן. דער אָנקל האָט מיר געזאָגט, אַז אונזער גאַנץ פאַרמעגן שטייט אין געפאַר. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך מיט אים? פאַרוואָס זאָל איך באַ־צאָלן פאַר די זינד פון יעדן שפּעקוליאַנט? אויך ביי זיי, ביי די דייטשן, געפינט מען שפּעקוליאַנטן, מלחמה־ און אינפלאַציע־געווינלער, וועלכע האָבן זיך באַרייכערט אויף דעם פאָלקס־אומגליק טויזנט מאָל מער ווי דער יודקעוויטש, און קיינעם וועט נישט איינפאַלן צו פאָדערן רעכנשאַפט פאַר די זינד, וואָס

איין יחיד באַגייט ביי אַ גאַנצן כּלל! ניין, די שנאה צו מיר איז אַ טייל פון דער וועלט-שנאה, וואָס האָט זיך פאַנאַנדער-געלייגט ווי אַ פאַרסמטער גאַז אויף אונזער גייסטיגן האָריזאָנט און צעזעצט אונזער גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קיום. די גאַזן דערגרייכן צו מיר צוערשט, ווייל די שטעלונג, אין וועלכער איך געפין זיך, איז אָפענער, איז לייכטער צו דערגרייכן... אָבער די גאַזן פון אומפאַרשטענדלעכער פיינטשאַפט, וואָס האָבן זיך געלייגט איבער דער וועלטס הימל, וועלן אין אַלע פאַר-באָרגנסטע לעכער אַריינדרינגען און אונזער גאַנצע ציוויליזאַציע פאַרניכטן. עס איז דער אָנהייב פון ענד, מיר גייען-אונטער. די אייראָפּעיִשע ציוויליזאַציע נייגט צו איר אונטערגאַנג, ווי אַמאָל די גריכיש-רוימישע. דער חולה בענקט נאָכן טויט".

טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער און דער גאַנ-צער אַרום בלאָנדזשען אין אַ פינסטערער וועלט און שלאָגן זיך אָן איינער אָן דעם אַנדערן. די געזעלשאַפט פון היינט איז צוגעקומען צו אַ מעטע. פונקט ווי די אַלטערטימלעכע וועלט האָט זיך אַליין איבערגעלעבט, איז רייף-געוואָרן פון דעם בוים אַראָפּצופאַלן און האָט געמוזט איר אָרט אָפּרוימען פאַר דער קריסטלעכער אידעע, אַזוי איז אונזער וועלט דערגאַנגען צו איר עלטער-סטאַדיע, ווערט-רייף פאַר עפּעס נייעס, וואָס באַדאַרף קומען... דער אַלטער „פּאַן" איז טויט, און דער געשטאַנק פון זיין פּגר פילט זיך אין דער לופט...

האַנס האָט זיך דאַן גענומען שטודירן די געשיכטע פון דער קריסטלעכער רעליגיע, איר אַנטשטייאונג, איר געראַנגל און איר באַהערשונג. די פילזייטיגע באַלויכטונג פון דער טעמע, מיט וועלכער די געשיכטע פון דער קריסטלעכער רע-ליגיע איז אַזוי רייך, האָט אים אַ קלאָר און אַן איינדרוקספול בילד געגעבן פון יענער צייט, ווען די וועלט האָט שוין אַמאָל איר פעל אַראָפּגעוואָרפן און אָנגענומען אַ נייע, וואָס איז אַזוי ענלעך צו אונזער היינטיגער צייט.

גאַנצע נעכט איז ער געזעסן און שטודירט דעם אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, די געבורטס-ליידן פון נייעם גלויבן, די ערשטע פאַרביטערונגען, וואָס די אָפּרייס-וויטאָגן רופן-אַרויס, ווען דער נייער קריסטלעכער גלויבן האָט זיך געריסן פון נאָפל

פון אַלטן, יידישן גלויבן... די פאַרביטערונג מערט זיך, ווערט גרעסער, און דער אָפּשניט — שאַרפער. דער נייער גלויבן קעמפט פאַר זיין קיום. די מניעות, וואָס דער אַלטער גלויבן לייגט אים אויף זיין וועג, און די נקמה, וואָס די קירכע נעמט דערפאַר. די שנאה, מיט וועלכער זי באַשענקט די אָנהענגער פון אַלטן גלויבן פאַר דעם קאַמף, וואָס זיי האָבן געפירט געגן די אַפּאָסטאָלן. דער נעכטיגער נרדף ווערט אַ רודף. ביז עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז זי פלאַנצט־איין מיט איר שנאה אין דער פאַנטאַזיע פון אירע גלויביגע אַ שרעקלעך בילד, ווי אַזוי אַן אָנהענגער און אָנהאַלטער פון אַלטן גלויבן באַדאַרף אויסזען... און מיט דער מאַכט־און־קראַפט, וואָס די קירכע באַזיצט איצט אויפן לעבן, פּאַסט זי צו די לעבנס־באַדינגונגען פון די יידן, באַשאַפט פאַר זיי אויסנאַמס־געזעצן, שליסט זיי איין אין געטאָ־מויערן, כדי אַזויערנאָך צו פאַרמירן דעם פאַראַכטנדיגן טיפּ, אין וועלכן זיי וואָלטן געוואָלט זען פאַרקערפּערט זייער האַס צו יידן!

און דאָך לעבן זיי, די יידן! און וואָס איז דער כוח, וואָס האַלט זיי אויף ביים לעבן?

אָפטמאָל שטעלט זיך האַנס דידאָזיגע פראַגע: „פאַרוואָס לעבן זיי?"

מיטן פולן מויל נעמט די קריסטלעכע וועלט טויזנטפאַך נקמה פאַר דעם עקשנות פון די יידן צו קלאַמערן זיך אין אייגענעם גלויבן. עס איז נישט גענוג רייך די אייגענע פאַנטאַזיע, אויסצוטראַכטן פיזישע און מאָראַלישע ענויים, דערנידערונגען, באַליידיגונגען, כדי צו לעשן דעם נקמה־געפיל. אַן יידן, באָרגט מען זיך אויס בלבולים, וואָס פיינט האָבן אַמאָל אויף די קריסטן אַליין געמאַכט און מען באַשענקט מיט זיי דעם ייד. פאַר דעם ייד איז מען אַלץ מתיר, פאַר אים גילט נישט קיין קריסטלעך געזעץ. דאָך עקזיסטירן זיי! זיי זענען דאָ און זיי וואַרטן! מען האָט זיי אָפּגעזאָגט יעדן מאָראַלישן און גייסטיגן כוח, נאָכדעם ווי זיי האָבן די העכסטע עטישע טאַט פון זיך אַרויסגעגעבן — און דאָך לעבן זיי, כדי אויסצוהאַלטן אַ וועלט פון שנאה, וואָס טראָגט זיך געגן זיי. און דאָך גייען זיי מיט תהילים־געזאַנגען אויף די שייטערהויפנס פאַר

זייער אמונה, פונקט ווי די אַמאָליגע ערשטע קריסטן. עס דאַכט זיך אָפּט, אַז זיי האָבן באַהאַלטן צווישן זיך אַ סוד, דעם סוד פון דער ישועה, אַ לעצט ליכטל, וואָס זיי היטן־אָפּ מיט אַזוי־פיל מסירת־נפש. דאָס איז עס, וואָס גיט זיי כּוחות אַלץ איבער־צוטראָגן און צו וואַרטן...

וואָס איז דאָס ליכט, וואָס זיי זעען אין דער פינסטערניש? צי וואַרימען זיי אויס ביי דער וואַנט פון וואַרטן די לעצטע האָפענונג פון די מענטשן? אָדער זיצן זיי מיט פאַרבונדענע אויגן ביי דער גרענעץ פון טויט און זיי ווייסן נישט דערפון?...

---

דער איינציגער פריינד, דער איינציגער פאַרטרויאונגס־מענטש פון האַנסן איז אַלץ נאָך דער אָנקל אַדאָלף. עס האָט אויסגעזען, ווי דער אַלטער בחור וואָלט געפונען זיין תּיקון דורך די יונגע מענטשן. ער איז דורך זיי אָנגעשטעקט־געוואָרן מיט נייע לעבנס־קוואַלן, אויף וועלכע (ער באַמערקט עס אַליין נישט) ער הייבט־אָן איבערצוטראַנספּאָרטירן זיין ליבע און אינ־טערעס צו לעבעדיגע, אָנשטאָט צו טויטע בילדער. דאָס שווייגנ־דיגע מייסטערווערק, ווי עס באַצויבערט נישט זיין האַרץ און פילט אים נישט אָן מיט גליקזעליגקייט, איז עס אַן אָפּגעצוימ־טער, באַגרענעצטער געגנשטאַנד, וועלכער רעדט נישט מיט אַריין, לאָזט זיך באַווירקן, גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון די ראַמען, כּדי צו צעשטערן זיין אייגענע אילוזיע; דאָס לעבעדיגע מייסטערווערק ווערט געבוירן און שטאַרבט יעדן אויגנבליק; עס קאָן אַנטוישן, אָבער אויך איבעררעשן. עס איז באַפּרוכ־פּערט מיט מייסטערווערק און וואַרפט זיי פון זיך ווי אַ בוים די בלעטער, יעדעס מאָל נייע שאַטירונגען, ענדערונגען, ליכט־פלעקן, צעשפּילט די פאַנטאַזיע. אַט האָט ער געקענט די לאַטע מיט אירע גאָלדענע האָר, מיט איר מיידליש יונגער העלענישער פיגור. זי האָט זיך אַזוי וואונדערבאַר אַריינגעפּאַסט אין אַ גריכישער אָלימפּיאַדע־שפּיל. איר הערלעכע געשטאַלט האָט מען געקאָנט איינרעמען אין אַ טיציאַנישער גרופּירונג מיט אַ קלאַש פּרוכטן אין דער האַנט. די קלאַסישע ליניע פון איר פיגור האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער צייכנונג פון אַ דאַוויד, פון

אַן אינגער, אָדער צו די נייע קלאַסיקער — אַפילו אין אַ פּי־קאַסאָ. אָפטמאָל האָט ער אין איר געזען דעם רענואַר־מאָדעל, אַרויסקומענדיק פון באָד... דאָס איז געווען דאָס ווייטסטע, וואָס ער האָט געקאָנט דערגיין. פאַרשטייט זיך, צו אַ דעגאַ האָט זי זיך גאָרנישט צוגעפּאַסט. קיין נערוועזיטעט אין דער ליניע. און אָט האָט מען איר די האָר אָפּגעשניטן, און אויף איר פּנים האָט זיך עפּעס פאַרצויגן, אַ טראַגישע נערוועזיטעט האָט זיך אַריינגעכאַפּט און פאַרווייכערט אירע ליניען, געגעבן איר אַן עלעגישן אויסבויג. — און אָט איז זי שוין גאָר אַן אַנדערע. אַנומלט האָט ער זי געזען אין די קורצע הויזן, אין אַ העמד אָן אַרבל, מיט אירע קורץ־געשוירענע האָר, מיט אַזאַ בליק אין אירע אויגן, אַז עס איז נאָר געווען צו נעמען און אַ פּויק איר אין דער האַנט אַריין געבן. זי איז פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ פּויקערין פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עפּעס ביטערס, נערוועזעס איז אין איר גאַנץ וועזן, אָבער דערביי נישט חרטהדיגס, נישט עלעגישעס, נאָר אַ להכעיס־רעוואָלוציאָנערס, אַרויספאָדערנדיגס... פיל זענען די פּאָזעס, אין וועלכע דער לעבעדיגער מענטש קאָן פאַרוואַנדלט־ווערן. דער קאַמף און די ליידן, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט, די אָנשטרענגונגען פון זייער ליבע, דאָס קלאַמערן אין זיך פון די צוויי יונגע מענטשן האָט דעם אַלטן בחור אַזוי גערירט, אַז ער איז איצט פּעאיג־געווען נישט נאָר בלויז אַלץ צו טון פאַר זיי, נאָר אויך זיין קליינע, אין אַזעלכע נויטן צוזאַמענגעבראַכטע קאָלעקציע, וואָס איז געווען לופט פאַר זיין גייסטיגן אָטעם, דאָס ווינקל, אין וועלכן ער האָט זיך באַהאַלטן, איז ער גרייט־געווען צו אָפּפערן מיט פאַרגעניגן פאַר זיי, און וואָס ער האָט עס טאַקע געטון. ער האָט האַנסן נישט געזאָגט פון דעם ביטערן געראַנגל, וואָס זיין פאָטער און דאָס גאַנצע באָדענהיימער־הויז מאַכט אַדורך, אַז די באָדענהיימער־אַנשטאַלט האָט כמעט אירע טירן געשלאָסן, אַז ביי זיי לעבט מען פון דעם, וואָס מען שיקט פון צייט־צו־צייט פאַפּירן און אָבליגאַציעס צו פאַרקויפן. טיילמאָל טראָגט מען דאָס פאַמיליע־זילבער אָדער טעפּיכער צו פאַרקויפן. ער האָט האַנסן נישט דערציילט, אַז כדי זיי, די יונגע מענטשן, ביים לעבן צו דערהאַלטן, פאַרקויפט ער, אָנקל אַדאָלף, אַליין

אויס זיין אייגענע קאָלעקציע. אָן סקרופּולן, אפילו מיט אַ גע־
וויסער אינטימער פרייד טוט ער דאָס, נעמט ער אַראָפּ פון
זיין וואַנט איין בילד נאָכן אַנדערן און גיט עס איבער צו ביל־
דער־הענדלער. איצט טראָגט ער זיך אַרום מיט דער דעה אפילו
די קרוין פון זיין זאַמלונג, זיין ליבלינג, זיין אוצר, מיט וועלכן
ער האָט געטראַכט קיינמאָל זיך נישט צו שיידן — זיין קאָראָ
צו פאַרקויפן, וואָס ד[illegible] עס איינהאַנדלען
פאַר אַ באַקאַנטן שפּעקוליאַנט. דאָס געפיל פאַר לעבן, וואָס
האָט זיך ביי אים אויף טויטע ווערק אַריבערגעטראָגן, איז צום
לעבן צוריק אויפגעשטאַנען, וואָך־געוואָרן, ווי ביי דער קונסט—
נישט דורך זיין אייגן, נאָר דורך פרעמדעס, דורך אַנדערע אי־
בערגעלעבטעס...

איצט שטייט ער, דער אָנקל אַדאָלף, אין דעם קליינעם גרינעם גאָרטן און זעט די צוויי יונגע מענטשן, ווי צוויי פאַר־בלאָנדזשעטע וואַנדער־פייגל, אָן הויזן און העמד, אַרבעטן אויף דער ערד, רייסן דאָס ווילדגראָז, באַוואַסערן דאָס גרינס, און האַנס האַלט פאַר זיינע אויגן אַ בלעטל פון סאַלאַט, וואָס איז באַדעקט מיט מוראַשקעס.

— אָנקל, דאָס גוטע קעמפט נישט, הע? איך האָב היינט מער געטויט לעבנס, ווי אַ גאַנצער אָלימפּ מיט געטער איז אימשטאַנד צו שאַפן. שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען דאָס גוטע וואָלט נישט באַקעמפט דאָס שלעכטע.

— פונוואַנען ווייסטו, אַז דו ביסט דאָס גוטע? די מו־ראַשקעס האַלטן דיך טאַקע פאַרן שלעכטן, דערפאַר וואָס דו ראָטסט זיי אויס און זיי באַקעמפן דיך נישט.

— דאָס איז דאָך די פראַגע, אָנקל? מיר זאָגן, דאָס גוטע איז ביי אונז, ווייל דער סאַלאַט איז פאַר אונז. די מוראַשקעס באַטראַכטן אָבער דעם סאַלאַט פאַר זייערס און זיי האַלטן, אַז דאָס גוטע איז מיט זיי.

— ניין, יינגל, די פראַגע איז נישט דאָ, גוט אָדער שלעכט. עס איז געווען אַ יידישער פילאָזאָף מיימאָנידעס, ער איז געווען איינער פון די, וועלכער האָט געזאָגט, אַז די פראַגע גייט וועגן אמת און פאַלשקייט. מיר באַדאַרפן זיך האַלטן ביים אמת, צי דער אמת איז פאַר אונז אָדער געגן אונז.

דערוויטערט זיך פון ליגנט, נישט קוקנדיג, וואָס פאַר אַ רעזול־טאַטן די ליגנט קאָן האָבן פאַר אונז.

— פון דעם שטאַנדפּונקט מעג איך אויסראַטן די לעבנס פון די מוראַשקעס, כאָטש דאָס איז אפשר אַ שלעכטס אַן און פאַר זיך, עס איז אָבער אַ נויטווענדיגקייט פאַרן אמת, — זאָגט האַנס.

— פון וואָס פאַר אַן אמת? — פרעגט דער אָנקל. — פּונקט אַזוי ווי ביים גוטן און שלעכטן, האַלטן די מוראַשקעס, אַז דער אמת איז מיט זיי. נישט נאָר די שטאַרקע עקספּלאָ־טירן דעם אמת, לויט דעם פּרינציפּ: „מאַכט איז רעכט", נאָר אויך די שוואַכערע. מער נאָך די שוואַכערע נעמען־צו דעם גאַנצן אמת און יושר פאַר זיך, ווייל דער אמת און יושר זענען די איינציגע כּלי־זין, וואָס זיי פאַרמאָגן. זיי זענען מער אָנגעוויזן אויף דעם באַגריף, ווי די שטאַרקע, דורך דעם באַנוצן זיי זיך מער דערמיט. זיי זיכער, אַז די מוראַשקעס זענען פעסט איבערצייגט, אַז דעם סאָלאַט האָט די ערד אַרויסגעגעבן פאַר זייערטוועגן, און דו ביסט אַ גזלן, אַ רויבער!...

— אויב אַזוי, טאָ וואו איז די מאָס?

— אין דעם האַנדלט זיך טאַקע — די מאָס, דער וועג־ווייזער, דאָס איז דאָס אייגענע געוויסן.

— געוויסן קאָן זיין אַזוי עגאָיסטיש, ווי אמת און גוטס. מען קאָן עס אויך ציען ווי גומי, יעדער מאַכט זיין אייגן גע־וויסן, לויט דעם אָפּגאָט, וואָס ער דינט.

— מיינעטוועגן — זאָל זיין אמונה!

— אמונה־אין וואָס?

— אין אַ העכערער גערעכטיגקייט.

— דו גלויבסט אין דעם?

— אָן דעם, ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט מיין קונסט ליב־האָבן? אָן דער געטלעכקייט איז נישטאָ קיין שיינקייט...

האַנס האָט אָנגעקוקט זיין אָנקל. ער האָט אים איצט פאַרשטאַנען.

— ווייסט, אָנקל, דיר איז גוט. דו האָסט זיך וואו אַהינ־צוטון, וואו צו באַהאַלטן.

— דו קאָנסט דיך אויך דאָרט־אַהין באַהאַלטן. אין אונזער היינטיגער צייט איז קיין אַנדערע באַשיצונג נישטאָ.

— אַך, אייערע רייד מאַכן מיך קראַנק. עס איז זיך נישטאָ, וואו צו באַהאַלטן. זיי וועלן אויסגעפינען און אַרויס־שלעפּן. מען באַדאַרף שטיין מיטן פּנים צום שונא און קעמפן! — דאָס איז געקומען איבערראַשנדיג מצד לאָטען.

— יאָ, יאָ, איך האָב עס באַלד באַמערקט אין דיינע הויזן, אין דיינע אָפּגעשוירענע האָר. זעסט־אויס ווי אַ פּויקערין פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע...

— איך זאָג עס אייך נאָכאַמאָל: אַלע אייערע רייד וועגן גאָט, העכערער גערעכטיגקייט זענען פּוסט־און־לער. אָן קאַמף וועט איר גאָרנישט מאַכן. מיר מוזן פיל פרעכער, עקשנותדיגער, גרויזאַמער זיין פון זיי. צען זייערע פאַר איינעם אונזערן!

איצט האָט זי ווירקלעך אויסגעזען ווי אַ פּויקערין פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. נאָר אינמיטן איז איר „רעוואָ־לוציאָנערער קאַמף" איבערגעריסן־געוואָרן דורך אַן איבערראַשנ־דיגן, פריידיגן אויסגעשריי:

— עכטע פּוטער! עכטע פּוטער! — האָט זיך דערהערט לאָטעס געשריי פון ביידל אַרויס. באַלד איז זי אַליין אַרויסגע־קומען מיטן גרויסן וואונדער — עכטע פּוטער — וואָס האָט אין אַלע העכערע זאַכן געמאַכט פאַרגעסן.

זיי האָבן אָנגעקוקט דעם אָנקל מיט גרויסע אויגן פאַר־וואונדערט.

— איך האָב דאָך אייך צוגעזאָגט אַ חתונה־מתנה, — האָט זיך דער אָנקל פאַרענטפערט פאַר זיין עקסטראַוואַגאַנץ פון „עכטער פּוטער"...

## קאַפּיטל 9

# דער יום־טוב פֿון עפּל־בלינטשיק

צו דעקן דעם גאַנצן געברויך פֿון פּאַפּיר־געלט, אויס־צוצאָלן דעם לוין פֿאַר אירע אַרבעטער, האָט די גוס־פֿאַבריק פֿון ראָטאַציע־מאַשינען פֿון גוסטאַוו ווילדע געמוזט אָנקומען צו די בערלינער און צו די פּאָרשטאָטישע בעקערייען. די בענק האָבן נישט געקאָנט צושטעלן דעם גרויסן געברויך פֿון פּאַ־פּיר־געלט. די רייכסבאַנק האָט געהאַלטן אין איין אַרויסוואַרפֿן גרויסע פּאַפּיר־שיינען פֿון הונדערטער, צווייהונדערטער און פֿינף הונדערטער טויזנט מאַרק־שטיק, וואָס האָבן געדעקט דאָס באַ־דערפֿעניש פֿאַרן האַנדל. די גרויסע מאַרק־שיינען האָבן אָבער ווי חיות איינגעשלונגען די קליינע. וואָס מער די רייכסבאַנק האָט געדרוקט די פּאַפּיר־שיינען אויף גרויסע סומעס, אַלץ קנאַ־פּער זענען זיי געוואָרן אין ווערט און אַלץ גרעסער איז גע־וואָרן דאָס באַדערפֿעניש אין פּאַפּיר־געלט אין קליינעם אומ־גאַנג. די פֿאַבריקן, וואָס האָבן געהאַט פֿיל קלענערע שיינען אויסצוצאָלן פֿאַר זייערע אַרבעטער, האָבן זיך געמוזט דאָס „קליין־געלט" איינשאַפֿן אין פֿרייען פֿאַרקער. עס איז אָנגעגאַנ־גען אַ גרויסע קאָנקורענץ אין אויפֿקויפֿן דאָס קליינע פּאַפּיר־געלט פֿון די וואַרנהייזער, קרעמער, קצבים, מערסטנס אָבער—פֿון די בעקערייען, וואוהין עס פֿליסט־אַריין דאָס געלט פֿון קליינעם מאַן. די פֿאַבריק האָט געהאַט אַזאַ אָפּמאַך מיט אַ גאַנצער רייע בעקערייען. זי האָט צוויי מאָל אין דער וואָך פֿאַרן

אויסצאָלן אַרויסגעשיקט משא־אויטאָמאָבילן מיט באַגלייבטע מענטשן אין דער שטאָט אַריין. דאָס קליינע פּאַפּיר־געלט איז געוואָרן געזאַמלט אין וועש־קויבערס און איבערגעטראַנספּאָרטירט אין דער פאַבריק אַריין.

שבת נאָכמיטאָג האָט דער פאַבריק־אַרבעטער אַלבערט שפּינער מיט זיין איידעם היינריך פרידקע געקריגן אויסגעצאָלט יעדער איינער דריי און פערציג טויזנט פינף הונדערט און זעכציג מאַרק פאַר אַ האַלבע וואָך שכירות, לויט דעם טאַריף, וואָס די געווערקשאַפטן מיט דער געמישטער קאָמיסיע האָבן באַשטימט. אַ חוץ דעם, פינף טויזנט מאַרק עקסטרע, וואָס דער אַלטער שפּינער האָט באַקומען אַלס צוגאָב לויט דעם טאַריף אַלס עלטערער מייסטער. די סומע איז געווען אַ וואָגיגע, אַן ערנסטע און האָט אַרויסגערופן אין דער פאַנטאַזיע פון די אַרבעטער אַן אילוזיע פון רייכטום, פון פאַרזיכערונג, פון באַזאָרגונג, וואָס אַזאַ סומע האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט נאָך פון די נאָרמאַלע גוטע צייטן... יעדעסמאָל, ווען דער אַרבעטער אַלבערט שפּינער אָדער זיין איידעם האָט געפונען אין זיין אויסצאָל־טיט די קנאַקעדיגע פּאַפּיר־שיינען פון טויזנטער־מאַרקן מיט דעם דייטשן אָדלער און וואַסער־שטריך, וואָס מען האָט נאָך געקענט פון פאַר דער מלחמה, האָט מען דעם שיין אַרויסגענומען און באַהאַלטן, אויפבאַוואָרט. ביי אַלע אַנטוישונגען, וואָס מען האָט איבערגעלעבט מיט דעם געלט, האָט מען זיך דאָך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם כישוף, וואָס די אַזוי גוט־באַקאַנטע פּאַפּיר־שיינען פון פאַר דער מלחמה האָבן אַרויסגערופן. און כאָטש מען איז דאָך שוין געוואוינט־געווען צו איבעראַשונגען, האָט מען אַלץ געגלויבט, אַז פון איצט־אָן וועט זיך שוין דאָס געלט האַלטן. עס וועלן קומען נאָרמאַלע צייטן און די סומע וועט צוריק ווערן דאָס, וואָס זי האָט רעפּרעזענטירט מיט זיך אין די גוטע יאָרן.

די ריזיגע סומע, וואָס איז צום ערשטן מאָל געוואָרן אויסגעצאָלט די אַרבעטער לויט דעם נייעם טאַריף, און וואָס האָט היינריכן אַזוי איבעראַשט, ווען ער האָט דאָס געפונען אין זיין טיט, האָט אויף זיי אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אויף היינריך פרידקע און זיין כלה מאַרטאַ, אַז זיי האָבן באַשטימט

חתונה-צו-האָבן און אויסצוקויפן די קיך-ווירטשאַפט, אויף וועל־כער מאַרטאַ שפּינער האָט שוין געהאַט איינגעצאָלט פינף און פופציג טויזנט מאַרק אַן אַדערויף. די פירמע האָט נישט גע־וואָלט אָפּמאַכן קיין פּרייז, ביז זי וועט נישט האָבן די גאַנ־צע סומע צו באַצאָלן, ווייל דער פּרייז ענדערט זיך כּסדר. איצט, מיט דער סומע, זענען זיי זיכער-געווען, קאָנען זיי אַלץ דערגרייכן, אַפילו אַזאַ קאָסטבאַרע זאַך, ווי אַ קיך-ווירטשאַפט, פאַר וועלכער מען האָט נאָך, וואָס אַן אמת, נישט געהאַט קיין וואוינונג, וואו זי אַרייַנצושטעלן. נאָר מען האָט זי אָבער דאָך געוואָלט איינגאַנצן אָפּצאָלן, כּדי צו האָבן דאָס געפיל פון באַ־זיצן אַן אייגענע קיך-ווירטשאַפט, וואָס קיין קאָמוניזירנדע קאָ־קעטעריי, וואָס היינריך פרידקע האָט לעצטנס געטריבן, האָט נישט געקאָנט ביי אים אויסראָטן. אָבער ביי דעם ערשטן קופעל ביער, וואָס ער האָט אין דעם שבת אָוונט מיט זיין כּלה אויס־געטרונקען, זענען אַלע לופט-שלעסער וועגן באַזיצן אַן אייגענע קיך-ווירטשאַפט צערינען... ווען עס איז געקומען צום צאָלן, האָט דער שלאָסער היינריך פרידקע אויסגעפונען, אַז דאָס ביער איז איבערן טאָג געשטיגן דריי מאָל אַזויפיל אין פּרייז.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט ער איבערראַשט דעם קעלנער.

— איך קאָן אייך גאָרנישט העלפן. איך האָב עס אייך פריער געזאָגט: נייער טאַריף.

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט, דו וועסט די הינט נישט איבעריאָגן...

דאָסזעלבע איז אויך געווען ביי דער קאַסע פון קינאָ, וואו מען האָט געשפּילט דעם סענסאַציאָנעלן פילם „אויפן אונטערגרונט פון ים".

— וואָס, פופצן טויזנט מאַרק דער איינגאַנג? מענטש זינד זי פּערריקט!

— ביטע, מאַכן זי נישט קיין ספּעקטאַקל. דאָס ספּעקטאַקל איז דערינען! — זאָגט די קאַסירערין.

די מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט ביי דער קאַסע פון קינאָ, האָבן אָנגעהויבן צו ברומען, ווי אַ ווינט איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער. „דאָס איז נאָך נישט דאָ געווען:

פּופּצן טויזנט מאַרק אַ בילעט-איינגאַנג", האָט זיך געהערט אַ שושקען אין די וואַרטנדיגע רייען. פיל האָבן פאַרלאָזט זייערע פּלעצער, טייל מיט אַ קללה געביסן צווישן די ציין, אַנדערע מיט שטילשווייגנדיגער רעזיגנאַציע. אָבער פיל זענען געבליבן וואַרטן אין זייער רייע מיט עכטער דייטשער געדולדיגקייט, מיט וועלכן דאָס פאָלק איז אויסגעפּרואווט. אַנדערע האָבן זיך דעריבער לוסטיג-געמאַכט.

— צו יעדן בילעט ווערט אַ חזיר צוגעגעבן...

דאָסזעלבע איז אויך געווען שפּעטער אין דער קנייפּע, וואו זיי זענען געגאַנגען עסן קישקעלעך מיט קרויט, — זייער מאכל יעדן שבת אין אָוונט נאָך דעם קינאָ, ווען מען נעמט-אָפּ דאָס געהאַלט. דעם שבת-אָוונט האָבן זיי זיך פון דעם דאָזיגן נאַש געמוזט אָפּזאָגן...

דאָס איז אָבער גאָרנישט געווען געגן דעם, וואָס האָט זיך געטון אויפן צווייטן טאָג, עס איז געווען געגן ענדע מאַי. אויף דעם זונטאָג האָט מען זיך אָפּגערעדט, אַז די גאַנצע משפּחה שפּינער וועט אַרויספאָרן קיין ווערדער צום יום-טוב פון עפּל-בליען. ווערדער איז אַ קליין אָרט הינטער בערלין, וואו עס וואַקסן פיל עפּל-ביימער. פון די עפּל מאַכן די פּויערן אַזאַ מין דייטשן קוואַס. און עס איז אַ מנהג ביים בערלינער פאָלק אין פרילינג, ווען דיביימער שטייען אין בליעכץ, כאָטש איינמאָל אַרויסצופאָרן קיין ווערדער צו דעם בוים-בליעכץ-פעסט און צו אַמוזירן זיך — דאָס הייסט, אָנצושיכורן זיך מיט דעם זויערן עפּל-קוואַס, מיט ביער און פריילעך צו זיין. זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט האַנסן און לאָטען איבער-איינעם אַרויסצופאָרן דעם זונטאָג קיין ווערדער. קיין ווערדער איז דעם זונטאָג געפאָרן די גאַנצע משפּחה שפּינער, אַ חוץ דער קראַנקער מוטער, אויף וועלכער די פרוי פון בריוו-טרעגער האָט צוגעזאָגט אַכטונג צו געבן און איבערבלייבן מיט איר אינדערהיים (די שפּינערס האָבן געמוזט, ווי יעדער דייטשער אַרבעטער, פאַרברענגען כאָטש איין זונטאָג אין פרילינג אין ווערדער). אָבער שוין ביים פּאָטסדאַמער באַנהויף, וואו די גאַנצע שפּינער-משפּחה האָט זיך אין דעם הערלעכן פרילינגס-טאָג צוזאַמען געפונען, זיבן אַזייגער אינדערפרי, וואו עס האָבן

שוין געוואָרט אויף זיי האָנס מיט זיין ווייב, האָט מען זיך
אַרומגעזוען, אַז די קינדער, דער קליינער פריץ און די מאַרטאַ
וועלן מוזן נעמען די אונטערגרונט־באַן און צוריק אַהיימפאָרן.
דער באַן־בילעט קיין ווערדער, וועלכן מען איז געוואוינט־געווען
צו קויפן פאַר איינצלנע מאַרק, איז אָנגעוואַקסן אין די
טויזנטער... די דירעקציע האָט איבער נאַכט געהויבן דעם
פרייז אויף דאָס צענפאַכע. אויף דעם באַנהויף האָט זיך אָנ־
געזאַמלט אַ גרויסער יום־טוב־עולם, וואָס האָט געוואָלט אַרויס־
פאָרן צום עפּל־בלי־פעסט. אַרבעטער, ווייבער, זויבער־געקליידטע
קינדער, מיט קייבערלעך עסן און אַנדערע פּראָוויאַנטן, דורש־
טיג נאָך אַביסל פאַרגעניגן, אָפּרו, אויסשפּילן זיך, אַביסל זונען־
שיין און פרייד, פאַרגעסן אין די טאָג־טעגלעכע צרות. זיי
האָבן וואָכן און חדשים געוואַרט אויף דעם פרילינגס־יום־טוב,
דורך דעם גאַנצן ווינטער חלומט מען וועגן אים, מען פאַר־
צוקערט מיט אים די ביטערע צרות: „אַך, זאָל נאָר דער פרי־
לינג קומען, מיר וועלן נאָך ווערדער פאָרן!“... די ווייבער
מיט ווייס־שלאָבריגע פנימער, אין וועמענס קנייטשן עס זענען
איינגעקנעטן די הויזלעכע און פאַמיליע־זאָרגן, וואָס ווייסן
גאָרנישט אַ גאַנץ יאָר פון אַביסל פרייד — זיי האָבן זיך אַמ־
מייסטן אויפגערעגט איבער דער טייערונג פון די באַן־בילעטן.
„עס איז דאָך אומדערהערט! פינף טויזנט מאַרק פאַר אַ בילעט
קיין ווערדער! פונוואַנען וועלן זיי נעמען אַזויפיל געלט אויף
די רייזע־קאָסטן. זאָלן זיי אפשר די באַן־דירעקציע אָפּגעבן
דאָס געלט, וואָס זיי האָבן אויפן ביער און אויפן עפּל־קוואַס?
איז דאָך שוין בעסער, מען בלייבט אינדערהיים“. דאָס מורמלען
פון די ווייבער האָט אָנגעצונדן דעם כעס פון די מענער,
וועלכע זענען ביז־איצט געשטאַנען אָנגעכמורעטע און שווייגנ־
דיגע. דאָ־און־דאָרט האָט זיך געהערט אַ קללה, אַ געשריי. דאָ
האָט אַ מוטער אין איר אויפרעגונג אויסגעלאָזט איר כעס
אויף אַן אונטערטעניגן מאַן אָדער אויף אַן אומבאַהאָלפן קינד.
אויף וועמען עס איז געווען אַ ביטער רחמנות, זענען עס גע־
ווען די קינדער. אין די ריינע בלוזקעלעך, אויף וועלכע מען
האָט אָנגעזען די פּראַצע פון די מוטערס און די שוועסטערן,
וואָס זענען דערביי אויפגעווען אַ גאַנצע נאַכט. אויף די קינ־

דער מיט די ריין-אָפּגעוואַשענע פּנימער, האָט איצט די קינ-דערישע זאָרג פאַריאָגט די קינדערישע פרייד. אַ מורא און אַ שרעק פאַר די אָפּגענאַרטע האָפענונגען, האָבן פאַריאָגט די פריידיגע און שקאָצישע שטיפעריי. די קינדער זענען נערוועזי-געוועזן, אומרואיג, נאָכגעשלעפּט זיך נאָך די מוטערס. דאָס געדראַנג איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער ביי די קאַסעס פון די באַן-בילעטן. די טאַטעס האָבן זיך שטיל איבערגעלייגט, צי זיי קאָנען זיך פאַרגינען אַזאַ קאָסטבאַרן לוקסוס. די מוטערס זענען צעריסן-געוואָרן צווישן דער היינטיגער פרייד און מאָרגנ-דיגער זאָרג. פון דעם אַלעם האָט זיך אָנגעצויגן אַן אומרואיגע אַטמאָספערע, פאַר וועלכער די דירעקציע האָט געפונען פאַר נויטיג אָנצונעמען שוץ-מיטלען און אַרויסגעפאָדערט פּאָליציי-לייט, וואָס האָבן מיטאַמאָל דעם עולם אָנגעהויבן צונויפצו-שטופן און אויפפאָדערן צו פאַרלאָזן דעם וואַרטע-זאַל: „ווער עס פאָרט נישט, דער מוז פאַרלאָזן דעם באַנהויף!" — דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די אומרואיגקייט. ווער ווייסט, מיט וואָס די אָנגעלאָדענע אַטמאָספערע וואָלט זיך געווען גע-ענדיגט, ווען איינער פון דער דירעקציע וואָלט נישט געווען געפאַלן אויף אַ קלוגן איינפאַל אַרויסצוקומען פאַרן עולם זיי צו באַרואיגן מיט דערדאָזיגער דערקלערונג: „אַז צוליב דער באַזעצונג פון רור-געביט דורך די פראַנצויזן, מוז הוגאָ סטינעס איינקויפן די קוילן אין אויסלאַנד פאַר וואַליוטע. צוליב דעם מוזן, פאַרשטענדלעך, די פרייזן פון באַן-בילעטן שטייגן!" די דערקלערונג האָט דער אָנגעכמורעטער אַטמאָספערע געגעבן אַן אויפלייז צום לעכערלעכן...

איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט זיך אָנגערופן הויך אויפן קול:

— נו יאָ, דאָס האָבן מיר דאָך געוואוסט — דער הוגאָ סטינעס!...

דערויף האָבן אייניגע אָנגעהויבן צו זינגען דאָס לידל, וואָס איז דענסטמאָל אַרומגעגאַנגען אין מויל פון פאָלק אויף הוגאָ סטינעס:

„הוגאָ, הוגאָ, הוגאָ,
האָסט שוין ווידער דיינע פינגער אין דערין..."

דאָס לידל איז געווען אַן אָפּלייטער פאַרן אָנגעזאַמלטן כּעס. דער עולם איז אַריינגעפאַלן אין אַ מונטערער שטימונג, אויפגעגעסן זייער ביטערקייט אין דעם ריטם פון לידל און ענדלעך באַשטימט יאָ צו פאָרן קיין ווערדער און צו באַצאָלן דעם טייערן פרייז פאַר באַן־בילעטן, און די קינדער אויך מיטצונעמען... „וואָרים סיי־ווי־סיי קאָנסטו גאָרנישט מאַכן, עס וועט דיר נישט העלפן קיין געשריי און קיין געבייזער", וואָרים:

„הוגאָ, הוגאָ, הוגאָ,
האָסט שוין ווידער דיינע פינגער אין דערין..."

דער געדראַנג פון דעם פעסט־באַזוכנדיקן עולם, וועלכע איז געפאָרן קיין ווערדער דעם זונטאָג אינדערפרי, איז גע־ווען אַזוי גרויס, אַז די באַן־דירעקציע האָט געמוזט עקסטרע וואַגאָנען צושטעלן.

און אויך די שפּינערס האָבן באַשטימט נישט אָפּצושפּאָרן אויפן חשבון פון די קינדער און זיי מיטצונעמען קיין ווערדער.

זיי האָבן זיך שוין געהאַט באַפרייט פון די קייטן פון געלט, וואָס די געהעכערטע אויסצאָלונגען האָבן געלייגט אויף זיי. עס האָט קיין צוועק נישט...

---

שוין אין וואַגאָן האָט אָנגעהויבן צו הערשן אַ פריילעכע שטימונג פון וואוילטעגלעכע פייער־אָוונטן, וואָס דער שווער־מוטיגער גאַלגען־הומאָר — דער ערזאַץ פאַר מרה־שחורה — האָט געשאַפן. אינדרויסן איז געווען פרילינג. די פעלדער באַ־דעקט מיט גרינע גערטנער, און די זון האָט אויף זיי געשיינט. דער קלוג־וויציגער גאַלגען־הומאָר האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס יעדער איינער האָט געזוכט זיך באַקוועם צו מאַכן אויפן חשבון פון אַנדערן. אָנשטאָט מיט ווערטער האָבן זיי דורך די שווער־פאַלדיגע פליישיגע לייבער אויסגעקעמפט זיך אַ זיץ־פּלאַץ. אַ בלוט־אָנגעגאָסענער קצב האָט זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ צווישן צוויי באַפליישטע ווייבער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אים דווקא פאַרגלוסט אַריינצוקוועטשן. די ווייבער

האָבן אים געוואָרימט מיט דער פּאַרע און שווייס פון זייערע דעמפנדיגע לייבער און אָטעמס... דער קצב האָט זיך געהאַלטן אין איין ווישן דעם שווייס פון חלבדיגן קאַרג, פון גלאַנציגן שטערן און פון שמאַלציגן קורץ-אָטעמדיגן האַלז. „נאַ, האָט איר אָבער אונטערגעהייצט, ווייבער!... ווען מען וואָלט אייך אין לאָקאָמאָטיוו אַריינגעזעצט, וואָלט די באַן-פאַרוואַלטונג פאַרשפּאָרט די טייערע קוילן". „פאַרוואָס?" — פרעגט איינער. „נו, פאַרשטייט זיך, די פּאַרע, וואָס שלאָגט פון די לייבער, וואָלט די וואַגאָנען געשלעפּט אַזוי ווי די רוחות"...

די קינדער, וועלכע זענען געזעסן אויף די רוקזעק, ביי די פיס פון די עלטערן, האָבן זיך מיטבאַטייליגט אין אַלגעמיינעם געלעכטער. „פון וואַנען עס נעמט זיך אין די שווערע צייטן פון דער אינפלאַציע דאָס פולע פעטס?"... — האָט אַ בעקער-יונג אויף דער געגנאיבערדיגער באַנק געוואָלט וויסן, און דערביי צוגעלייגט אַ וואָרט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ פאָנטאַנע פון געלעכטער. דאָס גראָבע וואָרט האָט איריטירט אַ הויכן דינעם און אויסגעדאַרטן מאַן, וועמענס בלייכע, בלוטלאָזע פנים און לאַנגער האַלז האָט אַרויסגעשטאַרט פון דעם הויכן געקראָכמאַליעטן, ווי שטאָל האַרטן ווייסן קראַגן, וואָס האָט כמעט האַלב זיינע באַקן פאַרשטעלט. דער קראַגן, האָט זיך געדאַכט, האַלט-איין דאָס געביי פון דער הויט און ביינער פון זיין קערפּער, וואָס וואָלט זיך וואָרשיינלעך אָן דעם צעפאַלן. ער האָט געגעבן אַ נערוועזן ציטער מיט זיין גאַנצן קערפּער, אַ ציק מיט די הענט און נישט אַרויסטוענדיג זיינע אויגן פון אָפענעם בוך, אין וועלכן ער איז געווען טיף פאַרלייענט, האָט ער אויסגערופן, קייענדיג דאָס וואָרט צווישן די קורץ-געשוירענע וואָנסעס: „פוי, טויפל!" דידאָזיגע באַמערקונג האָט נאָך מער גערייצט דעם להכעיס פון דעם בעקער מיט דעם וואַסער-באַלאָניגן בויך, און ער האָט געוואָרפן אַ וואָרט, אויף וואָס וואָלט מען אַלץ געקאָנט אויסנוצן דאָס פעטס פון די ווייבער, ביי וועלכן אַלע האָבן זיך צעלאַכט און האָט דעם שטייפן מאַן מיט די שטעכיגע וואָנסעס פאַרטריבן פון זיין אָרט.

דערויף האָט זיך דער עולם איינגעשטילט און איז גע-

וואָרן ערנסט. מען האָט גערעדט וועגן דער שטייגערונג פון די פּרייזן אויף קאַרטאָפל. „אַז אַלץ זענען אין דעם שולדיג די אויסלענדער!" „פאַרוואָס די אויסלענדער"? — „מיינעטוועגן — די יידן! זיי האָבן דאָך אַדורכגעפירט דאָס באַזעצן פון רור־געביט און אַריינגעשיקט שוואַרצע טרופּן אין פראַנקען־לאַנד, כדי צו פאַראומריייניגן די ראַסע" — האָט זיך אָנגערופן אַ פּאַר־שטייפטער מענטש, אָנגעטון אין אַ היימיש־געקראָכמאַליעט העמד, מיט אַ מיליטערישער האַלטונג; די ציוויל־קליידער אָרים, אָבער „לויט באַפעל" ציכטיג ביז אויסגעריבנקייט, האָבן פאַרווייכערט זיין זעלנער־פיגור. „נו יאָ, דאָס איז דאָך באַוואוסט — דער ראַטענוי, דעם וועלכן מ'האָט דערמאָרדעט, האָט חתונה־געמאַכט זיין שוועסטער פאַר אַ יידישן קאָמיסאַר אויס רוסלאַנד, און דער ראָטשילד און אַלע אַנדערע יידישע באַנקירן זענען אויף דער חתונה געווען, און דאָרט איז באַשטימט־געוואָרן דייטש־לאַנד אונטערצוברעכגען דורך דער אינפלאַציע!" — האָט גע־זאָגט דער מיליטערמאַן. „אַך, וואָס האַקט ער אַ טשייניק! איך זאָג אייך, אין אַלעם איז שולדיג דער שיידעמאַן, דער נאָסקע, דער בראַון, דער עבערט איז שולדיג! יאָ, אין דעם אַלעם איז שולדיג דער עבערט!" „פאַרוואָס דער עבערט?" „נו יאָ, עס איז דאָך באַוואוסט — די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּי־טאַליסטן האָבן אים אָפּגעקויפט." „יאָ, דער עבערט אויך, אָבער דער ראָטשילד אויך!" האָט דער צווייטער מסכים־גע־ווען. „גאָרנישט וועט דייטשלאַנד העלפן, נאָר דער קייזער!" „אַך, מיט דעם לאָזט מיך צורו!"

ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געווען געענדיגט, וואָרים די פּאָליטישע ליידנשאַפטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו צעשפּילן. עס האָט אַ פיגור פון אַ געשפּענסט מיט קנאָכיגע שאַרפע באַקן־ביינער, וועלכע האָבן פויגלאַרטיג אַרויסגעקוקט פון אַ ווייסן קראַגנמערדער, זיך אָנגערופן: „אין דעם אומגליק זענען נאָר שולדיג די אַמעריקאַנער!" „פאַרוואָס די אַמעריקאַ־נער?" „נו, די זענען דאָך נאָר צוליב דעם אין קריג נעגאַנ־גען, כדי דאָס גאָלד פון אייראָפּע קיין אַמעריקע אַרויסצופירן. די אַמעריקאַנער האָבן דאָס גאַנצע גאָלד!..."

— די אַמעריקאַנער, אָבער די יידן אויך!

מיט דעם זענען אַלע איינשטימיג-געווען. די גאַנצע שולד האָבן די אַמעריקאַנער. ביז — פון אַ ווינקל האָט זיך דער־הערט פון אַ גראַמאָפאָן דער לעצטער בערלינער שלאַגער!

איך בין אַלס קליין יינגל געוועזן זאָ רונדיג ווי אַ וואורשט,
האָב געהאַט, ווי היינט, שטענדיג אַ ריזן-דורשט!...

— עמאַ, גיב מיר די פלאַש, איך האָב אויך אַ ריזן־דורשט!

— יאָ, דאָס האָבן מיר אַלע.

ביי די פלעשער ביער, וואָס זיי האָבן פון די קייבערלעך צו די מיילער געטראָגן, זענען זיי שוין אַלע איינשטימיג־געווען, אַז אין זייער אומגליק זענען שולדיג די אַמעריקאַנער און די יידן...

---

דאָס זאַטע פייכטע גרינס פון די ווערדער פעלדער איז געווען באַדעקט ווי מיט ווייסן און רויטן שניי פון ווייסע און רויטע עפל-בליעכץ, וואָס האָט זיך געשיט פון די בליענ־דיגע ביימער. די ביימער זענען געשטאַנען געמושטערט אין שטרענגע רייען, ווי אויסגעצירטע כלות. טייל, שוין די על־טערע — ווי טראָגעדיגע ווייבער, די יינגערע — ווי קינדער, באַצירט פון קאָפּ ביז די פיס מיט ווייסע, רויטע און ראָזע בלימלעך. די באַבלומטע צווייגן האָבן ווי אָרעמס זיך אויסגע־שטרעקט, געפלאָכטן זיך איינס מיט דעם אַנדערן, און זיי האָבן אויסגעזעזן, ווי זיי וואָלטן באַקראַנצט מיט בלומען-בויגנס דאָס גאַנצע פעלד. דער ווינט האָט פון די ביימער געטראָגן די בלעטער און דאָס בליעכץ, געשפּילט זיך מיט זיי, פאַרשפּרייט זיי אין דער לופט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער בלומען־שניי פאַלט פון די ביימער, צו באַבלימלען די גרינע לאָנקעס פאַר אַ גרויסער יום-טוב-פּראָצעסיע, וואָס דאַרף דאָ באַלד אונ־טער די בליענדע צווייגן-באַלדאַכינען אַדורכציען. די וועלט איז אַזוי שיין, יום-טובדיג-געווען, אַז עס האָט זיך אויסגע־דאַכט, אַז אָט באַלד וועלן מחנות יונגע מיידלעך, אין ווייסן געצירט, באַקראַנצט די קעפּ, פון בלוילעכן האָריזאָנט-ראַנד

אַרויסקומען, איבער די גרין-באַגראָזטע לאָנקעס אין ריטמישן שוועבן אַדורכציען, פאַרשווינדן אין דעם פייכטן, נאַכטלעכן וואַלד-ראַנד אריין, וואָס שוועבט פון דיקן נעפּל אַרויס... אַנ-שטאָט דעם זענען די פעלדער באַלייגט-געווען פון מידע, שווער-פאַרהאַרעוועטע פאַמיליען-גרופּן, פריילעכע קרייזלעך פריינד, וועלכע האָבן „געפּיקניקט" צוזאַמען. מענגעס מענטשן האָבן זיך געשטופּט אַרום שטענדערס, טישן מיט ברויט, בייגל-שנורן, פאַרדעכטיגע אייער, פאַרלעגענע קעזן. זיי זענען אויך געשטאַנען אַרום די שפּיל-טישן. די שפּיל-טישן זענען פּשוט פאַרפלייצט-געווען פון די מחנות מענטשן, וועלכע האָבן גע-גאַרט נאָך געווינס. אין יעדער אומזיכערער צייט פאַלן מענטשן אַריין אין האַזאַרד פון שפּילן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט מיט דעם כּישוף פון זעלטענעם טראַף באַצווינגען דעם אומלייטוע-ליגן גורל. גאַנץ בערלין איז אין דער צייט פון דער אינפלאַציע פאַרוואַנדלט-געווען אין אַ קאָרטן-הויז. מען האָט געשפּילט אין די הײַמען, מען האָט געשפּילט אויף די גאַסן. אויך דאָ, אויף דעם באַבלימלטן פרילינגס-פעלד, צווישן די בליענדיקע ביימער האָבן זיך אויסגעשטעלט שפּיל-רולעטקעס, שפּיל-קאַסטנס מיט אויסגעשטעלטע ליאַלקעס, מערסטן פון קינ-דער-פיגורן, מיט וועלכע יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך דערנאָך אַרומגעטראָגן און געגעבן קאַפּוליער אָנצוהערענישן... עס זע-נען אויך געווען שפּיל-טישן, אויסגעשטעלט מיט פאַרשידענע שנאַפּסן, ליקערן, וואָס די גליקלעכע געווינער האָבן זיך מיט זיי באַנוצט באַלד אויפן אָרט. אָבער דאָס באַליבטסטע געטראַנק איז דאָ געווען דער עפּל-וויין, אויסגעקוועטשט פון די פרוכטן פון די ביימער, וואָס האָבן דאָ איצט געבליט. דער גרעסטער גע-דראַנג איז אָבער דאָ געווען אַרום די וואורשטן-שטענדערס. די אויפגעשטעלטע יאַטקע-קלעצער זענען פּשוט באַלייגט-געווען פון מענגעס מענטשן, ווי פגרים מיט פליגן... די טישן מיט וואורשטן, אין פאַרדעכטיקע פאַרשידנפאַרביקע קאָלירן, האָבן געוואָרנט מיט זייערע גערוכן פאַר דעם געפילעכץ, מיט וועלכן זיי זענען אָנגעשטאָפּט... אָבער דווקא די פאַרשימלטע רויט-קופּערדיקע פּענעצלעך פון די בלוט-וואורשטן, דאָס יוירענדיקע פאַרבלוטיקטע פעטס האָבן אויפגערייצט די אַפּעטיטן פון די

אויסגעהוּנגערטע מאַסן... מען האָט פאַרטריבן די ספקות וועגן דעם אָפּשטאַם פון זייער אינהאַלט, פון וואָס פאַר אַ שטוב־חיות די פליישן שטאַמען, דורך דעם וואונש — וואָס שנעלער זיי צו באַזיצן, וואָרים טאָמער וועלן זייערע פּרייזן זיך הויבן... דער וואונש פון יעדן איינעם וואָס פריער זיין זינקענדיג געלט אויף נאַרונג אויסצוטוישן איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער עולם האָט זיך מיט אַ זשעדנעקייט געוואָרפן אויף די וואורשטן־שטעלן, דעם אין פאַרבלוטיגטן פאַרטוך אָנגעטוּענעם קצב די הענט מיט שמוציג פּאַפּיר־געלט אין זיין רויט פּנים אַנטגעגנ־געשטרעקט, מיט פאַרפעטיגטע הענט די וואורשטן געכאַפּט. טייל האָבן באַלד אויפן אָרט, ווי זיי וואָלטן מורא־געהאַט, מען זאָל נישט פון זייערע מיילער דעם טייערן ביסן צורויבן, אים גלייך זייערע לייבער און בייכער אָנפאַרטרויט... אַנדערע, אי־בערהויפּט די פאַרזאָרגטע מוטערס, האָבן די וואורשטן מיט רעליגיעזער פאַרזיכטיגקייט און ציטערדיגער באַהיטקייט אין פּאַפּירן געוויקלט, אין די קייבערלעך פאַרשטעקט, אונטער די שירצן באַהאַלטן, אין די בוזימס אַריינגעשטעקט... אַנדערע, שיינע, פליישיגע ווייבער, האָבן די שנירן וואורשטן אויף זייערע העלזער אָנגעהאָנגען און קאָקעטירט מיט דעם רייכטום די פאַרבייגייענדיגע מענער...

די מענער האָבן זיך נאָך די ווייבערומיט די באַהאָנגענע וואורשטן נאָכגעיאָגט. זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס עס רייצט זיי מער, די ווייבער, צי די וואורשטן, צי ביידע צוזאַמען?...

די מענגע איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן טאָג. די זון האָט געוואָרימט מיט יונגנטלעכע שטאַרקע שטראַלן. די פעלדער זענען באַלייגט־געוואָרן וואָס אַמאָל מער מיט מענטשלעכע לייבער. יעדעס מאָל האָט אַ נייער צוג אויסגעשיט אַ נייעם שטראָם מענטשן. מען איז אויך געקומען צופוס, מיט רייטוועגן געפאָרן, מיט אויטאָמאָבילן. אַלט־און־יונג האָבן זיך צוזאַמענ־געמישט. דער איפּערער עפּל־ווייַן האָט אָנגעהויבן די ערשטע ווירקונג צו באַווייזן. דאָ־און־דאָרט האָבן זיך גרופּן געזאַמלט אַרום אַ שפּיל־קאַסטן, פּאָרלעך האָבן געפּרואווט טאַנצן אויפן פעלד. אַ היימיש־געבראַכטער גראַמאָפאָן האָט געהאַלטן אין איין אַרויסשאַלן די נייע שלאַגערס:

איינע מיאוסע קאַצע האָט זי
אוים אַנגאָרא מיטגעבראַכט.
און די האָט זי, האָט זי, האָט זי
מיר געוויזן די גאַנצע נאַכט...

אין אַן אַנדער ווינקל האָט אַן אַנדערער גראַמאָפאָן מיט אַ גרופּע לוסטיגע מענער צוזאַמען געזונגען:

מוז עס דען, מוז עס דען גלייך די גרויסע ליבע זיין?
קאָן מען דען, קאָן מען דען איינע נאַכט נישט גליקלעך זיין...

איבער דער אויסגעטרעטענער לאָנקע זיצן שוין באַזאָרגטע מוטערס, מידע הויז-פּאַטערס, אויסגעהונגערטע בלייכע קינדער מיט די קייבערלעך פּראָוויאַנטן, וואָס מען האָט פונדערהיים מיטגענומען. איינציגווייז אָבער איז די וואָכנדיגע זאָרג, וואָס מען האָט דאָ אין דער יום-טובדיגקייט מיטגעשלעפּט פונדערהיים, אויסגעלאָשן-געוואָרן פון די פּנימער. איין קריגל נאָכן אַנדערן זויערער עפּל-וויין האָט אָראָפּגעשווענקט דעם אונמוט איין קופּעל ביער נאָכן אַנדערן האָט געוועקט די פרייליכקייט. סיי-ווי-סיי איז שוין אַלצאיינס געווען... און מיט גאַלגען-הומאָר האָבן אַלע מיטגעזונגען דאָס לידל פון גראַמאָפאָן, וואָס האָט געשפּילט פונדערווייטנס און וואָס איז דענסטמאָל אַזוי פּאָפּולער-געווען אין בערלין, אַז קינדער האָבן עס אין די גאַסן געזונגען:

זאָר די ערשטע פרוי איינע פליטע,
נעם דיר אַ צווייטע, נעם דיר אַ צווייטע...

אויך דער שלאָסער אַלבערט שפינער איז דאָ געזעסן מיט זיין ווייב אויפן גראָז ביי זייער קייבערעל פּראָוויאַנט. די קינדער זענען אַוועק ערגעץ; דער היינריך מיט דער מאַרטאַ און זייערע פריינד, דאָס יינגל מיטן מיידל, האָבן זיך צוזאַמענגענומען מיט אַנדערע קינדער און האָבן געגנבעט עפּל-בליעכץ, באַצירט זיך דערמיט, אַרומגעיאָגט זיך איבער דער לאָנקע. און כּדי נישט צו פאַרלירן דאָס אָרט, וואו די עלטערן זיצן, האָבן זיי זיך צייכנס געמאַכט. זיצט ער, דער שלאָסער

אַלבערט שפּינער, זיין שווער-פּאַלטיגער קאָפּ באַשווערט נאָך מער אַראָפּ זיין געבויגענעם קאַרג. ער איז דורך די פּאָר חדשים פון דער אינפלאַציע נאָך מער טרויעריגער און אומ-רירעוודיגער-געוואָרן, אַזוי ווי ער וואָלט שלאַבריג-געוואָרן. עס איז אים אַלצאיינס שוין, דעם אַלבערט שפּינער, פאַר וואָס פּאַר אַ פּאַרטיי ער וועט שטימען. זאָלן זיי אַלע גיין צום טייוול! די קאָמוניסטן, מיט די געווערקשאַפטן, מיט אַלע בייגאַנד! אים אינטערעסירט שוין גאָרנישט מער, נאָר די קאַרטאָפל. און דווקא זענען דאָס די קאַרטאָפל, וואָס אַלע האַלטן פאַר זיינע אויגן ווי אַ ווינש-פינגערל און רייצן זיך מיט אים. די קאָ-מוניסטן זאָגן, ווען דו וועסט צו אונז געהערן, וועלן די קאַר-טאָפל ביליגער-ווערן, אומזיסט וועסטו זיי באַקומען — אָבער ערשט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע... גיי וואַרט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַז דער מאָגן וויל היינט פרעסן... ניין, אויך פון דאָרט קומט נישט די ישועה! די זאָרג וועגן די קאַרטאָפל האָט דעם שלאָסער-מייסטער אינגאַנצן פאַרשטומט... גאַנצע אָוונטן קאָן ער אָפּזיצן אינדערהיים און קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. אויך דאָ איצט אויפן גראָז, בעת דעם עפּל-בליעכץ-פעסט, זיצט ער פאַרמרה-שחורהט און שוויגט. דאָס ווייב, וועלכע איז די איינציגע, וואָס טראָגט די זאָרג פון די קאַרטאָפל אַ גאַנצע וואָך, באַמיט זיך אים פריילעכער צו מאַכן, אויפצוואַועקן אים. אין איר זאָרג-געפּאַלדעוועטן פנים פאַרגלי-ווערט זיך אַ גרימאַסע פון אַ שמייכל, ווען זי דערלאַנגט אים דאָס שטיק ברויט מיט דעם שטיק חזיר-פעטס אין האַנט אַריין. „זי האָט עס נאָך צום אַלטן פרייז געקריגן, — טרייסט זי דעם מאַן. זי האָט עס נאָך נעכטן געקויפט. און אויך היינט האָט זי אַ שטיק לעבער-וואורשט דאָ ביים שטענדער צום אַלטן פרייז באַקומען", — פאַרזיכערט זי אים, כדי עס זאָל אים בעסער שמעקן און אַ צופרידענעם שמייכל אויף זיין פאַר-שמאָלצן פנים אַרויסרופן.

— ווילסטו ביער, מאַן?

ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, נישט דערויף אַ וואָרט אַרויסצוואַוואַרפן.

— נו, וואָס איז שוין? רעד דאָך! אַ גאַנצע וואָך שווייגסטו, עס קומט דער זונטאָג שווייגסטו אויך!

— שוואַצן האָב איך פּיינט! — זאָגט דער שלאָסער־מייסטער נאָכן טרינקען דעם ערשטן קופּעל ביר. — אָבער אויך דאָס איז דרעק!

— וואָס איז דרעק?

— איך מיין, די קאָמוניסטן! — זאָגט אַלבערט שפּינער נאָכן אויסטרינקען דעם צווייטן קופּעל ביער.

נאָכן דריטן האָט ער שוין מיטגעזונגען דאָס לידל, וואָס האָט זיך געהערט פון דעם גראַמאָפאָן:

וואַר די ערשטע פרוי איינע פליטע,
נעם דיר אַ צווייטע, נעם דיר אַ צווייטע...

אין דעם געדראַנג ביים עפּל־ווײַן דריקן זיך אויך דער היינריך מיט דער מאַרטאַ. עס איז שוין דאָס פינפטע קריגל, וואָס דער היינריך זשלאָקעט אַריין אין זיך, און מיט יעדן קריגל גייט דער פּרייז פאַרן עפּל־ווײַן אינדערהויך. די מאַרטאַ ציט אים ביים אַרבל, זי זעט נעבעך, ווי איר גאַנצער אויס־שטייער גייט אין די קריגלעך אַריין.

אום גאָטעס ווילן, פאַר די לעצטע צוויי האָט ער באַ־צאָלט דעם סכום, פאַר וועלכן מען האָט געוואָלט פון איר פאַר דער גאַנצער קיך־איינריכטונג ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. אַכט טויזנט מאַרק האָט ער באַצאָלט פאַר די צוויי קריגלעך זויערן עפּל־ווײַן. איינס טרינקט ער אַליין, דאָס צווייטע האַלט ער איר אויס.

— נאַ, עס איז דיין געלט, טרינק!

— ניין, איך וועל נישט טרינקען!

איר גאַנצע קיך שטעקט אין דעם קריגל.

— איך האָב דיר געזאָגט, עס האָט נישט קיין צוועק דאָס זאַמלען, דו וועסט דאָך זיי נישט איבעריאָגן! טרינק, מיין שאַץ!

און מאַרטאַ האָט אויס זיין האַנט דאָס קריגל עפּל־ווײַן גענומען. איר גאַנצע קיך־ווירטשאַפט איז אין קריגל געלעגן און זי האָט עס אויסגעטרונקען.

**פון דערוויטנס האָט אַ גראַמאָפאָן געשפּילט. זיי האָבן זיך ביידע אונטער די אָרעמס גענומען און מיטגעזונגען דאָס באַקאַנטע ליד", וואָס איז אין די נאַכט-לאָקאַלן דער שלאַגער פון בערלין געוואָרן.**

מוז עס דען, מוז עס דען גלייך די גרויסע ליבע זיין?
קאָן מען דען, קאָן מען דען איינע נאַכט נישט גליקלעך זיין?

## קאַפּיטל 10

# דער סוף פֿון געלט

דאָס גאַנצע בליענדיגע פעלד איז שוין באַדעקט-געווען מיט פריילעכן, לוסטיגן עולם. אָנגעשטעקט פון די קריגלעך זויערן עפּל-ווײַן, האָבן זיי אַלע זאָרגן, אַלע אינפלאַציע-צרות פון די געמיטער און פון די קעפּ אַרויסגעוואָרפן, אַמוזירט זיך ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט. די גראַמאָפאָנען האָבן אונטער די ביימער געשפילט אָפּגעריסענע ניגונים. אַרום זיי האָבן יונגע פּאָרלעך זיך געקליבן, געקושט זיך, געליבט... אַנדערע האָבן אויסגענוצט די מעלאָדיעס צום טאַנצן. יונגע פרויען, מיידלעך האָבן זייערע בלאָנדע קעפּ מיט די באַבליטע צווייגן באַקראַנצט. קאָקעטירט מיט זיי פאַר זייערע „שאַצן", וועלכע זיי האָבן פאַרפירט אין די ווייטע בלויע פאַרנעפּלטקייטן... יענע ווייבער, צו וועלכע די באַבליטע עפּל-צווייגן האָבן זיך שוין נישט געפּאַסט, האָבן זיך באַצירט מיט מער ממשותדיגס — זיי האָבן זיך באַהאָנגען מיט שנורן ווורשטן אָדער בייגל. נאָך זיי האָבן זיך די מענער מיט קריגלעך ביער נאָכגעיאָגט. די ווייבער האָבן זיך לייכט געלאָזט כאַפּן און דאָ אויפן אָרט, אונטער אַ בוים, צי אויף דער גרינער לאָנקע גלייך זיך אַנידערגעוואַליעט און אומזשענירט פאַר די דורכגייענדיגע זייערע ליבעס-באַדערפענישן געזעטיגט... און וועמען עס געפעלט נישט דערדאָזיגער אָנבליק דער האָט אַ ברירה נישט צו קוקן!..

אַזוי ווערט דאָס גאַנצע גרויסע באַבלימטע פעלד באַ-

פעלקערט מיט זיך־באַהעפטנדיגע פּאָרלעך, וועלכע וואַליען זיך אונטער די ביימער, אין גראָז, צווישן די קוסטעס אָדער אויפן נאַקעטן פעלד געגנאיבער גאָטס געבענטשטן זוניגן הימל... און די איינצלנע פריי־שטייענדיגע, וועלכע האָבן נאָך זייערע „זיווגים” נישט געפונען, באַנוצן זיך דערווייל מיט דער ליאַרמענדיגער מוזיק, וואָס שאַלט־אַרויס פון די בלאָז־אינסטרומענטן אויס דעם „ביער־גאָרטן” און קוקן זיך צו צו די אָנגעשוואָלענע טאַנצנדיגע פּאָרלעך...

די גרויסע מוזיק האָט געשפּילט אין „ביער־גאָרטן”.

דער „ביער־גאָרטן” איז באַשטאַנען פון פיל בענק און טישן, אַרויסגעשטעלטע אין דרויסן, אַרום וועלכע גאַנצע רעגימענטן האָבן זיך געקאָנט אויסזעצן. איצט האָבן זיך די בענק און די טישן געבראָכן אונטער די אָנגעשטראָמטע מאַסן. אין ביער־גאָרטן האָבן זיך פאַרקליבן די, וועלכע האָבן נישט געהאַט דאָס באַדערפעניש זייער ליבע צו באַהאַלטן אונטער די בליענדיגע ביימער... דאָס זענען געווען מערסטנטייל פאַמיליען־גרופּן, אָנגעכמורעטע פאָטערס, קריגערישע מוטערס, פאַרזאָרגטע קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסגעזעצט אין אָנשטענדיגע רייען אין ביער־גאָרטן ביי זייערע פאַמיליע־קייבערלעך און האָבן זייערע מיטגעבראַכטע שפּייזן פאַרצערט אין שווייגן, אין אָכצן־און־קרעכצן אויף דער טייערקייט פון ביער און ווייַן־קריגלעך, וואָס זיי האָבן געמוזט אין דעם אָפיציעלן ביער־גאָרטן נעמען, כדי צו האָבן די פּריווילעגיע, זייערע מיטגעבראַכטע זונטאָג־מאָלצייטן ביי אָנשטענדיגע טישן צו עסן. דאָרט אין ביער־גאָרטן האָט געשפּילט די אָפיציעלע ביער־גאָרטן־קאַפּעליע, אָנגעטון אין לאַנדס־טראַכט. אויף אַ גרויסער האָלצערנער פּלאַטפאָרמע האָבן זיך אַרום דער קאַפּעליע, ווי אָנגעיוירענע פליגן, אומצייליגע פּאָרלעך געדרייט אין טאַנץ. דאָס געדראַנג איז נישט געווען אויסצוהאַלטן. פאַרשוויצטע, פאַרסאַפּעטע גרויסבייכיגע קעלנער זענען אַרומגעלאָפן מיט גרויסע טאַצן „טאַגעספּלאַטע”, מיט קריגלעך זויערן עפּל־וויין, ביער, אין וועלכע דער שווייס פון זייערע רונדיגע שטערנס און פּנימער איז אין די קופּליעס אַריינגערונען און אויסגעפולט די פעלנדיגע מאָס... דער געשריי און ליאַרם איז נישט געווען איבערצוטראָגן. אַלץ איז דורשטיג־געווען. פויסטן מיט שמוציג

פּאַפּיר־געלט האָבן זיך אַנטגעגנגעשטרעקט די קריגערישע קעלנער, כּדי דאָס ביער אויסצוכאַפּן. ביער און באַצאָלונג האָט געוואַנדערט פון האַנט־צו־האַנט. צוליב דער אומזיכערקייט פון פּובליקום, ווי אויך צוליב דער וואַקלעניש פון געלט, איז נויטיג־געווען איינ־צומאָנען אויפן אָרט, איידער מען גיט־אָפּ די שפּייז און געטראַנק. וואָרים אויך דער פּרייז פון די שפּייזן און געטראַנקען האָט זיך יעדעס מאָל געענדערט, לויט דער אָנווייזונג אויף דער שוואַר־צער טאָוול, וואָס איז געווען אַרויסגעהאָנגען פאַרן בופעט...

אין בופעט האָט מען אַלץ געקריגן.

עס איז קיינער נישט אַזאַ בריה און קיינער נישט אַזאַ בעלן אָפּצוגעניאַרן זיין אייגענעם מאָגן, ווי די דייטשן. עס איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס מען האָט נישט אין דעם ביער־גאָרטן געקריגן. פון „עכטע” וואורשטלעך מיט זויער־קרויט, ביז צו שאָקאָלאַד־טאָרטן מיט „שלאַגזאַנע”. פון דער „טאָגעספּלאַטע”, וואָס איז באַשטאַנען אויס „בראַטען”, מיט געמיזע, ביז צו טאָפּל־טער מאָקאַ־קאַפע פאַר די „בעסערע הערשאַפטן”. שוין אָפּגע־רעדט פון ציגאַרן און ציגאַרעטן! נאָר די „וואורשטלעך” זענען קיין וואורשטלעך נישט געווען און דער „שאָקאָלאַד־טאָרט” — קיין שאָקאָלאַד־טאָרט, און די „שלאַגזאַנע” קיין שלאַגזאַנע נישט. אַלץ איז באַשטאַנען אויס ערזאַץ. נאָך פון דער מלחמה־צייט זענען די דייטשן גרויסע בריות געווען אויסצוגעפינען ערזאַצן. איצט, אין דער אינפלאַציע־צייט, האָט זיך די מגפה פון די ערזאַצן באַנייט, און די דייטשן האָבן געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג דאָס אויג און דעם מאָגן אין איין אָפּגעניאַרן. זיי האָבן אים איינגערעדט, אַז זיי גיבן אים די אָפּגערעדטע דריי מאָל אין טאָג „מאָלצייטן”... נישט נאָר דער אינהאַלט פון די וואורשטלעך איז געווען פאַרדעכטיג, נאָר אַפילו די הויט־פענעצלעך, אין וועלכע דאָס געמיש פון פאַרפּל־און־פעטס האָט זיך געהאַלטן, זענען אויך נישט געווען עכט. די פענעצלעך הויט זענען באַ־שטאַנען אויס אַן ערזאַץ־הויט, אַרויסגעקריגן כעמיש פון קראָכמאַל. די שאָקאָלאַד, פון וועלכער דער טאָרט איז באַשטאַנען, איז קיינמאָל אויף קיין בוים נישט געוואַקסן. פּונקט אַזוי אויך איז די סמעטענע און די מילך, אויס וועלכער זי איז געשלאָגן־געוואָרן (און וועלכע האָט באַדעקט דעם שאָקאָלאַד־טאָרט) פון

קיין לעבעדיגער קו נישט געמאָלקן-געוואָרן, זיי זענען כעמיש-ווּיסנשאַפטלעך פון מאַרך-ביין אויסגעאַרבעט-געוואָרן, אַבי די שלאַגזאַנע זאָל נאָר האָבן דאָס ריכטיגע אויסזען און אַ נעבן-געשמאַק פון „עכטער״ סמעטענע. פאַרן איבעריגן זאָל שוין דער מאָגן זאָרגן... אויך די טאָפּלטע „מאָקאַ״ איז געבּרענט-געוואָרן אויס קערנער, וואָס זענען אויף היימישע פעלדער געוואַקסן. דערפאַר אָבער איז דער „בראַטען״ פון דער „טאַגעספּלאַטע״ געווען עכט, דאָס האָט מען נישט געקאָנט ערזאַצן — דער „בראַטען״ איז געשניטן-געוואָרן פון אַ — שטוב-חיה און נישט פון קיין שטאַל-חיה... דער טאַבאַק פון די ציגאַרן און ציגאַרעטן זענען געוואַקסן אויף אייגענע פעלדער הינטער בערלין און איז געווען געמישט אויס גראָזן מיט שאָלעכץ פון קאַרטאָפל... אָבער פון אויבנאויף איז אַלץ געווען בשפע, אַלץ איז געווען פאַר געלט צו באַקומען, די אויגן אָפּצוגענאַרן און דעם מאָגן אַ פייג צו באַווייזן... נאָר דער דייטשער מלחמה-מאָגן האָט זיך צו אַלעם צוגעוואוינט, ער האָט שוין געקאָנט נעגל-שלינגען און זיך איינ-רעדן אַ בעפשטיק אין בויך...

דער „ערזאַץ״ איז פאַרשלונגען-געוואָרן פון אָנגעפּאָרענעם עולם מיט אַ זשעדנעקייט, וואָס דאָס האָט קוראַזשירט דעם ווירט צו הויבן די פרייזן. ער האָט דעם פרייז פון די גע-טראַנקען דורך דעם טאָג שוין דאָס דריטע מאָל געענדערט, נאָר ביז-איצט איז עס נאָך געווען מיט רחמים. דער אויפשטייג פון די פרייזן איז געגאַנגען אין אַ קליינעם, אומבאַמערקבאַרן אימפּעט. מיטאַמאָל איז עפּעס געשען. צוליב דעם גרויסן גע-דראַנג פון עולם, וועלכער האָט אויסגעליידיגט די פּראָוויאַנטן פון דעם „ביער-גאָרטן״, אויך צוליב דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער מאַרק איז אויף דאָס דרייפאַכע ווידער געזונקען, האָט דער ווירט פּאָרלויפיג אויפגעהערט אַרויס-צוגעבן שפּייזן און געטראַנקען, ביז ער וועט אָנקלינגען קיין בערלין, געוואָר צו ווערן, פאַר וויפיל ער קאָן דאָס ביער פאַר-קויפן לויטן נייעם קורס פון מאַרק...

דאָס אין דיסציפּלין-דערצויגענע, אין אָרדנונגס-קייטן אויס-געמוּשטירטע דייטשע פעבל, האָט זיך אין אָנהייב, ווי לויט

קאָמאַנדע, געהאַלטן זייער רואיג. באַלד האָט אָבער דער דורשט פאַרלאַנגט דאָס זייניגע. געגן דעם יצר-הרע פון דורשט האָט דער דייטשער „אויסגעהאַלטענער כאַראַקטער” אויך זיך נישט געקאָנט קיין עצה-געבן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו בונ-טעווען. וואָרים דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם נויטיגסטן און וויכטיגסטן, וואָס דער דייטש ברויך זיין לעבן צו דער-האַלטן — וועגן דעם הייליגן ביער!

— ביער! — האָבן צום ערשט איינצלנע ווידערשפעניגע קולות גערופן.

— מיר האָבן דורשט! — האָבן שוין איצט די אָנשטענ-דיגערע מיטגערופן.

באַלד האָט דער גאַנצער אָנגעפולטער עולם, באַזעצט אויף די בענק מיט ווייבער און קינדער, אָנגעהויבן צו שלאָגן אין טיש מיט די ליידיגע קופליעס:

— ביער! מיר ווילן ביער! מיר האָבן דורשט! דורשט! ביער! ביער! ביער!

ענדלעך האָט דער ווירט זיך געפילט געצוואונגען אויפ-צועפענען די קוואַלן פון דעם לעבן-ברענגענדיגן זאַפט, וואָס ער האָט אויף אַ וויילע פאַרשטאָפּט פאַרן דורשטיגן עולם. דער-פאַר אָבער האָט ער זיך געהייסן צאָלן (כדי זיכער צו זיין פון יעדער ריזיקע) דעם דרייפאַכן פרייז פאַר אַלע זיינע שפייזן און געטראַנקען, אויף וואָס די שוואַרצע טאָוול פאַרן בופעט האָט מיט גרויסע אותיות און ציפערן געטראָגן דעם נייעם גע-הויבענעם פרייז.

ביז-איצט האָט דער עולם די שטייגערונג פון די פרייזן אויפגענומען גוטמוטיג, מיט פילאָזאָפישער רעזיגנירטקייט און מען האָט זיך נישט געלאָזט שטערן די יום-טובדיגע שטימונג. אָבער צען טויזנט מאַרק פאַרן קופל ביער! אַ מורמל, ווי אַ שטומער שטורעם-ווינט, האָט אַדורכגעברומט צווישן עולם. אַ מינוט איז דער עולם געבליבן זיצן שטיל. אין גרויסן גאַסט-הויף האָט אַן אומהיימלעך שווייגן געהערשט, ווי די מענטשן וואָלטן דער-זען אַ גאַז-וואָלקן לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיי פונדערלופטן, דער-וואַרטן עפּעס יעדן אויגנבליק. אין מיטן שווייגן האָט ווער מיט

דער פּויסט אַ קלאַפּ אין טיש געגעבן. אַ גערויש און אַ גע־קלימפּער פון טעלער און גלעזער האָט זיך דערהערט.

— פאַרפלוכט !...

דער „פאַרפלוכט" איז געווען ווי אַ דונער! די קעלנער האָבן אויפגעהערט צו סערווירן, די מוזיק איז פאַרשוויגן־געוואָרן, די טאַנצנדיגע פּאָרלעך זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

— צען טויזנט מאַרק פאַר אַ קופעל ביער!

דאַן האָט אַ מאַן מיט רויע, פון אַרבעט־אויסגעהאַמערטע הענט, מיט אַ פאַרשטיינערטער גאָמבע אַרויסגעכאַפּט פון טאַש אַ פּאַק מיט פּאַפּירן־געלט, צווישן וועלכע עס האָבן געקנאַקט הונדערטער און טויזנטער־מאַרק־שיינען, און געוואָרפן זיי אויפן טיש:

— וואָס נוצט אונז דאָס דרעק!

— ער האָט רעכט! אַוועק דערמיט!

און אַ צווייטער האָט געוואָרפן זיין געלט פון טאַש.

— דאָס האָבן זיי מיר נעכטן אויסגעצאָלט פאַר אַ האַלבע וואָך! דרעק!

— דרעק!

— דאָס ביער אַהער!

— דו, מענטש, ביער אַהער!

דאָ־און־דאָרט האָבן זיך שוין הענט אויסגעשטרעקט. איינער האָט געהאַלטן אַ צעשוויצטן קעלנער ביים קראַגן, מיט דער פּויסט אים געדראָט אין פּנים:

— ביער אַהער!

אַרום בופעט איז געוואָרן אַ גראַטשקע. עס האָבן זיך דערזען אויסגעשטרעקטע פויסטן אין דער לופטן. צעבראָכענע קופּליעס האָבן געקלימפּערט, מענטשן האָבן זיך געשטעלט אויף די טישן. ס'האָט ווער עפּעס געשריגן אָדער געהאַלטן אַ רעדע. דער רואיגערער עולם האָט זיך דערשראָקן.

— קום! נעם דעם פּאַק און קום! — האָבן פאַמיליע־פאָטערס זייערע ווייבער און קינדער אַרויסגעפירט פון פאַררוי־כערטן גאַסט־הויז.

אַ פּאַניק־בשורה האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוטראָגן, איבער די פעלדער פון ווערדער ווי דאָס טראָגן פון אַ פייער־

גלאָק, אַז אין ביער־גאָרטן וויל מען דעם מאַרק מער אַלס צאָלונג נישט אָננעמען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן, ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, די אויסטערלישסטע ידיעות, אַז אין בערלין האָט מען איבערהויפּט אויפגעהערט צו נעמען דעם מאַרק, ער איז אינגאַנצן אָנטווערט־געוואָרן. יעדער איינער איז איצט נאָר געווען פאַרנומען מיט איין זאָרג — ווי אַזוי געשווינד דעם אָנטוועדטן מאַרק אויף אַ ווערטפולע זאַך אויסצובייטן. און אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן, פאַרשטייט זיך, אויף די שטענדערס מיט עסנוואַרג, אויף די פּאָר אויסגעשטעלטע קראָמען, וואָס זענען געווען אויפן פעלד, כדי פלינק אויסצו־טיישן דאָס געלט אויף עפּעס נוצלעכעס, איידער דער קרעמער דערוואוסט זיך פון דער ווייטערדיגער אָנטווערטונג פון מאַרק. אַממיינסטן אָבער האָט מען זיך אָנגעהויבן צו דרענגען אַרום דעם שטענדער מיט די וואורשטן. מען איז געקומען צו לויפן פון די ווינקלען אַרויס מיטן אויסגעשטרעקטן געלט אין דער האַנט צו דער וואורשטן־קראָם און גענומען אַלץ, וואָס מען האָט פאַרן געלט געגעבן. דער וואורשטן־קצב, וועלכער האָט געזען, ווי זיין גאַנצער רעזערוו פון וואורשטן פאַרשווינדט פאַרן פאַפּירענעם געלט, האָט ער שוין אייניגע מאָל דורך דעם טאָג געהויבן די פּרייזן. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, מען האָט באַצאָלט יעדן פּרייז, אַבי זיך נאָר איינצוכאַפּן עפּעס, וואָס ער קאָן דערמיט אָנפולן זיין מאָגן. דער קצב האָט זיך מיטאַמאָל דערזען אַרומגערינגלט פון אַזאַ גרויסן עולם, אַז אויך אים האָט אָנגעכאַפּט די פּאַניק. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט די וואורשטן צו פאַרקויפן פאַר געלט, מיט דער הילף פון צוויי קצבים־יונגען האָט ער איבער דער קראָם מיט די רעשטן וואורשטן און פליישן געוואָרפן זייערע שמוציגע שירצן און מיט די גרויסע מעסערס באַוואָפנט, האָבן זיי זיך געשטעלט אין שוץ פון זייערע סחורות. ער האָט די קראָם פאַרהאַקט און אַ שוואַרץ שילדל אַרויסגעהאָנגען: „די גאַנצע סחורה אויספאַר־קויפט!"

דער עולם האָט אים אָבער נישט געוואָלט גלייבן. דער עולם האָט דערשמעקט די וואורשטן הינטער דער לייוונט, גע־ריסן זיך מיט די פויסטן געלט, אָנגעבאָטן דאָס דרייפאַכיגע:

„צוואַנציק טויזנט מאַרק פאַר אַ קליינער לעבער-וואורשט! מיינע קינדער זענען הונגעריג!" — האָט זיך אַ פרוי געבעטן.

— גאָרנישט צו מאַכן! — איז ער געשטאַנען, דער קצב, ווי אַ גזלן אין זיין שירץ מיט דעם מעסער אין דער האַנט. — פאַר דעם דרעק פאַרקויף איך מיין וואַרע נישט! — האָט ער אָפּגעשטופּט די פרוי.

— נאָר פאַרוואָס דען?!

— פאַר רעאַלע זאַכן! נאָר פאַר רעאַלע ווערטן גיב איך נאָך מיינע וואורשטן אָפּ! — האָט ער געטענהט צום אויפגעטרעגטן עולם. — איך קאָן דאָך מיט דעם דרעק נישט צוריקקויפן מיין סחורה, — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— פאַר וואָס פאַר אַ רעאַלע ווערטן? וואָס הייסט „רעאַלע ווערטן"? — פרעגן שטימען.

— זייגערס, קייטן, קידושין-רינגען, גאָלד, זילבער, נאָר פאַר רעאַלע זאַכן!

— אונד פיר דאָס?... — האָט אַ פרוי זיך צעשריגן און אויפגעדעקט זיך דאָס קלייד און באַוויזן איר הינטערלייב. — איז דאָס קיין רעאַלע זאַך?!...

דאָ-און-דאָרט האָט ווער געפּרואווט צו לאַכן. נאָר מערקווירדיג, די שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין עולם ביי דער סצענע, האָט דאָס לאַכן פאַרשטיקט אינדערמיטן. אַ בלייכע שטרענגע שטילקייט איז געלעגן, ווי אַ בר-מינן צווישן עולם. איינער אַ יונגערמאַן, הויך און בלייך, מיט אויפגעריסענע אויגן און אויפגעשאַרצטע שטאַרנדיגע הענט אָנגעפּולט מיט געלט, האָט ווי מיט ברענענדיגע צוואַנגען זיך אַדורכגעריסן דורך דעם געדראַנג פון עולם, צוגעגאַנגען צום קצב און געוואָרפן אים דאָס געלט אין פּנים אַריין:

— ווען דאָס געלט איז דרעק, איז אַלץ פריי!

און ער האָט געגעבן אַ ריס דאָס ליילעך און עס האָבן זיך אַנטפלעקט די וואורשטן.

אין אַ רגע איז שוין דער קצב געלעגן אויף דער ערד. קנאָכיגע מענערישע פויסטן, ווייבערישע פליישיגע הענט, מיידלישע לאַכנדיג-יובלענדיגע אויגן און האָר, יונגע בחורישע גיבורישע לייבער האָבן זיך אין איין קנויל צוזאַמענגעפּרעסט. די מאַסע

האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קיבוץ פון יחידים, זי איז געוואָרן איין — פון פיל מענטשן צוזאַמענגעפלאָכטענע, אויסגעמישטע, צוזאַמענגעוואָקסענע — יחיד-מאַסע; איין יחיד מיט טויזנט קעפּ, מיט טויזנטער אויסגעשטרעקטע קראַמפּהאַפּטע פויסטן. דידאָזיגע מאַסע האָט זיך ווי אַ טייך אויסגעגאָסן אַרום דער פליישער-קראָם. קראַמפּהאַפּטע הענט האָבן שוין געהאַלטן ווארשטן; חזיר-פעטס, פלייש, בלוט און לעבער-פּערפּל זענען שוין פון די מיילער געריגען, גאָמבעס-און-ליפּן באַפלעקט און פאַרפעטסט, פּנימער פאַרשמירט. פעטס און פלייש, בלוט און קאַשע און לעבער זענען צווישן די פינגער צערינען-געוואָרן. מען האָט געריסן איינער פון אַנדערן די לעבער-ווארשטן. בלוט האָט זיך פון די נעז און פון די מיילער געגאָסן. אויסגעמישט זיך מיט דעם בלוט פון דעם ווארשטן-פלייש און צוזאַמען באַפלעקט די קליידער, מענער זענען באַפאַלן פרעמדע פרויען. מען האָט גע-ריסן די ווארשטן און געטיילט מיט אַנאַנדער. איצט האָט דער דורשט געברענט. האָט מען זיך געלאָזט צו די ביער- און עפּל-ווײַן-שטענדערס, אָוועקגעטריבן די קעלנער, צעטריבן די אַנגיסער, מען האָט די קראַנען פון די פעסער געעפנט. ווער עס האָט געקאָנט, האָט געכאַפּט אַ קופּעל, אַ גלאָז, מ'האָט אונטערגע-האַלטן די היטן, די פויסטן, מען האָט געטרונקען איינער פון אַנדערנס הענט... מוטערס האָבן געריבטע גלעזער ווײַן צוגע-טראָגן צו די קינדער... פאָטערס מיט פאַרפעטסטע, פאַרבלוטיגטע הענט האָבן די קינדער צוגעטראָגן צו די אָפענע קראַנען און זייערע מיילער אונטערגעשטעלט אונטער דעם גיסנדיגן זאַפט. דער עולם, צוזאַמענגעפלאָכטן אין איין ווירוואַר פון אויפרעגונג און אויפמונטערונג, זענען מער שיכור-געווען פון רויב-לוסט, איידער פון ווײַן-און-ביער. זיי האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען. אַן ערנסטער מאַן האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן. אַן אַנדערער האָט אים געענטפערט דערויף: „מענטש, זעסטו דען נישט, אַז די וועלט גייט צום טייוול! ווען דאָס אַלץ אַזוי גייט, האָט עס איבערהויפּט קיין צוועק מער נישט. מאַך עס מיט!"

אין אַן אַנדערער גרופּע פון אויפגערעגטע אַרבעטער איז געשטאַנען איינער פון זיי, אָן אַ היטל, מיט אַ צעבלוטיגט פּנים פון געשלעג, מיט אַן אָפּגעריסענער קלאַפּע, קוים וואָס

ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פּיס פון שיכּרות. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קופּע מיט געלט, צו וועלכן ער האָט גע־האַלטן אַ מין רעדע: „און פאַר אָט דער צואה האָב איך מיין פרייהייט אַוועקגעגעבן, באַליידיגונג אויסגעשטאַנען, דעם אויפ־זעער געחנפעט. געדינט האָב איך צו אָט דעם שמוציגן געלט, ווי צו אַ ריכטיגן הער, ווי צו אַן אַלמעכטיגן גאָט. אַלץ בין איך דערפאַר אויסגעשטאַנען, און דאָס קאָן מיר צומאָל קיין קופּעל ביער נישט קויפן... צואה און שמוץ איז עס! שפּייען וועל איך דערויף! שפּייען וועל איך דערויף!...“

ער האָט געוואָרפן דאָס געלט אויף דער ערד, געשפּיגן דערויף, געטרעטן מיט די פּיס.

---

ביים ראַנד פון הימל איז פון טונקעלן וואַלד אַרויסגע־קומען אַ שווערער וואָלקן און איבער דעם גאַנצן האָריזאָנט אין אָפּגעריסענע פליגלען זיך אויסגעשפּרייט...

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן איינציגווייז אָפּצוטראָגן.

די גרינע זעטיגע פעלדער זענען צעטרעטן און באַשמוצט־געוועז. דאָ־און־דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט די שמוציגע רעשטן פון מענטשלעכן אָפּפאַל, פּאַפּירן, צעבראָכענע פלעשער, בלע־כערנע פּושקעס פון סאַרדינען, אָפּגעריסענע שטיקער קליידער, צעטרעטענע מענערישע און ווייבערישע היטן. פון די ציטערנ־דיגע ביימער איז ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט איבער זיי אַדורכ־געגאַנגען, דאָס בליעכן אַראָפּגעפאַלן. דאָס יונגע פרילינג־בליעכן, ווי יונגע פעדערלעך פון ניי־געבוירענע הינדעלעך, האָט זיך אומעטום אַרומגעוואַלגערט. פאַרשעמט און דערשראָקן האָבן די ביימער מיט פרומקייט געשאָקלט זיך אין פרישן פאַרנאַכט־ווינט, ווי זיי וואָלטן געבעטן פאַר די זינד פון די מענטשן...

דאָ־און־דאָרט האָבן זיך געהערט קריגערישע געשרייען פון באַזויפענע מענער, פון ווידערשפּעניגע ווייבער און פון אומ־גליקלעכע קינדער. איינציגווייז האָט זיך דאָס גרינע צעבליטע פעלד אָנגעהויבן אָפּצורוימען, צו באַפרייען זיך פון דער מענטש־לעכער שמאַכט. די צעטרעטענע גרעזער האָבן ווי יונגע געפּיי־ניגטע קינדער געזוכט שוץ אין די שטילע פליגלען פון פאַרנאַכט־

רואיגקייט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער זיי. ווי זיי וואָלטן פאַר דער מוטער פאַרנאַכט זייער האַרץ אויסגעגאָסן, האָבן זיי געפונען טרייסט און דערמוטיגונג ווייטער זייער אַר־בעט צו טון אין נאַכטלעכן טוי, וואָס האָט געטריפט איבער זיי...

דאָ־און־דאָרט האָט אַ ווייב אַ שיכּורן מאַן פון פעלד אָפּגעפירט און עס האָט זיך געהערט פונדערווייטנס דאָס ברו־מען פון לעצטן בערלינער שלאָגער, וואָס האָט אַרויסגעשריגן פון אַ פאַרשפּעטיגטן גראַמאָפאָן:

מיר פאַרזויפן אונזער מאַנטעס
אַ קליין הויזבען, איר קליין הויזבען.
מיר פאַרזויפן אונזער מאַנטעס
קליין הויזבען און די ערשטע און די צווייטע היפּאָטעק...

קאפיטל 11

## דער נייער גלויבן

איידער די פאָליציי, וואָס דער ווירט האָט דורכן טע-לעפאָן פון שטאָט אַרויסגערופן, איז נאָך אָנגעקומען אויפן פּלאַץ, האָבן די קאָמוניסטן פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג קיין „נאָווא-וועסט", אַ וועבער-פאַבריקן-דאָרף, וואָס איז געלעגן גאַנץ נאָענט פון ווערדער. „נאָווא-וועסט" איז באַקאַנט-געווען אַלס קאָמוניסטישע פעסטונג. די אַרבעטער, וואָס האָבן באַוואוינט דאָסדאָזיגע דאָרף, האָבן דאָס אָרט אַ נאָמען געגעבן „רויט-דאָרף". דאָרט פלעגט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָפּהאַלטן אירע פאַרזאַמלונגען, און קיין פּאָליציי אָדער וועלכע-ס'איז עלעמענטן פון די געגנערישע פּאַרטייען האָבן נישט געוואַגט צו קומען אין דער נאָענט און צו שטערן זייערע פאַרזאַמלונגען.

אין דעם לאָקאַל פון דער ביער-האַליע, וואָס איז געווען אָפּגעשלאָסן מיט אַ גערוימיגן גאָרטן, זענען געווען פאַרזאַמלט אַ מענגע מיט אַרבעטער, מיט זייערע ווייבער, טייל האָבן אויך מיטגעבראַכט זייערע קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסגע-זעצט אויף די הילצערנע בענק אַרום די טישלעך. טייל האָבן נאָך צוזאַמענגעשלעפּט פון זייערע קעשענעס פולע הענט מיט פּאַפּירן-געלט, וואָס איז נויטיג-געווען פאַרן אָרימען וואַסערדיגן קופּעל ביער. אַנדערע האָבן זיך באַגנוגן-געלאָזט מיט אַ ציגאַ-רעט, גאָר אַנדערע — מיט דעם רויך, וואָס האָט געשלאָגן פון די מיילער פון די איבעריגע רויכערער. אין דעם גאַסט-

הויז איז שוין געווען היפשלעך וואַרים, די מאַסע איז נאָך געווען באַלעבט פון די סצענעס, וואָס האָבן זיך היינט אָפּגע־שפּילט אויף די פעלדער פון ווערדער. אויפגערייצט פון דער נערוועזיטעט, האָבן זיי דיסקוטירט די געשעענישן מיט לעבע־דיגע זשעסטיקולירונגען.

— און איך זאָג אייך, אַז אַזוי קאָן עס ווייטער נישט גיין!

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין דאָס מיט דעם געלט און מיט דער שטיי־גערונג פון די פּרייזן.

— פאַרוואָס?

— עס איז דאָך נישט מער איבערצוטראָגן!

— וואָס איז דער מענטש, אַ פערד, וואָס ער קאָן נאָר אַ געוויסע וואָג איבערטראָגן? וואָס איז ער אַ הונט, וואָס האָט אַ זעלבסט־רעספּעקט און לאָזט זיך נישט באַליידיגן? — דער מענטש איז אונטערטעניגער פון אַ פערד און פאַרשקלאַפּ־טער פון אַ הונט, ער קאָן נאָך פיל מער איבערטראָגן!...

אין דער פאַרנאַכטלעך־וואַרימער טונקלקייט, וואָס דער זיך־קלויבנדיגער שטורעם האָט געדריקט מיט זיין געוויכט אין דעם גרינעם ביער־גאָרטן, האָבן די מענטשן אויסגעזען ווי געשפּענסטער. די צייכנס פון דער צייט איז געווען צו באַ־מערקן אויף זייערע פּנימער, אויף זייערע לייבער... די יונגע זענען באַשטאַנען כמעט אויס הויט־און־ביינער — אָפּגעצערטע לייבער, אויסגעבלייכטע פּנימער, ווי עס וואָלט געווען יעדער טראָפּן פעטס פון זיי אויסגערינען. מיט לעבעדיגע באַוועגונגען, בלישטשענדיגע אויגן פון די שקעלעטן־פּנימער האָבן זיי דיסקוטירט מיט אַן אָנשטעקנדיגער אויפגערייצטקייט די געשעע־נישן. די עלטערע אַרבעטער, מערסטנטיילס אָנגעגאָסן מיט אַ קרענקלעך געשווילעכטס פון קאַרטאָפל־קראָכמאַל, וואָס איז געווען זייער איינציגע נאַרונג, זענען געזעסן שווער־אומבאַוועג־לעך, אין זייערע אויגן איז געלעגן אַ בהמהשע שרעק. אַ קעלער־דעמפּיגקייט האָט זיך געטראָגן פון דער אָנלופּטיגער בלייכקייט, מיט וועלכער זייער הויט איז באַדעקט־געווען. זיי האָבן געשוויגן.

די אין מלחמה געבוירענע קינדער, מיט די פון טובער־קולאָז אויסגעצערטע שטעקן־פיסלעך זענען געזעסן מיט באַזאָרגטע און פאַרביטערטע אַלטע פּנימער, אַזוי ווי זיי וואָלטן באַוואַקסן־געווען מיט אומגעזעענע בערד און האָבן אָנטיילגענומען מיט ערנסטקייט אין דעם באַלעבטן געשפּרעך, אַריינגעוואָרפן אַ גאַ־ליגע באַמערקונג, אָדער באַטייליגט זיך אין דעם פאַרביטערטן שווייגן. אַלץ האָט געוואָרט, אַז עפּעס־וואָס וועט געשען. דער־ווייל האָט מען געוואַרט אויף די פירער, וואָס האָבן באַדאַרפט קומען פון בערלין, פאַר וועלכע מען האָט איצט טאַקע פאַר־געברייט די רעדנער־טריבונע.

טייל פון די פירער זענען שוין געווען. איינער פון זיי, אַ ברייטבייניגער, מיט אַן אויסגעקנעטן פליישיג פּנים, מיט אויס־געהאַמערטע הענט, וואָס האָבן זיך געהאַלטן איצט אין אויס־איידלען און האָבן עדות געזאָגט אַז ער איז אַמאָל געווען אַן אַרבעטער, איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פאַרזאַמלטע און מיט אַלעמען זיך באַגריסט. טייל האָט ער אָנגערופן ביי די נעמען, נאָר אַלע האָט ער מכבד־געווען מיטן טיטול: „שוויין".

— אַך, דו דיקער שוויין! וואו ביסטו געווען ביז־איצט?

דאָס איז געווען ביי אים אַ מין באַגריסן־זיך, אַפילו אַ קאָמפּלימענט. נישט אַלע האָבן ביי אים זוכה־געווען צו דעם טיטול, בלויז אַן אַלטער באַקאַנטער, אַ גוטער גענאָסע. די אַנדערע האָט ער מכבד־געווען מיט נעמען פון קלענערע און אומווירדיגע חיות, ווי „קאַנינכען", „קליינעס קעצכען". דער־זען לאָטען מיט האַנסן, וועלכע דער שלאָסער היינריך האָט פאַר אים פאַרגעשטעלט, האָט ער זיך אָנגערופן צו לאָטען:

— דו קליינע ענטע, דו קאָנסט דיך נוצלעך־מאַכן! נאַ, דאָ האָסטו אַ ליסטע און גיי זאַמל פאַר די „א. ה."

— אויף וואָס זאָל איך זאַמלען?

— שטעקסט נאָך גוט אין בורזשואַזישן געמויזעכץ, איי, דו בירגערלעכעס קעצכען, אַז דו ווייסט נישט, וואָס די „א. ה." איז. דאָס איז „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־הילף", אויף קאַקאַאָ פאַר רוסישע קינדער, פאַרשטייסטו?

— פאַרוואָס עפּעס פאַר די רוסישע קינדער?! — וואונ־דערט זיך לאָטע.

— מיר מוזן אונזערע רוסישע ברידער צו הילף קומען. טאַקע איצט, ווען עס גייט אונז אַזוי שלעכט, מוזן מיר אונזער סאָלידאַריטעט מיט אונזער מוטערכען רוסלאַנד אַרויסווייזן. די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליסטישע קליקע מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער שפּיץ, מיט מאַקדאָנאַלד אין לאָנדאָן און שיידעמאַן דאָ ביי אונז, האָבן זיך אָנגעזעצט אויף רוס־לאַנד און לאָזן איר נישט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. די קאָנטררע־וואָלוציאָנערע צייטונגען, מיט נאָסקעס, „פאָרווערטס" האַלטן אין איין אָנרייצן אויף איר די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, כּדי די רעוואָלוציע צו דערשטיקן. דורך דעם קאָן רוסלאַנד נישט צו זיך קומען, מוזן מיר איר העלפן, דען רוסלאַנד איז אונזער פאָטערלאַנד, דאָס פאָטערלאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט אין רוס־לאַנד זיגן, וועלן מיר איבעראַל זיגן!

לאָטע האָט עס אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין.

— אָבער אונזערע קינדער הונגערן דאָך אויך!

— געוויס הונגערן זיי. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער וויימאַרישער קאָנסטיטוציע, פון נאָסקעס און שיידעמאַנס רעגירונג. צוליב דעם טאַקע באַדאַרף מען קעמפן. אָבער די קינדער פון רוסלאַנד זענען די קינדער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דו פאַרשטייסט עס שוין, מיין קלוגעס ענטכען? רעד נישט פיל, נעם די ליסטע, נאָך די רעדעס וועסטו אַרומ־גיין זאַמלען. און דו קאָנסט איר מיטהעלפן, דו אייזל־קאָפּ! נאַ, צו דער אַרבעט! — ווענדט ער זיך צו האַנסן, וועלכער איז געזעסן נעבן איר.

דער ערשטער רעדנער אויף דער טריבונע האָט זיך באַ־וויזן, מיט אַ טיפּיש־אינטעליגענטיש פּנים, אַ האָרלאָזער יונגער־מאַן. יאָ, האָרלאָז אינגאַנצן. נישט נאָר ער האָט געהאַט זיין ליסינע־קאָפּ אָפּגעגאָלט, קיין שפּור נישט פון וואָנסעס, נאָר, מערקווירדיג, אויך קיין זכר נישט פון ברעמען. אַ פּאָר ברילן אויף אַ נאַקעט פּנים. אַלץ, וואָס מען האָט געזען פון אים, איז געווען די בלייכע ביינינגע דאַרע נאָז, וואָס האָט פון אונטער די ברילן אָפּגעשיינט. ער האָט גערעדט מיט פּאַטאָס, מיט פייער און פלאַם. שוים האָט זיך געזעצט אויף די ראַנדן

פון זיינע ליפן. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ פּאַק מיט דעם שמוציגן פּאַפּיר-געלט און מיט אַ קרענקלעכער זעלבסט-פאַרצערנדיגער לוסט האָט ער אונטערגעשניטן די צווייג, אויף וועלכער ער איז אַליין געזעסן. ער האָט געשטורעמט געגן דעם סיסטעם, וואָס האָט זיינע זיידעס פון דעם געטאָ באַפרייט, געגן דער ליבעראַלער עפּאָכע, געגן דעם פאַרפוילטן פּאַרלאַמענטאַריזם. מיט שוים אויף די ליפּן האָט ער וועלטן איינגעלייגט געגן דעם פּרינציפּ, וועלכן ער און זיינע פאָטערס האָבן איבערהויפט צו פאַרדאַנקען זייער אָנטייל אין לעבן, געגן דער פאַרעטערישער דעמאָקראַטיע. נאָר אויף וועמען ער האָט אַמ-מייסטן זיין כעס אויסגעגאָסן, וועמען ער האָט אַממייסטן פאַר-אַנטוואָרטלעך-געמאַכט פאַר אַלע צרות, וואָס זענען דאָ די אומגליקלעכע באַפאַלן, איז עס געווען די ווייַמאַרישע קאָנסטי-טוציע, וועלכער ער האָט צוגעשריבן אַלע אומגליקן פון לאַנד. די ווייַמאַרער קאָנסטיטוציע, וועלכע איז, איבעריגנס, געווען די איינציגע שוץ פון זיין פאָטערס אָנגעקליבענעם פאַרמעגן, מיט וועלכן ער, דער יונגערמאַן, האָט אגב זיך גאַנץ פיין באַנוצט, די איינציגע גאַראַנטיע פון זיין אייגענער פרייהייט, פון זיין צוגעהעריגקייט צו דעם לאַנד. אויף קיין אַנדערע האָט ער זיך נישט געקאָנט פאַררופן, האָט ער די קאָנסטיטוציע מיט אַזאַ פייער און פלאַם באַקעמפט, ווי זי וואָלט געווען זיין גרעסטער שונא...

ער האָט דאָ פאַר די הונגעריגע אַרבעטער, וועלכע האָבן, אגב, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער יונגערמאַן וויל מיט זיין שרייען, וואָרים ער האָט באַנוצט אַ צו-אינטעליגענטע שפּראַך און געהאַלטן זיך אין איין אַרומשלאָגן מיט בערנשטיינען און קאַוטסקין, וועלכע די אַרבעטער האָבן גאָרנישט געקענט — ער האָט דאָ פאַר די פאַרצווייפלטע, אין אָרימקייט דערשלאָגענע און אין נויט פאַרזונקענע מאַסן פאַנאַנדערגעוויקלט די גאַנצע טעאָריע פון דער לעניניסטישער ריכטונג. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וועלכע זענען אָפּגעטרעטן פון דערדאָזיגער ריכטונג, זענען שולדיג אין אַלע זייערע אומגליקן. זיי האָבן זיך פאַר-קויפט צו די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליסטן, כדי די אַרבעטער-מאַסן צו האַלטן אין אייביגער פאַרשקלאַפונג, אַז זיי זאָלן

נישט קאָנען די קעפּ אויפהויבן. די איינציגע רעטונג איז — אַן ענד צו מאַכן מיט דער פאַרפלוכטער דעמאָקראַטישער אָרדנונג, וואָס האָט דאָס אומגליק איבער דעם וועלט-פּראָלע-טאַריאַט געבראַכט, אויסצורופן די ראַטן-רעפּובליק, די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, ווי אונזערע חברים האָבן עס אין רוסלאַנד געטון! — האָט ער געראַטן.

דעם אידעאַל פון רוסלאַנד — דאָס רוסישע גן-עדן, נישט דאָס פיזישע — אַזעלכעס איז נאָך נישט געווען — נאָר דאָס גייסטיגע גן-עדן פאַרן וועלט-פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרגע-שטעלט די צווייטע רעדנערין, וועלכע איז מיט אַ גרויסן ענטוזיאַזם אויפגענומען-געוואָרן. אַן אַלטע קעמפערין, מיט אַ לאַנג-פאַרדינסטפולן לעבן הינטער זיך, מיט רעוואָלוציאָנערער טראַ-דיציע, איז געשטאַנען אויף דער טריבונע, אַן אַלטע אויסגע-צערטע, איינגעשרימפּענע פרוי, מיט שוואַרצע לעבעדיגע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון איר אַלטן איינגעשרימפּענעם פנים. דער שיין פון באַרימטקייט, וואָס האָט געשטראַלט אַרום איר נאָמען, האָט איר געשאַפן דאָ דעם געהעריגן רעספּעקט און וואַרימקייט פון די מאַסן, וואָס דאָס האָט געפעלט ביי דעם ערשטן רעדנער. די אַלטע אַרבעטער, וואָס זענען געקומען פון די סאָציאַליסטישע רייען, האָבן זי נאָך געקענט פון די אַלטע גוטע צייטן, געדענקט זי ביי דער זייט פון בעבעל. די יינגערע האָבן אין איר געזען די לעצטע רעשט פון די פירער פון דער ספּאַרטאַקיסטישער באַוועגונג, אַ חברטע פון ראָזאַ לוקסעמבורג, פון קאַרל ליבקנעכט, וועלכע די פאַרהאַסטע רע-אַקציע האָט אַזוי גרויזאַם אומגעברענגט.

זי האָט נישט גערעדט וועגן דער פאַרפוילטער דעמאָ-קראַטישער אָרדנונג און וועגן די פאַרהאַסטע סאָציאַל-דעמאָ-קראַטן, וועגן וועלכע עס האָט אַזוי געשטורעמט דער פריער-דיגער רעדנער. זי האָט גערעדט וועגן קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ווי אַ מגפה די וועלט, וועגן דעם כאַאָס, וואָס די מלחמה האָט אַריינגעברענגט אין מענטשס גייסטיגן מהות, וועגן דער צעשטערונג און צעפאַלונג פון די אַלטע ווערטן, וועגן דעם הונגער נאָך אַ נייעם גלויבן.

אין איר ענטוזיאַזם האָט זי באַרעכטיגט אַלע עוולות,

וואָס ווערן אָפּגעטון אין רוסלאַנד געגן די אַנדערע קלאַסן. זי, וואָס וואָלט אין לעבן נישט געקאָנט קיין פליג אויף דער וואַנט אָנרירן, האָט באַרעכטיגט אַלע רציחות. נישט אין נקמה אָן דער בורזשואַזיע פאַר איר באַגאַנגענער זינד האַנדלט זיך דאָ, נאָר אין אַ שלעכטס, וואָס איז נויטווענדיג אויסצוראָטן, אָפּריינִיגן דאָס אַלטע, כדי פּלאַץ צו מאַכן פאַר נייעם. וואָרים דאָס, וואָס געשעט אין רוסלאַנד, איז נישט גלאַט אַזוי אַ רעוואָלוציע, האָט זי פאַרזיכערט, אַ זיג פון איין קלאַס איבער דעם אַנדערן, אַן איינפירן פון אַ ניי סיסטעם, נאָר אַ טויט פון דער אַלטער און אַ געבורט פון אַ נייער מאָראַלישער און מאַטעריעלער וועלט. אַ נייע ציוויליזאַציע, אַ נייער גלויבן! דאָס, וואָס געשעט איצט אין רוסלאַנד, וועט האָבן זיין דעצידירנדיגן איינפלוס אויף דער צוקונפט, עס פאָרמט און בילדעט זיך אונזער נייע געזעלשאַפט. עס איז אַ נייע פעלקער-אומוואַנדלונג, וואָס וויל אַריינפּאַסן די נייע אָרדנונג אין דער צייט און אין רוים פון דער וועלט... ביי אַזעלכע גרינטלעכע ענדערונגען קאָן מען נישט מעסטן די געשעענישן מיט דער מאָס פון אָנגענומענעם אמת און יושר פון דעם אַלטן אָפּשטאַרבנדיגן ליבעראַלן סדר. דער נייער סדר שאַפט זיך זיינע נייע אמתן, זיין נייעם יושר לויט דעם זאַכלעכן באַדאַרף, לויט דער נויטווענדיגקייט פון באַגרינדן, פון פאַרפלאַנצן זיין קומען אין דעם לעבן. און ער טוט דאָס מיט דעם מאָראַלישן כוח פון די ברכות, וואָס ער טראָגט אין זיינע פליגלען פאַר די צוקונפטיגע דורות. אַלץ מוז שטאַרבן און אונטערגיין פאַר אים, ווייל ער, דער נייער סדר אין רוסלאַנד, איז אַ נייער גלויבן פאַר דער גייסטיג-פאַרפאַלענער, פאַר דער פיזיש-אויסגעמאַטערטער וועלט...

בשעת זי האָט גערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז העכער געוואַקסן. דורך דער צייט, וואָס זי איז געשטאַנען אויף דער פלאַטפאָרם, האָט זי זיך אויסגעוויזן מיט אַ סך קעפּ העכער. דורך דעם ענטוזיאַזם פון אירע רייד האָט זיך איר איינגעשרימפּענער אַלטער קערפּער אויסגעגלייכט, דאָס געלע צעקנייטשטע פּנים האָט זיך אויסגעבלעטערט, די פאַלדן האָבן זיך אויסגעפּולט, עס איז לענגלעכער-געוואָרן, עס איז באַלויכטן-

געוואָרן מיט דעם פֿלאַמענדיגן שיין פון אירע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן איצט אויסגעקוקט ווי צוויי ברענענדיגע שטורקאַצן. אירע ביינערדיגע, מיט אָדערן אַדורכגעצויגענע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן איבער איר קאָפּ, עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען ווינדיג- און לופטיג-געוואָרן, ווי פֿליגלען, זי וועט זיך באַלד אויפהויבן און פֿליען איבער די אַרבעטער-קעפּ, וואָס האָבן אָנגעפֿולט שוין אינגאַנצן דעם אין שאָטן איינגעהילטן ביער-גאָרטן פון דעם גאַסטהויז.

אָבער איר ענטוזיאַזם האָט זיך נישט איבערגעטראָגן אויפן עולם, וואָס איז צופֿיל אויסגעמוטשעט-געווען פון די געשעענישן, באַשווערט מיט די זאָרגן פון דעם אָט באַלד נויטיגסטן צו דערהאַלטן דאָס לייב ביים לעבן. עקזאַלטירט פון די איבערלעבענישן פון היינטיגן טאָג, זענען זייערע קעפּ נישט געשטאַנען צום נייעם וועלט-סדר, וואָס שאַפֿט זיך אין רוסלאַנד, אין אַ נייעם גלויבן האָבן זיי זיך נישט גענויטיגט. אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט, איז געווען דאָס אָרימע, טרוי-קענע מענטשלעכע שטיקל ברויט, וואָס אַלע האָבן זיי צו-געזאָגט און קיינער האָט זיי נישט געגעבן... זייער איינציגע זאָרג זענען געווען די קאַרטאָפֿל. די נויט פון די קאַרטאָפֿל זענען זיי געקומען הערן, ווי אַזוי זיי איינצושאַפֿן — דורך אַרבעט, ווען עס גייט, אויב נישט — איז מיט געוואַלט, דורך רעוואָלוציע, ווען איר ווילט... און אויף דער פֿראַגע האָבן זיי קיין ענטפֿער נישט באַקומען. די יוגנט, די אומבאַווייבטע זענען אָנגעצונדן-געוואָרן מער פון דעם ענטוזיאַזם, וואָס האָט געשלאָגן פון דער רעדנערינס געשטאַלט, איידער פון אירע ווערטער, אין וועלכע זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פונאַנדער-קלייבן. זיי האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, געשריגן, געזונגען דעם אינטער-נאַציאָנאַל. אָבער די עלטערע אַרבעטער, איבערהויפּט די, וואָס זענען דאָ אַריינגעפֿאַלן צופֿעליג און האָבן מיטגעהאַט מיט זיך זייערע ווייבער און קינדער, זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַ-פֿרייען די גאַנצע צייט פון דער זאָרג, וואָס איז זיי נענטער-געווען, וועגן זייער טעגלעכער באַשפּייזונג. אין קיין רעליגיע האָבן זיי זיך נישט גענויטיגט און עס איז זיי אין גרונט גענומען גלייכגילטיג-געווען, צי די אָרדנונג, וואָס שאַפֿט זיך

אין רוסלאַנד, וועט באַפרייען די וועלט פון אַלע מאַטעריעלע און מאָראַלישע נויטן און וועט געבן די צוקונפטיקע, די נייע אמונה, ווען וועלכער די רעדנערין האָט גערעדט. לכתחילה זענען זיי געדולדיק־געווען צו דער רעדנערין צוליב איר אַלט־קייט און איר באַרימטקייט. ווען זי האָט זיי אָבער נישט געענטפערט אויף זייערע זאָרגן, זענען זיי אומגעדולדיג־געוואָרן, געהוסט, געשפּיגן, געקלאַפּט מיט די ליידיגע קופּליעס, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט און ווידערשטאַנד פון די ענטוזיאַסטן, וועלכע האָבן גערופן צו אָרדנונג. די שטימונג איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער אָנגעצויגענער, אָנגעהיצטער, ביז ענדלעך זי האָט באַקומען אַן אויסברוך דורך דעם שלאָסער אַלבערט שפּינער.

ער האָט עס שוין גענוג־געהאַט, דער אַלבערט שפּינער. ער איז געזעסן מיט זיין ליידיגן קופּעל אין האַנט און מיט זיין פון קראַכמאַל פאַרקלעבטן מאַגן, פון די ערזאַץ־שפּייזן, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעגעסן. ער האָט געזען, אַז די וועלט גייט־אונטער, די וועלט און די אָרדנונג, וועלכע ער האָט דאָך, אייגנטלעך, שוין געהאַט פאַר־אורטיילט צום אונטערגיין. ער איז געקומען דאָ אַהער צו דער קאָמוניסטישער פאַרזאַמלונג — נאָך דעם ווי ער האָט זיך געהאַט אַנטוישט אין זיין פּאַרטיי — נישט ווייל ער האָט דערוואַרט פון זיי אַ נייעם גלויבן, ניין, ער האָט געוואָלט, מען זאָל צוריקשטעלן די אָרדנונג. אייגנטלעך, דאָס אויך נישט. עס איז געווען מער אַ להכעיס אָפּצוטון זיך אַליין און דער וועלט. דעריבער איז ער איבערגעגאַנגען צו די קאָמוניסטן... אָבער היינט האָט ער ווירקלעך געזען, ווי די וועלט גייט־אונטער, עס ווערט אַ תּל פון אַלע אויף אָרדנונג איינגעשטעלטע געזעצן און סדרים. און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם אָפּגרונט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זיינע אויגן אין היינ־טיגן טאָג...

ער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, דער אַלבערט שפּינער, נישט קיין גאָט, נישט קיין גלויבן אין אַ צווייטער וועלט, אפילו נישט קיין גלויבן אין זיין אייגענער אַרבעטער־זאַך. ער איז איינגעשטעלט־געווען ווי אַ מאַשין, נאָר אויף איין איינציגן

פרינציפ — אויף אָרדנונג, אויף דעם סדר פון די זאַכן. איצט איז אין דער מאַשין קאַליע־געוואָרן אַ שרייפל, און קיינער קאָן נישט געפינען דאָס אָרט, וואו דאָס שרייפל פעלט און די מאַשין גייט קאַפּוט, זי קאָן נישט פונקציאָנירן מער... ער איז דאָ אַרויסגעקומען הערן פון זיי אַן עצה, זען אַ וועג, ווי אַזוי פון דעם כאַאָס אַרויסצוקריכן, און זיי דאָ רעדן פון אַלערליי נאַרישקייטן — פון גלויבן, פון אַ נייעם וועלט־סדר, וואָס שאַפט זיך אין רוסלאַנד, נאָר פון נאָענטסטן און נויט־ווענדיגסטן און בלוטיגסטן, וואָס פאַרלאַנגט אַן ענטפער אויף דער מינוט, פון דעם שווייגן זיי.

— פאַרפלוכט זאָל עס ווערן! — האָט דער שלאָסער אַלבערט שפינער געגעבן אַ זעץ מיט זיין קופּעל אין טיש. — וואָס גייט מיך אָן רוסלאַנד מיט איר נייעם גלויבן! איך נויטיג זיך נישט אין קיין גלויבן! אין וואָס איך נויטיג זיך יאָ, איז אין ברויט! אין קאַרטאָפל! אין אַ מענטשלעך לעבן! איר זאָגט אונז, וואָס זאָל מען מאַכן, אַז מיר זאָלן פאַר אונזער אַרבעט אָנשטענדיג געלט באַקומען, לעבנס־מיטל איינ־צוקויפן, נישט דאָס דרעק! איר זאָגט אונז, וואָס זאָל מען טון, אַז עס זאָל צוריק אָרדנונג־ווערן איבער דער וועלט!...

עס האָט אויסגעזען, ווי דער שלאָסער אַלבערט שפינער האָט פאַר זיי דאָס ריכטיגע וואָרט געפונען. פון דאָ־און־דאָרט האָבן זיך דערהערט שטימען:

— דאָס איז עס! דאָס איז עס — אָרדנונג!

בחינם האָבן זיך די מאַכערס געכאַפּט זיך צו באַרואיגן דעם עולם. דער מאַן מיט די ליסטעס אויף זאַמלען געלט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־הילף האָט דערזען, אַז זיין זאַמלונג פאַר קאַקאַאָ פאַר די רוסישע קינדער שטייט אין געפאַר, האָט ער זיך מיט אַ קללה אויף די ליפּן אויף דער רעדנערין: „די אַלטע שאַכטעל האָט אַלץ פאַרדאָרבן!" אַרויפ־געכאַפּט אויף דער טריבונע און גערעדט וועגן רוסלאַנד אַלס דאָס פאָטערלאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. אָבער מען האָט אים שוין ווייניג־וואָס געהערט. וואָרים דער שלאָסער אַלבערט שפינער האָט זיך אָנגערופן הויך:

— איך האָב שוין גענוג דאָס געשוואַץ! קום, ווייב, איך

האָב אַנגסט, אַז מיר קומען שוין מער נישט אַהיים. אונזער געלט וועט שוין נישט גענוגן אויף קיין באַן-בילעט!...

דאָס איז געווען ווי אַ טרעוואָגע, עס האָט אויפגעוועקט די נויט, וואָס איז געשטאַנען אַמנאָענטסטן.

— יאָ, ער האָט רעכט! ווער ווייסט, צי מען וועט נאָך פאַר דעם געלט קאָנען אַהיימפאָרן. און דאָ קלויבט זיך אויף אַ שטורעם!

אויפן וועג אַהיים האָט זיך שפּינער אָנגערופן צום ווייב:

— יאָ, אויך דאָס איז דרעק! איך שטים פאַר קיינעם נישט מער. זאָל עס צום טייוול גיין! אַלץ איז לויטער קוואַטשעריי, פּפוי! — און ער האָט אויסגעשפּיגן.

---

ווען האַנס מיט לאָטען זענען אַהיימגעקומען פון דעם פיל-איבערגעלעבטן טאָג אין זייער גאָרטן-הייזל אַריין, איז שוין געווען טיפע נאַכט. די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געקליבן אַ גאַנצן פאַרנאַכט איבערן הימל, זענען איצט אין איין שווערער נעדיכטער כמאַרע פאַראייניגט-געוואָרן און ס'האָט אָנגעפּילט דערמיט די לופט, וואָס מען האָט עס נישט אָנגעזען, נאָר געפילט. לאָטע איז מיד און טרויעריג געבליבן זיצן אויף דעם איינציגן פעלד-בעט, וואָס זיי האָבן אין דעם גאָרטן-הייזל געהאַט שטיין. זי האָט אַ לאַנגע ווייל געשוויגן. אַזוי אויך ער. זיי האָבן זיך ביידע ווי געשעמט צו קוקן אין די אויגן אַריין נאָך דעם טאָג, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַ זינד באַגאַנגען. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווייסט, לאָטע, טיילמאָל האָב איך דאָס געפיל, אַז די וועלט גייט-אַוועק פון אונז און לאָזט אונז איבער הינטער זיך.

— מיר, אַזוי יונג און שוין אינדרויסן? — האָט זי געפרעגט מער זיך אַליין, ווי אים.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. זי האָט זיך געשטעלט אויף די טרעפּלעך פון זייער גאָרטן-הייזל.

אַ בליק האָט דעם הימל געשפּאָלטן. אין העלן ליכט

האָט מען געזען, ווי די ביימער פון גאָרטן בייגן זיך, ווי זיי וואָלטן פאַר ווערמען געוואָלט כורעים זיך וואַרפן. עס איז צוריק פינסטער-געוואָרן. איצט האָט מען געהערט דאָס גערויש פון ווינט אין זייערע צווייגן-בלעטער.

— קום-אַריין, לאָטע, עס קומט אַ שטורעם.

— איך האָב ליב דעם שטורעם. איך וויל זיין אין אים.

— אויך איך האָב נישט מורא פאַרן שטורעם, ווען ער איז מיינער, ווען איך קאָן מיטשטורמען און מיטבליצן. איז דער שטורעם, וואָס מיר האָבן היינט איבערגעלעבט אונזער? דיינער? קאָנסטו זיך געפינען אין אים? דונערט ער אויס דיינע געשרייען און דיינע וויטאָגן? וויל ער פאַר דיר דעם הימל צערייסן אויף צווייען און צוריק דעם טאָג רופן? פילסטו זיך גוט אין אים? איז ער נישט אַ בייזער און פינסטערער דעמאָן, אַרויסגעריסן דורך דער גרויסער זינד פון די מענטשן, וואָס גייט-דורך איבער דער וועלט?

— אָבער אום גאָטעס ווילן! מיר זענען אַזוי יונג... מיר קאָנען נישט אינדרויסן שטיין!

— אָבער אינעווייניג איז נאָך ערגער. עס איז דערשטיקט צו ווערן, וואו מען וויל זיך נישט אָנשליסן.

— וואָס דען איז דאָ צו טון?

— איבערצוּוואַרטן, לאָטע, איבערצוּוואַרטן די פינסטערע כמאַרע, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פון שלעכטס, וואָס איז איבער דער וועלט אַדורכגעגאַנגען. צו באַהאַלטן זיך פון איר, ביז עס וועט ווערן קלערער אין די מוחות פון די מענטשן. אָנקל אַדאָלף האָט רעכט: „דאָס גוטע קעמפט נישט. דאָס גוטע וואַרט-אויס און ליידט!...

— אָבער עס איז דאָך שווער דאָס וואַרטן, ווען אינ-דרויסן האַלט עס אין איין דונערן און בליצן. און ווייסטו וואָס — עס איז בחינם דאָס אויסבאַהאַלטן זיך. איך האָב מורא, ער וועט קומען און וועט מיך פון מיין וואַרימער היים מיט-אַרויסרייסן און מיטנעמען מיט זיך. ער איז מיין ברודער. זענען מיר דען נישט צוזאַמען אין וואַלד געבוירן?

— וועמען מיינסטו?

— דעם שטורעם!

— וואָס איז דיר, לאָטכען? דו רעדסט אַזוי קאָמיש... אום גאָטעס ווילן, דו ברייסט און ברענסט פון היץ!...

אַ בליק איז אַדורכגעגאַנגען איבער דער ערד. האַנס האָט זי אויף זיינע הענט אַריינגעטראָגן אין זייער קליינעם גאָרטן-הייזל און געלייגט זי אויפן בעט.

— האַנס, עס איז אַזוי שלעכט „פון דרויסן צו בלייבן!...״

אינעווייניג צו זיין איז נאָך ערגער!...

קאפיטל 12

# דער מס פאַר דער נאָרדישער ראַסע

דר. היינריך באָדענהיימער האָט זיך אַרויף-און-אַראָפּ גע־דרייט איבער זיין גרויסן קאַבינעט און דיקטירט זיין ווייב, וועלכע איז געזעסן ביים טיש, אַן אויפזאַץ פאַר דער שריפט, אין וועלכער ער איז אַ שטענדיגער מיטאַרבעטער, איבער „דעם אונטערגאַנג פון די עטישע מידות אין אונזער צייט". ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק: „אַז די מענטשן מאַכן די צייט, און די גאָטלאָזיגקייט פון אונזערע היינטיגע טעג איז די פּרינ־ציפּלאָזיגקייט פון היינטיגן מענטש. מיר שעמען זיך צו זיין מאָ־ראַליש. אַ מענטש, וועלכער האָט דעם מוט אין אונ־זערע טעג זיך צו באַקענען צו עטישע פליכטן, ווערט אויסגע־לאַכט, פאַרשריגן פאַר אַ רעאַקציאָנער, פאַר אַ צוריקגעשטאַ־נענעם..."

דערדאָזיגער געדאַנק איז דיקטירט-געוואָרן זיין פרוי. זיין פרוי איז געווען קינדערלאָז און האָט גאָרנישט געהאַט אין איר לעבן, נאָר דעם באַרימטן מאַן, אין וועלכן זי האָט גע־גלויבט ווי אין אַ גאָט און אַזוי אים אויך באַהאַנדלט. יאָרנ־לאַנג האָט זי געקעמפט פאַר דעם רעכט, אַז זי זאָל אין וועל־כער ס'איז מאָס מיטבאַטייליגן זיך אין זיין שעפערישער אַרבעט. זי האָט זיך אויסגעלערנט סטענאָגראַפיע און שרייבן אויף דער מאַשין — און ענדלעך אַדורכגעזעצט, אַז דער געשעצטער דאָק־טאָר זאָל זי באַנוצן צו זיין אַרבעט אַלס סעקרעטאַרין. מיט

אַ פרומען אייגנצירשנטן רעספּעקט פאַר אַלעם גייסטיגן, האָט די פרוי מיט אַ טיפן יראת-הכבוד אויפגענומען יעדן זאַך, וואָס דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעבּרענגט. יעדע קליינע אַרבעט. וואָס זי האָט געטון פאַר אים, האָט זי נישט נאָר באַגליקט און דער-הויבן, נאָר דאָס איז איר בכלל פאַרגעקומען פון אַזאַ חשיבות, אַז ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי באַטייליגט זיך אין אַ זאַך פון גאָר גרויסער וויכטיקייט. זי האָט זיך דורך דעם גע-זען פאַרבונדן אי מיט דעם לעבן פון איר מאַן, אי אויך מיט זיין גרויסער שטעלונג, וואָס איז אים באַשערט-געווען צו פאַר-נעמען. זי האָט זיך פרום געשאָקלט ביי די ווערטער, וואָס איר מאַן האָט איצט דיקטירט: „פונקט ווי יעדן איינעמס פערזענ-לעך לעבן באַשטייט פון איין לאַנגער קייט קליינע מעשים, פון טאָגטעגלעכע געשעענישן, אַזוי ווערט אַן עפּאָכע געוועבט נישט דורך גרויסע, קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן, נאָר דורך דעם סכום קליינע מעשים פון יעדן מענטש. זיי פילן דאָס אויס די כלי — צייט — מיט דעם אינהאַלט פון זייערע מעשים”. זי האָט מיט אַ כשרער, פרומער מינע, וואָס האָט נאָך מער פאַרייִדישט איר אויסזען, אויסגעצויגן איר אַזוי אויך שוין לאַנגע נאָז. אירע שעמעוודיגע, האַלב-באַהאַלטענע אויגן זענען פאַרלאָפן-געוואָרן מיט אַ שיינענדיגער פייכטקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר מיט זומערשפּרענקעלעך טונקל-קאָלירדיגן פּנים. „די באַציאונג פון איין מענטש צום אַנדערן, די באַציאונג צו דיין נאָענטסטער אומגעבונג — דאָס איז דער סכום געשעענישן, וואָס פילן-אויס דעם חלל פון דער צייט...”

דער טעלעפאָן אויפן דאָקטאָרס טיש האָט געלאָזט הערן זיין שטילן דיסקרעטן קלאַנג. העגריעטע, נאָך מיט דעם אויסדרוק פון באַגייסטערונג אויף איר פּנים, האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט ביים טיש און פאַרלאָזט מיט שטילע טריט דעם קאַ-בינעט. דער דאָקטאָר, מיט אַ בייזער גרימאַסע פון כעס איבער דער געשטערטער שטימונג, איז צוגעגאַנגען אַראָפּנעמען דאָס האָרך-רערל. זי איז שוין געווען אַזוי אויסגעלערנט צו פאַרשווינדן פון צימער, ווען דער טעלעפאָן קלינגט, כדי נישט צו שטערן דעם מאַן אין זיינע פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן... עס איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון איר

באַגייסטערטער אונטערטעניגקייט צום באַרימטן מאַן, וואָס האָט אין דער פרוי אויסדרעסירט איר האַלטונג...

אין טעלעפאָן האָט גערעדט די צווייטע, די פון דער „נאָרדישער ראַסע״.

„צי האָט ער פאַרגעסן, וועלכע דאַטע ס׳איז היינט?״

„ווי אַזוי קאָן איר גאָר אַזעלכעס איינפאַלן? אום גאָטעס ווילן, ווי אַזוי זאָל ער פאַרגעסן אַזאַ דאַטע! נישט אַנדערש, נאָר די טרויעריגע צייט, אין וועלכער מיר לעבן, די זאָרגן וועגן דעם געליבטן פאָטערלאַנד, די גרויסע פליכטן, וואָס ליגן אויף אים, זענען שולדיג אין דערין. דו ווייסט עס, גערטרוד!״

„זי ווייסט עס. ער האָט איבערהויפּט לעצטנס אָנגעהויבן זי צו פאַרנאַכלעסיגן. זאָל עס נישט הייסן, אַז ער איז מיד פון איר?...״

„אום גאָטעס ווילן, וואָס קלערט זי...״ — ער פאַרענט־פערט זיך מיט פולע תירוצים, זוכט־אויס די אויסטערלישסטע אויסריידן. — „געוויס איז ער היינט אָוונט ביי איר צו דער אָפּגערעדטער צייט אין דעם „קרייז פון די אויסדערוויילטע״, וועלכע זי האָט צום עסן איינגעלאַדן. אָבער פאַרגעסן האָט ער נישט אין דער וויכטיגער דאַטע פון איר געבורטסטאָג. והא ראיה — דער שליח מיט די בלומען איז שוין אונטערוועגס. איז ער דאָרט נאָך נישט געווען? און ווען ער פאַרענדיגט נאָר דעם אויפזאַץ, אויף וועלכן די זעצערס וואַרטן, גייט ער באַלד באַזאָרגן דאָס אַנדערע, דאָס נויטווענדיגע...״

„צי האָט ער נישט געלעזן דעם אַרטיקל אין היינטיגן נומער „טאַגעבלאַט״ איבער דער אויפפירונג פון „מאַריאַ סטיואַרט״? דער שוויין האָט איר נאָר געווידמעט צוויי ציילן. און די סאַרקאַסטישע באַמערקונג, וואָס ער האָט געמאַכט וועגן איר... „אַלץ, וואָס פריילין גערטרוד פאָן זאָנענשטיך האָט צו געבן, האָט זי געגעבן אין דער ראָלע. און צו געבן האָט זי נאָר בלויז איר גוט־ראַסיגע פיגור — אַ דאַנק דערפאַר!״ קיין איין וואָרט וועגן איר קונסט נישט.״

„נו, מיין געליבטסטע, וואָס האָסטו צו דערוואַרטן פון דעם, וואָס דו רופסט אַליין אָן „שוויין״?...״

„יידישער שוויין! — מוזסטו מיר שוין מוחל־זיין...״

„דאָס איז גאָרנישט פאַראַן, טייערע, – לאַכט ער, — ווי דו ווייסט, איז עס יידן פאַרבאָטן..."

אינדעראמתן איז די סיבה פון ד"ר באָדענהיימערס פאַרנאַכלעסיגן זיינע פליכטן צו דער „נאָרדישער ראַסע" נישט געווען די זאָרגן איבער דעם געליבטן פאָטערלאַנד. ער האָט טאַקע וואָר געזאָגט, ער האָט עס גאָרנישט פאַרנאַכלעסיגט אויך, און דעם דאַטום פון איר געבורטסטאָג גוט געדענקט. והא ראיה, ער האָט היינט אינדערפרי פאַר דעם לעצטן געלט, וואָס עס האָט זיך געפונען אין שטוב, געקויפט אַ גרויסן בוקעט ווייסע ליליען און צו איר געשיקט. נאָר נישט אין בלומען האָט עס זיך געהאַנדלט און נישט וועגן דעם האָט זי אָנגעקלונגען. אָנ־געקלונגען האָט זי צוליב דעם, וואָס דער געערטער דאָקטאָר האָט נישט אַריינגעשיקט די נויטיגע שפּייזן און די ווײַנען און די ליקערן צו דעם געבורטסטאָג־עסן, ווי ער פלעגט עס יעדעס יאָר טון... איבערהויפּט איז דער דאָקטאָר נישט פּינקטלעך אין צאָלן זיין „ערן־געהאַלט" דער דאַמע. און ביי דער היינטיגער צייט קאָן מען קיין חובות נישט לאָזן אין דער לאַנגער באַנק, זיי ווערן בטל פון זיך אַליין... „יידישע אויסגערעכנטקייט, האָט עס די דאַמע באַטראַכט, - אַפילו זייערע „ערן־חובות" באַצאָלן זיי מיט אינפלאַציע־מאַרקן..."

דער דאָקטאָר האָט עס אָבער גאָרנישט לייכט־געהאַט די לעצטע צייט. ער האָט גאָרנישט געוואוסט פונוואַנען דאָס געלט צו נעמען צו באַצאָלן זיין מס דער „נאָרדישער ראַסע", אין געשטאַלט פון זיין לינקער פאַרהעלטניש, וואָס ער האָט געפירט מיט דער שוישפּילערין. מיט די פליכטן פאַר דער „יידישער ראַסע" האָט ער זיך ווינציגער געזאָרגט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אינטערעסירט מיט קליינע הויזלעכע זאַכן. דאָס האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זיין ווייב. אָבער די „נאָרדישע" פליכט איז אים געלעגן זייער נאָענט צום האַרץ. עס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן „ערן־חוב". און איצט, ווען ער דרייט זיך אַרויף־און־אַראָפּ איבערן קאַבינעט, קלערט ער שוין נישט מער וועגן דעם וויכטיגן און נויטיגן אַרטיקל, וואָס ער שרייבט „איבער די עטישע פליכטן פון אונזער צייט", נאָר ווי אַזוי צו באַקומען געלט אויף איינצוקויפן דאָס נויטיגע פאַר דעם היינטיגן מאָל.

צייט, וואָס זיין געליבטע גיט פאַרן „קרייז אויסדערוויילטע״ לכבוד איר געבורטסטאָג. און די סומע מוז זיין אַ וויכטיגע, כאָטש אַ גאַנצע היפּאָטעק אויף אַ הויז מוז עס אויפעסן. ווער ווייסט, ווי די פרייזן שטייען היינט! די „באָדענהיימערישע היפּאָטעקן-אַנשטאַלט״, די קו, פון וועלכער די משפחה האָט ביז-איצט געמאָלקן, האָט אויפגעהערט צו געבן מילך. די באַנק איז כמעט געווען געשלאָסן. די גרעסטע טייל ווערט-פּאַפּירן, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן אויף די חובות, וועלכע זי האָט שטיין אויף די הייזער, זענען געוואָרן ווערטלאָז. זייער סכום, וואָס איז דערגאַנגען אין די צענדליגגער מיליאָנען און זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, דער שמאַלץ-גרוב פון דער משפחה, דער פונדאַמענט פון דער פירמע, האָט אין גאָלד-ווערט נאָך געוויס באַטראָפן אַ קליין פאַרמעגן. אָבער דאָסדאָזיגע פאַרמעגן האָט געהאַלטן אין איינשרימפּן פון טאָג-צו-טאָג. ווער ווייסט, ווי נידעריג עס קאָן נאָך פאַלן. געלעבט האָט מען איצט פון דעם, וואָס דער באַנקיר מאַקס האָט דורך דעם ברודער אַדאָלף אויספאַרקויפט זיין טייערע זאַמלונג פון בילדער. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען דעם פאָרשלאָג פון יודקעוויטשן, זיך מיט אים צו איינינגן אויף אַ סומע פאַר די חובות פון די הייזער. דער ברודער מאַקס האָט זיך געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קונדן, וועלכע האָבן געהאַט צוטרויען צו דער פירמע. דאָס איינציגע, וואָס דער ברודער מאַקס האָט גע-האַט צו באַשיצן, איז געווען דעם גוטן נאָמען פון זיינע עלטערן, וועלכער איז געווען פאַרקערפּערט אין דער פירמע. און בנוגע דעם גוטן שם פון זיין פירמע האָט ער נישט געוואָלט מאַכן קיין שום קאָמפּראָמיסן.

אָבער איצט איז שוין געקומען דאָס וואַסער ביז צום האַלז. מען האָט פשוט נישט געהאַט אויף דעם טאָג-טעגלעכן געברויך. מען איז געצוואונגען-געווען צו פאַרקויפן זאַכן פון שטוב אַרויס. מאַקס האָט געשיקט זיינע בילדער און טעפּיכער אויף דער ליציטאַציע. די דערהאַלטענע סומען אין מאַרקן זענען געווען אַזעלכע באַדייטנדיגע, אַז ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, זיי וועלן גענוג-זיין אויף איבערצוקומען דעם קריזיס, ביז די אינפלאַציע וועט זיך אָפּשטעלן. וואָרים ווי וויט נאָך קאָן דער

מאַרק פּאַלן ?! אָבער איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, איז דאָס געלט בטל־געוואָרן, עס איז פּשוט נישט געוואָרן. נעכטן נאָך האָט מען דערפאַר געקאָנט לעבן אַ וואָך צייט, היינט סטייעט עס שוין נישט אויף דעם טאָג אַדורכצוקומען און מען דאַרף ווידער נעמען עפּעס פון הויז אַרויס, טראָגן עס צום אַגענט, אַז ער זאָל עס פאַרקויפן אין דעם ליציטאַציע־הויז, כדי צו האָבן אויף די נאַקעטע חיונה. ביי דעם דאָקטאָר היינריך אַליין האָט זיין יידיש ווייבל פאַרקויפט איר צירונג. זי האָט בעסער געוואָלט איר צירונג פאַרקויפן, מיט וועלכן עס איז איר, אגב, שווער־געווען זיך צו שיידן איבער פאַמיליע־סענטימענטן, — עס האָט געשטאַמט פון איר מוטער — איי־דער אַרויסצונעמען אַ זאַך פון שטוב, צו וועלכן דער דאָקטאָר איז צוגעוואוינט. דער דאָקטאָר האָט דערפון, זעלבסטפאַרשטענד־לעך, נישט געוואוסט.

ניין, עס איז גאָרנישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך פאַרן דאָקטאָר איצט דאָס געלט צו באַקומען.

ער האָט שוין דאָס אַרטיקל נישט געקאָנט שרייבן. קיין איין געדאַנק איז אים נישט איינגעפאַלן, און די, וואָס ער האָט יאָ געהאַט, האָט ער נישט געקאָנט מער זיי קלאָר אויס־דריקן. די ווערטער האָבן זיך נישט געקלעבט. ער האָט איבער־געריסן זיין אַרבעט, צו דעם גרויסן ווייטאָג פון זיין יידיש ווייבל, וועלכע האָט באַלד דערפילט, אַזוי ווי זי איז נאָר צו־ריק אַריינגעקומען אין קאַבינעט, אין זיין מינע, אַז ער, איר באַשערטער, האָט זאָרגן... און כאָטש איר האַרץ האָט איר גע־זאָגט, פון וואָס פאַר אַ זייט דער שיך קוועטשט אים, וואָלט זי פונדעסטוועגן אַ האַלב לעבן אַוועקגעגעבן, די קנייטשן פון זיין שיינעם שטערן אויסצוגלעטן און צוריקרופן דעם פריידיגן, פרייען „אָדלער־בליק" (ווי זי האָט עס גערופן) פון באַגייסטע־רונג אין זיינע שוואַרצע אויגן... מיט פרייד וואָלט זי דאָס לעצטע שטיק צירונג — דעם בראַנזלעט, איר כלה־געשאַנק, מיט וועלכן זי האָט זיך ביז־איצט נישט געוואָלט שיידן, אָדער איר מו־טערס שנור פערל געטראָגן צו פאַרזעצן און אים דאָס נויטיגע געלט איינגעשאַפט, וואָס ער באַדאַרף האָבן זיין „ערן־פליכט" צו דערפילן, אַבי נאָר צוריקצורופן דעם באַגייסטערטן שיין

אויף זיין פנים, זיין ווירדיגן בליק, דעם מענטשלעכן פרייען אויסדרוק, וואָס איז געווען דער קוואַל פון איר גליק, דער אינהאַלט פון איר לעבן, וואָס איז אַזוי גרויזאַם אָפּגעווישט־און פאַרטריבן־געוואָרן דורך דעם טעלעפאָן־רוף...

— נו, פאַר היינט וועט עס גענוג זיין, טייערע! — און ער האָט זיך גענומען אַרויסצוגיין.

ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי זיין יידיש־אויסזעענ־דיג ווייבל האָט פאַרשטיקט דעם קרעכץ אין זיך, און אַ פאַר־טרויערטקייט פון זאָרג האָט זיך אָנגעקליבן אין אירע אויגן.

דער דאָקטאָר אָבער שטייט איצט, ווי פיל הונגעריגע מענטשן, ווייבער און קינדער און באַטראַכט די געשמאַקע ביסנס, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אַ שוי־פענסטער פון אַ דעליקאַטעסן־געשעפט, וואו ער פלעגט יעדעס מאָל איינקויפן פאַר זיין געליבטער גוטע זאַכן. ער, וואָס האָט נישט געוואוסט די באַדייטונג פון געלט, קיינמאָל זיך נישט אָפּגעגעבן מיט די קליינע זאַכן, וואָס איז געוואוינט־געווען אַריינצוגיין אין די געשעפטן, באַשטעלן און הייסן שיקן די זאַכן אויף אַן אַדרעס און די רעכנונג אין דער באַנק אַריין; ער, וועלכער האָט אַזעלכע וואָגיגע ביכער געשריבן צו לעזן די אָנגעווייטאָגסטע פראַגע פון דער וועלט — די צעטיילונג פון מענטשלעכער אַר־בעט און גיטער, איז איצט געשטאַנען מיט די הונגעריגע מענטשן און באַטראַכט דאָס רייכע עסנוואַרג אין די שוי־פענס־טער. וואָרים בשעת פון איין זייט האָט די גרויסע שטאָט בער־לין געהונגערט, איר מיליאָנען־באַפעלקערונג האָט זיך גענערט מיט די פאַרדאָרבנסטע ערזאַצן; מענטשן ווירדיגע, בכבודיגע זענען אויסגעגאַנגען אין זייערע הייזער פאַר דעם פשוטן שטיקל ברויט, און אַנדערע גאָר האָבן געגעסן די רעשטן פון אַלע נבלות, פאַרלעגענע פעטסן, וואָס די שפּייז־שפּעקולאַנטן האָבן פאַר זיי אויפן מאַרק אַרויסגעוואָרפן, — האָט מען פון דער צווייטער זייט אין דערזעלבער שטאָט געזען אין די עלעגאַנטע שפּייז־קראָמען אין דער רייכער געגנט, אַרויסגעשטעלט די אויס־דערוויילטסטע, די אויסגעזוכטסטע שפּייזן, כלערליי מיני גערוי־כערטע פליישן. דאָס פעטס האָט געזעצט פון די באַפליישטע וואורשטן, געשפּאָלטן די הויט און אַדורכגעיוירן דורך זיי, אויפ־

געשניטענע — האַלב־פלייש, האַלב־פעטס — ברוסטן; געדרויכערטע טרוקענע אָקסן־צונגען, קאַלט־געבראָטענע, אין זשעלאַטין שטייענ־דיגע עופות, שטראַסבורגער לעבער־פּאַשטעט, אויך קאַוויאַר אין אַלע קאָלירן געקילטן אין אײז; הערינג אין אַלערליי פאָרמען געמאַרינירט; געוועגזלטע, געזאַלצענע און געדרויכערטע פישן; פון די וואַרימע לענדער און אין וואַרים־הײזער געהאָדעוועטע זיד־פּרוכטן, פלוימען און פריצייטיגע פּערסיקעס, אויך די ערשטע עפּל, רויטהויטיגע באַרנעס, שוין אָפּגערעדט פון געטריקנטע דרום־פּרוכטן, די אויסטערלישסטע פייגן און האָניג־טריפנדיגע טייטלען.

פאַר די שוי־פענסטער פון די שפּייז־געשעפטן זענען שטענ־דיג געשטאַנען מחנות הונגעריגע מענטשן, אויסגעמאַגערטע קינ־דער און אין טיכער איינגעהילטע פאַרזאָרגטע ווייבער, וועלכע האָבן מיט דער כאַראַקטעריסטיש־דייטשער אָנשטענדיגקייט און געדולדזאַמקייט באַטראַכט די עסנווארגן דורך די ריינע בליש־טשענדיגע שויבן, און ווי עס געהער זיך, בלויז אין געדאַנק געשלונגען דאָס שפּייעכץ און געזעטיגט זייערע אַפּעטיטן, פאַר־צערנדיג דאָס מיט זייערע אויגן. צום ערשטן מאָל האָט זיך דער דאָקטאָר געפונען אין דער לאַגע — מיט דער אַרומיגער מענגע אינדרויסן האָט ער באַטראַכט די זאַכן דורך די שוי־פענסטער. ער, וואָס האָט אַזויפיל געשריבן וועגן די מאָראַלישע טוגענדן פון דעם מענטש, ווענן די „אומגעזעענע פליגל", וואָס דער מענטש טראָגט פאַרבאָרגן; ער, וואָס האָט אַזוי הויך געשעצט דעם מענטש, איז צום ערשטן מאָל געקומען אין באַרירונג מיט זיינע אמתע נויטן. די מחנות הונגעריגע, וואָס זענען געשטאַנען פאַר די שוי־פענסטער, האָבן געהאַלטן אין איין הויך טרוימען וועגן דער פוטער און דעם פעטס, וואָס מען האָט געזען אין די פענסטער. די פוטער איז דאָס געווען, וואָס האָט אַממיינסטן צעפלאַמט זייער הונגעריגע פאַנטאַזיע. זיי האָבן גערעדט וועגן דער פוטער מיט דערזועלבער גלוסטונג, ווי מען רעדט וועגן אַ פרוי... זיי האָבן געקוקט אויף דעם פליישיג־געקנעטענעם שמאַנט, אויף זיין געלבלעכער פעטקייט מיט אַזעלכע דורשטיגע בליקן, ווי סעקסועל־הונגעריגע, דורך לאַנגע יאָרן אין מויערן געהאַלטענע אַרעסטאַנטן קוקן דורך די שטאַכעטן אויף אַ דורכ־

גייענדיגער פרוי פאַר זייער תפיסה־פענסטערל. זיי האָבן געזעטיגט זייער פאַנטאַזיע מיט דעם אָנבליק פון פוטער. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן וואויל־לוסט באַגאָסן מיט זייערע אויגן...

„ווען איך האָב נאָר איין לויט דערפון, אַזאַ קליין שטיקעלע, די טרוקענע לאָקשן צו באַשמעלצן!..." — האָט אַ פרוי געקרעכצט.

— ווי ווייט אירע וואונטשן דערגרייכן? — אַ לויט פוטער! און איך וואָלט מיך באַגנוגנט, ווען איך קאָן נאָר מיט דער נאָז דערצו אַ שמעק־טון! — האָט אַן אויסגעבלייכטער אַרבעטער געזאָגט, אַן אויסגעשעפּטער פון יעדער פעטיגקייט, ווי מען וואָלט פון אים דורך אַ כעמיש מיטל אונטערגעטרוקנט יעדן טראָפּן פעטס און פייכטקייט... דערביי האָט דער אַרבעטער זיינע נאָזדרעס אויסגעשפּרייט, ווי ער וואָלט דורך דער שויב זיך מיט דעם לוסט־באַגערנדיגן ריח פון פוטער געוואָלט זעטיגן...

דער דאָקטאָר האָט נישט באַמערקט, ווי ער שטייט צווישן די אַרויסגעוואָרפענע און באַטראַכט מיט דערזולבער זשעדנעקייט די רייכטימער, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין שוי־פענסטער. אייגנטלעך וואָלט עס זיך געפּאַסט, אַז ער זאָל פאַר זיין האַרצנס־דאַמע, ווי יעדעס יאָר צו איר געבורטסטאָג, איר אַריינשיקן אַ גרויסע שאַכטל קאַוויאַר. נאָר פון קאַוויאַר וועט זי זיך היי־יאָר מוזן אָפּזאָגן, ווי אויך פון שאַמפּאַניער. אָנשטאָט דעם קאַוויאַר וועט ער איר אַ מתנה־מאַכן דעם וואונדערבאַרן לעבער־פּאַשטעט, אַ פונט לעקער־אויפשניט. פאַרשטייט זיך, זי דערוואַרט אַ פּאָר פלאַשן רהיין־ווין, ווען ער קאָן קריגן פון די פופּצענער יאָרן; אַ פּאָר פלאַשן קאָניאַק און קירש פאַר דער חברה צו טרינקען, דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך. אַן אַנדערשמאָל וואָלט עס געווען אַ טאַקטלאָזיגקייט איר אַריינצושיקן אַ פּאָר פונט פוטער, אָבער ביי דעם יקרות אויף פוטער וועט עס ביי איר אַפילו זיין זייער אָנגעלייגט. פון פרוכטן און זיסיגקייטן, פאַרשטייט זיך, אַוודאי. ער וועט אַריינגיין אין געשעפט און באַשטעלן. עס וועט וואַרשיינלעך קאָסטן אַ פאַר־

מעגנס. דער דאָקטאָר דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַפילו קיין געלט נישט ביי זיך. נאָר עס מאַכט נישט אויס, מען ווייסט נאָך, גאָט צו דאַנקען, אין שטאָט, ווער דאָקטאָר באָדענהיימער איז. עס איז דאָך דאָסזעלבע געשעפט, וואו ער קויפט יעדעס יאָר איין. דער דאָקטאָר רייסט זיך אָפּ פון שוי־פענסטער און, צו דער קנאהדיגער פאַראַכטונג פון די פאַרזאַמלטע פענסטער־קוקערס, גייט ער אַריין אין געשעפט. ער האָט רעכט געהאַט: מען גייט אים אַנטקעגן מיט דעם געהעריגן רעספּעקט, מיט דעם דינערישן שמייכל. ער איז טאַקע נישט פון די נייע קונדן, נאָר איינער פון די אַלטע, וועלכע מען איז נישט געוואוינט מער אין דעם געשעפט צו טרעפן און צו וועלכע מען האָט אַביסעלע אַ חשד איבער זייער בייטל, אָבער דאָך ווייסט מען, ווער ער איז. ער קלייבט־אויס נאָר דאָס סאַמע נויטווענדיגסטע, דאָס באַשיידנסטע, ווי עס דאַכט זיך אים אויס. ער איז דאָך נישט קיין שפּעקוליאַנט, קיין אינפלאַציע־געווינלער... דאָך דער צעטל פון די אָפּגעקליבענע זאַכן, וואָס מען שטעלט אים אויס און מען רעפּרעזענטירט אים מיט אויסערגעוויינלעכער העפלעכקייט, באַטרעפט אַזאַ סומע, אַז דער דאָקטאָר ווערט בלייך. „אום גאָטעס ווילן — טראַכט ער — פאַר דער סומע האָט מען דאָך געקאָנט אַ גאַנץ הויז קויפן!" אָבער דאָך זאָגט ער גאָרנישט. מיט זעלבסטווירדע, גלייך עס לוינט זיך נישט דערי־בער אַ וואָרט צו פאַרלירן, גיט ער איבער דער פאַרקויפערין דעם אַדרעס פון דער דאַמע, צו וועלכער דער דאָקטאָר הייסט די אָנגעקליבענע זאַכן אַהיימשיקן, אויך דעם אַדרעס פון דער באַנק, וואו די רעכנונג זאָל אָפּגעשיקט־ווערן. אָבער די פאַר־קויפערין בעט טויזנט מאָל אַנטשולדיגונג—„זיי האָבן אַ באַפעל צוליב דעם זינקען פון דעם מאַרק, נאָר פאַר באַרעס געלט צו פאַרקויפן. זי מוז דעם געשעפטס־פירער רופן". דער שעף, מיט לאָקאַישער פאַרבויגונג, דערשיינט פון זיין ביוראָ־ווינקל, ער פאַרענטפערט זיך: „די דעליקאַטעסן מוזן אַממייסטן אין אויס־לאַנד געקויפט־ווערן, פאַר וואַליוטע, ווי צום ביישפּיל, די פּוטער אויס דענעמאַרק, די זיד־פרוכטן און די געטראַנקען, היינט די הויכע לוקסוס־שטייערן. און דאָך נאָך דער גאָלד־באַרעכענונג באַטרעפט נישט מער דער גאַנצער צעטל, ווי הונדערט און

פופציג מאַרק לויט דעם היינטיגן קורס.ליידער מוזן זיי איצט לויט דעם קורס פון גאָלד יעדן טאָג די פרייזן באַשטימען. אויך אין נאָרמאַלע צייטן האָט עס אַזוי פיל געקאָסט און נאָך טייערער״, — פאַרענטפערט זיך דער געשעפטס־פירער איבער דעם הויכן פרייז. „יאָ, יאָ, דאָס איז שוין אין אָרדנונג״, — זאָגט דער דאָקטאָר מיט אומגעדולדיגן ביטול־שמייכל. — „די אַלע זאַכן זענען נישט מער פאַר די דייטשן געמאַכט, נאָר פאַר אויסלענדער! דייטשן קאָנען זיך עס מער גאָרנישט דערלויבן. ער זאָל נאָר רואיג די זאַכן אָפּשיקן אויף דעם געגעבענעם אַדרעס און די רעכנונג אין דער באַנק״. „גייט עס ליידער נישט״, — זאָגט דער געשעפטס־פירער מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל. „ווי אַזוי?״ — פרעגט דער דאָקטאָר פאַרוואונדערט מיט אַן אָפן מויל. „פאַרשטייט זיך, עס איז נישט דאָ קיין פראַגע וועגן קרעדיט, נאָר צוליב דעם טאָג־טעגלעכן, אָפט נאָר שעה־דיגן פאַלן פון דעם מאַרק מוז די רעכנונג אויפן אָרט געדעקט־ווערן. וואָרים איידער די רעכנונג וועט צו דער באַנק אָנקומען, וועט דיזעלבע סומע, אין גאָלד באַרעכנט, שוין די העלפט־באַטרעפן...״ „אַך, דאָס מיינט איר?״ — זאָגט דער דאָקטאָר אויך פאַרלעגן איבער דער אויסערגעוויינלעכער לאַגע, אין וועל־כער ער געפינט זיך צום ערשטן מאָל. — „זאָל ער נאָר רואיג די זאַכן אויפן אַדרעס אָפּשיקן און די רעכנונג קאָן זאָפאָרט דערליידיקט־ווערן״.

„קאָן ער פון געשעפט אָנקלינגען?״ געוויס שטייט דער טעלעפאָן צו דינסט. גאָט צו דאַנקען, דער ברודער מאַקס איז אין ביוראָ פון דער באַנק. „וויפיל, זאָגסטו, באַטרעפט די סו־מע — איין און אַ האַלבן מיליאָן מאַרק?״ — וואונדערט זיך דער באַנקיר דיסקרעט אויף יענער זייט דראָט, און באַמיט זיך זיין דערשטוינען און פאַרדרוס נישט אַרויסצואווייזן, כדי עס זאָל דעם ברודער נישט אומאָנגענעם זיין. „איך האָב עפּעס איינגע־קויפט פאַר אַ ספּעציעלער געלעגנהייט״ — פאַרענטפערט זיך דער דאָקטאָר. „געוויס קאָן ער די סומע פאַרשאַפן. אין אַ שטונדע אַרום וועט זי זיין אין געשעפט!״ „וועט עס דיר שווער־זיין?״ „אום גאָטעס ווילן, נישט. מאַך דיר נאָר נישט קיין זאָרגן! קאָנסטו נישט אַריינקומען אין דער באַנק? ווען האָסטו

צייט? איך האָב עפּעס מיט דיר איבערצורעדן". — זאָגט דער ברודער מאַקס „געוויס, איך קום באַלד!"

אין געשעפט קאָן מען איין שעה צוואַרטן. און די זאַכן גייען זאָפאָרט אָפּ אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס. „ביי אַנדערע טוט מען דאָס נישט, אָבער פאַר אַן אַלטן קונדע..." און דער שעף עמפּפעלט זיך העפלעך און בעט אים צו באַערן מיט אויפטראָגן און ער איז תמיד באַרייט צו דינען. ער באַגלייט־אַרויס דעם דאָקטאָר מיט פאַרבויגונג און אונטערטעניגקייט.

---

דעם ברודער געפינט דער דאָקטאָר אַ מידן, אַן אָנגעשפּאַנטן, מיט שוואַרצע ראַנדן אונטער די אויגן און מיט אַ שלאַבריג קרענקלעך פּנים, זיצן הינטער דעם טיש פון געשעפטס־ביוראָ, פאַרקלערט. „מאַקס האָט זיך געעלטערט", טראַכט זיך דער דאָקטאָר און הויך פרעגט ער:

— איז דיר עפּעס?

— פאַרוואָס? — וואונדערט זיך מאַקס.

— ניין, כ'האָב נאָר געמיינט...

— כ'האָב דאָ געהאַט אַ גאַסט און באַקומען אַן אינטערעסאַנטן פאָרשלאָג, — זאָגט דער באַנקיר, — אפשר וועט דאָס דיך אינטערעסירן. דער יודקעוויטש איז געווען ביי מיר.

— אָך, דער אויסוואורף! און דו האָסט דעם שיבער נישט אַרויסגעשליידערט הינטער דער טיר? — וואונדערט זיך דער דאָקטאָר.

— דער איז נישט קיין איינפאַכער שיבער, דער יודקעוויטש. ער האָט עפּעס אין זיך. עפּעס, וואָס איך קאָן נישט פאַרשטיין — אַן אַמביציע, אַ שטרעבן... ער האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאָג: ער וויל אונזער פירמע אָפּקויפן! אייגנטלעך, ווען איך זאָל אויפריכטיג־זיין, איז אויסער דעם טיש דאָ און אונזער שילד — און וואָס נאָך? — אפשר אויך די פאָרטרעטן דאָ (באַווייזט מאַקס אויף די בילדער פון פאָטער און זיידע, וואָס הענגען אויף דער וואַנט פון זיין ביוראָ), איז נישטאָ וואָס מער צו פאַרקויפן. אַז די הייזער, אויף וועלכע מיר האָבן די היפּאָטעקן שטיין, האָט ער שוין די גרעסטע העלפט

אָפּגעקויפט. ער האָט געגוג היפּאָטעקן-אָבליגאַציעס פון אונזער אייגענער באַנק און פון פרעמדע בענק אויפגעקויפט, כדי דעם גאַנצן חוב פון זיינע היפּאָטעקן-חובות אָפּצומעקן. און דאָך האָט ער די אַמביציע נישט אַנדערש, נאָר אונזער פירמע צו באַזיצן און ער ביט-אָן דערפאַר אַ פּרייז, וואָס איז נישט אין היינטיגער צייט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. ער וויל, נעמלעך, נעמען אויף זיך די התחייבותן פון דער פירמע, אונז אַלע, מיטגלידער פון דער פירמע, אויסצוצאָלן אַ געוויסן מאַנאַטלעכן געהאַלט לויט דעם גאָלד-באַטרעף איבער דער צייט פון דער אינפלאַציע, און שפּעטער, פאַרשטייט זיך, אין גאָלד-מאַרקן. ער בעט אַפילו נאָך מיין מיטאַרבעטערשאַפט. איך האָב אים געפרעגט, צו וואָס ער באַדאַרף דאָס? ווייסטו, וואָס ער האָט מיר דערויף געענטפערט? — אַז אַזוי ווי איך האָב אים אַמאָלט געמאַכט די באַמערקונג, דאָס ער באַזיצט נישט קיין נאָמען, האָט ער די אַמביציע זיך איינצושאַפן אַן אַלטע, איינגעזעסע-נע, קאָנסערוואַטיווע פירמע, ווי אונזערע איז, מיט אַ גוטער רעפּוטאַציע און אַלטער טראַדיציע. טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט נישט קיין אייגענעם, וויל ער זיך קויפן אַ פרעמדן, אַ פאַרמלחמהדיגן נאָמען... נו, קאָנסטו דאָס אָנרופן בלויז „שי-בער"? געוויינלעכע אינפלאַציע-שפּעקולאַנטן וועלן נישט אַזוי-פיל געלט אַרויסוואַרפן פאַר אַ פירמע, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט מער, נאָר בלויז איר גוטן שם! ניין, דער מאַן האָט עפּעס אין זיך אַ נייגונג צו פוצן זיך אין פרעמדע פעדערן, צו רויבן פרעמד גוטס. איך הער, אַז ער האָט אויך זיין אייגן ווייב אָפּגעקויפט ביי אַן אַנדערן, איצט וויל ער אונזער פירמע קויפן... נו, וואָס זאָגסטו צו דעם פאָרשלאָג?

— ער איז נישט אומאינטערעסאַנט, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט פאַרקלערט. — לויט דער טרויעריגער זאַכלעכער לאַ-גע, ווי דו שילדערסט, אין וועלכער אונזער באַזיץ געפינט זיך, אַז מיר פאַרמאָגן נישט מער, אַ חוץ אונזער גוטן שם... נו, וואָס האָסטו אים דערויף געענטפערט?

— וועמען מיינסטו?

— דעם יודקעוויטש אויף זיין פּראָפּאָזיציע.

דער באַנקיר האָט אַ מינוט דאָס מויל אָפן געהאַלטן, כּדי לופט צו כאַפּן. דער דאָקטאָר האָט נישט באַמערקט, ווי ביי זיין ברודער האָבן זיך די שוואַרצע ראַנדן אַרום זיינע אויגן פאַרגרעסערט.

— אַך, אים מיינסטו דאָס? — זאָגט מאַקס אין אַ געוויסן פאַרפרעמדטן קאַלטן טאָן. — צום ערשט האָב איך אים ווירקלעך געוואָלט די טיר ווייזן, ווי ביז־איצט, מיט דעם אָנזאָג, אַז אונזער פירמע איז נישט קיין פרעמד ווייב, וואָס מען קאָן קויפן. איך האָב זיך אָבער איבערגעלייגט. נאָך אַלעם בין איך דאָך נישט דער איינציגער אינהאָבער פון דער פירמע... און איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל מיט די אַנדערע מיטבאַטייליגטע איבעררעדן און אים לאָזן וויסן דעם ענטפער אויף זיין פאָרשלאָג. נו, אַלזאָ, וואָס דענקסטו?

— האַלט עס ווירקלעך אַזוי שלעכט מיט אונזער באַזיץ, מאַקס?

— ליידער מוז איך דיר דאָס זאָגן: ווען מיר זאָלן אַלע אונזערע אָבליגאַציעס פאַרקויפן לויט דעם קורס פון היינטיגן טאָג אין פּאַפּיר־מאַרקן און איינקאַסירן די סומען, וואָס די נייע באַלעבאַטים פון די אויפגעקויפטע הייזער וועלן אונז באַצאָלן פאַר די פעליגע און נאָך נישט פעליגע היפּאָטעקן, וואָס איך האָב אויף די הייזער שטיין, וואָלטן מיר וואָרשיינלעך נאָך געקאָנט אַ פּאָר גוטע חדשים לעבן אין באַקוועמלעכקייט, ווען — דער מאַרק זאָל זיך האַלטן ביים היינטיגן קורס. אָבער ביי דעם טעמפּאָ, מיט וועלכן דער מאַרק פאַלט, עס זאָל אַזוי ווייטער אָנהאַלטן, קאָן אויסקומען, אַז שוין אין נעכסטן חודש אָדער נאָך פריער זאָלן מיר זיך געפינען אָן יעדן מיטל צו עקזיסטירן. אונזער געלט וועט זיין ווערטלאָז...

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרקלערט. זיין הויכער שיינער שטערן האָט זיך געקנייטשט, זיינע אויגן זענען אַרונטערגעקראָכן אונטער די שטאַרקע אויסגעבויגענע ברעמען, זיין לאַנגע אָדלער־נאָז איז נאָך שפּיציגער־געוואָרן און זיין גאַנץ פּנים, אויף וועלכן ער האָט זיך איינגערעדט, אַז עס טראָגט דעם רוימישן אויסגעהאַמערטן מענלעכן שניט, איז געוואָרן פאַרוויכט און יידישלעך פאַרקנייטשט.

— האָסטו דען נישט אַמאָל געזאָגט, אַז אונזער גע־שעפט באַדאַרף האָבן פריש בלוט!

— יאָ, דאָס האָב איך געזאָגט, — איז זיך מודה מאַקס.

— נו, אַלזאָ?

— איך האָב געמיינט, כ'ווייס — די פירמע אין פרעמדע הענט, אָן יעדער קאָנטראָל, דער גוטער שם!...

— אַך, דער גוטער שם... דאָס איז געווען אַמאָל! מיר האָבן דורך דער צייט פיל מער פאַרלוירן. מיר האָבן פאַרלוירן דייטשלאַנד!... — זאָגט דער דאָקטאָר.

דער באַנקיר האָט זיך פאַרטראַכט.

— אפשר האָסטו רעכט, איך וועל עס זיך איבערלייגן.

— פאַרשטייט זיך, מען דאַרף זיך גוט באַוואָרענען. נו, דאָס גלויב איך, קאָנען אונז אונזערע אַדוואָקאַטן פאַרזיכערן.

— געוויס.

— איז דיר זייער שווער-געהוען די סומע היינט פאַר מיר צו באַקומען? איך האָב היינט זי באַדאַרפט האָבן פאַר אַ ספּעציעלער געלעגנהייט, — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט דעם ברודער ביים אַוועקגיין.

— אַך, דאָס מיינסטו? ניין, מאַך דיר נישט קיין זאָרגן. די רעכנונג אין פּרוכטן-געשעפט איז שוין דערלידיקט.

קאַפּיטל 13

## הדי אַ זעלכער אויף דער וואַך

ווען מאַקס איז אַליין איבערגעבליבן אין זיין קאַבינעט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וואו די בילדער פון זיינע עלטערן, רודאָלף באַדענהיימער, ווי אויך זיין זיידע, ר׳ שמואל-לייב באַדענהיימער, די גרינדער פון דער פירמע, זענען געהאָנגען. דער זיידע האָט אויפן בילד, וואָס האָט געשטאַמט פון דער ראָמאַנטישער צייט פון מיטן פון פאָריגן יאָרהונדערט, נאָך געטראָגן דאָס יידענע קאַפּעלע אויף זיין קאָפּ, און אַ ווייסע בכבודיגע באָרד האָט זיין ברוסט פאַרדעקט. זיין פנים האָט מיט אַ יידיש וויטאָגדיג שמייכעלע מחילה-געבעטן פאַר זיין קליין ווייניגעס. ער איז געזעסן ביי אַ שבת-געדעקט טישל, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ געשעפטס-בוך און אַ טינט-און-פעדער און איז געווען פאַרטיפט אין חשבונות. דאַגעגן, מאַקס׳ פאָטער איז שוין געווען אָנגעטון מאָדערן, זיין גאָמבע האָט זיך געשניטן אין אַ קראַגן, געקליידט אין אַ פראַק-אַרטיגן אויסגעשניטענעם ראָק, איז ער געשטאַנען זיכער און פעסט, איין האַנט אין קעשענע, מיט דער צווייטער ווייזט ער אָן אויף דעם פּלאַן פון אַ נייעם שטאָט-טייל, וואָס איז געווען אויסגעמאָלט אויפן בילד. זיין פאָטער איז אַזוי זיכער געשטאַנען אויף דעם בילד, אַז עס האָט זיך געדאַכט, קיין שום ווינט קאָן אים נישט אַוועקטראָגן, אַז ער שטייט דאָ אויף אַלע אייביגקייטן. נאָר, מערקווירדיג-

נישט פאַר דעם שטאָלצן פאָטער האָט ער, מאַקס, זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם צושטאַנד פון דער פירמע, נאָר די גאַנצע אחריות פאַר דעם געשעענעם, די גאַנצע שולד האָט ער געפילט געגן דעם אַלטן מאַן מיט די כשרע, שרעקנדיגע אויגן און געקנייטשטן פּנים. פאַר אים, פאַר דעם ערשטן גרינדער פון דער פירמע, האָט ער זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך. פאַר אים האָט ער זיך געוואָלט פאַרענטפערן. ער האָט זיך ווי פאַרבויגן פאַר דעם אַלטן ר׳ שמואל־לייב באָדענהיימער אויפן פאָרטרעט און געמורמלט: „זייט מוחל, איך קאָן נישט העלפן. עס איז נישט מיין שולד״...

איז עס ווירקלעך נישט זיין שולד?

ער האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט אויף זיין שטול ביים טיש און געלאָזט פאַר זיין בליק אַדורכגיין זיין גאַנצע באַנקירישע קאַריערע. ער האָט נישט אָנצואווייזן אויף קיין שום נייער אונטערנעמונג, וואָס ער האָט אַדורכגעפירט, וועלכע זאָל האָבן די פירמע געהויבן! ער האָט זיך נאָר באַטראַכט פאַר אַ שומר פון דעם אָנפאַרטרויטן גוטס. און אַלס שומר האָט ער געטון אַלץ, וואָס איז געווען אין זיינע כוחות, דעם גוטן נאָמען אָפּצוהיטן. ער האָט זיך אויסגעהיטן פון יעדן ריזיקאַלישן שריט, ער האָט זיך נישט געלאָזט מיטרייסן מיטן אימפעט פון דער צייט. ער האָט בעסער געוואָלט דאָס געשעפט באַשרענקען, איידער פאַרשאַפן עס אַ שלעכטן שם. „דער וויכטיגסטער קאַפּיטאַל פון אונזער פירמע איז איר גוטער שם״, האָט דער פאָטער איבערגעלאָזט אין דער צוואה. און דעם גוטן שם פון דער פירמע, דעם צוטרויען פון די קליענטן אָפּצוהיטן—דאָס האָט ער זיך געשטעלט אַלס זיין אויפגאַבע, ווען ער האָט איבערגענומען דאָס געשעפט נאָך זיין פאָטער. אין דער הינזיכט האָט ער זיין אויפגאַבע דערפילט. ער האָט געהאַלטן די פירמע אין די ראַמען, אין וועלכע זיין פאָטער האָט זי אַריינגעבראַכט. ער איז נישט שולדיג, וואָס אַ מבול איז אַדורכגעגאַנגען איבער דייטשלאַנד און האָט אים אַראָפּגעשוואָנקען, קיינער האָט עס נישט געקאָנט פאָראויסזען.

אָבער דאָך איז ער אַ סאָלדאַט, וואָס האָט זיך געלאָזט די ביקס פון האַנט אַרויסנעמען און געלאָזט זיך אָוועקטרייבן פון

דעם פּאָסטן, אויף וועלכן מען האָט אים אַוועקגעשטעלט.

נאָר נישט דאָס זענען געווען די געדאַנקען, מיט וועלכע ער האָט זיך איצט אַממייסטן באַשעפטיגט, ווי שרעקלעך זיי זענען נישט געווען און וועלכע האָבן אים דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס צוגענומען. עס איז געווען נאָך עפּעס אַנדערש, פון וועלכן מאַקס באָדענהיימער האָט מורא-געהאַט זיך אַ דין-וחשבון אָפּצוגעבן. די געדאַנקען וועגן געשעפט, מיט וועלכע ער האָט זיך איצט אַזוי עקשנותדיג אָפּגעגעבן, זענען נאָר אַ מין אויסבאַהאַלטן זיך פון עפּעס נאָך ערגערס. ער איז נישט געווען גליקלעך, מאַקס באָדענהיימער, אין זיין פאַמיליע-לעבן, זינט דער זון האָט פאַרלאָזט זיין הויז. אויבנאויפיג האָט אַלץ אָנגעהאַלטן ווי פריער. ער האָט זיך געמיט, פונקט ווי אין דער באַציאונג צו זיינע ברידער אין געשעפט, מיט קיין איין וואָרט, מיט קיין איין באַמערקונג נישט צו צעשטערן זיין שלום-בית, אין וועלכן ער האָט זיך געשיצט ווי אין אַ פעסטונג אין דער שלעכטער צייט... די שוץ איז אים אויך פון קאָפּ אַרונטערגעריסן-געוואָרן. ער קאָן זיך נישט העלפן — דער זון איז געווען דער גרונט-שטיין, אויף וועלכן זיין פאַמיליע-גליק האָט גערוט. ער האָט עס נישט געוואוסט ביז-איצט. איצט, זינט דער זון איז אַוועק, זעט ער ערשט איין, וואָס דאָס יינגל האָט פאַר אים באַדייט. פאַר אים, אָבער נישט פאַר זיין פרוי... פאַר איר, פאַר ליזעל-רות, איז גענוג-געווען איר אייגן לעבן. זי האָט זיך אין קיינעם נישט גענויטיגט. זי טראָגט דעם צוועק פון לעבן אין זיך אַליין. דאָס גליק פון לעבן באַשטייט ביי איר פון לעבן אַליין. איר שלימותדיגקייט האָט זי אויס-געפּולט אינגאַנצן און זי האָט אין איר זון זיך נישט גענויטיגט. אָבער ביי אים האָט דאָס פאַמיליע-לעבן אָן דעם זון אויסגעקוקט ווי אָן אַ ציל. יעדע צערטלעכקייט איז אים איצט אין האַרצן איבעררדריסיג-געווען. און ווען ער האָט באַמערקט זיין ווייבס קאַלטבלוטיגע עקשנותדיגקייט, דאָס וואָס ער האָט תמיד אַזוי נערימט אין איר (איר אויסגעהאַלטענעם, אויסגעהאַמערטן אַרישן כאַראַקטער), האָט אים אין דעם פאַל, ווען עס האָט זיך גע-האַנדלט וועגן זיין אייגן בלוט-און-פלייש, וועגן זייער איינציג קינד, וועלכן זי האָט מער קיינמאָל נישט דערמאָנט מיט קיין

וואָרט, האָט עס אין אים אַרויסגערופן אַ פּאַרפּרעמדקייט צו איר. ער האָט זיך איצט געשראָקן פאַר איר „אויסגעהאַלטענעם און אויסגעהאַמערטן כאַראַקטער”. עס האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויסצוגראָבן טיפע אָפּגרונטן צווישן מאַן-און-ווייב, וועלכע מען האָט געפּרואווט צו פאַרוועבן, צו פאַרשטעלן מיט די רוטינירטע צוגעוואוינטקייטן פון איינעם צום אַנדערן, מיט דעם איבערפלעכלעכן האַרמאָנישן לעבן, וואָס האָט געהערשט צווישן זיי. אָבער די גרענעצן האָבן זיך ווי שטעכיגע דראָטן געשטעלט צווישן זיי. ווען ער איז געוועזן איינער אַליין מיט זיך, מאַקס באַדענהיימער, און נאָכגעקלערט איבער זיין לעבן, האָט ער זיך אַליין געפרעגט: „צי קען איך זי, די רות-לייזעל, וועלכע איז אַדורכגעגאַנגען דאָס לעבן נעבן מיר?” ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק... וואָרים ער האָט זיך גענויטיגט איצט אין איר; ער האָט קיינעם מער נישט געהאַט אין זיין לעבן ווי נאָר זי, זיין ליבע, זיין פאַמיליע-גליק, וואָס ער האָט אַזוי געפלעגט. קיינעם נישט. דער ברודער, אויף וועלכן ער איז שטאָלץ-געוועזן, וועלכן ער האָט גערופן צוהילף אין דעם געפערלעכסטן מאָמענט, ווען די פירמע „באַדענהיימער” גייט-אונטער, גערופן צוהילף, ווען ער טרינקט זיך, אַז ער זאָל אים שטאַרקן מיט זיין קרעפטיג וואָרט, אויסצוהאַלטן אויף זיין פּאָסטן, נישט צו לאָזן די פירמע — די ירושה פון זייערע עלטערן, דאָס אָנפאַרטרויטע גוטס — אַוועקשווענקען מיטן מבול פון דער צייט, זי לאָזן אַריינפאַלן אין אומפאַראַנטוואָרטלעכע הענט; ער, וועלכן ער האָט גערופן אין מיטן בלוטיגן קאַמף, ווען ער שטייט מיט נעגל-און-ציין צו פאַרטיידיגן די עלטערנס נאָמען, האָט אַזוי לייכט, אָן יעדן סקרופּול אויפגעגעבן. „מיר האָבן גרעסערס פאַרלוירן — דייטשלאַנד!” וואָס גייט אים דייטשלאַנד אָן? זעט ער דען נישט, וואָס עס שטייט אין קאָן? — זייער פאַמיליע-נאָמען! דער נאָמען פון זייער זיידע און פאָטער, וואָס אַ שיבער, אַ סקרופּעללאָזער אינפלאַציע-געווינלער, אַן אַהערגעלאָפענער געוויסנלאָזער מענטש וועט איצט דערמיט אָנפירן, כדי אָפּצוגנאַרן די קונדן, וועלכע האָבן צו דער פירמע צוטרויען דורך דריי דורות געהאַט. צי זעט ער דען נישט איין, אַז אַ פירמע איז אַ לעבעדיגע זאַך, מער — עס

איז אַן ערן־זאַך, עס איז ווי אַ פֿאַמיליע־ענין. פֿאַר זיין באַקוועמלעכקייט האָט ער עס אַזוי לייכט אויפגעגעבן!... כדי זיין ברודערס היינטיגע רעכנונג צו דעקן, האָט ער, מאַקס, געדאַרפט אָפּמעקן אַ חוב פון אַ פערטל מיליאָן פאַרמלחמה־מאַרק, וואָס ער האָט געהאַט אויף אַ הויז שטיין... ביי אים אַליין אינדערהיים איז שוין קיין שטיקל פלייש זינט וואָכן נישט אַריינגעקומען. מען לעבט פון דעם, וואָס ער פאַרקויפט־אויס די זאַכן פון שטוב, נאָר כדי נישט געצווינגען צו זיין אָנצונעמען די היפּאָטעקן־סומען, מיט וואָס די הייזער־אויפקויפער ווילן אָפּצאָלן די חובות. און דאָ מיטאַמאָל — אָנדערטהאַלבן מיליאָן מאַרק! ניין, פון דער זייט, מצד זיין פאַמיליע האָט ער אויף קיין הילף נישט צו וואַרטן. ניין, זיי וועלן עס נישט פאַרשטיין. זיין ברודער היינריך איז אַזוי פאַרוועבט אין שפּינוועבס פון זיין אייגנליבע, אַז ער זעט קיינעם נישט נעבן זיך (ערשט איצט האָט עס מיטאַמאָל מאַקס איינגעזען). די איינציגע, וואָס וועט אים פאַרשטיין, וואָס וועט אים שטאַרקן, אַז ער זאָל אויף זיין פּאָסטן אויסהאַלטן, איז דאָך ליזע, זיין ווייב, זיין יאָרן־לאַנגע פעסטונג, זיין אייגן לעבן, וואָס ער האָט זיך געשאַפן, ליזעל מאַרטינס. זי מיט איר געהאַרטעוועטן כאַראַקטער; זי, וואָס קאָן מיט זעלבסטמערדערישער פאַרניכטונג אויסהאַלטן, אויסרייסן דאָס אייגענע לעבעדיגע פלייש פון לייב און טויט עס פאַרשווייגן; זי, וואָס טראָגט אַן אייזערנע מאַסקע אויף איר אין שמייכל און גוטקייט פאַרגליווערט פנים, און קיינער ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך ביי איר — זי וועט אים פאַרשטיין, זי וועט אים העלפן אין דעם אומגלייכן קאַמף, אין וועלכן ער איז אַריינגעטריבן־געוואָרן דורך די געשעענישן. זי וועט אים דערלאַנגען די האַנט צו האַלטן זיך איבער דעם מבול, וואָס פלייצט איבער זיין קאָפּ, און ער זאָל קאָנען דערפילן זיין פליכט צו שטיין אויף זיין פּאָסטן און אָפּהיטן דעם פאַמיליע־נאָמען...

אָבער שוין ביים ערשטן אָנבליק פון זיין פרוי ביי זייער געמיינזאַמען עסן, אויף דעם מיט בלעטער־און־בלומען באַדעקטן קליינעם גרינעם באַלקאָן, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך פאַרלויפיג פון זיין ווייב צו פאַרשווייגן וועגן דעם פאַרשלאָג,

וואָס יודקעוויטש האָט אים געמאַכט און אויף וואָס זיין ברודער היינריך איז אַזוי לייכט איינגעגאַנגען... עס איז אין איר גאָר־נישט געווען אַזעלכעס, וואָס זאָל אים באַרעכטיגן צו זיין באַשלוס. זי איז געווען די פליכט־באַוואוסטזיניגקייט אַליין, ליזעל מאַרטינס, וועלכע ער קען שוין אַ האַלב לעבן און איז מיט איר אויך אַזוי לאַנג שוין פאַרבונדן, דיזעלבע גרויע מיידלישע אויגן, וועלכע קוקן־אַרויס אַזוי פריי, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאַטירלעך פון די רונדיגע אויגן־לעכער, וואָס זענען אַזוי פיין מיט אַ קאַליגראַפישער גראַדליניגקייט געצייכנט, קיין איין שאָטנדל באַדעקט די אויגן נישט. זי קוקט אויף אים פאַר־וואונדערט אַביסל איבער זיין פאַרטראַכטקייט און אומרואיגקייט. פאַרשנדיג, ווי עס דאַכט זיך איר מאַן אויס, ווי זי וואָלט געוואָלט געוואָר־ווערן פון דעם, וואָס עס קומט אין אים פאָר. אָבער זי רעדט וועגן גאַנץ אומאינטערעסאַנטע נעבן־זאַכן, וועגן קלייניגקייטן: וועגן דעם, וואָס די אַלעאַנדערס, וועלכע זי האָט אַרויסגעשטעלט אין גאָרטן, הייבן שוין אָן צו בליען, אַז זי האָט אָנשטאָט די ציגערערע אין איר גאָרטן גאָר פאַר־זייעט קאַרטאָפליעס, מען קאָן זיך היינט אָן בלומען באַגיין... און וועגן דעם, אַז זיי זענען שוין לאַנג נישט געווען ביי זיך אין קליינעם הייזל, וואָס זיי האָבן ביי פּאָטסדאַם. ווער ווייסט, וואָס איר רויזן־גאָרטן מאַכט? אַז מען וואָלט באַדאַרפט מיט געוואַלט נעמען און אַרויספאָרן...

פון דער צווייפלהאַפטער „פוטער", וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, כאָטש זי האָט געהאַט אָן אויסזעען, וואָס מען האָט נישט געקאָנט וויסן, פון וואָס פאַר אַ קוועלן זי שטאַמט, פון דעם אויפשניט, און אַפילו פון די פריע טרוסקאַווקעס, באַגאָסן מיט אַזאַ מין קרעם אויס וואַסערדיגער זויערמילך, וואָס דער אַלטער דינער האָט סערווירט, דערקענט ער, אַז זי מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג צו באַהאַלטן פאַר אים די שוועריג־קייטן, וואָס זי האָט, כדי צו געבן איר טיש אַן אָנזעען פון אָנשטענדיגקייט און אַלטער געוואוינהייט. זי רעדט מיט אים וועגן די אַלע באַגאַטעלן, קלייניגקייטן אָן אינטערעס, כדי אים נאָר צו שוינען, זיין געדאַנק אָפּצולענקען פון דער שרעק־לעכער צייט. ער ווייסט, אַז אויסער דעם אַלטן דינער, האָבן

זיי די דינסטן פארלאזט אדער זי האט זיי אליין אוועקגעשיקט. זי באהאלט עס אויס פון אים. אלץ, כדי אים צו שוינען... מיטאמאל פאלט אים איין, אז אייגנטלעך האבן זיי גארנישט געטון זייער גאנץ לעבן לאנג, נאר געשוינט איינער דעם צווייטן. ביי דער גאנצער נאענטקייט און פריינדשאפט, וואס איז צווישן זיי, איז דורך דעם „שוינען" אויפגעשטעלט-געווארן א גרענעץ צווישן זיי. ווי אזוי קאן ער איר פארטרויען דאס, וואס דריקט אים, אז זי באהאלט פאר אים אויס אירע אייגענע זארגן?... עס וואלט אייגנטלעך גלייכער-געווען, ווען זיי וואלטן זיך נישט „געשוינט", נאר וואלטן זיך געווען אראפגערעדט פון די הערצער און אויסגעגאסן איינער פארן אנדערן דאס וואס דריקט זיי, ווען א שטורעם גייט-אדורך איבער זיי...

נאכן עסן זיצן זיי אויפן באלקאן, קוקן-אראפ אויף די אפגעבליטע בעז-ביימער אין זייער הויף, ווי זיי טוען עס יעדן פארנאכט. עס איז נאך געגוג ליכטיג צו לייענען א צייטונג, פארשטעלט ער זיין פנים מיט דעם אוונט-בלאט, כדי צו קאנען פריי, אומבאאבאכטעט איבערלייגן זיך, ווי אזוי מיט איר צו פארקניפן דאס געשפרעך, איר צו פארטרויען דעם אמתן צושטאנד פון זיין לאגע. זי, ווי איר געוואוינהייט איז, נישט איין מינוט רואיג צו זיצן, פארצירעוועט אלטע זאקן, נייט, שטריקט, העפט-אויס. זי מוז דאך וויסן, זי האט געמעגט וויסן, וואס עס קלעמט אים, אז ער האט איר עפעס צו זאגן. און בצוויס פילט זי און ווייסט, דאך העלפט זי אים נישט ארויס מיט קיין ווארט, מיט קיין מינע, אז ער זאל פאר איר זיין הארץ עפענען. אזוי ווי זי וואלט נישט געוואלט אריבערטרעטן די גרענעץ, וואס איז צווישן זיי, ארויסגיין פון איר פערזענלעכן „איך" און אריינרייסן זיך אין אים, האט זי געווארט, אז ער זאל אנהייבן. איר פנים האט זיך נישט געענדערט. דאס אייגענע, ווי אויס איידעלן מעטאל אדער אויס א ווייסן דעליקאטן אלבאסטער-שטיין אויסגעהאמערטע, מיט די דעליקאטע לענגלעך-געצויגענע אבער שטייף-געהאלטענע שטריכן פון איר קאליגראפיש-געצייכנט, פון דינער הויט איבערגעצויגענעם פנים, דער ווייבלעכער ווייכער קנייטש ארום איר קליינעם מויל. ווי ער באטראכט זי אזוי אין געהיים דורך זיין צייטונג, ווי זי

בייגט דעם קאָפּ אַראָפּ איבער איר אַרבעט און ער זעט דעם גלאַטיגן שייטל־רונד, איבער וועלכן עס הייבט זיך שוין אָן צו באַווייזן די ווייסקייט פון אירע האָר, דערזעט ער דעם טונקעלן שאָטן, וואָס איר קאָפּ וואַרפט און מאָלט מיט אַ שטריך איר מיידלישן שטייפן, הויכן האַלז. זי קומט אים פאָר, ווי דער קאָפּ וואָלט נישט אויס פלייש־און־בלוט, אויס הויט־און־ביין אויסגעקנעטן־געווען. נישט קיין הויט באַציט דעם מענטשלעכן שאַרבן, וואָס איז אָנגעפּולט מיט אָדערן, בלוט, הויט־קעמערלעך, נערוון־קניפּלעך, וועלכע קאָנען זיך אויפטרייסלען, צעפּאַלן, צערייסן, איז מענטשלעך שוואַך און אונטערגעוואָרפן אונטער טויזנטער געפאַרן און באַשטייט נאָר אויף דעם חסד פון גאָט — ניין, נאָר דער קאָפּ איז אויסגעהאַמערט אויס דעם איידלסטן אַלבאַסטער־שטיין. אָבער דאָך נאָר שטיין...

און מיטאַמאָל ווערט אים קלאָר, אַז דאָס וואָס זיצט נעבן אים איז נישט קיין באַשעפעניש, וואָס באַשטייט פון ווערן און פאַרגיין, פון אומרואיגע מאָמענטן, פון אַ כּסדרדיגן טוישן און ענדערן, נאָר עס באַשטייט פון „זיין". ווי זי אַליין איז, אַזוי פּאַסט זי אויף דעם גאַנצן אַרום אין אָפּגעפּאַסטע, אָפּגעפּאַרטיגטע זאַכן און באַשטאַנדן... פאַר איר איז איר מאַן, מאַקס באַדענהיימער, דער שעף פון דער פירמע „באַדענהיימערישע אַנשטאַלט", דער טרעגער פון אייזערנעם קרייץ ערשטע קלאַס, דער ספּאָרטסמאַן און קאַוואַליער. ווי אַזוי קאָן ער זיך אַרויסווייזן פאַר איר אין אַן אַנדערער ווערט, אין אַן אַנדערן באַשטאַנד ? ווי אַזוי קאָן ער פאַרטרויען זיך פאַר איר, אַז אפשר שוין פון מאָרגן־אָן איז ער נישט מער דער יורש און דער שעף פון דער באַדענהיימערישער אַנשטאַלט, אַז ער איז אויף געהאַלט ביי דעם אָסט־יודע און יענער פירט די פירמע־אָן ? זי וועט עס נישט באַגרייפן ! ער וועט זיך נישט קאָנען אַריינפּאַסן אין איר אויפנאַם־אָרגאַן, ער מוז אַרויספאַלן פון דער ראַם, ווי זי האָט אים איר גאַנץ לעבן־לאַנג שטיין־געהאַט. פאַר איר קאָן ער קיין איין טאָג, קיין איין שעה, קיין איין מינוט נישט זיין קיין אַנדערער, ווי נאָר דער, וועלכן זי האָט געקענט דאָס גאַנצע לעבן — מאַקס באַדענהיימער, דער שעף פון דער באַדענהיימערישער פירמע, קיין אַנדערער

נישט, ווי נאָר דער אָפּגעצוימטער געגנשטאַנד אין איר ביל-דער-רייך, קיין אַנדערן וועט זי נישט קאָנען פאַרנעמען...

— די אָוונטן זענען נאָך אַזוי קיל, — האָט זי זיך אָנ-גערופן ווי פאַר זיך אַליין.

— זאָל איך עפּעס אַרויסברענגען איינצוהילן דיך? — האָט ער געפרעגט אויס געוואוינטער העפלעכקייט און איז עס בעגאַנגען טון.

— פעליקס קאָן עס טון! — האָט זי אים אָפּגעענטפערט. — דו בלייב דאָך בעסער אויף דיין אָרט, מוזסט מיד-זיין.

— ניין, איך וויל זיך אַביסל באַוועגן, — זאָגט ער.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין גרויסן עסצימער, האָט ער געטראָפן, ווי תּמיד אין דער צייט, זיין אַלטע מוטער זיצן ביים פענסטער און אַרויסקוקן אין גאָרטן אַריין.

— אָך, מאַקס! — זאָגט זי, ווי האַלב צעשראָקן פון אירע געדאַנקען. די אַלטע דאַמע האָט איר לאַנגן שקעלעטן-קאָפּ, איינגעהילט שוין איצט אין אַ געלער פּאַרמעט-הויט, ווי פון אַ טונקעלן שלייער אַרויסגענומען, וואָס איז ווי אַן אומ-געזעענער איבער איר פּנים געהאָנגען.

— איך וויל מיך נאָר נאָכפרעגן אויף דיין געזונט, מוטער!

— כ׳דאַנק דיר, מאַקס!

— און וועגן די קאַרטאָפל מאַך דיר נישט קיין זאָרגן, איך הער, זיי זאָלן ביליגער-ווערן! — זאָגט ער צו דער מו-טער אין שפּאַס.

— ווי אַזוי? פעליקס זאָגט דאָך, אַז זיי זענען טייערער-געוואָרן אויף צוויי מאַרק פּופציג! (מען האָט לעצטנס פון דער אַלטער אויסבאַהאַלטן דעם ריכטיגן צושטאַנד פון דעם מאַרק).

— יאָ, דאָס איז נאָר פאַר די רייכע, — שמייכלט ער — אָבער פאַר די אָרימע...

ער האָט אָנגענומען איר האַנט. זי איז באַשטאַנען אינ-גאַנצן פון אַ בינטל מיט אָנגעשוואָלענע בלויע אָדערן, איבער וועלכע אַ הויט איז שלאַבריג אַראָפּגעהאָנגען.

— איך גלויב, אַז אין שטוב איז נאָך קעלטער ווי אין

דרויסן. — ער האָט די מוטער געקושט אין דער האַנט אַריין אויף גוטע-נאַכט און איז געגאַנגען אין שלאָפצימער ברענגען אַ שאָל זיין ווייב איינצוהילן.

אויפן וועג איז אים אַ מאָדנער געדאַנק אויפן זין געקו-מען. ער האָט געקלערט וועגן דעם: פאַרוואָס האָט דאָס באַ-שעפעניש נישט קיין מוטער, אַז זי זאָל עס געבוירן אין טויט אַריין, פונקט ווי דאָס באַשעפעניש האָט אַ מוטער ביים גע-בוירן-ווערן אין לעבן אַריין?... ווי גרויזאַם די נאַטור איז! זי גיט דיר די מוטערלעכע שוץ און צערטלעכקייט ביים גע-בוירן און לאָזט דיך איינזאַם און קאַלט שטאַרבן...

און אפשר — ווער ווייסט? אפשר וואַרט די מוטער פון טויט אויף יענער זייט, האָט ער געטראַכט, די גלויביגע גלויבן אין דעם. אַ שאַד, וואָס ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם פריער...

ער האָט אויסגעזוכט דעם ווייכן פוקסענעם קראַגן און אַרויסגעטראָגן אים אויפן באַלקאָן. די פאַרנאַכטלעכע שאָטנס האָבן זיך שוין געדיכט געוועבט איבער די אָפגעבליטע בעז-ביימער.

ער האָט דעם קראַגן מיט דער צערטלעכסטער באַוועגונג אַרומגעהילט זיין ווייבס ציטערנדיגע אַקסלען. ער איז געשטאַנען איבער איר, געקושט זי אויפן שייטל, וואו עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו גרויען.

— גוטע נאַכט, טייערע. איך האָב נאָך עפּעס צו אַרבעטן אין מיין קאַבינעט.

— אַזוי שפּעט?

— די צייט קאָן נישט אין אָרדנונג זיין... מיר מוזן יעדנפאַלס! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס ער האָט איר שוין צוגעוואָרפן פונדערווייטנס.

ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין קאַבינעט. ער האָט געהאַט בדעה איר נאָך אַ בריוו איבערצולאָזן. ער האָט זיך ביים ערשטן וואָרט אָפּגעשטעלט, געטראַכט וועגן דעם, אַז אַלעס נויטיגע האָט ער שוין אין דער צוואה פון לאַנג באַ-וואָרגט.

ער האָט נאָר אויפגעשריבן: „קיינעם נישט צו באַשולדיגן!“

און ער האָט אַרויסגענומען זיין קריגס־רעוואָלווער, דעם, וועלכן ער האָט פון אַ געפאַלענעם פראַנצויזישן אָפיציר אָפּגענומען און וועלכער איז געלעגן צוזאַמען מיט זיין אייזערנעם קרייץ — ערשטע קלאַס – אין דעם שופלאָד פון שרייב־טיש...

## קאַפּיטל 14

# דער נאָרדישער „פלעזיר"...

מען קאָן נישט זאָגן, אַז ד"ר היינריך באָדענהיימער איז אויפגענומען-געוואָרן מיט ברייטע אָרעמס ביים דערשיינען אין דער טיר פון דער וואוינונג פון זיין נאָרדישער געליבטער, פריילין גערטרוד פאָן זאָנענשטיך. זיין דורשטיגער געברויך נאָך נאָרדיש-אַרישער אַטמאָספערע האָט זיך תיכף געזעטיגט, ווען עס איז אים אַנטגעגנגעקומען צו שפּרינגען מיט אַ ווילדער רציחה אַ גאַנצע כאַליאַסטרע הינט פון די אינערלעכע שטובן אַרויס, מיט דעם גרויסן בולדאָג „מאָרד-שלאַג" אין דער שפּיץ. אַ געביל און אַ געברום האָט אים פאַרטויבט, פּיסקעס און ציינער זענען אים גרייט איינצושלינגען אַ לעבעדיגן.

ער האָט נישט קיין מזל, דער ד"ר באָדענהיימער, צו די הינטלעך פון זיין געליבטער. וויפיל ער באַמיט זיך נישט מיט זיי גוטע פריינט צו זיין, ספּעציעל צו די קליינע מיט חזיר-נעזלעך און מאַלפּע-שווענצלעך, וויפיל ער קאָרמעט זיי נישט מיט צוקער און אַנדערע זיסקייטן, העלפט עס גאָרנישט. קוים דערשמעקן זיי זיין גערוך, ווערט אַזאַ ווילדער געשריי צווישן זיי און זיי וואַרפן זיך אויף אים מיט אַזאַ געבייזער און געפילדער, אַז עס איז זיי גאָרנישט איינצונעמען. נאָר מיט די קליינע איז נאָך אַדורכצוקומען, פאַר וועמען עס איז זיך אָבער דאָ צו שרעקן, איז עס פאַר דעם גרויסן, ברוינעם און שטאַרקן „מאָרד-שלאַג". מען קאָן נישט זאָגן, אַז ד"ר באָדענ-

היימער האָט זיך געשראָקן פאַר אים, מען קאָן אָבער אויך נישט זאָגן, אַז עס איז אים געווען אָנגענעם צו זען געגן זיך אויסגעשטרעקט דעם אָפענעם פיסק מיט זיינע געשליפענע ציין, וועלכן די דאַמע פון זיין האַרץ האָט מיט אַלע קרעפטן צוריקגעהאַלטן אויפן פאַסיק, אַז ער זאָל זיך נישט וואַרפן אויף אים... וויפיל דער דאָקטאָר האָט זיך נישט געמיט אָנצוהאַלטן זיין גלייכגעוויכט, זיין ווירדיגע האַלטונג, און דער עיקר — צו היטן זיך, נישט אַרויסצובאַווייזן קיין חשד פון אימה, האָט דאָך דער הינטישער גערודער אַרויסגערופן אַ צעמישונג, אַזוי צו זאָגן, אַ נערוועזע באַגריסונג, וואָס זעט זיך אויס, עס איז טאַקע געווען צום האַרץ פון דער דאַמע... וואָרים זי האָט זיך שטענדיג אַמוזירט דערביי. עס איז גאָרנישט אָנגענעם-געווען באַוואַכט צו ווערן די גאַנצע צייט, ווען ער האָט זיך געפונען מיט זיין דאַמע ביחידות אין איר שלאָפצימער, פון אַ פּאָר שפּיציגע, שאַרפע אויגן, און דער עיקר, פון אַן אָפן העשענדיגן פיסק, מיט אַ פאַרגאַווערטער צונג און שאַרפע ציין... ער איז נאָר צוריקגעהאַלטן-געוואָרן דורך דעם אָנגעשריי פון זיין האַרינטע. ביי יעדער קלענסטער צערטלעכקייט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געוואָלט אַרויסווייזן זיין „נאָרדיש געברויך", איז דער הונט געווען איינדערמיט און איז גרייט-געווען אויף זיין קאָנקורענט זיך צו וואַרפן... דער דאָקטאָר האָט זיך טאַקע געמוזט היטן, ווייל דער הונט האָט זיך נישט באַרואיגט. „איך ווייס נישט, פאַרוואָס, — פלעגט די דאַמע זאָגן, — אויף קיינעם פון מיינע געסט איז ער נישט אַזוי שאַרף אָנגערייצט, ווי אויף דיר! נישט אַנדערש, נאָר ער מוז דערשמעקן אין דיר דאָס בייזע געוויסן..." מיט דעם פלעגט זי אים אָפטמאָל פאַרגיטיגן מיט אַ שמייכל פאַר דעם אומאָנגענעמען אַמבאַראַס און רופן די דינסט, אַז זי זאָל „מאָרד-שלאַג" איינשליסן. דאָס איז, ווען זי איז געווען גוט געשטימט און גוט גענייגט צו אים. טאָמער חלילה נישט, דענסטמאָל האָט זי זיך געהייסן ברענגען דעם לעדערנעם שנור, אָנבינדן דעם הונט און האַלטן אים די גאַנצע צייט נעבן זיך. זי פלעגט דאַן אין דאָקטאָרס אויגן אויסזען ווי די געטין דיאַנאַ מיטן הונט. עס איז אַ ספק, צי זי איז טאַקע אַזוי שיין-געווען ווי די געטין דיאַנאַ.

אָבער אין דאָקטאָרס אויגן האָט זי אַזוי אויסגעזען, וואָס דאָס האָט אים איינצייטיג גערייצט, וואָרים דער דאָקטאָר האָט זיך גע־מוזט די גאַנצע צייט היטן, האַלטן זיך אין אַ געוויסער דיסטאַנץ פון זיין געטין און אויפפירן זיך אָנשטענדיג, אַז נישט איז געווען „מאָרד־שלאַג"...

אַדורכגעקומען דאָס גיהנום פון די הינט, וועלכע האָבן דעם דאָקטאָר אַזוי מקבל־פנים־געווען אין קאָרידאָר, האָט זיך ז'ער דאָקטאָר געלאָזט גיין ווייטער אין וואַרטע־זאַל, וואו ער האָט שוין אָנגעטראָפן די גאַנצע „טאָבל־רונדע".

נאָר דער צווייטער אָנבליק פון די מענטשן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן ביים רונדן טיש, וואַרטנדיג אויף דעם דער־שיינען פון דער דאַמע, האָט אים נישט אָנגענעמער באַרירט ווי דער קבלת־פנים, וואָס ער האָט באַקומען פון די הינט אין פאָדערצימער. דאָ, ווי דאָרט, זענען געווען קליינע מענטשעלעך און אַ גרויסער „מאָרד־שלאַג", וועלכע האָבן אים נישט פריינט־לעכער אויפגענומען ווי די פיר־פיסיגע... נאָר אָנשטאָט צו בילן האָבן זייערע פנימער געהאַלטן אין איין שמייכלען און זייערע מיילער אין איין חנפענען...

קודם־כל האָט זיך געפונען אין דער חברותא, ווי תמיד, דער „בלאָנדער יינגלינג", אַ געשטאַלט ווי פון וואַגנערס אָפערן אַרויס, מיט „לאָהענגרין"־לאָקן און „זיגפריד"־אויגן. דאָס איז געווען אַ נאָכמלחמהדיגער, אַ פיל רעבאַטירטער, פיל גע־שפילטער און פון יידן זייער פראָטעזשירטער דראַמאַטורג. די יידיש־ליבעראַלע פרעסע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין זיין גוטער אַרישקייט ווי אין אַן אבן־טוב, כדי צו קאָנען פאַרשמעלצן מיט אים די זופּ, צו באַווייזן, אַז עס איז נישט אמת, וואָס די אַנטיסעמיטישע צייטונגען שרייבן, אַז נאָר די יידן האָבן פאַרכאַפּט דאָס טעאַטער. וואָרים נישט געקוקט אויף זיין אומ־צווייפלדיגער עכטער אַרישקייט, אויף זיין שפּיציגער נאָז, אויף זיין קלינגענדיגן אַדל־נאָמען, האָט דער יונגערמאַן זיך אָפן באַ־קענט צו דער רעפּובליק. ער האָט אַפילו געהאַט ראַדיקאַלע אידעען, ווי ער האָט עס באַוויזן אין זיינע שטיק, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די מאָדערנסטע שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור, סעקסועלע נייגונג צו אייגענעם בלוט און

מין, ביי וועלכע דאָס יידישע בורזשואַזע פּובליקום, וואָס האָט אָנגעפּולט דאָס טעאַטער, האָט זיך געעקלט. אָבער מען האָט געמוזט אַרויסווייזן באַגייסטערונג, כּדי מען זאָל נישט גילטן פאַר אַ צוריקגעשטאַנענעם... די ברייטע יידישע קריטיק האָט עס אויסגעטייטשט אין „האַמלעט” און אין „עדיפּוס”-קאָמפּלעקסן, און מען האָט מורא-געהאַט צו זינדיקן געגן דער בילדונג... דער יונגערמאַן אָבער האָט באַטראַכט זיינע ראַדיקאַלע נייגונגען פאַר אַ גרויסע קאָנצעסיע צו די יידן, פאַר דעם יידישן געשמאַק, און האָט דערוואַרט דערפאַר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פון זייער זייט אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט, וואָס די יידן האָבן עס טאַקע נישט פאַרפעלט אַרויסצואווייזן. ער איז געווען דער געליבטסטער און דער גוט-געזעענסטער גאַסט אין די רייכע בורזשואַזע יידישע הייזער, איבערהויפּט, וואו עס האָבן זיך געפונען שיינע טעכטער אויסצוגעבן. וואָרים דער יונגערמאַן האָט געוואוסט דעם ווערט פון זיין אומצווייפלדיגער עכט-נאָרדישער אַרישקייט אויף דעם יידישן הייראַטס-מאַרק, און ער האָט עס נישט געוואָלט אַזוי גלאַט — מיר-נישט, דירנישט — פאַרשאַכערן. ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, ווען עס וועט זיך לאָזן דערפאַר טייער באַצאָלן... דערוויילאָבער האָט ער באַנוצט זיין אַרישקייט און ליבעראַליזם אויף גוט אָפּעסן און אויף פּעטע גמילת-חסדים... דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, פאַרפליכטעט אַריינצוּוואַרפן פון צייט-צו-צייט אַ גוט וואָרט וועגן יידן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאָר וועגן די געבילדעטע און רייכע... איבערהויפּט, ווען עס איז ווער פון דער פרעסע געווען דערביי. דאָס האָט ער געטון נישט חלילה פאַר יידנס-וועגן, וועלכע האָבן זיך זייערע פעלערן, פאַרשטייט זיך, נאָר צוליב דער דעמאָקראַטישער, רעפּובליקאַנישער און ראַדיקאַלער וועלט-אָנשויאונג, צו וועלכער מען באַקענט זיך...

אין אים, האָט דער דאָקטאָר געוואוסט, וועט ער האָבן אַ סימפּאַטיש אויער. ער האָט זיך געגעוויטיגט דערין, וואָרים ביים טיש, ביי דער פלאַש קאָניאַק (איינע פון די צוויי פלאַשן, וואָס דער דאָקטאָר האָט היינט פון דעליקאַטעסן-געשעפט צוגעשיקט), איז געזעסן — ווי זיין געוואוינהייט איז געווען אָנצוהייבן דעם אָוונט זייער פרי — דער גרויסער „מאָרד-

שלאַג"—ד"ר שרייער, דער אַזוי זיך רופנדיגער „דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע", ד"ר מאַרטין קאָנראַד שרייער. ער איז געזעסן ביי דער פלאַש קאָניאַק און האָט פאַר גרינג-געשעצטע שוישפּילער, וועלכע זענען היינט געקומען זייער קאָלעגין צו באַגריסן, ווי אויך צו די גוטע זאַכן, וואָס ד"ר באָדענהיימער האָט צוגעשיקט, — פאָרגעבראַכט זיינע ראַסישע טעאָריעס און זיינע אַנטיסעמיטישע אָנשויאונגען.

וואָס אָנבאַטרעפט דעם דאָקטאָר-טיטול פון ד"ר שרייער, זענען געווען אַזעלכע, צווישן זיי אויך דער דאָקטאָר היינריך, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ער האָט אים באַקומען אין די ביער-קנייפּעס פון די מינכענער ברויערייען, נאָר וואָס אָנבאַטרעפט זיין נאָמען, זענען אַלע געווען איינפאַרשטאַנדן, אַז ער איז אַן עכטער. עס איז פאַראַן מענטשן, וועלכע שאַפן אַרום זיך שטורעם און גערודער, מעגן זיי זיך נאָך ווי באַנעמען רואיג, מעגן זיי אַפילו שווייגן, נאָר שוין בלויז זייער דערשיינונג, זייער גוף אַליין מאַכט-אָן אַ גערודער און ברענגט מיט זיך מיט ווי אַ שטורעם אומרואיגקייט. מען רופט דאָס דינאַמישע כאַראַקטערס. פון אַזאַ דינאַמיק איז באַשטאַנען דער ד"ר שרייער. קודם-כל האָט שוין זיין אויסערלעכקייט געשריגן: דאָס איז געווען איין שטיק פעטס, וואָס האָט אַריבערגעיוירן איבער דער שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן. האָר-און-באָרד האָבן געהאַט אין זיך עפּעס אויפוועלנדיגס, ווי ווייריוך וואָלט אויפגעשטיגן פון זיי. צווישן אים און ד"ר היינריך האָט געהערשט אַ שטיל בייז לעבן. וואָרים אַ חוץ אַלס אַנטיסעמיט, וואָס דער „דאָקטאָר" האָט אָנגעגעבן אַלס זיין פּראָפעסיע, האָט ער געהאַט מיט דעם ד"ר היינריך נאָך אַ פּערזענלעכן סיכסוך. קודם-כל האָט דער „ביער-דאָקטאָר" (ווי ד"ר באָדענהיימער האָט אים מיט פאַראַכטונג גערופן פאַר זיין נאָרדישער געליבטער) באַשולדיגט דעם ד"ר היינריך, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, וואָס זיין עפּאָכע-מאַכנדיג ווערק „קריסטוס אַלס ריינער אַריער", אין וועלכן ער באַווייזט מיט פאַקטן, אַז קריסטוס האָט גאָרנישט אָפּגעשטאַמט פון יידן, אַז די מוטער מאַריע האָט געהאַט געהיימע באַציאונגען מיט אַ גערמאַנישן זעלנער, וועלכער איז מיט זיין גאַרניזאָן איינגעשטאַנען אין נצרת, וואָס דאָסדאָזיגע עפּאָכע-

מאַכנדיגע ווערק דערזעט נישט די ליכטיגע שיין. די יידן וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס פּאַרלאַג-וועזן, האָבן געמאַכט יד-אחת זיין בוך נישט צו דרוקן, און זיי צווינגען אויך די פּאָר אַרישע פאַרלעגער, אַז זיי זאָלן דאָס נישט טון, כדי דורך דעם זאָלן זיי נישט פאַרלירן זייער הערשאַפט איבער דער וועלט, וואָס זייער מייחס-זיין זיך צו קריסטוסטן גיט זיי — דורך דער קאַטוי-לישער קירכע, פאַרשטייט זיך... און געטון האָט דאָס נישט קיין אַנדערער, ווי דער דאָקטאָר היינריך באָדענהיימער, צו וועלכן ער האָט זיך אַנומלט געהאַט געווענדט נאָך פּראָטעקציע (דורך דער אַרישער געליבטער) און ד"ר היינריך באָדענהיימער האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין די יידישע אינטערעסן אָפּגע-זאָגט. צווייטנס, האָט ער שוין צוליב פּראָפעסיאָנעלע גרינדן נישט פאַרטראָגן דעם דאָקטאָר, ער האָט אים באַשולדיגט אין פּלאַגיאַט. און נעמלעך, אַז דער ד"ר היינריך האָט ביי אים געגנבעט זיינע אידעען און דערנאָך זיי אַרויסגעברענגט אין זיין ווערק וועגן „מאָדערנעם שטאַאט". דידאָזיגע אידעע האָט ער, ד"ר שרייער, שוין לענגסט אַרויסגעברענגט אין אַ מאַנוס-קריפּט, וואָס געפינט זיך ביי אים. איבערהויפּט האָט ד"ר שרייער ליב-געהאַט צו באַשולדיגן אַלעמען אין פּלאַגיאַט. איצט איבערצייגט ער אַלעמען ביים טיש, אַז שפּענגלער האָט אים באַגנבעט, אַז ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעזאָגט די נביאות וועגן דעם אונטערגאַנג פון אַבענד-לאַנד — דורך די יידן, פאַרשטייט זיך — אין אַ ווערק, וואָס געפינט זיך נאָך, ליידער, צוליבן יידישן איינפלוס אין מאַנוסקריפּט...

עס זענען פאַראַן אַזעלכע קריסטן, וואָס קאָנען זיך באַין-אופן נישט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז יידן זענען פּרייע מענטשן, אַז דער ייד איז אַ צוועק פאַר זיך אַליין, ווי יעדער אַנדערער מענטש. זיי דאַכט זיך נאָך אַלץ אויס, אַז זיי לעבן אין יענער צייט, ווען יידן זענען געווען אַן אַלגעמיין גוטס, און זיי קומען דעריבער פאָדערן זייער טייל ירושה, וואָס די צוגעהעריגקייט צו דער קריסטלעכער אמונה, צו דער אַרישע ראַסע באַרעכטיגט זיי צום יידס לעבן, צו זיין האָב-און-גוטס. צום ערשט פּרוואוון זיי אויפצומאָנען דעם „יידן-גראָשן" דורך גוט-זיין צו יידן. זיי לאָזן זיך באַצאָלן פאַר יעדן

גוטן וואָרט, פאַר יעדער גוטער מיינונג, וואָס זיי האָבן וועגן „דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם" און אַז אַלע מענטשן זענען גלייך, — מיט גוטע מיטאָגן, גמילת-חסדימלעך, דורך יידישער אָנערקענונג א. ד. ג. קוים אָבער גליקט עס נישט אָפּ אַזאַ איינעם מיט גוטן זיין מס פון יידן אַרויסצופּרעסן, פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ פייערדיגן אַנטיסעמיט.

נישט שטענדיג איז ד"ר שרייער געווען אַ יידן-האָסער. עס זענען פאַראַן גויים, וואָס קאָנען נישט זיין גלייכגילטיג צו יידן — אָדער זיי זענען הייסע, פאַרברענטע יידן-פריינט אָדער די פאַרביסנסטע אַנטיסעמיטן. גלייך ווי די יידן וואָלטן געווען זייער בייז מזל, זיי קאָנען זיך נישט פון זיי אָפּטשעפּען. צו די לעצטע האָט אויך געהערט דער „דאָקטאָר" מאַרטין קאָנראַד שרייער. אין נירנבערג, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַלס פאָלקסשול-לערער, ביז מען האָט אים געכאַפּט ביי דער מיאוסער נייגונג, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זיינע שילערינס, צוליב וועלכן ער האָט זיין שטעלע פאַרלוירן (פון טורמע האָט אים באַפרייט אַ ראַדיקאַלער יידישער אַדוואָקאַט), האָט ד"ר שרייער נישט געקאָנט לעבן אָן יידן. ער איז געווען נישט נאָר אַן אָפטער איינגייער אין יידישע הייזער, נאָר זיינע בעסטע פריינד זענען געווען יידישע קרעמער, אָקסן-הענדלער און מאַרק-יידן. ער האָט זיך פון זיי געלאָזט איינלאַדן אויף יעדן יידישן יום-טוב, געווען פאַרליבט אין יידישע פיש, קוגל און אין אַנדערע יידישע מאכלים. מצה, נישט געקוקט אויפן קריסטלעכן בלוט, מיט וועלכן זיי זענען געקנעטן, איז נאָך ביז היינט זיין ליבסט שטיקל ברויט. פונקט אַזוי, נישט קוקנדיג אויף זיין ראַסע-שטאָלץ, האָט ער נאָך ביז היינט אַ שטאַרקע נייגונג צום יידישן געשלעכט, איבערהויפּט ווען זיי געהערן צום אַנדערן מין... דורך זיין אומגיין מיט יידן האָט ער זיך אויסגעלערנט געוויסע יידישע מנהגים, ווי צום ביישפּיל: „כפּרות-שלאָגן", מיטן גרעגער דרייען ביים דערמאָנען המנס נאָמען, בודק-חמץ זיין ערב פסח, קרעפּלעך עסן. מיט דער דאָזיגער יידישער „קענטעניש" קאָקעטירט ער און באַווייזט עס ביי יעדער געלעגנהייט. אַז ער טרעפט-אָן אַ ייד אויף דער גאַס, קוקט ער אים אין די אויגן אַריין מיט אַ גניבהשן בליק און רוימט

אים איין אין אויער: „כפרות-שלאָגן"... ווי ער וואָלט אים דורך דעם עפּעס אַ געהיימען צייכן געגעבן. ווען יענער קוקט אים אָן פאַרוואונדערט, גיט ער אַ וואונק צו אים: „פאַר מיר באַדאַרפסטו דאָך נישט באַהאַלטן... מיר ווייסן דאָך, וואָס דאָס הייסט..." ער האָט זיך אויך איינגעשאַפט אַ געוויסע צאָל יידישע ווערטער, וועלכע האָבן זיך איינגעבירגערט אין דער דייטשער שפּראַך, מיט וועלכע דער דאָקטאָר זשאָנגלירט אין אַ געזעלשאַפט, כדי צו באַווייזן זיין יידן-קענטעניש. ער באַנוצט די ווערטער, צי זיי פּאַסן זיך יאָ אויף דעם אָרט, צי נישט: ווי למשל, ווען די זון שיינט-אויף נאָכן רעגן, באַווייזט זיך דער „יקום-פּורקן"... ער האָט אויך איבערגעלייענט אַ צוויי-דריי צוויפלהאַפטע ווערק פון אַנטיסעמיטישע קוועלן איבערן תּלמוד. ער קען פון אויסנווייניג אַ פּאָר „קיצלדיגע" שטעלן פון תּלמוד וועגן עכו"ם, וואָס ער דערלאַנגט דאָס, ווען ער פּאַלט-אָן אויף יידן. נאָר ווער עס זענען זיינע פאַרביסנסטע פיינט, אויף וועמען ער האָט זיך אַממייסטן אָנגעזעצט און וואַרפט אויף זיי זיינע גיפטיגע שפּיזן, דאָס זענען די אָבות פון דער ביבל.

מיט די אָבות פון דער ביבל האָט ער טאַקע טראַקטירט זיינע מיטזיצער, ווען דער דאָקטאָר באָדענהיימער איז אַריינ-געקומען.

— אַך, דער דאָקטאָר באָדענהיימער איז דאָ! מיינע הערן, וואַרטן זי, איך וועל אים נאָר איין וואָרט זאָגן, דער וועט עס שוין פאַרשטיין...

דאָך, ווען דער דאָקטאָר האָט זיך באַוויזן אין דער טיר, האָט ער דאָס וואָרט נישט געזאָגט, פאַרקערט — עס איז שטיל-געוואָרן ביים טיש, וואו ער איז געזעסן. ער האָט דעם דאָקטאָר פונדערווייטנס מיט אַ פריינדלעכער האַנד-נייגונג באַ-גריסט.

אויפן דאָקטאָר באָדענהיימערס פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַן אומאָנגענעמע מינע, ווען ער האָט דערזען שרייערן אין דער געזעלשאַפט. ער האָט פרייליין פאָן זאָנענשטיך שוין איינציגע מאָל געבעטן, אַז זי זאָל אים שוינען פון דער באַגע-געניש מיט דעמדאָזיגן אומאָנגענעמען פאַרשוין. די לעצטע

פאַר מאָל האָט ער אים שוין נישט געטראָפן, און איצט איז ער ווידער דאָ. דער דאָקטאָר האָט זיך דערפאַר נישט אַוועקגעזעצט ביים אַלגעמיינעם טיש, נאָר ביי אַ באַזונדער טישל. באַלד האָט דער „בלאָנדער זיגפריד" דערפילט, אַז עס איז די העכסטע צייט אָפּצואוואַרפן פון זיך דעם חשד, אַז ער האָט עפּעס־וואָס מיט דעם ד"ר שרייער צו טון און איז אַריבערגעגאַנגען צום דאָקטאָרס טישל. באַלד האָבן אים אייניגע אַנדערע דאָס נאָכגעטון,— איבערהויפּט פון דער שוישפּילערישער פּראָפעסיע,— געפילט פאַר זייער חוב צום דאָקטאָרס טישל אַריבערצוקומען. נאָך אַלעם האָט ד"ר היינריך באָדענהיימער געהאַט גענוג איינפלוס אין אַ געוויסער גרויסער צייטונג... און מען האָט מורא־געהאַט נישט צו שאַדענען זיך מיטן פאַרדאַכט אין אַנטיסעמיטיזם. אַזוי האָט אייניציגווייז די געזעלשאַפט פאַרלאָזט דעם אַנטיסעמיטישן קאָנקורענט און זענען אַריבערגעגאַנגען צום ייד. יעדנפאַלס איז די שטימונג געווען אַן אָנגעצויגענע. נאָר, גאָט צו דאַנקען, עס האָט זיך באַלד באַוויזן די דאַמע פון הויז. באַוויזן האָט זי זיך אין דער באַגלייטונג, פאַרשטענדלעך, פון איר „בעסטער פריינדין", אַ מיידל ווי אַ בחור געשוירן און ווי אַ בחור אָנגעטון, מיט בחורישע מאַניערן, וואָס איז, אגב, דענסטמאָל די מאָדע געווען אין בערלין, אַז יעדע בעסערע פרוי זאָל אַזעלכעס נעבן זיך האָבן. זי איז אַרויסגעקומען פון אירע אינערלעכע צימערן.

פריילין פאָן „זאָנענשטיך" איז איצט שוין אַ היפּש ביסל אויפגעפרישט־ און באַלעבעט־געווען דורך קרעמען, מאַסאַזשן, שמעק־וואַסערן, וואָס האָט פון איר האַרט־ברעטיגער ברוסט אַרויסגעדופט. דערפאַר אָבער איז דער „שטאָך" אין איר געווען אין זיין גאַנצער שפּיציגער שאַרפקייט... וואָרים אַלץ איז אין פריילין זאָנענשטיך געווען שטעכיג. קודם־כל איר שקעלעט־ביין, וואָס האָט זיך פון איר אַרויסגעשניטן, איז געווען, ווי ער וואָלט באַשטאַנען פון שטאָל, וואָס איז ערשט נאָר־וואָס געשאַרפט־געוואָרן. יעדער קנאָכן, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון איר ראַזער הויט (און דאָס פריילין איז באַשטאַנען אויס אַ היפּש ביסל קנאָכן) איז געווען שאַרף אָנגעשליפט, אַזוי אַז ביי דעם „פלעזיר", דאָס פריילין אין די

אָרעמס צו האַלטן, איז מען איינצייטיג געווען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר קאַלעטשעט צו ווערן... אַלץ איז אין איר געווען שפּיציג און שטעכעדיג. די נאָז האָט געהאַט די פאָרם פון אַ שאַרפן האָק, אָפּגעשליפן אין עק, אַזוי אויך די גאָמבע. נאָר די גאָמבע איז איבערטריבן לאַנג. די אויגן, האָט זיך געדאַכט, אַז אָט באַלד שיקן זיי אַרויס צוויי פייערדיגע שפּיזן. נישט נאָר בלויז דער אויגן-בליק איז געווען שאַרף, נאָר אויך זייערע שטראַלן, וואָס זיי האָבן געוואָרפן פון זיך, האָבן ווי גלאָז-שפּליטערס צעקאַלעטשעט. שוין אָפּגערעדט פון אירע האָר, וואָס זענען געווען פון פלאַמענדיגן, ברענענדיגן רויט... כדי נאָך מער אַרויסצוברענגען די שפּיזעדיגקייט פון איר פּערזאָן, איז זי געווען צוגעפּאַסט אויך אָנגעטון, לויט אַן אַלט-גערמאַנישער פאָרם, אין אַ טיף אויסגעשניטן קלייד, וואָס האָט איר הויכן האַלז געגעבן אַ ראַם פון אַ פּאַסאַדע, אויף וועלכן עס הויבט זיך אויף אַ גערמאַניש-גאָטישער טורעם. דאָס האָט זיך גערעכנט אַלס באַווייז פון עכטער נאָרדישער ראַסע, און די דאַמע אין זייער שטאָלץ-געווען אויף איר הויכן האַלז, זי האָט עס נאָר אַביסל איבערגעטריבן. כדי אים צו באַשענקען פאַר זיין ראַסישער ליניע, האָט זי אים אויסגעצירט מיט אַ גאַנצן אַרסע-נאַל, אין גערמאַניש-גאָטישער פאָרם, אויסגעהאַמערטע אויס פאַרשידענעם פאַרדעכטיגן איידעלן מאַטעריאַל קייטן און שטע-כיגע האַלז-בענדער, וועלכע האָבן אין האַרמאָניע מיט אירע אומגע-הויער-לאַנגע אַראָפּהענגענדיגע אוירינגען אויסגעקלונגען דעם כאָראַל פון איר דערנענטערן זיך... אויך איר נישקשהדיגער בויך איז אַרומגעצוימט-געווען מיט אַ שטעכעדיגן, אויס שווערן מעטאַל אויסגעהאַמערטן גאַרטל, וואָס האָט געקאָנט איינצייטיג דינען אי אַלס שמוק און אי אַלס צניעה-גאַרטל, וואָס האָט געזאָלט האַלטן די פרעכע און צודרינגלעכע אויף אַ נויטיגן דיסטאַנץ פון איר... אַזוי אויך זענען אירע הענט, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די ברייטע, אַראָפּהענגענדיגע אַרבל, געווען באַלייגט מיט אומציילִיגע געהאַמערטע — אין גאָטישן סטיל, פאַרשטייט זיך — בראַנזלעטן, אַזעלכע ברייטע און מעכטיגע און מיט אַזוי פיל „סואווענירן" באַצירט, אַז זיי האָבן גיכער אויסגעקוקט ווי טאָרטור-אינסטרומענטן, אַרויסגעשלעפּט פון

פאַרשטעקטע קעלערס... אַזוי איז זי דערשינען ווי אַן אַלט־גערמאַנישע פּרינצעסין־טאָכטער, וואָס ווערט געפירט אין גע־פאַנגענשאַפט אין „צעזאַרישן טריאומף־צוג״ (אַזוי ווי זיי ווערן פאָרגעשטעלט אויף די ביליגע פּאַטריאָטישע געמעלער אין די דייטשע מוזעאומס). עס האָט נאָר געפעלט דער לעמפּערט אָדער דער לייב נעבן איר, וואָס זאָל זי באַגלייטן. דאָס פלעגט אָפּט פאַרטרעטן דער בולדאָג „מאָרד־שלאַג״, וועלכן זי פירט מיט דער קייט אין דער האַנט. דאָס מאָל, צוליבן איינזעען אויפן דאָקטאָר היינריך, האָט זי דעם הונט נישט געהאַט נעבן זיך. דערפאַר אָבער האָט זי באַגלייט, ווי שוין פריער געזאָגט, איר „בעסטע פריינדין״ ווי אַ פּאַזש, און ווי אַ פּאַזש געקליידט, מיט טריקאָטענע אָנגעצויגענע האַלב־מענער־קליידער. אַזוי האָט זי אין איר גאַנצער פּראַכט, צעשפּרייט אירע ביידע דינע, ווייס־הויטיגע, מיט זומער־שפּרענקעלעך באַשפּריצטע הענט, באַ־האָנגען מיט אַ מענגע אָרנאַמענטן, אויף רעכטס און אויף לינקס און האָט ווי אַ פּאַרצייטיגע פּרינצעסין צוגענומען „האָלדן״, גליק־וואונשן, וואָס אירע פריינד האָבן איר געבראַכט צו איר געבורטסטאָג, וואָס איז צוליב דער שלעכטער צייט, אין וועל־כער מיר לעבן, באַשטאַנען אַממייסטן פון גוטע וואונשן, אַ חוץ פון אַ פּאָר באַשיידענע בלומען־קרענצלעך און אויך אַ פּאָר ביכער, איינס, וואָס דאָקטאָר היינריך האָט איר געבראַכט — זיין לעצט בוך און דערין אַ געהעריגע אויפשריפט. דאָס צווייטע האָט איר געבראַכט ד״ר שרייער איבער „די פּאַרדאָר־בענע נאַטור פון די ביבל־פּאַטריאַרכן״, לײדער נאָך איבערן יידישן איינפלוס אין מאַנוסקריפּט, וואָס איז דערפאַר מער אָנגעלייגט־געווען.

איר געניט אויג האָט באַלד דערכאַפּט די אָנגעצויגענע שטימונג, וואָס הערשט צווישן די צוויי דאָקטוירים־טישן, און כדי איבערצובעטן דעם דאָקטאָר היינריך פאַר דעם אומגע־וואונשענעם גאַסט, וואָס זי האָט איינגעלאַדן, האָט זי זיך מיט געהעריגן קלימפּער פון אירע אָרנאַמענטן אַוועקגעזעצט זיך נעבן זיין טיש און זיך אָנגערופן צו דעם צווייטן דאָקטאָר, נעבן וועלכן זי האָט אַנטדעקט די פלאַש קאָניאַק:

— אָך, די גראָסעס שוויין! זעט, דעם גאַנצן קאָניאַק

האָט ער מיר שוין אויסגעטרונקען, נאָך פאַר דעם עסן!...
און צום דאָקטאָר היינריך זיך געווענדט:

— מיר ווילן פאַרברענגען היינט דעם אָוונט אין ווירק־לעכער געמיטלעכקייט. פּאָליטיק איז אויסגעשלאָסן! איך לאָז נישט צו צו קיין געשפּרעך, זיי פאַרדאַרבן מיר יעדן אָוונט מיט דיסקוסיעס. קיין שום דיסקוסיעס!

— אַ חוץ איבער איין געגנשטאַנד! — האָט זיך אָנגע־רופן דער בלאָנדער „לאָהענגרין”.

— און דאָס איז?... — פרעגט די דאַמע.

— איבער עראָס!...

— בראַוואָ! — האָבן די אַנדערע צוגעשטימט.

— יאָ, איבער דער ליבע מעגט איר דיסקוטירן וויפיל איר ווילט!

— איבער וועלכער? איבער דער ווייבלעכער אָדער אי־בער דער מענלעכער? — האָט דער „ביער־דאָקטאָר” געפרעגט.

— מיינעטוועגן — איבער ביידע.

— איבער דער פראַגע האָבן שוין פון לאַנג געשטריטן ליקינאָס און טהעאָמנעסטאָס און זענען אויך צו קיין הסכם נישט געקומען. דאָס איז אַ פּריוואַטע געשמאַק־זאַך. אַלזאָ, איז דיסקוסיעס דעריבער אויסגעשלאָסן!

— יעדנפאַלס לוינט זיך נאָכאַמאָל צו הערן די אַרגומענטן...
עס האַנדלט זיך, ווי מען סערווירט זיי,—זאָגט דער יונגערמאַן.

— יעדער נאָך זיין געשמאַק.

— אָבער, מיינע הערן, איך דענק, אַז די סערווירטע שפּייזן וועלן איצט אייך מער אינטערעסירן. ווי איך הער, איז שוין עמאַ אַזוי ווייט. אַלזאָ, מיינע הערן — אָנגעהויבן! איך האָב אייך געלאָזט גענוג אויסהונגערן! — זאָגט די דאַמע און נעמט דעם דאָקטאָר היינריך אונטער דעם אָרעם, — אַלזאָ, נאָך מיר!...

## קאַפּיטל 15

# בײַ אַ נאָרדישן טיש

דאָס עסצימער, פּונקט ווי די דאַמע פון הויז אַליין, איז אויך געווען אײַנגעריכטעט אין גערמאַניש-גאָטישן סטיל, מיט פיל האָלץ-שניצערייען און געגאָסענע אײַזנס, וואָס האָבן פון אַלע ווינקלען און עקן אַרויסגעקוקט מיט שאַרפע האַקן און שפּיצן, אַזוי אַז מען האָט געמוזט זײַער פּאָרזיכטיג-זײַן בײַם באַוועגן זיך און בײַם זיצן. וואָרים אַלץ דאָ אין דער שטוב איז געווען קאַנטיג-און-שפּיציג. אַפילו די שטולן האָבן געהאַט גראָדע אַנלענען מיט האַרטע ראַנדן אַרום און מען איז געזעסן אויף זיי ווי אויף אַן אײַזערנער רייף פון אַ טין. איינע אַזאַ רייף, אין דער פאָרם פון אַ לאָמפּ, איז אַראָפּגעהאָנגען איבער דעם טיש, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנגעשטעלט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דער דאָקטאָר היינריך האָט פאַר אַזאַ טײַער-באַצאָלטן פּרייז אַהיימגעשיקט.

ביידע דאָקטוירים בײַ איר רעכטס און לינקס, די איבעריגע געסט לויט ווי עס איז זיי געפעלן, זענען זיי געווען פאַרנומען מיטן עסן. אין דער אינפלאַציע-צײַט צו געפינען עכטע פּוטער אויפן טיש, מיט פרישע געבעקס און כלערליי געזאַלצענע מאכלים, מיט פליישיגן אויפשניט און גוטן שנאַפּס, איז נישט געווען פון די קלייניגקייטן. דער עולם האָט זיך געלאָזט באַגנוגענען מיט אַ פּאָר העפלעכע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון דער דאַמע פון הויז, באַצאָלט איר מיט אַ פּאָר

קאָמפּלימענטן און זיך נישט פיל געלאָזט שטערן אין זייער פאַרגעניגן. דאָס געשפּרעך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און איז געגאַנגען דעם ווילן און די כוונות פון די אָנטיילנעמער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היציגער לײַדנשאַפטלעכער דיסקוסיע (וואָס האָט אַפילו געפירט צו אומאָנגענעמלעכקייטן) שפּעטער ערשט, ווען מען האָט דערלאַנגט אויפן טיש די באַליבטע שפּייז פון דעם „געבורטסטאָג-קינד" — אַ גרויסן בלוט-וואורשט, מיט וועלכן די באַלעבאָסטע האָט איבערראַשט אירע געסט און דער עולם האָט עס אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם.

דער דאָקטאָר היינריך איז אָבער נישט געווען קיין גרויסער אָנהענגער פון בלוט-וואורשט. צו שינקע איז ער צוגעוואוינט געווען פונדערהיים — „שינקע איז קיין חזיר נישט..." צו אַן אמת חזיר, ווי למשל, אַן אָפּגעבריט חזיר-קעפּל מיט אַרויסגעזעצטע אויגן פון דער אָפּגעגאָלטער חזיר-הויט, וואָס האָט דעם אָנבליק פון אַ בר-מינן, אָדער אַ חזיר-אויער, ווען ער דערזעט סערווירן אין אַ רעסטאָראַן אָדער ביי אַ באַקאַנטן טיש, האָט עס נישט אַרויסגערופן דווקא קיין אָנגענעמען געשמאַק אין זיינע גאָזדרעס... דאָס שפּייעכטס אין מויל ווערט אים אַזוי וואַרים און ער מוז זיך שנעל ראַטעווען צו דער פלאַש קאָניאַק, כדי ער זאָל זיך נישט בלאַמירן און אַרויסווייזן זיין שוואַכקייט און נישט-צוגעוואוינטקייט צו די מאכלים אין דער עפנטלעכקייט. נאָר וואָס עס האָט אַרויסגערופן ביי אים עקל ביז ברעכן, איז געווען, ווען ער האָט דערזען סערווירן שוואַרץ-פלעקיגן בלוט-וואורשט. ער קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן קאָנען עסן בלוט, מעג עס זיין געקאָכט, געבראָטן אָדער געקנעטן אין פערפל. נו, האָט אָבער זיין דאַמע דווקא אַ ליידנשאַפט צו בלוט-וואורשט. יעדעס מאָל, ווען ער נעמט זי אין אַ רעסטאָראַן, באַשטעלט זי זיך דווקא איר באַליבט מאכל. ער מוז זיך אָנטון אַ מעשה נישט אַרויסצובאַווייזן זיין עקל. ער שלינגט דאָס שפּייעכטס, אַז ער זאָל נישט ברעכן... דאָס מאָל, כאָטש ער האָט באַדאַרפט זיין פאָרגעברייט, אַז ביי דער געלעגנהייט וועט איר באַליבטע שפּייז געוויס נישט פעלן, דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט אַנטגעגנשטעלן, ווען די דאַמע

פון זיין האַרץ האָט אים אַליין מיט אירע גרויסע שפּיציגע נעגל-פינגער סערווירט אַן אָנגעזעענע פּאַרציע פון דעם בלוט-וואורשט מיט פּערפל. ער האָט טאַקע מענלעך און ריטערלעך, ווי ער איז געווען, געשלונגען דאָס בלוטיגע טייג, וואָס האָט אים באַלד ווי מיט חלב פאַרקלעבט דעם האַלז. דער דאָקטאָר האָט זיך צוגעהאָלפן מיט פיל אַלקאָהאָל, כּדי אַראָפּצושווענקען דאָס בלוטיגע פעטס, וואָס איז אים שטעקן-געבליבן אין האַלז און האָט אים געשטיקט. אָבער די דאַמע האָט אים ווי אויף להכעיס געהאַלטן אין איין צולייגן פון דעם גוטן מאַכל און באַטראַכט אים, ווי אַזוי ער וועט די פּאַרציע בלוטביישטיין...
אויך אייניגע פון די געסט און ספּעציעל דער דאָקטאָר שרייער, זיין קאָנקורענט פון רעכטס, ווי עס האָט זיך דעם דאָקטאָר היינריך אויסגעוויזן, האָבן אים באַטראַכט, באַאָבאַכטעט אים, ווי אַזוי ער פּייניגט זיך און פּלאָגט זיך מיט דעם בלוט-וואורשט. און ווי עס האָט זיך דאָקטאָר היינריך אויסגעוויזן, שמייכלט יענער אין זיין געדיכטער באָרד אַריין, וואָרים צו אַלע צרות האָט נאָך ד"ר שרייער געטראָגן אַ באָרד, מיט וועלכער ער האָט שטאָלצירט, און ער האָט אַ מורמל-געטון טאַקע אין זיין באָרד אַריין, דער דאָקטאָר שרייער:

— איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס די יידן האָבן אַזאַ אָפּשיי פאַר בלוט? דאָס איז דאָך זייער גאָטס באַליבט מאַכל! זיי האָבן דאָך געהאַלטן יהוהן אין איין שפּייזן מיט בלוט...

דער דאָקטאָר היינריך האָט זיך נישט געמאַכט הערן די באַמערקונג, וועלכע איז געווען געריכטעט אויף זיין אַדרעס, און ווייטער זיך געמיט איבערצוקומען דעם נסיון, מיט וועלכן זיין „נאָרדישע שוואַכקייט" האָט אים געפּרואווט.

— אייגנטלעך איז דאָך דער גרויסער בלוט-דורשט פון יהוהן דאָס איינציגע מענלעכע ביי דעם יידישן גאָט, — פּראָ-וואָצירט אַלץ דאָקטאָר שרייער, צוקוקנדיג זיך מיט נחת, ווי זיין קאָנקורענט פּייניגט זיך מיטן בלוט-וואורשט.

— דער דאָקטאָר שרייער וועט מיך נויטן צו פאַרטיידיגן די יידן און זייער גאָט, וואָס איך בין פון ביידע נישט קיין גרויסער אָנהענגער, געגן מיין ווילן! — זאָגט דער דאָקטאָר היינריך. — זעט זיך אויס, אַז איר שטייט אין נאָענטע באַצי-

אונגעזן צו יהוהן און איר ווייסט פון אַלע זיינע שוואַכקייטן צו לעקערביסנס. איך קאָן עס, ליידער, נישט באַהויפּטן וועגן מיר, מיר זענען די באַליבטע מאכלים פון יהוהן נישט באַקאַנט.

— נו, דאָס איז נישט שווער צו וויסן, — האָבן דען די יידן אים נישט אַ שעכטהויז איינגעריכטעט פאַרן אייגענעם געברויך אין דעם גרויסן טעמפּל אין ירושלים?...

— אַלזאָ, וואָס גייט דאָס מיך אָן, אַז די יידן האָבן אַ שעכטהויז איינגעאָרדנט אין גרויסן טעמפּל אין ירושלים?

— ווי אַזוי גייט עס אייך נישט אָן, זענט איר דען נישט קיין ייד?

— און ווען יאָ? וואָס האָב איך פאַר אַ שייכות מיט אַ יידישן טעמפּל פון פאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק? פּונקט ווי איר האָט אַ שייכות מיט די גערמאַנישע געטער, מיט וואָטאַן און זיין זון דאָנאַר, וועלכע זענען אויך נישט געווען קיין קליינע בלוט-זויגערס און פלייש פרעסערס? איבעריגנס, זענט איר קריסטן נישט ווינציגער מיטאַריינגעצויגן-געוואָרן דורך דער קריסטלעכער אמונה אין טעמפּל פון ירושלים, ווי די יידן. זענען דען נישט קריסטוס מיט די אַפּאָסטאָלן געקומען קיין ירושלים זייער קרבן מקריב צו זיין אויף פסח? און האָט נישט קריסטוס די געלט-וועקסלער און הענדלער אויס דעם טעמפּל-הויף אַרויסגעיאָגט? ווער ווייסט, צי אייער בלוט-לוסט, אייער בלוט-דורשט שטאַמט נישט פון דעמזעלבן גאָט יהוה, וועלכער האָט געהאַט זיין אייגן שעכטהויז אין טעמפּל פון ירושלים...

— נו, דאָס מוז איך מיר שוין פאַרביטן. אונזער בלוט-דורשט שטאַמט פון אַ גאַנץ אַנדערן אָרט. ער פליסט-אַרויס פון אַ נאַטירלעכן לעבנס-לוסט און שטאַרקן לעבנס-ווילן, וואָס די נאַטור האָט אין אַלע אירע קרעאַטורן איינגעפלאַנצט. דער געשמאַק פון בלוט וועקט אין אונז דעם קאַמף... דאָס האָט מיט די פאַרווייכערטע אַזיאַטישע זיטן פון אַ טעמפּל אין ירושלים גאָרנישט וואָס צו טון! אונזער בלוט-דורשט און בלוט-לוסט האָט זיין אורשפּרונג אין דייטשן וואַלד, וואו אונזער מענטלעכער נאָרדישער כאַראַקטער איז אויסגעבילדעט-געוואָרן אין קאַמף מיטן ווילד-טיער... — האָט דער דאָקטאָר שרייער

געזאָגט און באַגאָסן זיין גאָמבע מיט דעם פערפל-בלוט, וואָס איז געריבען פון זיין שטיק בלוט-וואורשט איבער זיין מויל אין זיין ברייטער באָרד אריין. — דאָס האָט צו טון מיטן גאָט פון שטורעמס און פון דונערס און בליץ, מיט אונזערע געטער וואָטאַן און זיין זון דאָנאַר, וועלכע דאָס אַזיאַטישע קריסטנ-טום האָט, ליידער, פאַרטריבן—צו אונזער פאַרלוסט !...

— יאָ, דאָס זעט מען אייך אָן, דאָקטאָר שרייער, אַז דער בלוטדורשט און דער בלוט-חשק שטאַמט טאַקע פון שוואַרצן וואלד, — זאָגט דער דאָקטאָר היינריך מיט אַוועקמאַכנדיגן ביטול-שטאָלץ, — דען דער זין פון די קרבנות, וואָס מען האָט אַמאָל געבראַכט אין טעמפל פון ירושלים אָדער דאָס „שעכט-הויז", ווי דער געערטער דאָקטאָר רופט עס אָן, וואָס די יידן האָבן פאַר זייער גאָט יהוה איינגעריכטעט, איז טאַקע געשאַפן-געוואָרן צוליב דעם, כדי אָפצושוואַכן דעם חיהשן לוסט נאָך בלוט פון מענטשן, צו פאַרוואַנדלען דאָס אָפשעכטן פון לע-בעדיגן באַשעפעניש אין אַ גאָטעס-דינסט, צו באַרעכטיגן דאָס עסן פון פלייש דורך באַשאַפן דאָס געמיינזאַמע מאָלצייט צווישן גאָט און מענטש. דער חיה איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַלצ-איינס צוליב וועמען זי ווערט געשאָכטן, פאַרן מענטש, צי פאַר גאָט; אָבער פאַר דעם מענטש, וואָס האַט זי געשאָכטן, האָט דאָס געהאַט אַ באַדייטונג. עס האָט, אַזוי צו זאָגן, באַ-רעכטיגט, גערייניגט זיין שעכטן די חיה פון בלוטדורשט און מאָרד-לוסט, וואָס דער מענטש האָט זיך טאַקע איינגעשאַפט אין שוואַרצן וואַלד נאָך אין זיין חיהשן צושטאַנד, וועגן וועלכן דער דאָקטאָר חלומט אַזוי זייער... דאָס איז אַ יידישער דריידל געווען, דאָס באַרעכטיגן פלייש צו עסן, אָבער דאָס-דאָזיגע דריידל האָט דאָך געהאַט זיין גוטע ווירקונג, זיין דערציערישע ווירקונג אויף דעם מענטש... איך האָב אייך געזאָגט, אַז דער געערטער דאָקטאָר שרייער וועט מיך צווינ-גען צו פאַרטיידיגן די יידן און זייער גאָט יהוה און אַפילו זייער טעמפל אין ירושלים, מיט דעם שעכטהויז, וואָס דאָס זענען גאָרנישט געווען מיינע כוונות...

— זעט איר, אַזוי זענען זיי, די יידן, אַפילו ווען עס גייט אים דערמיט גאָרנישט אָן, דאָך איז ער געצוואונגען געגן

זיין אייגענעם ווילן צו פאַרטיידיגן דאָס שלאַכטן די אומשול-דיגע היות פאַר יהוהן. דאָס צוזאַמענהאַלטן זיך — דאָס איז זייער שטאַרקייט... די אַלטע אָרגאַניזאַציע, דער אַלמעכטיגער אינטערנאַציאָנאַלער יידישער קהל! — גיט ד״ר שרייער אַ וואונק צו ד״ר היינריך. — מיר פאַרשטייען דאָס, הע?... „יקום-פורקן!״

— וואָס זאָל דאָס הייסן? — פרעגט דער דאָקטאָר היינריך פאַרוואונדערט, נאָך אין גוטן מוט.

— נו-נו, אייך באַדאַרף מען דאָך נישט זאָגן דעם באַדייט דערפון, מיר ווייסן דאָך וואָס דאָס מיינט! — גיט דער ד״ר שרייער אַ פיל-באַדייטנדיגן וואונק צו דעם דאָקטאָר היינריך. — הע, דאָקטאָר? — עכו״ם, „עונג-שבת״, „המן-טאַש״, „ימח-שמו״, — הע, דאָקטאָר? נאָר דאָס וויכטיגסטע איז: „יקום פורקן״ — נישט וואָר, דאָקטאָר?

דער אַרומיגער עולם ביים טיש, וועלכער האָט זיך צו-געהערט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג צו דער דיסקוסיע פון ביידע מענער ווי ביי אַ הענער-קאַמף, איז נייגעריג-געוואָרן צו וויסן די באַדייטונג פון דעם מיסטישן וואָרט „יקום-פורקן״. אַממערסטן האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם אומפאַרשטענדלעכן וואָרט די דאַמע פון הויז.

— דערקלערן זי אונז די באַדייטונג פון דעם וואָרט, ביטע! — ווענדט זי זיך צו ד״ר שרייער.

— נו-נו, דאָס איז אַ געהיימניש, — זאָגט דער „ביער-דאָקטאָר״, — דאָס קאָנען מיר נישט גלאַט אַזוי איינעם דער-קלערן. הע, דאָקטאָר באָדענהיימער? דאָס ווייסן מיר נאָר ביידע. „יקום-פורקן״, וואָס?

די גרינג-געשעצטע שוישפּילער, דער „בלאָנדער זיגפריד״, די מאַדאַם פון הויז — אַלע האָבן אָנגעקוקט דערשטוינט און מיט נייגעריגע אויגן דעם דאָקטאָר היינריך.

— אָבער, ביטע, היינריך, דערקלער עס מיר דאָך, וואָס באַדייטעט דאָס וואָרט? — בעט זיך ביי אים די דאַמע פון הויז.

— איך ווייס עס נישט, — זאָגט ד״ר באָדענהיימער דערשטוינט איבער דעם נייגיר, — ביטע, זאָגן זי דאָך, וואָס עס מיינט דאָס וואָרט! — ווענדט ער זיך צו ד״ר שרייער.

— דאָס קאָן מען נישט זאָגן. דאָס לאָזט זיך נישט אַזוי איינפאַך דערקלערן. דאָס איז אַזאַ אַרט יידישער חרם. ווען מען באַפאַלט אַ ייד, מוז זיך דאָס גאַנצע וועלט-יידנטום פאַר אים אָננעמען. עס איז אַזאַ יידישער „אחדות". — אַט אַזוי — אילוסטרירט דער „ביער-דאָקטאָר" מיט „שלום-עליכם" זיך אָפּ-געבן מיט זיינע אייגענע הענט. — אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע. דאָס איז דער כוח פון וועלט-יידנטום... ווען איך זאָג עפּעס שלעכטס אויף איינעם, מוז זיך דער צווייטער תּיכּף אָננעמען. אַט, מיינע הערשאַפטן, וועלן זי זיך באַלד זעלבסט איבערצייגן: איך בּיטע זי, דאָקטאָר — ווענדט ער זיך צום ד"ר היינריך אין אַ לייכטן טאָן, — איר דער-קלערט דאָס אָפּשלאַכטן פון די אומשולדיגע חיות פאַרן גאָט יהוה אַלס דערציערישע באַדייטונג, נו — און דאָס, וואָס דער פּאַטריאַרך אברהם האָט זיין אייגענע פרוי, די אַלטע שרה, צו דעם קעניג אלימלך געשיקט און האָט דערפאַר פיל שעפּסן און רינדער באַקומען? איז דאָס אויך געשען צוליב דערציערישע גרונדן? פילייכט נאָר אויס עטישע ביבל-גרונדן? און דאָס וואָס זיין זון יצחק — נו, זי ווערדן זיך דאָך נישט באַליי-דיגן, געערטער דאָקטאָר, ווען איך וועל צווייפלען אין דער לעגיטימער אָפּשטאַמונג פון דעם עלטער-זיידן — האָט זיין פאָטער אברהם נאָכגעטון און אויך זיין ווייב פאַרקויפט. איז דאָס אויך געשען אויס דערציערישע גרונדן, כדי די שפּעטערדיגע דורות זאָלן זיי נאָכטון? וואָס? און דאָס, וואָס יעקב האָט ביים ברודער די בכורה אויסגענאַרט צוזאַמען מיטן פאָטערס ברכות, און ביים אָרימען שווער די שעפּסן און רינדער דורך געוויסע קונציגע באַשניטצטע שטעקנס צוגענומען — דאָס איז אַלץ געשען צוליב דערציערישע און עטישע גרונדן? וואָס?... וואַרטן זי, מיינע הערשאַפטן! וואַרטן זי! זי ווערדן עס באַלד הערן, ווי די יידן האַלטן איינער פאַרן אַנדערן! דאָס איז „יקום-פורקן" !...

ביז-איצט איז דאָס געשפּרעך געפירט-געוואָרן אין דעם לייכטן טיש-טאָן, ביי וועלכן מען האָט זיך גוט דעם האַלז אַדורכגעשווענקט מיט אַלקאָהאָל-געטראַנקען. קיינער האָט דאָס געשפּרעך נישט גענומען ערנסט. דאָך האָבן זיך אַלע געפרייט,

וואָס דער באַרימטער דאָקטאָר ווערט אַזוי קונציג אין אַ ווינקל צו דער וואַנט צוגעדריקט. אַלע האָבן זיך צמוזירט אויף דעם חשבון פון ד"ר היינריך און אויף אַלעמענס פּנימער האָט אַ שאָדנפריידיגער שמייכל געשוועבט. מען האָט זיך איבערגעוואונקען מיט די אויגן. כאָטש מיט דער איינשטימיגקייט פון דעם חוצפּהדיגן ד"ר שרייער, וואָס וואַגט דעם באַרימטן מאַן פון איינפלוס און אָנזען אַזוי נאַקעט און בלויז אַרויסצושטעלן, האָט מען זיך געהיטן אָפן אַרויסצואווייזן... אָבער אין זיך האָט מען זיך געשמאָלצן פאַר נחת. אַפילו די מאַדאַם פון הויז, וואָס האָט זיך געמיט ערנסט און קאָרעקט צו זיין און דאָס מיט פיל אָנשטרענגונג, וואָס מען האָט עס אָנגעזען אויף איר פּנים, האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרבאָרגן דאָס כיטרע שמייכעלע, די געוואַלטיגע הנאה, וואָס די חוצפּהדיגע רייד פון דעם פּסיידאָ-דאָקטאָר האָבן איר פאַרשאַפט. ד"ר היינריך האָט עס נישט געקאָנט פאַרפעלן צו באַמערקן. עס איז אים פאַרגעקומען, ווי זי וואָלט עקסטרע צו דעם מאָלצייט איינגעלאַדן דעם דאָקטאָר שרייער צוזאַמען מיט אים, כדי אים צו פּראָוואָצירן. ער האָט אָבער נאָך געקעמפט געגן אַט דער השערה און צוליב דעם געמיט זיך אָנצוהאַלטן דאָס געשפּרעך אין אַ האַלב-שפּאָטישן טאָן, אין וועלכן די אַלע רייד זענען געפירטגעוואָרן, כדי נישט צו שטערן די גוטע מאָלצייט-שטימונג. דאָקטאָר היינריך האָט באַשטימט ביי זיך, אַפילו זיי זאָלן צעפּלאַצט-ווערן, וועט ער נישט אַרויסווייזן קיין עמפּערונג, וואָס דער איגנאָראַנט רופט-אַרויס ביי אים און וואָס אַלע דערוואַרטן, אַז עס זאָל ענדלעך אויסברעכן זיין כעס. ער וועט זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן, אויף קיין פאַל נישט!

— דאָסמאָל האָט איר זיך טועה-געווען, דאָקטאָר. איך וועל די אָרימע פּאַטריאַרכן נישט פאַרטיידיגן, געגן דעם באַשלוס פון אַלוועלטלעכן און אַלמעכטיגן יידישן קהל „יקום-פּורקן" -- ווי זאָגן זי? ווען איך זאָל אַפילו וויסן, אַז מען זאָל מיר דערפאַר ביין און דרייסיג מלקות שלאָגן. און וויסן די פאַרוואָס? איך בין קיין טעאָלאָג און קיין ביבל-פאָרשער און קיין רעליגיע-פּרעדיגער. און ווען דער ביבל-שרייבער איז געווען אַזוי אומדיסקרעט און האָט אַרויסגעגעבן די פאַמיליע-געהיימ

נישן פון די אבות, אָנשטאָט זיי זאָרגפעלטיג צו פאַרבאָרגן פאַר די אויגן פון יעדן איגנאָראַנט, וואָס וועט קאָנען קומען שפּעטער און פרעגן קשיות, זאָל ער אַליין טראָגן די קאָנסע-קווענצן דערפון... פּאַטריאַרכן מוזן זיין ריין ווי געטער, נישט ווי איינפאַכע מענטשן, וואָס יעדער עם-הארץ קאָן קומען און פרעגן זיי: פאַרוואָס האָט איר נישט געהאַנדלט לויט דעם קאָדעקס פון אונזער הייגטיגער מאָראַל. פאַרוואָס האָט איר נישט געטראָגן קיין פראַק און הויזן און געפלויגן אויף אַעראָ-פּלאַנען, נאָר איינגעהילט זיך אין קיטלען און געלאָזט זיך שאָקלען אויף קעמלען איבער דער מדבר?... איבעריגנס, איז עס נישט מיין עסק צו פאַרענטפערן די פּאַטריאַרכן, עס זענען אייערע פּאַטריאַרכן פונקט ווי מיינע. מער נאָך ווי מיינע. האָט מען דען אייך נישט דערקלערט פאַר די עכטע יידן, די איינציגע און ריכטיגע יורשים פון אברהם, יצחק און יעקב, און מיך פאַר דעם פאַרשטויסענעם זון?!... פאַרוואָס זאָל איך דאָס אַליין טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם שלעכטן אויפפירן זיך פון די אבות? דער וואָס ירשנט די ירושה דער באַצאָלט די חובות...

— וואָס פאַר אַ ירושה מיינען זי?

— נו, די ברכה פון גאָט, וועג איר ווילט-יעקבס בכורה, וואָס ער האָט אויסגענאַרט ביי עשיון — דעם משיח, די דערלייזונג, דאָס קריסטנטום, צו וועלכן איר באַקענט זיך!...

— נו, מיר באַדאַנקען זיך שיין פאַר דער ירושה. זי האָט אונז געמעגט פאַרשווינט-ווערן! ווען נישט די פאַרפלוכטע ווייבער, וואָס עס האָט זיי גערייצט דער ווייַרויך און דאָס קריסטוס-געזאַנג פון דער קאַטוילישער קירכע, ווען נישט דער פאַרפלוכטער גרעגוואַר און דער זאַקסן-מערדער קאַרל, וואָלטן מיר נאָך היינט געדינט צו אונזערע היימישע וואַלד-געטער, צו די עכטע געטער פון דער נאַטור, נישט צו דעם פאַרווייכטן, פאַרשלאַבריגטן אַזיאַטיש-יידישן גאָט פון מחילה, וואָס האָט אויסגעלאָשן אונזער קריגערישן וואַלד-גייסט!...

דער דאָקטאָר איז געבליבן זיצן דערשטוינט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ בעזעלשאַפט פון געצנדינער. מיטאַמאָל איז אים עפּעס קלאָר-געוואָרן — אַז

אײגנטלעך האָט דאָס פֿאָלק, פֿאַר װעלכן ער האָט אַזאַ גרױסן רעספּעקט, דאָס קריסטנטום נאָך גאָרנישט אָנגענומען! אפשר האָט דער דאָקטאָר שרײַער רעכט, אפשר זענען טאַקע די װאָלר-געטער די אײנציק-צוגעפּאַסטע אמונה פֿאַר דער נאָרדישער ראַסע... דער דאָקטאָר איז בלײַך-געװאָרן.

— איך װעל אײַך דערױף גאָרנישט ענטפֿערן. איך װעל דאָך נישט צװישן קריסטן דאָס קריסטנטום פֿאַרטײדיגן. אפשר האָט איר רעכט: דאָס קריסטנטום איז נישט צוגעפּאַסט פֿאַר דעם דײַטשן מענטש. דער פֿראַנצױז, אַז ער בונטעװעט זיך געגן דער אמונה, װערט ער אַן אַפּיקורס, דער דײַטש — װערט אַ געצנדינער. די דײַטשע קריסטלעכע מיסיע איז געקױפֿט-געװאָרן דורך גרױזאַמקײט. דאָס דײַטשע הײליגטום איז געשאַפֿן-געװאָרן דורך אַכזריות. גרױזאַמקײט איז דאָס פֿײַער, אין װעלכן עס גליט זיך אױס דער דײַטשער דיסציפּלינירטער כאַראַקטער. איר האָט אפשר רעכט: די ײדיש-קריסטלעכע אמונה, װעלכע פּרעדיגט הכנעה און מחילה, איז נישט צוגעפּאַסט פֿאַר אײַך. איך ראָט אײַך זי אױפֿצוגעבן!...

— איך האָב ערגעץ-װאו געלײענט, אַז דאָס ערשטע מאַריאַ-בילד געפֿינט מען אין אינדיע. קריסטוס איז געװען אַ הינדוס! איז עס װאָר, הײנריך? — פֿרעגט די דאַמע דעם דאָקטאָר.

— דאָס װײס איך נישט, מײַן ליבע. װעגן דעם מוזסטו דעם דאָקטאָר שרײַער פֿרעגן. ער, זעט זיך אױס, האָט זיך פֿיל מיט טעאָלאָגיע אָפּגעגעבן. נאָך מײַן אױפֿפֿאַסונג איז דער דײַטשער קריסטוס גיכער געװען אײנער פֿון די הונען, אַ װאַנדאַל אײדער אַ הינדוס...

די דאַמע האָט געגעבן אַ קלימפּער מיט אירע אָרנאַמענטן פֿון די אױערן-רינגלעך.

— װי אַזױ, אײנער פֿון די הונען?

— אױך די הונען זענען געװען אין דײַטשלאַנד, װי די װאַנדאַלן. און יעדעס פֿאָלק באַשאַפֿט זיך זײַן גאָט לױט זײַן אײגענעם אידעאַל. האָב איך רעכט, דאָקטאָר?

דאָס איז געװען אַן אַרױספֿאָדערונג.

— מײנסטו נישט דערמיט צו זאָגן, אַז דער גערמאַני-

שער אידעאַל פון דער געטלעכקייט איז דער פון די הונען, פון די וואַנדאַלן, פון די „באָשען", ווי די פראַנצויזן רופן זיי? — פרעגט די דאַמע, און אירע אויגן, וואָס האָבן ביז־איצט פאָספאָר געוואָרפן, בלייבן שטיין שטיל, ווי גרויע, שלעכט־אָנזאָגנדיגע טייכן. די טאָרטור־אינסטרומענטן אויף אירע הענט געבן אַ געדרוועזן קלונג און מען זעט, אַז עס וועט עפּעס געשען, פון וואָס דער עולם ווערט זייער געשפּאַנט.

— איך פאַרשטיי נישט, מיין טייערע, וואָס דו רעגסט דיך אויף. האָסט דו דען נישט געלעזן, ווי דו דערקלערסט, אַז קריסטוס האָט פון הינדוסן אָפּגעשטאַמט. האָט דען דער געערטער דאָקטאָר דאָ נישט איינמאָל דערקלערט, אַז ער האָט באַוויזן, דאָס קריסטוס איז אַ ריינער אַריער, דערצויגן פון אַ יידישער מוטער און אַ גערמאַנישן זעלנער? יאָ, ווען איר אַליין נעמט אייער העכסטע הייליגקייט און וואַלגערט עס אַרום אין דער בלאָטע; ווען ביי אייך אַליין איז נישטאָ קיין גרעניצן, וואו מען מעג גיין וואו מען טאָר נישט איבערטרעטן; ווען איר וואַרפט זיך אַזוי מיט שפּעקולאַטיווע מעגלעכקייטן וועגן דעם אָפּשטאַם און מקור פון די העכסטע הייליגקייטן אייערע אָן יעדע סקרופּולן, פאַרוואָס זאָל מיר נישט דערלויבט זיין, אַ פרעמדן, אַ באַמערקונג צו מאַכן, אַז צווענטזיג שטאַמט גאָר קריסטוס אָפּ פון די הונען... נאָך אַלעם זענען דאָך די הונען געווען אין דייטשלאַנד! האָב איך רעכט, דאָקטאָר?

— געוויס, — ענטפערט דער דאָקטאָר שרייער, — עס וואָלט מיר פיל ליבער געווען, ווען קריסטוס שטאַמט־אָפּ פון די הונען, ווי פון די יידן. ער וואָלט זיך דאַן גיכער צוגעפּאַסט צו אונזער פאָלקס־כאַראַקטער. איך וויל בעסער האָבן אָן עכטן נאַטור־מענטש אַלס געטלעכן פאָרבילד, וועלכער איז מיר נאָענט, ווי אַ פאַרווייכטע, צעקראָכענע אַזיאַטישע געשטאַלט, וועלכע איז מיר פון דער נאַטור־אויס פרעמד.

— גו, אַלזאָ, האָב איך דאָך רעכט.

נאָר דאָ איז עפּעס־וואָס געשען. ד"ר שרייער האָט צום ערשט אַ גוטן שלוק־געטון פון זיין קאָניאַק־גלאָז, צורעכט־געמאַכט זיך זיין באָרד און אָנגעהויבן:

— ניין, דער ענין מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל ריכטיג

אויסגעקעמפט-ווערן. ער מוז פאַר אונז אַליין קלאָר-ווערן. איך זע, מיינע הערן, דאָס מיין באַמערקונג האָט אַרויסגערופן פאַר-פרעמדונג. טאָ דערלויבט מיר — כאָטש עס פּאַסט נישט אפשר אין די ראַמען פון אונזער היינטיגן אָוונט, וועלכער זאָל זיין אייגנטלעך אַ געמיטס-אָוונט לכבוד אונזער דאַמע — דאָ מיינע טעאָריען, וועלכע איך האָב אין מיין פיר-בענדיגן ווערק אַנט-וויקלט און באַגרינדעט אויף שטרענגע וויסנשאַפטלעכע פאָר-שונגען, באַאַרבעט מיט אַן עכט-דייטשער דיסציפּלינירטער מעטאָדע, און וועלכעס קאָן איבער געוויסע איינפלוסן נישט דערזען די ליכטיגע שיין, אַנטוויקלען אָבער דעם ענין איז אַזוי וויכטיג, פאַר אונז אַזוי נויטווענדיג, אַז מיר באַדאַרפן עס טון. מיט אייער דערלויבעניש, געערטרוד, וועל איך דעם גע-ערטן דאָקטאָר דערקלערן מיין שטאַנדפונקט, כדי ער זאָל וויסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם חילוק, וואָס עס איז צווישן אונז, דעם אַפּגרונט, וואָס שטייט צווישן אונז, וואָס איז נישט איבערצושפּרייזן.

דער דאָקטאָר שרייער האָט נאָך אַ גוטן שלוק-געגעבן פון זיין קאָניאַק-גלאָז און האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערצואַנטוויקלען זיין טעאָריע — צו דעם אינטערעס פון אַלע אַרומיגע. און מען מוז מודה-זיין, אַז ער האָט דעם דאָקטאָר היינריך גלייך אויף אַלע פיר אָוועקגעלייגט.

— אַ רעליגיע, — האָט ער אָנגעהויבן און דערביי מיט זיינע הענט זשעסטיקולירט, ווי ער איז עס געוואוינט פון זיינע אָפטע רעדעס, וואָס ער האָט לעצטנס געהאַלטן אין אַ געוויסער קנייפּע אין זיינע אַגיטאַציע-שטונדן. — אַ רעליגיע מוז דאָך זיין פאַרוואָרצלט אין דעם פאָלק דורך דער געגנזיי-טיגער ווירקונג, וואָס די רעליגיע און דאָס פאָלק ווירקן-אויס איינער אויפן אַנדערן. מיט אַנדערע ווערטער — די רעליגיע איז דער כאַראַקטעריסטישסטער און שעפערישסטער לעבנס-קוואַל פון דעם פאָלק. ער איז דער אורשפרינגלעכער דערציער פון דעם גייסטיגן און מאָראַלישן מהות, לויט וועלכן דער פאָלקס-כאַראַקטער ווערט געבילדעט. ער איז, אַזוי צו זאָגן, זיין קוואַל און זיין קאָריטע. דורך דעם האָבן זיך די אור-פעלקער יעדער איינער געשאַפן זיינע געטער, אַרויסגערופן

דורך דער פאַנטאַסטישער באַגאַבונג פון דעם פאָלק און אויס־געקנעטן פון די ספערישע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן דאָס פאָלק אַרומגערינגלט, פון זיין לאַנדשאַפט, קלימאַט, פון זיין קאַמף מיט דער נאַטור. מיט איין וואָרט — פון דער אַטמאָספערישער מאַטעריע, פון וועלכער דער באַטרעפנדער מענטש פון פאָלק איז אַליין געקנעטן. די סימבאָלן פון דער רעליגיע, וואָס זענען אייגנטלעך דאָס איינציגע פאָזיטיווע פּאַרהאַנענע אין דער רעליגיע, דאָס הייסט, דאָס אייגנאַרטיגע, דאָס אינדיווידועלע פון יעדער רעליגיע (רעליגיע אַלס טרעגער פון דער געטלעכ־קייט איז פאַר דעם מענטש אומפאַרשטענדלעך, דורך דעם — אומעקזיסטירבאַר), די סימבאָלן, אַלזאָ, פון דער רעליגיע, וואָס זענען די איינציגע ווירקנדיגע פאַקטאָרן פון דעם געגנזייטיגן פראָצעס, וואָס מענטש און גאָט ווירקט־אויס איינער אויפן אַנ־דערן זענען צוגעפאַסט לויט דעם כאַראַקטער, אויפפאַסונגס־פעאיגקייט פון יעדן פאָלק באַזונדער. דורך דעם קאָן יענץ פאָלק נאָר ריכטיג אָנגערופן־ווערן מיט דעמדאָזיגן נאָמען און איז בכוח זיינע אינדיווידועלע פעאיגקייטן אויסצואווירקן, וועלכעס באַזיצט זיינע אייגענע אָריגינעלע רעליגיעזע סימבאָלן, וואָס עס האָט זיך אַליין געשאַפן, אויס זיין אייגענער אינדי־ווידואַליטעט אַרויסגעהויבן און נישט איבערגענומען אָדער גע־ירשנט פון אַנדערע. די יידן האָבן זיך נאָר דערפאַר אַזוי לאַנג געקאָנט דערהאַלטן, נישט געקוקט אויף דעם פאַרטיידי־גונגס־קאַמף, וואָס די וועלט האָט געפירט געגן זיי, ווייל זיי האָבן אויפגעהאַלטן זייערע אייגענע רעליגיעזע סימבאָלן, דאָס הייסט, זיי האָבן איינגעהאַלטן די קוואַלן, וואָס באַפרוכפערן די נאַציע. דערפאַר אָבער האָבן זיי נישט געלאָזט די אַנדערע פעלקער איינהאַלטן זייערע געטער, נאָר אָנגעוואָרפן אויף זיי די יידישע געטלעכע סימבאָלן — נישט אין אָריגינאַל, דאָס האַלטן זיי פאַר זיך, נאָר באַאַרבעט און צוגעשניטן לויט דעם געשמאַק פאַר די גויים. אַביסל האָט דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס אַוועקגענומען די שאַרפקייט און די אייגנאַרטיגקייט, וועלכע זענען באַשטימט פאַר יידן, כדי די גויים זאָלן זיך נישט אָפּ־שרעקן פאַר זיי: מוחל־געווען אויף מילה, אויף שבת א. ד. ג. אַביסל האָבן שוין שפּעטער די פעלקער אַליין די פרעמדע

אָנגעוואָרפענע יידישע סימבאָלן איבערגעאַרבעט לויט זייער אייגענעם לעבנס-שטייגער, לויט זייער אייגענעם געשמאַק. אָבער דער מקור, די גאַנצע אויפפאַסונג פון די קריסטלעכע סימבאָלן איז פאַר די נאָרדישע פעלקער אַ פרעמדער, אַן אומפאַרשטענדלעכער, אַ פאַרגוואַלדיגונג געגן זיין כאַראַקטער און גייסט, אַרויפגעצוואונגען אויף אים דורך שווערד-און-אייזן, דורך אָפשרעקנדיגע מיטלען, דורך קאַטוילישע מעדיצינישע כישופן. דער נאָרדישער מענטש, דער גערמאַנער האָט זיך שטענדיג ווי אַ ווערלאָזן קינד פאַרטיידיגט געגן דער פרעמדער אַזיאַטישער לערע און געזעצן, וואָס מען האָט אויף אים אָנגעוואָרפן, ווייל עס איז געווען געגן זיין כאַראַקטער און געוואוינהייטן. וואָס האָט ער געקאָנט טון? האָט ער די פרעמדע אָנגעוואָרפענע געטער אַריינגענומען אין זיין ווירקונגס-קרייז. די פרעמדע לערע האָט אים געלערנט הכנעהדיג צו זיין, קיין בלוט נישט צו פאַרגיסן, פאַר אַ פאַטש אין איין באַק די צווייטע אויסצושטעלן. זיין קריגס-נאַטור האָט אָבער געפאָדערט פון אים זיין טעטיגקייט, האָט ער אויסגעטראַכט רעליגיעזע מלחמות, קרייץ-צוגן פאַר דעם נייעם גאָט, רעפאָרם-קאַמפן, כדי ער זאָל קאָנען זיין נאַטירלעכן מענלעכן כאַראַקטער אָנהאַלטן. ניין, די פרעמדע סימבאָלן, ווי זיי זענען נישט דורך יידישע דריידלעך פון דעם פאַריזער, תלמודיסט פאַולוס צוגעשניטן פאַר די גויים, קלעבן זיי זיך נישט צו אונז, האָבן זיך קיינמאָל נישט געקלעבט. ביז-איצט איז עס געווען אַ שאַנד זיך אין דעם מודה-צו זיין, איצט שעמען מיר זיך נישט מער!... די גלחים און די יידן (יאָ, מיינע הערן, זיי גייען אָפט צוזאַמען) האָבן אונז געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז ציוויליזאַציע, פאָרטשריט, מענטשלעכקייט און אַלע אַנדערע גוטע זאַכן גייען האַנט-אין-האַנט נאָר מיט דער קריסטלעכער אמונה. — אַ נייער שווינדל די גויים אָפצוגענאַרן, וואָס דער יידישער גייסט האָט אויסגעטראַכט. מען האָט מורא-געהאַט נישט פאַרשריגן צו ווערן פאַר באַרבאַרן, פאַר ווילדע, און מען האָט געטראָגן שווער דעם יאָך פון פרעמדן גאָט, פון פרעמדע אָנגעוואָרפענע סימבאָלן. אָט האָבן די יאַפאַנער באַוויזן, אַז מען קאָן זיין אַ גרויס מאָדערן ציוויליזירט פאָלק, מען קאָן גרויסע קריסטלעכע

מאַכטן באַזיגן אַפילו און דאָך דערביי די אייגענע היימישע געטער געטריי-בליבן. די מאַכט פון די יאַפּאַנער, זייער גרויסע פאַרגאַנגענע ציוויליזאַציע, זייער אָנגעזעען אָרט צווישן די פעלקער פון דער וועלט, זייער פּראָגרעס אויף אַלע געביטן פון די מענטשלעכע קולטור-צווייגן האָבן זיי נאָר צו פאַרדאַנ־קען דעם אור-אַלטן נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס איז דער סימבאָל פון זייער געטלעכקייט. קיין שום קריסטלעכע לערע האָט נישט דערצויגן אַזאַ זעלבסט-אָפּפערונגס-פעאיגקייט פון יחיד פאַר דעם וואויל פון כלל, ווי דער אַלטער נאַציאָנאַל־גייסט ביי די יאַפּאַנער. נאָך פאַר שפּענגלערן האָב איך אָנגע־וויזן אין מיין דרייבענדיגן ווערק — באַארבעט מיט עכט־דייטשער דיסציפּלינירטער מעטאָדע — אויף דער יאַפּאַנישער געפאַר פאַר די אייראָפּעיִשע פעלקער. ווייל אונז האָט דאָס יידנטום פאַרווייכט, די יידישע סימבאָלן האָבן פון אונז אונזער נאַציאָנאַלן קריגס-כאַראַקטער געראויבט, אונזער שטאָלץ געבראָכן און איינגעפלאַנצט אין אונז אַן אַזיאַטישע הכנעהדיגקייט, וואָס דער יידישער גייסט האָט אָנגעוואָרפן אויף אונז, כדי אונז צו באַהערשן. ניין, שוין העכסט צייט אויסצורוימען דעם אַלטן שטויב, אָפּצוזאָגן זיך פון דער יידישער הערשאַפט און צוריקצוקערן זיך צו אונזערע היימישע נאַטור-געטער, צו וואָטאַן און צו זיין זון דאָנאַר. האָך פאַר די היימישע געטער! האָך! — און ער האָט זיין גאַנצן קאָניאַק-כוס, וואָס די דאַמע פון הויז האָט אים געהאַלטן אין אָנגיסן, אויסגעטרונקען.

אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט אויף ד״ר היינ־ריך. וואָס וועט ער זאָגן? ער האָט באַשטימט ביי זיך נאָר־נישט צו ענטפערן. ער איז טרויעריג-געוואָרן. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און געפרעגט אין שפּאַס:

— צו דעם מיט די באַקן-ציינער, וואָס שטאַרן אים פון בּרייטן פּיסק אַרויס?...

— יאָ, צו דעם מיט די באַקן-ציינער. די באַקן-ציינער פון גאָט דאָנאַר יאָגן-אָן אַן אימה אויף אַלע שונאים. די וועלף און לייבן דערשרעקן זיך פאַר זיין ברום אין וואַלד און די ווערים קריכן אַלע אין די לעכער אַריין פאַר זיין שטורעם און בליץ. דאָס זענען נאַטור-סימבאָלן, ווירדיג פאַר מענטשן

פון מענלעכן כאַראַקטער נאָכצוטון. די באַקן-ציינער פון גאָט דאָנאַר דערצװיגן אונזער קאַמפּס-גײַסט. פּונקט װי פאַר דעם גאָט אין װאַלד, אַזױ מוזן די פעלקער פון דער װעלט זיך שרעקן פאַר די גערמאַנישע באַקן-צײנער... די באַקן-צײנער פון גאָט דאָנאַר אָדער „טאָר" מוזן װערן דער געט-לעכער סימבאָל פון נאָרדישן מענטש, נישט דער פאַרשלאָמ-פּערטער יידישער קרייץ...

דער ד"ר היינריך איז געבליבן זיצן שטיל.

— נו, װאָס זאָגסטו דערצו? — פרעגט די דאַמע.

— איך האָב דערויף גאָרנישט װאָס צו ענטפערן, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט ערנסט און איז פאַרשװיגן-געװאָרן.

און אַלע האָבן געמוזט צוגעבן, אַז דאָקטאָר שרייער האָט שוין מיט איין קלאַפּ נישט נאָר דעם „יידישן גאָט" אָװעקגעלייגט, נאָר אויך זיין קאָנקורענט צום האַרץ פון דער דאַמע, דעם דאָקטאָר היינריך באָדענהיימער.

װער װייסט, מיט װאָס דער אָװנט װאָלט זיך געװען געענדיגט, װען עס װאָלט זיך נישט פּלוצלינג באַװיזן אין דער טיר די דינסט עמאַ מיט אַ פאַרלעגענער באַזאָרגטער מינע.

— װאָס איז, עמאַ? — פרעגט די מאַדאַם פון הויז.

— דער דאָקטאָר באָדענהיימער װערט פאַרלאַנגט צום טעלעפאָן.

— איך? — װאונדערט זיך דער דאָקטאָר היינריך.

— יאָ. און זייער דרינגענד, זאָגט מען.

דער דאָקטאָר האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך צו באַפרייען פון דער געזעלשאַפט, אויפגעהויבן זיך פון אָרט און מיטן טיכל זיך געװישט דעם שװייס פון קאַרג, װאָס די אָנ-געשטרענגטע דיסקוסיע האָט ביי אים אַרויסגערופן און געאיילט זיך צום טעלעפאָן.

— „זיי מוחל, איך בין עס — העגריעטע. זיי מוחל, װאָס איך האָב דיר געשטערט..." דאָס ציטעריגע װייב-האַרץ פלאַטערט אין איר שטימע אויף דער צװייטער זייט דראָט.

— פונװאַנען װייסטו, װאו איך בין?

— זיי מוחל, איך האָב מיר דערלויבט... — הערט ער די אונטערטעניגע שטימע פון זיין װייב.

— נו, וואָס איז? — פרעגט ער אומגעדולדיג.

— עס איז עטוואָס שרעקלעכעס געשען מיט מאַקס, קום ווי אַמשנעלסטן.

— אום גאָטעס ווילן, וואָס דען?

— איך ווייס נישט. דו ווערסט דרינגענד פאַרלאַנגט!

ער האָט געוואָלט אַוועקגיין אָן זיך צו געזעגענען. ער האָט אָבער מורא־געהאַט, אַז עס זאָל נישט אויסקוקן, אַז ער אַנטלויפט פון שלאַכטפעלד. און כאָטש ד"ר היינריכס האַרץ איז געווען זייער אומרואיג, דאָך דער איינדרוק, וואָס זיין פלוצלינג פאַרשווינדן וועט מאַכן, איז אַזוי וויכטיג־געווען ביי אים, אַז ער האָט געבעטן די דינסט, אַז זי זאָל אַרויסרופן אויף אַן אויגנבליק די מאַדאַם.

— פאַרצייַ מיר, גערטרוד, איך צעשטער דיר דעם אָוונט פון דיין געבורטס־פייערונג, אָבער מען האָט מיר אָנגעקלונגען פון דער היים. איך מוז אַוועקגיין.

— אָך, אום גאָטעס ווילן, דו האָסט זיך דאָך נישט באַליידיגט איבער דעם דאָקטאָר שרייער. איך האָב אים איינגעלאַדן, דענקענדיק, עס איז אַזוי אַמוזאַנט, ווען אירביידע דיסקוטירט. מען לערנט אַזויפיל דערפון.

— געוויס, טייערע. און איך דאַנק דיר פאַר דעם שיינעם אָוונט, אָבער לײַדער מוז איך אַוועק. מיט מיין ברודער מאַקס איז עטוואָס געשען.

— נישט עפּעס באַאומרואיגנדעס?

— לאָמיר האָפן, אַז נישט. אַ גוטע נאַכט און פילן דאַנק פאַר דעם אַמוזירנדן און „באַלערנדן“ אָוונט. — האָט ער געזאָגט מיט ביטערער איראָניע. — אָבער וואַרט נאָך, איך מוז פון מיין אָפּאָנענט אָבשיד נעמען, אַנישט וועט ער מיינען, אַז איך אַנטלויף פון שלאַכטפעלד, - זאָגט דער דאָקטאָר באַדענהיימער און גייט־צו צום עסצימער, שטעלט זיך אין דער טיר און רופט־אַריין:

— גוטע נאַכט, דאָקטאָר שרייער. צום ווידערזען אין דער וואַלהאַלאַ, וואו גאָט וואָטאַן זאַמלט זיינע העלדן... זי ווערדן זיך דאָך דאָרט געפינען!...

— איך, געווים, איר, אָבער — אין טעמפּל פון ירושלים!...

— אָפּגעמאַכט! מיין „גאל" וועט זיין דער הייליגער פּאַול...

— יקום-פּורקן!

— יקום-פּורקן, מיין געליבטער! און אַ דאַנק פאַר דער לערע, וואָס איר האָט מיר געגעבן היינט!...

## קאַפּיטל 16

# נעמי און רות

ליזעל־רות האָט אויפגענומען דעם טויט פון איר מאַן מיט שווייגן. אַ קאַלט פאַרגליווערט שווייגן האָט זיך געלייגט איבער איר פּנים, וואָס האָט דינער אויסגעשניצט און איידעלער געצייכנט די ליניע פון איר שאַרבן אונטער איר הויט; די אויגן ווי פאַרגלייזט, מיט אַ פאַרהויכטער שיין, איז זי געשטאַנען נעבן דעם קאַלטן קערפּער פון איר מאַן מיט אַן אָפן מויל, אין וועלכן די ווערטער זענען פאַרשטומט־געוואָרן. ד״ר היינריך, וואָס שטייט נעבן איר, פּרואווט זי דעליקאַט און זאַכט מיט דער האַנט אָנצונעמען. אַזוי אויך דער צווייטער שוואָגער אַדאָלף. זיי פּרואוון זי מיט דער אומבאַמערקבאַרסטער באַרירונג אָוועקצונעמען פון טויטן, זיי וואַגן אָבער נישט. זי וואַרט אַ ווייל, דאַן וואַרפט זי אַ וואָרט אַרויס פון אונטער איר שוואַרצן שלייער: „פאַרוואָס האָסטו דאָס געטון?”...

פון דענסטמאָל־אָן איז זי רויאיג, לאָזט מיט זיך טון אַלץ, וואָס מען פאַרלאַנגט פון איר. ניין, זי טוט עס אַליין. זי נעמט־אויף די נאָענטסטע קרובים און פריינד, וואָס קומען אויסדריקן באַדויערן. זי שאָקלט שטום מיטן קאָפּ אויף אַלע מיטלייד־ווערטער. דאָס וויכטיגסטע איז — זי באַשעפטיגט זיך מיט דער אַלטער מוטער. ווי שווער עס איז איר נישט געווען אַליין, האָט זי קיין אַנדערן נישט געלאָזט די מוטער ברענגען די שווערע בשורה. נאָר זי אַליין איז אַריינגעגאַנגען צו דער

אַלטער דאַמע, אָן אַ וואָרט צו זאָגן איז זי איר געפאַלן אויפן האַלז, אָנגענומען זי ביי דער האַנט און צוגעפירט צום טויטן זון... זי האָט עס קיין אַנדערע נישט געלאָזט טון. וואָרים זי, די אַמשווערסטן געטראָפענע, איז שטאַרקער און בראַווער ווי די אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער משפחה. און וואָס עס איז דער עיקר — זי איינע אַליין פון דער גאַנצער משפחה האָט נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ אויף זיך.

קיין איין טרער זעט מען אין איר אויג נישט. זי האָט זיך נאָר אויף אַ פּאָר שטונדן אָפּגעשלאָסן אין איר שלאָפצימער און קיינעמען נישט צוגעלאָזט צו זיך.

דערינען, ביי זיך אין איר צימער, האָט זי געוויינט מיט שווערע און פולע טרערן. באַלד איז זי זיי איבערגעקומען, ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט זיי. האָט זי זיי ווי שטיקער לעבעדיג פלייש אויסגעריסן פון זיך, אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן און פאַרנומען זיך דערמיט, וואָס זי האָט אַלע זיינע פאָטאָגראַפיעס, אַלע זיינע בריוו, וואָס זי האָט געהאַט פון אים, אַלע אָנדענקען איינגעפּאַקט אין אַ קעסטל און טיף באַהאַלטן אין אַ שופלאַד.

מער האָט זי נישט געוואָלט וויסן פון זיי...

וואָרים אַ מעכטיגער כּעס האָט געברענט אין איר האַרץ אויף דעם טויטן. זי האָט זיך געזען פאַרראַטן פון אים, אַזוי ווי ער וואָלט מיט אַ פרעמדער פרוי אַוועקגעגאַנגען און זי איבערגעלאָזט אַליין... ווי אַזוי האָט ער איר געקאָנט דאָס אָפּטון! נאָך די אַלע יאָרן פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן, פון טיפער פאַרשטענדניש, פון פאַרברידערטער, אויף אייביג-פאַרוואַקסענער פריינדשאַפט, צוגעהעריגקייט, נאָך מער — צוזאַמענגעוואַקסנקייט! ווי אַזוי האָט ער זי געקאָנט איבערלאָזן און אַליין אַוועקגיין? פאַרוואָס האָט ער זי נישט מיטאַריינגענומען אין זיין געהיימניש? פאַרוואָס האָט ער געהאַט סודות פאַר איר? נאָך אַזויפיל יאָרן צוזאַמענלעבן האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן פון איר, מיט אייגענע סודות. אָט דאָ אין דעם צימער איז ער געזעסן נעבן איר, געווען נעבן איר, נאָענטגעפילט זי און געטראַכט וועגן דער טאַט, וואָס ער וויל באַגיין. און ער האָט איר מיט קיין איין וואָרט, מיט קיין איין

אָנצוּגעהערעניש נישט פאַרטרויט זיינע געדאַנקען. פאַר זיך אַליין האָט ער דעם פּלאַן אויסגעאַרבעט פון אַוועקגיין. און זי, זיין לעבנסלענגלעכן פריינד, האָט ער איבערגעלאָזט הינטער זיך, ווי אַן אַרויסגעוואָרפענע שמאַטע, ווי אַ גאָרנישט...

זי האָט זיך געפילט פון דעם טויטן פאַרראַטן, אָפּגענאַרט. זי האָט אין זיין שריט געזען אַ פאַלשקייט פון זיינע געפילן און באַציאונגען צו איר, נישט נאָר בלויז דורך זיין איצטיגער טאַט, נאָר דורך זיין גאַנץ לעבן. קיין טויט קאָן דאָס נישט מכפר-זיין, און זי וועט אים דאָס נישט פאַרגעבן.

ווען זי איז אַרויסגעקומען פון איר צימער, איז זי שוין געווען רואיג און זי האָט זיך באַהערשט. דעם טויטן האָט זי נישט געוואָלט מער זען... אַזוי אויך נישט זיין זון, האַנסן.

האַנס, וועלכן מען האָט צו וויסן געגעבן פון אומגליק, האָט זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין איר צימער, וואו די מוטער האָט זיך געהאַט אָפּגעשלאָסן. האַנס איז געבליבן שטיין נעבן דער טיר אַ בלייכער, מיט ציטערנדיגע ליפּן און האָט געקוקט מיט זיינע אַרויסגעזעצטע אויגן אויף דער שווייגנדיגער אין שוואַרצן שלייער איינגעהילטער מוטער. זיינע אויגן האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו איר, בעטנדיג זיך:

— מאַמע, זיי מיר מוחל!

זי האָט אים נישט אָפּגעענטפערט. מיט קיין באַוועגונג האָט זי אים נישט דערמוטיגט, ער זאָל זיך צו איר דערנענ-טערן. זי האָט דורך איר שוואַרצן שלייער שטייף און קאַלט געקוקט אין דעם לעערן חלל, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען. איר דין מויל איז געווען פאַרשנורט, ווי פאַרצערעוועט מיט אַ פאָדים. זי האָט נישט געציטערט, זי האָט נישט רעאַגירט. אַ פאַרשטיינערטע פיגור אויס דעם איידלסטן אַלאַבאַסטער — אַזוי האָט ער זי געזען, — פונקט ווי דער פאָטער פאַרן טויט-זיצן איינגעהילט אין טרויער.

דער זון האָט געקניט נעבן איר. זי האָט זיך געלאָזט פון אים אירע קאַלטע הענט קושן. זי האָט געהערט זיין בעט-לען, זיין חלשדיג לעכצן נאָך איר פאַרשטענדניש און נאָענט-קייט. זי איז אָבער געזעסן שטיל און געשוויגן. ענדלעך

האָט זיך דער זון פֿאַרשעמט, אויפֿגעהויבן זיך און זי איבער־געלאָזט אַליין.

אויך פֿאַר די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער משפּחה האָט זי נישט אַרויסגעוויזן קיין משפּחה־צוגעהעריגקייט, וואָס צער בינדט־צונויף צווישן משפּחה־מיטגלידער. פֿאַרקערט, זי האָט זיי פּשוט צו פֿאַרשטיין געגעבן מיט מינע און באַוועגונג, דער שווערגערינס, די ייִדיש־אויסזעענדיגע העגריעטע, ווי אויך דעם שוואָגערס אַריינרייסן זיך אין אירע אינטימע געפֿילן איז איר צו לאַסט און זי ווינטשט זיך דאָס נישט. זי האָט געקאָנט פֿלאַנצן אַרום זיך דיסטאַנץ אַפֿילו איצט אין איר צער און זי האָט די משפּחה־מיטגלידער געהאַלטן פֿון דערווייטנס פֿון זיך טאַקע דורך איר האַלטונג. וואָרים די אַנדערע מיטגלידער, אַפֿילו דער דאָקטאָר היינריך האָט זיך נישט געקאָנט איינ־האַלטן פֿון נישט אַריינפֿאַלן אַביסל אין ייִדישע ספּאַזמען...

אָבער די אַממיינסטן געטראָפֿענע האָט זיך אָפּגעשלאָסן פֿון די אַרומיגע דורך איר אייזערנעם שווייגן... בלויז צו איין־איינציגן מיטגליד פֿון דער משפּחה האָט זי זיך יאָ דערנענ־טערט, און דאָס איז געווען צו דער אַלטער מוטער פֿון פֿאַר־שטאָרבענעם. אויף איר, אויף דער אַלטערס האַלז איז זי גע־פֿאַלן איין איינציג מאָל עפּנטלעך און זיך גוט אויסגעוויינט, ווען זי האָט איר געבראַכט די שרעקלעכע בשורה. זי איז פֿון דער מוטער נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט זיך מער אינטערעסירט מיט דער מוטער און געזען זי צו טרייסטן, בשעת דער טויטער איז נאָך געווען אין שטוב. זי איז צוליב דער מוטער נישט געגאַנגען אויף דער לוויה, נאָר איבערגעבליבן אינדער־היים מיט איר. זי האָט געזאָרגט וועגן איר, ווי עס וואָלט איר מער גאָרנישט אין לעבן געבליבן, נאָר דער אַלטער שאַרבן, וואָס איז איצט נאָך מער אַרומגעהילט אין שוואַרצע שלייערן און האָט זיך אין שטוב אויפֿגעהאַלטן. זי האָט גע־זען אין דעם אַ זין פֿאַר איר לעבן, איר פֿליכט און איר אויפֿגאַבע.

צווישן דער ייִדישער מוטער און דער קריסטלעכער שנור איז נאָכן טויטן אַריינגעטרעטן אַ רירנדיגע נאָענטע באַציאונג. עס האָט אויסגעזען, ווי דער פֿאַרלוסט וואָלט דידאָזיגע

צווײ פֿרויען פֿאַרבונדן אין אַן ענגער צוגעהעריגקייט. נאָך דער לוויה, ווען די צווײ פֿרויען זענען געבליבן אַליין אין דעם גרויסן הויז, האָבן זײ געזוכט אויסצופֿולן אײנער מיטן אַנדערן דעם חלל, וואָס דער פֿאַרשטאָרבענער האָט איבערגע־לאָזט אין זייערע הערצער. די אַלטע דאַמע באָדענהיימער האָט זיך בראַוו געהאַלטן דורך דער גאַנצער צייט, ווען דער טויטער האָט זיך געפֿונען אין שטוב. זי איז געזעסן אין אירע שווערע שלייערס אויף איר געקרוינטער שטול אין גרויסן זאַל ווי אַ מומיע און האָט מיט אַ קאָפּ־שאָקלען אָנגענומען די טרויער־אויסדריקן פֿון די משפּחה־מיטגלידער און פֿיל באַקאַנ־טע. זי האָט עקשנותדיק געדריקט אין זיך דעם צער, כּדי אים נישט צו באַווייזן פֿאַר מענטשן. נאָך דער לוויה איז זי צוזאַ־מענגעבראָכן־געוואָרן ווי אַן אַלטער טאָפּ. זי איז קראַנק־גע־וואָרן. ליזעל האָט אַרייַנגעשטעלט איר בעט צו דער אַלטער אין שטוב און אָכטונג־געגעבן אויף איר. קיין דינסטן זענען שוין נישט געווען, אַ חוץ דער אַלטער דינער, וואָס האָט זיך נאָך געשלעפּט אויף די פֿיס און אײַנגעשאַפֿט פֿאַר זײ דאָס נויטיגע, האָט ליזעל זיך מקריב־געווען פֿאַר דער אַלטער קראַנ־קער שוויגער. זי האָט אַליין געקאָכט פֿאַר איר, אײַגנהענטיג זי געקאָרמעט. די שנור האָט זיך נישט געשוינט צו טון פֿאַר איר יידישער שוויגער דאָס אומאָנגענעמסטע און אומבאַקוועמ־סטע. זי האָט זי געוואַשן אין איר קראַנקהייט, געפֿלעגט זי, אויפֿגעהויבן און אַראָפּגענומען. די אַלטע האָט קיין אַנדערע האַנט נישט צוגעלאָזט צו זיך, אַז זי זאָל זי באַרירן אין איר קראַנקהייט, נאָר די אַרישע שנור. איז געקומען די שווערע אַפּלייזן און העלפֿן דער שוויגער, האָט די אַלטע זי נישט צוגעלאָזן צו זיך. „דו טוסט מיר ווײ! — ליזעל האָט אַ ווייכע האַנט" — האָט זי איר געזאָגט און אַוועקגעשיקט, ווען יענע האָט געוואָלט פֿאַר איר עפּעס טון. און באַלד איז לי־זעל געווען אויפֿן אָרט, און אַזוי ווי זי וואָלט אײַפֿערזיכטיג־געווען אויף יעדער דינסט, וואָס מען קאָן דער שוויגער אַרויס־ווייזן, האָט זי קיין אַנדערע נישט צוגעלאָזט צו איר: „מוטער האָט עס נישט ליב, ווען אַן אַנדערער רירט זי אָן"... קוים האָט אַן אַנדערע דאָס געקעכץ פֿאַר דער אַלטער געקאָכט,

האָט עס איר נישט געשמעקט. זי האָט פון קיין אַנדערנס האַנט נישט געוואָלט עסן. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס לאַנגע לעבן, וואָס ביידע האָבן פאַרבראַכט אונטער איין דאַך, וואָלט צווישן זיי אַן אייגענעם סוד געשאַפן, אַן אייגענעם אַרט משפּחה-געפיל, פון וועלכן די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע זענען געווען אויסגעשלאָסן... די אַלטע האָט אַפילו אירע אייגענע קינדער נישט געוואָלט זען. ווי אַ פאַרבאָרגענע שטימע וואָלט איר געווען פאַרטרויט, אַז די ברידער האָבן געהאַט אַ שייכות צו איר זונס טויט, האָט זי דעם ד"ר היינריך נישט צוגעלאָזט צו זיך, אַזוי אויך דעם צווייטן זון, דעם קונסט-קענער אַדאָלף. „מוטער ווינשט צו זיין אַליין!" — האָט זיי שטענדיג ליזעל אַרויסגעבראַכט דעם ענטפער פון דער אַלטער, ווען די זין האָבן זי געוואָלט באַזוכן. די איינציגע פערזאָן, וואָס זי האָט פאַרטראָגן נעבן זיך, איז געווען די גויאישקע שנור.

באַלד האָט ליזעל געבערענגט די אַלטע אַזוי ווייט אין געזונט, אַז זי האָט זיך געקאָנט אויפהויבן פון בעט. דענסטמאָל האָבן זיי אָפּגעשלאָסן דאָס הויז, איבערגעלאָזט פאַר זיך צוויי צימערן, כדי זיי זאָלן קאָנען נענטער זיין מיט זיך און מער צוזאַמען. זיי האָבן זיך אַליין געקאָכט, אַליין געגעסן, איינס האָט איבער דאָס אַנדערע געזאָרגט און געוואַכט. איבער דעם טויטן איז מער קיין וואָרט נישט געפאַלן, אויך נישט איבער דעם לעבעדיגן זון. די אַלטע דאַמע האָט פאַרמאָגט אַ פיין-פילנדיגן אינסטינקט, וואָס האָט ווי אַן איידעלער אינסטרומענט אויפגעכאַפּט די געפילן און געדאַנקען פון צווייטן און איר אַנגעוויזן דעם נויטיגן טאַקט, ווי זי האָט זיך צו האַלטן. די אַלטע האָט אַדורכגעשפּירט איר שנורס געפילן בנוגע דעם טויטן... און די אַלטע האָט געהאַלטן דעם צד פון איר שנור געגן דעם צד פון טויטן... ווי דורך אומגעזעענע קאַנאַלן האָט זיך אַריבערגעטראָגן די עוולה, וואָס ליזעל האָט געפילט צו איר טויטן מאַן, אויך צו דער אַלטער: „איבערגעלאָזט זי אַליין... אַן אלמנה — אין דער שווערסטער נויט... זיך גרינג-געמאַכט... ניין, ער האָט דאָס נישט באַדאַרפט טון"... — האָט זיך די אַלטע געטראַכט און אויסגעמיטן דורך דעם צו דער-

מאָנען דעם טויטנס נאָמען, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ גאָר קיינ־מאָל נישט געווען צווישן זיי, אין ליזעלס געגנוואַרט, פאַר וועלכן די שנור איז איר זייער דאַנקבאַר־געווען. אַזוי האָט אויך איר טאָקט זי געלערנט נישט צו רעדן וועגן דעם זון. וואָרים, מערקווירדיג, אויך די אַלטע, ווי איר שנור האָט זיך איצט אין קיינעם נישט געניטיגט און פאַר קיינעם מער קיין אינטערעס נישט געהאַט, נאָר פאַר איר פרעמדער שנור, וועלכע איז אַזוי שווער געפּרואווט־געוואָרן פון מזל.

— גיי דאָך, ליזעל, אַרויס, עס איז אַזוי שיין אינדרויסן. וואָס וועסטו זיצן נעבן מיר? — פלעגט זי די אַלטע יאָגן שפּאַצירן.

— אָ, מוטער, וואו וועל איך גיין? מיר איז גוט נעבן אייך.

„אַ יונגער מענטש פאַרפינסטערט איר יונג לעבן, געלאָזט זי אַליין... איך האָב עס כאָטש גוט־געהאַט אין מיינע אלמנה־יאָרן... קינדער געהאַט, אַ הויז. און זי — אַ פרעמדע איז זי געקומען צו אונז. דאָס איינציגע, וואָס זי האָט געהאַט, איז געווען איר מאַן, און ער גייט און לאָזט זי אַליין... אָך, מע־נער זענען עגאָיסטן"... — האָט די אַלטע פאַראיבל־געהאַט אויפן טויטן זון.

— איך וועל שוין די קאַרטאָפל אָפּקאָכן. דו גיי אַ ביסל אַרונטער אין טיערגאַרטען. גיי, עס איז שיין אינדרויסן. זיץ נישט נעבן מיר! — האָט זי געיאָגט די שנור שפּאַצירן צו גיין.

— קומט, איך וועל אייך אויפן באַלקאָן זעצן, איך וועל די קאַרטאָפל שיילן נעבן אייך.

און נאָך איין אינטערעס האָט זי געהאַט אין לעבן, די גויאישקע שנור, און דאָס איז געווען — צו דערהאַלטן די פירמע פון איר מאַנס עלטערן און נישט צו לאָזן זי אַריינ־פאַלן אין פרעמדע הענט. מיט די ציין האָט זי געקעמפט פאַר יעדער אָבליגאַציע, פאַר יעדן שטיקל גוטס פון דער פירמע. עס איז געווען ביי איר ווי אַן ערן־זאַך אויסצופירן די צוואה פון טויטן: צו היטן די פירמע. די משפּחה האָט אָבער שוין געהאַט גוט צוגעהונגערט, געלעבט האָט מען דערפון, וואָס דער קונסט־ליבנדער ברודער האָט איצט יעדע פּאָר טעג גע־

טראָגן אַן אַנדערע קונסט-זאַך פון שטוב צו פאַרקויפן, פאַר וועלכע מען האָט טאַקע באַקומען פיינע פרייזן. נאָר איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, איז פון דעם געלט גאָרנישט גע-וואָרן. מען האָט שוין געהאַט אַרויסגעטראָגן אַ העלפט פון דעם מעבל, אַלץ, וואָס מען האָט נישט באַדאַרפט. אָבי נאָר נישט אָנצוקומען צו דעם, צו מוזן פאַרקויפן אַ ווערט-זאַך פון דער פירמע אָדער אָפּצונעמען אַ חוב, וואָס האָט שוין איצט מער גאָרנישט אָנגעטראָפן. אָבער לאַנג האָט אַפילו ליזעל מאַרטינס נישט געקאָנט קעמפן געגן דעם לייב — די אינפלאַציע, וואָס האָט געפרעסן דאָס אָנגעזאַמלטע גוטס פון מענטשן און קיינער האָט נישט געקאָנט זיין מויל פאַרמאַכן... אמת, פאַר זיך האָט זי ווייניג באַדאַרפט, זי האָט זיך באַגנוגן-געלאָזט מיט דעם איינפאַכסטן און באַשיידנסטן. זי האָט געגעסן, וואָס דער אַלטער דינער האָט איר איינגעקויפט: אַרבעס, מאַקאַראָ-נען, קאַרטאָפל, באַשמאַלצן מיט מאַרגאַרינע. אָבער פאַר דער אַלטער דאַמע האָט זי געזען, אַז איר עסן זאָל זיין באַשמאַלצן מיט עכטער פּוטער, נישט מיט די נייע ערזאַצן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין מאַרק, מיט וועלכע זי האָט זיך אַליין באַגנוגן-געלאָזט. אָבער אַ חוץ זיי האָט די גאַנצע משפחה געלעבט פון דער פירמע: דער דאָקטאָר היינריך, דער צווייטער ברודער אַדאָלף, אויך דער זון האַנס, וועלכער איז נאָך דעם פאָטערס טויט געוואָרן לויט דער צוואה אַ באַטייליגטער אין דער פירמע. זיי האָבן אַלע איצט געהונגערט, געלעבט פון דעם, וואָס מען האָט ווערט-זאַכן פונדערהיים אויספאַרקויפט. ענדלעך האָט זי געמוזט נאָכגעבן, ליזעל מאַרטינס, אונטער דעם דרוק פון דער משפחה. די אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן אַדורכגעפירט די טראַנזאַקציע פון איבערנעמען די פירמע „באַדענהיימער היפּאָ-טעקן-אַנשטאַלט" דורך דער „מזרח-באַנק" (דאָס הייסט, דורך יודקעוויטשן), האָבן איר פאַרזיכערט, אַז אייגנטלעך, אַ חוץ דעם נאָמען, האָט די „מזרח-באַנק" גאָרנישט מער איבערצו-נעמען פון דער היפּאָטעקן-אַנשטאַלט. די גיטער פון דער היפּאָטעקן-אַנשטאַלט, אירע חובות, וואָס זי האָט שטיין אויף די הייזער, זענען ענטוועדט, אירע גרונט-שטיקער און הייזער באַלאַנגען שוין פון לאַנג צו דער „מזרח-באַנק" דורך די פרייע

אָבליגאַציעס פון היפּאָטעקן-אַנשטאַלט, וואָס די „מזרח-באַנק" האָט אויפגעקויפט אויפן פרייען מאַרק. מען האָט איר פאַרזיכערט, אַז דער אָפּפער, וואָס די „מזרח-באַנק" מאַכט, אויסצוצאָלן אַ יערלעכע רענטע צו די יורשים פון דער פירמע „באָדענהיי-מער היפּאָטעקן-אַנשטאַלט", איז אַזאַ גינסטיגער, גלייכצייטיג אַזאַ משוגענער און פרייגיביגער, אַז ווען זיי וועלן דורכלאָזן די געלעגנהייט, איז נישטאָ קיין אויסזיכט, אַז ווער אַנדערש זאָל עס זיי געבן. די פירמע מוז סיי-ווי-סיי אונטערגיין און עס וועט זיי אויסקומען צו פאַרהונגערן. צום סוף איז זי מער נישט געווען ביכולת אַדורכצוזעצן איר ווילן געגן די אַנדערע מיטגלידער פון דער משפּחה. מער פון אַלעם האָט זי באַזיגט די „פוטער", אין וועלכער זי האָט זיך געגוויטיגט צו באַשמעלצן די זופּ פון איר שוויגער. יאָ, אויך ליזעל מאַרטינס מיט איר גאַנצן עקשנותדיגן און אויסגעהאַמערטן כאַראַקטער איז ווי אַ שטרוי פון ווינט דורך דער צייט געטראָגן-געוואָרן אין מויל פון דער אינפלאַציע. זי האָט געמוזט געבן איר צושטימונג, אַז די פירמע „באָדענהיימערישע היפּאָטעקן-אַנשטאַלט" פון די ברידער באָדענהיימער זאָל אַריבער אין פרעמדע הענט, אין די הענט פון אַ פרעמדן „אַהערגעלאָפענעם" אָסט-יודע...

אָבער נישט פריער, ביז זי איז נישט געצוואונגען-געווען אויסצופאַרקויפן פון שטוב אַרויס דאָס שויבן-שענקל מיט די פאַמיליע-רעליקוויעס, מיט וועלכן יודקעוויטש האָט זיך אַזוי בעהאַט פאַראינטערעסירט, ווען ער האָט צום ערשטן און דאָס איינציגע מאָל באַזוכט דעם שעף פון דער פירמע „באָדענהיי-מער" אַנומלט אַ פרייטאָג-צונאַכטס אין זיין רייכער ווילע אין טיערגאַרטען. דאָס שענקל מיט די פאַמיליע-רעליקוויעס האָט טאַקע יודקעוויטש דורך זיין מענטש קעניגסבערג איינגע-האַנדלט פאַר זיך אויף דער ליציטאַציע, וואו עס איז אַרויס-געשטעלט-געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע באָדענהיימערישע מעבל-שטיקער.

רות-ליזעל מיט איר שוויגער, די אַלטע מאַדאַם באָדענ-היימער, האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין זייער קליינער וואוינונג, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט אין דער ווילע און פון קיינעם נישט געוואָלט וויסן, נישט פון די לעבעדיגע, אויך נישט פון

די טויטע. איצט איז זיי שוין גאָרנישט געבליבן קיין בשותפות־דיגס מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער משפחה. זיי האָבן געלעבט בלויז מיט זיך.

---

איבער זיין קאַבינעט האָט זיך ווידער אַרויף־און־אַראָפּ געדרייט דער דאָקטאָר היינריך און האָט געהאַלטן ווידער עפּעס אין דיקטירן זיין ווייב. דאָס מאָל אָבער האָבן זיך די ווערטער נישט געשיט ביי אים ווי פּערל פון מויל, צו וועלכן דער דאָקטאָר איז אַזוי צוגעוואוינט־געווען. כאָטש די טעמע איז געווען אַזעלכע, וואָס איז געווען נאָענט צו זיין האַרץ. דאָס איז געווען: „איבער דער מענטשלעכער בחירה". — „מיר האָבן נישט קיין באַווייז, אַז דער מענטש איז עפּעס מער ווי אַ בהמה. דער איינציגער צייכן אונזערער, אַז מיר זענען עפּעס מער ווי יעדער אַנדער באַשעפעניש, איז אונזער ווילן, אונזער דראַנג נאָך דער בחירה, אונזער קלאַמערן זיך אין דער געטלעכקייט..." דאָ איז ער שטעקן־געבליבן. „אונזער קלאַמערן זיך אין דער געטלעכקייט..." און דער דאָקטאָר האָט זיך גע־האַלטן אין איין דרייען אַרויף־און־אַראָפּ איבער דעם צימער, פון וועלכן דער ווייכער טעפּיך האָט איצט געפעלט, און פיל מאָל איבערגעחזרט פאַר זיך דאָס וואָרט: „אונזער קלאַמערן זיך אין דער געטלעכקייט"... זיין שיינער הויכער שטערן האָט זיך געראונצלט און זיינע שוואַרצע געדיכטע האָר זענען לעצטנס אַביסל פאַרווייסט־געוואָרן. אין די שוואַרצע פלעקן אַרום זיינע אויגן האָט זיין אונטערטעניג ווייב, וואָס איז איצט געזעסן איינגעהויקערט איבער דעם סטענאָגראַפיע־בלאָק און דערוואַרט דאָס אויסלייזנדע וואָרט פון זיין מויל, דערקענט, אַז דער מאַן האָט זאָרגן. ער רעדט די ווערטער און זיין קאָפּ און געדאַנק איז ערגעץ אַנדערש־וואו. פון איר סטענאָגראַפיע־בלאָק אַרויס האָט זי אים נאָכגעפאָרשט און געזען, ווי ער קנייטשט זיין שטערן, ווי דאָס מויל פאַרקרומט זיך ביי אים אין אַ ווייטאָגדיגער גרימאַסע, וואָס זיין אָפּגעגאָלטע אויבערשטע ליפּ ברענגט אַזוי באַשיינפערלעך אַרויס. עס האָט איר געשניטן ביים האַרץ און זי האָט זיך געהיטן נישט צו פאַרראַטן זיך

מיט דעם קרעכץ, וואָס האָט זיך געריסן פון איר. זי האָט איצט מער געוויטאָגט פאַר אים... „דער אָרימער, וואָס ער האָט נעבעך אויסצושטיין!..."

זי האָט רעכט־געהאַט דאָס יידיש־אויסזעענדיגע ווייב זיינס. דאָקטאָר היינריך האָט געהאַט זאָרגן. אין זיין טאַש געפינט זיך איצט די רעכנונג פון דעם דאַמען־שניידער־מאַגאַזין אויף פינף און צוואַנציג מיליאָן מאַרק, וואָס זיין נאָרדישע געליבטע גערטרוד האָט אים געהייסן אַריינשיקן. אויך איז היינט דער פופצנטער שוין און ער האָט נאָך נישט אַריינגעשיקט דאָס חודש־געלט, וואָס ער צאָלט איר. אמת, ער האָט לעצטנס געמאַכט גרויס עקאָנאָמיע און דער נאָרדישער געליבטער געשניטן זייער אין איר געהאַלט. אויך ווייסט ער, אַז זי גיט זיך אַן עצה אָן אים... עס זענען דאָ אַנדערע, וואָס שטייערן־ביי צו דעם אויסהאַלט פון איר גרויס געברויך... זיי באַטייליגן זיך אין אירע הוצאות אפשר מער פאַר אים. דערפאַר האָבן זיי אפשר מער זכיות ביי איר ווי ער... זי איז גאָרנישט אַזוי אָנגעוויזן אויף אים. עס איז אים אויך אַלצאיינס. זינט יענעם געדענקבאַרן אָוונט מיט אַ מאָנאַט צוריק, ווען ער האָט געפונען, אַהיימקומענדיג פון אָוונט, זיין ברודער מאַקס אַ דערשאָסענעם אין זיין קאַבינעט, האָט ער פאַרלוירן יעדן געפיל צו דער געליבטער. „ער איז, ווינציגסטענס, פון זיין „נאָרדישער קרענק" אויסגעהיילט־געוואָרן", — האָט ער זיך געזאָגט, און ער האָט זי טאַקע דורך דעם גאַנצן חודש נאָר איין־איינציג מאָל באַזוכט, פאַר צוויי וואָכן. דענסטמאָל האָט ער איר פאָרגעוואָרפן, אַז זי האָט עקסטרע איינגעלאַדן צו איר געבורטס־טאָג דעם ד"ר שרייער און פּראָוואָצירט די גאַנצע דיסקוסיע, כדי אים אָן אָוונט צו פאַרביטערן. עס איז צוליב דעם צווישן זיי אַרויסגעקומען אַ גאַנצע מחלוקה, וואָס האָט זיך געענדיגט דערמיט, אַז איר הונט „מאָרד־שלאַג" (וואָס זי האָט די גאַנצע צייט ווי אַ באַשיצונג נעבן זיך געהאַלטן בעת דעם געשפּרעך) האָט זיך געוואָרפן אויף אים און שיער אים נישט צעדורסט אַ לעבעדיגן. מען האָט אים געמוזט אָפּמינטערן מיט קאַלט וואַסער, דעם דאָקטאָר, פאַר שרעק. ער האָט פאַרלאָזט איר צימער אַ ברוגזער און געמיינט, אַז אַלץ איז שוין אויס. און

טאַקע האָט ער פון איר מער נישט געהערט די לעצטע צוויי וואָכן. איצט מיטאַמאָל — די רעכענונג פון מאַגאַזין אויף גאַנצע פינף און צוואַנציג מיליאָן פאַר צוויי זומער-קליידער און אַ מאַנטל, די נויטיגע דערצו הוט און שיך. דערביי איז געווען צוגעלייגט אַ צוקער-זיס ליבעס-בריוול, באַקלאָגנדיג זיך, „פאַרוואָס ער באַווייזט זיך אַזוי זעלטן, אַז זי דערוואַרט אים אויף מאָרגן פינף אַזייגער צום טיי, ווי זי וויל אים באַווייזן אירע נייע „קרעאַציעס" אין גרין. אפשר וועט זי פאַר אים דעם גאַנצן אָוונט רעזערווירן און אָפּפערן פאַר אים די ברידזש-פּאַרטיע, וואָס זי האָט שוין אָפּגערעדט. פרייליין ס... און „מאָרד-שלאַג" וועלן זיין אָפּוועזנד", פאַרזיכערט זי אים מיט גערירטקייט אין בריוול. ער ווייסט, וואָס דאָס הייסט: דאָס דערוואַרט זי, ער זאָל איר מאָרגן ברענגען דעם חודשלעכן געהאַלט... נישט נאָר בלויז וועגן געלט גייט עס, נאָר אויך צו באַנייען די באַציאונגען.

אָפּגערעדט פון די געלט-זאָרגן, וואָס דער דאָקטאָר האָט, וואָס ער ווייסט נישט, פונוואַנען דידאָזיגע געוואַלטיגע סומען צו נעמען, איז אים די באַנייאונג פון די באַציאונגען, וואָס זי וויל צוריק אָנקניפּן, גאָרנישט צום האַרצן. ער וואָלט געוואָלט זיך פונאַנדערגיין מיט איר אין גוטן, ווי עס פּאַסט פאַר אים, מיט ערע. אַז זי זאָל נישט דערנאָך האָבן פאַרצוואַרפן זיין יידישקייט... אַ חוץ די געלט-זאָרגן, וואָס פילן-אָן זיין קאָפּ און געדאַנק, טראַכט אויך דער דאָקטאָר וועגן אַ פּאַסנדיגער, ווירקנדיגער פאָרם, ווי אַזוי דאָס פאַרהעלטעניש מיט דער „נאָרדישער געליבטער" אויפצולעזן... „אַלס ייד מוז איך אין דער דעליקאַטער געלעגנהייט זייער אָפּגעהיטן-זיין..." איך קאָן מיר נישט דערלויבן דאָס, וואָס אַנדערע וואָלטן געטון. יעדנפאַלס מוז ער די לעצטע רעכנונג, וואָס זי האָט אים אַריינגעשיקט, דעקן. פון דעם איז קיין רייד נישטאָ. דאָס איז אַן ערן-זאַך... וואָס אָנבאַטרעפט אויפן פונקט פון ערע, איז דער דאָקטאָר היינריך דווקא אַלס ייד זייער שאַרף און פאָרזיכטיג...

ווי איינגעליבט דער דאָקטאָר איז נישט געווען אין זיך, ווי בלינד ער אין נישט געווען בנוגע צו אַלע זיינע אַרומיגע,

ווי ער האָט זיך נישט געזעגן אין מיטלפּונקט פון זיין אומגעבונג, פאַר וועלכן אַלע באַדאַרפן נאָר לעבן און עקזיסטירן, אַז אַלע אַנדערע, אַ חוץ ער, באַדאַרפן זען אים צו באַפרייען פון די קליינע מאַטעריעלע נויטן, כדי ער זאָל קאָנען אויספירן אַלע זיינע התחייבותן פאַר דער געזעלשאַפט, האָט ער דאָך נישט געקאָנט פאַרפעלן איינצוזען, אַז זיין עגאָיזם האָט מיטגעהאָלפן (יעדנפאַלס געווען אַ פאַקטאָר) אין זיין ברודערס טויט. ווי פאַרעקשנט ער האָט עס נישט געפּרואווט פאַרלייקענען אין זיך, איז עס געשטאַנען פאַר אים, ווי אַ קלאָרער פאַקט. די געשעענישן אין לעצטן טאָג פון זיין ברודערס לעבן, זיין אָנרופן אים דורכן טעלעפאָן וועגן דערליידיגן די רעכנונג, זיין געשפּרעך מיט אים שפּעטער אין ביוראָ וועגן איבערגעבן די פירמע צו יודקעוויטשן, זיין געשווינד מסכים-זיין דערצו, אַז די פאָטערלעכע פירמע זאָל איבערגעגעבן-ווערן אין פרעמדע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע הענט — דאָס אַלץ האָט פון אונטער דעם ברודערס פיס אַפּגערוקט דאָס לעצטע ברעטל, אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן. יעדנפאַלס האָט דאָס געשעעניש מיט זיין ברודער, ווי אויך דער שרעקלעכער אָוונט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער געזעלשאַפט, וואָס זיין „נאָרדישע געליבטע" האָט פאַרבעטן צו איר געבורטסטאָג, גורם-געווען, אַז דער דאָקטאָר זאָל צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איינזען, אַז אַ חוץ אים זענען נאָך דאָ אַנדערע, וואָס האָבן אַ רעכט אויף זייער אייגן לעבן. דאָס וויכטיגסטע איז אָבער — ער האָט זיך אַליין דערזען, ד"ר היינריך באַדענהיימער, ווי אין אַ שפּיגל און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין נאַקעטקייט...

ער האָט זיך אַליין געזען, אַז בשעת ער האָט געפּרעדיגט די אַלע גוטע זאַכן פון ליבע, מענטשלעכקייט, אָפּפערוויליגקייט פאַר אַנדערע, בשעת ער האָט אויסגעאַרבעט פּלענער, ווי אַזוי צו דערלייזן די וועלט, האָט ער אַליין געלעבט ווי אַ ווילסטער געצנדינער, ווי אַ גאָטלאָזער עגאָיסט. אייגנטלעך, וואָס באַזיצט ער? וואָס איז ער? וואָס איז דער מאָראַלישער יסוד, אויף וועלכן ער שטייט? וואָס זענען זיינע אמתע מאָראַלישע זכיות? נישט די, וואָס ער פּרעדיגט פאַר אַנדערע... נאָר ער אַליין פאַר זיך? וואָס האָט ער אויפצואווייזן דורך זיין גאַנ-

צער טעטיגקייט איין טאַט פון אמתער אויפאָפּפערונג פאַר אַנדערע? אַלץ, וואָס ער האָט געטון בשעת דער מלחמה, אַפילו איצט נאָך דער מלחמה, (די רייזע אין באַזעצטן געביט, אויף וועלכער ער איז אַזוי שטאָלץ, וואָס ער האַלט, אַז ער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך), איז אים איצט אין דער נייער באַלויכטונג, וואָס איז געפאַלן אויפן דאָקטאָר נאָך די לעצטע געשעענישן, פאָרגעקומען פוסט-און-פּאַס, הוילער שטאָלץ, געטריבן פון אַ ספּאָרט-דראַנג, כדי זיך צו באַווייזן. ער האָט נישט געגלויבט אין די זאַכן, וואָס ער האָט געטון אין דעם באַזעצטן געביט, וואָס ער האָט געפּרעדיגט דאָרט. זיין האַרץ איז גאָר געווען מיט די, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער גאַנצער קאַמף אין באַזעצטן געביט איז אַרויסגעוואָרפן און פירט צו גאָרנישט, נאָר צום שאָדן פון דייטשלאַנד, ווי עס ווייזט זיך טאַקע איצט אַרויס. אינערלעך אין האַרצן האָט ער געגלויבט אין אמתן שלום, שלום פאַר יעדן פּרייז, אַפילו פאַרן פּרייז פון הכנעה און אונטערטעניגקייט. דאָך איז ער נאָכגעלאָפן און נאָכגעפלאַפּלט אַנדערע, ווייל אַזוי איז געווען באַקוועמער, אַזוי האָט מען זיך געקאָנט גיכער איינשאַפן ביליגע פּאָפּולאַריטעט אין די אויגן פון דער עפנטלעכקייט און זיך באַקליידן מיט נאַרישן, פוסטן שטאָלץ. און ווי ער האָט געהאַנדלט אין גרויסן מאָסשטאַב אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, אַזוי האָט ער אויך געהאַנדלט אין זיין אייגן פּריוואַט לעבן. אַפילו אין זיינע פּערזענלעכע אינטימסטע באַציאונגען איז ער געווען פאַלש צו זיך און נישט ערלעך צו אַנדערע... האָט ער ליב-געהאַט די נאָרדישע פרוי? האָט ער זיך געבויטיגט אין די געקויפטע און געצוואונגענע צערטלעכקייטן? געוויס האָט אים גערייצט איר פּרעמדאַרטיגקייט, דאָס נישט קאָנען צוקומען צו איר, די גאַנצע אַזוי פאַר אים אָפּגעשלאָסענע אַטמאָספער, וואָס איז אַרום איר, וועלכע זי האָט מיט אַזויפיל ראַפינירטקייט פאַר אים אויסגעשפּילט... די שאַרפע שפּיציגע קאַנטן פון איר פרעמד-ראַסיגן נאָרדישן קערפּער, די רויטע בלאָנדע צעפּ, איר ווייסער האַלז, די פיל אָרנאַמענטן, מיט וועלכע זי באַהענגט זיך, „מאָרד-שלאַג" נעבן איר, די גאַנצע געפּאַר, וואָס זי שאַפט אַרום זיך. אים, אַלס ייד, האָט

געדייצט צו באַזיצן דעם פּאַר אים אַזוי פּרעמד־ראַסיגן ווייבע־רישן קערפּער... אין אירע רויטע האָר ליגט דער דונער און דער בליץ פון שוואַרצן, נאָרדישן, טונקעלן וואַלד. אין יעדן איר קאַנטיק־געשניטענעם גליד דערפילט מען דאָס שאַרפע און געפערלעכע, ווי מיט געשליפענע מעססערס שניידט דיר דאָס לייב איין, וואָס דו נעמסט אַרום. דו ווייסט נישט, וואָס זי וועט טון אין אַ מינוט שפּעטער מיט דיר: „מאָרד־שלאַג" אויף דיר אָנרייצן, מיט אירע שאַרפע ווייסע ציין אין דיין לייב זיך איינבייסן, צי אַרומוויקלען דיין האַלז מיט אירע שטאַרקע רויטע צעפּ און דיך דערשטיקן... דאָס געפערלעכע — דער בליץ־שטראַל פון אירע אויגן, דער בלישטשענדיגער גלאַנץ פון איר הויט, וואָס וויברירט מיט ליכט־שטראַלן, דאָס אומבאַקאַנטע האָט געפּישופט מיט זיינע רייצן ווי טונקעלע אומדערגרונטעוועטע סטאַוון... עס איז נישט געווען ווי דאָס נאָכגיביגע ווייכע לייב פון זיין יידיש ווייב, עס איז נישט דער הכנעהדיגער בליק, וואָס פאַלט פון אירע אויגן, בשעת זי בויגט דעם קאָפּ פאַר אים, ווי פאַלנדיג אונטער דער לאַסט פון חסד, וואָס זיין חשיבות וואַרפט אויף איר יעדעס מאָל, ווען ער דערנענטערט זיך צו איר און זי ציטערט־אויף מיט יעדן טראָפּן בלוט, ווען ער באַרירט זי. ניין, עס איז עפּעס אַנדערש. און טאַקע נאָר דערפאַר, ווייל עס איז אַנדערש, ציט עס אים צו איר. נאָר דערפאַר, וואָס ביז היינט האָט ער זי נאָך נישט געקאָנט באַזיצן, וואָס זי לאָזט נישט צו צו זיך און האַלט אים ווי ביים שפּיץ מעססער פונדערווייטנס פון זיך — דאָס איז איר קראַפט אויף אים. פון דער קראַפט האָט ער זיך געלאָזט אונטערטעניג־מאַכן, פון דער קראַפט האָט ער זיך געלאָזט באַליידיגן, אויסלאַכן הינטער זיינע פּלייצעס, שפּילן זיך מיט זיינע געפילן, חוזק־מאַכן אויס אַלעם, וואָס איז אים הייליג און גלויביג. און וואָס נאָך ערגער — פון דער קראַפט האָט ער זיך געלאָזט דעם כאַראַקטער פאַרדאַרבן, ליגגט זאָגן זיין גאַנץ לעבן, זיינע אייגענע געפילן צו פאַרלייקענען. אַ מענטש, וואָס איז נעבן אים, וואָס האָט אים אַלץ אָוועקגעגעבן, וואָס איין מענטש האָט דעם אַנדערן צו געבן — צו באַליידיגן, צו טרעטן מיט די פיס, וואָס נאָך ערגער — צו איגנאָרירן און נישט צו באַמערקן.

זיינע אויגן פאַלן אויף דעם גלאַטיגן פעך־שוואַרצן שייטל האָר פון זיין ווייב, וועלכע זיצט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, איינגעקאָרטשעט איבער איר סטענאָגראַפיע־בלאָק און וואַרט מיט פרומקייט אויף דעם וואָרט, וואָס וועט קומען פון אים. עס איז שוין איבער אַ האַלבע שעה, ווי דער דאָקטאָר דרייט זיך אַרויף־און־אַראָפּ איבער דער שטוב און קלערט זיינע געדאַנקען. ער איז געוואוינט דערצו — צו קלערן, בשעת ער דיקטירט זיין פרוי און דערביי צו פאַרגעסן אין איר עקזיסטענץ. זי איז דענסטמאָל גאָרנישט פאַרהאַן פאַר אים, ער זעט זי נישט און פילט נישט, אַז עס איז נאָך ווער דאָ אין שטוב מיט אים. זיין ווייב האַלט זיך אַזוי שטיל, קורטשעט זיך דענסטמאָל איין אין זיך, מאַכט זיך קלענער און אומאָנזעעוודיגער, היט זיך הויך צו אָטעמען, אַז זי זאָל נישט מיט דער באַוועגונג פון איר מויל אים חלילה שטערן אין זיין הייליגער עבודה. נאָר אינערלעך איז זי גליקלעך, אַ פרומע לייטזעליגקייט איז אויסגעגאָסן אויף איר פנים צוליב דער זכיה, וואָס זי האָט, צו זיין נעבן אים, אים אויף וואָס פאַר אַן אופן בייהילפיג צו זיין. ניין, נישט בייהילפיג, נאָר אַ שטומער עדות צו זיין פון דעם וואונדערלעכן פראָצעס פון גייסטיגן שאַפן... צוצוזען, ווי עס אַנטפלעקט זיך ביי אים די אינספּיראַציע, ווי אַזוי זיינע וואונדערלעכע געדאַנקען שפינען זיך פון אים אַרויס... דאָסמאָל אָבער האָט אויף איר פנים, אַ חוץ דעם פרומען חסד, אויך אָפּגעשפיגלט זיך אַ טיפער ליידנדיגער ווייטאָג. אירע אויגן זענען ווי פאַרשטאַרט, פאַרבליפט־געוועזן אין דער אומענדלעכקייט. איר יידישע לאַנגע נאָז איז נאָך לענגער־געוואָרן און אויסגעצויגענער. אירע לאַנגע טונקעלע באַקן האָבן זיך פאַר שווערקייט אַרונטערגעלאָזט, ווי זיי וואָלטן באַלאָדנט־געווען מיט זאָרגן. אַלץ איז געווען שטיל אין איר, אַ חוץ איר ווייכער האַלז, וואָס האָט געצוקט, ווי זי וואָלט געוויינט אין זיך מיט נישט־געזעענע טרערן...

צום ערשטן מאָל האָט דעם דאָקטאָר אַרומגענומען אַ מאָדנע רחמנותדיג געפיל אויף זיין אייגן ווייב. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די זאָרג פון איר פנים ליגט אויך אויסגעגאָסן אויף דעם שוואַרצן קאָפּ האָר, און דער קאָפּ איז שווער און

בייגט זיך צו דער ערד צוליב דער מאַסע, וואָס ער האָט גע־לייגט אויף אים... ער האָט דערפילט, אַז דאָס האָט ער די זאָרג אַרויסגערופן אויף איר פּנים, און ער האָט געהאַט אַ באַ־דערפעניש צום ערשטן מאָל צו רעאַגירן מיט עפּעס. ער האָט אָבער קיין צערטלעכן אויסדרוק נישט געקאָנט געפינען, ווי אַזוי בײַ איר מחילה צו בעטן, צוליב זיין פאַרנאַכלעסיגן זי, צוליב דעם, וואָס ער האָט געטראַכט אַזוי לאַנג אין איר געגנוואַרט.

— זײַ מוחל, איך האָב וועגן עפּעס־וואָס געטראַכט. עס איז מיר נישט קלאָר־געוועזן. ווילסטו נישט ווייטער אַרבעטן? אָדער ביסטו מיד? — רופט זיך אָן דער דאָקטאָר און איז שוין באַרייט־געוועזן זיין שיינע מענלעכע האַנט צו לייגן אויף איר קאָפּ מיט אַ צערטלעכן גלעט, פון וועלכן ער האָט זיך אָבער אין לעצטן אויגנבליק אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך נאָר געזעצט געגנאיבער איר אויף דער צווייטער זייט טיש.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, ביטע! — זאָגט זי באַגליקט, וואָס ער האָט איבערהויפּט גערעדט צו איר.

— מיין קאָפּ איז היינט פאַרוואָלקנט, די געדאַנקען ווילן זיך גאָרנישט פאַרקערפּערן אין ווערטער, — זאָגט דער דאָק־טאָר און פירט־דורך מיט זיין האַנט איבער זיין פאַרוואָלקנטן שטערן.

זי האָט אים נישט געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, ווי זי וואָלט זיך געשעמט פאַר אים, נאָר געבויגן איבער איר בלאָק, האָט זי געוואַגט צו זאָגן:

— דו ביסט עפּעס פאַרזאָרגט, מען זעט עס אָן דיר.

— יאָ, ווער איז דען דאָס היינט נישט, מיין טײַ־ערע?...

— יאָ, אָבער פאַרוואָס זאָגסטו מיר נישט, אפשר קאָן איך דיר העלפן. איך קאָן דאָך נישט זען, ווען דו ליידסט, און איך קאָן גאָרנישט טון... — האָט זי געזאָגט און אַ טרער האָט זיך באַ־וויזן אין איר אויג. זי האָט זיך פאַרשעמט דעריבער און גע־מייסטערט זיך צו פאַרווישן עס מיט אַ באַוועגונג פון איר האַנט, אַז ער זאָל עס נישט באַמערקן. די ווערטער זענען אָבער אַרויסגעזאָגט־געוואָרן מיט אַזוי פיל מיטלייד, אַז דער דאָקטאָר איז גערירט־געוואָרן. ער האָט זי אָנגעקוקט... צום ערשטן מאָל

זי אפשר אָנגעקוקט... אייגנטלעך, האָט ער ביז־איצט גאָרנישט געקענט זיין ווייבס פּנים, נישט געוואוסט, ווי זיין ווייב זעט־אויס, עס איז ביי אים געווען ווי אַן אָנטפּלעקונג די טרער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין איר אויג, דאָס צוק פון איר ווייכן האַלז, דער נערוועזער ציטער פון איר ליפּ. מיטאַמאָל איז אים דאָס פּנים נאָענט־געוואָרן און באַקאַנט. נישט נאָר איר ווייך נאָכגיביק לייב, נישט בלויז די קוועלנדיגע גוטסקייט פון איר הויט, וואָס ער האָט ליב צו פילן אין דער טונקלהייט פון דער נאַכט, נאָר טאַקע איר פּנים פון בייטאָג, איר יידיש־אויסזעענ־דיג פּנים, מיט דער לאַנגער אַזוי אויסגעצויגענער נאָז, מיט די שווערע הייטלעך, וואָס פאַלן איבער אירע אויגן, די קנייטשן, וואָס האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין איר נידעריגן שטערן.

„די קנייטשן אין שטערן האָב איך געפאַלדעוועט — טראַכט זיך דער דאָקטאָר — איבער מיר איז זי אַזוי טרויעריג און אומעטיג...״ מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס פּנים פון זיין ווייב איז דער טאָוול, אויף וועלכן ער האָט אויסגע־קריצט זיין לעבן. יעדע זיין עוולה, יעדע זיין אומגערעכטיגקייט געגן איר האָט איבערגעלאָזט זיינע צייכן אויף איר פּנים, און עס איז אים טייער־און ליב־געווען איצט, ווייל עס איז געווען זיין פּנים...

— אַך, מיין טייערע, ניין, דו קאָנסט מיר נישט העלפן. איך מוז אויסקעמפן מיין קאַמף אַליין, — האָט ער געזאָגט און פאַרמאַכט די אויגן מיט זיינע הענט.

דערמוטיגט דורך דעם אויסנאַם פון זיין האַלטן זיך, האָט זי געוואָגט ווייטער:

— אָבער אפשר קאָן איך דיר פאָרט העלפן? איך זע דאָך, דו באַדאַרפסט הילף.

— ווי אַזוי מיינסטו?

— איך ווייס נישט. ווען עס האַנדלט זיך וועגן געלט־נויטן, האָב איך דאָך נאָך מיין מוטערס פּערל, וועלכע מיר קאָנען אויף געלט אויסטוישן.

— אַך, מיין טייערע, רעד נישט דערפון. מיר וועלן נאָך זען...

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און

איז צוגעגאַנגען צו זיין ווייב. איצט האָט ער יאָ אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר קאָפּ:

— איך זע אָבער, אַז דו האָסט אויך זאָרגן, פיליכט קאָן איך דיר העלפן? — זאָגט ער אין אַ שמייכל.

— דו האָסט מיר שוין געהאָלפן! — זאָגט דאָס ווייב און נעמט דעם דאָקטאָרס האַנט פון איר קאָפּ אַראָפּ און לייגט זי צו צו אירע נאַסע אויגן און וואַרים מויל.

די אונטערגעדריקטע טרער פון איר אויג איז הענגען־געבליבן אויפן דאָקטאָרס האַנט...

## קאַפּיטל 17.

# זיך אַליין פאַרשקלאַפּט

די פירמע „באָדענהיימער היפּאָטעקן-אַנשטאַלט" איז אָט-אָ־יעצט איבערגענומען-געוואָרן פון דער „מזרח-באַנק". ווען אַפילו עס איז נישט געווען מער וואָס איבערצונעמען, וואָרים אירע פּאַפּירן זענען געפאַלן צו אַ לעכערלעכן פּרייז און איר פּאַקטיש פאַרמעגן — די הייזער און חובות האָבן אין אַ גרויסן טייל שוין פריער געהערט צו דער „מזרח-באַנק", דאָך האָט זיך עס יודקעוויטשן געלונגט צו באַצאָלן אַ מאָנאַטלעכן געהאַלט דער אַלמנה פון דעם שעף פון דער פירמע און די דריי הויפּט-אַקציאָנערן, ד"ר היינריך, אַדאָלף און האַנס באָדענהיימער אַ לעבנסלענגלעכע רענטע אין גאָלד-ווערט, כדי צו קאָנען אויספירן דורך דער אַלטער קאָנסערוואַטיווער פירמע זיינע געשעפטלעכע אָפּעראַציעס, איידער דורך דער קיינעם נישט באַקאַנטער און צווייפל-דערוועקנדער „מזרח-באַנק", וואָס ער האָט געגרינדעט. אמת, די בילדער פון די צוויי גרינדער פון דער פירמע, דער אַלטער ר' שמואל-לייב און זיין זון רודאָלף באָדענהיימער, זענען דערוויטערט-געוואָרן פון דער וואַנט אין ביוראָ. דערפאַר אָבער האָט ער ביי זיך אינדערהיים דאָס „פאַמיליע-שענקל", וואו די משפּחה-רעליקוויעס פון די באָדענהיימערס זענען אויסגעשטעלט און וואָס ער האָט אויף דער ליציטאַציע אָפּגעקויפט. ער אַליין זיצט שוין אויף דער רענעסאַנס-שטול אין שעפס ביוראָ, וואָס איז געשטאַנען נאָך פון רודאָלף באָדענהיימערס צייטן. עס

האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס האָט זיך געלוינט די קליינע רענטע, וואָס ער האָט אויסגעצאָלט די מיטגלידער פון דער באַדענהיימערישער משפחה פאַר דעם נאָמען. די פירמע „באַדענהיימערישע היפּאָטעקן-אַנשטאַלט" האָט אונטער דער נייער ענערגישער לייטונג, אָנגעפירט דורך יודקעוויטשן, באַלד צוריקגעוואונען איר פריערדיגן גוטן שם. עס האָט געהייסן, אַז די נייע לייטונג אַרבעט מיט האָלענדישן קאַפּיטאַל (וואָס יודקעוויטשן איז טאַקע געלונגען צו באַקומען מיט דער הילף פון זיין „מענטש" קעניגסבערג אויף דעם גוטן נאָמען פון דער פירמע). יודקעוויטש האָט זיך נישט געדונגען איבער די הויכע פּראָצענטער, קאָמיסיאָנען און אַנדערע אָפּצאָלונגען, וואָס די בענק האָבן דענסטמאָל פאַרלאַנגט. ער האָט זיך נישט געשראָקן, ווי דער אַלטער שעף פון דער פירמע, פאַר די חובות. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס פאַלן פון געלט וועט נישט נאָר די צינזן, נאָר אויך דעם גאַנצן חוב אָפּמעקן. די פירמע האָט טאַקע באַלד וואונדער באַוויזן. יודקעוויטש האָט דורך איר אַ נאָמען באַקומען. מען האָט אים אָנגעהויבן צו קענען און מען האָט זיך מיט אים אויך אָנגעהויבן צו רעכענען...

איצט איז ער שוין נישט דער „אַהערגעלאָפענער אָסט-יודע", אָדער די וועקסל-שטוב „מזרח-באַנק" פון דער פרידריך-שטראַסע, איצט איז עס די „באַדענהיימערישע היפּאָטעקן-אַנשטאַלט", פאַרמעגנס פון איבער פופציג מיליאָן גאָלד-מאַרק, פירמע עקזיסטירט זינט 1860!... אמת טאַקע, די פופציג מיליאָן גאָלד-מאַרק, וועלכע באַשטייען פון הייזער און „גרונד-שטיקער" ברענגען נישט אַריין אַפילו די פּראָצענטער, וואָס די פירמע האָט צו באַצאָלן אין די בענק פאַר חובות, דערפאַר אָבער איז דער קרעדיט גוט. מיט איין חוב מעקט מען אָפּ די פּראָצענטער און איידער וואָס-ווען ווערן די חובות אַליין פון זיך פאַרשוואונדן. עס לוינט זיך זיי פּשוט נישט אָפּצוגעמען, אַזוי איינגעשרומפּן ווערן זיי. און דער עיקר—דאָס פאַרמעגנס וואַקסט! ווען עס וועלן אַמאָל נאָרמאַלע צייטן קומען?! יאָ, ווען וועלן זיי קומען?

אָבער דערווייל לעבט מען. מען האַלט אין אָנהייב יולי. דער מאַרק איז אַראָפּ ביז הונדערט און זעכציג טויזנט פאַרן

דאָלאַר. נעכטן נאָך איז דער מאַרק געווען הונדערט און זעקס און צוואָנציק טויזנט פאַרן דאָלאַר. ווי וועט זיך דאָס ענדיקן? אויך יודקעוויטש וואָלט שוין געוואָלט, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער „היפּאָטעקן-אַנשטאַלט", אַז די צייטן זאָלן זיך נאָרמאַליזירן. אויך ער בענקט נאָך אַ סאָלידן מאַרק. אָבער די צייט איז ווי אַ קאַרוזעלע. ער פליט אויף אַ האָל-צערן פערדל. ער איז געוואָרן אייגנטימער פון איינער פון די אָנגעזעענסטע קאָנסערוואַטיווע היפּאָטעקן-אַנשטאַלטן, מיט אַ פאַר-מעגנס פון איבער פופציק מיליאָן גאָלד-מאַרק, דאָך, פילט ער, ווי ער דרייט זיך אַרום אין אַ פאַרכישופטן ראָד. דאָס פערדל, אויף וועלכן ער זיצט, איז נישט קיין לעבעדיגס, נאָר אַ האָל-צערנס, וואָס ווערט געטריבן פון אַ מאַשין אַרום אַ ראָד. נעכטן האָט ער געמיינט, אַז ער האָט געבויט זיין הויז אויף אַ סאָלידן באַזיס, אויף אַ גרויס פאַרמעגנס, וואָס מוז דאָך אַמאָל רעאַליזירט-ווערן. היינט צווייפלט ער שוין דערין. די צייט פליט אין אַ פינסטערן כף-הקלע, דער גרוב איז שוואַרץ און האָט קיין באָדן נישט און ער פאַלט און פאַלט און פאַלט... אַך, ווען מען זאָל שוין אַמאָל דעם גרונט דערגרייכן...

לעבט מען אויף דערווייל. אַזוי ווי זיין געשעפט, אַזוי אויך זיין היים, נישט צו וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

אַ היים? האָט יודקעוויטש אַ היים? ער האָט דערגרייכט דאָס העכסטע, וואָס ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע זיך געקאָנט פאָרשטעלן. ער באַזיצט אין דער גרויסער שטאָט הונדערטער הייזער, אָבער אַליין לעבט ער, ווי ביז-איצט, אויף דער גאַס. נאָך מער, ער ריכט זיך דערויף, אַז אין אַ ליאַדע טאָג וועט אים אויסקומען צו פאַרלאָזן אַלע הייזער און פלעצער און צו נעמען די רייזע-טאַשן און ווייטער גיין... און ער איז עס באַ-רייט צו טון. וואָרים מיט די „גרונדשטיקער", וואָס ער האָט זיין אייגנס דאָ אין בערלין, פילט זיך יודקעוויטש נישט איינ-געפונדעוועט אויף דעם פּלאַץ, ער פליט אין דער לופטן...

קודם-כל האָט זיין ווייב אסתּר, נאָכדעם ווי זי האָט פאַרטריבן דעם קאָמוניסטישן סאַלאָן, פאַרלייגט זיך אַ קינסטלער-סאַלאָן. אַלערליי פאַרדעכטיגע פערזאָנען האָבן אָנגעהויבן צו פאַרקערן ביי יודקעוויטשן אין הויז: קאַבאַרעט-זינגער, פידל-

שפּילער, טענצערינס און קליין־קינסטלער. אסתּר האָט מיטאַמאָל אַנטדעקט אין זיך אַ נייגונג צו קונסט און זי איז געוואָרן אַ באַשיצערין פון קינסטלער. זי האָט נישט געקאָנט לעבן אָן קונסט און קינסטלער... די נאַקעט־טענצערין מאַריאַנאָוונאַ איז איר בעסטע פריינדין און דער באַרימטער קאַבאַרעט־זינגער מיכאַילאָוויטש איז דער הויז־פריינד, און אַרבוזאָוו דער באַרימט־געוואָרענער דעקאָראַציע־מאָלער, וואָס האָט געמאָלט די סצענעס צום רוסישן באַלעט, איז אויך געווען אַן אָפטער איינגייער. בערלין איז דענסטמאָל פול־געווען מיט רוסישער קליין־קינסט, און אַ היבש ביסל קינסטלער האָבן פאַרקערט אין יודקעוויטשעס „סאַלאָן". ביי אים אין שטוב איז אַ גאַנצן טאָג געוואָרן מוזי־צירט, מען האָט שוין געהאַט אַריינגעשטעלט אַ גרויסן פּאָרטע־פּיאַן אין דער ביבליאָטעק, אויף וועלכער דער באַגלייט־מוזיקער ניקאַ האָט גאַנצע נעכט, נאָך דער אויפפירונג אין די קאַבאַרעטן, געהאַלטן אין איין אויסשפּילן די לעצטע שלאַגערס, אָדער אימפּראָוויזירן פאַרשידענע פאַנטאַזיעס. אויך בייטאָג האָט מען אין יודקעוויטשעס וואוינונג געהאַלטן אין איין מוזיצירן, שפּילן און אויספּרובירן די נייע מעלאָדיעס, וואָס ניקאַ האָט פאַרפאַסט צו די ליבּרעטאָס. מען האָט געהאַלטן אין איין אויספּרובירן די נייע קלאַסישע טענץ, סיי גריכישע, סיי אין אדם־און־חוהס קאָסטיומען, וואָס מען האָט זיך געקליבן פאַר־צושטעלן. די ווענט פון זיינע שטובן האָט איצט אסתּר געלאָזט אויסמאָלן פון דעם באַרימט־געוואָרענעם דעקאָראַציע־מאָלער אַרבוזאָוו מיט די מאָדערנסטע פאַנטאַסטישסטע פרעסקעס, אין אַרכאַישן, אַלט־רוסישן, ביזאַנטישן סטיל, מיט מרה־שחורהדיגע רוסישע הייליגע אויף אַ גאָלדענעם אונטערגרונט, ביז צו סצע־נעס פון לעסבּישער ליבע, פאַונען, וואָס יאָגן זיך נאָך אין די וועלדער נאָך רוסאַלקעס און באַגלייט פון באָקסן־ציגן... אסתּר איז איצט געווען באַשעפטיגט גאַנצע טעג מיט איר פריינדין, די נאַקעט־טענצערין, מאַריאַנאָוונאַ. זי האָט געפיבערט מיט אַן אויפברויזנדיגער טעטיגקייט — דאָ האָט די מאַריאַנאָוונאַ גע־דאַרפט אויפטרעטן אין אַ נייעם קלאַסישן טאַנץ, דאָ אויספירן שאָפּענס אַ נאָקטורן, טשייקאָווסקיס פאַטעטישע סימפאָניע, אָדער גאָר אויספירן אַ נייעם גריכישן טאַנץ. אסתּר האָט שוין נישט

גערוט. גאַנצע טעג אויף די פּראָבן, אַרומגעלאָפן איבער די קראָמען העלפן איינשאַפן שטיקער גאַזע צו די קאָסטיומען. אַהיימגעקומען אַן עקזאַלטירטע, אַן אויפגערעגטע. דענסטמאָל האָט זיך יודקעוויטש געהיטן צו איר אַ וואָרט אויסצורעדן. זי האָט זיך איבערהויפּט איינגעשלאָסן אין איר צימער און נישט באַוויזן זיך. ווער רעדט נאָך, אַז עס איז געקומען די נאַכט פון דער אויפפירונג, דאָס פאָרברייטן איר טואַלעט צו דער פּרעמיערע. פאַרשטענדלעך, אַז יעדער טריאומף פון דער מאַריאַנאָוונאַ איז שפּעטער, אין יודקעוויטשעס הויז, געפייערט-געוואָרן אַ גאַנצע נאַכט מיט עסן און טרינקען און אינטימע קינסטלערישע איבערלעבונגען...

נישט נאָר קיין ווייב, ער האָט קיין היים אויך נישט געהאַט. זיין היים, זיין צימער, אַפילו זיין בעט איז פאַרנומען-געוואָרן פון אסתרס נייע פריינד און פריינדינס, טענצער, מוזיקער, מאָלערס און אַנדערע שלעק. ער האָט נישט מער געוואוסט, צי עס איז זיין היים, אָדער עס איז אַ קאַבאַרעט, אַ הפקר-הויז, וואו די ווילדסטע זאַכן האָבן זיך אָפּגעשפּילט. אין זיין שטוב האָט געווימלט פון האַלב-נאַקעטע פאַונען מיט גאַזע, נאָר די שאַנד צו פאַרדעקן, טאַנצנדיגע נימפן, שפּרינגענדיגע באַקסערינגען, אין מאָדנע געקעסטלטע הויזן אָנגעטון, פאַרחלומטע אַלאַדינס אין קימאָנעס אָנגעטון. און ער האָט נישט געוואוסט, צי ער געפינט זיך ביי זיך אינדערהיים, צי ערגעץ-וואו אין אַ וויסטן חלום צווישן לצים... גאַנצע נעכט זענען אין זיין הויז פאָרגעקומען אָרגיעס, עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט „קינסטלערישע איבערלעבונגען", צו וועלכע זיין אייגן ווייב, אסתר, איז מיט אַריינגעצויגן-געוואָרן. ער איז געווען אַן עדות פון דידאָזיגע סצענעס און האָט זיך נישט געקאָנט העלפן.

ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן אויף דעמדאָזיגן באַשיידענעם ווייבל, וואָס ער האָט צוגענומען פון דעם חסידישן מאַן, אַז זי זאָל צו עפּעס אַזעלכעס פעאיג-זיין? עס האָט אויסגעזען, ווי די אַלע דעמאָנישע סודות, וואָס איר שוועגערין, דער הויקער, האָט איר געהאַלטן אין איין איינרוימען אין אויער, ווען זי איז נאָך געווען ביי איר ערשטן מאַן, זענען איצט לעבעדיג-געוואָרן אין איר. זי האָט נישט מער געוואוסט פון

קיין צוים, ווי זי וואָלט אַלע קייטן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. זי האָט נישט געהאַט פאַר וועמען מער צו פאַרבאָרגן אירע פאַרלאַנגען און נייגונגען, עס איז געווען, ווי זי וואָלט געוואָלט נקמה־נעמען אין זיך אַליין פאַר דעם שריט, וואָס זי האָט געמאַכט — צו פאַרלאָזן איר מאַן־און־קינד און פאַר געלט אַוועק מיט אַ „פרעמדן“... זי האָט זיך איבערגעגעבן אַן אויסגעדורשטיגטע אין די אָרעמס פון אויסגעלאַסנקייט, וואָס האָבן זיך צו איר אויסגעשטרעקט...

אָנגעטון אין די פאַר איר ספּעציעל־געצייכנטע קליידער, וואָס האָבן אויפגעדעקט אָן יעדער שאַנד איר אויבערשטן טייל טונקל־שאַטירנדיג לייב, בלויז פאַרשטעלט מיט דורכזיכטיגער גאַזע אירע בריסטן, אין אַ פראַק־אַרטיג געשניטענעם אויבער־ראָק אויס רויטן סאַמעט, וואָט האָט בולט־געמאַכט אירע שטאַרקע פליישיגע היפטן, מיט די האָר אין פעסטע געקייטלטע לאָקן, באַשווערט מיט גרויסע אָרנאַמענטירטע רינגען, וואָס זענען געהאָנגען אין אירע אויערן, איז זי באַקוועם האַלב־געלעגן, האַלב־געזעסן אויף דער מיט שווערע אָריענטאַלישע טעפּיכן באַדעקטער ברייטער קאַנאַפּע און אָנטיילגענומען אין די „קינסטלערישע איבערלעבונגען“, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביי איר אין סאַלאָן. צו דער באַגלייטונג פון פאַנטאַסטישער מוזיק האָט די נאַקעטטענצערין מאַריאַנאָוונאַ אויסגעפירט אַ גריכישן נימפן־באַלעט. אין שלאָף ווערט די געטין איבערראַשט פון אַ פאַון, וואָס איז פונקט ווי זי נאַקעט (די נאַקעטקייט איז דענסטמאָל זייער אין דער מאָדע געווען), נאָר באַפאַרבט דאָס לייב מיט אַ בראָנזענער נעגער־קאָליר. צו דעם טאַנצנדיגן נאַקעטן פאָר האָבן זיך צוגעקוקט אַנדערע פּאָרלעך, וועלכע זענען געלעגן אין די טונקלסטע ווינקעלעך פאַרשטעקט אויף ווייכע דיוואַנען מיט קישעלעך אויסגעשפּרייט, אויך קאָסטיומירט ווי גריכישע פאַונען און נימפן, און האָבן זיך מיט אָטעם־פאַרכאַפּנדיגער, כמעט רעליגיעזער שטילקייט צוגעקוקט מיט קלאַפּנדיגע הערצער צו די וואונדערבאַרסטע ריטמישע באַוועגונגען, וואָס די מאַריאַנאָוונאַ פירט־אויס מיט איר, ווי אויס איידעלן פאָרצעליין געגאָסענעם, אויסגעמוסקולירטן און דאָך פוכיג־ווייכן, קערפּער. די הויט, וואָס איז איבערגעצויגן איבער די ריטמיש־באַוועגלעכע גלידער,

איז פון אַזאַ בלישטשענדיקער העלקייט, אַז עס דאַכט זיך, עס פינקלט דערפון מיט שטראַלן ליכט אין דעם גענוג העל-באַלויכטענעם זאַל. די מאַריאַנאָוונאַ פירט-אויס די ריטמישסטע האַרץ-ברעכנדיגע באַוועגונגען אין איר טאַנץ. אָט דריקט זי אויס שרעקנדיגע איבערראַשונג, וואָס מאָלט זיך אויס אין אַ שטורעם פון פחד און שפּיגלט זיך אָפּ ווי אַ געשריי אויף איר איידל-אויסגעטאָקטן, ווי פון אַ קינסטלער-האַנט אויסציזעלירטן אַלאַבאַסטער-פּנים. אומגעהויערע שרעק פאַר דער חוצפּה-דיגער צודרינגלעכקייט פון דעם שטורעמדיגן, ווילדן סאַטיר, וועלכער איז זי באַפאַלן. זי באַשיצט מיט אירע לאַנגע, ווי שוואַנען-העלזער, הענט איר אומבאַשיצטע קינדישע נאַקעטקייט פאַר די אין באַק-שפּרינגען אויסגעפירטע אָנגרייפן... באַלד שוועבט זי אַליין צו מיט אַ פליגלדיגער לייכטקייט אין אַ ציטערדיגן שפּיץ-נעגל-טאַנץ צו דעם איינזאַמען, אין צער אויסגייענדיגן פאַון, זי דערמוטיגט אים מיט ליידנשאַפטלעכער אויסדריקנדיגער מימיק, אין וועלכן אירע ליפּן, ווי געעפנטע רויזן-בלעטער, באַקומען דעם זען-אויסדרוק פון אַן אויג. זי שוועבט ווי אַ זומער-פייגעלע אַרום דעם סאַטיר, באַרירט אים מיט דער ציטערדיגקייט פון איר לייב. קוים האָט זי אים צוריק צום לעבן דערוועקט, קוים באַנייט דער פאַון מיט ווינדיגער געשווינדקייט און שטורעמדיגן אימפּעט זיינע באָקישע טאַנץ-שפּרונגען אַרום איר, ווערט זי צעפלאָשעט און מיט אַלאַרמדיגער פאַנישער שרעק און ציטערדיגן שפּיץ-נעגל-טאַנץ שוועבט זי אָפּ פון אים. זי פלאַטערט און ציטערט ווי אַ שוואַן אין קאַלטן וואַסער, מיט אַלע אירע איידעלע, אויסמאָדולירטע גלידער, מיט פאַרצווייפלטע טאַנץ-באַוועגונגען אַלאַרמירט זי נאָך הילף. און ווען זי באַקומט נישט קיין שוץ, אַנטרינט זי אין די שאָטנדיגע פליגלען פון אירע אייגענע שוצלאָזע אָרעמס, ביז געשטורעמט פון דעם סאַטירס באָק-שפּרונגען אַרום איר, גיט זי זיך ענדלעך אַליין אונטער און מיט פויגלשער איבערענטפערונג פאַלט זי אין אַ ציטערדיגן טאַנץ-עקסטאַז אין די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון איר באַזיגער. ער טראָגט זי שוין ווי אַן אויסגעקעמפטן רויב איף די אָרעמס איבער זיין קאָפּ און פירט-אויס מיט איר אַ טריאומף-טאַנץ...

אויף איר „הסב-בעט" זיצט אין איר גאַנצן חיהש-נאַי־קעטן שמוק ווי אַ טונקעלע מלכּה-שבא, אסתּר, אין דעם פּאָר איר ספּעציעל-געצייכנטן קלייד, מיט די בולטע בריסטן אונטער דער טונקעלער גאַזע, אין רויטן סאַמעט-פּראַק, וואָס אַנטפּלעקט אירע שטאַרקע היפּטן. נעבן איר צופוסנס (ווייל ער וואַגט נישט נענטער צו קומען) קניט דער בלייכער מיט די שפּיצי־גע אויגן, דער העלער יונג, דער דעקאָראַציע-מאָלער אַרבוזאָוו, וואָס קריגט פאַר איר די ניכפּה... ער האָט דאָס, כּדי זיך אַליין צו פּייניגן, פאַר דער מלכּה-שבא איר קאָסטיום געצייכנט — שוואַרץ און רויט: אַ נאַכט אין פלאַמען. ער קוקט איצט אויף איר מיט קאַלטן לוסט-פייער אין זיינע בלויע אויגן. ער איז פאַרליבט אין איר, דער יונג, פאַרליבט אין די אָריענטאַלישע ברענענדיגע שוואַרצע אויגן אירע, וועלכע פינקלען איצט, ווי שוואַרץ פייער וואָלט זיך אין זיי געברענט. ער איז פאַרליבט אין איר וייכן אַזוי ווייבלעך שטאַרקן האַלז און קאַרק, ער באַגערט אויסצוגיין מיט זיין שווינדזיכטיג-אויסגעטריקנטן ביי־נער-לייב אין אירע שטאַרקע, רונדיגע און פוכיגע אָרעמס. ער אָטעמט אין זיך אַריין דעם שווערן זיסן פּאַרפום, וואָס טראָגט זיך ווי אַ פאַרשיכּורנדיגער געטער-ווייררויך אויס דעם שפּאַלט פון אירע פולע מוטער-בריסטן, דורך דער טונקעלער גאַזע, אין וועלכער זיי זענען פאַרשטעלט. ער גייט-אויס נאָך איר. זיין גוף ווערט פאַרצערט פון דעם לייב-הונגער, וואָס ער לעכצט און פאַרלאַנגט נאָך איר... ער קוקט איר אין פּנים אַריין, אין דעם אָפענעם פלייש, איצט פון אויפרעגונג און שמינקע אויסגעבלייכטן פּנים, מיט די וואַרימע, גרויסע, שוואַרצע, אָרי־יענטאַלישע אויגן, מיט די האַלב-אָפענע, דיקע, פליישיגע ליפּן, וועלכע זענען רויט געפאַרבט, מיט די גרויסע, הויך-אָטעמדיגע נאָזלעכער. ער עסט זי אויף מיט די אויגן. אין זיין פאַנטאַזיע שטעלט ער זי זיך פאַר ווי אַ דעמאָן, ווי אַ הערשנדיגע גע־טין. אין אמתן זעט זי אויס, ווי אַ געצוימטע מענטשן-חיה, וועלכע מען גרייט-אָן נאָר פאַר איין זאַך — פאַר זינד... ער לעכצט פאַרצוקט צו ווערן פון דער דעמאָנישער חיה, געפרעסן צו ווערן פון איר... ווען ער קאָן, ווען ער האָט נאָר אַ גע־לעגנהייט, געפינט ער זיך נעבן איר, ליגט צו אירע פיס,

קושט פשוט אירע טריט, באַלעקט זי מיט בעטלדיגע, פאַר־חלשטע און שנאָרנדיגע אויגן. און זי האַלט אים ווי אַ היגטל אויף דער קייט פינף איילן פונדערווייטנס פון זיך. באַטראַכטן זי, אויפפרעסן זי מיט זיין באַגערנדיגן בליק, אויסגיין אין פאַרחלשטן שמאַכטן נאָך איר — דאָס יאָ, דאָס האָט זי גערן. אָבער זי לאָזט אים נישט צו צו זיך. אין שעה פון חסד באַשענקט זי אים אַמאָל מיט אַ טריט פון איר באַשוכטן פוס, וועלכן דער יונג באַדעקט מיט קושן, האַלזט אים און דריקט אים צו זיין שווינדזיכטיגער ברוסט, דאָס פאַרגינט זי אים, נישט מער. פונקט ווי אים, אַזוי אויך די אַנדערע מענער — אַז מען זאָל די ניכפה קריגן פאַר איר...

אויך איצט, ווען דער מאָלער־יונג שלייפט איר הויכע באַוועגלעכע ברוסט מיט דער שאַרפקייט פון זיינע קאַלטע אויגן־בליקן, נעמט זי אַראָפּ די צוויי שווערע רויטע רויזן, וואָס ער, אַרבוזאָוו, האָט מיט אַזאַ ראַפינירטקייט אַוועקגעזעצט אויף דעם מאָדעל פון איר קלייד, וואָס ער האָט געצייכנט פאַר איר — שוואַרץ און רויט — זי נעמט זיי אַראָפּ פון איר ברוסט און וואַרפט זיי מיט אַ מויל־קוש צו דער אויסגעמאַטערטער טענ־צערין, וועלכע דער סאַטיר האָט איצט ענדלעך אָפּגעלאָזט. זי שטרעקט־אויס אירע שטאַרקע באַווייבטע הענט צו דער מידער טענצערין, אַז זי זאָל קומען און נעבן איר זיך אויסרוען...

די נאַכט איז וואַרים. די לייבער זגענען הייס פון פיל ליכט, פון אויפרעגונג, פון דער „וואָדקע" און פון קאָניאַק און פון אַנדערע געטראַנקען, וואָס שטייען אָנגעשטעלט אויף קליי־נע טישלעך. עס מאַכט ווער אַ פאָרשלאָג אויסצולעשן די ליכט. מען עפנט־אויף די פליגל־פענסטער פון באַלקאָן (יודקעוויטשעס וואוינונג געפינט זיך אויפן העכסטן שטאָק, ביים דאַך), מען לאָזט־אַריין די קילע אָוונט־לופט, צוזאַמען מיט דעם שטערן־רעגן. אין דער סטודיע שאַפט זיך באַלד די נויטיגע אַטמאָ־ספערע... ניקאַ פאַנטאַזירט אויף דעם פאָרטעפּיאַן שטילע ליידנ־שאַפטלעכע ציגיינער־ראָמאַנסן. פון אַ ווינקל אַהער הערט זיך ווער מיט אין שטילן געזאַנג. די מאַריאַנאָוונאַ ציטערט מיט איר פעדער־לייכטן קערפּער אין אסתּרס אָרעמס... אסתּר דעקט־איין די ציטערנדיגע טענצערין אין איר רויטן סאַמעט־פראַק. דענסט־

מאָל וואַגט זיך דער דעקאָראַציע־מאָלער אַרבוזאָוו און ווי אַ פֿאַרשמאַכט טיער צום קוואַל פֿאַלט ער אויף זיינע קניען און דריקט צו זיך און פּרעסט אסתּר׳ס באַשוכטן פֿוס צו זיין ברוסט־ברעט. אסתּר לאָזט עס אים טון...

און יודקעוויטש זעט דאָס צו און שווייגט. ניין, שווייגן טוט ער נישט, ביי זיך רעוואָלטירט ער, פּראָטעסטירט ער. ווען ער גנבעט זיך אומבאַמערקט אַווי פֿון שטוב אַרויס, שליסט ער זיך איין אין זיין קאַבינעט און גייט אַרויף־און־אַראָפּ. די פּאָר האָר פֿון זיין באַלד שוין איינגאַנצן אויסגעקראָכענעם קאָפּ שטייען ביי די עקן שלייפֿן. ער צעפּירט זיי נאָך מער מיט די פֿינגער, ער טראַכט און רעדט צו זיך אינדערשטיל: „ניין, דאָס מוז אויפֿהערן, עס מוז אַן ענדע נעמען. מאָרגן מאַך איך אַ סוף! וואָס עפּעס מאָרגן? פֿאַרוואָס נישט היינט? פֿאַרוואָס טאַקע נישט באַלד אַריינגיין און די גאַנצע חברה צום טייוול שיקן? עס איז מיין שטוב, עס איז מיין היים, עס איז מיין געלט, עס איז מיין ווייב!... זי טראָגט מיין נאָמען, איך בין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר איר, איך בין דער באַלעבאָס, אַ סוף מוז עס נעמען. מאָרגן וועל איך איר שטעלן אַן אולטימאַטום! אָדער אַ באַשיידן רואיג לעבן מיט מיר אַליין, אַז נישט... אַז נישט, וואָס? וואָס וועט זיין? גטן זיך? יאָ, גטן! איך וועל איר געבן אַלץ, וואָס עס איז פֿאַרשריבן אויף איר, איך וועל גאָרנישט צוריקוועלן פֿון איר. איך וועל איר נאָך צוגעבן, נאָך אַ הויז, וואָס זי וועט וועלן — און פֿאַרפֿאַלן! מיר וועלן זיך צעשיידן!...“

בשעת ער זאָגט די ווערטער צו זיך, ווייסט ער, אַז ער וועט זיי נישט אויספֿירן. נאָכמער, ער וויל זיי גאָרנישט אויספֿירן. ער שרעקט זיך אימת־המות, אַז חלילה וחס, זי זאָל עס נישט וועלן אויספֿירן...

אַז עס וועט קומען דערצו, ווען ער וועט זיין מיט איר אַליין, וועט ער איר גאָרנישט זאָגן. נישט דערפֿאַר, ווייל ער וויל איר גאָרנישט זאָגן, נאָר דערפֿאַר, ווייל ער האָט מורא צו זאָגן. און מערקווירדיג, ער האָט ליב די מורא פֿאַר איר... און וויל זי אָנהאַלטן.

אין אָנהייב, ווען אסתּר האָט זיך געפֿירט נישט אַזוי ווי

ער האָט דערוואַרט פון איר, פון דעם ײדישן װײבל, האָט ער זיך אײנגערעדט, אַז עס האָט אים צוגעבונדן צו איר זײן רחמנות אויף איר, זײן מיטשולד. ער האָט זי אָפּגענומען פון אַ מאַן מיט אַ קינד. דאָס איז אַלץ דערפאַר, װײל זי האָט נישט דאָס קינד מיט זיך און דעריבער מוז ער פאַרטראָגן איר אויפפירונג, װײל ער האָט זי באַרויבט פון דעם טײערסטן, װאָס זי האָט געהאַט — פון איר קינד.

איצט אָבער האָט אים באַװאוסטזיניג שוין געהאַלטן זײן מורא פאַר איר... דער מאַן, װעלכער האָט געקאָנט גײן איבער טויטע לײבער, נאָר כּדי זײנע פּלענער אויסצופירן, דער מאַן, װאָס האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט, אַבי נאָר זײן ציל צו דערגרײכן — ער ציטערט אימת־מות פאַר זײן װײב, װאָס ער האָט זיך געקויפט...

דאָס ערגסטע איז אָבער, װאָס ער, יודקעװיטש, האָט ליב די אימה פאַר זײן װײב און װיל זי, די דאָזיגע אימה, אָנהאַלטן... זי װײסט דערפון און באַנוצט זיך דערמיט מיט דער פולער מאָס...

אָבער דאָסמאָל האָט ער שוין גענוג־געהאַט. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער פון זײן קאַבינעט, אין װעלכן ער איז אַנטרונען, אָדער בעסער געזאָגט — מען האָט אים דאָרט אַהין פאַריאָגט... געהערט די װאַקכאַנאַליע, װאָס האָט זיך בײ אים אין הויז אָפּגעשפּילט — דאָס שפּרינגען און טאַנצן און זינגען. און ער האָט געהאַלטן אין אײן רעדן צו זיך: „איך װעל עס נישט דולדן. אַ סוף מוז עס נעמען!“

ער האָט זיך שלעכט געפילט, יודקעװיטש, די לעצטע צײט. אַביסל איז אים געלעגן אויפן געװיסן דער טויט פון באַנקיר מאַקס באָדענהײמער, װאָס ער האָט אינערלעך אין זיך געװאוסט, אַז ער האָט עפּעס אַ חלק אין דעם. נאָר פון דער שולד האָט ער זיך געקאָנט באַלד רײן־װאַשן: „פאַרקערט, איך האָב געװאָלט די פירמע ראַטעװען און צוזאַמען מיט דער פירמע די משפּחה. ער האָט זיך נישט געלאָזט, ביז עס איז צו שפּעט געװאָרן. װאָס האָב איך געקאָנט העלפן?“ נאָר װי ער האָט זיך נישט רײן־געװאַשן, האָט ער געהאַט עפּעס אויפן געװיסן. איבערהויפּט, זינט די שװעסטער ליבקע האָט אים פאַרלאָזן, איז

ערגעץ-וואו אָוועק אין אַ ציוניסטישער קבוצה, וואו זי באַרייט זיך פאַר פאַר דער אַרבעט אין ארץ-ישראל, זי וויל נישט פון אים וויסן, ווייל פון אים קיין הילף נישט אָננעמען, פילט ער זיך פאַרלאָזט, פאַרשעמט, פאַראיינזאַמט. „אַוודאי, אַז זי האָט געזען, וואָס פאַר אַ הויז עס איז ביי מיר, ווי אַזוי האָט זי געקאָנט בלייבן ביי מיר?..." אויך ווייסט ער, אַז זיין ברודער מישע געפינט זיך איצט אין בערלין. ער איז געשיקט-געוואָרן פון סאָוויעט-רוסלאַנד אין אַ האַנדלס-שליחות. ער האָט עס געלעזן אין אַ צייטונג. ער גייט-אויס אים צו זען, נאָר ער וואַגט נישט דעם ברודער אויפצוזוכן. ער ווייסט, אַז דער ברודער, וואָס האָט אים נאָך אין רוסלאַנד געזוכט מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט אין זיין פאָטערס הויז און געוואָלט אים אָפּרוימען פון וועג פאַר זיינע שפעקולאַציעס, וועט אים דאָ נישט וועלן זען, די האַנט אים געבן. „יענער איז אַ כפל-שמונהדיגער קאָמוניסט, אַ צדיק, מיך האַלט ער פאַר אַ פאַרברעכער! און בין איך עס נישט? האָבן זיי דען נישט רעכט, וואָס זיי מיידן מיך אויס ווי אַ פעסט? די גאַנצע משפחה אַזוי — מיין אייגענע שוועסטער, מיינע ברידער..." צו וואָס-זשע באַדאַרף ער ווידער דאָס געלט? די הייזער? צו וואָס האָט ער באַדאַרפט איינגאַנצן די שפּיל מיט דער „באָדענהיימערישער אַנשטאַלט"? כדי זיין ווייב זאָל קאָנען וואַקכאַנאַליעס איינאָרדנען אין זיין הויז, מיט טענצערס און זינגערס און ציגיינער און אַלע אַנדערע שוואַרצע יאָר? אַז ער זאָל נישט קיין מנוחה האָבן! ער באַטראַכט זיך: „אייגנטלעך, האָב איך דאָך גאָר קיין היים נישט! אַלץ, צו וואָס איך האָב געשטרעבט, איז אין וואַסער געפאַלן. וואָס האָב איך דערגרייכט אין מיין לעבן? איך האָב נישט קיין ווייב, נישט קיין היים, נאָר אַ קאַבאַק, אַן עפנטלעך הויז, וואו מען קומט פרעסן און זויפן און מען מאַכט וואַקכאַנאַליעס! פאַר דעם האָב איך באַדאַרפט אַ וועלט איינעמען? אַ ווייב פון אַ מאַן צונעמען? איינרייסן, הייזער איינקויפן, מיטן קאָפּ דורך דער וואַנט אַדורכזועצן און דאָס מייניגע אויספירן, צו ווערן דער שעף פון דער באָדענהיימערישער „היפּאָטעקן-אַנשטאַלט"?..."

ניין, עס איז אים נישט גוט-געווען, יודקעוויטשן. און ער

האָט דאָך אַמאָל אַליין אויך אַן אידעאַל געהאַט. אָנגעהערט, אַזוי צו זאָגן, אַמאָל צו אַ פּאַרטיי, געחלומט פון רעוואָלוציע. און נאָך היינט — נאָך היינט טראַכט ער דען נישט טיילמאָל גאָר צו נעמען דאָס גאַנצע פאַרמעגנס, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט, ניין — וואָס ער האָט אָנגערויבט פון דער „בורזשואַזער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג” און אויסצונוצן עס פאַר אַגיטאַציע, צו געבן עס אַוועק פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן, צו העלפן צו צעשטערן דערמיט יענע אָרדנונג, וואָס שאַפט די מעגלעכקייט פאַרן יחיד אָנצורויבן פאַרמעגנס. דאָס איז אייגנטלעך געווען זיין אידעע מיט דעם דערנענטערן זיך צום קאָמוניסטישן קרייז, — איינצואָרדנען ביי זיך אין שטוב אַ קאָמוניסטיש קעמערל. נאָך היינט האָט ער נישט אויפגעגעבן דעמדאָזיקן געדאַנק (וויפיל מאָל קלערט ער דערפון אין זיינע שטילע מינוטן, ווען ער איז מיט זיך אַליין), צו נעמען טאַקע דאָס גאַנצע פאַרמעגנס און אַוועקצוגעבן פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן. אמת, דער ערשטער פּרואוו מיט דעם קאָמוניסטישן סאַלאָן, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט ביי זיך, האָט זיך נישט איינגעגעבן. זי האָט רעכט-געהאַט, אסתּר, זיי האָבן נאָר געמיינט זיינע פאָר גראָשן, ער האָט זיך נישט פאַרבונדן מיט די ריכטיגע מענטשן. פאַרוואָס זאָל ער זיך טאַקע נישט ווענדן אויפן ריכטיגן אָרט מיט אַ ווידוי-בריוול: „אַזוי און אַזוי, איך, יודקעוויטש, האָב אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגנס, ניין, איך האָב אָנגערויבט אַ פאַרמעגנס דורך דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואָס האָט מיר דאָס מעגלעך-געמאַכט, און איך וויל דאָס אַוועקגעבן פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר אַגיטאַציע-צוועקן, כּדי צו פאַרניכטן דאָס סיסטעם, וואָס קאָן מעגלעך-מאַכן אַזאַ אומזין. און זאָגט מיר, וואָס איך האָב צו טון”... און טאַקע צו באַווייזן אַ מישען, אַ ליבקען און די אַנדערע, אַז אַראָנטשיק איז אויך נאָך עפּעס, אַז אַראָנטשיק האָט נישט גלאַט-אַזוי פאַר זיין אייגן פאַרגעניגן-וועגן שפּעקוליאַציע-געטריבן מיט הייזער, אַז אַראָנטשיק האָט אַ ציל, האָט עפּעס געוואָלט דערמיט באַצוועקן, געוואָלט דינען דער רעוואָלוציע אויפן קאַפּיטאַליסטישן פראָנט!...

ער ווייסט, אַז דאָס זענען הוילע געדאַנקען און פּוסטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך ליב צו פאַרשפּילן. אַז אין

אמתן באַלאַנגט ער שוין נישט צו זיך, ער איז שוין נישט דער באַלעבאָס איבער זיך, וואָס קאָן מאַכן וואָס ער וויל. ער איז ווי אַ קליין הינטל אין די הענט פון זיין ווייב. זי דרעסירט אים און ער געהאָרכט זי, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך פאַר איר, ווייל ער האָט מורא פאַר דער רוט, וואָס זי האַלט אין דער האַנט... אַז זי האָט געזאָגט, זי וויל נישט מיט די קאָמוניסטישע לייט האָבן צו טון, איז געווען נישט. נאָר אַז זי האָט געוואָלט טענצערינס, מיט מוזיקער, מיט ציגיינערינס — איז ביי אים אין שטוב אַ קאַבאַק, נישט קיין סאָציאַלער קרייז... „איך מוז מיך פון איר באַפרייען, אַן ענד מוז עס נעמען! איך וועל עס נישט מער דולדן! איך וועל עס איר זאָגן: גוט, אַז דו ווילסט זיך שיידן, לאָז זיין שיידן! איך מוז צוריק מיין פרייהייט געווינען. איך פאַרליר זי יעדן טאָג מער... איך מוז זיין אַליין, שוין פאַר מיר אַליין, פאַר מיין ווירדע, פאַר מיין...

מיט די געדאַנקען איז ער אין דער סטודיע אַריינגעקומען. שלאָפן, ווי ער האָט דאָס געפּרואווט טון אויף דער קאַנאַפּע אין זיין קאַבינעט, האָט ער סיי-ווי-סיי נישט געקאָנט, אין דרויסן האָט שוין געטאָגט.

ער האָט געהערט, אַז דער עולם צעגייט זיך שוין... ער האָט געפּרואווט אַריינקומען צו איר, צו זיין ווייב.

דער עולם איז שוין נישט געווען. אין דער סטודיע, וואָס איז איצט באַגרויט-געווען פון דעם ליכט, וואָס האָט אַריינגעשיינט פון דאַך-פענסטער איז געווען אָנגעוואָרפן מיט קאָסטיומען-שטיקער, מיט קישנס און דעקן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער די ווייכע דיוואַנען. דאָ-און-דאָרט האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט ווייבערישע שאַלן, אָריענטאַלישע קאַפּטאַנס, ווי נאָך אַ מאַסקאַראַדן-באַל. גלעזער און גלעזלעך, מיט גאַנצע און האַלבאויסגעליידיגטע פלאַשן שנאַפּס און וויין, זענען אומעטום, אויף אַלע מעבל-שטיקער און שטולן געווען אָנגעשטעלט. זיין ווייב האָט ער נאָך אָנגעטראָפן ליגן ווי פריער אויף דער ברייטער קאַנאַפּע; אויסגעבעט אין די פיל פאַרשידנפאַרביגע קישעלעך איז זי האַלב-געלעגן — אַ שווער, זיס-זאַפטיגע, לעבעדיגע ווייבער-חיה און האָט געברומט פאַר זיך אַ ציגיינערישן מאָטיוו

אין האַלב־שיכּורדיגער פאַרחלומטקייט. אין דעם רויטן סאַמעט־פּראַק, וואָס איז איצט באַהעלט־געוואָרן פון דער גרויקייט פון טאָג־ליכט, האָט זי מיט איר בלייך פּנים, מיט אירע פליישיגע ליפּן, מיט די שוואַרצע אויגן, פון וועלכע די פאַרב אויף די הערלעך האָט זיך אָנגעהויבן צו צעלאָזן און פאַרטונקלט די טרערן־ראַנדן אַרום איר פּנים, מיט די שאַרפע שוואַרצע אויגן־ברעמען, האָט זי אויסגעזען ווי אַ שטאַרקע קאַץ, וואָס האָט גערייצט מיט איר לוסט און געפערלעכקייט...

יודקעוויטש האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אָנבליק. די ווערטער, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן, וואָס זענען געלעגן גרייט אויף זיין צונג, דער געשריי: „איך וועל עס נישט דולדן!" מיט וועלכן ער איז אַרייַנגעקומען אין סטודיע, איז שטעקן־געבליבן אין זיין האַלז. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אָנגעהויבן זיך אַרויף־און־אַראָפּ צו דרייען פאַרשטומט איבער דעם צימער.

זי האָט געקוקט אויף אים, זי האָט זיך צו דעם צוועק אַביסל אויפגעזעצט אויף איר געלעגער, צוליב וועלכן עס זענען צום אָנזען־געקומען די שוואַרצע, שווערע צעוואָרפענע לאָקן אַרום איר בלייך פּנים. זי האָט געקוקט אויף אים. זי האָט אים געזען: די פּאָר גרויע האָר, וואָס שטייען שטייף ביי זיינע שלייפן, אַ צעשויבערטער, אַ נישט־אויסגעשלאָפענער, מיט אַ דיקער שיכט באָרד, וואָס איז אים אָנגעוואַקסן איבער נאַכט, אָן קראַגן, אָן דעם ראָק. „און פאַר דעם האָב איך אַוועקגעגעבן אַ לעבן מיט אַ מאַן און מיין קינד?" — האָט זי זיך געטראַכט. און אַ כּעס און אַן עקל האָט זי אָנגענומען פאַר אים. דער כּעס אויף זיך אַליין האָט נאָך מער געברענט אין איר, ווי אויף אים. אָבער דערפאַר איז די פאַראַכטונג געוועזן צו אים גרעסער. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר ער האָט מיט געבייזער אַוועקגעשטויסן די ליידיגע פלעשלעך און גלעזער, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג. זי האָט אים אָנגעקוקט, און געפרעגט:

— וואָס איז, יודקעוויטשל?! וואָס איז?

— איך וועל עס נישט דולדן! אַזוי ווייטער קאָן עס נישט גיין! איך האָב געוואָלט רעדן מיט דיר, אסתּר, איך

האָב דיר געוואָלט זאָגן... — האָט ער שוין איצט געשטאַמלט פאַר שרעק, וואָס די ערשטע ווערטער, וועלכע האָבן זיך אַרויס־געריסן פון זיין האַרץ, האָבן ביי אים אַרויסגערופן.

— וואָס ווילסטו נישט דולדן, יודקעוויטשל?

— איך מיין דאָס אָרט לעבן דאָ, אָט די דאָ...

— קום־נאָר אַהער דאָ צו מיר, אַראָנטשיקל, — זאָגט זי האַלב־אויפזעצנדיג זיך און ווינקט צו אים מיט אַ פינגער.

— אסתּר, מוזסט דאָך אַליין זיך באַדענקען...

— איך האָב דיר געזאָגט: קום אַהער צו מיר! איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן, — ווינקט זי צו אים ווידער מיטן פינגער.

ער האָט מורא־געהאַט פאַר איר אָנבליק און איז דאָך געגאַנגען ווי אַ הונט, וואָס פירט־אויס דעם באַפעל פון זיין האַר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טריט פון איר.

— וואָס האָסטו מורא? קום אַהער נענטער!

ער איז צוגעגאַנגען צו איר.

— אסתּר־לעבן, דו ווייסט דאָך...

— הער־אויף מיט „אסתּר־לעבן", — זאָגט זי און זי וואַרט, ביז ער קומט־צו גאַנץ נאָענט צו איר.

אַז ער איז שוין גאַנץ נאָענט־געווען נעבן איר, ווייזט זי אים אָן אָרט נעבן זיך אויף דער קאַנאַפּע, וואָס ער טוט דאָס מיט אַ ציטערדיג האַרץ.

— דו האָסט נאָך צו רעדן! נאָך דעם, וואָס דו האָסט מיר געטון אַזאַ זאַך? איבער וועמען בין איך דאָס געוואָרן, אַז נישט איבער דיר? ביי מיין מאַן האָב איך נישט באַדאַרפט קיין נאַקעטע טענצערינס, מיט טענצערס, נאָר ביי דיר! און דו האָסט נאָך צו רעדן? — און זי האָט אים מיט דער גאַנ־צער מאַכט פון איר ווייכן פּוכקעוואַטן הענטל אַראָפּגעלאָזט איין פּאַטש און נאָך אַ פּאַטש. — דו האָסט מיר נאָך פאַרצוּוואַרפן, נאָך אַלעם, וואָס דו האָסט מיר געטון?!

— אסתּר, וואָס טוסטו? — האָט ער זיך געפּרואווט ווערן.

— ביי מיר ביסטו קיין מורנו נישט מיט אַלע דיינע מיליאָנען, הייזער, בענק, דו ווייסט דאָך! ביי אַנדערע קאָנסטו

ווין אַ גרויסער מענטש, ביי מיר ביסטו גאָרנישט. ביי מיר ביסטו אָט-דאָס: אַ מאַן, וואָס קאָן קיין ווייב נישט צופרידנ-שטעלן...

און זי האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט איר גאַנצן שטאַרקן קערפּער, ווי אַ ריזעדיגער טיגער און האָט אירע פוכ-קעוואַטע הענט איינגעגראָבן אין זיין האַלז און אים געוואָרגן און געשאָקלט מיט אים ווי מיט אַ הערינג. זי האָט זיך מיט אירע נעגל אין זיין פליישׁ איינגעביסן.

— דו וועסט נאָך רעדן! דו פּאָקראַקע! דו גאָרנישט!

— אסתּר, וואָס טוסטו, געדענק אין גאָט! אסתּר... — האָט ער קוים זשיפּענדיג אונטער אירע פויסטן געמורמלט.

— דו, וואָס האָסט געמאַכט אויס מיר דאָס, וואָס איך בין, וואָס איך האָב קיין פרייד נישט אין לעבן, נאָר דאָס פּאַסקודנעסטווע און געמיינהייט, וואָס עס עקלט מיך דערפאַר!...

זי האָט אים שוין איצט אָפּגעלאָזן און איינגעגראָבן איר פּנים אין אַ קישן און הויך זיך צעוויינט.

— יאָך, וואָס בין אַ יידישע טאָכטער און אַ פרומען טאַטן געהאַט, און אַזאַ אָרנטלעכן מאַן, און מיין קינד, מיין קליין לאהלע... מיין קליין לאהלע! — און זי האָט זיך אויפ-סניי ערשט ספּאַזמאַטיש צעוויינט.

— אסתּר! אסתּר-לעבן, איך בעט דיך, איך בעט דיך, הער-אויף! איך וועל שוין גאָרנישט זאָגן, גאָרנישט! איך וועל אַלץ טון, וואָס דו וועסט הייסן, איך וועל אַלץ טון. ווי אַ הונט וועל איך ליגן צו דיינע פיס... נאַ, טרעט אויף מיר, דעפּטשע אויף מיר, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט!... אסתּר, אסתּר!...

## קאַפּיטל 18

# נ ירע ירד ן

פון סאָוויעט-רוסלאַנד איז אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע קיין בערלין אונטערצוהאַנדלען וועגן האַנדלס-פאַרבינדונגען און קולטור-אויסטויש, און ווי די אויסלענדישע צייטונגען האָבן זיך משער-געווען, אויך וועגן פּאָליטישע ענינים. אין דער רוסישער דעלעגאַציע האָט זיך געפונען אַ ברודער פון אהרן יודקעוויטש, מישאַ יודקעוויטש, וועלכער איז דאָרט אין רוס/אַנד עולה-לגדולה-געוואָרן. פון דעם דייטשן צד איז אויך צוגעצויגן-געוואָרן צו די קולטורעלע אונטערהאַנדלונגען ד"ר היינריך באָדענהיימער, וועלכן מען האָט געוואָלט אָפּדינען אין די רעגירונגס-קרייזן פאַר זיין טעטיגקייט אין רור-געביט. ד"ר באָדענהיימער האָט זיין מיסיע גענומען זייער ערנסט און געהאַלטן עס פאַר אַ גרויסן כבוד צו רעפּרעזענטירן דייטשלאַנד, און זייער שטאַרק פאַרגעברייט זיך צו דער ווירדיגער און פאַראַנטוואָרטלעכער שטעלונג. עס איז איבעריג צו זאָגן, אַז ער האָט זיך געפילט זייער שטאָלץ מיט דערדאָזיגער אויס-צייכנונג, כאָטש, פאַרשטייט זיך, ער איז נישט געשטעלט-געוואָרן, חלילה, אין דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע. אין דער שפּיץ איז געשטאַנען אַ דייטשער פּראָפעסאָר. ער איז קוים געווען אין בייראַט, אָבער דאָך אַ רעפּרעזענטאַנט פון דייטש-לאַנד. ער האָט נאָר פאַרדרוס-געהאַט, וואָס אויפן צווייטן צד, ביי די רוסן, געפינען זיך צופיל יידן. ער האָט געהאָפט, אַז

זיין כנגד וועט זיין אַן עכטער רוס. אַן איבערבלייבעכטס פֿון דעם אַלטן רוסישן אַדל, וואָס אַרבעט־מיט מיט דעם נייעם רעזשים, אָדער צו ווינציגסטן אַ רעפּרעזענטאַטיווער פֿאָרשטייער פֿון די רוסישע פֿויערן אָדער אַרבעטער. זיין צד שכנגד איז טאַקע געווען אַ רוסישער פּראָפֿעסאָר, אָבער מען האָט באַלד אָנגעזען, אַז דער רוסישער פּראָפֿעסאָר איז נאָר אַ זאַך־קענער, אַ ספּעציאַליסט, וועלכער באַדייט גאָרנישט אין דער דעלעגאַציע. דער גאַנצער אָנפֿירער, די נשמה — אַזוי צו זאָגן — פֿון דער דעלעגאַציע איז געווען איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ שאַרף יידיש אויסזען, מיט אַן איבערגעטריבענער לאַנגער נאָז, וואָס האָט זיך בולט אַרויסגעהויבן פֿון זיין גלאַט ראַזירט פּנים, מישאַ יודקעוויטש, צו וועלכן אַלע חשובע פּראָפֿעסאָרן, מיטגלידער פֿון דער דעלעגאַציע, ווענדן זיך נאָך עצות און פֿירן־אויס זיינע באַפֿעלן. מען האָט באַלד אָנגעזען, אַז כאָטש יודקעוויטש איז נישט צוגעטיילט צו קיין שום ספּעציעלער אָפּטיילונג, איז ער אָבער די באַדייטנדסטע פֿיגור אין דערדאָזיגער שליחות און איר אָנפֿירער.

„איז עס נישט אַמאָל אַ ברודער פֿון זייער אייגענעם יודקעוויטש? אָט דער, וועלכער האָט ביי זיי צוגענומען די „היפּאָטעקן־אַנשטאַלט“ און ביי וועלכן דער דאָקטאָר, ווי די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער משפּחה, זענען איצט אויף קעסט, צאָלט זיי אויס זייער געהאַלט? — ווי פּאַר אַן אָסט־יודע, מוז מען צוגעבן, צאָלט ער זייער רעגלמעסיג. — יאָ, ער האָט דעמזעלבן אָנבליק, וואָס דער אַנדערער יודקעוויטש, דאָסזעלבע פֿירקאַנטיגע פּנים, די האָר זענען ביי אים נישט אויסגעקראָכן ווי ביי יענעם, אָבער דיזעלבע גרויע אויגן און דאָס גלאַטע ראַזירטע פּנים, דיזעלבע לענגלעכע, געהויקערטע נאָז. מען באַדאַרף זיך דערוויסן...“

ד״ר היינריך האָט ווייניג־וואָס געהאַט און געוואָלט האָבן צו טון מיט יודקעוויטשן. די משפּחה־מיטגלידער האָבן איצט אויסגעמיטן די היפּאָטעקן־באַנק איבערצוטרעטן. כאָטש דער דאָקטאָר האָט זיך געהאַט רעזערווירט אַ געוויסע באַראַטונגסרעכט אין דער באַנק (זיין געהאַלט פֿון דער באַנק באַקומט ער אַלס אייבער פֿון די אויפּזעער), אָבער ער האָט זיין רעכט

קיינמאָל נישט אויסגענוצט. יודקעוויטש האָט אים קיינמאָל נישט גערופן און ער איז קיינמאָל אויף די זיצונגען אין דער באַנק נישט געקומען. דאָס מאָל האָט ער געוואָלט אויסנוצן זיין שייכות מיט יודקעוויטשן, כדי דורך אים צו שליסן קאָנטשאַפט מיט זיין ברודער, דעם פירער פון דער רוסישער דעלעגאַציע. ער האָט געוואָלט זיך פאַרדינט-מאַכן פאַר דער דייטשער זאַך, וואָס ער פאַרטרעט, צוליב איר זיך אַפילו אַראָפּלאָזן און אָנקניפּן באַציאונגען מיט דער אויסטערלישער משפחה יודקעוויטש.

פון דער דייטשער זייט האָט מען שוין לענגסט געזוכט אַ געלעגנהייט אָנצושליסן נענטערע באַציאונגען מיט דעם מאַן, וואָס רעגירט שטילערהייט איבער דער דעלעגאַציע. מען האָט צוליב דעם צוועק פאַרשידנס אונטערגענומען. מען האָט געפּרואווט מישען איינצולאַדן אין די ערשט-קלאַסיגע רעסטאָראַנען אין שטאָט, אויף געשעפטס-לאַנטשן, מען האָט אים אַפילו געפּרואווט אין נאַכט-לאָקאַלן צו פאַרפירן, ווייזן אים דאָס באַרימט-געוואָרענע „בערלינער נאַכט-לעבן". מישאַ יודקעוויטש האָט אָבער עקשנותדיג זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער איינלאַדונג. ער האָט זיך העפלעך פאַרענטפערט, אַז ער איז באַשעפטיגט. ער האָט אַפילו נישט אָנטייל-גענומען אין די אָפיציעלע פאַרוויילונגען, וואָס מען האָט געגעבן פאַר די רוסישע דעלעגירטע, מען האָט אים געזען בלויז ביי די זיצונגען, וואו ער האָט זעלטן-ווען דאָס וואָרט גענומען. ער האָט זיך נאָר צוגעהערט, וואָס די אַנדערע זאָגן. באַלד נאָך די זיצונגען איז ער פאַרשוואונדן-געוואָרן אין זיין האָטעל אָדער ער איז געווען פאַרנומען אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע. מען האָט אים נישט געזען...

דער ד"ר היינריך האָט געפּרואווט דורך זיין שייכות מיט יודקעוויטשן זיך צו באַקענען מיט זיין ברודער. ער האָט אַפילו צו דעם צוועק זיך אַראָפּגעלאָזט און געבעטן יודקעוויטשן, ער זאָל אים איינלאַדן צו זיך אַהיים, ווען זיין ברודער וועט אים באַזוכן, וואו ער וואָלט געוואָלט האָבן די געלעגנהייט מיט זיין ברודער זיך אַדורכצורעדן פּריוואַט, נישט אָפיציעל (דעם דאָקטאָר היינריך איז עס פאַרגעקומען נאַטיר-

לעך און פאַרשטענדלעך, אַז די ברידער יודקעוויטש פאַרקערן צווישן זיך). ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען יודקעוויטש, וועלכן ער האָט געמאַכט דעמדאָזיגן פאָרשלאָג, איז אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט און איז רויט-געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט דעם ברודערס נאָמען, און געבליבן פאַרשטומט.

— האָב איך זיך טועה-געווען, איז דער יודקעוויטש נישט פון אייער משפחה?

— געוויס, דאָס איז מיין ברודער.

— פאַרקערט ער נישט ביי אייך?

— געוויס, ווי דען אַנדערש? — האָט זיך יודקעוויטש באַרימט, — געוויס וועלן זי האָבן די געלעגנהייט מיט מיין ברודער פריוואַט צו רעדן ביי אונז אינדערהיים. — — —

— מיט אייער ברודער האָב איך די ערע באַקאַנט צו זיין, און נישט נאָר באַקאַנט צו זיין, נאָר — אַזוי צו זאָגן — צו שטיין אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען. איך גלויב, אַז כ'וועל האָבן דאָס פאַרגעניגן ביי אים אינדערהיים מיט אייך זיך צוזאַמענצוקומען! — זאָגט אַנומלט ד"ר היינריך באַדענהיי-מער צו מישאַ יודקעוויטש, ווען ער האָט יענעם צופעליג אָנגעטראָפן אַראָפּגייענדיג פון די טרעפּ אויס דעם זיצונגס-זאַל, וואו די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען. — זי קענען דאָך מיך, איך בין ד"ר באַדענהיימער, ד"ר היינריך באַדענהיימער, פון דער קולטור-קאָמיסיע. איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן מיט אייך אונטערצוהאַנדלען וועגן דעם אויסטויש פון די קול-טור-ווערטן פון אונזערעביידע לענדער. איך וואָלט געוואָלט האָבן דעם כבוד מיט אייך איבער דעם פּראָבלעם פערזענלעך און פריוואַט אַדורכצודיסקוטירן. איך האָף, אַז ביי אייער ברודער אינדערהיים... — זאָגט מיט איבערגעטריבענער, כמעט לאַקאַיִשער העפלעכקייט ד"ר באַדענהיימער צו דעם אין ציוויל געקליידעטן, נאָר מיט מיליטערישער האַלטונג, באַלשעוויק מישאַ יודקעוויטש.

— ביי מיין ברודער אין שטוב? — פרעגט פאַרוואונדערט דער לעצטער.

— יאָ, איך מיין ביי אירן הערן ברודער יודקעוויטש,

דער פּאַרוואַלטער... פּאַרצייאונג, נישט קיין פּאַרוואַלטער, נאָר דער מיטאינהאָבער פון אונזער „באָדענהיימערישער היפּאָטעקן־אַנשטאַלט". אָדער פילייכט איז עס נישט אייער ברודער? — זאָגט דער דאָקטאָר, ווען ער זעט, ווי דער לעצטער איז דערשטוינט.

— אַ, איר מיינט אַראָנטשיקן? — פרעגט פּאַרוואונדערט מישאַ.

— אַראָנטשיק? איך באַדויער, וואָס איך ווייס נישט זיין פּאָדערנאָמען, אָבער דאָך געוויס — אַהרן יודקעוויטש? זי זענען דאָך משפחה מיט אים?

— יאָ, געוויס. אַ ברודער, ליידער.

— פּאַרוואָס „ליידער"? אָ, איך בעט אייך אום פּאַרציי־ונג... אָ, יאָ, איך פאַרשטיי... נו יאָ... — שמייכלט דער דאָק־טאָר פאַרלעגן.

— ביי אים אין שטוב זאָל איך מיך מיט אייך צוזאַ־מענקומען?

— איך האָב געמיינט... נאָכדעם, ווי מיר שטייען — אַזוי צו זאָגן — מיט אייער ברודער אין געשעפטלעכע באַ־ציאונגען, וועל איך דאָך דאָס פאַרגעניגן האָבן... אייער ברו־דער האָט עס מיר פאַרשפּראָכן.

— מיט מיין ברודער אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען? ווי אַזוי קומט איר צו אים?

— נו יאָ, עס רעדט זיך נאָר אַזוי... „געשעפטלעכע פאַר־בינדונגען" — כאַפּט זיך דער דאָקטאָר צוריק אין פאַרלעגנ־הייט, — ער האָט אונז, אַזוי צו זאָגן, די „געשעפטלעכע פאַרבינדונגען" אויפגעצוואונגען — לאַכט דער דאָקטאָר — נאָכדעם, ווי ער האָט אונזערע הייזער און פּאַפּירן אויפגע־קויפט. זי וויסן דאָך, מיר לעבן איצט ביי אונז אין אַן אינ־פלאַציאָנס־צייט...

— אַך אַזוי, וואָס האָט ער אייך — דאָס פאַרמעגנס צוגענומען? — לאַכט מישאַ, — מן־הסתם האָט ער אייך שוין גוט ביים גאָרגל צוגעדריקט... עס איז פונקט פאַר אים. יאָ, עס האָט מיר ווער געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַן אייגנטי־מער פון אַ גרויסער היפּאָטעקן־באַנק. אַזוי, איז עס אייער

באנק. נו יאָ, אַז איר האָט זיך געלאָזט, איז ער דער קלוגער. ביי אונז וואָלט ער די געלעגנהייט נישט געהאַט!

— מיר זענען אַ דעמאָקראַטיע! — זאָגט דער דאָקטאָר שטאָלץ.

— יאָ, דאָס ווייס איך...

— אָבער אַ ייד! ער מאַכט אַ שלעכטן נאָמען יידן... פונדאַנען שטאַמט דער אַנטיסעמיטיזם!

— וואָס, נאָר יידן זענען שפעקוליאַנטן און „שיבער", ביי אייך איז דאָך דעמאָקראַטיע, אַלע מעגן דאָך ביי אייך דעם פּראָלעטאַריאַט אויסרויבן!

— אַנדערע מעגן. יידן באַדאַרפן זיין פאָרזיכטיג. מען רעדט שוין אַזוי אויך געגוג אויף זיי. און ביי אייך איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם? מיר האָבן דאָך געהערט!...

— געוויס איז דאָ! אָבער נישט דערפאַר, ווייל אַ ייד איז אַ „שיבער", נאָר דערפאַר, ווייל אַ ייד הענגט „שיבערס". אונזערע יידן שטעלן די שפעקוליאַנטן צום ווענטל, דערפאַר, פאַרשטענדלעך, זענען אַלע שפעקוליאַנטן ביי אונז אייבצייטיג אַנטיסעמיטן, און מיר באַהאַנדלען זיי אַזוי...

— יאָ, אָבער דאָך באַדאַרף מען פאָרזיכטיג-זיין! איך האָב געוואָלט האָבן דאָס פאַרגעניגן מיט אייך וועגן דעם פּראָבלעם זיך אַדורכרעדן, ווען איר וועט מיר דערלויבן. מען הערט אַזוי פאַרשידנס אויס רוסלאַנד.

— געוויס, אָבער נישט ביי מיין ברודער אין שטוב. איר ווייסט דאָך, ווער עס האָט אַ געהאָנגענעם אין דער משפּחה, דערמאָנט מען פאַר אים נישט וועגן קיין שטריק, און מיין ברודער איז קוים מיטן לעבן פון דער תּליה אַנטלאָפן. ווען איר ווילט האָבן אינפאָרמאַציע וועגן אונזער לאַנד, בין איך שטענדיג בארייט אייך צו אינפאָרמירן. מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו באַהאַלטן.

— אָ, איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, עס וועט מיר גרויס כּבוד און פאַרגעניגן זיין. איר פאַרצייט מיר, מיר לעבן אין אַזאַ שלעכטער צייט, מיר מוזן זייער פאָרזיכטיג-זיין. ליי-דער האָבן זיך אויך ביי אייך צופיל יידן אויפן פראָנט אַרויס-גערוקט, מען הערט נאָר, אַז די קאָמיסאַרן באַשטייען אויס

לויטער יידן. וואָלט איר מיך געהאָרכט, וואָלטן די יידן ביי אייך זיך אַביסל אָפּגערוקט, נישט צו שטיין אין די ערשטע רייען... עס וואַרפט זיך אין די אויגן. פאַרצייט מיר, וואָס איך זאָג אייך דאָס. איר ווייסט דאָך, איך בין אייערס אַ גלויבנס-גענאָסע. — ליידער רופט זיך דאָס אויך שלעכט אָפּ אויף די יידן פון די אַנדערע לענדער.

— ווי אַזוי, יידן?

— נו יאָ, מען הערט דאָך נאָר וועגן יידן אַלס קאָמי-סאַרן, זיי פאַרנעמען די קירכן... צו וואָס באַדאַרף מען דאָס? געוויס, ווען אַ ייד איז פעאיג, זע איך נישט קיין אורזאַך, אַז ער זאָל מיט זיין פעאיגקייט נישט דינען זיינע מיטמענטשן. געוויס, אָבער דאָס רוקן זיך אין פראָנט... צום ביישפּיל, אין אייער דעלעגאַציע האָט איר צופיל יידן! צו וואָס אַזוי פיל יידן? דאָס מאַכט דאָך אָן רשעות, גלויבן זי מיר! דאָס מאַכט אָן רשעות! — האָט דער דאָקטאָר איינגערוימט מישען דאָס וואָרט אין אויער, דערביי זיך אַרומגעקוקט, אויב קיינער חלילה הערט אים נישט.

— ווייסט איר דען נישט, אַז ביי אונז זענען מער נישטאָ קיין יידן?

— ווי אַזוי?

— פשוט, מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשמדט. נישט אַלע יידן, נאָר די בעסטע. אַזוי אויך די בעסטע גויים... עס זענען מער נישטאָ ביי אונז קיין גויים, נישטאָ מער קיין יידן.

— וואָס הייסט?

— פשוט, אין אָקטאָבער. איר האָט געהערט, ביי אונז איז געווען אַן אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין 1917, האָבן זיך דענסטמאָל די גויים מיט די יידן צוזאַמען אָפּגעשמדט. אונזער טויף-פאָטער איז געווען לענין. פון דענסטמאָל אָן איז ביי אונז אויף קיין רפואה נישטאָ נישט קיין גויים און נישט קיין יידן, נאָר לויטער באָלשעוויקעס...

— אַך, זי שפּאַסן!...

— ניין, איך שפּאַס נישט, אויף נאמנות — זי קענען דאָך דאָס וואָרט? אַמאָל מוז דאָך דאָס אָן ענד נעמען. ווי לאַנג וועט זיך די וועלט פּלאָגן מיט יידן און גויים? האָבן מיר

אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז אי די גויים הערן-אויף צו זיין גויים, און אי די יידן הערן-אויף צו זיין יידן, מיר שמדן זיך אַלע אויף באָלשעוויקעס. דערפאַר קאָנפיסקירן מיר די צערק-וועס און די שולן, מיר פאַרוואַנדלען זיי אין אַרבעטער-היימען, אין אַרבעטער-קלובן, אין נוצלעכע, שיינע אינסטיטוציעס, און מיר שרייבן אויף די בעלעמערס אויף: „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק". נישט אָפּיום איז עס, נאָר סם. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז די רעליגיע איז אַ שלעכטע זאַך, פיל בייז אויף די מענטשן געבראַכט, האָבן מיר דערמיט אַן ענדע געמאַכט.

— נאָר אין וואָס דען גלויבט איר?

— מיר האָבן אַן אַנדער גלויבן, אַן אמונה, וואָס נישט זי צעטיילט, נאָר פאַראייניגט אַלע פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט. צו דעם גלויבן באַקענען מיר זיך, צו דעם גלויבן אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין דער באָלשע-וויסטישער לערע, ווי לענין האָט זי אויסגעטייטשט.

— און דער גלויבן צעטיילט דען נישט די מענטשן?

— געוויס צעטיילט ער. פאַרשטענדלעך, אַלע וואָס באַ-קענען זיך צו אים זענען יידן, די איבעריגע — גויים!... און מיר באַהאַנדלען זיי אַזוי! למשל, מיין ברודער, כאָטש ער איז דאָך אַ ייד, פון איין טאַטע-מאַמע, נישט אמת? אָבער פאַר מיר איז ער אַ גוי, אַ פרעמדער, אַ פאַרשטויסענער. אַלץ וואָס איז ביי אים, איז טרפה... אַלץ וואָס ער טוט, איז קעגן אונ-זער געזעץ. זיין הויז איז געבויט אויף גנבה און גזלה, דער-פאַר איז ער פאַר מיר טרפה, ווי פאַר אַ ייד חזיר, און איך וועל נישט אַריינגיין צו אים. וואָלט ער זיך געווען געפונען ביי אונז אין לאַנד און וואָלט ביי אונז געטריבן זיין שפּעקו-ליאַציע, ווי ביי אייך, ווי ער האָט עס טאַקע אַמאָל געטון, וואָלט איך אים אַליין צום ווענטל געשטעלט און אַ קויל אין זיין קאָפּ אַריינגעהאַקט, ווי איך האָב עס טאַקע געוואָלט אַמאָל טון.

— וואָס, איר האָט געוואָלט אייער אייגענעם ברודער טויטן? — פרעגט דער דאָקטאָר דערשראָקן.

— און איך וואָלט עס אויך געוועזן געטון, ווען ער וואָלט זיך נישט געוועזן אויסבאַהאַלטן.

— אייער אייגענעם ברודער? — פרעגט-איבער דער דאָקטאָר אין אויפרעגונג.

— ער איז נישט מיין ברודער, ער איז אַ שפּעקולאַנט, אַ „שיבער", דאָס הייסט — אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער. יעדער פּויער, יעדער אַרבעטער איז מיין ברודער, נישט קיין חילוק אין וועלכן לאַנד, וועלכעס לשון, צו וועלכן פאָלק ער געהערט, אָבער נישט מיין אייגענער לייבלעכער ברודער.

— איר מיינט אייערע געזינונגס-גענאָסן?

— ניין, איך מיין מיינע גלויבנס-גענאָסן. מיר געהערן זיך אָן צו איין משפּחה, צו דער משפּחה פון וועלט-פּראָלע-טאַריאַט, און מיר האָבן אַלע איין אמונה, די אמונה פון ברידערלעכן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. מיר גלויבן אין באָלשעוויסטישן גאָט און האַלטן שטאַרק פון דער מאַרקסיסטי-שער תורה, ווי אונזער רבי לענין האָט זי אונז אויסגעטייטשט. די אַנדערע, וואָס זענען געגן אונז, זענען „גויים". זעט איר, דערפאַר קאָן ביי אונז קיין אַנטיסעמיטיזם נישט זיין. ווי אַזוי זאָל דער אַנטיסעמיטיזם זיין, אַז מיר האָבן זיך אַלע אָפּגע-שמדט!... — לאַכט מישאַ.

— און זאָגט מיר, איך בעט אייך — זייט מוחל, וואָס איך שטעל די פראַגע — אין דעם נייעם גלויבן, צו וועלכן איר באַקענט זיך, אָט אין דער נייער געזעלשאַפט, פילט איר זיך אַלס ייד ווי אַ גלייכבארעכטיגטער מיטגליד?

— ווי אַזוי? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ביי אונז זענען נישטאָ קיין יידן און קיין גויים, ביי אונז זענען נאָר דאָ באָלשעוויקעס.

— דאָס פאַרשטיי איך גאַנץ גוט. די דיסציפּלין און מאַכט קאָן פאַר אַ געוויסער צייט האַלטן אין צוים, אָבער נישט וועגן זיי, וועגן די דרויסנדיגע גייט עס מיר, איך מיין וועגן אייך אַליין! פילט איר אַלס ביז-איצט געוועזענער פאַרפאָלגטער ייד אין זיך די גלייכבאַרעכטיגונג פון אַ פולן בירגער אין דער נייער געזעלשאַפט?

מישאַ האָט געטראַכט אַ מינוט.

— די רעװאָלוציע איז מײן הײמאַט, די אײנציגע הײ־מאַט, װאָס האָט מיך גלײכבאַרעכטיגט, די אַנדערע האָבן מיך געהאַלטן אין אײן אױסשליסן. די אײנציגע, װעלכע האָט מיך די ערשטע אַרײנגענומען װי אַן אײגן געבױרן קינד, איז די רעװאָלוציע. װי אַזױ זאָל איך זיך נישט אין איר פילן גלײכ־באַרעכטיגט?

— אױך אַנדערע רעװאָלוציעס האָבן בײ זײער אַנטשטײ־אונג גלײכע ליניען געצױגן, דערנאָך האָבן זײ די ליניען אױסגעקרומט, אױף פּריװילעגירטע און נישט־פּריװילעגירטע. פונװאַנען װײסט איר, אַז די רעװאָלוציע װעט נישט אַמאָל אירע קינדער אײנטײלן אױף אמתע און אױף שטיפקינדער? מיט װאָס זענט איר דאָס זיכער?

— מיט דעם, װאָס די רעװאָלוציע איז נישט געװען אַן אױפשטאַנד פון פּריװילעגירטע, נאָר פון די פאַרפאָלגטע, פון די פאַראַכטעטע, פון די נידערגעשלאָגנסטע. דורך דעם — װאָס טיפער געשלאָגן דו ביסט געװען, אַלץ נעענטער פילסטו דיך צום האַרץ פון דער באָלשעװיסטישער רעװאָלוציע. װאָס אָרימער דו ביסט, אַלץ רײכער ביסטו אין איר. אָבער נישט אין דעם גײט עס, עס האַנדלט זיך נישט, דאָקטאָר, װי די ליניע פון דער רעװאָלוציע װעט אַמאָל אױסגעבױגן־װערן. איר האָט מיך געפרעגט, װי איך אַלײן פיל זיך אין איר. איך פיל זיך, אַז איך בין איר קינד, און קײן אַנדערע מוטער האָב איך נישט. אָבער דאָס איז אַ מוטער, װאָס נישט זי געבירט די קינדער, נאָר די קינדער געבױרן זי. מיר, אירע קינדער, האָבן די רוסישע רעװאָלוציע געבױרן, און געבױרן און באַנײען זי יעדן טאָג... מיר שאַפן זי יעדן טאָג. װילט איר װיסן, װי אַ קינד פון דער רוסישער רעװאָלוציע פילט זיך? װאַרט, דאָקטאָר, װאַרט נאָר אַ װײל... װאָס טוט איר מאָרגן פיר אַזײגער? מיר האָבן נישט קײן זיצונג. װילט איר נישט קומען אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע? איר װעט דאָרט זען, װי אַ קינד פון דער רוסישער רעװאָלוציע פילט זיך, צי יאָ אַ ײד, צי נישט אַ ײד. ביטע, זאָגט, אַז איר װילט צו חבר יודקעװיטש. איר װעט עפּעס לערנען דערפון...

דערױף האָט אים מישאַ פאַרלאָזט.

צומאָרגנס פיר אַזייגער נאָך מיטאָג האָט זיך דער דאָקטאָר געפונען פאַר דער געביידע פון דער רוסישער אַמבאַסאַדע אונטער די לינדן... דאָרט האָט מען שוין געוואוסט וועגן אים און מען האָט אים אַרויפגעפירט אויפן אויבערשטן שטאָק. אַריינגעבראַכט אים אין אַ פאַדערצימער, וואו ער האָט אָנגעטראָפן אויף וואַרטנדיגע מענטשן, אָנגעטון אין קליידער פון אַ ספּעציעלן מיליטערישן שניט, באַהאָנגען מיט פיל דעקאָראַטיווע בענדלעך, אַנדערע אויך מיט מעדאַלן. די מיליטעריויסזעענדיגע מענער האָבן זיך אויפגעהויבן ביים דאָקטאָרס אַריינקומען און געבליבן שטיין אין מיליטערישער אָרדנונג. מען האָט דעם דאָקטאָר אויך געהייסן זיך אַוועקזעצן און וואַרטן אַ ווייל, ביז מען וועט דעם חבר יודקעוויטש צו וויסן געבן וועגן זיין אָנקומען.

ד״ר היינריך האָט דערווייל באַטראַכט זיינע מיטוואַרטנדיגע. ער האָט נישט פאַרפעלט צו באַמערקן, אַז די פאַרזאַמלטע דאָ זענען געוועזענע אָדער נאָך איצטיגע מיליטער-לייט. דאָס האָט מען אָנגעזען אין זייער קאַרעקטער שטייפער האַלטונג, אין די פיל דעקאָראַציעס אויף זייערע ציווילע און דאָך מיליטערישע קליידער, פון וועלכע עס האָבן נאָר געפעלט די שליפעס. אין זייער ערנסט פאַרטראַכטן האָט מען גלייך באַמערקט, אַז פאַר זיי שטייט-פאַר אַ וויכטיג געשעעניש אין זייער לעבן, און ער האָט זיך באַין-אופן נישט געקאָנט דערקלערן, וואָס האָבן די מיליטער-לייט צו טון מיט דעם „אָסט-יודען״ יודקעוויטש (וועלכן ער האָט אינערלעך ביי זיך נישט אויפגעהערט אַזוי צו רופן), אַ ברודער פון דעם יודקעוויטש, וועלכן ער קען און וועלכער האָט ביי זיי די באַנק צוגענומען. צו-פיל צייט האָט מען אים נישט געלאָזט דעם קאָפּ צעברעכן איבער דעם רעטעניש. מען האָט אים באַלד אַריינגעפירט אין דעם קאַבינעט צום „טאָוואַרישטש״ יודקעוויטש, וואָס דאָס האָט נישט פאַרפעלט צו מאַכן דעם געהעריגן איינדרוק אויף די אָנוועזנדיגע מיליטער-לייט, וואָס עס האָט זיך טאַקע אָפּגעשפּילט אויף זייערע פנימער.

דעם „טאָוואַרישטש״ יודקעוויטש האָט ער אָנגעטראָפן זיצן ביי אַ מאַסיוון שרייב-טיש, פאַרטיפט מיט אַן ערנסט-

קייט אין דאָקומענטן און פּאַפּירן... ער האָט אים מיט אַ גרויס־אַרטיגן זשעסט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף אַ שטול אין אַ זייט, אַ פּאָר סעקונדן אים איגנאָרירט, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט מפסיק־זיין פון זיין וויכטיגער באַשעפטיגונג. ד״ר הייב־ריך האָט דעם יודקעוויטש נישט דערקענט; אויס רעספּעקט פאַר אויטאָריטעט, וואָס זיין דיסציפּלינירטע דערציאונג האָט איינגעפלאַנצט אין אים, איז ער פאַר דעם „אָסט־יודען" גע־בליבן שטיין אין אַ שטייפער האַלטונג... אַזאַ איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דער יודקעוויטש אין זיין מיליטעריש־געשניטענעם, ביז צום לעצטן קנאָפּ פאַרקנעפּלטן אָנצוג, ווען אַפילו עס איז נישט געווען אויף אים אָנצוזען קיין שום צייכן פון ראַנג. נאָר דער גאַנצער אָנצוג אויף דעם שטייפן אויסגע־שטרעקטן מיליטער־מאַן, וואָס האָט אים געטראָגן, האָט אויס־געזאָגט פון אויטאָריטעט און מאַכט. אָבער ווי צו להכעיס דער גאַנצער וועלט און צו דער גרויסער זאָרג פון ד״ר באָדענ־היימער, האָט דער מאַן, וואָס האָט באַקליידט דעם הויכן ראַנג, אָנגעטון זיך ספּעציעל צו דער געלעגנהייט אַן איבערגעטריבענע לאַנגע יידישע נאָז, וועלכע האָט חוצפּהדיג — יאָ, חוצפּהדיג אַרויסגעשטאַרט פון זיין גלאַט ראַזירט פּנים; אַזוי ווי זי וואָלט געווען באַוואוסט פון איר חשיבותדיגקייט, האָט זי מער פון אַלע אַנדערע גלידער פון זיין גוף זיך אַרויסגעהויבן און אָנטייל־גענומען אין זיין באַשעפטיגונג. זי, די נאָז, מער פון זיינע אויגן האָבן אַריינגעקוקט אין זיינע פּאַפּירן, אין וועלכע ער איז געווען פאַרטראַכט.

— דאָקטאָר, ביטע, זעצט אייך! אָט דאָ. איך האָב אייך גערופן, כדי איר זאָלט זיין אַן עדות פון אַ סצענע, וועלכע וועט אייך מער ווי ווערטער קאָנען דערקלערן, געבן אייך, אַזוי צו זאָגן, אַ באַגריף פון דער פּסיכאָלאָגישער ענדערונג, וואָס אונזער רעוואָלוציע האָט אַריינגעבראַכט אין די מענטש־לעכע מוחות. איר האָט געזען די לייט, וואָס זיצן אין פאָדער־צימער, דאָס זענען געוועזענע מיליטער־לייט פון צאַריסטישן רעזשים, וועלכע ביטן־אָן זייער דינסט דער סאָוויעטישער מאַכט. זיי ווילן אַריינטרעטן אין אונזער רויטער אַרמיי. פּרינ־ציפּיעל האָבן מיר נישט געגן דעם. מיר רעכענען זיך, פאַר־

שטענדלעך, מיט די מיליטערישע פעאיגקייטן און אויפטועכצן פון געגעבענעם אַפּליקאַנט, מיר ווילן אויך וויסן זיינע איצטיגע פּאָליטישע איבערצייגונגען, ווי אויך וועגן זיין מאָראַלישן אויפפירן זיך. איך בין אויפגעפאָדערט-געוואָרן פון אונזער מיליטערישער פאַרוואַלטונג פערזענלעך די אַפּליקאַנטן צו פאַר-הערן, צו שאַפן זיך מיין אייגענע מיינונג פון יעדן באַזונדער. איך האָב זיי געלאָזט קומען אין אונזער פאַרטרעטערשאַפט. איך וועל זיי באַלד אויפנעמען. איך שטודיר איצט זייערע פּאַפּירן. טייל פון זיי זענען זייער טיכטיגע מיליטער-לייט און ווען זיי זענען פסיכאָלאָגיש צוגעגרייט מיט אונז צו אַרבעטן, וועלן מיר זיי אויפנעמען אין אונזער אַרמיי. ביטע, זעצט אייך — פאָדערט ער אויף נאָכאַמאָל דעם דאָקטאָר, וועלכער קאָן אַלץ נישט קומען צו זיך פון דער איבעררעשונג און ער שטייט, ווי ער איז געוואוינט, פאַר אויטאָריטעטן — איר וועט זען, ווי מיר האָבן דאָס פּראָבלעם, איבער וועלכן מיר האָבן נעכטן גערעדט, דורך אונזער רעוואָלוציע געלעזט.

מיט דער באַמערקונג האָט יודקעוויטש געגעבן אַ קלונג אין זיין גלעקל און מיט אַ באַפעלערישן טאָן, פון וועלכן דער דאָקטאָר איז נתפעל-געוואָרן, געהייסן דעם באַדינענדיגן חבר אַריינלאָזן די וואַרטנדיגע.

דער ערשטער, וואָס איז אַריין אין יודקעוויטשעס קאַבי-נעט, איז געווען אַ דיקער, ברייט-ביניגער מאַן מיט אַ שפּאָרן רויטן קאַרג, אָנגעטון, ווי געוויינלעך, אין מיליטער-אוניפאָרם אָן שליפעס. דערפאַר האָט ער געהאַט באַהאַנגען זיין ברוסט מיט אָרדערס. אין געשנירטע הויכע שיך אויף די פיס, אויף וועלכע מען האָט אָנגעזען, אַז זיי זענען אָפּגעוואוינט פון מי-ליטערישער האַלטונג, זיי זענען צו-דיק און צו-קרום-געווען. דער מאַן, וועלכער האָט ביי דער געלעגנהייט זיינע האַלב-פאַרגרויטע האָר און זייגע מיילן-לאַנגע וואָנסעס, פון אויער צו אויער, אויסגעשמירט מיט פּאָמאַדע, איז געשטאַנען, ווי ווייט ער האָט געקאָנט אין שטייפער, מיליטערישער האַלטונג פאַר דעם טיש פון דעם פאַרגעזעצטן. מיט איין האַנט כבוד אָפּגעגעבן און אין דער צווייטער האַנט אַ דיק בוך געהאַלטן, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט מיט זיין גאַנצן טיטל:

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן: באַראָן אַקים אַקי־מאָוויטש איספּאַנאָוו, קאָמאַנדירנדיגער עלטסטער פון צוויי און זיבעציגסטן פוסגייער־פולק!

— ביי אונז זענען קיין באַראָנען נישטאָ! — האָט אים מישאַ אָפּגעענטפערט, נישט שענקענדיג אים קיין בליק. זיין לאַנגע נאָז איז געווען אַריינגעטון אין אַ פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך און וועלכן ער איז שטאַרק פאַר־טראַכט־געווען.

— איך בעט מיר מוחל־זיין! — האָט דער עלטסטער געזאָגט, נאָר יודקעוויטש האָט אים באַלד גענומען אויפן פאַרהער:

— איר האָט ביי זיך אייער פולק־בוך, זע איך.

— אַזוי איז עס.

— צו וואָס האָט איר עס געהאַלטן?

— אַלס טייערן אָנדענקען.

— ביטע, לאָזט אַריינקוקן...

דער פולקאָווניק האָט מישען איבערגעגעבן אין בכבודי־גער דיסטאַנץ, מיט מיליטערישער האַלטונג דאָס פולק־בוך.

מישאַ האָט דערין געמישט.

— וואָס באַדייטן די צלימלעך, פאַרלוירענע?

— אַזוי איז עס.

מישע האָט ווייטער געבלעטערט אין בוך.

— נישט פיל ביי אייך לעבן־געבליבן.

— מיר האָבן פאַרלוירן ביי זיבעציג פּראָצענט פון אונ־זער פולק בעת דער שלאַכט ביי קאָוונע.

— זיבעציג פּראָצענט פון אייער פולק האָט איר פאַר־לוירן? נו, דאָס איז אַביסל צופיל... וואָס האָט איר געטון נאָך דער מלחמה?

— געווען אויף עמיגראַציע, צוערשט אין פוילן, שפּעטער דאָ אין גערמאַניע.

— אין בירגער־קריג האָט איר זיך באַטייליגט?

— ניין.

— מיט וואָס באַשעפטיגט איר זיך?

— געעפנט אַ קליינעם רעסטאָראַן.

— אַ קאַבאַק?

— אַזוי איז עס.

— פאַרוואָס ווילט איר צוריק קיין רוסלאַנד?

— שווער צו לעבן אויף עמיגראַציע.

— ווי אַלט זענט איר?

— זעקס און פופציג יאָר.

— און זיבעציג פּראָצענט פון פולק פאַרלוירן אין דער שלאַכט ביי קאָוונע?

— אַזוי איז עס.

— נו, גייט-אַהיים, מיר וועלן אייך לאָזן וויסן אויף דעם אַדרעס, וואָס איר האָט אָנגעגעבן אין אייער פּאַפּיר.

— איך האָב דעם כּבוד זיך אָפּצושיידן, — און דער עלטסטער האָט זיך מיליטעריש אָוועקגעדרייט און פאַרלאָזט דאָס צימער.

דער צווייטער, וואָס איז אַריין אין קאַבינעט, איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער קאָזאַקן-אָפיציר, אין קאָזאַקישן אוניפאָרם, אין הויכע שטיוול. ער האָט זיך ווי אַ סטרונע אויסגעצויגן פאַר יודקעוויטשן:

— כ'האָב די ערע צו מעלדן: גראַף מיכאַיל יוסיפאָוויטש קוסטאָוו, קאַפּיטאַן פון צוועלפטן קאָזאַקישן שיסער-פולק.

יודקעוויטש האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט אָנגעקוקט דעם שטייף-אויסגעצויגענעם יונג אין פּנים אַריין.

— ביי אונז זענען קיין גראַפן נישטאָ! שוין צייט געווען זיך אויסצולערנען!

— געהערט! — האָט דער אָפיציר געגעבן אַ קלאַפּ מיט די פיס אין מיליטערישער אָרדנונג און איבערגעחזרט. — כ'האָב די ערע צו מעלדן: מיכאַיל יוסיפאָוויטש קוסטאָוו, קאַפּיטאַן פון צוועלפטן קאָזאַקישן שיסער-פולק.

יודקעוויטש האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון דעם קאַפּיטאַן, אַריינגעגעבערט זיך מיט זיין קאָנצענטרירנדיגן בליק אין דעם קאַפּיטאַנס גרויסע אויגן.

— געווען אויפן פראָנט?

— אַזוי איז עס.

— אויסגעצייכנט זיך?

— ביי דער שלאַכט פון לעמבערג באַקומען דעם גע־אָרגעוווסקע — ערשטע קלאַס.

— אין בירגער־קריג זיך באַטייליגט? — פרעגט מישע און נעמט נישט אַראָפּ זיין בליק פון קאָזאַקס אויגן.

— אַזוי איז עס.

— ביי וועמען געדינט?

— אין דער דעניקינשער אַרמיי.

— אויסגעצייכנט זיך?

— אַוואַנסירט פון פּאָרוטשניק צו קאַפּיטאַן.

— פאַרוואָס ווילט איר אַריינטרעטן אין דער רויטער אַרמיי?

— איך וויל דינען מיין פאָטערלאַנד.

מישע האָט שאַרפער איצט אָנגעשטעלט זיין בליק אין קאַפּיטאַנס אויגן.

— אונטער דעם סאָוויעטישן רעזשים?

— איך בין אַ זעלנער און איך וויל דינען דעם פאָטער־לאַנד אונטער יעדן רעזשים, — זאָגט דער קאָזאַקישער אָפיציר און קוקט מישען אויך גלייך אין פּנים אַריין.

מישע האָט שאַרף איינגעשליפן זיין בליק אין דעם קאָזאַקישן פּנים, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיינע שפּיציגע אויגן אַדורכשטעכן דעם קאַלטן געגליווערטן ים, וואָס איז גע־לעגן ווי צעלאָזענער שטאָל אין די גרויע אויגן־לעכער פון קאָזאַקישן פּנים. אויך דער קאָזאַק האָט אויף קיין איין סעקונדע זיינע אויגן נישט אַראָפּגענומען פון מישען. אַזוי האָבן זיי איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן געקוקט קאַלט און שאַרף.

— וואָס האָט איר געטון אויף דער עמיגראַציע? — האָט מישע געפרעגט, נאָך אַלץ פאָרשנדיג דעם קאָזאַק.

— געהונגערט!

דאָס וואָרט האָט ווי אַ לעבעדיגער דראָט אָנגערירט אין מישעס טיפסטע באַהעלטענישן פון זיין האַרץ, וואו דער יידי־שער פונק האָט זיך באַהאַלטן... איין סעקונדע האָט ער אַ וואַקל זיך געטון. דער בליק פון זיינע אויגן איז ווייכער־

געוואָרן, אויסמיידנדיגער, נאָר איין סעקונדע האָט די שוואַכ־קייט געדויערט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איבערחזרן דאָס וואָרט אין אַ רחמנות־טאָן:

— געהונגערט?

— אַזוי איז עס.

— וואָס האָט איר געטון, כדי אייער ברויט צו פאַר־דינען?

— שטיוול געפּוצט — האָט דער קאָזאַק געענטפערט.

— פאַרוואָס זענט איר נישט ווי אייערע חברים אין די קאַבאַקן געגאַנגען?

— געהאַלטן עס פאַר אַן אומכּבוד פאַר אַ קאָזאַקישן אָפיציר.

— גוט. מעלדעט זיך אין אַמבאַסאַדע מאָנטאָג אינדער־פרי צום חבר סעקרעטאַר ראַשנאָוו! — זאָגט מישע און מיט אַ מיליטערישן כּבוד־צייכן אים אָפּגעלאָזט.

— דעם, קאָן זיין, וועלן מיר נעמען, — האָט מישע גע־זאָגט ווי פאַר זיך, נאָר געווענדט צום דאָקטאָר, פאַרצייכנדיג עפּעס אין זיין ביכל.

אַזוי איז אַדורכגעגאַנגען די אַלטע רוסישע אַרמיי, ווי אין אַן אילוזיע, פון אַ משיחישן, אומגלויבלעכן חלום, פאַר מישאַ יודקעוויטש און האָט זיך פאַר אים פאַרבויגן פאַר זייערע אייגענע זינד און פאַר די זינד פון זייערע עלטערן...

דער דאָקטאָר הייגריך, וועמענס גרעסטער אידעאַל אין לעבן איז געווען די מיליטערישע קאַריערע, וועלכע איז פאַר אים אויף זיבן שלעסער פאַרשלאָסן־געווען, ער, וואָס האָט די מיליטערישע טוגענדן אָנערקענט אַלס די העכסטע מענטשלעכע דערגרייכונגען, ער, וואָס האָט אַזוי פאַרגעטערט „צעזאַרן", אַז ער איז אונטערטעניג־געווען פאַרן קלענסטן, וואָס האָט נאָר גע־טראָגן אַ „קנעפּל", איז ביי דער אויבן־געשילדערטער סצענע נישט נאָר נבהל־ונשתּומם־געוואָרן, נאָר ער איז אויך אויסער זיך געוואָרן. ער האָט פאַר איבערראַשונג דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן. ער איז געזעסן ווי ביי אַ רעליגיעזער גאָטעס־דינסט, זיין האַרץ איז פול־געווען מיט אַנטציקונג. ווען דער

קאָזאַקישער אָפיציר האָט פאַרלאָזט דאָס צימער, האָט ער מיט אַן אויסערגעוויינלעכן יראת־הכבוד זיך געווענדט צו מישען:

— אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואו האָט איר דאָס געלערנט?

— וואָס געלערנט?

— די האַלטונג? די שטעלונג?? זי, אַלס יודע, אַלס אַסט־יודע — ביטע מיר מוחל צו זיין — אַזוי צו רעדן צו ריכטיגע מיליטער־לייט, אויף אַזאַ אופן? פונוואַנען האָבן זי די פעסטקייט? דעם גלויבן און די זיכערקייט אין זיך? עס זעט דאָך אויס, ווי איר וואָלט אייער גאַנץ לעבן נישט עפּעס אַנדערש געטון, נאָר מיט מיליטער־לייט אומגעגאַנגען? וואו האָבן זי די מיליטערישע האַלטונג געלערנט?

— דאָס האָט מיך די רעוואָלוציע געלערנט, פאַר איר באַדאַרף מען אַלץ קאָנען טון!

— און האָט איר נישט קיין מורא פאַר נקמה? — פרעגט דער דאָקטאָר.

— וואָס, „נקמה”? — פרעגט צוריק מישאַ.

— איך מיין, ווען די לייט וועלן צוריקקומען אַמאָל צו דער מאַכט. רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן קומען נישט נאָר בלויז פון דער זייט פון לינקס. נישט נאָר בלויז די לינקע האָבן אַ פּריווילעגיע רעוואָלוציעס צו מאַכן. מיר האָבן געזען אין אונזערע טעג אויך אויפשטאַנדן פון דער זייט פון רעכטס! — זאָגט דער דאָקטאָר מיט זאָרג.

— דאָס מיינט איר? ווען עס וועטווירקלעך קומען דערצו, אַז יענע זאָלן נאָכאַמאָל ביי אונז קומען צו דער מאַכט, וועלן מיר האָבן די נקמה כשר פאַרדינט, דערפאַר ווייל מיר האָבן די רעוואָלוציע נישט גוט אָפּגעהיטן — האָט מישאַ אָפּגעענטפערט — דערפאַר היטן מיר זי אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און דאָס, וואָס מ'האָט מיך דאָ אַוועקגעזעצט אויף דער שטול איז טאַקע צוליב איינער פון אונזערע באַוואָ־רעניש. מיר זעצן בלויז געשלאָגענע אויף פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס.

— איך וואָלט עס נישט געקאָנט! — האָט זיך דער דאָקטער מודה-געווען אין זיך דעם גאַנצן וועג, ווען ער איז אַהיימגעגאַנגען געבויגן אונטער דעם איינדרוק, וואָס ער האָט איבערגעלעבט: „נייע יידן! זיי שטעלן אַלץ אויף זיך, ווי די אַנדערע... גאַנץ נייע יידן!...״

## קאַפּיטל 19

# ווי אַ הונט נאָכן ביין

דער בריוו-טרעגער, וואָס זיצט אין שכנות ביי די שפּי־נערס אין הויז, האָט זיך אין דעם פרימאָרגן פינקטלעך אין דער צייט געשטעלט אין זיין רעוויר אין פּאָסט-ביוראָ צו דער אַרבעט, ווי ער טוט דאָס יעדן טאָג. זיין רעוויר איז געווען אַרום קאַנט-שטראַסע און שאַרלאָטענבורג. ווען ער האָט אָנגע־הויבן זיין טור, האָט ער געהאַט אַ פולע טאַש מיט צייטונגען, געשעפטס-פּאַפּירן, ביכער, אַ גרויס בענדל מיט בריוו און — אַ ליידיקן מאָגן... ער האָט זיך אויף דעם פּרימוס, וואָס ער האָט ביי זיך אין שטוב, אויפגעקאָכט אַ קאַן מיט וואַסער, אין וועלכן ער האָט אַריינגעשיט אַ צעריבענעם ווייץ, אַ מין ערזאַץ, וואָס די דייטשן האָבן גערופן „באָנען-קאַפע", צוגעביסן מיט האַרטע צוויי זעמל, געבאַקן אויס אַ מעל, וואָס מען האָט אַרויסבאַקומען פון ווייץ מיט אַ צוזאַמענמיש פון צערי־בענע קאַרטאָפל-שאָלעכץ. דאָס ברויט, וואָס מען האָט געגעסן אין דער צייט פון מלחמה, האָט זיך איצט אָנגעהויבן צו־ריק צו באַווייזן. דאָס עסן האָט ער זיך אַליין געמאַכט, וואָ־רים די פרוי איז נישט געווען אינדערהיים. די פרוי פון בריוו-טרעגער, וועלכע האָט געוואוסט דאָס אויסגעפּרואוווטע מיטל געגן קינדער-האָבן און וואָס זי האָט עס מיט פרייגיביג־קייט פאַרטרויט צווישן די ווייבער, איז אַליין טראָגעדיג-גע־וואָרן... גאַנצע זיבן יאָר האָט זי דעם „פּאָרטל" גענוצט, דעם

גאַנצן הויף מיט דער גאַנצער שכנימשאַפט פון ווייבער, כלות האָט זי אַלע געהאָלפן פאַרמיידן קינדער צו האָבן, און מיט-אַמאָל האָט עס זי אָפּגענאַרט. קיין קינד האָט זי נישט גע-קאָנט און נישט געטאָרט האָבן. ערשטנס, וואָלט עס געווען אַ „קאָנטראַקט-ברוך” געגן דער באַלעבאָסטע, ביי וועלכער זי האָט אָפּגעדונגען דאָס צימער, געגן דער פרוי שפּינער, וואָס דאָס וואָלט אויך געווען גלייכצייטיג אַ סיבה דאָס צימער צו פאַרלאָזן, און גיי געפין היינט אַ נייע וואוינונג! זי וואָלט אפילו אפשר ביים געריכט געקאָנט געווינען, אַז די פרוי שפּינער זאָל זי נישט קאָנען אַרויסוואַרפן פון דער וואוינונג, צוליב דעם, וואָס זי איז מעוברת-געוואָרן, וואָרים די „בעהערדן” זענען זייער פּאַראינטערעסירט, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיך מערן, און דאָס קינד-האָבן וואָלט נישט געקאָנט דינען אַלס אורזאַך פון קאָנטראַקט-ברוך — האָט מען איר פאַרזיכערט. אָבער דאָך האָט זי זיך נישט געוואָלט אַרומקריגן מיט פרוי שפּינער, מיט וועלכער זי האָט גוט געלעבט. צווייטנס, ווי אַזוי קאָן מען זיך היינטיגע צייט דערלויבן אַ קינד צו האָבן? האָט זי אַלץ געטון, כדי דאָס טראָגן אָפּצוטרייבן, קאַליע צו מאַכן. זי האָט אין שטאָטישן באָד גענומען זייער הייסע בע-דער, וואָס דאָס האָט אָבער איר נישט געהאָלפן. האָט זי זיך איינגעבעטן ביים הויז-וועכטער, אַז ער זאָל איר לאָזן צוהעלפן אים די קאַסטנס ביכער אַרויפטראָגן צום פאַרלעגער, וואָס וואוינט אויפן ערשטן שטאָק. דאָס האָט געהאָלפן. זי איז ביינאַכט קראַנק-געוואָרן, געפאַלן אין אומבאַוואוסטזיין און מען האָט זי געמוזט נעמען אין שטאָטישן קראַנקן-הויז. איין מאָל האָט ער זי געזען, דער בריוו-טרעגער. עס איז געווען אויפן דריטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע. די אָפּעראַציע האָט זיך איינגעגעבן, האָט מען אים פאַרזיכערט, מען האָט דאָס קינד אַרויסגענומען שטיקערווייז. נאָר זי האָט נאָך געהאַט גרויסע היץ און ער האָט נישט געטאָרט רעדן צו איר. זי האָט אים נישט דערקענט אויך. זי איז געלעגן אין אַ ווייס טוך איינ-געהילט, מיט אַ פּענכער אייז אויפן קאָפּ, רויט פאַרשוויצט, מיט פאַרמאַכטע אויגן. מען האָט אים נאָר געלאָזט איין מינוט זיין נעבן איר. די שוועסטער האָט אים באַלד צוגענומען.

מאָרגן גייט ער זי ווידער זען. (צוויי מאָל אין דער וואָך איז צוגעלאָזט באַזוך). מוז ער אַליין וועגן זיך זאָרגן, אַזוי לאַנג, ווי דאָס ווייב איז אין שפּיטאָל. די קאַרטאָפל שיילט פאַר אים פרוי שפּינער, איידער ער קומט אַהיים. ער האָט אַפילו געוואָלט אָפּמאַכן מיט פרוי שפּינער, אַז זי זאָל אים באַשפּייזן, אָבער עס איז שווער זיך צו איינִיגן אויף אַ פּרייז. אין היינטיגער צייט, ווען די פּרייזן ענדערן זיך אויף די שפּייזן יעדע פאַר שעה, קאָן מען אויף זיכערעס גאָרנישט אָפּמאַכן. טיילמאָל עסט ער מיט דער פאַמיליע. אָפטמאָל מאַכט ער זיך אַליין עפּעס צוריכט, אַבי נאָר דאָס לעבן צו דער־האַלטן. דאָס לעבן צו דערהאַלטן קאָן מען נאָר דורך דעם מאָגן, און צו זעטיגן דעם מאָגן איז אין אונזער היינטיגער צייט פון אַזאַ וויכטיגקייט, אַז אַלעס אַנדערע קומט גאָרנישט מער אין באַטראַכט.

דער בריוו-טרעגער הינצע האָט טאַקע וועגן קיין אַנ־דערער זאַך גאָרנישט געקאָנט קלערן. זיין מוח, זיינע געפילן און אַלע זיינע חושים, די קעמערלעך פון זיין דענקונגס־אַפּאַראַט זענען אויסגעפולט מיט דעם איינאיינציגן פּראָבלעם פון זעטיגן דעם מאָגן. דער הונגער שטילט-איין אַלע אַנדערע ליידנשאַפטן, רייסט-אַרויס אַלע אַנדערע פאַרלאַנגען און טויט־אָפּ אַלע אַנדערע געפילן און פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן אָרגאַ־ניזם פון מענטש אין איין דענקונגס-מאַשין, עס לעכצט אויס דעם קערפּער איין ברענענדיגער דורשט — דער פאַרלאַנג נאָך ברויט, נאָך זאַט צו ווערן! דער בריוו-טרעגער הינצע, אַדאָלף קלעמענס הינצע, קריגס-באַטייליגטער מיט אויסצייכנונ־גען, רייכספּאָסט-באַאַמטער, אַ מענטש, וואָס האַלט זיך אין דער „מדרגה", גייט איצט מיט זיין שווער-באַלאָדנטער פּאָסט־פּאַקעטן-טאַש, פּירט-אויס זיין אַמטלעכן באַרוף און קלערט וועגן קיין אַנדערער זאַך נישט, נישט וועגן דעם קראַנקן ווייב, צו וועלכער ער פילט זיך לעגאַל און „געפילפול" צוגעצויגן, מיט וועלכער ער לעבט זינט עלף יאָר אין „האַרמאָניע", דערפילט צוויי מאָל אין דער וואָך זיין „עהע"-פליכט... ער קלערט אויך נישט וועגן די רעזולטאַטן, וואָס עס קאָן האָבן פאַר זייער „עהע" דאָס אומגליק, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט זיין ווייב,

די אורזאַכן, וואָס האָבן דאָס אומגליק אַרויסגערופן, — זיין לעבנס-אינסטינקט איז נאָר אָנגעפולט מיט איינאייניציגן פאַרלאַנג, זיין מוח מיט נאָר איינאיינציגן געדאַנק: ווי אַזוי אָנצוזעטיגן זיין גרויסן ברייטן קערפּער איין איינציג מאָל כאָטש מיט מענטשלעכער נאַטירלעכער פאַרמלחמהדיגער שפּייז, דאָס געקעכטס באַשמעלצן מיט עכטן פעטס, וואָס קומט פון אָנשטענדיגע בהמות, עסבאַרע פאַר מענטשן, צו פאַרזוכן אַן עכט שטיקל בהמה-פלייש, און דער עיקר... דער עיקר צו זיין אָנגעזעטיגט! אַלעס מענטשלעכע הייבט זיך אָן נאָכן שטיקל ברויט. ביז צום ברויט שטעקט דער מענטש אין דער חיה...

דער רייכספּאָסט-באַאַמטער הינצע, זינט וואָכן און חדשים נישט אָנגעגעסן צו דער זעט, האָט נישט געקאָנט קלערן וועגן זיין אָרימער פרוי, וועלכע ליגט אין שפּיטאָל און איז אין גרויס נויט. די געדאַנקען וועגן זיין ווייב האָבן נישט געוואָלט בלייבן באַהאַפטן, זיי זענען צערינען-געוואָרן, פאַרטריבן פון די געדאַנקען וועגן דער קאַרטאָפל. די פּאָמערישע האָט דער פאַרפלוכטער שונא צוגענומען. די איינציגע קאַרטאָפל, וואָס מען קריגט, זענען ווינטערדיגע, האַלב-פאַרפוילט און האַלב-פאַרפרוירן, האַרט ווי אַ ברעט. ווען מען עסט זיי טרוקן, ליגן זיי זיך אין מאָגן ווי אַ שטיין... און דער רייכספּאָסט-באַאַמטער הינצע עסט זיי שוין זינט וואָכן און חדשים טרוקן. זיין געהאַלט, וואָס ווערט אויסגעצאָלט איצט וועכנטלעך, ווי ער זאָל נישט אויסרעכענען, קלעקט אים נישט צו קויפן קיין אָנשטענדיג פעטס, מיט וועלכן ער זאָל זיי באַשמעלצן. אַ חוץ דאָס טרוקענע זאַלץ, אַמאָל אַ ציבעלע, אַמאָל אַ רויע אוגערקע, אַמאָל אַ הערינג, וואָס באַגלייטן שטענדיג די טאָג-טעגלעכע טרוקענע קאַרטאָפל. פון דעם מעליגן וואַסערדיגן שפּייז זענען זיינע גלידער טייגיג-געוואָרן, ער פילט נישט קיין קראַפט אין זיינע מוסקולן, ער פילט נישט דעם מאַרך אין זיי... הויל וואַסער, עס האָט קיין האַפט נישט. פון דעם קאַרטאָפל-עסן איז זיין בויך געוואָרן אָנגעלאָפן, אַזוי אויך זיין פנים. דאָס פנים איז ווי אָנגעשוואָלן, עס וואָליעט זיך איין שטיק קאַרטאָפל-לייב אויפן אַנדערן, אָבער אַלץ איז הויל, נישט קיין בלוט-און-פלייש אונטער דער הויט, נאָר ווי אויפגעבלאָזענע

קאַרטאָפּל־שוים, קראָכמאַל־קלעבעכטס. אַזוי אויך זיין האַלז און זיין דיקער קאַרג, וואָס שטאַרט אים פון באַאַמטן־קראַגן אַרויס... גייט ער איצט אַזוי מיט דעם גרויסן פּאַק פּאָסט־פּאַקעטן, די פּיס זעצן זיך אונטער אים, ווי זיי וואָלטן אויס לויטער „קאַרטאָפּל־דרעק״ באַשטאַנען, קיין ביין איז נישטאָ אין זיי, פון דיקן האַלז און פון קאַרג רינט דאָס וואַסער, די אַנגסטן. ניין, נישט פון דער היץ, עס איז נאָך פרימאָרגן, מענטשן גייען ערשט צו דער אַרבעט, דאָ־און־דאָרט עפענען זיך ערשט די געוועלבער, אין דער לופט שטייט אַ פרישער פרילינג־ווינט, עס איז נישט פון דער היץ, נישט פון מידקייט דער שווייס, וואָס רינט פון אים. עס איז פון די קראַפּטלאָזע קאַרטאָפּל, מיט וועלכע ער קאָרמעט זיך, — טראַכט ער זיך. ער פילט זיך די גאַנצע צייט ווי נישט אויסגעשלאָפן, דאָס דיקע לייב קלעבט זיך צום העמד און די הענט זענען שלאַבעריג, שווערן־אַרונטער, ווי זיי וואָלטן צענטנערס געוואויגן; ווי די אָבצאַסן פון די שיך וואָלטן מיט מאַגנעט־געווען באַדעקט, אַזוי קלעבן זיי זיך צו צום ברוק, שווער זיי אָפּצורייסן. אַלץ די פאַר־פלוכטע קאַרטאָפּל שולדיג! — טראַכט זיך דער רייכספּאָסט־באַאַמטער... ווען ער וואָלט נאָר דעם קערפּער אַ פּאָר מאָל אָרנטלעכע שפּייז געגעבן, אַ רויט־בלוטיג שטיק רינד־פלייש, אַ ווייך־סאָקיג חזיר־פּעטס, אַ ברוסט־שטיק פון אַ בלוטיג קאַלב, כאָטש נאָר אַ ביין מיט מאַרך פון אינעווייניג און מיט פעטס פון אויסנווייניג באַקלעבט, דענסטמאָל וואָלטן זיינע פּיס אים אַנדערש געטראָגן, — חלומט דער רייכספּאָסט־באַאַמטער און ער שלעפּט די טייגיגע צענטנערס פון זיין גרויסן קערפּער אויף די טרעפּן פון די הייזער.

עס האָבן די בערלינער אַ געוואוינהייט, ווען איינער וויל זיין פריינד זיבן אַזייגער אינדערפרי אויפוועקן, שרייבט ער אים אַ קאַרטל מיט דער לעצטער נאַכט־פּאָסט, ער ווייסט געוויס, פּונקט אַזוי ווי די זון וועט מאָרגן נישט פאַרפעלן אויפצוגיין, וועט זיין פריינד זיבן אַזייגער אינדערפרי פון פּאָסט־טרעגער נישט אויסגעמיטן־ווערן. קיין שום כוחות, קיין ווינט און רעגן, קיין שום סטיכיע־קאַטאַסטראָפע איז נישט אים־שטאַנד דאָס קאַרטל צוריקצוהאַלטן. צו דער באַשטימטער שעה

און מינוט קריכט ער, דער קאַרטאָפל-באַלייבטער רייכספּאָסט-באַאַמטער הינצע, איבער די הויכע טרעפּן און אין יעדער טיר די אָפּיציעלע באַאַמטישע פריינדלעכע מינע, אין יעדער טיר דערזעלבער „מאָרגן“. אייגנטלעך, וואָלט ער געוואָלט, דער רייכספּאָסט-באַאַמטער, נעמען אָט-דעם גאַנצן טאַש מיט די פּאָסט-פּאַקעטן און געבן איין שטאַרקן וואָרף אין דער ערד — פאַרוואָס און צוואָס, אַלץ פאַר די טרוקענע קאַרטאָפל? זאָל עס גיין צום טייוול! אָבער ניין, קיין שום שפור פון פּראָטעסט! דאָס איז זיך גאָרנישט פאָרצושטעלן. מיט דערזעלבער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי אַ גוט-אָנגעצויגענער זייגער, נאָר מיט דעם חילוק, וואָס יעדע אַנדערע מאַשין וואָלט ביי דעם אויספעלן פון טרייבנדיגער ענערגיע, זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעשטעלט, פאַרשאַפט זיך די לעבעדיגע מאַשין אַן „ערזאַץ-ענערגיע“, אַרויסגעקריגן דורך דעם כּוח פון פליכט-געפיל און דינערישן ווילן, מיט אינערציע ווייטער זיין פונקציע אָנצוהאַלטן. און נאָך דורך עפּעס — דורך האָפענונגען, אַרויסגערופן דורך דער איינבילדונגס-קראַפט, וואָס אָט די לעבעדיגע מאַשין באַזיצט.

דער רייכספּאָסט-באַאַמטער הינצע האָט געהאַט האָפענונג, אַז ער וועט זיין ביכולת דעם היינטיגן טאָג צו שמעלצן זיינע קאַרטאָפל מיט אַן עכט שטיקל פעטס, און ווען גאָט וועט זיין גוט, ווער ווייסט, צי ער וועט נישט מיטברענגען מיט זיך אַהיים אויך אַ מאָרך-ביין אָדער אַ לאַפּן פלייש.

די האָפענונג האָט ער אייגנטלעך יעדן טאָג, וואָרים אָן דער האָפענונג וואָלט ער גאָרנישט אימשטאַנד געווען זיין מלאכה אויסצופירן. נאָר היינט איז ביי אים די האָפענונג פאַרשטאַרקט.

דער רייכספּאָסט-באַאַמטער הינצע האָט אין זיין דיסטריקט צוויי קונדן, וואָס יעדעס מאָל ווען ער האָט אַ בריוו פאַר זיי, קלאַפּט אים דאָס האַרץ פאַר דערוואַרטונג. איינער איז אַ געוויסער אויסלענדער, אויבן אין דעם פּאַנסיאָן, אַ רייכער אַמעריקאַנער. עס האָט אַנומלט געטראָפן, ווען ער האָט אים געבראַכט אַן איינשרייב-בריוו, איז דער אַמעריקאַנער אַזוי ווילד-געוואָרן פאַר גדולה, אַז ער האָט אים אַריינגערוקט אין דער האַנט אַריין אַן אויסלענדיש גרין פּאַפּיר, וואָס האָט זיך

דערנאָך אַרויסגעוויזן, עס איז נישט אַנדערש נאָר אַ גאַנצער דאָלאַר. דאָס איז געווען דענסטמאָל, ווען דאָס גרויסע גליק האָט אים געטראָפן, פון וועלכן דער גאַנצער הויף אויף ראַנקען־שטראַסע האָט געקאָכט דערמיט. פינף וואָכן האָט ער אים געהאַלטן דעם דאָלאַר אַ גאַנצן, און ער איז געשטיגן דאָס צענפאַכע אין ווערט. דער גאַנצער הויף איז געווען פאַראינטערעסירט אין דעם דאָלאַר, וויפיל ער שטייט יעדן טאָג. מען האָט אים געגעבן עצות, וואָס צו טון מיט אים. „נאָר נישט אויסטוישן!" האָבן אים אַלע געראָטן. און יעדער איינער איז ווילינג־געווען אויף אים געלט צו באָרגן און אַנדערע נויטיגע זאַכן צו טון. האָט ער אָבער געטון דאָס נאַרישקייט און ער האָט אים יאָ אויסגעטוישט. דאָס איז געווען דענסטמאָל, ווען דער מאַרק האָט זיך געהאַלטן און אַלע האָבן געזאָגט, אַז איצט וועט ער שוין צוריק קיינמאָל נישט פאַלן... גאַנצע נעכט איז ער נישט געשלאָפן, דער רייכספּאָסט־באַאַמטער, ער האָט מורא־געהאַט, אַז זיין דאָלאַר זאָל נישט פאַלן. ענדלעך האָט ער אים אויסגעטוישט. אַך, ווען ער האַלט אים ביז היינט, וואָלט ער דאָך געקאָנט גליקלעך־ווערן... אָבער אַזאַ גליק צו באַקומען אַ גאַנצן דאָלאַר טרינק־געלט טרעפט זיך איין מאָל אין לעבן. פון דענסטמאָל־אָן איז יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַ בריוו צו דעם אַמעריקאַנער, קלאַפּט ביי אים דאָס האַרץ. דער קאָפּ איז פול מיט האָפענונגס־פלענער. טאָמער, ווער ווייסט... אָבער ביז־איצט האָט עס זיך נישט מער גע־טראָפן... ליידער איז אים אפילו היינט די האָפענונג נישט באַ־שערט, ער האָט קיין בריוו נישט פאַר דעם אַמעריקאַנער. דערפאַר שפּייזט ער זיך מיט אַן אַנדערער האָפענונג, ער האָט עפּעס פאַר דעם „כשר"־קצב ה' נוימאַן פון דער קאַנט־שטראַסע. דער קצב נוימאַן איז, ווי די שילד אויף זיין געוועלב „כשר־קצב" זאָגט עדות, אַ פאַרפלוכטער יודע, אָבער עס האָט אַנומלט געטראָפן, ווען ער האָט דעם קצב געבראַכט אַ בריוו און דאָס ווייב איז פונקט דערביי נישט געווען, האָט ער אָפּגעשניטן אַ שטיק וואורשט און האָט אים געגעבן. אַן אַנדערש מאָל האָט ער אים שוין אפילו אַ שטיקל רינד־פלייש געשאָנקען. אָפטמאָל גיט ער אים אַ מאַרך־ביין, די זופּ צו באַשמעלצן. נאָר דאָס

איז יעדעס מאָל, ווען דאָס ווייב איז נישטאָ און ער ברענגט אים אַ בריוו פון אַ געוויסן סאָרט. ער קאָן נישט וויסן, צי דער בריוו, וואָס ער האָט אין טאַש פאַר אים, איז פון דעם געוויסן סאָרט, וואָס מאַכט דעם קצב אַזוי סענטימענטאַל געשטימט און עפנט זיין האַנט ברייט אויף און צי ווערט דאָס ווייב פונקט נישט זיין אין דער קראָם, נאָר לאָמיר האָפן אויף דאָס בעסטע. וואָרים שוין די געלעגנהייט אַליין צו געפינען זיך אין דער יאַטקע, צו שמעקן צו דעם ריח פון פלייש, צו זען, ווי דער קצב שניידט-אָפּ פון די קאַלב-גערזעלעך אָדער פון די רינד-ריפּן בעפשטיק- און קאָטלעטן-שניטן פאַר די ווייבער — דאָס אַליין איז שוין אַ געגוגטואונג, אַ פריילעך געשעעניש און איז עלול אַרויסצורופן די בעסטע האָפענונגען...

און מיט דעם גאַנצן באַוואוסטזיין פון זיין ווירדיגער שטעלונג אַלס רייכספּאָסט-באַאַמטער מאַכט ער זיך זיין הויט גלייך, מושטרירט זיין אָפּגעריבן, מיט די עלנבויגנס אויסגעשטויסן רעקל, זעצט-אַרויף אויף זיך גלייך דעם טאַש. „יאָ, ליידער, איבער דער פאַרפלוכטער רעפּובליק מוז ער נאָך געגן דעם שוויין-יודען אַרטיג-זיין“, טראַכט זיך דער בריווטרעגער. עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען עס וועט זיך ענדערן, „דענסטמאָל וועלן מיר זיך מיט די יודען אָפּרעכענען“. אָבער פאָרלויפיג טאָר מען נישט די האָפענונג פאַרדאַרבן, די האָפענונג אויף דעם שטיקל פלייש און מען מוז דעם ייד צושמייכלען. ער נעמט אין דער האַנט אַריין דעם בלויען בריוו, אויף וועלכן עס שטייט אָנגעשריבן מיט געציקלטן שריפט: „הערן מעטצגער סאַלאָמאָן נוימאַן“, — „אייגנהענטיג, פּריוואַט“. דער רייכספּאָסט-באַאַמטער רופט-אַרויס דאָס פריינדלעכסטע „אָפּיציעלע“ שמייכעלע, וואָס אַ רייכס- און פּרייסישער פּאָסט-באַאַמטער איז אימשטאַנד אויף זיין פּנים אַרויסצורופן, גייט-אַריין אין דער ציכטיג-געקילטער יאַטקע, קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן, ער זאָל נישט צומערשט מיט דעם גאַנצן ברוסטקאַסטן דורך די ברייטע נאָזלעכער איינעטעמען אין זיך דעם געשמאַק פון פאַרלעגענעם רויען פלייש, וואָס שטייט אין קראָם. ער קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן פון נישט אייגעסן זיך מיט די אויגן אין דעם אויפגעפּראַלטן, מיט די בעבעכעס און

פּעטס באַלייגטן אויפגעטרענטן קאַלבס-בויך, וואָס הענגט פון אַ שטאַנג אַרונטער און זינגט-אויס מיט אַן אַרטיג-פריינדלעכן טאָן: „גוטמאָרגן, הער מעטצגער נוימאַן, ווידער עטוואָס שיינעס פיר זי! לאָמיר האָפן, אַז אויך זייער אַנגענעמעס..." און ער דערלאַנגט אים אייגנהענטיג דעם בריוו, אומקוקנדיג זיך דערביי אומרואיג, צי עס שלייכט זיך דאָרט נישט ווער אַרום ביים אייז-קאַסטן. גאָט-צו-דאַנקען, דער קצב איז אַליין. עס איז פרימאָרגן און ער שטייט אין זיין ווייסן פאַרטוך און שאַרפט די מעסערס מיט די העק. „אַך, זי זינד עס ווידער?" — זאָגט דער קצב, אַביסל פאַרלעגן איבער דעם בריוו. ער נעמט אים אין דער האַנט, באַקוקט צומערשט דעם קאָפּערט און שטעקט דעם בריוו נישט לעזנדיג פלינק אין טאַש אַריין. „איך האָב אים נאָך נעכטן געהאַט, — זאָגט דער בריוו-טרעגער, — נאָר נעכטן זענט איר נישט געווען אין קראָם, נאָר די גנעדיגע פרוי, האָב איך מיר געטראַכט, ווייל עס שטייט אָנגעשריבן „אייגנהענטיג און פּריוואַט", איז גלייכער, אַז איך וועל עס אין די אייגענע הענט איבערגעבן, ווען קיינער וועט נישט זיין דערביי..." זאָגט דער רייכספּאָסט-באַאַמטער אין אַ פאַרטרויליכער, האַלב-איינרוימענדיגער שטימע, מיט אַ שדכניש, צווידייטיג שמייכעלע, און נעמט די אויגן נישט אַראָפּ פון דעם אויפגעטרענטן קאַלב, וואָס הענגט אויפן שטאַנג און שנאַפּט די לופט איין. „יאָ, דאָס האָט איר קלוג געטון, הער פּאָסט-באַאַמטער!" — זאָגט דער יונגער קצב. — „יאָ, אַ פּאָסט-באַאַמטער מוז טיילמאָל וויסן, מוז שכל אָנווענדן, ווען יאָ אַ בריוו אָפּצוגעבן און ווען נישט, עס איז נישט אַזוי איינפאַך, הער מעטצגער!" — זאָגט דער בריוו-טרעגער און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן פון דער יאַטקע, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. „נאַ, האַבן זי"! — זאָגט דער קצב און שניידט-אָפּ אַ שטיקל לעבער-וואורשט פון דער שטאַנג, וויקלט עס איין אין פּאַפּיר און גיט עס אים איבער. „פילען דאַנק, פילען דאַנק", פאַרנויגט זיך דער רייכספּאָסט-באַאַמטער און שטייט נאָך אין דער יאַטקע ווי צוגעשמידט. „נו, וואָס נאָך?" פרעגט דער קצב אומגעדולדיג. „אַך, הער מעטצגער, פיליכט איין קליינעם ביין, נאָר די זופּ אַביסל צו באַשמעלצן, ווען איך

שיין ביטען דאָרף!" דער קצב שטייט פאַרלעגן. „יאָ, די ביי־נער זענען צו־טייער היינט, ה' פאָסט־באַאמטער!" „נו, אַזעלכן, ווי זי די הערשאַפן פאַר די הינט פאַרקויפן! די קאַרטאָפּל זענען אַזוי טרוקן, זיי בלייבן אין האַלז שטעקן! נאָר איין קליינעם, מיט אַ קליין ביסל מאַרך... — קאָרטשעט זיך דער רייכספּאָסט־באַאמטער איין און שנאָרעט מיט אַ פאַרחלשט אויסגעגלאָצט פּנים דעם ביין. „נו יאָ — אַ קליינעם ביין..." — קרעכצט דער קצב, זוכט אונטערן טיש, געפינט עפּעס, — „נו יאָ, דאָ האָט איר פאַר דער זופּ!" — און ער וואַרפט אים צו. — „נאַ, דער האָט זאָגאַר אַביסל פעטס אויף זיך, — ער וויקלט דאָס אים איין אין פּאַפּיר. — נאַ, דאָ האָט איר פאַר דער זופּ!.

— פילען דאַנק! — פאַרנויגט זיך דער רייכספּאָסט־באַאמטער, גערירט טיף אויף דעם „פאַרפלוכטע יודען"...

---

צומערשט האָט ער גערעכנט, הינצע, צו באַהאַלטן דאָס גרויס געווי־נס — דעם פעטן ביין פאַר זיך אַליין. ער האָט עס זיך איבערגעלייגט, אַז דעם ביין קאָן ער נאָר באַנוצן צו דער זופּ, און די זופּ קאָן ער נאָר אָפּקאָכן מיט דער הילף פון דער פרוי שפּינער... ער האָט דעם ביין מיט דעם שטיקל לעבער־וואורשט געבראַכט צו פרוי שפּינער און איר עס איבערגעגעבן אַלס טייערן געשאַנק. זי האָט עס פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן, זי האָט זיך מיט גרויס פלייס גענומען צוגרייטן אַ געמיינזאַם אָוונט־ברויט, אין וועלכן די פרוי שפּינער האָט זיך ביי דער אויסטער־לישער געלעגנהייט באַטייליגט מיט קאַרטאָפּל פאַר דער זופּ. מען האָט צוליב דעם ביין און דעם לעבער־וואורשט דאָס אָוונט־עסן שיער נישט פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטלעכן מאָלצייט מיט ביער און גענוג ברויט.

נאָך דעם מאָלצייט איז דער שלאָסער־מייסטער שפּינער מיטן רייכספּאָסט־באַאמטן הינצע געזעסן אויף דער באַנק אין דעם הויף־גאָרטן, אָן די רעק. די פרוי שפּינער האָט אַפילו אַ מין „באָנען־קאַפע" צונויפגעמייסטערט און די מענער מכ די־געווען. די פּיפּקעס, וועלכע מען האָט אָנגעפּולט מיט היימיש־געהאָדעוועטן טאַבאַק, האָבן אָנגענעם געשמעקט נאָך דעם רייכן

עסן. מען האט צווישן זיך גערעדט וועגן די ענינים פון טאג, וואס מען האט נישט געקאנט אויסמיידן, וועגן דער אינפלאציע, טייערקייט פון די שפייזן און דאסגלייכן. שלאסער שפינער האט אויסגעמיטן צו רעדן מיט זיין שכן, דעם פאסט-באאמטן, וועגן פאליטיק. זיי האבן ביידע געהערט צו צוויי פארשידענע בארופן און עס איז געווען גאנץ נאטירלעך, אז זיי זאלן באלאנגען ביידע צו צוויי פארשידענע ארגאניזאציעס, וואס ברענגען מיט זיך פארשידענע איינשטעלונגען צו דער פאליטיק. דא נישט לאנג האט דער רייכספאסט-באאמטער הינצע אנגעהערט אפילו צו דער סאציאליסטישער פארטיי. דאס איז געווען, ווען די סאציאליסטן זענען געווען ביי דער מאכט, און אלס באאמטער איז שטענדיג באקוועמער צו שטימען פאר דער רעגירונגס-פארטיי. דערנאך, אז דאס לאנד האט זיך אביסל בארואיגט פון צוזאמענברוך, איז דער פאסט-באאמטער הינצע אפילו געגוויגט-געווען די אלטע מאנארכיע צוריקצורופן... ביז דא נישט לאנג האט ער געגלויבט הייליג אין דעם, אז אין אלע אומגליקן, וואס האבן געטראפן דאס פאטערלאנד בכלל און אים, הינצען, בפרט, איז שולדיג די פארפלוכטע רעפובליק. איבער דעם אויפשטאנד, וואס די לינקע האבן ארויסגערופן אין מיליטער, האבן מיר פארלוירן די מלחמה. ווען מיר וואלטן נאך אביסל געווען אויסגעהאלטן, וואלט די דייטשע שווערד געווען געזיגט און דער קייזער וואלט טריאומפירנדיג געווען אריינמארשירט קיין פאריז. מיר וואלטן ענגלאנד, די אמעריקאנער און די גאנצע וועלט געבראכט אויף די קניען. רוסלאנד וואלטן מיר געווען אנעקסירט, אזוי אויך בעלגיע און גאנץ נארד-פראנקרייך. מיר וואלטן געהאט אלע קארטאפליעס, ברויט, פלייש פון רוסלאנד לרוב און וויין פון פראנקרייך. די דייטשע נאציע וואלט הויך געשטאנען אין דער וועלט. א פאסט-באאמטער, כאטש אזעלכער ווי ער (ווי באשיידן זיין שטעלע איז נישט) וואלט דאך געווען א קייזערלעכער רייכס-באאמטער, פאר וועלכן די ציווילע לייט באדארפן רעספעקט און געהארכזאמקייט ארויסווייזן. און ווער ווייסט, צי דענסטמאל, ווען מיר וואלטן געווען געזיגט, צי ער וואלט נישט געווען אוואנסירט. אפשר וואלט ער היינט געווען א פאסט-דירעקטאר אין א קליי-

שלום אש, ביים אפגרונט, 42.

נער אָדער מיטלמעסיגער שטאָט אין רוסלאַנד, צי אין פוילן, צי ערגעץ אַנדערש-וואו. אָ, דאָס פאָטערלאַנד וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ סך באַאַמטע און פאַר אַלע וואָלט געווען פלאַץ. און מען וואָלט זיך נישט באַדאַרפט דאָס ברויט איינער פון אַנדערן פון די מיילער רייסן. איבער די פאַרפלוכטע רויטע (צו וועלכע מען האָט נעבעך געמוזט אַליין אַמאָל געהערן), האָבן מיר דעם קריג פאַרלוירן, דעם קייזער פאַריאָגט און דאָס גאַנצע אומגליק אויף דעם פאָטערלאַנד געבראַכט. די איינציגע רעטונג איז, ווי אַמשנעלסטן די מאָנאַרכיע צוריק אויפצושטעלן, אַז אַן אָרדנונג זאָל געשאַפן-ווערן, זיי זעען דאָך איין, אַז מיט דער רעפובליק וועלן זיי ווייט נישט פאַרפאָרן... אַזוי האָט ער געדענקט, הינצע, ביז דאָ נישט לאַנג. אין זיין שטיבל, ווי ענג עס איז נישט געווען, איז גענוג פלאַץ פאַרהאַן אויף דער וואַנט איבערן בעט פאַר דעם קייזער מיט דער קייזערינס פאָרטרעט אויפצוהענגען, וואָס דאָס האָט אַפילו געאַרט דעם שלאָסער-מייסטער שפינער. נאָך אַלעם איז דאָך יענער נאָר בלויז אַ לאָקאַטאָר, אָבער פאָרט זיין צימער, — האָט זיך מייסטער שפינער געזאָגט, לויט דעם דייטשן אָרדנונגס-געפיל, — מעג ער טון דערין, וואָס ער וויל. ער וועט אים נישט זאָגן קיין דעה, וועמען ער זאָל אויף דער וואַנט אויפהענגען... לעצטנס אָבער האָט אַ קאָלעגע פון פאַך, אויך אַ פאָסט-באַאַמטער, דעם בריוו-טרעגער הינצע אַריינגעפירט אין אַ געוויסן לאָקאַל, ער האָט זיך צוגעהערט צו די דרשות פון אַ געוויסן ד״ר שרייער און זיך אָנגעשלאָסן אין אַן אָרגאַניזאַציע. פון דאָרט האָט דער פאָסט-באַאַמטער הינצע מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גאַנץ נייע אויפפאַסונג וועגן דער שולד פון דייטשלאַנדס אומגליק. און ער האָט באַקומען אַ וואָרט, וואָס האָט אים געגעבן אַ חשיבות, עס האָט אים, הינצען, אַרויסגענומען פון דעם גרויען ים-אָרימקייט פון קליינער באַאַמטנשאַפט און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַזונדערן פלאַץ אין זיין היימאַט, וואָס נישט אַלע — רייכערע, זאַטערע און מעכטיגערע פון אים — קאָנען דאָרטן שטיין. מען האָט אים געגעבן אַ צייכן, וואָס באַווייזט, אַז ער, הינצע, איז דער באַלעבאָס און אייגנטימער פון דעם פאָטערלאַנד און פון אַלץ, וואָס דאָס פאָטערלאַנד באַ-

זיצט און פארמאגט. עס וועט באלד קומען א צייט, ווען ער, מיט די אנדערע וועלן אפנעמען דאס גוטס, די גע־הינצע, די שטעלעס, וואס אנדערע, די פרעמדע, האבן פאר־וועלבער, כאפט. ער וועט זיין דער איינציגער באלעבאס פון לאנד...

פון דענסטמאל־אן פילט זיך דער פאסט־באאמטער הינצע, אונ־טער דער גאנצער לאסט פון לעבן און פון דער צייט, וואס ליגט אזוי שווער אויף אים, אז ער איז א מיוחס...

איצט ביי דער גוטער שטימונג, וואס הערשט צווישן די צוויי שכנים, פרוואוט הינצע דעם שלאסער־מייסטער איבערגעבן דאס עשירות, וואס ער האט אליין געוואונען ערשט אין דער לעצטער צייט, דאס נאציטום. ביז־איצט האט ער זיך געהיטן צו רעדן מיט דעם שלאסער וועגן די זאכן. ער האט געוואוסט, אז דער שלאסער איז לינק געשטימט, און ער האט מורא־געהאט פאר רייבונגען. לעצטנס האט ער אויך באמערקט אן ענדערונג ביים שלאסער־מייסטער. די רויטע בלעטלעך קומען נישט מער אין שטוב אריין, דערפאר טרעפט ער אפט מייסטער שפינער, אין די פארנאכטן, לעזן דעם „לאקאל־אנצייגער". אויך האט ער אים געהערט אנומלט זיך אויסדריקן וועגן דעם „רויטן פאק", א סימן — עפעס אן ענדערונג איז פארגעקומען אין דעם שלאסער־מייסטער. איצט ביי דער גוטער שטימונג, וואס דאס רייכע געמיינזאמע מאלצייט האט ארויסגערופן ביי זיי, וואגט זיך דער פאסט־באאמטער אנצושלאגן אויף דער טעמע.

— נו, מיר האבן עס אמאל אנדערש געהאט, — האט זיך אנגערופן דער פאסט־באאמטער, רויכערנדיג זיין פיפקע, פון וועלכער ער האט קלעקן געשפיגן. — אזוי וויט האבן זיי עס געבראכט, אז א רייכספאסט־באאמטער זאל מוזן ביינער שנארען ביי א יודע, ווי א הונט...

— און וועמען מיינען זי „וויט געבראכט"? ווער האט דען שולד דערין? איז דאך נאר דער פארפלוכטער קריג!...

דער פאסט־באאמטער האט זיך פארלויפיג איינגעהאלטן אנצופאלן אויף די מארקסיסטן, וואס מען האט אים געהאלטן אין איין אריינקלאפן אין דער קנייפע, אז זיי און די יידן זענען די איינציגע שולדיגע אין אלע אומגליקן. ער האט גע־וואלט דעם באדן אויספרובירן. ער האט דעריבער אנגערופן

דעם צווייטן קרבן, וואָס מען האָט אים געגעבן זיין כעס אויסצולאָזן, ער איז ווינציגער געפערלעך-געווען אויף אָנצו-גרייפן.

— נ׳זעלבסטפאַרשטענדלעך, די יידן!

— ווי אַזוי די יידן?

— נאַ, דאָס איז דאָך באַקאַנט, אַז זיי זענען שולדיג אין דייטשלאַנדס מפלה. זיי האָבן דאָך דאָס אומגליק אויף דייטשלאַנד געבראַכט, און ווער האָט איצט דעם דור באַזעצט? אויך נאָר די יידן. איין יידישער גענעראַל און די יידישע פראַנצויזישע רעפובליק מיט דעם פואַנקאַרע אין דער שפּיץ האָבן די שוואַרצע אויס אַפריקע אין רור-געביט אַריינגעשיקט, אַז זיי זאָלן פאַראומרייניגן די דייטשע ראַסע.

— די יידן זענען אַזעלכע מענטשן ווי מיר, אַלע מענטשן זענען גלייך, די יידן זענען אונזערע פאָלקס-גענאָסן,— האָט דער שלאָסער פון אַלטער געוואוינהייט איבערגעחזרט די מיינונג, וואָס איז אים דורך אַזויפיל יאָרן צוגעהעריגקייט צו דער געווערקשאַפט אַריינגעקלאַפט-געוואָרן אין מוח.

— דער יודע איז נישט קיין פאָלקס-גענאָסע, נאָר „אַריער" קאָנען פאָלקס-גענאָסן זיין!

— וואָס איז דאָס „אַריער"? זי מיינען — קריסטן!

— ניין, קריסט צו זיין איז נאָך גאָרנישט, אויך דער ייד קאָן קריסט ווערן. כדי אַ ריכטיגער פאָלקס-גענאָסע צו זיין, מוז מען זיין אַן אַריער!

— ווי אַזוי מיינען זי — אַ קריסט איז גאָרנישט? בין איך נישט קיין פאָלקס-גענאָסע, דערפאַר ווייל איך בין אַ קריסט?

— איר יאָ, ווייל איר זענט אַן אַריער. אָבער דער ייד קאָן קיינמאָל קיין פאָלקס-גענאָסע נישט זיין, אַפילו ווען ער ווערט קריסט. דאָס קריסט-זיין מאַכט אים נאָך נישט פאַר קיין אַריער.

— אָבער וואָס איז דען „אַריער"? דאָס הער איך דאָך צום ערשטן מאָל!

— אַריער — דאָס בין איך, דאָס זענט איר, אַריער — דאָס זענען די איינגעבוירענע.

— אָבער די יידן זענען דאָך אויך איינגעבוירענע!

— ניין, די יידן זענען פרעמדע. זיי געהערן צו אַן אַנדערער ראַסע און קאָנען קיינמאָל קיין אַריער נישט זיין. מיר זענען עס נאָר אַליין.

— אָבער אום גאָטעס ווילן, וואָס איז דאָס אַריער?

— אַריער? אַ, דאָס מוזן זי אַמאָל ד״ר שרייער הערן אין אונזער פעלקישן לאָקאַל. דאָס ביער איז דאָרט אויסגעצייכנט און קאָסט נאָך אימער צום אַלטן פּרייז, נישט דאָס פאַרוואָסערטע יידישע ביער, עכטער מאַלץ! דער ד״ר שרייער האַלט צוויי מאָל אין דער וואָך פאָרטראַגן, אים מוזן זי הערן, איך נעם אייך מיט, דאַן וועט איר פאַרשטיין, אַז מיר זענען עטוואָס בעסערס ווי דער ייד און די אַנדערע פרעמדע, די צוגעלאָפענע. מיר זענען אַריער, אונזערע זיידעס זענען געווען אַריער און דורכדעם זענען עס מיר אויך.

— אָבער, צום טייוול, וואָס איז דאָס פאָרט אַריער? ווען נישט קריסט און נישט איינגעבוירענער, נאָר וואָס דען איז עס?

— אַ, דאָס קאָן איך אייך נישט אַזוי גאַנץ גוט דערקלערן, דאָס מוזט איר דעם ד״ר שרייער הערן. אַריער זיין, זאָגט ער, אַריער זיין הייסט: צו איינער איידעלער ראַסע געהערן. אַלץ, וואָס דאָס פאָטערלאַנד פאַרמאָגט, געהער צו אונז, צו די אַריער, ווייל מיר זענען די הערן פון לאַנד, און ווען מיר וועלן צו דער מאַכט קומען, וועט מען דאָס פון די יידן צונעמען און אונז אָוועקגעבן. ביים ווערטהיים, ביים טיץ, אין די אַנדערע גרויסע געשעפטן וועלן אַלע שטעלעס מיט ריכטיגע אַריער באַזעצט-ווערן. אַריער זיין, הייסט — פאָלקס-גענאָסע זיין, איר זענט עס, איך בין עס, דער ייד איז עס נישט! מעג ער ווי נאָך גרויסע וואָרענהייזער האָבן, מעג ער נאָך ווי די בעסטע און פּריווילעגירטסטע אַמטן פאַרכאַפּן, באַנקירן זיין, אַרצטן, אַדוואָקאַטן, און איך — אַן אָרימער טייוול און אָרימער קליינער פאָסט-באַאַמטער, וועלכער שנאָרעט ביים ייד אַ ביין, דאָך בין איך עטוואָס בעסערס פאַר די אַלע גרויסע יודען-הערן!... דען איך געהער צו אַן איידעלער ראַסע, איך בין אַן אַריער, און ער איז עס נישט. און זאָלן מיר נאָר צו דער מאַכט קומען, דאַן וועלן מיר שוין זען

איך גיב אייך אַן עצה, ווערט אויך אַן אַריער! ניין, זי זענען עס שוין. אָבער זי מוזן ערשט צו אונזער פּאַרטיי געהערן, כּדי דאָס ריכטיגע אַריערטום צו באַזיצן...

---

די נאַכט איז דער שלאָסער-מייסטער אַלבערט שפּינער, לאַנג-יאָריגער גוטער מיטגליד פון די געווערקשאַפטן, וואָס האָט שטענדיג געטריי סאָציאַל-דעמאָקראַטיש געוויילט, געלעגן אויף זיין געלעגער נעבן זיין ווייב. זיין דיק פון ביער און וואַסערדיגע קאַרטאָפל אָנגעלאָפן לייב האָט געשוויצט. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געקעמפט ווי אַן איינזאַמער ריטער פאַר זיין סאָציאַליסטיש געוויסן, פאַר די דורך אַזויפיל יאָרן דורך שריפטן און רעפעראַטן איינגעהאַמערטע טעאָריעס וועגן מענטשלעכקייט. פון איין זייט איז געשטאַנען דער לאַנג-יאָריגער באַקאַנטער גלויבן, אַז די מענטשהייט איז נאָר צעטיילט אין צוויי קלאַסן: אין אונטערדריקער, אויסזויגערס, עקספּלואַטאַטאָרן, געגן וועלכע מען דאַרף קעמפן, אַרויסרייסן מיט די נעגל, וואָס עס לאָזט זיך, איינציגווייז, צי מיטאַמאָל... און אין פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער און ראַסן פאַראייניגט. ער געהער צו דעם צווייטן טייל פון דער מענטשהייט — צו די אונטערדריקטע און פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער און ראַסן. און דאָ מיטאַמאָל האָט ער די ברירה צו פילן זיך פאַר עפּעס בעסערס, איידעלערס פון די אַנדערע, אָנצוגעהערן צו דעם הערשנדיגן קלאַס, צו וועמען עס באַלאַנגען אַלע אַמטן, אַלע בענק, אַלע וואַרענהייזער, אַלץ וואָס דאָס פאָטערלאַנד האָט צו פאַרטיילן... יעדנפאַלס, איז ער צופרידן דערמיט, וואָס ער, אַלבערט שפּינער, איז אַן אַריער. ער איז מער ווערט פון די אַנדערע, ווי למשל, פון שעף-דירעקטאָר פון זייער פאַבריק, וועלכן ער זעט קיינמאָל נישט, נאָר ער ווייסט, אַז ער איז אַ ייד... כאָטש ער, שפּינער, איז אַן איינפאַכער שלאָסער, איז ער דאָך עפּעס מער פון דעם דירעקטאָר. עס איז עפּעס דאָ דערין, אין דעם זיין אַן אַריער... עס איז גוט צו זיין אַן אַריער... עס איז דאַ אויף וואָס שטאָלץ צו זיין און דער

עיקר-אויף וואָס צו וואַרטן... ווען די אָריער וועלן צו דער מאַכט קומען... אָ, קומען וועלן זיי! און עס וועלן פיל אָריער ווערן! דאָס פילט ער, אַלבערט שפּינער. קיין געלט קאָסט עס נישט און מען באַדאַרף גאָרנישט טון דערצו, אַז מען זאָל אַן אַריער זיין. יעדער איינער וויל אַ ביינדל אָפּלעקן, וועלן פיל אָריער ווערן. ביי די יידן איז דאָ אַ סך צוצונעמען. מען זאָגט, אַז אַלע בענק געהערן צו די יידן. איינעם קען ער אַליין. עס קומט אים אויס יעדן טאָג, ווען ער גייט צו דער אונטער-גרונט-באַן אַדורכצוגיין דאָס וועקסל-געשעפט אויף קורפירשטענ-דאַם-שטראַסע. ווען מען זאָל דאָס פּילע געלט, די אַלע דאָלאַרס און אויסלענדישע וואַליוטעס, וואָס ליגן אויסגעלייגט אין דער וועקסל-שטוב, די אַריער צעטיילן, וועלן זיך געפינען פיל בעלנים. און ווער ווייסט, אפשר וועט דענסטמאָל זיין ייִנגל פריי קאָנען שטודירן אויף מעדיצינער אָדער אויף אַן אַנדערע פּראָפעסיע, ווען די יידן וועט עס פאַרווערט-זיין. עס איז נאָך אַלעמען נישט שלעכט אַן אַריער צו זיין. און אַלבערט שפּינער איז גליקלעך דעריבער, וואָס זיינע עלטערן האָבן אויסגעקליבן אַריער צו זיין און נישט קיין יידן...

אַזוי האָט דער שלאָסער אַלבערט שפּינער מעדיטירט, אַ לאַנגע צייט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער און דאָס איבערגעלייגט זיך. „אפשר וואָלט יאָ אַ יושר געווען אַמאָל מיט דעם פּאָסט-באַאַמטן אין פעלקישן לאָקאַל צו גיין און צו הערן דעם ד"ר שרייער, כדי זיך אַליין איבערצוצייגן?" — פרעגט ער זיך.

אָבער זיין סאָציאַליסטיש געוויסן וועקט זיך אין אים:

„וואָס קלערסטו, שפּינער, דאָס איז דאָך פאַרראַט!"

ער שאָקלט זיך אָפּ דערפון. ניין, קיין פאַררעטער וועט ער נישט זיין, שפּינער. ער איז אַ געטרייער * געווערק-שאַפטלער און גלויבט אין דער מאַרקסיסטישער לערע, די היילונג פון דער מענטשהייט ליגט אין דער סאָציאַלער רעוואָ-לוציע, און מיר אַרבעטער ווייסן נאָר איין זאַך: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניגט אייך!"

— וואָס איז דען דיר, אייגנטלעך? פאַרוואָס שלאָפסטו נישט? — פרעגט אים דאָס ווייב.

— האָסטו שוין אַמאָל געהערט, אַז מיר זענען אַריער?
— וואָס איז דען דאָס אַזעלכעס?
— דאָס איז עטוואָס בעסערס ווי די אַנדערע. עס איז עפּעס איידעלער. אַן אַריער צו זיין, איז נישט אַ ייד צו זיין...
— ביסט דאָך קיין ייד נישט, דו ביסט דאָך אַ קריסט!
— ניין, אַ קריסט איז נאָך גאָרנישט. יעדער ייד קאָן אַ קריסט ווערן, — זאָגט דער הינצע, — אַן אַריער צו זיין איז מער ווי אַ קריסט, דאָס איז עטוואָס היימאַטלענדיש, דאָס קאָן קיין ייד נישט ווערן...
— נאָך וואָס באַדאַרפסטו דאָס?
— איך מיין עס גאָר... דער פּאָסט־באַאַמטער הינצע האָט מיר היינט אויפגעקלערט.
— מיר גענוגט קריסט צו זיין, נישט עפּעס אַנדערש, וואָלט די בריוו־טרעגערין זיך ביי דער קריסטלעכער לערע געהאַלטן, וואָלט זי דאָס אומגליק נישט געבראַכט אויף איר קאָפּ!
— וואָס מיינסטו?
— איך מיין, דאָס קינדער־פאַרמיידן, און דורך דעם אין שפּיטאָל אַריין קומען...
אַ לאַנגע צייט איז נאָך דער שלאָסער־מייסטער געלעגן און נאָכגעקלערט דעם פּאָסט־באַאַמטנס ווערטער. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:
— ניין, ווייב, גאָרנישט צו מאַכן. איך האַלט מיך ביי ס׳מייניגע. עס זענען דאָ צוויי קלאַסן, איינע די עקספּלואַטאַטאָרן, אַלעס איבעריגע, קריסט, ייד און היידע — גאַנץ גלייך: פּראָלעטאַריער!
און דער שלאָסער־מייסטער שפּינער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און איז איינגעשלאָפן...

## קאַפּיטל 20

# עס שטימט

כּדי צו זיין בּיכולת צו דעקן דעם גאַנצן געבּרויך פון פּאַפּיר-געלט, האָט די רייכסבּאַנק אָנגעהאַלטן אַ פּיבּערהאַפּטע טעטיגקייט. טאָג-און-נאַכט האָבּן די פּרעס-מאַשינען געאַרבּעט אַרויסצוואַרפן די אומגעהייערע צאָל פּאַפּיר-געלט, כּדי אָנצוזעטיגן דאָס מויל פון דער חיה-אינפלאַציע... עס האָבּן זיך באַוויזן די ערשטע מיליאָן-שיינען, מיט וועלכע מען האָט זיך, איבּעריגנס, נישט צופיל צערעמאָניעט. אַזוי ווי מען וואָלט געווען געוואוסט, אַז זיי וועלן לאַנג נישט בּלייבּן קיין גרויסע מיוחסים, האָט מען זיי צומאָל נישט פאַרזען מיט אַ קאָפּ פון אַ בּאַרימט בּילד, פון אַ דיכטער אָדער פון אַן אַנדערן אַלטן דייטשן מייסטער, מיט וועלכע מען האָט בּאַפּוצט די קלענערע שיינען פון די פינף- אָדער פופציג-טויזנטער. דערפאַר האָט מען זיי געגעבּן דעם ערנסטן, זאַכלעכן אָנזעען פון געלט; אויף גוט וואַסער-פּאַפּיר, לויט דעם ענגלישן שטייגער, אָן יעדער בּאַפּוצונג. צומערשט האָבּן זיך די מיליאָנען געפונען נאָר אין די הויכע פענסטער, אין די בּענק, אין די גרויסע רעסטאָראַנען און געשעפטן. בּאַלד אָבּער זענען זיי אַריינגעקומען אין דער יאַטקע-גאַס. זיי זענען פאַרפלעקט-געוואָרן מיט שמוץ פון דער אָרימקייט. אין אַ וואָך-צוויי אַרום זענען זיי שוין אויס יחוס געוואָרן. עס האָבּן זיך בּאַוויזן פינף-, צען- און פופציג-מיליאָן-שיינען, אויך אין ערנסטן, זאַכלעכן טאָן געהאַלטן, לויטן ענג-

לישן פּאַפּיר־געלט. דאָס געלט האָט אָבער אַלץ נישט געסטייעט, נישט נאָר פאַרן גרויסן געשעפטס־פאַרקער, נאָר אויך נישט פאַרן קליינעם איינקויפס־באַדערפעניש. איבערמידיג פון אַרבעט, האָבן די דרוקער פון דער רייכסבאַנק דערקלערט אַ שטרייק. די געלט־מאַשין האָט אָבער נישט געקאָנט בלייבן שטיין אויף איין מינוט. די חיה־אינפלאַציע האָט געשריגן נאָך שפּייז. כּדי איר צו פאַרשטופּן דאָס מויל, האָט די רייכסבאַנק געדרוקט איר געלט אין אַלע גרעסערע דרוקערייען אין בערלין און אויף דער פּראָווינץ. צוזאַמען מיט די טעגלעכע בלעטער האָבן די ראָ־טאַציע־מאַשינען פון די גרויסע צייטונגען אויך געדרוקט פּאַפּיר־געלט. מען האָט זיך שוין נישט צערעמאָניעט מיט וואַסער־צייכנס און מיט זיידענע פעדים אַדורכגעפלאָכטענע שיינען, מען האָט גענוצט פּאַפּיר פון יעדן אַרט. מען האָט די שיינען שוין נישט באַצירט מיט כאַראַקטעריסטישע פּנימער פון עכטן דייטשן טיפּ, עס איז שוין דערויף קיין צייט נישט געווען.

אין אויגוסט 1923 איז דאָס לאַנד פאַרפלייצט־געוואָרן מיט אַ מבול פון פּאַפּיר־געלט. יעדע מוניציפּאַליטעט, יעדע גרעסערע אונטערנעמונג האָט געהאַט איר אייגן געלט. כּדי צו דעקן דעם אייגענעם געברויך, האָט דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" געדרוקט פּאַפּיר־געלט, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען אַלס סימבאָל אָנשטאָט דעם רייכס־אָדלער, די פאָן פון זיין אייגע־נער שיפס־געזעלשאַפט. דאָס געלט האָט געדינט איינצייטיג פאַר איבערפאָרן אויף זיינע שיפן און אויך אַלס רעקלאַמע פון זיינע אונטערנעמונגען. דאָס האָבן, אַגב, אויך אַנדערע פירמעס אים נאָכגעטון. דאָס געלט איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין רעקלאַמע־מוסטערן. די לייוונט־פאַבריק האָט געדרוקט איר געלט אויף לייוונט, די זיידן־פאַבריקאַנטן האָבן געדרוקט געלט אויף זיידנס. עס האָט זיך באַוויזן פאַרצעלייען געלט, געלט געדרוקט אויף גלאָז, געלט אויף קנעפּלעך, געלט אין אַלומיניום, געלט אויף פּאַפּע, געלט פון האָלץ. נאָר ווער עס האָט אַממערסטן גע־ברויך־געמאַכט פון געלט, זענען עס געווען די לעדער־פאַברי־קאַנטן. זיי האָבן געהאַט פאַרשידענע געלטער: לויט די מוס־טערן פון זייערע סחורות, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט. זיי האָבן געדרוקט פאַר דעם אָרימאַן געלט אויף געווייגלעכן לעדער,

פּאַרן רייכערן — געלט אויף גלאַנצעדיק לאַק־לעדער, אויף זוילן. די אַלע געלטער זענען באַזאָרגט־געווען מיט די געהעריגע סימ־באָלן און שפּרוכן פון די מוניציפּאַליטעטן און פאַבריקן, וועלכע האָבן זיי אַרויסגעגעבן. די פאַבריקן האָבן אויף זיי רעקלאַ־מירט זייערע אויסגעאַרבעטע סחורות, די מוניציפּאַליטעטן — די מערקווירדיגקייטן פון זייערע שטעט. האָט אַ שטאָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ זעענסווירדיגקייט: אַן אַלטע קירך, אַן אַלט ראַטהויז אָדער אַ דענקמאָל, האָט זי אויפן געלט אָפּגע־צייכנט דאָס געמעל און טאַקע באַלד איינגעלאַדן אויפן פּאַפּיר־געלט די שטאָט צו באַזוכן. אַנדערע האָבן רעקלאַמירט זייערע הייל־קוואַלן, זייערע לופט־קורערטער. אַנדערע שטאָטישע מוניצי־פּאַליטעטן האָבן נישט פאַרגעסן מיטצוגעבן אויפן געלט אַ „שפּרוך", וואָס האָט עדות־געזאָגט אויף דער געזינונג פון דער שטאָט. איז אַ שטאָט פרום־געווען, האָט זי געהאַט אויף איר געלט אַ שפּרוך וועגן גאָט, וועגן דער קירך. אַנדערע מוניצי־פּאַליטעטן האָבן אַריינגעשמוגלט אויף זייער פּאַפּיר־געלט פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר זייערע אידעען. אַ סאָציאַליסטישע שטאָט־מוניצי־פּאַליטעט האָט אָפּגעדרוקט אויף איר געלט „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניגט אייך!". אַ מאָנאַרכיסטישע — אַ וואונק וועגן די גוטע צייטן, וואָס זענען אַמאָל געווען אונטער דעם קייזערס הערשאַפט. טייל האָבן גלאַט געלאַכט, חוזק־געמאַכט אויס דער רעפּובליק און האָבן אַ רעפריין, אַ ווערטל אַריינגעשטעלט וועגן דער ווײַמאַרער רעפּובליק, אָדער אָפּגערעכנט זיך אויפן פּאַפּיר־געלט מיט זייערע פּאָליטישע שונאים — מיט די סאָציאַ־ליסטן. אַנדערע האָבן נישט דורך זייער פּאַפּיר־געלט פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע געטריבן, נאָר גלאַט אַזוי אָפּגעחוזקט פון געלט מיט אַ גאַלגען־הומאָר־שפּרוך, אין וועלכן זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער אַפּיקורסות געגן דעם אַלמעכטיגן גאָט — געלט, וואָס איז אַזוי בּידעריג געפאַלן. רואיגערע, באַלעבאַטישע שטאָט־פאַטערס, וועל־כע זענען נישט געווען אַזוי גײַסטרייך און קלוג־שפּיציג, האָבן זיך באַגנוגן־געלאָזט מיט אַ דייטש־בּירגערלעך ווערטל וועגן „ווייב, ביער און געזאַנג", אָדער „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס" און אַנדערע לעבנס־חכמהדיגע שפּרוכן, מיט וועלכע יעדע דייטשע הויז־פרוי באַזאָרגט איר מאַן אויף דעם נאָכמיטאָגדיגן

שלאָף-קישן אָדער הענגט אים אָויס פאַר די אויגן אויף דער וואַנט פון שיינעם צימער...

מען האָט אויס דעם געלט חוזק-געמאַכט, מען האָט עס באַהאַנדלט ווי אַ געפאַלענעם גאָט, אין וועלכן מען האָט אַמאָל אַזוי געגלויבט און איצט נקמה-גענומען פאַר די אָפּגענאַרטע האָפענונגען. מען האָט די בכבודיגע, די אַזויפיל רעספּעקט צו זיך אַרויסרופנדיגע אַלטע טויזנט-מאַרק-שיינען מיט די דייטשע אָדלערס און דעם קייזערס בילד אין וואַסער-פאַרבן, אָט דידאָזיגע גרויסע מיוחסים, פאַר וועלכע מען פלעגט זיך אַמאָל דאָס לעבן איינשטעלן, ליגנס זאָגן, גנבות און רציחות באַגיין, האָט מען איצט די קליינע אַלס שפּילוואַרג אָפּגעגעבן... מען האָט מיט זיי די צימערן אויסגעקלעבט ווי מיט טאַפּעטן. אַ רעסטאָראַן איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, זיין מעניו-קאַרטע אויף טויזנט-מאַרק-שיינען אָפּצודרוקן, און דאָס איז דערנאָך געוואָרן אַ מאָדע. מען האָט איצט שוין איינלאַדונגען צו פריילעכע שמחות געדרוקט אויף טויזנט-מאַרק-שיינען. עס האָט זיך אַפילו געפונען אַ וואַרענהויז, וואָס האָט צעטיילט רעקלאַמעס וועגן אַ נייעם טראַנספּאָרט סחורות, וואָס זי האָט באַקומען, געדרוקט אויף גוט געלט, וועלכעס מען האָט צעטיילט גראַטיס. אָבער וואָס מען האָט אַלץ מיט דעם געלט נישט אויפגעטון, ווי מען האָט עס נישט דערנידעריגט, ווי מען האָט עס נישט געטרעטן מיט די פיס, האָט עס דאָך נישט פאַרלוירן זיין מאַכט איבער די מענטשן און זיי געהאַלטן איינגעשפּאַנט אין זיין רייטוואָגן און אָנגעטריבן די מענטשן, זיי זאָלן צו אים דינען...

נאָר די, וועלכע האָבן זיך געקאָנט באַפרייען פון דעם רייך, וואָס דער גאָט האָט אויף די מענטשן נאָך פון די צייטן פון זיין גרויסער ממשלה; נאָר די, וואָס האָבן אים געקאָנט באַהאַנדלען לויט זיין איצטיגער ווערט, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, מבטל-זיין אים מיט זייער גאַנצער אַפּיקורסישער נאַטור, נישט לאָזן זיך אָפּשרעקן פון זיין אַמאָליגער גרויסער מאַכט און נישט לאָזן זיך פאַרוועבן אין דעם שפּינוועבס פון דער האָפענונג וועגן דער ווערט, וואָס דאָס געפאַלענע פּאַפּירל וועט רעפּרעזענטירן, ווען עס וועט צוריק עולה-לגדולה-ווערן — נאָר די האָבן געקאָנט אין דער צייט פון דער אינפלאַציע באַ-

קומען די פולע מאָס פון זייערע ווערטן, נאָר די האָבן געקאָנט לעבן. די אָבער זענען פאַרהעלטעונישמעסיג געווען אין אַ קליי־נער צאָל: „שיבערס", שפּעקולאַנטן, בערזע־דרייערס, אינ־פלאַציע־געווינלער. די מערסטע טייל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך אָבער באין־אופן נישט געקאָנט באַפרייען פון דער מאַכט, וואָס דער דעמאָן געלט האָט געהאַט איבער זיי. זיי זע־נען געווען אַזוי צוגעוואוינט צו גיין פאַר אים אין יאָך, צו באַגיין פאַר אים אַלע עבירות פון דער וועלט, זיי זענען גע־ווען אַזוי אונטער דעם כישוף פון זיין אומבאַגרענעצטער שליטה, ממשלה און גבורה, וואָס ער האָט איבער דער וועלט און מענטש, אַז נישט קוקנדיג אויף אַלע מפּלות, וואָס ער האָט גע־ליטן, אויף אַלע חרפּות און בושות, וואָס ער האָט אויסצושטיין אין דער היינטיגער „גאָטלאָזער" אינפלאַציע־צייט, האָט דער דעמאָן זיי נאָך געהאַלטן ביים האַלז. זיי האָבן געגלויבט אין אים, געדענקענדיג אַלץ זיין אַמאָליגע מאַכט און האָבן רעספּעקט־געצאָלט צו זיין מאַיעסטעט דעם געלט. זיי האָבן אין זייער האַרץ געוואַרימט אַ האָפענונג, וואָס דער גוטער שם פון געלט האָט פאַרפלאַנצט אין זייער האַרץ: ווער ווייסט, אפשר וועט געשען אַ נס און איבערנאַכט וועט זיך איינשטעלן צוריק אַ נאָרמאַלע צייט און דאָס שטיקעלע שמאַטע־פּאַפּיר, וואָס אַלע וואַרפן זיך דערמיט היינט אַזוי, וועט מאָרגן קומען און פאָ־דערן דעם גאַנצן סאָלד, וואָס זיין גרויסע ציפער, וואָס ער טראָגט, באַרעכטיגט אים... זיי וועלן ווערן מיליאָנערן, מיליאַר־דערן... ביליאַרדערן!... איי, פונוואַנען וועט זיך דאָס גרויסע עשירות נעמען? דאָס האָט מען נישט געפרעגט. יעדנפאַלס האָט מען זיך געריכט דערויף יעדן טאָג, מיט יעדן נייעם קורס, אַז פון היינטמאָל־אָן, פון איצט־אָן וועט זיך דער מאַרק שוין האַלטן. און דאָס פאַפּירל וועט איינהאַלטן זיין ווערט...

צו די לעצטע האָט אויך געהערט דער הער פאָן סטי־קער. הער פאָן סטיקער, ווי אַלע זיינע לאַנדסלייט, צוגעוואוינט צו אָרדנונג, דערצויגן אין דיסציפּלינירטער געהאָרכזאַמקייט, צו אויטאָריטעט, וואָס עס איז געווען אין בלוט, האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס געלט, וואָס רעפּרעזענ־טירט זיין מדינה, גוטגעהייסן און אַרויסגעגעבן פון דער דיי־

טשער רעגירונג, פאַרזען מיט דעם סימבאָל פון דער דייטשער מאַכט, זאָל נישט טראָגן מיט זיך זיין גאַנצן אָנזעען און ווערט... נישט געקוקט דערויף, וואָס עס האָט אים שוין אַזויפיל מאָל אָפּגענאַרט, איז ער דאָך געוואָרן אַזוי באַצויבערט פון דער סומע, פון דרייסיג מיליאָן מאַרק, וואָס מען האָט אים אָנגעבאָטן פאַר זיין הויז, אַז ער איז געוואָרן איבערראַשט פון דער גרויסער ציפער, ער איז געווען איבערצייגט, אַז נישט-קוקנדיג אויף דער רעאַלער ווערט פון פּאַפּיר-מאַרק, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, באַקומט ער דאָס דרייסיגפאַכע פאַר זיין נחלה. און די אומגעהייער גרויסע סומע וועט בכוח-זיין אים איבערצוטראָגן איבער אַלע שטורעמס פון דער אינפלאַציע-צייט. לויט דער קויף-קראַפט פון מאַרק אין דער דענסטמאָלדיגער צייט און לויט זיין באַשיידענעם לעבן, וואָלט ער ווירקלעך מיט די דרייסיג מיליאָן געקאָנט אַדורכהאַלטן אַ פּאָר יאָר, ווען נישט שוין אויפן צווייטן טאָג האָבן די דרייסיג מיליאָן שוין פאַרלוירן פופצן פּראָצענט פון זייער קויף-קראַפט. צווישן דעם 24-טן און דעם 26-טן יולי האָט זיין געלט פאַרלוירן די העלפט פון זיין קויף-קראַפט. אין אָנהייב אויגוסט האָט ער קוים נאָך געקאָנט, מיט דעם רעשט, וואָס איז אים איבערגעבליבן פון די דרייסיג מיליאָן, דעם טאָג אַדורכקומען. און ער האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט דאָס הויז אויפגעגעסן אין נישט קיין גאַנצע איין און צוואָנציג טעג.

אויף דעם צווייטן און צוואָנציגסטן טאָג האָט זיך הער פאָן סטיקער אויפגעפירט ווי יעדן אַנדערן טאָג. ער האָט זיך אויפגעהויבן אינדערפרי. מיט גרויס פּינקטלעכקייט, ווי ער איז געוואוינט-געווען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין דער אָפּטיילונג פון דער באַנק, וואָס האָט זיך געפונען אויף זיין גאַס און אַרויסגענומען די רעשט געלט, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט, איבעריג פון די דרייסיג מיליאָן מאַרק. דער באַנק-באַאַמטער, וועלכער האָט דעם הער פאָן סטיקער געקענט זינט יאָרן, האָט אים מיט גרויס רעספּעקט באַדינט. די סומע האָט באַטראָפן אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט מאַרק. דער באַנק-באַאַמטער האָט אים מיט זאָרג, געמישט מיט דעם געהעריגן רעספּעקט, וואָס דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן אונטערטעניג שמייכעלע,

אויפמערקזאַם-געמאַכט, אַז איבערגעאַכט איז די סומע אַזוי ווערט-לאָז-געוואָרן, אַז ער וועט נישט ביכולת זיין דעם טאָג-טעגלעכן געברויך זיינעם מיט איר צו דעקן. און צי ער וויל נישט אַרויסנעמען אַ גרעסערן סכום געלט אויף דעם „דעפּאָ" פון די אַקציעס, וואָס ער האָט אין דער באַנק ליגן...

דעם טייל פאַרמעגנס האָט ער באַשטימט נישט אָנצורירן. דאָס הויז איז געווען די גרענעץ, צו וועלכער ער איז צוגע-קומען, די רעשט פון די אַקציעס האָט ער געוואָלט באַהאַלטן פאַרן ווייב. ער האָט זיך קאַלט באַדאַנקט, געהייסן זיין רעכ-נונג שליסן. וועגן ווייטערעס וועט מען אים צוּאוויסן-געבן, אפשר וועט ער נאָך דורך דעם טאָג באַדאַרפן אַ געוויסע סומע געלט — זאָל ער אַ צווייט, דריי אַקציעס אויף דער בערזע שיקן, אָבער נישט מער!

ער איז אַהיימגעקומען און ווי געוויינלעך, ווי יעדן טאָג, האָט ער גענומען דאָס ציכטיגע קייבערל אין דער האַנט, באַ-דעקט עס מיט אַ זויבער סערוועטל און איז געגאַנגען אין גע-וועלבל. דאָרט האָט ער אויסגעפונען, אַז פאַר דעם מיליאָן מיט די צוויי הונדערט טויזנט מאַרק וועט ער דאָך ביכולת זיין דעם טאָג איבערצולעבן. די קרעמערקע, וועלכע האָט אים גוט געקענט, האָט אים פאַרקויפט די רייז און די קאַרטאָפל נאָך צום נעכטיגן פרייז, כאָטש דער פרייז איז איבערנאַכט גע-שטיגן. נאָר דאָס שטיקל פוטער, וואָס ער באַדאַרף האָבן פאַר דער פרוי, פאַר דעם שטיקל פוטער האָט ער באַדאַרפט דעם גרעסטן טייל פון זיין סכום אָפּגעבן. אויף דעם שטיקל פוטער האָט אים די קרעמערקע קיין הנחה נישט געקאָנט געבן. ווי זי האָט זיך פאַרענטפערט: די פוטער מוז זי יעדן טאָג פריש קויפן און צום פרייז פון טאָג, און אַליין איז מען אויך נישט רייך און מען האָט זיינע זאָרגן אין דער שווערער צייט.

הער פאָן סטיקער האָט זיך שיין באַדאַנקט, געזעגנט זיך מיטן קאַלטן „מאָרגן" און איז מיטן קייבערל צוריקגעגאַנגען, באַוואוסט אין זיין גאַנצער חשיבות, איבער דער גאַס אַהיים.

פונקט ווי יעדן טאָג, האָט ער געהאָלפן דעם ווייב ביים עסן (די אַנדערע אַרבעטן פאַרן ווייב האָט באַזאָרגט די הויז-וועכטערין). ער האָט דאָס סערוועטל אַרומגעוויקלט אַרום איר

האַלז און מיט פליכט-געפיל זי געקאָרמעט. מיט גרויס געדולדיגקייט פאַרנומען אירע תּרעומות און איר שעלטן. ווי תּמיד האָט ער איר קיין וואָרט נישט געענטפערט, נאָר פאַרקרומט זיך מיט גרויס צער יעדעס מאָל, ווען אַן אָרדינערער אויסדרוק האָט אים דאָס אויער געשניטן. נאָכן אָפּטון זיין טייל דינסט, איז ער אַריין צו זיך אין צימער. אָפּגעוואַשן זיך, איבערגעטוישט די הויזלעכע קליידער אויף גאַסן-קליידער, אויסגעזוכט דעם „פרינץ-אַלבערט", וואָס האָט אים געדינט צו אָפיציעלע וויזיטן, זאָרגזאַם און מיט גרויס מי אים פיינלעך-ריין אויסגעבאַרשט, פאַרקעמט זיך די גרויע האָר פון קאָפּ-און-באָרד. ער האָט זיך מיט פיל אויפמערקזאַמקייט אָנגעטון, גלייך ער וואָלט אַן אָפיציעלן וויזיט באַדאַרפט אָפּשטאַטן. אַזוי, אַז דאָס ווייב, זיצנדיק אין איר שטול, האָט זיך פאַרוואונדערט, דערזעענדיק אים אין זיינע זונטאָגדיקע קירכן-קליידער, אין צילינדער-הוט, אין שוואַרצן קראַוואַט אויף זיין שטייפן העמד, מיט די שוואַרצע הענטשקעס אין די הענט, האָט זי זיך דערשראָקן.

— וואָס איז געשען? וואוהין גייסטו דען?

— אַ טרויער-באַזוך אָפּצוגעבן, אַ קאָלעגע מיינער איז געשטאָרבן.

— אַ קאָלעגע? ווער דען?

— דו קענסט אים נישט. אַ יוגנט-פריינד מיינער. דו האָסט אים קיינמאָל נישט געזען...

— דערפון הער איך צום ערשטן מאָל, אַז דו האָסט געהאַט אַ יוגנט-פריינד, וועלכן איך האָב נישט געקענט.

ער האָט אויף אירע ווערטער קיין געוויכט נישט געלייגט און פאַרלאָזט די שטוב. אַרויס אויף דער גאַס, אַריבערגעגאַנגען דעם פּלאַץ פון דער געדעכעניש-קירכע, אַוועק אויף קלייסט-שטראַסע...

ער האָט אַפילו געקענט אַ לוויה-ביוראָ אויף קורפירשטענדאַם, נאָר יענע איז געווען אַ באַקאַנטע פירמע אין דער שטאָט, וועלכע האָט אירע אָפּטיילונגען אין די פיינע, פּרינציפּאַלע גאַסן און איז באַשטימט פאַרן רייכערן קלאַס מענטשן... דידאָזיקע פירמע פלעגט די מיטגלידער פון זיין משפּחה באַדינען. ער האָט אויך געקלערט ביי דער פירמע די לוויה צו באַשטעלן,

דענסטמאָל, ווען ער האָט נאָך גערעכנט אויף זיין געלט פון דער לעבנס־פאַרזיכערונג. אָבער נאָכדעם, ווי דאָס געלט פון דער לעבנס־פאַרזיכערונג איז גאָרנישט ווערט געוואָרן, און די לוויה וועט ער דאַרפן דעקן פון דעם „דעפּאָ" אַקציעס, וואָס ער האָט געלאָזט פאַר זיין פרוי, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק און איז געגאַנגען אין אַ קלענערער ביוראָ, וואָס ער האָט געקענט אויף דער קלייסט־שטראַסע, וועלכע איז באַשטימט נישט פאַר קיין גאַנץ אָרימע, נאָר פאַר אַ קליינעם בירגער־שטאַנד און באַאַמטנשאַפט. ער האָט זיך דאָס שוין פון לענגסט געהאַט פאַרנאָטירט פון די צייטונגס־אַנאָנסן, אַז די פּרייזן זענען דאָרט באַשיידענע און צוגענגלעכע. ער האָט אויך באַלד דאָס ביוראָ געפונען. אַ מינוט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שויפענסטער און האָט באַטראַכט די צוויי־דריי מוסטערן פון טרומנעס, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען אויסגעשטעלט. באַטראַכט זיי און מעדיטירט: די, מיטן שוואַרצן מעטאַל באַקלאַפּט, וועט צו־טייער זיין אין היינטיגער צייט... די הילצערנע אויף אַ מע־טאַלענעם זילבער־קאָליר אָפּגעפאַרבט זעט זייער אָנשטענדיג אויס, בירגערלעך אַפילו און געהערט דאָך צו דער צווייטער קאַטע־גאָריע. ער האָט באַשטימט צו האַלטן זיך ביי דער „צווייטער קאַטעגאָריע". אָבער אין אים איז איצט פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן זיין פליכט־געפיל צו זיין ווייב און דעם רעספּעקט פאַר זיין אייגענער פּערזאָן...

„אַ הער פאָן סטיקער, צווייטע קאַטעגאָריע!?" דער קאַמף האָט נאָר געדויערט איין מינוט. דאָס פליכט־געפיל האָט געזיגט. ער האָט באַשטימט „צווייטע קאַטעגאָריע" און געהאַלטן זיך דערביי.

אין ביוראָ האָט ער אָנגעטראָפן דאָס געשעפטס־פרייליין מיטן געשעפטלעכן אויסדרוק פון „טרויער־אָנטייל".

— צווייטע קאַטעגאָריע, איין אויטאָ (פאַמיליע־אויטאָס — עקסטרע), מעטאַל־אויסזעענדיגער קאַסטן, זיבן יאָר קבר־אָפּצאָל — פופציג מיליאָן מאַרק (גאָטעס־דינסט — עקסטרע, לויטן אָפּמאַך מיטן גלח)!

— דאָך, פופציג מיליאָנען?

— נאָך נעכטן האָט מען עס געקאָנט באַקומען פאַר פער־

ציג. ביי דער אַנטווערטונג פון געלט זענען זיי געצוואונגען יעדן טאָג די פרייזן פעסטצושטעלן.

הער פאַן סטיקער האָט אַלס עלטסטער זון אַפילו געהאַט רעכט אויף אַן אָרט אין דעם פאַמיליע־קבר אויפן צענטראַלן ליוטעראַנישן פרידהאָף. ער האָט אָבער זיין אָרט אין דער צוואה איבערגעלאָזט זיין ברודער, דעם אָבערסט, וועלכן ער האָט געהאַלטן, אַז זיין דינסט פאַרן פאָטערלאַנד באַרעכטיגט אים מער צו דעם כבוד, און זיין ראַנג, וואָס ער האָט דער־גרייכט אין מיליטער אַלס אָבערסט, איז אַ גרעסערער כבוד פאַר דעם משפחה־קבר, איידער דאָרט אַ פּריוואַט־געלערנטער, אויף וועלכן מען קאָן צומאָל נישט צושטעלן דעם טיטול „פּראָ־פעסאָר" (אויך אין דער הינזיכט האָט דאָס פליכט־געפיל גע־זיגט איבער דעם רעספּעקט, וואָס ער האָט געפילט שולדיג צו דער אייגענער פּערזאָן).

— אין קרעמאַטאָריום? אַך, היינטיגע צייטן איז גאָרנישט מעגלעך דערצו צוצוקומען. דער קוילן־גאַז קאָסט אַזוי טייער. וועגן דעם באַדאַרף ער זיך ווענדן אין אַן אַנדער ביוראָ, זיי פאַרזאָרגן נישט אין קרעמאַטאָריום. זיי פאַרזאָרגן נאָר אַ גע־וויינלעך באַגרעבעניש...

דער הער פאַן סטיקער האָט באַשטימט „צווייטע קאַטע־גאָריע" און עס בלייבט דערביי.

— אויך נאָך פאַר מאָרגן איז דערזעלבער פּרייז גיל־טיג?

— אויב איר וועט נאָך היינט אָפּמאַכן, ווייל פאַר היינט איז דער פּרייז גילטיג. קאָן איך וויסן דעם אַדרעס?

ער וועט עס שוין צוּאוויסן־לאָזן, ער וויל זיך נאָך דער־קונדיגן אין אַן אַנדער ביוראָ.

— איר וועט אין קיין אַנדער ביוראָ ביליגער נישט קריגן, מיר פירן פאַר די ביליגסטע פּרייזן. ליידער אין היינ־טיגער צייט — זענען מיר באַוואָרפן מיט אַרבעט, און מיר מוזן שוין די פּרייזן ביליג־האַלטן, ווייל אונזער קליענטעלע איז ליידער...

דער הער פאַן סטיקער האָט זי נישט אויסגעהערט ביז צום סוף:

— איך וועל נאָך היינט צואוויסן-לאָזן. יעדנפאַלס, בלייבט עס ביים פּריַין!...

פון לוויה-בּיוראָ איז ער אַוועק אין דער באַנק.

— פופציג מיליאָן מאַרק? געוויס. לויטן קורס פון די אַקציעס וועט ער דערויף באַדאַרפן האָבן אַ היפּשן טייל פון „דעפּאָ". דאָס געלט קאָן ער באַלד באַקומען. עס באַטרעפט אַ שפּאַרע סומע כעמישע אַקציעס, און עס בלייבט נאָך איבער אַן עודף פון צוויי מיליאָן אַכט הונדערט טויזנט. צי וויל ער באַלד רעשט?

געוויס, עס וועט נאָך זיין אויף קלענערע נעבן-זאַכן...

אויפן וועג אַהיים האָט ער אַ מינוט געקלערט, צי ער זאָל נישט זיין ווייב מיטנעמען אין דעם וועג, וואוהין ער קלויבט זיך. ווי אַזוי וועט זי זיך אַן עצה-געבן אָן אים אַ קאַ-ליקע? אָבער דער וועג, אין וועלכן ער האָט זיך געקליבן צו גיין, האָט געטראָגן אַזאַ פּערזענלעכן כאַראַקטער, אַז וויפיל זיין פליכט-געפיל איז נישט געווען שטאַרק, האָט ער באין-אופן נישט געקאָנט ביי זיך פועלן, אַז ער זאָל וועמען אַ פרעמדן מיטאַריינצי:ען אין דעם פּערזענלעכן אינטימען אַקט, וואָס ער גרייט זיך פאָר צו באַגיין, און זיין ווייב איז אים דאָס גאַנצע לעבן געווען פרעמד און דער טויט — אַזוי אינטים און פּער-זענלעך...

ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער צוריק אויסגעטון זיינע אָפיציעלע טרויער-קליידער, איבערגעטון זיך אין די הויז-לעכע. נאָך איין מאָל האָט ער דערפילט שטילשווייגנדיג זיין פליכט צו זיין פרוי. ער האָט זי נאָך איין מאָל אָנגעקאָרמעט. דאַן איז ער פאַרשוואונדן צו זיך אין דער הויך, אין זיין סטודיע.

אַז ער איז געווען אין דער סטודיע מיט זיך, האָט ער זיך שטענדיג געפילט פאַראייניגט מיט דער גייסטיגער וועלט פון זיינע ביכער, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. ער האָט פאַר-געסן אָן דער צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט. ער האָט אויפגעמישט זיין געטע, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט. דער קאָמענטאַר צום צווייטן טייל „פאַוסט" איז נישט געווען פאַר-טיג. ער האָט עס נישט באַדויערט. די אַרבעט אויפן בוך איז

געוועזן ביי אים אַ גאָטעס-דינסט, אַ תּפילה. קיין תּפילה ענדיגט מען נישט, אַ תּפילה בעט מען. זי רייסט זיך איבער אינמיטן מיטן מענטשנס לעבן... ער האָט דעם מאַנוסקריפּט זאָרגפעלטיג איינגעפּאַקט, אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט און אויפגעשריבן: „קאָמענטאַר צו „פאַוסט" פון געטע — פון ד"ר ראָבערט סטיקער (נישט פאַרענדיגט)". ער האָט אויך זיינע אַנדערע מאַנוסקריפּטן אין אָרדנונג געבראַכט. פאַרפּאַקט זיי און באַזעען זיי מיט ריכטיגע אויפשריפטן, אַוועקגעלייגט אויף זייער ריכטיגן אָרט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָנשרייבן די נויטיגע בריוו.

קודם-כּל האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער לוויה-ביוראָ, אין וועלכן ער האָט אַקצעפּטירט די באַדינגונגען פון „צווייטער קאַטעגאָריע", לויטן אָפּמאַך פון צוועלפטן אויגוסט. לוויה: איין אויטאָ (פאַמיליע-אויטאָ — עקסטרע), זילבער-מעטאַל-אויסזעענדיגער קאַסטן, זיבן יאָר קבר-אָפּצאָל (קירכן-דינסט — עקסטרע) — פאַר פופציג מיליאָן מאַרק. טויטער: ד"ר ראָבערט פאָן סטיקער, פּריוואַט-געלערנטער, אַכט און זעכציג יאָר אַלט. טויט — איינגעטרעטן... (דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ וויילן, דאַן האָט ער מיט אַ זיכערער האַנט אָנגעשריבן: „דעם צוועלפטן אויגוסט, ניינצן הונדערט דריי און צוואַנציג. אַדרעס: ראַנקען-שטראַסע נומ. 17 וואוינונג 6, בערלין וו.

אין אַ קאָנווערט האָט ער אַריינגעלייגט די פופציג מיליאָן מאַרק, וואָס ער האָט אָפּגענומען פון דער באַנק. אויפן קאָנווערט האָט ער באַזאָרגט די געהעריגע אויפשריפט: „לויטן אָפּמאַך — פופציג מיליאָן מאַרק באַגרעבעניש-געלט פאַר ד"ר ראָבערט פאָן סטיקער, פּריוואַט-געלערנטער". אַ צווייטן בריוו האָט ער אָנגעשריבן צו זיין ברודער, דעם אָבערסט, אין וועלכן ער האָט אָנגעגעבן די סיבה פון זיין שריט, און באַזעען אים מיט אַ געהעריגן מאָטאָ פון געטעס „פאַוסט", וואָס באַציט זיך אויף דער אינפלאַציע פון פאַפּירן-געלט, פון וועלכן ער איז געפאַלן אַ קרבן:

> Ich ahne Frevel, ungeheuren Trug!
> Wer fälschte hier des Kaisers Namenszug?

אַ דריטן בריוו האָט ער אָנגעשריבן צו דער הויז-וועכטערין, אין וועלכן ער זאָגט איר אָן: אַזוי ווי ער וועט „פאַר-

הינדערט" זיין דאָס ווייב זיינס צו באַדינען, בעט ער זי, אַז זי זאָל מאָרגן פרי אַרויפקומען און זאָל פאַר אים די אַרבעט פאַר זיין ווייב טון.

צום ערשט האָט ער געטראַכט, די בריוו צו באַזאָרגן דורך דער פּאָסט, ספּעציעל דעם, וואָס איז געווען באַשטימט צו דער לוויה-ביורא. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז די מאַרקע וועט אים קאָסטן איבעריגע פיר הונדערט טויזנט מאַרק. אַזוי ווי צו דער קלייסט-שטראַסע איז נישט געווען ווייט פון זיין וואוינונג, האָט ער זיך מיישב-געווען, ער וועט איינשפּאָרן די פּאָסט-מאַרקע און אַליין אַהינטראָגן דעם בריוו. ער האָט זיך אָנגעטון אין זיינע שפּאַציר-קליידער, אָבער שוין אָן דעם אָפיציעלן צילינדער-הוט, אַהינגעטראָגן דעם בריוו, אים אָפּגע-געבן אייגנהענטיג אין לוויה-ביורא. פאַר איין וועגס האָט ער דעם בריוו, וואָס איז באַשטימט פאַר דער הויז-וועכטערין, אי-בערגעלאָזט אין קאָרידאָר. דעם, וואָס איז באַשטימט פאַר זיין ברודער, האָט ער געלאָזט אויף זיין אַרבעטס-טיש.

אָפּגעפאַרטיגט זיך מיט די וועלטלעכע זאַכן, האָט ער זיך ווידער באַגעבן אין זיין אַרבעטס-צימער (אָן זיין ווייב פריער צו זען). עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג. זומער-צייט. דאָס טאָג-ליכט האָט אים געשטערט אויסצופירן דעם אינטימען אַקט פון טויט. ער האָט געוואָלט אָפּלייגן עס אויף ביינאַכט, ווען עס איז שטיל. ער האָט אָבער גוט געדענקט, אַז די באַ-דינגונג וועגן דעם לוויה-פּרייז איז נאָר פאַרן היינטיגן טאָג און דער טויט באַדאַרף איינטרעטן, ווי ער האָט געשריבן אין זיין אַקצעפּטירונג, דעם 12-טן אויגוסט. כדי עס זאָל נישט זיין קיין ספק, אַז דער טויט איז פאַרגעקומען איין טאָג שפּעטער, וואָס דאָס זאָל אפשר געבן אַ סיבה צו העכערן דעם לוויה-פּרייז, האָט ער באַשטימט דעם אַקט אויסצופירן, ווען עס איז נאָך גענוג טאָג.

אין זיין אַרבעטס-צימער איז שטענדיג געווען שטיל. כדי דאָס טאָג-ליכט זאָל אים נישט שטערן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די ראָלעטן איבער די פענסטער. ליכט געמאַכט, נאָר אויף אַזוי אַזויפיל, אַז ער זאָל זען זיין לעצטן אַקט צו באַגיין. אָנגעטון זיין „פּרינץ-אַלבערט"-ראָק, פאַרקנעפּלט ביז צום לעצטן קנעפּל.

פאַרקעמט די האָר איבערן קאָפּ און ברוסט, האָט ער אָנגעשריבן אויף אַ ריינעם בלאַט פּאַפּיר מיט זיין געציקלטער קאַליגראַפי־שער האַנטשריפט:

Komm, hebe dich zu höheren Sphären!
(Goethe — Faust, zweiter Teil, 5. akt.)

„אַקט פון טויט באַגאַנגען (ער האָט געקוקט אויף זיין זייגער, וואָס איז געלעגן אויפן טיש) — עס איז געווען זעקס אַזייגער מיט 35 מינוט; ער האָט איבערגערעכנט, אַז ביז ער וועט אויסלעשן דאָס ליכט (עס זאָל זיך בחינם נישט ברענען נאָך זיין טויט), ביז ער וועט אַריינשיסן די קויל פון זיין רע־וואָלווער אין האַרץ וועט נאָך נעמען פינף מינוט. יעדנפאַלס, כּדי פּינקטלעך צו זיין, האָט ער אויפגעשריבן: „טויט־אַקט באַ־גאַנגען דעם 12־טן אויגוסט צווישן 6 און 7, נאָך ביי טאָג־ליכט". כדי עס זאָל ריכטיג שטימען, האָט ער אויסגעלאָשן די עלעקט־ריע, צוגעגאַנגען צום פענסטער, אַרויפגעלאָזט די ראָלעטן:

— יאָ, עס שטימט. עס איז נאָך טאָג־ליכט, — האָט ער געזאָגט מיט צופרידנקייט און איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין פּלאַץ ביי זיין שרייבטיש און דעם אַקט אויסגעפירט.

## קאַפּיטל 21

# די ליבע, וואָס ברענגט טריט

עס איז ערשט געווען אין אָנהייב האַרבסט. דאָרט אונטן, אין דער נידער איז נאָך געווען הויכער זומער און דאָ אין די בערג האָט געשאָטן פרישער שניי אויפן אַלטן. די שניי־קופּאַלן, וואָס רוען אויף די שפּיצן בערג, האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן וואָס אַמאָל טיפער און פאַרפלייצט אַלץ גרעסערע שטחים פון דעם גרינעם, אויג־דערקוויקנדיגן פרישן גרינס פון באַרג־וואַלד. שטאַרקע, יונגע נאָדל־ביימער, אויסגעצויגן ווי געצירטע בתולות, זענען געגאַנגען מיט פעסטע טריט אין דעם שניי־שטורעם און האָבן דעם ווינט אין זייערע געדיכטע צווייגן אויפגעהאַלטן, וועלכער האָט געברומט און געפייפט פאַר כעס. אַלטע פאַרקריפּלטע סאָסנעס, אַרומגעוויקלט מיט זייערע משפּחהדיגע קוסטעס, האָבן פאַר פאַרצווייפלונג זייערע קנאָכיגע הענט־צווייגן אויסגעשטרעקט און געגן ווינט זייערע בעזים־קעפּ געבויגן אָבער זיך נישט פון די ערטער גערירט. די גרינע משופּעדיגע פלאַכן צווישן די ביימער זענען וואָס אַמאָל ווייסער באַשגייט־געוואָרן. מיט האַרץ־ווייטאָג האָט דאָס לעצטע לעבעדיגע גרינס אַרויסגעצאַפּלט פון אייזיגן שניי, באַלד איז עס אָבער אויסגעלאָשן־, פאַרשיט־ און באַגראָבן־געוואָרן אונטער דער שניי־דעק.

געגן ווינט מיט די אָפענע פּנימער, מיט די זוניג־פאַרברענטע קנאָכיגע ברוסט־קאַסטנס פון די אויפגעפּראַלטע ווינט־

בלוזעס אַרויס, באַשווערט מיט אָנגעפּראָפּטע רוק־זעק, באַגאָסן אײנגעאָנצן פון אַנגסטן, האָבן דרײַ יונגע מענטשן געטרעטן טראָציג און מיט פעסטע טריט אין שנײ, וואָס האָט זיך גע־שמאָלצן אונטער זײערע פיס, אויפן שפּיץ באַרג אַרויף.

עס איז שוין געווען אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהן, כאָטש פון הימל האָט מען עס נישט געקאָנט אָנזען. — אויפן הימל, גיכער אין דער לופט, איז געשטאַנען אַן אײביג־פאַר־נאַכטלעכער אײזיגער טוי, וואָס האָט געיאָגט פון אָפּגעריסענע שטיקער וואָלקנס, מיט וועלכע דער ווינט האָט זיך אַרומגע־שפּילט. דער ווינט האָט זײ ווי ווײסע לײלעכער צעהאָנגען איבער די משופּעדיגע פלאַכן פון באַרג, צעריסן, צעפליקט דאָ־און־דאָרט דורך שפּיציגע פעלזן־שטײנער, דורך גרופּן בײ־מער — האָבן זײ זיך געריסן פון די מוטער־קערפּערס, גע־בלאָנדזשעט ווי פאַרוואָגלטע שאָף־סטאַדעס אינדערלופטן און זענען געבליבן הענגען מיט זײערע וואָליג־רויכערנדיגע קער־פּער־געוועבן איבער בײמער־צווײַגן, געפאַלן צו דער ערד און געהויבן זיך. די פײַכטקײט, וואָס איז געשטאַנען אין דער לופט, האָט זײ אַדורכגענעצט. איצט האָבן זײ זיך אויסגע־מישט מיטן שנײ, וואָס האָט געפּרישעט און צעגאַנגען צוזאַ־מען — נישט אין אַ רעגן, נאָר אויפגעלײזט זיך אין אַ די־קער פײַכטקײט, וואָס האָט אָנגעפּולט די לופט.

די אַנגסטיגע לײבער פון די יונגען, נישט געקוקט אויף דעם דורכנעצנדיגן שווײס, אין וועלכן זײ האָבן זיך געבאָדן אונטער זײערע קלײדער, האָבן שטאַרק געפרירט. זײערע פיס אין די צעריסענע זאָקן און אָפּגעטראָגענע שיך האָבן געטרעטן אין דער צעווײקטער בלאָטע, אין וועלכער דער טוי און שנײ האָבן די ערד פאַרוואַנדלט. זײ זענען געווען הונגעריג און מיד. פון באַגינען־אָן גײען זײ שוין אַזוי. זײ קומען־אָן פון די בערג אויף דער עסטרײַכישער זײט, וואו זײ האָבן זיך אין דער לעצטער צײט אויסבאַהאַלטן פאַר דער פּאָליצײ און זשאַנדאַרמען. אין די פריע שעהן האָבן זײ אין וואַלד גערוט, וואו זײ האָבן פון די פּאַשעטנדיגע קי בגנבה די מילך אויס־געמאָלקן און מיטן לעצטן ברויט, וואָס זײ האָבן אין זײערע רוק־זעק געהאַט, פאַרבראָקט. איצט איז שוין שפּעט פאַרנאַכט.

דאָס לעצטע גרינס שוואַרצט זיך שוין און זעט-אויס ווי קליינע אינזלען אין ווייסע שניי-ימים. זייער ציל איז דאָס הויז, וואָס זעט זיך ביים ברעג פון באַרג-אָפּנויג. זיין מיט שווערע שטיינער באַלייגטער דאַך און דאָס דאַך-טורעמל האָט זיך זינט דער לעצטער שעה באַוויזן און פאַרשוואונדן. איצט זעט מען זיי אינגאַנצן נישט אַרויס. זיי זענען פאַרשוואונדן אין דער פייכטער, פאַרוואָלקנטער טונקלקייט צווישן די שוואַרצע ביי-מער.

מיט דעם אָוונט צוגלייך האָבן זיי דאָס הויז דערגרייכט. דער פויער איז נאָר-וואָס געהאַט אַריינגעפאָרן אין הויף מיט דעם ליידיגן היי-וואָגן. ער האָט ערשט נאָר-וואָס געהאַט דאָס לעצטע היי אונטערן דאַך אַרונטערגעבראַנגט, ער איז נאָך גע-ווען אויף דער פור מיט דער בייטש אין דער האַנט — איידער די יונגען האָבן נאָך צייט געהאַט זייער „גריס-גאָט" צו זאָגן און וואָס איז זיי אויף די ליפן געהאַנגען — האָט דער פויער אין זיין האַרטן באַרג-זשאַרגאָן אַ וואָרט געוואָרפן, וואָס האָט געמיינט:

— מאַכטס, דאָס איר פאָרט קאָמט, קיין פלאַץ פאַר אייערטוועגן צום שלאָפן!

— מיר ווילן פאַר ברויט און מילך באַצאָלן, — זאָגט דער ערשטער, דער עלטסטער פון די יונגען, וואָס איז אויך געווען דער ערשטער אין דער ריי פון די דריי.

— מיט אייער בעשיסענעם געלט קאָנט׳ס אייך דעם היגטן... — האָט דער פויער געוואָרפן אַ וואָרט.

די אַנדערע צוויי האָבן אַרויפגעקוקט צום עלטסטן, וואָס צו טון.

— ווייטער! — האָט ער געגעבן אַ באַפעל.

און די יונגען האָבן די שווערע רוק-זעק אויף די רוקנס געשלעפּט און ווייטער געגאַנגען.

— פאַרשידענעס פּאַק שלעפּט זיך היינט איבער די פּוי-ערישע הויפן אַרום, מען מוז זיך היטן, — פאַרענטפערט זיך דער פויער פאַר דער גויע, וואָס בויגט-אָפּער דעם קאָפּ פון אונטער אַ קיס בויך, זיצנדיג ביים מעלקן אין הויף, נייגעריג צו וויסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— און ווען דאָס פּאַרלאָזט דעם הויף, פּעלט שטענדיג עפּעס פון שטוב אַרויס, — שטימט די פויערטע צו.

זיי האָבן הוצפה באַקומען, די פויערישע קאָפּערס. זינט דער אינפלאַציע איז ביי זיי דער שטאָטישער מענטש אויס מורנו געוואָרן. נישט נאָר אויס מורנו, זיי האָבן אויך באַקומען צו אים, צוליב זיין אומבאַהאָלפנקייט אין דער צייט פון הונגער, אַ גרינגשעצונג פאַר אַלע זיינע ווערטן... זיי האָבן שוין פון דער שטאָט אַלץ אויסגעבייטעלט, זיי האָבן זייער מילך, פּוטער און אייער, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט אַוועקגעבן פאַר דעם ווערטלאָזן געלט, איינגעטוישט אויף גרויס-שטאָטישער באַלעבאַטישקייט, קאָמאָדעס, בעטן און אַנדערע מעבלשטיק, אויף פּוטערס און זיידענע קליידער, וואָס פוילן ביי זיי אין די קאַסטנס, אויף פּאָרצעליי און זילבער, וואָס ליגט ערגעץ פאַרשטעקט אין די שטעלער. די פויערטעס פּוצן זיך אויס זונטאָג אין „גרויסהערשאַפטלעכע" שפּיצן-קליידער, די פויערן אין אָפּגעטראָגענע פראַקן און אין שטאָטישע מלבושים. זייער ליידנשאַפט איז אָבער געווען פּיאַנאָס. פּיאַנאָס, האָט זיך זיי אויסגעוויזן, איז דער צייכן פון העכסטן וואוילשטאַנד. זייערע שטובן זענען אָנגעשטעלט-געווען מיט פּיאַנאָס, גראַמאָפאָנען און אַנדערע שטאָטישע איינריכטונגען, וואָס זיי וויסן נישט, וואָס מיט זיי צו טון. צום סוף איז זיי מיאוס-געוואָרן די שטאָטישע איינריכטונגען, די פּיאַנאָס האָבן זיי נאָר די היי-זער ענג-געמאַכט און די קינדער די קעפּ צעקלאַפּט. זיי האָבן פאַרלוירן יעדן חשק, וואָס דער דורשט נאָך לוקסוס האָט אין זיי די אַלע יאָרן פון פויערישער פאַרשקלאַפונג געוועקט. אַ בלינד נקמה-געפיל פאַר אַלע יאָרן מקנא-זיין די שטאָט האָט אין זיי אַן אומגעזעטיגטע שנאה צו דעם שטאָט-מענטש אויפגעוועקט. זיי האָבן איצט נקמה-גענומען פאַר אַלע יאָרן פון אונטערטעניגקייט און דערנידערונג. בעסער מיט דער נישט-אויסגעזויפענער מילך די חזירים אָנצופאַשען, איידער אין דער שטאָט פאַר ווערטלאָז געלט אָדער אומנוצלעכע חפצים אַוועקצוגעבן. די פויערן אויפן דאָרף האָבן זיך אָפּגעשלאָסן מיט זייער שפּעדיג עסן אין זייער איינזאַמקייט, נישט געוואָלט וויסן פון דער שטאָט, וואָס קאָן זיי מער גאָרנישט געבן און געיאָגט

פון זיך די שטאָט־לייט, וועלכע האָבן געזוכט שוץ ביי זיי פאַרן הונגער, ווי אַ באַדראָענדיגע זיך־צוקלעבנדיגע פּלאָג פון פליגן, פאַר וועלכע זיי האָבן איצט גאָרנישט מער פאַרמאָגט ווי נאָר פאַראַכטונג.

די דריי יונגע זענען געגאַנגען ווייטער, געבויגן די רוקנס אונטער דער מאַסע פון די רוק־זעק, די קעפ געגייגט און האָבן געשוויגן. דער עלטסטער און דער העכסטער פון זיי פאָראויס, דער לעצטער — אַ מיטלמעסיגער און אַ קליי־נער, אַ יונגער — אין מיטן. די אַנגסטן זענען קאַלט־געוואָרן אויף זייערע לייבער, די פיס פּיטש־נאַס אין די צעפוילטע זאָקן, אָבער זיי זענען געגאַנגען מיט אַ רעגלמעסיגן טריט איבער דעם וועג און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. עס איז וואָס אַמאָל פינסטערער־געוואָרן. אין דער געדיכטקייט פון דער נאַכט האָט זיך דער אייזיגער טוי אויפגעלייזט אין דער אַט־מאָספערע, די וואָלקנס האָבן געפּלאַצט און איצט האָט זיך דער שנייִ פאַרוואַנדלט אין אַ שניידיגן טיראַלער „שניר־רעגן". רעגלמעסיג, אָן איילעניש, איז דאָס וואַסער גערינען, שניי־קריש־טאַלעכלעך אויסגעמישט מיט וואַסער־טראָפּן, ווי שפּילקעס אַדורכגעדרונגען די ווינט־בלוזעס און דערגרייכט די ליי־בער. זיי האָבן גאָרנישט גערעדט און ווייטער געגאַנגען. אַזוי זענען זיי אָפּגעגאַנגען אַ מינוט פופצן־צוואַנציג, שטייגנדיג וואָס אַמאָל אַלץ העכער, ביז זיי האָבן דערגרייכט די ערשטע היי־סטאָדעלע. דער פירער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי אויך די איבעריגע צוויי. ער האָט ווי צו זיך אַליין געזאָגט: „יונ־גען, וויר ווערדען היער ראַסט מאַכען?" אין אַ מינוט זענען זיי אַלע דריי געווען אויף יענער זייט פּלויט, באַשיצט אונטערן דאַך און געזוכט וואַרימקייט און שוץ אין דעם אויסגעט־טריקנטן היי.

אַ מינוט פינף־צען זענען זיי אַלע דריי געלעגן אין דער טונקלקייט, האַלב פאַרטרונקען אין היי און האָבן שווייגנדיג גערוט, אָנלענענדיג די קעפּ אויף זייערע רוק־זעק. פון די לייבער האָט געפּאַרעט, מען האָט געהערט זייער אָטעם און דאָס רעגלמעסיגע קלאַפּן פון זייערע הערצער, צוזאַמען מיט

דעם טיק-טאַק פון רעגן, וואָס איז געפאַלן אויף די האַלב-פאַרפוילטע שינדלען.

— ביסטו הונגעריג, קליינער? — האָט זיך געהערט דעם פירערס מענלעכע, רויע און הייזעריגע שטימע.

— דו פרעגסט נאָך? — און קאַלט אויך... — האָט זיך געהערט אַ יונגנטלעכע, כמעט אַ קינדערישע שטימע, וואָס האָט געטרילערט מיט אַ ווייכער און זינגענדיגער צאַרטקייט, ווי דאָס קול פון אַ מיידל.

— דו ציטערסט, קליינער. קום דאָך נענטער צו מיר!

— יאָ, מיין זייט איז מיר פייכט. — עס האָט זיך גע-הערט אַ באַוועגונג אין שאָרכנדיגן היי.

— פאַרפלוכט! דער קאַפּער האָט אונז נישט געוואָלט קיין שפּייז פאַרקויפן, איצט מוזן מיר ליגן אין דעם מיסט מיט הונגעריגע מאָגנס, מען זאָל דאָך אים אונזערע „שפייערס" ווייזן, דער פויערטע אונטער דער ספּודניצע פייער אַרונטער-שיסן, וואָלט זי שוין מיט אונז אַנדערש גערעדט!

— קיינע קריגערייען מיט דער אָרטיגער באַפעלקערונג, מיר באַדאַרפן זיך נישט ביי די פויערן פאַרפיינדן, זיי זענען נישט קיין יידן. מיר מוזן די היימישע באַפעלקערונג אַלס פריינד באַקומען, פאַרשטאַנען?

— צום באַפעל!

— דו ציטערסט אינגאַנצן פון קעלט, קליינער. קום דאָך נענטער! — הערט זיך דעם פירערס שטים, — האָט איר נאָך עטוואָס אין אייערע רוק-זעק?

— דאָס לעצטע ברויט נאָך באַגינען אויפגעפרעסן, — ענטפערט-אָפּ אַ קול.

— די רעזערווע! — באַפעלט דער פירער.

די היי-סטאָדעלע איז באַלויכטן-געוואָרן, נישט די היי-סטאָדעלע, נאָר דאָס פּנים פון פירער, וועלכעס איז געווען נעגנאיבער דעם ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט. נישט געקוקט אויף דער זיך-צייכנענ-דיגער אָנגעוואַקסענער באָרד, איז זיין פּנים געווען גלאַטיג, ווי די הויט וואָלט געווען אויסגעוועלגערט, אויסגעמאַנגלט און אויסגעפּרעסט, איידער זי האָט די גלידער באַצויגן. די ברעמ-

לאָזע גרוי-בלויע אויגן זענען געזעסן איינגעפּאַסט אין אויסגעגלעטע פּאַלדנלאָזע אויגן-ראַנדן. זיינע שאַרפע קינבאַקן און זיינע דינגעשניטענע ליפּן האָבן דעם פּנים געגעבן אַן אָנבליק פון אַ קאַליגראַפישער צייכנונג אויס אַ דירישער אָדער אַלט-דייטשער גראַווירי. נעבן אים איז געלעגן, צוזאַמען מיט איין ווינט-בלוזע צוגעדעקט, דאָס יינגל ערענסט, ערענסט פאָן מינדהיים, וועלכער איז פון דער גימנאַזיע אַנטלאָפן און זיין עלטערן ברודער נאָכגעטון, מיט די יונגען אין די וועלדער צו גיין, געהיימע באַפעלן אויסצופירן, כדי דאָס פאָטערלאַנד צוריק צו דעראָבערן... דאָס יינגל האָט זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט זיין פון קעלט צעפלאַמט און ציטערנדיג מיידל-פּנים, וואָרים דאָס ליכט האָט געשטאָכן זיינע אויגן. אָפּגערוקט פון זיי איז געזעסן אין היי וואָלפגאַנג פאָן סטיקער און האָט ביי דער באַלייכטונג פון עלעקטרישן לעמפל אויסגעפירט דעם פירערס באַפעל, און פון זיין רוק-זאַק אַרויסגענומען די רעטונגס-„רעזערווע".

די „רעזערווע" איז באַשטאַנען פון אַ פעלד-פלאַש האַלבאָנגעפולט מיט שנאַפּס, אַ פּעקל שאָקאָלאַד, אַ פּאָר זעלנערישע ביסקוויט און אַ שאַכטל מיט קאָנסערווירט פלייש. ער האָט דאָס איבערגעגעבן דעם פירער.

— די שאָקאָלאַד און די קאָנסערוון אויפבאַוואָרן, מיר זענען נישט אויסער דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן נאַרונג. די פלאַש שנאַפּס קאָנסטו אונז געבן, וועלכען, דער קליינער ציטערט פאַר קעלט.

דער פירער האָט אַ גרויסן שלוק-געגעבן פון דער פלאַש, דערלאַנגט זי צום מויל פון יינגל.

— טרינק, קליינער, דו וועסט דיך דערוואַרימען. און דו קאָנסט אויך אַ שלוק-געבן. די רעשט אויפבאַוואָרן, וועלכען! — זאָגט ער צו וואָלפגאַנג פאָן סטיקער און גיט אים איבער די פלאַש, נאָכדעם ווי דער קליינער האָט געטרונקען פון איר. — און איצט — שלאָפן, יונגען! מיר מוזן דעם הונגער פאַרשלאָפן. מאָרגן גיבט עס שפּעק און אייער און פרישע פוטער צוגעלייגט! גוטע נאַכט! — דאָס לעמפל איז פאַרלאָשן-געוואָרן.

וואָלפגאַנג פאָן סטיקער האָט זיך איבערגעצויגן מיט זיין

ווינט-בלוזע און געוואָלט איינשלאָפן, אָבער נישט געקאָנט. דאָס איז געווען צוליב מידקייט, הונגער און אויך איבער עפּעס אַנדערש, וואָס האָט געריבט זיין שלאָף... ניין, נישט די אומרואיגע באַנעמונג פון זיינע שכנים — דאָס האָט אים נאָר אַביסל אויפגערעגט, שלאָפלאָז-געמאַכט — אָבער עס האָט אים נישט געאַרט. ער האָט שוין פון לאַנג ביי זיך מבטל-געמאַכט די רעשטן פון דער „יידישער"-אַזיאַטישער מאָראַל, וואָס די קירכע האָט איבערגעפלאַנצט פון באַרבאַרישן מזרח און אָנגעוואָרפן ווי אַ פרעמדן יאָך אויף דער פרייער נאַטור פון גערמאַנישן מענטש. פאַרקערט, ער האָט אין דער אַרט ליבע געזען אַ צוריקגיין צום העלענענטום, צו דער אַלטער גריכיש-רוימישער קולטור, פון וועלכער דער גערמאַנער איז דער איינציגער באַרעכטיגטער יורש. וואָרים אַלע אַנדערע פעלקער האָבן זיך אָן פראָטעסט, אָן ווידערשטאַנד אונטערגעוואָרפן אונטער דעם יידישן גייסט. דער גערמאַנער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך געוועהרט מיט הענט-און-פיס געגן אים. — ניין, דאָס באַנעמען זיך פון זיינע שכנים האָט אים נישט געאַרט. עס האָט אים נאָר אין זיין איינזאַמקייט אַביסל אייפערזיכטיג-געמאַכט אויף דעם פירער... צו וועלכן דאָס יינגל ערגעסט קוקט-אַרויף ווי אויף אַ גאָט.

זינט זיי זענען צוזאַמען, די דריי, קלערט וואָלפגאַנג פאָן סטיקער וועגן עפּעס אַזעלכעס צו טון, וואָס זאָל דעם שיינעם יינגל, אויף וועמענס חסדים ער איז אינדערשטיל אייפערזיכטיג, אַריינברענגען אין אַן ענטוזיאַסטישער באַגייסטערונג פאַר אים, ווי דאָס יינגל האָט פאַר דעם פירער, צוליב זיין פעסטקייט און האַלטונג. אָבער נישט בלויז די אייפערזוכט איז עס געווען, וואָס האָט אים אַזוי באַאומרואיגט, עס איז געווען נאָך עפּעס. עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי אין זיין איבערמידיגקייט האָט וואָלפגאַנג פאָן סטיקער פאַרלוירן דעם זין און דעם ציל פון זיין אַוואַנטוריסטיש און געפערלעך לעבן.

אַ זין האָט עס געהאַט. אַ ציל קיינמאָל נישט. דער זין פון זיינע טאַטן האָט געהאַט איין איינציגן צוועק — דייטשלאַנד אומרואיג צו האַלטן, דייטשלאַנד נישט אַנטשלאָפן צו לאָזן אין איר פאַרשקלאַפונג. אויך איצט שלעפּט ער זיך פון

עסטרייך, וואו ער האָט זיך די לעצטע צייט אויסבאַהאַלטן פון די דייטשע זשאַנדאַרמען, וועלכע זוכן אים צוליב זיין אָנטייל אין אַ פּאָליטישן מאָרד, געגנבעט די גרענעץ און שטעלט זיך איין דאָס לעבן צוליב אַ „געוויסן גאַנג אויף בערלין", וואָס אַ געוויסער פירער פּלאַנט פון מינכען אויס, און וואָס מען האָט זיי שוין אַזוי לאַנג צוגעזאָגט... ער גלויבט נישט אין דעם „גאַנג אויף בערלין" — ער איז איבערצייגט, אַז עס וועט זיך עפּעס מאַכן און מען וועט דעם „גאַנג" אָפּלייגן, ווי מען האָט אים ביז-איצט אָפּגעלייגט. אָבער דאָס גנבענען די גרענעץ, דאָס אויפהאַלטן זיך אויף אומזיכערן באָדן, וואו ער ווערט פון די זשאַנדאַרמען געזוכט, האָט אים געררייצט. געפאַר איז געווען דאָס ברויט פון זיין טאָג-טעגלעכן לעבן. און די געלעגנהייט אַקטיוו צו זיין, וואָס דער „גאַנג אויף בערלין" האָט צוגעזאָגט, האָט געהאַט אַזאַ צוציאונגס-קראַפט פאַר אים, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן... כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דער „גאַנג אויף בערלין" וועט זיך ווידער אויס-לאָזן אין אונטערהאַנדלונגען, אין שאַכערן מיט פּאַרטייען ווי תמיד, דאָך האָט ער זיך זאָפאָרט אין די רייען געשטעלט, אונטערגעוואָרפן זיך אונטער דער דיסציפּלין פון דעם אָנפי-רער, וועלכן ער האָט פון די שלאַכטן אין אויבערשלעזיען געגן די פּאָליאַקן געקענט. ער האָט אים אויך געקענט פון די אַנדערע אונטערנעמונגען, פון דער רור-באַזעצונג, וואו זיי האָבן ביידע געאַרבעט געגן די פראַנצויזן. די מענטשן האָבן זיך געקענט, איינער דעם צווייטן. דער פירער האָט אים מיטאַריינ-געצויגן אין קאָנספּיראַטיוון „גאַנג" און ער האָט זיך אונטער דעם אָנפירערס קאָמאַנדע געשטעלט, איבער די בערג אין גע-היים קיין מינכען זיך געלאָזט. וואָלט דאָס אַלץ גוט געווען, ווען נישט דאָס יינגל ערענסט, וואָס דער אָנפירער האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט.

וואָלפגאַנג איז אייפערזיכטיג-געווען אויפן יינגל פון ערשטן טאָג אָן, וואָס ער האָט אים אָנגעטראָפן. ער איז אייפערזיכטיג-געווען אויף דער באַגייסטערונג, וואָס דאָס יינגל האָט געהאַט פאַרן אָנפירער. פאַר דער אומבאַגרענעצטער געהאָרכזאַמקייט, מיט וועלכן דאָס יינגל האָט אויסגעפירט אַלע וואונשן און פאַר-

לאַנגען פון אַנפירער. אומבאַדינגטע געהאָרכזאַמקייט האָט פאַרשטענדלעך אויך וואָלפגאַנג פאַן סטיקער אַרויסגעוויזן פאַר זיין אַנפירער, כאָטש דער אַנפירער איז אין מיליטערישן ראַנג געשטאַנען אונטער אים, — יענער איז נאָר געווען פעלדפעבל אין אַקטיוון דינסט און ער, וואָלפגאַנג, לייטנאַנט. קוים אָבער האָט ער זיך געשטעלט אונטער זיין קאָמאַנדע, האָט ער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, לויט דיסציפּלין, געוּומען אויף זיך זיין הערשאַפט אומבאַגרענעצט. אָבער ווען ביי וואָלפגאַנגען האָט די געהאָרכזאַמקייט צום אַנפירער געשטאַמט פון זעלבסטפאַרשטענדלעכער מיליטערישער פליכט, וואָס ענדיגט זיך מיטן טויט, איז עס ביי דעם ייִנגערן געווען אַ לוסט-געהאָרכזאַמקייט. וואָלפגאַנג האָט נישט געקאָנט פאַרפעלן צו באַמערקן דעם בלינדן, אויף אַלעם גרייטן ווילן, וואָס דאָס ייִנגל האָט געטראָגן צום אַנפירער, וואָס דאָס האָט געשטאַמט פון דער באַגייסטערונג פאַר דער געוואַגטקייט און העלדישקייט, וואָס דער אַנפירער האָט אַרויסגעוויזן. די בלינדע, אומבאַגרענעצטע געהאָרכזאַמקייט האָט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט מיליטעריש-פאַרפליכטנדער דיסציפּלין, נאָר איז געווען אַ לוסט-ווילינע באַגייסטערונג, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון דעם ייִנגלס אויגן, פון זיינע ווייכע ווייבלעכע ליפּן, פון זיין ציטערנדיג-נערוועזער גלידער-שפּיל יעדעס מאָל, ווען דער אַנפירער האָט זיך דערנענטערט צו אים...

וואָלפגאַנג האָט געטראַכט די גאַנצע צייט ווי אַזוי צו געווינען דעם ייִנגלס גונסט מיט אַ העלדנטאַט, וואָס זאָל דאָס ייִנגל אַריינברענגען אין באַגייסטערונג פאַר אים. ער איז געווען צו שטאָלץ און צופיל מיליטעריש דיסציפּלינירט, אַז ער זאָל זיך רימען פאַר אים מיט זיינע באַגאַנגענע טאַטן אין באַזעצטן רור-געביט אָדער אויף דעם שלעזישן פראָנט, אָדער דערנסטמאָל, ווען ער האָט קיין דאַנציג איבער דער פּוילישער גרענעץ געגנבעט געווער, אָדער ווען ער האָט אונטערגעלייגט דינאַמיט אונטער אַ צוג כמעט אונטער דעם פראַנצויזישן זשאַנדאַרמס אויגן, אָדער זיין אָנטייל אין דעם פּאָליטישן מאָרד אין בערלין, פאַר וועלכן די פּאָליציי זוכט אים איצט. ביין, ער איז צו שטאָלץ-געווען דערפאַר. ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט אין

די אויגן פון דעם ייִנגל אויסצופירן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל פאַר אים געווינען זיין באַגייסטערונג. אויך איצט, ווי ער ליגט אַזוי אין דעם שוין האַלב-פייכטן היי צוגעדעקט מיט זיין ווינט-בלוזע, אויף וועלכער דער רעגן, וואָס האָט שוין אַדורכגעווייקט די האַלב-פאַרפוילטע ברעטער פון דאַך, רינט אויף אים, פאַנטאַזירט ער וועגן אַ העלדנטאַט... דענערווירט איז ער צוליב דעם פיזישן און סעקסועלן הונגער, וואָס פייניגט אים. מיט פאַרביסענע ציין האַלט ער איין די דורך דורות דערצויגענע, אין זיין בלוט איינגעזאַפּטע דיסציפּלין, די געהאָרכזאַמקייט — און שווייגט. נאָר העלפן קאָן ער זיך נישט, ער איז אומרואיק און וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און זוכט זיין אויסגעדורשט, אויסגעמאָגערט לייב איינצובעטן אין טרוקענעם היי, וואו ער קאָן בעסער און באַקוועמער עס האַלטן אין צוים.

— וואָס איז, וואָלפכען, דו שלאָפסט נישט? — הערט זיך אַ וואַכנדיגע שטימע פון דעם צווייטן עק היי-סטאָדעלע. — דאָס איז דער פאַרפלוכטער רעגן. אויך מיר זענען שוין באַלד פּיטש-נאַס. חלום, ייִנגל, חלום, עס וועט דיר העלפן דורך דער שלעכטער צייט, — לאַכט פאַרגעניגט דעם אָנפירערס שטים.

— יאָ, עס איז נישט לייכט צו חלומען מיט אַ ליידיגן מאָגן, — גייט וואָלפגאַנג איבער אויף אַ לוסטיגן טאָן.

— דאַן זעטיגט מען זיך מיט שפּייעכטס!... — לאַכט דער אָנפירער.

— און דאָך זאָג איך, פאַרפלוכט, מיר האָבן דעם פּויער באַדאַרפט אויף שפּיז געווער די מילך און דאָס ברויט צונעמען. מיר זענען דאָ נישט פאַר אונזער פאַרגעניגן. און ווען איר מיר באַפעלט, גיי איך נאָך איצט צוריק און ברענג די גאַנצע פּוטער מיטן ברויט אַהער!

— איך האָב איינמאָל געזאָגט: אָן סקאַנדאַלן!

— יאָ, יעדער איינער מוז אין קריג זיין טייל טראָגן. מיר פירן קריג.

— מויל האַלטן!

— צום באַפעל!

שלום אַש, ביים אָפּגרונט, 44.

עס האָט זיך געהערט אַ שאָרן אין היי. וואָלפגאַנג האָט געצויגן די פייכטע בלוזע איבער זיין קאָפּ.

אין דער היי-סטאָדעלע איז שטיל-געוואָרן. אָבער אין דער שטילקייט איז געשטאַנען אַן אומרואיגע באַוועגונג, אַ קנאַקן פון היי — קיינער איז נישט געשלאָפן.

מיט אַמאָל האָט ליכט אויפגעפּראַלט.

— ווען עס איז עפּעס צו מאַכן, וועל איך עס אַליין טון! — זאָגט פלוצים דער אָנפירער נאָך אַ לאַנגער ווילדע שווייגן. ער שטעלט זיך אויף פון היי מיט דעם לייכטנדיגן עלעקטרישן לעמפּל אין דער האַנט, זוכט פון צוקאָפּנס דעם רעוואָלווער און שטעקט זיך אים אין טאַש. — איך זע דאָך שוין: אָן אָוונטמאָל וועלן די קינדער נישט איינשלאָפן, — זאָגט ער שפּאָטיש. און ווי איבערצובעטן לייגט ער צו: — עס איז דער באַפעל געווען, די היימישע באַפעלקערונג נישט צו באַאומרואיגן, מען מוז איר סימפּאַטיע פאַר אונזער זאַך געווינען. זיי זענען נישט קיין יידן, וואָס מיר קאָנען זיך זיי פאַרפיינדן... טאַקע מוז מען אָנווענדן, — פאַרענטפערט ער זיך. — נאַ, קינדער, פאַרהאַלט זיך אָנשטענדיג. ביז מיין צוריקקומען האָט וואָלפגאַנג די קאָמאַנדע. — זאָגט דער אָנפירער און פאַרשווינדט אין דער טונקלקייט.

וואָלפגאַנג איז געלעגן און געקייט אין זיך דעם כעס, וואָס דאָס באַליידיגנדע וואָרט „קינדער" האָט אַרויסגערופן אין אים. ער האָט געוואוסט, אַז דער אָנפירער האָט אים אויסגעכאַפּט דעם גאַנג, ווייל ער האָט נישט געוואָלט לאָזן אים זיך אויסצייכענען מיט עפּעס פאַרן קליינעם. נאָר זיין דיסציפּלינירטע דערציאונג האָט אים געהאַלטן אין דער צוים און ער האָט געשוויגן. ער איז געלעגן אין דער טונקלקייט איצט מיט דעם יינגל אין דער היי-סטאָדעלע אַליין און זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג, וואָס די אייפערזוכט און די באַליידיגונג האָט אין אים אַרויסגערופן. זיין שטייפער קערפּער האָט געגליט ווי פייער אין פייכטן היי. ער האָט גענאָרעט אין היי זיין פנים, געביסן דאָס היי און מיט דיסציפּלינירטן געוואָלט זיך צוגעבונדן צו זיין געלעגער און געשוויגן...

פון צווייטן ווינקל האט מען אויך געשוויגן, כאטש ער האט געקאנט פארנעמען פון דארט א נערוועזע באוועגונג.

פלוצלינג האט ער דערפילט נעבן זיך דאס ווארימע לייב פון יינגל, וואס האט זיך מיט קאצישער גלאטיגקייט גע־נויגט צו אים.

— וואלפגאנג.

— נו, יא.

— איז ער נישט קיין ריכטיגער קערל?

— ווער?

— דער ריכארד, אונזער אנפירער.

— געוויס.

— פארוואס ביסטו אזוי שלעכט געשטימט, וואלפגאנג?

— איך בין גארנישט.

— פילסט דיך באליידיגט?

— פארוואס?

— ווייל ער האט דיך אנגערופן „קינד".

— ער איז מיין פארגעזעצטער. אויף א פארגעזעצטן פילט מען זיך קיינמאל נישט באליידיגט.

— דאס איז שיין... דו ביסט אויך איין ריכטיגער קערל, וואלפגאנג.

— בין איך טאקע?

— א, יא!

— און דאך ביסטו קיינמאל נישט צו מיר גוט!

— בין איך עס נישט?

— נישט אזוי ווי צום ריכארד.

— ריכארד. ער איז דאך אונזער אנפירער.

וואלפגאנג האט געקלערט א ווייל. עס איז אים געגאנגען אין לעבן צו געווינען דאס יינגל, אפצוגעווינען אים פון פירער. ער האט געקלערט, מיט וואס ער וואלט געקאנט אפקויפן די גונסטיגקייט פון יינגל, מיט וואס ער וואלט אים געקאנט איצט געווינען. ער איז באַרייט־געווען אלץ צו טון, אבי נאר מיט עפעס דעם יינגלס גענאד צו געווינען, זיין פאנטאזיע אויפצו־פלאמען. ער האט געקלערט וועגן דעם, וואס ער קאן אים פארלייגן. געקלערט, געקלערט — מיטאמאל איז אים איינגע־

פאַלן זיין שוועסטערס פאַרפירער, דער ייד באָדענהיימער, וועל־כער לעבט מיט זיין שוועסטער. ער האָט שוין פון לאַנג באַ־שטימט קיין בערלין צו גיין און זיין פּלאַן אויסצופירן, דעם פּלאַן, וואָס ער האָט דענסטמאָל נישט אויסגעפירט: דעם ייד, וועלכער האָט געוואַגט זיין שוועסטער צו פאַראומרייניגן, פון וועג אָפּצוראַמען. ער האָט עס זיך נישט געקאָנט מוחל־זיין. איצט, אין זיין נויט, זוכנדיג עפּעס דעם ייִנגלס פאַנטאַזיע צו רייצן, איז אים צוהילף־געקומען דער ייד. וואָלפגאַנג האָט צוגעבויגן זיין הייס מויל צום ייִנגלס פּנים און האָט אים אין אויער איינגערוימט מיט אַ פאַרשטיקטער ליידנשאַפטלעכער שטימע:

— ווען דו וועסט זיין גוט צו מיר, מאַך איך דיר אַ געשאַנק...

— אַ געשאַנק? — פרעגט דאָס ייִנגל.

— יאָ, איין ייד שענק איך דיר.

— אַ ייד? — פרעגט פאַרוואונדערט לאַכנדיג דאָס ייִנגל.

— איך האָב אַ רעכנונג אָפּצושליסן מיט אַ ייד, און דעם ייד וויל איך דיר ווידמענען. ווילסטו אים? — פרעגט וואָלפגאַנג מיט אַ ציטערנדיגער שטימע.

דאָס ייִנגל איז געוואָרן אָנגעשטעקט מיט דעם געהיימניש פון דעם ייד. עס האָט אים גערייצט דאָס מיסטישקייט פון דעם ייד.

— יאָ, יאָ, יאָ — איך וויל דעם ייד! — זאָגט דאָס ייִנגל מיט אַ הייסן פאַרכאַפּטן אָטעם.

— און וואָס גיסטו מיר פאַר דעם ייד? — פרעגט וואָלפ־גאַנג אין זעלבן פאַרכאַפּטן אָטעם.

— דאָס גיב איך דיר פאַר דעם ייד, — זאָגט דאָס ייִנגל און וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון וואָלפגאַנגען און קושט אים לאַנג און שטאַרק אויף זיינע ליפּן ביז בלוט...

וואָלפגאַנג ווישט זיך אָפּ מיט דער האַנט דאָס מויל, אויף די הענט האָט ער דערפילט אַ פייכטקייט, עס איז געווען שפּורן פון בלוט, וואָס האָט אויף זיין האַנט געקלעבט.

— מיט דעם בלוט האָסטו ביי מיר דעם ייד געקויפט.

ער איז דיינער! — האָט געזאָגט וואָלפגאַנג אין יינגלס אויער אַריין.

זיי האָבן זיך אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן, וואָרים זיי האָבן דערהערט די טריט, וואָס האָבן אָנגעזאָגט דאָס דער-נענטערן זיך פון אָנפירער...

אַז וואָלפגאַנג איז געקומען קיין מינכען, האָט שוין גע-וואַרט אויף אים אויף אַן אָפּגערעדטן אַדרעס די ידיעה, וואָס האָט אים געלאָזט וויסן פון זיין פאָטערס פרייווילליגן טויט.

ער האָט גענומען אַ דערלויבעניש און אַן אָפּשפּרונג-געמאַכט קיין בערלין.

## קאַפּיטל 22

# פאַר דער גלאָריע פון דער שׂנאה

שטייען זיי אַליין. ביידע האָבן זיי פאַרלוירן זייערע פאָטערס אויף אַ מערקווירדיקן אופן, און ביידע זענען דורך די געשעענישן אָפּגעשניטן־געוואָרן פון אַלע פאַרגאַנגענהייטן און צוגעהעריגקייטן און איבערגעלאָזט זיך אַליין אויפן אייגענעם גורל.

ווייסן זיי, אַז זיי האָבן קיינעמען נישט מער, נאָר איינס דאָס אַנדערע און — נאָך עפּעס.

עס איז קיין ספק נישט מער, אַז לאָטע טראָגט. דער דאָקטאָר האָט עס נאָך פאַר אַ פּאָר וואָכן באַשטעטיגט. זי האָט עס געפּרואווט באַהאַלטן פון אים פאַר אַ לאַנגע צייט. זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויס אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן, פונקט אויסגערעכנט איצט אין דער היינטיגער צייט! וואָס וועט זי טון מיט אַ קינד? זי וועט דען וויסן, ווי דערמיט אומצוגיין? עס שטערט אַלע אירע פּלענער! און גלאַט אַזוי — מיטאַמאָל גאָר אַ מוטער ווערן!

זי איז בייז־געווען, לאָטע. זי האָט געקלערט וועגן פאַרשידנס. זי האָט געוואָלט זיך שואל־עצה־זיין מיט מאַרטאַ שפּינער. זי מוז וויסן, ווי אַזוי מען ווערט פון אַזאַ פּעקל פּטור. אָבער לאָטע האָט דאָס פּאָרט נישט געטון. ערשטנס, איבער דעם האַנס. גאָט, דער איז אַזוי סענטימענטאַל, גאָרנישט פון דער היינטיגער צייט!... זי האָט אַלץ געפּרואווט אויסצובאַהאַלטן פון

אים. זי האָט געקלערט אַליין זיך דערמיט אַן עצה צו געבן. לאַנג אָבער האָט זי דעם סוד נישט געקאָנט פאַרבאָרגן. די מאַרטאַ שפינער האָט זי באַשטימט אַרויסצוזאָגן פון איר פלאַן. דאָס גאַנצע געשעעניש איז איר פאָרגעקומען אַזוי אינטים-פער־זענלעך, אַז זי האָט קיין דריטע פערזאָן נישט געוואָלט מיט־האָבן אין איר סוד. איינמאָל אין אַן אָוונט האָט זי דאָך זיך געשטאַרקט און האָט אים פאַרטרויט. עס איז געווען דער אָוונט נאָכדעם, ווי זי איז געוואָר־געוואָרן, וואָס עס איז מיט איר פאָטער געשען...

צום ערשט איז ער רויט-געוואָרן און זיך פאַרשעמט, ווי אַ קינד. דערנאָך האָט ער געזאָגט, נישט-קוקנדיג אין איר זייט אַריין:

— ווען מען זאָל גלויבן אין דער באַשערטקייט, איז עס נישט קיין צייכן פון דעם?...

— אַ צייכן פון דער באַשערטקייט? אין וואָס? — פרעגט זי טרוקן?

— דאָס איצט, ווען מיר האָבן קיינעם נישט מער.

— אַך, ביסטו קאָמיש, האַנס, — האָט זי אים אויסגעלאַכט, — דו מיט דיינע סענטימענטן.

און אין אַ ווייל אַרום, ווי אים פאַר עפּעס צו שטראָפן:

— דאָס וועט נישט זיין...

— וואָס?

— אַך, וואָס וועל איך דערמיט טון? איצט, אין אונזער לאַגע?

— אָבער, לאָטע, וואָס קלערסטו?! אום גאָטעס ווילן! — איז ער געוואָרן בלייך און דערשראָקן.

— איך בין נישט די איינציגע, וואָס טוט דאָס... ביי אונזער נישט-איינגעאָרדנט לעבן...

— אָבער, לאָטע, לאָטע, זעסטו דען נישט, אַז דאָס האָט אונז גאָט צוגעשיקט אַן אָנהאַלט אין לעבן, אַ באַנד, וואָס זאָל אונז פעסטער צוהאַלטן. מיר האָבן דאָך גאָרנישט און קיינעם נישט.

— אַך, דו מיט דיינע סענטימענטן! באַדאַרפסט האָבן

אַ באַנד, וואָס זאָל אונז פעסטער האַלטן? געהערן מיר זיך דען נישט איינאַנדער אויך אָן דעם?

— לאָטע, פאַרוואָס פלאָגסטו מיך? — איז ער געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן, פאַרלוירן און אויסגעשטרעקט צו איר זיינע הענט מיט געבעט, ווי נאָך הילף.

זיין הילפלאָזע פאָזע האָט זי גערירט.

— אָבער אום גאָטעס ווילן, ביי אונזער אָרימקייט, ווי אַזוי קאָנען מיר גאָר וועגן עפּעס אַזעלכעס טראַכטן?

— זענען מיר טאַקע אַזוי אָרים? זענען דען נישט פאַראַן נאָך אָרימערע און הילפלאָזערע מענטשן ווי מיר, לאָטע, וועלכע טראָגן די לאַסט מיט ליבע און פרייד? פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס נישט זיין אימשטאַנד צו טון? עס איז דאָך אונזער מזל, ווי אַזוי קאָנען מיר דאָס פון זיך אָפּוואַרפן?

— אָבער זעסטו דען נישט איין, אַז דאָס וועט אונז באַשווערן דעם וועג פון אונזער צוקונפט?

— און ווען אַפילו יאָ — זענען מיר דען נישט יונג ביידע, יונג און שטאַרק?

— שטאַרק?

— יאָ, שטאַרק איז אונזער ליבע אין אונזער צוזאַמענהאַלטן זיך. האָבן מיר דען נישט אַלע מניעות בייגעשטאַנען!

— מניעות? זיי הייבן זיך ערשט אָן!

— איך בין באַרייט אויף אַלעם. ביסטו דען נישט באַרייט?

— אַך, דו ביסט אומפאַרבעסערלעך, האַנס, — האָט זי זיך געפּרואווט אַרויסרייסן פון זיינע הענט, אין וועלכע ער האָט זי געהאַלטן פעסט, ווי אין שטאַרקע צוואַנגען און געבויגן זיין פּנים צו אירן און געקוקט איר אין די אויגן אַריין.

— און ביי דעם באַנד, וואָס גאָט האָט אונז צוגעשיקט צו פעסטיגן...

— הער־אויף מיט גאָט, הער־אויף מיטן באַנד, הער־אויף! הער־אויף! — האָט זי אים פאַרשטעלט דאָס מויל מיט די הענט — דו ברענגסט מיך פון געדולד אַרויס מיט די ווערטער!

צומאָרגנס, ווען ער איז צוריקגעקומען פון שטאָט פון

זיינע לעקציעס, האָט ער צווישן די פּראָוויאַנטן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, אויך געהאַט אַ בוך. אַ בוך איז קיין נייעס נישט, ער האָט אָבער דאָס בוך באַהאַנדלט מיט גרויס דיסקרעציע. און ווען לאָטע האָט נישט געזען, האָט ער עס אַוועקגעלייגט אויף איר טישל. ווען זי האָט עס ענדלעך געפונען, האָט זי אים געוואָלט אַרויסוואַרפן מיטן בוך צוזאַמען. שפּעטער אָבער, אינ-אָוונט, ווען האַנס האָט ביי דער קיך פאַר אירעטוועגן געוואַשן זייער אָרים ביסל געשיר, האָט ער באַמערקט, ווי זי קוקט בגנבה אַריין אין בוך.

ער האָט געשמייכלט צופרידן. דאָס בוך האָט באַהאַנדלט די ערשטע אָנווייזונגען פאַר אַ שוואַנגערנדיגע פרוי...

צום קינד האָט ער זי געקאָנט איבעררעדן. ענדלעך האָט זי זיך געלאָזט אָנשטעקן פון זיין יידישער סענטימענטאַלקייט און זי איז איינגעגאַנגען דערויף. אָבער אַז זי זאָל זיך אינטערעסירן מיט איר געליימטער מוטער, וועלכע איז געבליבן איצט אַליין נאָכן פאָטערס טויט (אַנטיילצונעמען אין דער לוויה איז שוין געווען צו-שפּעט), האָט ער באַין-אופן ביי איר נישט געקאָנט פועלן. זי איז געבליבן פאַרעקשנט. איר פּנים האָט ביים דער-מאָנען די נעמען פון אירע עלטערן אָנגענומען אַ שטיינערנע האַרטקייט: זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. און ווען האַנס האָט איר גאַר דערקוטשעט, האָט זי אים פאָרגעוואָרפן זיין יידישע שוואַכקייט און נאָכגיביגקייט.

— פאַר מיר זענען די מענטשן שוין לאַנג געשטאָרבן, פון דעמאָלט-אָן, ווען זיי האָבן פאַרשלאָסן די טיר פאַר מיר. איבעריגענס, האָב איך מיין אייגן לעבן, וואָס גייען זיי מיך אָן!

דאָס לעצטע האָט אים פאַר אַלעם איבערגעבעטן.

---

דער זומער האָט זיך דערנענטערט צו זיין סוף. די שכנים האָבן פאַרלאָזט די זומער-ביידלעך און האָבן זיך צוריק אין זייערע שטענדיגע וואוינונגען אין דער שטאָט געצויגן. די געגנט האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזט צו ווערן. אין זומער-ביידל האָבן האַנס און לאָטע נישט געקאָנט לאַנג איבערבלייבן. די טעג נאָך וואַרימע, אָבער די נעכט זענען שוין קאַלט-געווען.

דער ווינט האָט אָנגעהויבן אַריינצובלאָזן דורך די שפּאַרעס און די לעכער. פרימאָרגנדיגע טויען און נאַכטיגע שאָטנס האָבן די ערד אַרום דעם ביידל פייכט-געמאַכט. מען האָט זיך געמוזט אַרומקוקן וועגן אַ וואוינונג אין דער שטאָט. האַנס איז אַרומ-געלאָפן איבער די פּאַנסיאָנען און מעבלירטע צימערן. אויסקאָמ-בינירט פאַר דעם ווינציגן געלט, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון יודקעוויטשעס ביוראָ, כדי צו באַקומען אַ פּאַסיגע קוואַרטיר פאַר אַ ביליגן פּרייז און עס זאָל אים נאָך איבערבלייבן גענוג פאַר זייערע אַנדערע באַדערפעניש, וואָס וועלן זיך איצט מערן צוליב לאָטעס צושטאַנד. ער האָט אויך באַשלאָסן זיינע סטודיען פון קונסט-געשיכטע צו פאַרבייטן אויף עפּעס מער פּראַקטישעס, וואָס זאָל אים געבן אַ באַלדיגע מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף ברויט. ער האָט גערעכנט איבערצוגיין אויף אַרכיטעקטור און דעריבער איבערן זומער גענומען פּריוואַטע לעקציעס פון צייכענונגען און שטודירט האַלבע נעכט פליסיג, כדי פאַרצוברייטן זיך צו די עקזאַמענס אין אַ הויכשול פאַר אַרכיטעקטור, וואו ער האָט גערעכנט אָנצוקומען אין אָנהייב סעזאָן. אַ דאַנק די באַציאונגען, וואָס זיין פאָטער האָט געהאַט אין די בוי-אונטער-נעמערישע קרייזן און דער האָפענונג, אַז נאָך דער סטאַבילי-זאַציע וועט זיך צוליב דעם מאַנגל אין וואוינונגען אָנהייבן אַ פיבערהאַפטע בוי-טעטיגקייט, האָט ער דערוואַרט צו באַקומען אַרבעט, איידער ער וועט נאָך זיין סטודיום האָבן פאַרענדיגט. ער האָט אויפגעזוכט אַן אַלטן שול-חבר, וועלכער האָט שטודירט אַרכיטעקטור. מיט דעם פריינדס הילף האָט ער זיך פאַרגעברייט זייער טיכטיג צו די עקזאַמענס. ער איז דורך דעם געווען פאַר-נומען גאַנצע טעג, און שפּעט אין אָוונט מיט דער שטאָט-באַן קיין שאַרלאָטענבורג זיך געשלעפּט.

אין איינעם אַזאַ האַרבסט-אָוונט, ווען לאָטע איז געבליבן אַליין אין דעם דין-ווענטיגן ביידל און געוואַרט אויף דעם אַהיימקומענדיגן האַנס, האָט זי אַ מאָדנע אומרואיגקייט באַ-הערשט. דאָס זיין איינע אַליין אין דעם ביידל, באַלויכטן נאָר בלויז פון דעם נאַפט-לאָמפּ, ביי וועלכן זי איז געזעסן איינגע-וויקלט אין האַנס אַן אַלטן מאַנטל צוליב דער קעלט און געלעזן אַ בוך, איז איר אומהיימלעך-געוואָרן. זי האָט געהאַט דאָס

מאָדנע געפיל, אַז זי הערט טריט אַרום ביידל און עס דרייט זיך ווער אַרום אין פייכטן גערטנדל און באַאָבאַכטעט זי דורכן פענסטער. לאָטע האָט קיינמאָל נישט געוואוסט דאָס געפיל פון מורא. דערצויגן אין אייזערנער דיסציפלין, האָט זי קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס דאָס הייסן שטימונגען, שרעקן זיך. זי האָט נאָר געהאַט דאָס באַוואוסטזיין פון נויטיגן, נוצלעכן און קלאָרן. זי האָט דאָס געפיל פון דער אומרואיגקייט, וואָס האָט זי באַהערשט, צוגעשריבן דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי געפינט זיך און מער דערויס זיך נישט געמאַכט. זי האָט זיך פאַרנומען מיט איר הויז-אַרבעט, פאַרגעברייט עפּעס וואַרימעס פאַר האַנסן, וואָס מוז באַלד אָנקומען. אָבער ביי דער באַוועגונג פון דעם נאַפט-לאָמפּ, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן פון טישל צום קיכל, האָט זי געהאַט אַ פאַרשטעלונג, ווי אַ שאָטן פון אַ מענטש וואָלט אַדורכגעלאָפן דורך דעם פענסטער. זי האָט באַשיימפּערלעך געהערט אַ באַוועגונג און רוישן אין די טרוקענע בלעטער, וואָס זענען געלעגן אין געדיכטע מאַסן אַרום דעם ביידל. זי האָט זיך געטראַכט: אַוודאי דער ווינט אָדער די קאַץ באַוועגט די טרוקענע האַרבסט-בלעטער, אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן דעם שאָטן. און כדי זיך איבערצוצייגן, אַז עס דאַכט זיך איר נאָר אַזוי אויס, האָט זי גענומען דעם לאָמפּ, אויפגעעפנט די טיר פון ביידל און איז אַרויס אין גערטנדל אַ קוק צו טון און האָט גערופן:

— ווער איז דאָרט?

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט איר ווער דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן, אָנגענומען זי ביי דער האַנט און צוריק אַריינגעפירט אין ביידל אַריין.

— דו בלייבסט שטיל!

אין דער שטימע האָט זי אים דערקענט: עס איז געווען איר ברודער וואָלפגאַנג.

— וואָס זוכסטו דאָ?

— איך בין דיך געקומען אַהיימנעמען, די מוטער זאָל דיך זען...

— די מוטער איז דאָך נישט אינדערהיים, זי איז דאָך אין שפּיטאָל, דרויסן אין צעלענדאָרף.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? ביסט דאָך צומאָל אינ־דערהיים נישט געווען נאָכן פאָטערס טויט.

— אָנקל פראַנץ האָט דאָך זי אין שפּיטאָל אַריינגעגעבן. די וואוינונג אויף ראַנקען־שטראַסע איז דאָך ליקווידירט.

— זע נאָר, ווי דו ווייסט, וואָס עס טוט זיך מיט דער משפחה און דערביי ביסטו דאָך צומאָל נישט ביים פאָטערס לוויה געווען! — זאָגט וואָלפגאַנג מיט אַן איראָנישן טאָן.

— איך בעט דיך מיין שטוב צו פאַרלאָזן. איך האָב מיט אייך מער גאָרנישט וואָס צו טון,—זאָגט לאָטע אין אַ שטרענגען טאָן.

זי געפינט אין דער פינסטער די צינד־העלצלעך, צינדט־אָן איינס און וויל מאַכן ליכטיג.

— אַלץ פאַר דעם יידנס־וועגן ווילסטו פון אונז נישט וויסן! — זאָגט ער מיט איראָניע און לעשט־אויס דאָס ליכט וואָס זי האָט אָנגעצונדן.

— ווען דו פאַרלאָזסט נישט מיין שטוב, רוף איך נאָך הילף.

— דו בלייבסט שטיל, ביז דער ייד קומט, — נעמט ער זי אָן ביי דער האַנט שטאַרק.

— איך בלייב נישט שטיל — הילפע!!

איידער זי האָט נאָך דאָס וואָרט אַרויסגעשריגן, איז עס צוריק אַריינגעשטופּט־געוואָרן אין איר מויל מיט אַ קרעפטיגער האַנט־באַוועגונג, וואָס האָט איר דאָס מויל פאַרמאַכט. — ווילסטו שווייגן?

אין איר בויט האָט זי געזוכט אַ רעטונגס־שטריק. עס איז איר איינגעפאַלן איר שוואַנגערשאַפט.

— טו מיר נישט קיין שלעכטס, — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט די ווערטער דורך זיין האַנט, — דו קאָנסט מיין קינד שעדיגן.

— וואָס קאָן איך?... — פרעגט דער ברודער פאַרבליפט און דערשראָקן און לאָזט זי פאַר גרויס דערשטוינונג אַרויס פון דער האַנט אויף אַ ווייל.

— איך טראָג.

— וואָס ?!

— יאָ, איך טראָג אַ קינד אין מיין לייב!

— אַ קינד אין דיין לייב! אַ יידישן ממזר ?!

— באַליידיג מיך נישט. איך בין אַ פאַרהייראַטע פרוי!

— וואָס ביסטו? אַ פאַרהייראַטע פרוי? אַ יודען־הור ביסטו! אַ שוויין־יודע ווילסטו אויף דער וועלט ברענגען?

ביז־איצט האָט לאָטע געהאַט נאָר איין־און־איינציגן באַוואוסטזיניגן ציל: מיט וואָס פאַר אַ מיטלען עס זאָל נישט זיין, וואָס עס זאָל איר אייגענעם שטאָלץ נישט קאָסטן, אַבי זיך פון זיינע הענט צו באַפרייען. זי האָט מורא־געהאַט, אַז יעדן אויגנבליק קאָן האַנס אָנקומען און עס זאָל קיין אומגליק נישט געשען. זי האָט געוואוסט דעם צוועק פון איר ברודערס פּלוצלינגן באַזוך... האָט זי זיך אין איר נויט מיט איר אינטימסטן סוד באַנוצט, כדי מיט דער ווייבלעכער שילד זיך געגן אים צו שיצן. זי האָט גערעכנט אויפן ברודערס ריטערלעכקייט, אַז זי וועט אים מיט דעם וואָרט אַנטוואָפּענען. איצט ביי דער בלוטיגער באַליידיגונג פון איר הייליגסטן, אינטימסטן געפיל, האָט זיך אין איר אויפגעוועקט דער שטאָלץ. זי האָט אין פייער פון איר כעס פאַרברענט יעדע רעטונגס־בריק, וואָס זי האָט זיך געבויט אין איר נויט. איצט איז איר אַלצאיינס געוועזן. זי איז באַהערשט־געוואָרן פון אַ פיל־שטאַרקערן פרימיטיוון געפיל, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין איר. איר משפחה־בלוט האָט געקאָכט אין איר.

— דו פאַרלאָזסט די מינוט מיין צימער, דו פאַטריאָטישער העלזער־שניידער, אָדער איך רוף פּאָליציי! זי זוכט דיך סיי־ווי־סיי פאַר דיינע מאָרדן אַרום.

וואָלפגאַנג האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי זי האָט נאָכאַמאָל ליכט־געמאַכט און רואיג דעם לאָמפּ אָנגעצונדן און זיך אים אַנטגעגנגעשטעלט.

ער האָט זי געלאָזט דאָס אַלץ רואיג טון. ער איז אַזוי דערשטוינט־געוואָרן פון דעם, וואָס זי האָט אים מיטגעטיילט, אַז אַלע אַנדערע סיבות, וואָס האָבן אים דאָ היינטיגע נאַכט אַהערגעברענגט, זענען פאַררוקט־געוואָרן אין אַ זייט. ער איז געוועזן אונטער דעם איינדרוק פון דעם נייעס וועגן איר טראָגן.

און דאָס האָט זיך אים אַזוי וויכטיג אויסגעוויזן, אַז ער האָט אין זיין ערשטן פּלאַן אינגאַנצן פאַרגעסן.

— און דו קלערסט טאַקע אויף דער סטיקער־פאַמיליע די שאַנד צו ברענגען און דעם יידישן ממזר, וואָס דו טראָגסט אין דיין לייב, לעבן צו געבן? — האָט ער זי געפרעגט רואיג, געקוקט איצט מיט זיינע קאַלטע, פייערדיגע בלוי־גרויע אויגן אין איר פּנים אַריין.

— איך האָב מיט דער סטיקער־פאַמיליע גאָרנישט צו טון! הארצלאָזע מענטשן, פּחדנישע, נידערטרעכטיגע מערדער, וואָס באַפאַלן אומבאַשיצטע פרויען אין זייערע היימען! איך האָב נישט מיט דער פאַמיליע צו טון!

— אַזוי ווייט האָט דיך שוין דער שוויין־יודע געבראַכט, אַז דו שענדעסט דיין פאָטער אין גרוב? — זאָגט וואָלפגאַנג און דאָס ליכטל אין זיינע בלוי־אַשיגע אויגן ווערט געפּער־לעכער.

— ער האָט מיך פון זיין שטוב ביינאַכט אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפן, דער ייד האָט מיך אַריינגענומען, וואָס גייען זיי מיך אָן? — זאָגט זי.

— איך פרעג דיך נאָר דאָס איינע: ווילסטו ווירקלעך אַ יידישן ממזר אויף דער וועלט ברענגען?

זי האָט אים נישט אָפּגעענטפערט. זי האָט זיך גענומען אַרויסצוגיין צו דער טיר (איר אויער, וואָס איז די גאַנצע צייט וואַך־געוועזן, האָט זיך געדאַכט צו פאַרנעמען טריט).

— האַלט, דו וועסט נישט גיין! זאָג איך. דאָ בלייבסטו!— זאָגט וואָלפגאַנג רואיג אָבער זיכער, נאָכרופנדיג נאָך איר.

— מיט פרויען־איבערפאַלער וויל איך נישט זיין אין איין שטוב! — זאָגט זי, דערנענטערנדיג זיך צו דער טיר.

— האַלט, דו גייסט נישט, זאָג איך! — שפּרינגט־צו צו דער טיר וואָלפגאַנג, ווי אַ טיגער. אין זיין האַנט האָט עפּעס אויפגעציטערט. דאָס קאַלטע פייערל אין זיינע אויגן איז איצט אין אויג־אַפּל שטיין־געבליבן, רואיג און קאַלט. — איך פרעג דיך צום דריטן און צום לעצטן מאָל: ווילסטו ווירקלעך דעם יידישן ממזר אויף דער וועלט ברענגען?

אינסטינקטיוו האָט זיך לאָטע אָפּגעשטעלט ביי דער טיר.

זי האָט דעם ברודער אָנגעקוקט מיט דעמזעלבן אייזפייערדיג קאַלטן בליק. איר גראָדליניג-געשניצט פּנים איז רואיג-געווען, בלייך, אָבער רואיג. זי האָט קיין ציטער נישט געגעבן מיט אירע אויג-אַפּלען. פּונקט ווי זיינע זענען אירע ליפּן פעסט פאַרשנורט-געווען.

אַזוי האָבן זיך ברודער-און-שוועסטער שטילשווייגנדיג געקוקט אין די פּנימער אַריין מיט טרויעריגע, מיט טראַגיש-שיקזאַלישע בליקן. זייער משפּחה-ענלעכקייט איז אין זייערע פּנימער זייער בולט איצט אַרויסגעקומען. קיין ציטער, קיין פינטל מיטן אויג, קיין ריר מיט די ליפּן, פאַרשטיינערט אין וואַרטנדיגן אויסדויער.

— דו קאָנסט טון, וואָס דו ווילסט, דער ייד איז מיין שיקזאַל, — האָט זי אים אין פּנים אַריין געזאָגט און געוויזן מיט דער האַנט אויף איר בויך.

— דאָס וועט נישט זיין! — און די קויל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר האַנסן, האָט זיין קינד אין דער מוטערס בויך אַדורכגעלעכערט.

---

ער איז נישט אַנטלאָפן. פאַרוואונדערט איבער זיין אייגענער טאַט, האָט ער זי אויפגעהויבן פון דער ערד, וואו זי איז געפאַלן, און געטראָגן זי אויפן בעט. ער האָט געביסן די ליפּן פאַר כּעס און גערעדט צו זיך:

— פאַרפלוכט! נו, איצט האָב איך עס געטון!

ער האָט זי געפּרוווט ראַטעווען מיט וואָס ער האָט געקאָנט. ער האָט דעם קאַסטן אויפגעריסן, אַרויסגענומען ווייסע וועש און איר צוגעלייגט צו דער וואונד, דאָס בלוט צו פאַרהאַלטן. דאַן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט רואיג וואַרטן אויף האַנסן.

באַלד האָט ער דערהערט האַנסנס אָנקומענדיגע טריט. ער האָט דעם צוועק פון זיין באַזוך נישט געהאַט פאַרגעסן, אָבער די שרעקלעכע טאַט האָט כּמעט אַלע ליידנשאַפטן ביי אים אויסגעלאָשן. ער האָט זיך נישט אויפגערעגט. ער האָט זיך נאָר אויפגעשטעלט ביים יידס אַריינקומען און געזאָגט צום פאַר-

בליפטן האַנסן, איידער דער לעצטער האָט נאָך צייט געהאַט צו אָריענטירן זיך, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— דו, עס איז אַן אומגליק געשען! מען מוז געשווינד אַן אַמבולאַנס ברענגען. וואו איז דער נאָנטסטער טעלעפאָן?

— אין ברויט־קראָםביים עק פון דער גאַס.

האַנס איז צוגעלאָפן אַ פאַרלוירענער צום בעט מיט דעם פאַרצווייפלטסטן געשריי: „לאָטע!"

ווען ער האָט זיך אומגעקוקט פון בעט, איז דער פרעמדער שוין געהאַט פאַרשוואונדן־געוואָרן.

שפּעטער איז געקומען דער אַמבולאַנס און די שטערבלעך־פאַרוואונדעטע אין שפּיטאָל אָפּגעפירט.

## קאַפּיטל 23

# פּ אַ ר ו ד אָ ס ?

בעט נעבן בעט. שנורן-רערן זענען פאַרבונדן פון זיין לייב צו אירן. ער הערט זיין האַרץ קלאַפּן און ער זעט בלויע וואַסער-ליכטיגע ראַנדן שוועבן פאַר זיינע אויגן. ער ווייסט, וואָס עס געשעט: מען גיסט-איבער בלוט פון זיינע אָדערן אין אירע אַריין. איצט קאָן זי שוין קיינער נישט פון אים צונעמען. זייער בלוט ווערט אויסגעמישט. מיט דעם בלוט גיסט זיך איבער זיין נשמהדיגער מהות אין איר לייב אַריין. איצט זענען זיי שוין צוזאַמענגעוואָקסן אין איין לייב אויף אַלע אייביגקייטן. איצט פאַרמאָגן זיי שוין איין געמיינזאַם לעבן, וואָס קיינער קאָן מער נישט פונאַנדערטיילן.

שפּעטער ווערט ער שוואַך. ער פאַרלירט דעם מאַטראַץ אונטער זיין קערפּער. ער פאַלט-און-פאַלט און קאָן נישט דערפאַלן צו אַ באָדן. די בלויע וואַסערדיגע ראַנדן פאַר די אויגן ווערן נאָך וואַסערדיגער און אויסגעלאָשן, גיסן זיך צוזאַמען מיטן חלל. דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ ווערט שוואַכער, ער זינקט-איין אין שלאָף.

ווען ער כאַפּט זיך אויף, געפינט ער זיך אין אַ צווייט צימער, נעבן פרעמדע מענטשן, אַ דאָקטאָר אין ווייסן אָנגעטון, אַ שוועסטער נעבן אים.

— איצט, יונגערמאַן, אַ סך עסן. צוויי גלעזער בלוט

נעכטן פון זיך אָפּגעגעבן. האָט ער קרובים? — פרעגט דער דאָקטאָר ביי דער שוועסטער, וואָס שטייט נעבן אים.

— וואָס איז מיט מיין פרוי? — כאַפּט זיך האַנס אויף און וויל אַראָפּשפּרינגען פון בעט, אָבער קאָן נישט. אַ מאָדנע געפיל — די פיס געהערכן אים נישט. צום ערשטן מאָל, ווי די פיס געהאָרכן נישט זיין ווילן.

— אייער פרוי? — וואונדערט זיך דער דאָקטאָר. — די פּאַציענטין טראָגט דאָך נישט אייער נאָמען!

— יאָ, יאָ, מיין פרוי! — דאַכט זיך האַנסן, אַז ער שרייט... נאָר פאַרוואָס קומט זיין שטים אַזוי שטיל פון זיין מויל אַרויס. צי הערט אים נישט דער דאָקטאָר? וואָס וואונדערט ער זיך אַזוי?

— נו יאָ, געוויס אייער פרוי! אָבער איצט רואיג-בלייבן. קלערן וועגן זיך. טיכטיג עסן. אַ באַצאָלנדיגער פּאַציענט? — פרעגט זיך דער דאָקטאָר נאָך ביי דער שוועסטער.

— יאָ.

— נו, אַלזאָ! טיכטיג עסן. פיל מילך. — פאַרשרייבט דער דאָקטאָר.

— יאָ, יאָ, מיין פרוי, מיין פרוי!—האַלט האַנס אין איין שרייען און וואונדערט זיך, וואָס זיין שטימע ווערט נישט געהערט. — איר וואונדערט זיך דעריבער? איך וויל צו מיין פרוי, ביטע, ביטע, הערט איר דען נישט? — פאַרוואָס איז זיין שטימע אַזוי שטיל. — איך מוז שרייען, זיי מוזן מיך דערהערן, זיי מוזן...— ער באַמיט זיך מיט אַלע קרעפטן אויפצוהייבן, די פיס פון בעט אַרויסצוקריגן. אָבער ווער ציט אים צוריק? זיין קערפּער איז מיטאַמאָל אַזוי שווער-געוואָרן, ווי ער וואָלט הונדערטער צענטנער געוואויגן — און ער פאַלט שוין ווידער... ער פאַלט און אונטער אים איז קיין באָדן נישטאָ.

אַזוי ווי ער האָט נאָר די ערשטע קרעפטן צוריקבאַקומען, זיצט ער נעבן איר בעט. מ'האָט אים געמוזט אַריינלאָזן צו איר. איבעריגנס, איז שוין קיין חילוק נישט געווען. זי איז שוין געלעגן אין באַזונדערן שטיבל, וואו מ'פירט-אַריין די גוססדיגע צו שטאַרבן.

איר פּנים, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די ווייסע קישנס,

איז געווען איין שטיק פייער, אין הייסן עקסטאַז פאַרטראָגן. אירע אויגן זענען געווען אָפן, נאָר זי האָט ערגעץ אַנדערש־וואו געקוקט. זי איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיטן טויט, וואוהין זי גייט און האָט מער קיין אינטערעס נישט געהאַט פאַר די לעבעדיגע, אַפילו נישט פאַר אים. איר פּנים איז שיין־געווען. ערשט איצט ביים ראַנד פון לעבן האָט איר פּנים אויסגעדריקט אַן עקסטאַטישע דערהויבונג. ער האָט קיינמאָל נישט געזען אין איר געזיכט די פאַראינטערעסירטקייט. עס האָט פאַרלוירן די קאַלטע זעלבסטפאַרשטענדלעכע רואיגקייט, די שטילקייט, וואָס דער האַרמאָנישער צוזאַמענשפּיל פון די איידל־ליניגע געשניצטע געזיכטס־שטריכן האָט שטענדיג געשפּילט אויף איר פּנים. זי איז פאַראינטערעסירט־געווען, הייליג פאַר־אינטערעסירט, וואָס עס האָט אין אַן עקסטאַטישער באַגייסטע־רונג זיך אָפּגעשפּילט אויף איר אויגן־שיין, ווי עס וואָלט מיט איר אין די פאַרבאָרגענישן עפּעס געשען. און פאַר האַנסן, ווי פאַר דעם גאַנצן אַרום, האָט זי מער קיין אינטערעס נישט געהאַט.

האַנס איז איינפערזיכטיג־געוואָרן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט געווען פאַרראַטן. ער האָט זיך געוואָלט ווערן, קעמפן פאַר זיין אַנטייל אין איר, געגן יענעם אומבאַ־קאַנטן, וואָס רויבט זי אַוועק פון אים. ער האָט זי געוועקט, ער האָט זי גערופן ביים נאָמען, צוגעבויגן זיין פּנים נאָענט צו אירן און זי גערופן:

— לאָטע, זעסטו מיך דען נישט?!

ווי זי וואָלט אויף איין סעקונדע צוריקגעקומען אין דעם לעבן אַריין, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אַן עפּעס, אין אַן אומאָנגענעמער פליכט, וואָס זי האָט געוואָלט דערפילן מיט אַ געמאַכטן און געצוואונגענעם שמייכל. באַלד אָבער איז איר די אָנשטרענגונג איבערדריסיג־געוואָרן. זי איז אויף אַ מינוט ערנסט־געוואָרן, ערנסט און בייז — ווי עס האָט זיך האַנסן אויסגעוויזן — און זיך באַלד איבערגעגעבן מיט איר גאַנצער נשמה אין קראַמפּ, מיט אַ וואָללוסטיגקייט צו דעם פרעמדן טויט. דאָס האָט עדות־געזאָגט די עקסטאַז־אַנטציקונג, וואָס האָט זיך ווידער אויף איר פּנים צעשיינט.

די עקסטאַז־אַנטציקונג איז פון איר פּנים מער נישט אַראָפּ. — האַנס האָט זי צום לעצטן מאָל געזען, ווען מען האָט איר אָרון פאַרמאַכט.

צווישן אַלע אַנדערע געפילן פון צער און פאַרלאָזנקייט, האָט דאָס געפיל פון אייפערזוכט גובר־געווען. ער איז בייז־געווען אויף איר.

— פאַר מיר האָט זי קיינמאָל נישט פאַרמאָגט קיין עקסטאַטישע אַנטציקונג, נאָר אַ רואיגע קאַלטע האַרמאָניע, און ווייטער גאָרנישט. —

הייסע באַגייסטערונג, האָט זיך אים אויסגעוויזן — שפּיגלט אויף איר פּנים, קוקט פון דעם אָרון אַרויס, ווען מען האָט זי אין דער ערד אַראָפּגעלאָזט. און זי נעמט דאָך מיט מיט זיך זיין בלוט אין קבר אַריין... ער האָט געהאַט איצט די באַציאונג צו איר ווי צו אַן אשת־איש, וואָס אַן אַנדערער האָט מקדש־געווען.

נאָך ביים קאַלטן קבר האָט ער דערזען מיטאמאָל, ווי עס וואָלט אים ערשט איצט צום באַוואוסטזיין געקומען, דאָס גאַנצע טראַגישע געשעעניש.

גאָט, זי האָט דאָך ערשט געלעבט, נאָר־וואָס האָט זי דאָך געלעבט! ווי אַזוי איז זי טויט? ווי אַזוי לייגט מען זי אין גרוב אַריין? פאַרוואָס?

וואָס איז טויט? ווי אַזוי קאָן לעבן זיין טויט? זי לעבט דאָך! ער הערט, ער פילט דאָס וויברירן פון איר לעבעדיגן פּולס אין איר קערפּער. פאַרוואָס שווייגט זי? פאַרוואָס רעדט זי נישט? פאַרוואָס לאָזט זי טון מיט זיך דאָס אַלץ, פאַרוואָס האַלט מען זי אין אַ פאַרשלאָסענעם קאַסטן? פאַרוואָס טראָגט מען זי אַוועק? פאַרוואָס?!...

ער וויל נישט, אַז מען זאָל זי לייגן אין דער קאַלטער ערד. ער וויל נישט, אַז מען זאָל זי צונעמען. ער איז זיכער, אַז ווען מען זאָל אים צולאָזן צו איר, ווען מען וואָלט אים געלאָזט מיט איר אַליין, וואָלט ער זי געקאָנט לעבעדיג־מאַכן! וואָלט ער זי געקאָנט אויפוועקן פון איר שלאָף. צי ווייסן זיי דען נישט, אַז זי שלאָפט? ווי אַזוי קאָן זי טויט זיין, אַז ער לעבט? זענען זיי דען נישט ביידע איין לעבן? ווי אַזוי האָט

געקאָנט פון אירע אָדערן דאָס בלוט זיך אויסגיסן, אַז אין זיינע אָדערן איז עס דאָ? זענען דען אירע אָדערן נישט קיין המשך פון אים? איז זי נישט קיין אָרגאַנישער טייל פון אים? ווי אַזוי קאָן זי טויט זיין, אַז ער לעבט?...

זי לעבט! אַ לעבעדיגן מענטש גיבן זיי צו דער ערד איבער!

ערשט אין אָנקל אַדאָלפס אָרעמס איז געקומען דער אויסלייז אין דעם געשריי:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס?...

קודם-כל זענען נאָך געווען צו דערליידיגן ענינים מיט דער פּאָליציי. כאָטש עס איז נישט געווען דער מינדסטער ספק, אַז די שרעקלעכע טאַט איז באַגאַנגען דער דערמאָרדעטערס ברודער, וואָלפגאַנג פאָן סטיקער (נאָך וועלכן עס זענען איצט איבערן גאַנצן לאַנד שטעק-בריוו אַרויסגעשיקט-געוואָרן), ווי עס האָט דערקלערט די געליטענע אַליין, ווען זי איז צוריקגעקומען אויף אַ קורצער וויַיל צום באַוואוסטזיין און האָט אויך אָנגעגעבן דעם מאָטיוו פון זיין טאַט, איינצלהייטן פון זייער געשפּרעך — ווי עס איז אויפגענומען-געוואָרן אין פּראָטאָקאָל – האָט די פּאָליציי דאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט ער, האַנס, געלאָזט אַנטלויפן דעם מערדער, נאָכדעם ווי ער האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט? פאַרוואָס האָט ער זאָפאָרט נישט גערופן נאָך הילף און פאַרוואָס איז ער אים נישט נאָכגעלאָפן, ווען יענער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער, נאָר ער האָט אים נאָך אָנגעוויזן דאָס אָרט, וואו ער זאָל טעלעפאָנירן נאָך דער ניכער הילף? געוויס האָט מען דאָס געקאָנט דערקלערן מיט דער מאָמענטאַלער פאַרבליפונג, וואָס די שרעקלעכע טאַט האָט אַרויסגערופן ביי האַנסן, די געליימטקייט פון זיין ווילן ביים אָנבליק פון דעם טראַגישן טויט פון זיין פרוי. עס איז אויך געווען צו פאַרשטיין, אַז זיין ערשטער אימפּולס איז געווען די פאַרוואונדעטע צו ראַטעווען, דאָס האָט אַבסאָרבירט אַלע זיינע חושים און אים נישט געלאָזט קיין מאָמענט איבעריג זיך צו זאָרגן וועגן דעם מערדער. אָבער וואָס די פּאָליציי האָט געוואָלט וויסן, איז געווען, צי דער מערדער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מערדער, צי האָט

ער געפילט אין אים ביי זיין אַריינקומען אָן אָנטיילנעמער אין דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן. — יאָ געוואוסט און נישט געוואוסט... האַנס האָט זיך קיין קלאָרן חשבון נישט געקאָנט אָפּגעבן וועגן דעם. „ניין, ביי זיין אַריינקומען, ביי זיין אַנט-דעקן דאָס אומגליק האָט ער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער וואָס האָט אים באַגריסט מיט דער דערדריקנדער ידיעה וועגן אומגליק, זאָל האָבן געווען דער שולדיגער. וואָרים עפּעס ליידנדיגס וויטאָגדיגס איז געווען אין זיין פּנים און אין זיין שטים". און דאָך האָט האַנס געמוזט צוגעבן, אַז ער האָט גע-האָט אַ פינסטערע אַנונג, אַז ער איז דער מערדער! „צי האָט ער איבערהויפּט געוואוסט, ווער דער באַטרעפנדער איז? צי האָט ער אים אַמאָל פריער געזען? — האָט דער אויספאָרשער געוואָלט וויסן. „ניין, ער האָט אים פריער נישט געהאַט גע-זען, קיינמאָל נישט, דאָך האָט ער גלייך געוואוסט ביים אַריינ-קומען אין שטוב אַריין, אַז דאָס איז איר ברודער וואָלפגאַנג, וואָס האָט איר אַמאָל די האָר אָפּגעשניטן". „צי וואָלט אים האַנס געקאָנט דערקענען, ווען ער זאָל אים זען?", „ווי אַזוי קאָן ער פאַרגעסן דאָס פּנים, דאָס געשטאַלט, די שטימע? ווי אַזוי וועט ער אים נישט דערקענען — איין סעקונדע האָט ער אים געזען, אמת, אַדורכלויפנדיג צום בעט, אָבער אין דער סעקונדע האָט ער זיך דען מיט אים נישט פאַראייניגט אויף אייביג?..."

איבערהויפּט האָט האַנס נישט געקאָנט פאַרשטיין — וואָס האָט די פּאָליציי דערמיט צו טון? דאָס, וואָס דאָ איז געשען, איז אַן ענין אויסצוגלייכן צווישן אים און דעם מערדער פון זיין ווייב — פון זיין לעבן. וואָרים ערשט איצט האָט האַנס אָנגעהויבן צו דערפילן און צו דערמאָנען זיך, וואָס עס איז געשען, וואָס עס איז מיט אים פאַרגעקומען. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס איבערגעלעבטע וואָלט זיך פאַרשפּעטיגט און ערשט איצט גייט עס אַדורך דורך אים. די טאָט לעבט-אויף אויפסניי יעדן טאָג אין זיין באַוואוסטזיין אין דער גאַנצער ברוטאַליטעט פון איר רעאַלקייט.

דאָס לעבן האָט נאָר דאַן אַ נוץ — דעם ענין אויסצו-פאָרשן, דעם מערדער אויפצוזוכן, צו שטעלן זיך אים אין די

אויגן אַריין, צו קוקן אים אין פּנים אַריין... איין איינציג מאָל אים אין פּנים קוקן און פרעגן אים: פאַרוואָס האָסטו עס געטון? און דערנאָך די עוולה אויסצוגלייכן דורך אַן אייביג פאַרשוואונדן. אָדער גאָרנישט פרעגן, נאָר אַלע קשיות זאָלן פאַרענטפערט-ווערן מיט איין איינציגער טאַט, אַן אויפלייז דורך איין אויסגאַנג — דורך דעם טויט.

נישט קיין נקמה איז דאָס געווען, וואָס האָט אַלע זיינע חושים אָנגעטרונקען, אַלע געדאַנקען אין דינסט געשטעלט און אַלע טראַכטונגען אין דער ריכטונג געיאָגט. ווארים וואָס איז נקמה? נקמה איז יענעמס שאָדן צו זען. ער האָט גאָרנישט געוואָלט יענעמס שאָדן זען, ער האָט געוואָלט מיט דעם מערדער פון זיין לעבן זיך אויסמישן, פאַראייביגן זיך — צו-זאַמענגיסן זיך און פאַראייניגן דורך דעם טויט.

ס'איז אים געווען אַלצאיינס, אויב זיין נקמה-געפיל וועט דעם ענדציל דערגרייכן, אַז זיין שונא זאָל אויך פאַרניכטעט-ווערן. ער האָט געוואָלט פאַרניכטעט-ווערן דורך דערזעלבער האַנט, וואָס האָט זיין לעבן, זיין צוקונפט, זיין בלוט-און-פלייש, זיין מוטער און ווייב און זיין קינד פאַרניכטעט. פון זיין האַנט אין דער אייביגער שטילקייט אָפּגעשיקט-ווערן, פאַרשווינדן צו ווערן אין יענעם אומבאַוואוסטן, וואוהין לאָטע איז אַוועק. דערנאָך איז אים געווען אַלצאיינס, וואָס ס'געשעט ווייטער מיט יענעם. — נאָר דורך זיין האַנט פאַרניכטעט צו ווערן, דאָס איז געוואָרן זיין קרענקלעכע ליידנשאַפט. דאָס איז געווען דער איינציגער אינהאַלט, וואָס האָט אָנגעפולט זיין לעערקייט און דער איינציגער ציל, וואָס האָט זיין לעבן אַ טעם געגעבן.

און נאָך עפּעס. אַ מיסטישער גלויבן האָט אים דיקטירט צו זוכן דעם וועג צו לאָטען דורך איר מערדער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דורך וואָלפגאַנגען קאָן קומען אַ צווייטע פאַראייניגונג מיט לאָטען אין יענע ספערן, ווי ער האָט שוין אַנומלט געפונען דורך אים, דורך דעם מערדער, די פאַראיי-ניגונג אין דער וועלט.

ווי אַ מענטש, וואָס גייט תמיד צוריק אויף דעם אָרט, וואו ער האָט אַנטדעקט דאָס פעלן פון זיינס אַ באַליבטער

זאך, אזוי איז ער אָפּט צוריק אַרויסגעגאַנגען אין שאַרלאָטענ־בורג צו זייער גאָרטן־הייזל מיט דעם געדאַנק, אַז דאָרט מוז ער זי צוריקגעפינען. אָדער מינדעסטנס איר מערדער. עס איז קיין שום צוועק נישט געווען דערין, די געגנט איז איצט אין האַרבסט געווען פאַרוויסט, די ביימער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טויטע בלעטער. די פאַרוואָרלאָזטע אָפּגעשניטענע פעלדער זענען באַדעקט-געווען מיט פייכטע אַרויסגעריסענע וואָרצלען, מיט אָפּפאַל פון ערשטן גרינס. זייער הייזל איז געשטאַנען וויסט און ליידיג, אַזוי ווי ער האָט עס פאַרלאָזט. ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די פעלדער. געמיינט, אַז ער וועט ערגעץ אָנטרעפן שפּורן. שפּורן? — ער האָט געוואַרט אויף אַ נס, אַז ער זאָל אַמאָל אַלץ צוריקטרעפן אַזוי, ווי ער האָט אין דעם פאַטאַלן טאָג איבערגעלאָזט...

עס איז געווען אַ געפאַר פאַר זיין לעבן. די משפחה האָט מורא-געהאַט, אַז ער זאָל זיך נישט אַ מעשה אָנטון. דעם אָנקל אַדאָלפס באַמיאונגען אים אָפּצולענקען אויף עפּעס אַנ־דערש, צו דערוועקן אין אים זיין אינטערעס צו קונסט, אים צו ברענגען דערצו, אַז ער זאָל פאַרלאָזן מיט אים די פאַר־האַסטע שטאָט, האָבן צו גאָרנישט דערפירט. ער איז געווען ווי פאַרטויבט פון דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט געקריגן. שווייגנ־דיג אין זיך, אַ בלייכער, אַן אויסגעדאַרטער, איז ער פון די קליידער אַרויסגעפאַלן, האָט ער זיך אַרומגעדרייט. ער האָט נישט רעאַגירט אויף קיין שום זאַך, ווען וועלכער מען האָט גערעדט צו אים. ער האָט איגנאָרירט אַלץ, וואָס עס איז אים געווען ביז-איצט טייער און ליב. קאַלט און גלייכגילטיג צו זיינע נאָענטע. די מוטער, וועלכע האָט אַנטדעקט איצט אין איר קינדס נויט אירע מוטערלעכע געפילן, איז באַאומרויִגט־געוואָרן וועגן גורל פון איר זון. מען האָט אָפּגעהאַלטן משפחה־באַראַטונגען. אָנקל היינריך, אויף וועמענס חכמה און טאַקט מען האָט זיך פאַרלאָזט, האָט גענומען אויף זיך די שווערע מיסיע דעם ליידנדיגן יונגנמאַן פון זיין אַפּאַטיע אַרויסצונעמען און אים צוריק אין לעבן אַריינצוברענגען. היינריך האָט איצט אָפּטע באַזוכן געמאַכט ביי זיין ברודער אַדאָלף דעם קונסט־קענער. אין די שטילע אָוונטן האָט דער דאָקטאָר פּרובירט

צו פֿאַרפֿירן מיט דעם שווייגנדיקן האַנסן געשפּרעכן, פֿאַר־שטענדלעך, מיט גרויס באַוואָרעניש, מיט טיפֿער פֿאַרשטענדיקונג. נישט אָנצוּרירן דעם יונגנמאַנס בלוטיקע וואונד, האָט דער דאָקטאָר איינגעטענהט מיט אים:

— כּדי אין היינטיקער צייט צו קאָנען לעבן, — זאָגט דער דאָקטאָר צו האַנסן, — מוז מען אַ שטאַרקן גלויבן האָבן, כּדי פֿון דעם אַרומיקן שמוץ און געמיינהייט די אייביקע אמתן צו דערקענען און אין זיי זיך צו האַלטן, נישט לאָזן זיך אין דעם געמויזעכץ פֿאַרזינקען. מוז מען די געשעענישן אין אַ העכערן זין, אין אַ געטלעכן ווילן אָנקוקן. זיי, די גלויביקע, האָבן זיך גוט — די יסורים אַלס צייכן פֿון ליבע פֿון דער באַשערטקייט צו אָנערקענען. נישט די, וואָס לאָזן זיך צו דעם שקלאַפֿן־וואָגן פֿון פֿאַטאַליזם איינשפּאַנען, קאָנען באַצייכנט־ווערן מיטן הייליקן נאָמען „מענטש". דאָס מענטשלעכע הייבט זיך אָן דאָרט, ווען דער מענטש איז בכּוח איבער די געשעע־נישן זיך צו שטעלן... קוראַזש, האַנס, די פּרובונג, וואָס איז געוואָרן אַרויפֿגעלייגט אויף דיינע יונגע פּלייצעס, איז אמת צו האַרט, עס איז אָבער דער קאַלך־אויוון. עס איז דיר געווען באַשערט דיין כּאַראַקטער אויסצוגליען. דער לייבן־גרוב, אין וועלכן גאָט שיקט יעדן זיין דניאל אַריין, כּדי ער זאָל אַרויסקומען פֿון אים געשטאַרקט. אין נאָמען פֿון דיין גלויבן (און איך ווייס, אַז דו ביסט אַ גלויביקער מענטש) לאָז דיך נישט אָפּ־הענגיק־מאַכן פֿון אויסערלעכע טאַטן, וואָס פֿאַר אַן איינפֿלוס זיי זאָלן נישט האָבן אויף דיין לעבן. בלינדע, אומשׂכלדיקע, נישט־שעפֿערישע געזעצן פֿון דער נאַטור זענען שטום, דער־דריקענד, פֿאַרניכטענד, ווי די נאַטור אַליין. מענטש זיין, הייסט — העכער זיך שטעלן איבער זיי, זיי מייסטערוועןו, אין אַ הע־כערן ווילן זיי אָנקוקן. וואָרים געשעעניש איז, ווי די נאַטור, אַ מאַכטלאָז בהמיש מזל, אַ פֿאַרפֿאַלן אין טויט אַריין. באַ־פֿרייען זיך פֿון זיי, הייסט — שטעלן זיך איבער זיי. דאָס איז אַן אָנהאַלט אין גייסט. אַ שטייגן אין דער געטלעכקייט, אַ זיג פֿון דעם אייביקן אמת איבער דעם מאָמענטאַלן שקר פֿון טויט...

האַנס האָט אים געלאָזט זיך אויסרעדן דאָסמאָל, פּונקט

ווי ער האָט אים שוין פיל אַנדערע מאָל געלאָזט רעדן און ווייניג-וואָס רעאַגירט אויף די רייד פון זיין קלוגן אָנקל. נאָר דאָסמאָל האָט זיך באַוויזן אויף זיין בלייך געזיכט אַ לעבעדי- גע פּאַראינטערעסירונג. ער האָט זיך אָנגערופן ווי אין פאַר- שלאָפנקייט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך:

— אָבער דאָס איז דאָך פאַרפלוכט יידיש, דאָס וואָס דו זאָגסט!

דער דאָקטאָר איז בלייך-געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט.

— וואָס מיינסטו יידיש?

— קאָן מען דאָס, וואָס עס איז געשען מיט מיר, אָנ- רופן אַ בלינדע אומשכלדיגע פּאַסירונג? פונקט עפּעס ווי איך וואָלט אומפאָרזיכטיגערהייט אונטער אַן אויטאָמאָביל אַרונטער- געפאַלן? איז דאָס געשעעניש נישט אַ פועל-יוצא פון אַ טי- פער סיבה, ווי אַן אומגעזעענע געטלעכע האַנט וואָלט אויף דער וואַנט געשריבן?

— יאָ, געוויס האָט עס אַ סיבה, ווי יעדעס געשעעניש איז עס אונטערגעוואָרפן אונטער דעם אייביגן קויזאַלן געזעץ. די סיבה דערפון איז אַזוי בלינד און זינדיג ווי די טאַט — די שנאה.

— אָך, דאָס איז די שנאה... די שנאה... די שנאה, — האָט זיך האַנס צעשריגן, אַזוי אַז דער אָנקל האָט זיך דער- שראָקן. — אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבן זיי מיך פיינט? וואָס האָב איך זיי געטון? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

פון האַנסענס אויפרעגונג האָט דער דאָקטאָר פאַרשטאַ- נען, אַז דאָס געשפרעך, וואָס ער האָט פאַרפירט מיט זיין ברודערן-זון איז צו-פרי. ער האָט עס געוואָלט אָפּווענדן אויף עפּעס אַנדערש, אָבער האַנס האָט זיך שוין פעסט געהאַלטן ביי דעם געשפרעך, ער האָט עס נישט אָפּגעלאָזט.

— אָנקל, האָסטו מיר נישט אַמאָל געזאָגט, אַז דו ביסט צוליב דעם נישט איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום, ווייל דו קאָנסט נישט צוזאַמענברענגען די היינטיגע פאַרשאָלטענע וועלט מיט דעם קומען פון משיח. „איז משיח געקומען?" — האָסטו מיך דאַן געפרעגט. — „אויב אַזוי, פאַרוואָס דער האַס, די

מלחמה, די נקמה? וואו איז די דערלײזונג?" — האסטו מיך געפרעגט. איך האב עס דאן נישט פארשטאנען. איצט פאר־שטײ איך עס, אנקל. יא, דו האסט רעכט און אלע יידן האבן רעכט—און איך בין א ייד ווי דו, ווי זײ אלע דארט. משיח איז נאך נישט געקומען! די וועלט איז נאך נישט אויסגעלייזט. דאס איז עס: מיר ווערן דערטרונקען אין שטינקענדיגן געמויזעכץ און עס איז נישטא קיין רעטונג. אלץ, וואס דו דערציילסט מיר וועגן אנקניפן טאטן מיט העכערן זין איז א פארפלוכטע יידישע לערע, וואס שוואכע האבן אויסגעקלערט. ביין, אויך גאט האט א מענטשלעכע נאטור, ער איז אייפער־זיכטיג! האסט, אזוי ווי דער מענטש! עס איז נישטא עפעס אנדערש, נאר דאס געמויזעכץ, אין וועלכן מיר שטעקן — די שנאה. ווער עס וויל לעבן אן איר, מוז אונטערגיין. משיח איז נאך נישט געקומען. עס איז נאך נישטא קיין אנקניפן מיטן העכערן זין. עס זענען נאר דא פארשטאלטענע טאטן. אזוי ווי זײ זענען. — דאס אלץ.

— האנס, אום גאטעס ווילן, בארואיג דיך. אבער דאס האב איך דאך גארנישט געמיינט! — דער דאקטאר האט אפ־געהאקט דאס געשפרעך. יעדנפאלס האט ער איינגעזען, אז דאס געשפרעך מיט האנסן איז נאך געוועזן צו פרי....

## קאַפּיטל 24

# דער נביא פון טריט

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז האַנס פאַרשוואונדן-געוואָרן. פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער אַריין. אַדאָלף באָדענהיימער, זיין אָנקל, וועלכער האָט אַכטונג-געגעבן אויף אים און באַגלייט אים אומעטום, נישט אָפּגעטון פון אים קיין אויג דורך דער גאַנצער קריטישער צייט, וואָס דער יונגערמאַן האָט זיך געפונען אונטער זיין רשות, האָט זיך דאָס נישט געקאָנט מוחל-זיין. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט דערלאָזן, אַז דער פאַרצווייפלטער יונגערמאַן זאָל פאַרשווינדן. אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, קאָן ער זיך נאָך, חלילה, אַ מעשה אָנטון. מען האָט זיך געשראָקן פאַר דעם ערגסטן...

די מוטער, די אויס שטאָל געהאַמערטע רות באָדענהיימער, איז פון איר אייזערנעם פאַנצער, אין וועלכן זי איז געזעסן איינגעמויערט דורך אַלע אירע יאָרן, אַרויסגעשאָסן-געוואָרן. זי איז דורך איר זונס אומגליק מיטאַמאָל געוואָרן אומרואיג, אַפילו נערוועז-היסטעריש. נישט אַנדערש, נאָר דאָס אָרימע יינגל האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אויף זיך אַליין, ער האָט עס נישט געקאָנט מער איבערטראָגן. זי האָט די גאַנצע שולד זיך אַליין צוגעשריבן, ווייל זי האָט זיך עגאָיִסטיש אָפּגעשלאָסן פון אים...

מען איז געלאָפן צו דער פּאָליציי, מען האָט זיך אַפילו געווענדעט צו אַ דעטעקטיוו-ביוראָ. מען האָט נישט געשוינט

קיין געלט. די מוטער האָט אַלץ פאַרזעצט, איר צירונג, אירע פוטערס אויספאַרקויפט, כּדי גענוג געלט צו האָבן דאָס ייִנגל אַרומצוזוכן. מען האָט אים נישט געפונען, ווי אין וואַסער פאַרשוואונדן-געוואָרן. מען האָט צומאָל גישט געוואוסט, צי ער האָט געהאַט גענוג געלט ביי זיך. שפּעטער איז מען געוואָר-געוואָרן דורך אַ צופאַל, אַז ער איז אָפּגעפאָרן קיין מינכען, און דער אָנקל אַדאָלף האָט זיך געאיילט דאָרט אַהין, כּדי אים אַהיימצוברענגען.

דערווייל האָט זיך איבער די מינכענער גאַסן האַנס באָ-דענהיימער אַרומגעדרייט ווי אַ פאַרטויבטער און נישט קיין אויסגעשלאָפענער. פאַרוואָס עפּעס מינכען? — מינכען איז גע-ווען דער מקום-מקלט פון אַלע מאָרד-פּאַטריאָטן. ווען עס האָט ווער פון זיי אָפּגעטון אַ פאַרברעכן, איז ער צום ערשט אַנט-לאָפן קיין מינכען. מינכען איז שוין געווען באַהערשט פון דעם מאַן, וואָס מיר וועלן אָנרופן: „דער נביא פון טויט".

„דער נביא פון טויט" האָט נישט נאָר די שטאָט פאַרסמט מיט זיין האַס, נאָר שטייענדיג איצט אין טונקעלע קאָמבינאַציעס מיט די פּאָליטיקער און די רעגירונגס-לייט פון בייערן, שלעפּט ער אויך צונויף קיין מינכען זיינע שטורם-טרופּן אָנצוהייבן זיין מאַרש אויף בערלין, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג צו-געזאָגט. אַלץ, וואָס האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו מאָרדן, האָט געצויגן קיין מינכען. באַלד פון אָנהייב-אָן האָט בייערן אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן מאָנאַרכיסטישע טענדענצן. נאָך דער אונטערדריקונג פון דער אומפּאָפּולערער, אַוואַנטוריסטישער ראַטנרעגירונג האָט זי זיך אָנגעשטעקט מיט דעם קראַנקהאַפטן האַס פון נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, מיט וועלכן „דער נביא פון טויט" האָט פאַרסמט די שטאָט. דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ גע-שוויר אויפן קערפּער פון דער יונגער רעפּובליק. די בייערישע רעגירונג, וועלכע האָט געוואָלט מאַכן שבת פאַר זיך, איינפירן ביי זיך די מאָנאַרכיע, איז איינגעגאַנגען מיט כּלערליי אַוואַנ-טוריסטן. זי האָט נישט נאָר געדולדעט דעם „שוואַרצן נביא" ביי זיך, נאָר זי האָט אים נאָך דערמוטיגט, צעפלאַמט זיין קראַנקע פאַנטאַזיע דורכדעם, וואָס זי האָט זיך מיט אים פאַר-בונדן, זי האָט צוגעלאָזט זיינע שטורם-גרופּן, צווישן וועלכע

עס האָבן זיך געפונען מערדער, באַנדיטן, אַנטיילנעמער אין כּלערליי פּוטשן און אויפשטאַנדן און וועלכע זענען געזוכט־געוואָרן פון דער קרימינעלער פּאָליציי פאַר פאַרשידענע מאָרדן, גניבות און רויבערייען. די אָרטיגע אויטאָריטעט האָט פּשוט איגנאָרירט די אַרעסט־באַפעלן פון דער רייכסרעגירונג. די מערדער האָבן זיך פראַנק־און־פריי געקאָנט באַוועגן אין דעם בייערישן שטאַאַט, געדעקט אונטער דעם פּאַטריאָטישן מאַנטל פון שטורם־טרופּן, וואָס דער שוואַרצער „נביא פון טויט" האָט איצט צוזאַמענגעצויגן פון גאַנצן לאַנד אין דער בייערישער הויפּט־שטאָט.

האַנס האָט געהאַט אַן אומקלאָרע אַנונג, אַז ער וועט דאָרט אָנטרעפן דעם מערדער פון זיין פרוי. געפאָלגט זיין אינסטינקט, האָט ער די לעצטע טעג כּסדר געקלערט וועגן נקמה. איינגעשלאָפן אין דער אַפּאַטיע, אין וועלכן דאָס אומגליק האָט אים אַריינגעבראַכט, האָט ער נישט געפונען גענוג מאַכט, זיין פּלאַן אויסצופירן. דאָס געשפּרעך מיטן אָנקל היינריך האָט אים ווי אויפגעוועקט פון זיין פאַרצווייפלטער לאַגע, האָט אים קלאָר־געמאַכט זיין אייגענעם ווילן. ער האָט איצט געזען זיין ציל אין לעבן.

זיין ציל אין לעבן איז איצט געווען נקמה צו נעמען אין דעם מערדער, צו באַצאָלן אים מיט דערזעלבער מאָס.

ער האָט באַקומען געלט דורך יודקעוויטשעס ביוראָ, גענומען דעם ברוינינג, וואָס ער האָט נאָך געהאַט פון דער היים און געלאָזט זיך אויף אַ ספּקדיגן טראַף אין דער הויפּט־שטאָט פון די מערדערס, צו זוכן און צו קומען אויף די שפּורן פון זיין שונא.

דערווייל דרייט ער זיך אַרום איבער די מינכענער גאַסן. ער איז אַריינגעפאַלן אין די פּאַרקן, ער האָט פאַרבלאָנדזשעט הינטער דער שטאָט צו די סטאַוון. דער האַרבסט איז געווען אין זיין „פולער בליאונג". רויט־צימרינג־פאַרבן אויף אַ פאָן פון גרין־פרישע נאָדל־צווייגן. די פאַרשידענע רויטלעכע האַרבסט־קאָלירן, דאָס הערלעכע בלוטיג־גאָלד פון די קאַשטאַנעס און ליפּעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די טונקעלע מיסטישע

סטאַוון. די קאַפּלען פֿון די שניי-בערג האָבן אַהערגעשוועבט דורך דער קלאָרער עפּל-שמעקעדיגער לופֿט, פֿון די בערג פֿון דרום... אויך די שטאָט איז פֿול-געווען מיט דעם געזאַנג פֿון האַרבסט, מיט דער ווייניגער און עפּל-לופֿט. אין די שלווהדיגע האַרבסט-טעג זענען די גאַסן פֿון דער בייערישער הויפּטשטאָט באַלעבט-געווען מיט מענגעס מענטשן, מיט אַ רויער אומהיימלעכער, שלעכטס-אָנזאָגנדיגער פּלייש-קראַפּט, וועלכע האָט זיך אַרומגעטראָגן געלעדערט אין מיליטערישע רימענס איבער ווינטבלוזעס און אין אָפּגענוצטע מיליטער-מאַנטלען. דאָס זענען געווען צוזאַמענגעלאָפענע פֿון גאַנצן רייך, אָנטיילנעמער פֿון פֿאַרשידענע פּוטשן, פֿון ריזיקאַלע אויפשטאַנדן, אָפּטיילונגען פֿון געהיימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, מיט מאָרד-לוסטיגע אויגן, מיט מאָרד-דערוואַרטנדיגן ערנסט איינגעקנעטן אין די רויע, אין קאַמף און אין געפֿאַרן פֿאַרהאַרטעוועטע, געזיכטסשטריכן. אויף זייערע ליפּן האָט זיך געשפּיגלט דער קאַניבאַלישער שמייכל פֿון פֿאָרשטייענדיגע שטורמען... זיי האָבן זיך באַנומען חוצפּהדיג און אַרויספֿאָדערנדיג צו דער דאָרטיגער נייטראַלער באַפֿעלקערונג; אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין געווען די בעלי-בתּים פֿון דער שטאָט, האָבן זיי זייער דיקטאַטאָרישע מאַכט שוין אָנגעווענדט אין די רעסטאָראַנען, צו די פֿאַרקויפֿער און געוועלב-הענדלער, צו די פֿאַרבייגייענדיגע, פֿאַרלאַנגענדיג אומעטום אַ באַצאָלונג פֿון מס פֿאַר זייערע פּאַטריאָטישע, זעלנערישע געזינונגס-אָרגאַניזאַציעס. מיט לאָבעסעוואַטער חוצפּה פֿאַרטשעפּעט פרויען און מיידלעך. זיי האָבן פּראָוואָצירט געשלעגן. נאָר געגן וועמען זיי האָבן זיך פּראָוואָקאַטאָריש באַנומען איז עס געווען געגן די אַרבעטער, געגן פֿאַרדעכטיגיידיש אויסזעענדיגע אינטעלעקטועלע. ווי זיי וואָלטן שוין געווען די הערשער פֿון דער שטאָט, האָבן זיי דאָ-און-דאָרט איינגעאָרדנט טריאומף-מאַרשן, בעת וועלכע זיי האָבן מיט גרויס פּאַראַד געפֿירט די „טראָפֿייען" פֿון ביליג-דערגרייכטע זיגן: אַ רויטע פֿאָן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעכאַפּט פֿון אַן אומבאַשוצטן אַרבעטער-לאָקאַל, אַ יידיש-אינטעלעקטועל-אויסזעענדיגן מאַן, וועלכער האָט זיך געריסן פֿון זייערע הענט און אוממעכטיג געזוכט שוץ ביי דער נייטראַל זיך פֿאַרהאַלטנדיגער

באפעלקערונג. ביז א „נייטראלער" פאליציסט האט אים באפרייט פון זייערע הענט.

— ווארט נאר א ווייל, יודע, ביז מיר וועלן די מאכט איבערנעמען, לאנג וועט עס שוין מער נישט דויערן!...

האנס האט זיך געדרייט צווישן זיי, געפונען זיך אויף זייערע מאסן-מיטינגען, באזוכט זייערע ביער-קעלערס, יעדן איינעם פון זיי געקוקט אין פנים אריין. זיין אריש-אויסזעענדיג געזיכט האט אים באשיצט פון פארדאכט. עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז אט טרעט-ארויס פון זייערס א גרופע דער מערדער פון זיין פרוי און נאך-נישט-געבוירן קינד. אפטמאל האט זיך אים טאקע אויסגעוויזן, אז אט נאר-וואס האט פארבייגעשוועבט פאר אים דאס פנים, וואס ער האט געהאט געזען אין דעם בליץ-שיין פון דעם נאפט-לעמפל אין זיין גארטן-ביידל אין יענעם פאטאלן אוונט. אט נאר-וואס האט א פיגור פארבייגעשוועבט פאר אים, וואס איז ענלעך... ער איז געשווינט נאכגעלאפן, אריינגעקוקט יענעם אין פנים. — ניין, עס איז נישט געווען וואלפגאנג פאן סטיקער. עס איז געווען אן אנדערער...

— וואס, אין דעם „הינטן" האסטו מיך נישט דערקענט. מוזסט מיר ערשט אין פנים קוקן?... — האט אים יענער בייז אנגעשריגן.

האנס האט אים נישט געהערט. ער איז ווייטער געלאפן. ער האט געהאט איין ציל — אויסצוגעפינען דעם מערדער פון זיין ווייב און זיין אומגעבוירן קינד... צו דעם צוועק האט ער אפט באזוכט זייערע פארזאמלונגען.

אויף איינער אזא פארזאמלונג האט ער געזען דאס פנים פון דעם „נביא פון טויט" און געהערט זיין לשון.

עס איז געווען אין איינעם פון יענע גרויסע ביער-קעלערס פון מינכען, וועלכע דערמאנען מיט זייער אפיציעלער געמיטלעכער לאנגווייליגקייט און מיט זייער „געזעצליך-פארפליכטנדיגער שטימונג" מער אין א קאזארמע ווי אין א ביער-האלע. די קאזארמעדיגע ביער-האלע איז שוין געווען איבערגעפראפט מיט שוויס-טריפנדיגע, פעטע ווייס-לייבעדיגע קערפערס, וועלכע האבן זיך געשטופט ווי אין א וואש-אנשטאלט

אין דער אין רויך- און אין ביער-שטיקנדיגער גערדיכטער לופט, מיט פּענער-געפּלאַטער און מיט לאַרעמדיגן מיליטערישן פּאַראַד, אָרומגערינגלט מיט אַ גרויסער כאַפּטע שטורם-יונגען, באַלע-דערטע און באַשנאַלטע, מיט קאָמעדיאַנטישע מיליטער-אוניפאָר-מען באַקליידט, האָט באַטרעטן די פּלאַטפאָרם געלאָסן, מיט אָפּגעהיטענער ווירדע, האַלב מיט באַפעלערישער האַלטונג, האַלב מיט פעלדפעבלשער הכנעהדיגער שטרענגקייט, אַ שמאַלע אַלט-בחורישע פיגור. נאָך דער קאָמעדיאַנטישער באַגריסונג, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק גיכער אויף אַ קינדער-שפּיל, איידער אויף אַן ערנסטער צערעמאָניע — האָט דער אַלט-בחורישער יונגערמאַן געהאַלטן זײַן רעדע.

האַנס, וועלכער איז געווען איינגעקוועטשט אין דער מאַסע, האָט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון דעם רעדנער און האָט מיט אַ טיפער און אינערלעכער קאָנצענטרירונג באָאַבאַכטעט יעדע באַוועגונג פון דעם רעדנער, שטודירט די געזיכטס-שטריכן פון זײַן פּנים און צוגעהערט זיך צו זײַן שטימע. אין זײַן קול האָט געפעלט יעדע וואַרימקייט, וואָס זײַן אומצווייפלדיגע, ערלעך אין זײַן פאַנאַטישן גלויבן וואַרצל-דיגע איבערצייגונג וואָלט געדאַרפט אַרויסברענגען. דערפאַר האָט זײַן שטימע פאַרמאָגט אַ שטאַמלדיגע שאַרפקייט, אַ היס-טעריש חיהש גרילצן, וואָס האָט נישט געשטאַמט פון אַ ליידנ-שאַפטלעכן טעמפּעראַמענט אָדער געמיט, נאָר וואָס וואָלט אַרויסגעקומען פון אַן אוממעכטיגן, באַגרענעצטן, חיהשן שפּרעך-אָרגאַן, מיט טײַוולאָנישן אַמביציעזן פלייס, מיט זעלנערישער אויסגעמושטרירטער, עם-האַרצישער געלערנטקייט האָט ער אַרויס-געברענגט געדאַנקען, אַרויסגעפּאָמפּעט פון אַ הייל פון שנאה און אַמביציעזער קנאה. מערקווירדיג, ווי פאַנאַטיש-ליידנשאַפט-לעך, אָפּטמאָל אַפילו צו פּאַסיע קוואַלנדיגע איבערצייגונג ער האָט זײַנע ווערטער נישט אַרויסגעברענגט — האָבן זיי דאָך נישט אַרויסגערופן קיין זיך-פאַרגעסנדיגע, מיטרײַסנדיגע וואַ-רימקייט אין זײַן שטים, נאָר אַ פאַרלאַנגזאַמטע, איינגעהאַל-טענע, אויסדרעסירטע האַלצערנע טעמפּקייט. דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, האָט געאָטעמט מיט אַן אומגעווײנלעכן האָס, מיט אָפּטמאָל צו פּאַסיע דערגרייכנדיגער, לוסט-דערוועקנדער

פיינטשאַפט. קיין איין שפּור פון ליבע, קיין איין הויך פון וואָרימער איבערגעגעבנקייט צו אַנדערע מענטשן, קיין איין הויך פון זינלאָזער אַנטציקונג צו דעם אפילו, וואָס ער האָט געפּרעדיגט, האָט זיך נישט געפילט אין זיין גאַנצן וועזן. בשעת ער האָט גערעדט וועגן די פּאָזיטיווע זאַכן (נישט נאָר די נעגאַטיווע), פאַר די פּאָסטולאַטן, וואָס ער האָט געפּרעדיגט, האָט ער אויך נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין הויך פון וואָרימקייט; ווי ער וואָלט שטום-געווען פאַר ליבע, האָט ער אין זיין קול נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין הויך פון אַנטציקונג, בשעת ער האָט גערעדט וועגן זיין אויסדערוויילטער ראַסע, וועגן זיין טייער פאָלקסטום. בשעת ווען ער האָט גערעדט וועגן זיינע פיינט, האָבן זיינע ווערטער געטראָגן די גיפטיגסטע גאַל, די שאַרפסטע שווערד-פאַרניכטונג און צעשטערונג. דאָך האָט ער זיי נישט געקאָנט דערוואָרימען מיט דעם טאָן פון זיין שטימע. ווי אַ חרם וואָלט געלעגן אויף אים, ווי ער וואָלט געווען געבונדן מיט אומגעזעענע גייסטיגע שטריק איבער זיין מענטשלעכן טעמפּעראַמענט, האָט ער נאָר געקאָנט טראָגן זיין געוואַלט דורך דעם הוילן וואָרט און נישט געקאָנט עס באַגלייטן מיט אַ מענטשלעכן אַקאָרד, וואָס פליסט-אַרויס פון אינערלעכן גלויבן. האָט ער געקאָנט נאָך ווי אַזוי זיך קאָכן און שרייען און קלאַפּן אין טיש — דאָס וואָרט איז אָפּגעגרענעצט געשטאַנען אין פאַרשאָלטענעם ראָד פון זיין חיהשקייט... דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז נישט געווען אומאינטעליגענט, ער האָט אפילו אָפּטמאָל געוואָלט קאָקעטירן מיט געלערנטקייט. די אויסגעלערנטע אָדער אַליין דערוואָרבענע געדאַנקען האָבן געטראָגן שפּורן פון האַמעטנער האַלב-אינטעליגענטישקייט. זיי זענען געווען ווי אין זייער אמת — האַלב-און-האַלב. נישט דיסציפּלינירט דורך דעם דראַנג צום אמת, פון ווילן צום גערעכטיגקייט, זענען זיי געווען ווילד, אָן יעדן קריטישן אַנאַליז, נאָר אַליין, פון פאַנאַטישן אימפּעט געטראָגן, זענען זיינע אויספירונגען געפלויגן צו די גרענעצלאָזסטע, עקסטרעמסטע קאָנסעקווענצן.

ווען ער האָט, צום ביישפּיל, גערעדט וועגן דעם פיינט (און ווער איז נישט געווען דער פיינט? — די גאַנצע וועלט,

אַלע מענטשלעכע דערגרייכונגען, אַלע מענטשלעכע דערגרייכונגען, די וויסנשאַפט, די בילדונג, די קירכע, דאָס קייסערטום, די רעפּובליק, דער קאַפּיטאַל, דער בירגער, דער אַרבעטער, כמעט אַלע נאַציעס פון דער וועלט, אַריינגערעכנט די גרעסטע טייל פון זיין אייגענער נאַציע, אַ חוץ די, וואָס באַקענען זיך צו זיין לערע און צו אים), האָט ער דערפירט דעם געדאַנק פון האַס צו יענער קאָנסעקווענץ, אַז עס איז אינגאַנצן פאַרגעסן-געוואָרן די סיבה פון האַס. עס איז נאָר איבערגעבליבן די לוסט צום האַס, האַס אַלס ציל פאַר זיך. „מיר האָבן דעם האַס פון אונזערע פיינט נישט אויסצומיידן, פאַרקערט — אים צו זוכן, נאָך אים צו בענקען, נאָך אים צו גלוסטן...” ער וויל נישט אָפּשאַפן די סיבות, וואָס ברענגען די שנאה, די צעטיילונג צווישן די פעלקער פון דער וועלט, פאַרקערט — ער וויל זיי פאַרטיפן, ער וויל זיי נערן. ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין גרעסטן שונא, דעם ייד, האָט אים דער טעמפּאָ פון זיין שנאה אַזוי ווייט פאַרטראָגן, אַז ער האָט דעם ייד צוגעשריבן די גאַנצע באַשאַפונג פון די מענטשלעכע דערגרייכונגען. ער האָט דעם ייד אויסגעשטעלט אַזאַ אַטעסטאַט פון פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אַז עס איז קיין אָרט נישט געבליבן פאַר קיין אַנדערן פאַקטיש מיטצוּאווירקן אין פּראָצעס פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע. די יידן האָבן געשאַפן די אמונה, דאָס קריסטנטום, דאָס קייסערטום, דעם הומאַניזם, די וויסנשאַפט, דעם קאַפּיטאַליזם, די גאַנצע סאָציאַלע באַוועגונג, אַלע סאָציאַלע איינריכטונגען, אַלע פאָרמען פון רעגירן — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט און וואָס עס שטעלט אונז העכער פון דער חיה. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געטון-געוואָרן נאָר צוליב דעם, כדי זיי זאָלן דינען פאַר אַ כלי-זיין, מיט וועלכן זיין אָרים פאָלק צו פאַרשקלאַפן. אַלע פערזענלעכקייטן, וואָס אונזער לאַנגע געשיכטע האָט אַרויסגעגעבן — פון די אבות ביז צו נאַפּאָלעאָנען, פון קריסטוס ביז צו פּואַנקאַרע, זענען זיי אַלע געשטאַנען אין דינסט ביי די יידן, זיי זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, די „שבת-גויים”, וועלכע האָבן געטון פאַר די יידן זייער אַרבעט... עס זענען געווען, פאַרשטייט זיך, איינציגע געציילטע

אויסנאָמען, ווי צום ביישפּיל, אַזאַ וויכטיגע פּערזענלעכקייט, ווי עס איז געווען אין דער וועלט-געשיכטע, אָט יענער רייכס-קאַנצלער ביים פּערסישן הויף, אַ געוויסער המן, וועלכן די יידן האָבן נישט געקאָנט איבערקויפן און צוליב דעם האָבן זיי זיך קעגן אים פאַרשוואוירן. די קאָנסעקווענץ דערפון באַדאַרף זיין: אַז די עכטע דייטשן באַדאַרפן זיך אָפּזאָגן, פאַרלייקענען זיך פון אַלע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען געווען ריינע יידן-שקלאַפן; די קאָנסעקווענץ דערפון דאַרף זיין, אַז דער עכטער דייטשער מענטש באַדאַרף זיך פון דעם אַלעם אָפּזאָגן און האַלטן זיך נאָר אין זיין ראַסע, צו וועלכער דער ייד האָט קיין שליטה נישט...

אַזוי ווי ער האָט עס געגעבן, אַזוי איז עס אויפגענומען-געוואָרן דורך דער פאַרזאַמלונג. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ חרם וואָלט געלעגן אויף זיי, ווי זיי וואָלטן שטום-און-טויב-געוואָרן און קיינער האָט נישט באַמערקט די לעכערלעכקייט פון דעם רעדנערס אויספירונגען. קיינער האָט נישט באַמערקט דעם אַבסורד, צו וועלכן זיינע אומקאָנטראָלירבאַרע, האַלב-אינטעליגענטישע געדאַנקען ברענגען אים. ווי זיי וואָלטן געשלאָגן-געוואָרן מיט אַ בלינדקייט פון אַן אומגעזעענער קראַפט, וואָס האָט פאַרטעמפּט זייער שכל.

בחינם האָט זיך האַנס אַרומגעקוקט און געזוכט אַ שמייכל אויף די פּנימער פון די צוהערערס, אַ היסטערישן געלעכטער-אויסברוך, וואָס ער האָט דערוואַרט. די צוהערער זענען קאַלט-אייז פאַרשטומט-געווען און ערנסט ווי דער רעדנער. ווי זיי וואָלטן דורך אומגעזעענע באַנדן פאַרבונדן-געווען מיט אים, פאַרכישופט אין זיין קרייז.

האַנס האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם סוד, וואָס שטעקט דאָ, פאַר דער מיסטישער קראַפט, וואָס גייט-אַרויס פון דעם מאַן. ער קאָן נישט ווירקן אויף זיי מיט זיין שכל. וואָס ער זאָגט, איז געגן יעדער אָנגענומענער פאַרנונפט, געגן יעדע פעסטגעזעצטע, אין אונזער מענטשן-בלוט איינגעקנעטענע, כללים פון לאָגיק. ער קאָן אויך נישט ווירקן אויף זיי מיט זיין טעמפּעראַמענט, מיט זיין געפיל, מיט זיין ליבע, עס פעלט אין זיינע רייד יענער חסד פון גאָט-געלייטזעליגטער וואַרים-

קייט, וואָס שטראַלט־אַרויס פון אונזערע אומגעזעענע נשמות און טראָגט זיך איבער אומקאָנטראָלירבאַר פון מענטש־צו־מענטש. ער האָט דאָס נישט. זיין קול איז שטום, עס פעלט אין אים דער עקסטאַטישער גנאַד, וואָס ליבע באַשענקט. ער איז שטום־און־טויב, ער פאַרמאָגט נישט מער, ווי נאָר דאָס הוילע וואָרט. וואָס־זשע איז ווידער זיין קראַפט, וואָס גייט־אַרויס פון אים און טראָגט זיך איבער צו די מענטשן, וואָס הענגען מיט זייערע אויערן אויף זיין מויל?

האַנס האָט געקוקט אויף דעם רעדנערס פנים, — און איז בלייך־געוואָרן, זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט אין דעם רעדנערס פנים עפּעס אומנאַטירלעכס, אומבאַקאַנטס, פרעמדאַרטיגס. דעם רעדנערס פנים, ווי ער האָט עס איצט געזען אין פּראָפיל, איז געווען שטום און טויט, ווי זיין קול; עס האָט נישט געקאָנט לאַכן. אין דעם פנים פון דעם רעדנער האָבן געפעלט די קליינע מוסקולן, וואָס באַוועגן די מענטשלעכע צורה און געבן אים דעם גנאַד פון מיט גאָט־פאַרבינדענדיגער פריידיגקייט, וואָס קיין שום באַשעפעניש אויסער דעם מענטש האָט די יצירה נישט מיטגעגעבן. דעם רעדנערס פנים האָט זיך נישט געקאָנט קנייטשן: ווי אָפטמאָל פאַרצערט און ווייטאָגדיג עס האָט זיך נישט געשניטן אַ גרימאַסע אַרום זיינע האַלב־נאַקעטע ליפּן ביים אַרויסברענגען אַ געליבטן פונקט, איז ער געווען אומפּעאיג — ווי די חיה — צו באַוועגן אין קליינע פּאַלדן זיינע קין־מוסקולן. האַנס האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי אונטער דער מענטשלעכער הויט פון דעם רעדנערס פנים געפינען זיך נישט קיין באַוועגנדיגע מוסקולן, נאָר ווי פון האַרטן מאַטעריאַל אויסגעגאָסענע אָדער אויסגעשניצטע האָלץ־מוסקולן. מיטאַמאָל איז האַנסן אויפגעגאַנגען אַ ליכט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אויבן אויף דער בינע שטייט נישט קיין לעבעדיגער מענטש, נאָר אַ געשניצטע פּופּע, אַ „גולם", וואָס וואַרפט פון זיך אַרויס ווערטער דורך אַ באַהאַלטענעם מעכאַניזם, וואָס ער טראָגט אין בויך. ער איז נישט בכוח צוצוגעבן צו די ווערטער קיין איין מענטשלעך געפיל. ער איז פאַרשאָלטן מיט אַ חיהשן טויטן מזל. דאָס איז אַ מאַשין, וואָס

שטייט אויבן. אַ טייוולס־מאַשין האָט זיך דאָרט אוועקגעשטעלט אין געשטאַלט פון אַ גולם, באַקליידט מיט מענטשלעכער הויט, מיט מענטשלעכן אויסזעען. נאָר אונטער דער הויט געפינען זיך נישט קיין אברים, קיין לעבעדיגע מוסקולן, נאָר טויט־געשניצט האָלץ, האָלץ, וואָס וואַרפט־אַרויס פון זיך ווי פלאַקער־פייער שטיקער שנאה און קללה...

געוויס אין די אילוזיע, וואָס האַנס האָט געהאַט פון רעדנער, געווען נאָר אַ פּראָדוקט פון זיין פאַנטאַזיע, וואָס דער צושטאַנד, אין וועלכן האַנס האָט זיך געפונען, האָט אין אים געשאַפן. האַנס האָט געקעמפט געגן דער אילוזיע. ער האָט געוואוסט, ווי יעדער איינער, אַז אויבן שטייט אַ לעבע־דיגע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז באַקאַנט. האַנס האָט אפילו געקענט — ווי יעדער איינער דענסטמאָל אין דייטשלאַנד, וואו דער רעדנער איז געווען די טעמע פון טאָג — עפּיזאָדן פון זיין לעבן, זיין אָפּשטאַם. נישט איינמאָל האָט האַנס געטראַכט וועגן אים. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם רעדנער אַלס יונגן מענטש מיט אומבאַהערשטע אַמביציעס, וואָס זיין פאַנאַטישע פאַנטאַזיע האָט געמוזט אין אים דערציען אין דער יידישער שטאָט, דאָרט ערגעץ־וואו אין פאַרוואָרפענעם עסטרייך. ער דרייט זיך אַרום אין דער שטאָט און קוקט־נאָך מיט קנאה, ווי די יידישע שילער גיין־און־קומען פון דעם גימנאַזיום מיט זייערע לערנביכער אונטערן אָרעם, צו וועלכן ער האָט צוליב זיין אָרימקייט נישט קיין צוטריטס־מעגלעכקייט. דאָס איז גע־וויס — האָט זיך האַנס געטראַכט — איינע פון די סיבות פון זיין האַס צו יידן און צו אינטעלעקטועלע, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין דעם רעדנערס וועזן פון זיין פריער יוגנט אָן. זיין אַמביציע איז געשפייזט־געוואָרן פון אַ פאַרביסענעם פאָלקס־שטאָלץ און עקשנות, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע פויערן־עלטערן, מערסטנס פון זיין מוטער (ווי עס איז צו זען פון איר פנים אויף די פאָטאָגראַפיעס, וואָס די צייטונגען האָבן געבראַכט. אויך אין די יידישע בילדערלעכע רייך־אילוסטרירטע צייטונגען האָט מען זיך מיט דעם רעדנער זייער אינטערעסירט און נישט פאַרפעלט צו ברענגען יעדע פּאָר טעג פאָטאָגראַפיעס פון אים און פון זיין פאַמיליע, און דורך דעם

אים מער פאָפולער-געמאַכט). די אַמביציע האָט אים געטראָגן אויף די פליגלען פון שנאה און האַס, וואָס די מלחמה און דער אונטערגאַנג פון מענטשלעכע ווערטן האָט דערצויגן אין אים, צו באַווייזן אַט די אַלע יידן, אינטעלעקטועלע, שרייבערס און פראָפעסאָרן, וועלכע לאַכן-אויס זיין עם-הארצות, אַז אומגעבילדעטע און אומדערצויגן וועט ער ווערן אַוועקגעשטעלט אין דער שפיץ פון זיין פאָלק דורך זיין אייגענער קראַפט... דאָס איז מענטשלעך און פאַרשטענדלעך. די צייט האָט געאַרבעט פאַר אים. די צייט האָט אויסגעבריט אין דעם פייער פון האַס אַלע זיינע באַהאַלטענע פאַנטאַסטישע חלומות, אין דער היץ פון מענטשלעכער נויט זענען זיי רייף-געוואָרן. די צייט האָט רעאַליזירט זיינע אַמביציעס. פונקט אַזוי ווי די צייט האָט געקאָנט ברענגען דערצו, אַז אַ פרעמדער אימיגרירטער ייד פון אָסטן זאָל ביי זיין, האַנטעגס, שטאָלצן פאָטער צונעמען די פירמע, אַזוי איז אויך דער רעדנער אַזאַ אינפלאַציע-געווינלער, פונקט ווי דער ייד יודקעוויטש, — האָט זיך האַנס געטראַכט, און געפרואווט אויסצוגיכטערן זיך פון דעם אומהיימלעכן פאַנטאַסטישן בילד, וואָס דעם רעדנערס האָלץ-געשניצטע פנים האָט אין האַנסן געשאַפן.

דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון זיין איינדרוק. וואָס מער ער האָט געהערט דעם רעדנער, וואָס מער ער האָט באַמערקט דעם אומפאַרשטענדלעכן ענטוזיאַזם, מיט וועלכן ער שטעקט-אָן זיינע צוהערער, וואָס טיפער און קאָנצענטרירטער ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם רעדנערס פנים, אַלץ מער איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם מיסטיציזם פון דעם איינדרוק, אַז דאָ געשעעט עפעס אומפאַרשטענדלעכעס, טייוולאָנישעס, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַ פענאָמען, וואָס שטראָמט-אַרויס פון אַן אומפאַרשטענדלעכער קראַפט... דער איינדרוק האָט זיך ביי אים נאָך מער פאַרשטאַרקט, אַז אויבן שטייט אַ געשניצטער גולם, נישט קיין מענטש, וואָס איצט האָט ער דערזען, אַז נישט נאָר דעם פנים פון רעדנער און זיין שטים פעלט יעדע מענטשלעכע עלאַסטישקייט, נאָר אויך אין זיין האַנט-באַוועגונג, אין זיין גאַנצן קערפער ליגט אַריינגעוואָרפן אַ שטייפקייט, אַ טויטע פאַרשטאַרטקייט, ווען

ער ציט-אויס די האַנט, ווענדיג אונטערשטרייכן אַ פּונקט מיט דעם אויסשטרעקן פון זיין פינגער. ער באַמיט זיך דערביי מיט אַ חיהשער אומבאַהאָלפנקייט אַרויסצוברענגען אַ ווייכן מענטש-לעכן, באַוועגלעכן שמייכל, אָבער זיינע האַלב-געגאָלטע ליפּן פאַרשטיינערן זיך ביי די ווינקלען און געבן נישט נאָך. די קינבאַקן, ווי זיי וואָלטן אַ קנאַק-געגעבן אונטער דער הויט, אַרויסגערופן דורך דער האַרטער באַוועגונג פון האַלצערנעם מעכאַניזם, באַוועגן זיך לויטן באַפעל פון זייער מעכאַניק, אָבער זיי קנייטשן זיך נישט, קורטשען זיך נישט און ציען זיך נישט אויס. איצט מאַכט עס שוין דאָס אויער אויך, אפילו די אַראָפּ-געפאַלענע גזשיווע אויף איין זייט הויבט זיך אויף און פאַלט,— ווי דאָס שייטל האָר, וואָס זיצט אויפן געשניצטן גולם, — אין איין מעכאַנישער באַוועגונג.

— גאָט, וואָס טראַכט איך? וואָס זע איך? איך מוז דאָך מיך צוזאַמענעמען. דאָס קאָן דאָך נישט זיין! דאָס איז אַן אָפּטישע אילוזיע, אַרויסגערופן דורך מיין צושטאַנד! — האָט זיך האַנס געזאָגט, געביסן זיך מיט די ציין אין די ליפּן. — דאָס קאָן דאָך נישט זיין דער טייוול!...

ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַרן וואָרט, וואָרים דאָס איז געווען דאָס געפיל, וואָס ער האָט געהאַט די גאַנצע צייט: דער טייוול אין זיין לעבעדיגן לייב שטייט אויף דער בינע און שיט פון זיך האַס און קללה און פאַרכישופט די מענטשן אין זיין קרייז.

— אום גאָטעס ווילן, וואָס טוט זיך מיט מיר? איך מוז אַרויסגיין פון דאַנען, איך מוז זיך האַלט׳!

האַנס האָט געפּרואווט נישט צו קוקן אויפן רעדנער, נאָר צו הערן בלויז זיין שטים. איצט האָט אים אויך די שטים פאַרפאָלגט. אין דעם האַרטן פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּאָ פון דער שטים האָט זיך ווי אַ משוגעת מיטגעשלעפּט די גאַנצע אומ-היימלעכע שרעק פון דעם מעכאַנישן געשטאַלט.

— איך מוז אַרויסגיין פון דאַנען, איך מוז פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג, אַניט וועל איך פון זינען אַראָפּ!

אָבער צו פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג איז געווען אוממעג-לעך. ער איז געווען איינגעמויערט צווישן אַן ענטוזיאַסטיש-

שרייענדיגער מענגע, פון וועלכער עס איז געווען אוממעגלעך זיין לייב פון זייערע אַרויסצושניידן. איבעריגענס, וואָלט זיין פאַרלאָזן דעם ביער-קעלער געקאָנט אַרויסרופן אויפזעען. דאָס האָט ער געוואָלט פאַרמיידן אויף אַלע אופנים. ער האָט גע־וואוסט, ווי געפערלעך דאָס קאָן זיין, ווען זיי וועלן אַנטדעקן זיין אָפּשטאַם. ער האָט זיך געגומען אין זיינע הענט, קאָנצענ־טרירט זיך צו טראַכטן לאָגיש און נישט לאָזן זיך אָפּנאַרן פון אָפּטישע אילוזיעס.

„דער וואָס שטייט דאָרט אויבן איז דאָס מויל פון דער צייט. די צייט האָט אים אַרויסגעגעבן", — האָט ער אין זיך געזאָגט.

די מענטשן ליידן שוין ניין יאָר. די וועלט גייט-אָפּ אין דעם בלוט פון איר אויסדערוויילטן באַשעפעניש — פון מענטש. מיר ווייסן נישט, צי די חיות אין וואַלד האָבן זיך אַמאָל אַזאַ אָרגאַניזירטע אויסשלאַכטונג איינגעאָרדנט, ווי דער מענטש אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה. מיליאָנען יונגע לעבנס האָבן די ערד פון אייראָפּע און אַנדערע טיילן פון דער וועלט פעט-געמאַכט מיט זייערע גופים. מיליאָנען יונגע לעבנס פוילן אין דער ערד, אויף אַלע בית-עולמס, אויף די נאַקעטע פעל־דער, אין די פאַרשטעקטע באַהעלטענישן פון די וועלדער, אין די טיפע וואַסערן. יונגע לעבנס שרייען נאָך נקמה, דאָס בלוט וויל זיך נישט באַרואיגן. דאָס פאַרגאָסענע בלוט, צעגאָסן אי־בער די וועלט-פעלדער, רופט פון דער ערד אַרויס. האָבן זיי געשיקט איינעם פון זיך צוריק אין לעבן אַריין, ער זאָל פאָ־דערן זייער נקמה! איז ער דען אַליין נישט געווען אַ קריגס־באַטייליגטער, דער רעדנער? געוויס איז ער געווען. אַ פעלד־פעבל איז ער געווען.

דער פעלדפעבל פון טויט איז אין לעבן צוריקגעקומען און וויל די וועלט אין אַ קאַזאַרמע איינשליסן, ווי זיי האָבן עס געטון מיט די טויטע.

יאָ, דאָס איז עס. דער רעדנער איז דאָס מויל פון טויט. דער טויט האָט געשיקט זיין נביא אין לעבן אַריין אין גע־שטאַלט פון אַ האַלצערנעם פעלדפעבל.

אין האַנסן איז עפּעס אויפגעגאַנגען, ער האָט זיך דער־מאָנט אַ פיגור פון דער ליטעראַטור, אַ געשטאַלט ביי דאָסטאָ־

יצווסקין. — דער געבילדעטער ברודער וויל דעם פּאָטער הרגענען, רעדט ער איין דעם אומגעבילדעטן, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט, עס איז נישטאָ קיין דין-ומשפּט און מען מעג אַלץ טון.

דער אומגעבילדעטער ברודער פירט-אויס דאָס שליחות פאַרן געבילדעטן און ער דערמאָרדעט דעם פאָטער.

ניין, דער וואָס שטייט אויבן, מיט דעם האַלץ-געשניצטן פּנים, מיט די פאַרשטייפטע באַוועגונגען, מיט דער ניוואַנסלאָ-זער שטימע און וואַרפט פון זיך אַרויס שטיקער קאַלט פייער פון שנאה און האַס, קאַכט זיך, שרייט, ליאַרעמט און קלאַפּט אין טיש, מעכאַניש, ווי פון אַ מאַשין אַרויס, אָן ליידנשאַפט, אָן ווילן, אַפילו אָן וויסן, — איז עס נישט דער טייוול? — יאָ, ער איז עס! ער איז עס! אַ האַלצערנער סמערדיאַקאָוו! אַ דייטשער סמערדיאַקאָוו!

עס איז אַ סטיכישע קראַפט, אַ שליח פון גאָט, אַקעגן וועלכן מען קאָן קיין פאַרנונפט, קיין לאָגיק נישט אָנווענדן. בחינם דער קאַמף, דער טויט נעמט נקמה. דער טויט האָט אַ גולם געשאַפן. סמערדיאַקאָוו גייט-אַרום מיט אַ מעסער אין האַנט! דער געבילדעטער ברודער האָט געזאָגט, עס איז קיין גאָט נישטאָ!

## קאַפּיטל 25

# די שטימען פון אומבאַקאַנט גאָט

ער האָט געזען דעם מערדער פון זיין פרייד, דעם מער־דער פון לאָטען און פון דעם, וואָס האָט נאָך קיין נאָמען נישט געהאַט. ער האָט אים געפונען. אויף דער פּלאַטפאָרם פון דער בינע איז ער געשטאַנען, בעת דער פאַרזאַמלונג, מיט דעם בלוטיגן מעסער נאָך אין דער האַנט און האָט זיך גערימט מיט זיין טאַט און האָט צוגעגעבן חשק, אָנגערעדט צו ווייטערדיגן מאָרד. עס איז אָבער נישט געווען ער אַליין. דער מערדער איז אַנאָנים, דער מערדער האָט זיך אין אַ מאַסע, אין אַן אידעע, אין אַ פּאַרטיי פאַרקערפּערט.

וואָלפגאַנג, דער ריכטיגער אויספירער פון מאָרד, האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, איז פאַרטרונקען־געוואָרן ווי אַ טראָפּן אין פלייצנדיגן שטראָם. ער איז נאָר געווען אַן אומבאַדייטנדי־גער, אפשר דער אַמווינציגסטן שולדיגער, דערפאַר ווייל דער אַממייסטן אומגליקלעכער, וואָס ער איז געווען בלויז די טויטע אומווילינגע האַנט, וואָס האָט געצויגן דאָס צינגל פון רעוואָל־ווער. אַזוי אומפערזענלעך און אומגרייפבאַר, דעריבער אומ־שטראָפבאַר, ווי דער שטומער מעטאַלענער מעכאַניזם פון דעם רעוואָלווער אַליין, וואָס האָט דעם טויט געבראַכט. דער ווילן צום מאָרד, דער מערדער אַליין אין זיין פּערזאָן, איז דאָ גע־ווען היינט אָוונט אויף דער פאַרזאַמלונג. ער האָט אים געזען. ער האָט זיך געפונען מיט אים אויג־אויף־אויג. ער שיט זיך

איצט אַרויס פֿון דער מיט שנאה און שוויס־שטינקענדיגער, פֿאַררויכערטער ביער־האַליע אין טויזנטער טיילן, אָנגעלאָדנט מיט בייזוויליגקייט, מיט גלוסטונג נאָך בלוט־פֿאַרגיסן. געטראָגן פֿון דער קראַפֿט פֿון זינד, נקמה און האַס, אומפֿערזענלעך און אומגרייפֿבאַר, ווי אַ גיפֿטיגער גאַז־וואָלקן, וואָס ווערט אַרויסגעשאָסן פֿון גאַז־באָמבעס — אַזוי צעשיט ער זיך אין טויזנטער, טויזנטער יונגע, קרעפֿטיגע מענטשן־לייבער, וואָס טראָגן פֿאַרניכטונג, מאָרד און טויט...

אַ שוואַרצע נאַכט רוקט זיך אָן איבער זיין לאַנד, אפֿשר איבער דער וועלט. מיר גייען־אַנטקעגן אַ וואָלקן, וואָס טראָגט אין זיינע געדיכטענישן טויט און פֿאַרניכטונג פֿאַרן לייב און פֿאַר דער נשמה. אָ, ווער וועט דעם וואָלקן איינהאַלטן! אַ כּוח איז אויפֿגעשטאַנען, וואָס זויגט פֿון די אומריינע בריסטן פֿון שנאה און נקמה, וואָס די גרויסע וועלט־זינד — די מלחמה — האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט, און דער כּוח ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, מעכטיגער. ער וואַקסט־אויס צו אַ גיגאַנטישן גולם, וואָס מיט דעם כּישוף־וואָרט פֿון ענג־האַרציגן פּאַטריאָטיזם פֿאַרכּישופֿט ער זיי אין זיין קרייז אַריין. ער שפּילט פֿאַר זיי אויף זיין אָרפֿעאוס־פֿלייטל אַ ליד פֿון האַס, און דאָס ליד ברענגט זיי אַריין אין אַ פֿאַרכּישופֿטן עקסטאַז, וואָס מאַכט זיי בלינד־און־טויב פֿאַר יעדער מענטשלעכער דערהויבנקייט, פֿאַר יעדן אמת און יושר, וואָס דורות, — דורות פֿון גייסטער — האָבן פֿאַר די מענטשן אויפֿגעשטעלט. מיט אַ פֿייערדיג אייזן ברענט ער אויס פֿון זייערע הערצער יעדעס געפֿיל פֿון פּרימיטיווער גערעכטיגקייט, יעדע גאָטספּאָרכטיגקייט, יעדן ענטוזיאַזם פֿאַר הייליגער שיינקייט, וואָס איז אין זייערע הערצער פֿאַרפֿלאַנצט־געוואָרן. ער מאַכט אַ פֿאַרניכטענדיגן שטריך איבער אַלע אָנגענומענע אמתן, איבער דער גאַנצער מענטשלעכער אויפֿדערוויילטקייט, איבער אַלץ, וואָס איז דורך גיגאַנטישע אָנשטרענגונגען פֿון מענטש דערוואָרבן־געוואָרן, דורך אַלע יאָרן פֿון זיין אַנטוויקלונג באַרייכערט־געוואָרן דורך געטלעכע אַספּיראַציעס, געקויפֿט דורך בלוטיגע דערפֿאַרונגען, געירשנט דורך אויסגעליידלטע דורות־און־דורות — פֿון אַלעם מאַכט ער אַ תּל. ער קנעט־איבער דאָס מענטשן־טייג, קוועטשט־אויס דערפֿון יעדע

איידעלע מאַטעריע, פֿון וועלכער עס שאַפֿט זיך די פּערזענלעכקייט און פֿאַרוואַנדלט זיי אין אַ נישט־איבערקלייבערישער, אָנבּרירהדיגער קויטיגער מענטשן־מאַסע, אין אַ ליים, וואָס האָט קיין בּחירה נישט, קיין ווילן, קיין דענקונגס־אָרגאַן, קיין קריטישן אַנאַליז, נאָר צו זיין פֿאַרשאָלטן און אָנגעקניפּט אין אַ בּלינדן ווילן פֿון האַס און פֿאַרניכטונג, וואָס אַ טייוול האָט אין אַ גולם אַריינגעוואָרפֿן, כּדי די וועלט צוריקצוברענגען צו אַ מצב פֿון אָנהייב, צו אַ תּהו־ובֿהו...

וואָס איז אין דער שרעק פֿאַר דעם אומהיימלעכן, וואָס קומט, פֿאַר דער נאַכט, אין וועלכער מיר טרעטן־אַריין, געוועזן זיין פּערזענלעך אומגליק?

„אָבער ווער זאָגט מיר, אַז עס איז דאָ אַן אַנדערער, אַ ריינער כּוח, וואָס זאָל מיר געבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז דאָס וואָס קומט איז שלעכט? ווער זאָגט מיר, אַז די זונען־שטראַלן זענען נישט אַזוי בּלינד און קומען אומבּאַרופֿענע, צופֿעליגע, פֿון דערזעלבער שויס געפֿאַלן, ווי די פֿאַרניכטענדיגע שרעקלעכע שטורעמווינטן? דערפֿאַר ווייל די זונען־שטראַלן זענען מיר באַקוועמער — רוף איך זיי: גוט? אמת? הימלישע? און דאָס אַנדערע — דאָס איז פֿון טייוול? איך, אַ בּעל־חי, איינגעשלאָסן אין זעלבן אייזערנעם רינג פֿון נאַטור־געזעצן, ווי יעדעס אַנדערע נידעריגע און קויטיגע באַשעפֿעניש — איך קאָן מיך מיט מיין גאַנצער חכמה, געטלעכער אינספּיראַציע און אַלע אַנדערע גוטע זאַכן (וואָס מיר האָבן זיך איינגערעדט) נישט אויף איין האָר באַפֿרייען פֿון דער אייזערנער קייט, אין וועלכער איך בּין געפּענטעט... איך ווייס נאָך נישט, צי די יצירה האָט געמאַכט איין שטיקל אויסנאַם פֿאַר מיר! עס איז מיר קיין צייכן און קיין באַווייז נישט געגעבן, אַז איך שטיי אין אַ פּריווילעגירטער און העכערער שטעלונג ווי יעדעס אַנדערע באַשעפֿעניש! איך האָב זיך איינגערעדט, אַז עס איז דאָ אַ העכערער כּוח, צו וועלכן איך בּין צוגעבּונדן, וואָס איך רוף: לאָגיק, פֿאַרנונפֿט, ערלעך, אמת, געטלעך און אַלע אַנדערע אויסגעטראַכטע ווערטער. דאָס וואָס איך האָב היינט געזען איז דער בּעסטער באַווייז, אַז עס איז גאָרנישטאָ. יעדנפֿאַלס ווייסן מיר נישט, האָבן מיר קיין רעכט נישט צו באַהויפּטן, אַז עס

איז דאָ עפּעס העכערס איבער אונז, אין וועמענס רשות מיר שטייען. מיר זענען אויס דעמזעלבן טייג געקנעטן, ווי די גאַנצע יצירה, אונטערגעוואָרפן אונטער דיזעלבע שוואַכקייטן (פאַרוואָס רוף איך עס שוואַכקייטן?), אונטער דיזעלבע לוסט־פאַרלאַנגען (וואָס עמעץ האָט אין אונז אַריינגעוואָרפן) צו נערן זיך און צו מערן זיך, נישט געקוקט אויף וואָס פאַר אַ חשבון, צו צעפליישן איינס דאָס אַנדערע, דאָס בלוט אויסצוזויגן פון ברודער־באַשעפעניש, צו לעבן אויפן חשבון פון צווייטן, ווי די גאַנצע נאַטור, וואָס איז איין גרויס מלחמה־פעלד. אַלעס אַנדערע איז איינגערעדטע, אומבאַרעכטיגטע, אומבאַווייזבאַרע טענה. פאַר אונז, יעדנפאַלס, איז די בכורה נישט געגעבן־געוואָרן, מיר זענען פאַרשקלאַפטע אין דעם רינג פון אונזערע נאַטורן, פאַר אונז עקזיסטירט קיין אויטאָריטעט נישט, לית דין ולית דיין. עס איז אַן אייביג וויסט פינסטערניש, אין וועלכן מיר דרייען זיך אַרום, אַ פינסטערניש, וואָס גייט־איבער פון איין דור צום אַנדערן. איין כוח עקזיסטירט גאָר אין דעם פינסטערניש — דער כוח פון פרעסן און פאַרניכטן, דער זיג פון שטאַרקן איבערן שוואַכן.ביים לעצטן סוף דערוואַרט אונז איין גורל,—סיי דעם, וואָס איך רוף מענטש, סיי דעם, וואָס איך רוף וואָרעם; סיי דעם, וואָס איך רוף גערעכט, סיי דעם, וואָס איך רוף אומגערעכט. דער גורל פון יעדן עקלדיגן בעל־חי — איז דאָס צוריקפאַלן אין קויטיגן טייג פון חומר, פון וועלכן די יצירה שאַפט אונז.

וואָס איז דער באַווייז, אַז עס איז אַנדערש? ווער איז דאָס דער נביא, וואָס איז ביי אונז אויפגעשטאַנען? וואָס פאַר אַ צייכן איז אונז געגעבן־געוואָרן פון הימל, אַז מיר זאָלן גלויבן? דאָס וואָרט? די לאָגיק? די חכמה? דאָס געטלעכע געפיל? די תשוקה נאָך דער געטלעכקייט, וואָס מיר רעדן זיך איין? — דאָס וואָרט איז אָפּגענאַרעריי. דאָסזעלבע וואָרט, וואָס דינט ביי איינעם פאַר דער ברכה, דינט דעם צווייטן פאַר דער קללה. וויפיל קלוגס, גוטס און אמת איז שוין געזאָגט־געוואָרן די מענטשן דורך אַלע גייסטער פון אַלע דורות, וועלכע האָבן געפּרעדיגט גוטס און דערהויבנס דורך דעם וואָרט, — פּריסטער, נביאים און דיכטער? געזעץ־געבער און וואָרט־זאָגער? פון די

כינעזישע חכמים ביז עגיפּטישע פּריסטער, יידישע נביאים, גריכישע פילאָזאָפן און הומאַניטאַרע פּרעדיגער? דער גאַנצער מבול פון ווערטער, וואָס איז צו אונז געקומען דורך אַלע דורות, — וואו איז זייער איינפלוס אויפן מענטש? געשריבן זענען זיי געוואָרן אין וואַסער — און זייער שפּור איז אויס-געלאָשן. די חכמה, די וויסנשאַפט? — בלינד-פאַררעטעריש, אָן אויסוואַל צום גוטן. דיזעלבע חכמה, וואָס אַנטדעקט אונזערע נייע געזעצן פון דער נאַטור, וואָס רייסט-אַרויס די געהיימנישן פון דער נאַטור, דעם מענטש צו דינען, נוצט-אויס איר אַנטדע-קונג די מענטשן צו פאַרניכטן. זי איז בלינד, ווייל זי איז אַ פּראָדוקט נישט פון דער אומאָפּהענגיגער מענטשלעכער בחירה, נאָר געבונדן אין זיינע עגאָיסטישע אינטערעסן, אַרויסגערופן דורך צוועקן פון אייגננוץ. זי האָט נישט גאָט אין האַרץ. זי באַרייכערט דעם ווילדן מענטש מיט שאַרפערע כּלי-זיין, זי שאַרפט נאָר זיינע ציין-און-נעגל, כּדי אַנדערע צו פרעסן, ווי זי האָט עס געטון אין קריגס-צייט, ווי זי טוט עס איצט טאָג-טעגלעך. די וויסנשאַפט איז אַ דעראָבערונגס-מיטל אויף דעם מלחמה-פעלד פון עקזיסטענץ, אָן יעדן גייסטיגן געוויכט, אַ צוואַנגס-מיטל צו באַהערשן אַנדערע, אָן יעדער גאָט-צוגעהעריג-קייט. דאָס געפיל פאַר שיינקייט? די מוזיק? די קונסט? גריכי-שע ליניען? בעטהאָווענישע טענער? רעמבראַנדישע אָדער סע-זאַנישע פאַרבן? — דאָס איז אַ שפּיל פון געמיט, אַ בין-השמשות-שטימונג, אָן אַריינפאַלן אין מעלאַנכאָליע, ווי די מאָל-פּעס ביים זון-אונטערגאַנג! אַנאָבירט טוליען זיי זיך צו זיך אַליין אויס אימה פאַרן אומבאַוואוסטן, אַ שרעק פאַר דעם איי-גענעם וועזן... קיין גאָט-געצייכנטער, קיין הימלישער באַווייז, קיין אויסנאַם. אויך חיות האָבן שטימונגען; אונטערגעוואָרפן אונטער געמיט-צושטאַנדן, קלאָגן זיי און וואָיען אין די נעכט. די קונסט — דאָס איז אונזער שאַקאַל-געוויין אין דער נאַכט. געטלעכע אינספּיראַציע? די תשוקה נאָך אַ גלויבן? דאָס אומ-מעכטיגע רייסן זיך אין די הימלען? — דאָס איז אַ כּלי-זיין, וואָס דער שוואַכער, דער ייד, האָט אויסגעטראַכט, כּדי צו דער-האַלטן זיין עקשנותדיגע און אַנטעמדיגע עקזיסטענץ! און די באַרישע פעלקער האָבן עס איבערגענומען — אַן אָפּגענאַר-צייכן

אין זייער פֿאַרבלאָנדזשעטקייט, אַ מיראַזש אין זייער מדבר, וואָס דערשיינט און פֿאַרשווינדט... זיצן זיי דען נישט איצט, די יידן, ביי אַ טויטער וואַנט און וואַרטן אויף דעם דערלייזער? און די, וואָס זאָגן, אַז ער איז שוין געקומען — וואו איז ער? וואו זענען זיינע שפּורן? סיי די, וואָס גלויבן, אַז ער איז שוין געקומען, סיי די, וואָס דערוואַרטן אים, זיצן זיי אַלע ביי אַ טויטער וואַנט און היטן אַ לעערן פּלאַץ. גאָרנישט איז דאָרטן דאָ, נאָר אַן אילוזיע, אַ מיראַזש, וואָס מענטשן האָבן זיך איינגערעדט, קיין שפּור פֿון זיין קומען איז נישטאָ, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען... מיר זענען אַליין צו אונזער מזל איבערגעגעבן, אונזער מזל איז דערזעלבער, ווי פֿון דער גאַנצער יצירה. — אַ בלינדער, פֿון אונז נישט אָפּהענגיגער, נאָר אַ געבונדענער אין אייביק-פֿירנדיגע געזעצן, וואָס מאַכט נישט קיין חילוק צווישן מענטש און וואָרעם, צווישן אַלוועלט און פֿאַרטרוקנטן בלאַט — אַלץ איז אונטערגעוואָרפֿן אונטער דעם איינעם געזעץ פֿון שאַרפֿע נעגל און שפּיציגע ציין. צו דעם צוועק האָבן מענטשן געשאַפֿן שטאַמען, שבטים, פֿעלקער. אויך די חיות אין וואַלד בינדן זיך צונויף אין סטאַדעס און קעמפֿן צוזאַמען, מין מיט מין. ביז איצט האָבן עס די מענטשן געטון אין נאָמען פֿון קסרים, פֿון לענדער, פֿון געטער, היינט טוען זיי עס אין נאָמען פֿון סיסטעמען. אַלצאיינס, צי דאָס סיסטעם איז נאָר אויסן זיין אייגענעם שטאַם שטאַרק צו מאַכן אָדער קלאַסן די הערשאַפֿט צו געבן. דער צוועק איז דערזעלבער — דעם שוואַכן צו פֿרעסן. איך בין באַשטראָפֿט-געוואָרן נישט דערפֿאַר, ווייל איך האָב זיך מיט עפּעס פֿאַרשולדיגט, נאָר ווי אַ שוואַכערע חיה בין איך געפֿרעסן-געוואָרן פֿון אַ שטאַרקערע! דאָס איז אונזער ריכטיג פּנים, דאָס איז דער אמתער גורל, דאָס איבעריגע איז אַלץ איינרעדעניש. זיי העלפֿן אויף אַ ווייל, טיילמאָל לענגער, טיילמאָל קירצער. דורך די הפסקות רעדן מיר זיך איין, אַז עס וועבן זיך פֿעדים פֿון מענטש-צו-מענטש, אַז עס איז דאָ אַ בשותּפֿותדיגער, אַלוועלט-לעכער גייסט, אָבער ווי פֿאַרשאָלטענע פֿאַלן מיר באַלד צוריק צו אונזערע נאַטורן און מיר שלעפּן מיט אַריין אין אונזער שמוץ און מיסט אונזערע דערפֿאַרונגען, אונזער חכמה, אונזער

קונסט, אַפילו אונזער געפיל פאַר געטלעכקייט, וואָס מיר רעדן זיך איין, אַז מיר האָבן עס פון די הימלען באַקומען. ווייל אַלץ, וואָס מיר שאַפן, איז ווי מיר אַליין פאַרשאָלטן מיט חיהשן מזל, איינגעשלאָסן מיט אונז אין דער אייזערנער שטייג פון אונזער נאַטור.

אויב אַזוי, וואָס איז־זשע די פעולה פון אונזער קאַמף? וואָס איז דער ציל פון גאַנצן לעבן? כדי נאָר צו זיין ווערמ־דיג פלייש פאַר דער שטאַרקערער חיה? צו וואָס די פיין? צו וואָס דאָס ראַטעווען זיך פון געפאַר־צו־געפאַר, פון גרוב־צו־גרוב, ביז ענדלעך צו פאַלן אין גאַנג פון גורל אין מויל פון דער חיה, פון צוועקלאָזער פאַרניכטונג? צו פאַרוואַנדלען זיך אין ציפּושדיגן שטאָף, פון וועלכן אונזער מאַטעריאַל איז געמאַכט? פאַרוואָס נישט באַנוצן דאָס קליינע ביסעלע ווילן, דאָס קליינע אָפּענע טירל פון אייגענער בחירה צו דעם צוועק זיך אַליין צו פאַרניכטן? צו וואָס האַלט איך מיין רעוואָלווער גרייט פאַר אַ שונא, וואָס איז אומפּערזענלעך, געציאָגט דורך דעם כוח פון דער נאַטור צו פאַרניכטן, ווי יעדע אַנדערע חיה? פאַרוואָס אים נישט באַנוצן פאַר זיך אַליין?! צוריקצופאַלן צו יענעם צושטאַנד, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אונזער נאַטור, צו דער אומדעגקנדער, קויטיגער מאַטעריע, מאַכטלאָז ווי אונזער ווילן און אונזער בחירה איז?!״

ער איז געשטאַנען אין דער באַלויכטונג פון די מינכענער גאַסן, געגנאיבער דעם פּאַלשן, שלעכט־נאָכגעמאַכטן, אין רענע־סאַנס־סטיל געבויטן מינכענער ראַטהויז. די לאָמפּן האָבן באַ־לויכטן די אומצייליגע קליינע נישעס, געוועלב־בויגנס, מיט די שרעק־פאַרשפּרייטנדיגע און ביז צום האַלז באַפּאַנצערטע דייטשע ריטער — גולמס, וועלכע זענען געשטאַנען אין זיי און אין דער באַלויכטונג פון דער נאַכט האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען פון זייער באַגראָבענער פאַרגאַנגענהייט אויפגעשטאַנען פון די קברים אַרויס, צוריקגעקומען אין אונזער לעבן אַריין, דאָס פינסטערע מיטלאַלטער צוריק איינצופירן. אין דער נאַכט פון קאָשמאַר, שרעק, האַס און רציחה איז אַלץ מעגלעך־געווען. זיי זענען אַרויסגעטרעטן פון די נישעס, אַראָפּגעגאַנגען פון די פּיעדעסטאַלן, אויף וועלכע זיי שטייען איינגעמויערטע אין זייע־

רע צעמענטעגע מלחמה-קליידער און האָבן זיך מיט די מענטשן אויף דער גאַס אויסגעמישט. די מענטשן אויף דער גאַס, אין די מאָדערנע מלחמה-קליידער, אין די ווינט-בלוזעס, מיט פּאַסקעס באַשנאָלט, מיט רעוואָלווערן-שנורן, האָבן דיזעלבע פּנימער — פאַרשטיינערטע, אומפּערזענלעך, ווי די ליימענע גולמס אין די נישעס. איצט האָבן זיי זיך אויסגעמישט, מען האָט זיי נישט געקאָנט אונטערשיידן, ביידע זענען געקומען דעם מיטלאַלטער צוריק אויף דער וועלט ברענגען.

און מערקווירדיג, דווקא די פאַרשטיינערטע גולמס אין דער וואַנט, די וואָס האָבן אַמאָל די וועלט אין קלעמען פון טויט געהאַלטן, דווקא דער אָנבליק פון די אַמאָליגע טעווטאָנען, וואָס עס האָט זיך גערדאַכט, אַז זיי זענען אין לעבן צוריקגעקו-מען, האָט דערוועקט אין האַנסן אַ טראָציגן ווידערשטאַנד, אויפגעפלאַמט אין אים די לעצטע רעשט פון גלויבן, וואָס האָט געטליעט אונטער דעם אַש פון פאַרניכטונג און פאַרצווייפ-לונג. די וועלט רייסט זיך פון די נעגל פון דער חיה, וואָס באַפאַלט זי פון צייט-צו-צייט. עס איז נישט קיין פאַרפאַלן, פון גורל באַשערט אומבחירהדיג זינקען אין כף-הקל אַריין, נאָר עס איז אַ קאַמף, אַ פאַרביטערטער געראַנגל צווישן גוטן און שלעכטן, פון דער דערלייזונג געגן דער פאַרשקלאַפונג פון מזל. עס זענען שוין געווען אַזעלכע פינסטערע צייטן, וואָס קומען יעדעס מאָל אָן אויף אונז; עס זענען שוין געווען ערגערע צייטן, ווען עס האָט זיך גערדאַכט, אַז די וועלט ווערט פאַר-צוקט צווישן די ציין פון דער חיה-נאַכט, וואָס האָט זי צעטרעטן מיט אירע לאַפּעס, און זי, די וועלט, האָט זיך דורך דעם ווילן צו דערלייזונג, דורך דער תשוקה צו געטלעכקייט, וואָס איז אַ טייל פון איר נאַטור, אויפגעהויבן זיך דורך בלוט-און-פייער, מיט טייערע הייליגע קרבנות, וואָס זי האָט געבערענגט אויף דעם מזבח פון איר גלויבן אין בעסערן. זי האָט זיך אַרויסגעדראַפּעט פון אָט די לאַפּעס פון די גולמס, וואָס זענען איצט אַרויסגעטרעטן פון די נישעס און געקומען אין לעבן אַריין דעם מיטלאַלטער צוריקצוברענגען. אַזוי איז עס פון צייט-צו-צייט. עס דאַכט זיך אונז, אַז מיר זענען שוין אָנגעקומען צו אַ מעטע, מיר קלאַפּן-אָן מיט אונזערע שטערנס אין אַ

טויטער וואַנט. עס דאַכט זיך, אַז עס איז נישטאָ קיין ווייטער, און עס שטייט-אויף אַ דערלייזער, אַן אומבאַקאַנטער קעמפער, ברענגט אונז פון דער געטלעכקייט אַ וואָרט, אַ שליחות. ער באַשאַפט גבורים, מאַרטירער, מיסיאָנערן און באַפרייט דעם מענטש פון זיין חיהשן שיקזאַל, אין וועלכן ער איז שטעקן-געבליבן אויף אַ ווייל. פונקט אַזוי ווי די יידנישע וועלט האָט געמוזט קאַפיטולירן פאַר דעם געטלעכן מעסיאַנישן געדאַנק, וואָס איז געקומען פון אַ פאַרוואָרפן לאַנד און אַ פאַרהאַסט פאָלק, וואָס האָט געברענגט דערלייזונג, לעבנס-קראַפט צו דער פאַרשמאַכטנדיגער מענטשהייט. פונקט אַזוי ווי דאָס פינסטערע מיטלאַלטער האָט געמוזט אָפּטרעטן זיין אָרט פאַר דער הומאַני-שער אידעע, וואָס איז פון אונטער איר באַגראָבענעם אַש אויפ-געשטאַנען, — אַזוי וועט אויך אונזער וועלט, אונזער גאָטלאָזי-קייט אָפּטרעטן איר אָרט פאַר עפּעס נייעס, וואָס קומט. אונזער וועלט האָט זיך אַליין אוממעגלעך-געמאַכט, איבערגעלעבט זיך. דורך דעם גייעג נאָך מאַטעריעלע גיטער האָט זי פאַרלוירן יעדן צוזאַמענהאַנג מיט דער געטלעכקייט און דערפירט צו דעם זינלאָזן, מענטשן-צעפליישנדן קריג. זי איז רייף-געוואָרן צו פאַלן ווי אַ פאַרפוילטע פרוכט, אָפּצוטרעטן פאַר אַן אַנדערער אידעע, וואָס וועבט זיך אין איר, פאַר אַ נייעם גלויבן, פאַר עפּעס אומבאַוואוסטעס, וואָס איז שוין אין אונז דאָ, וואָס זייע-רע כוחות אַרבעטן שוין אין אונז. דאָס וואָס מיר לעבן-אַדורך איצט, איז דער קאַמף פון גוטן קעגן שלעכטן, דער אייביגער פּראָצעס, וואָס גייט-אָן אין אונזער לעבן.

האַנס האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט זען אַלס ווע-רים-פליש, בלויז באַשאַפן דערויף, כדי געפרעסן צו ווערן פון אַ שטאַרקערער חיה. ער האָט זיך נישט געקאָנט מער געפינען איינגעקייטלט אין דעם רינג פון פאַרשאָלטענעם חיהשן מזל. ער האָט צוריקגעווינען זיין גאַנצע מענטשלעכע אויסדערוויילט-קייט, זיין באַזונדערע שטעלונג, דורך דעם ווילן צום גוטן, דורך זיין אויסוויילערישער באַגאַבונג, דורך זיין אינסטינקטיווער דער-קענונג צווישן אמת און שקר, פון דערלייזונג און פאַרפאַלנקייט; ער האָט געפונען דעם באַנד מיט דער אומבאַקאַנטער געטלעכ-קייט, באַוואוסטזיניג זיך געשאַרט צו די חיילות פון דערלייזער.

עקשנותדיג אויסהאַלטן, טראָציג שטעלן דעם שטערן געגן שונא. אין דעם קאַמף מוזן די ליניען זיין קלאָר געצויגן, מען מוז נאָר וויסן, אויף וועלכער זייט מען שטייט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט אין מיטן גאַס אין גערויש, אין דער טונקעלער באַלויכטונג, אין דער שטערן־שימערירנדיגער נאַכט. — ער האָט זי געזען, לאָטען, נעבן זיך, זי אין איר גאַנצער אָפּגערונדיגטער, גאַנץ פולקאָמענער פערזאָן. ער האָט זיך געשעמט פאַר איר.

ווי אַזוי האָט ער זי געקאָנט פאַרלייקענען? פאַרמשפּטן זי צו ווערעמדיג פלייש, געפרעסן צו ווערן פון דער חיה? ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט אויף איין מינוט אָפּזאָגן, שלום־מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס פאַרהאַנענע און דאָך נישט־פאַרהאַנענע וועזן, דאָס עקזיסטירנדיגע און דאָך נישט־עקזיסטירנדיגע וונדערבאַרע וועזן לאָטע, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אין זיינע אָרעמס געהאַלטן, האָט געלעבט און איז שוין מער נישטאָ, זי איז אָן אַ שום זינען, נישט פאַר קיין שום אידעע, אָן יעדער פאַרשטענדעניש, אויף אייביג פון אַ ווילדער חיה פאַרצוקט געוואָרן? ער האָט איצט אַרום זיך געפילט די אָפּגעשלאָסענע פערזענלעכקייט פון לאָטען און אַלץ, וואָס זי האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך, אַלע האָפענונגען פון גליק פאַר אַ גאַנץ לעבן, וואָס זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי וואָלט אים מיט טויזנטער אָרעמס אַרומגענומען. ער פילט די נשמה, וואָס פלאַטערט־אַרויס פון איר, וואָס זיצט אַ נאַקעטע אויף די איידעלע ליניען פון אירע קנאָכיגע גלידער, וועלכע שניידן זיך פון איר הויט אַרויס. האָט ער זי דען נישט נעבן זיך? יעדע שעה, יעדע מינוט פון זיין לעבן? זינט זי איז אַוועקגעגאַנגען פון אים, האָט ער זי, סיי דאָ אויף דער גאַס צווישן מענטשן, סיי ביי זיך אין זיין איינזאַמקייט. האָט ער זי דען נישט נעבן זיך אין דעם איידעלן צושטאַנד, אין וועלכן זי געפינט זיך, מיט דעם אומבאַוואוסטן, אָן־נאָמענדיגן, נאָכנישט פאַרהאַנענעם — און דאָך דאָס טייערסטע און אינטימסטע, וואָס איר לייב טראָגט אין זיך?... פילט ער דען נישט אויף הונדערטער אופנים איר הויך, דעם אָטעם פון איר לייב? פילט ער דען נישט יעדן אויגנבליק די וואַרימקייט און די איידלקייט פון איר קערפּער!

איידלט זי אים דען נישט מיט דעם אָנבליק פון איר דערינערונג? ברענגט זי אים דען נישט אַריין אין שטילן אַנטציקנדיגן עקסטאַז, מיט דער ציטערנדיגער, וויברירנדיגער מוזיק, וואָס איר שטימע גיט־אַרויס פון זיך? זעט ער זי דען נישט מיט איר גאַנג, איר פיגור, איר פנים? זי, לאָטע — איז זי דען נישט מיט טויזנטער פעדים פאַרבונדן מיט אים אויף אַלע אייביגקייטן? פילט ער דען נישט דעם ציטער פון דער לופט אַרום איר? זעטיגט ער נישט דען אין שיכורן עקסטאַז זיין אויג, זיין אויער, אַלע זיינע חושים מיט איר אָנבליק? ווי אַזוי האָט ער זי געקאָנט פאַרמשפטן צו זינלאָזן, חיהשן אונטערגאַנג? איז זי דען נישט אַ הייליגע געפאַלן אין קאַמף פאַר עפּעס העכערס, שענערס? די געטלעכקייט, וואָס איז דאָ אין אונז, טרייבט אונז אָן צום קאַמף געגן דעם חיהשן שיקזאַל. און זי, לאָטע, איז אַ הייליגע מאַרטירערין, געפאַלן אין דעם קאַמף פון אונזער באַשערטער אויסדערוויילטקייט. די הייליגע מחנות מאַרטירער פון אַלע דורות, וואָס האָבן אויסגעטרעטן פאַר אונז דעם וועג צו אונזער געטלעכער מענטשלעכקייט, ווי די מאַרטירער פון קריסטנטום, פון הומאַנישן אידעאַל, פון אַלע הייליגע דערלייזנדיגע אויפשטאַנדן פאַר דער מענטשלעכער אויסדערוויילטקייט— זייער בלוט איז דער געטלעכער זאַפט, וואָס אַרבעט אין אונז— לאָזן אונז נישט פאַרפאַלן־ווערן אין חיהשן צושטאַנד, זיי וועקן אין אונז דעם ווילן צום בעסערן, די תשוקה צו געטלעכקייט.— ווי אַזוי האָב איך זי געקאָנט פאַרלייקענען?...״

„איך בין פאַרבונדן מיט איר אין אַלע אייביגקייטן. ווי אַזוי איז זי פאַרשוואונדן, אין ווערעמדיגן מאַטעריאַל פאַרוואַנדלט־געוואָרן? זי איז אין די רייען פון אומבאַקאַנטן גאָט געפאַלן! אין די רייען, אין וועלכע איך באַדאַרף זיך שטעלן.״

ווי אַ ליכט אין דער פינסטערניש האָט ער דערזען דעם אומבאַקאַנטן גאָט, וואָס רופט־אַרויס אין מענטשנס הערצער דאָס אייביגע נישט רוען און זיצן בשלווה, דאָס אייביגע נישט באַגנוגענען זיך, אַ דורשט נאָך וויסן, די דערקענטעניש פון שיינקייט, דאָס קלאַמערן זיך אָן אייביגקייטן, אַרויסרופן צווייטע וועלטן, אויסטראַכטן „יענע זייטן״, באַשאַפן גן־עדנס, אַרויסכּישופן דערלייזער... אין טויזנטער געשטאַלטן איז ער געקומען צו זיי,

דער אומבאַקאַנטער גאָט, צו יעדן פאָלק און אין יעדער צייט, מיט טויזנטער וועגן האָט ער זיך צו זיי געגעבן צו דערקענען און גערעדט צו זיי — דורך געזעץ־געבער, נביאים, פּאָעטן, פאַרקערפּערט זיך אין אייביגע שיינקייטן, רעאַליזירט זיך דורך קאַמפן, באַזעצט זיך אין מאַרטירער. אויף קיין איין מינוט האָט ער זיי נישט אָפּגעלאָזט. געווען מיט זיי אין נויטן, אין שווערע פינסטערע צייטן, און פון די חורבות, פון פאַרניכטונג און טויט האָט ער ניי לעבן געשאַפן. פון פאַרשקלאַפטע האָט ער דער־לייזער אויסגעשמידט, פון לייד האָט ער די ישועה געקנעטן.

ער האָט אים געזען, דעם אומבאַקאַנטן גאָט, דעם גאָט מיט פיל נעמען אָבער מיט איין אמת. זיין סימן איז: דער ווילן צום גוטן; דעם אומבאַקאַנטן דערלייזער, וואָס איז ווי די זון און דאָס לעבן געגעבן נישט צו איינעם און נישט צו איין דור, נאָר צו אַלע אין אַלע צייטן.

ער האָט געהאַט דאָס געפיל די הענט אויפצוהויבן, צו זוכן מיט זיינע אויגן יענעם אומבאַקאַנטן גאָט, אין וועלכן ער ער האָט זיך אַזוי געגוויטיגט איצט און אויסצורופן צו אים:

„אומבאַקאַנטער גאָט, דו, וואָס דו ביסט שטענדיג געווען מיט אונז פון אָנהייב־אָן, וואָס האָסט דיך פאַרבונדן מיט אונ־זערע הערצער און אונז געפירט אויפן וועג פון דערלייזונג — איך גלויב, אַז דו ביסט דאָ! ווי פאַרשאָטן דיינע וועגן זאָלן נישט זיין, ווי אָפּגעמעקט עס זענען נישט די שפּורן פון דיינע טריט — דו ביסט דאָ! איך גלויב, אַז דו ביסט דאָ. דו האָסט זיך פאַראייביגט מיט אונז. דו ביסט אונזער טרייסט, דו ביסט אונזער האָפענונג. פאַרשווינד נישט פון מיר! מער ווי אַנדערע באַדאַרף איך דיך האָבן, איך האָב קיינעמען נישט אַ חוץ דיר, אומבאַקאַנטער גאָט! דו ביסט דער איינציגער, וואָס באַרעכטיגט מיין לעבן!...״

מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעעפנט זיין קוואַל טרערן. ער איז געגאַנגען איבער די באַלעבטע גאַסן פון מינכען און האָט געוויינט: „לאָטע, וואו ביסטו? — האָט ער צו זיך אַליין גע־רעדט.—פאַרוואָס ביסטו נישטאָ מיט מיר? פאַרוואָס האָט מען דיך צוגענומען פון מיר? ווען האָבן מיר שלעכטס געטון מיט אונזער ליבע? מיר האָבן דאָך נאָר געוואָלט דאָס גוטע.

פאַרוואָס האָבן זײ דיך געטויטעט? צי פילן זײ, צי פאַרשטײען זײ, צי װײסן זײ, װאָס זײ האָבן געטון, גאָט? זײ זענען דאָך אױך מענטשן, זײ האָבן דאָך אױך הערצער! ער איז דאָך דײן ברודער! צי פילט ער נישט די עװלה, װאָס ער האָט געטון? װי אַזױ קאָן ער לעבן מיט דער זינד אױף זײן נשמה? װי אַזױ האָט ער דאָס געקאָנט ברענגען איבער זיך, איבער דיר, אין דײן צושטאַנד, אין דײן לעבעדיגן, הײליגן לײב? ער איז דאָך אױך אַ מענטש װי מיר! ער האָט דאָך דיזעלבע געפילן, דיזעלבע לײדנשאַפטן. ער איז דאָך אױס דעמזעלבן שטאָף געקנעטן. מיר האָבן דאָך דיזעלבע ביכער גע־לעזן, דיזעלבע קולטור, דיזעלבע מוזיק, דאָסזעלבע מענטשלעכע באַװאוסטזײן פון גליק און פרײד, פון אומגליק און טרערן! צי פילט ער דען נישט דעם װײטאָג, װי מיר? צי לײדט ער דען נישט, װי מיר? װאָס איז ער — פון שטײן? פון אַן אַנדער מאַטעריע באַשאַפן? זײ זענען דאָך אַלע װי מיר פון אײן מקור אַרױסגעקומען, אײן ציװיליזאַציע האָט אונז געפורעמט. מיר רעדן דאָך דיזעלבע שפּראַך, מיר גלױבן דאָך אין דיזעלבע אמתן! איך קאָן דאָך מיר נישט פאָרשטעלן, אַז אין זײן האַרץ איז אַ שװאַרצער, פינסטערער אָפּגרונט, אין װעלכן דער טײװל אַלײן הערשט! מיר באַלאַנגען דאָך צו דעמזעלבן מין, ער איז דאָך דערװעלבער מענטש װי איך!! געװיס, עס איז אים שלעכט, זײ האָבן אונזער װעלט ענג־געמאַכט, זײ האָבן אונזער גלױבן צעטרעטן מיט די פיס, זײ האָבן אַלע אונזערע הײליגקײטן באַשפּיגן און באַשימפּט, באַפלעקט מיט מענטשן־בלוט. זײ האָבן אױס דער װעלט אַ יאַטקע געמאַכט, דעם מענטש װי אַן אָקס געשאָכטן. װי אַזױ קאָנען מיר לעבן? װאָס האָבן זײ אונז איבערגעלאָזט פאַר אַ הײליגס, רײנעס, אין װעלכן מיר, דער יונגער דור, זאָל גלױבן? זײ האָבן פאַר אונז גאַרנישט גע־שױנט, זײ האָבן אַלע אונזערע גלױבנס־קװעלן פאַראומרײניגט. װי אַזױ זאָלן מיר לעבן? אָבער צי איז דען אונז בע־סער? מיר זענען דאָך אין דערזעלבער לאַגע װאָס ער, אױך מיר שטײען דאָך אין דער פינסטערער נאַכט, װאָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזט און מיר טאַפּן אין דער פינסטער, מיר גראַבלען, מיר רײסן זיך, מיר זוכן עפּעס! צי זעט ער דאָס

ניטש? גאָט, צי וועט זיך זיין געוויסן אַמאָל אויפוועקן, ווען ער וועט זיך דערוויסן דעם ברוטאַלן, נאַקעטן אמת פון זיין טאַט? ווי אַזוי וועט ער קאָנען לעבן? ווי וועט ער נישט זיין הארץ מיט די אייגענע נעגל צערייסן! איך קאָן דאָך נישט גלויבן, אַז ער איז אַ חיה און ער האָט קיין געוויסן נישט! ניין, ער איז דאָך דערזעלבער מענטש, וואָס מיר. גאָט, וואָס האָבן זיי אויס אונז געמאַכט? ווי געפאַלן זענען מיר! האָב רחמנות אויף אונז! ראַטעווע אונז, גאָט, פון אונזער געפאַלנ־קייט! בעט, לאָטע, בעט, לאָטע, וואו די ביסט דאָרט, צו דעם אומבאַקאַנטן גאָט! בעט דו, וואָס ביסט דער קרבן פון אונזער געפאַלנקייט, מען זאָל רחמנות־האָבן אויף אונז! בעט, לאָטע! יאָ, ער איז דאָ, ער איז דאָ, לאָטע! דער גרויסער, דער איי־ביגער, דער דערלייזער, דער אַלוויסנדער, אַלמעכטשלעכער, אומ־באַקאַנטער! דו הערסט, לאָטע, ער איז דאָ! ער איז דאָ! איך האָב אים דערפילט...״

ער האָט גערעדט די ווערטער צו זיך און די טרערן זענען אים גערינען און פאַרשטעלט אים ווי מיט זיפּן די שיין פון דער נאַכט... — — — — — — — — —

אין דער נאַכט פון קאָשמאַר, פון רעטונג און שרעק, פון פאַרפאַלן און דערלייזונג איז אַלץ מעגלעך־געווען: צי איז עס געווען אַן אילוזיע פון עקזאַלטירטן צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען נאָך די אַלע נעכט פון נישט שלאָפן, פון לייד און פאַרצווייפלונג, אָדער אַ ווירקלעכקייט? האַנסן האָט זיך עס יעדנפאַלס אויסגעדאַכט, אַז ער לעבט עס איבער, ער האָט אין בלוט־און־פלייש געזען אַ מענטש דערנענטערן זיך צו אים. אַ מענטש, וועלכער איז אים שוין פון לאַנג נאָכגע־גאַנגען, באַטראַכט אים, טוט נישט אָפּ דאָס אויג פון אים. אַ מענטש, אַ פיגור, וואָס איז אים יאָ באַקאַנט, נישט באַקאַנט. איצט טרעט די פיגור אַרויס, זי טרעט־אַרויס פון דער פינסטער־ניש, ניין, פון די הונדערטער יונגע מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום אין גאַס מיט באַשנאָלטע פּאַסקעס, מיט באַשנירטע רע־וואָלווערן איבער די ווינט־בלוזעס. אַ פיגור, וואָס ער האָט גע־זען אויף דער פאַרזאַמלונג, אפשר אויך איינע פון די שטיי־נערנע סטאַטועס, וואָס שטייען אין די נישעס, וועלכע האָט פון

זיך אַראָפּגעוואָרפן, איבערגעטוישט איר צעמענטענע קליידונג אויף די היינטיקע. יעדנפאַלס איז אים די פיגור באַקאַנט. ער איז פאַרבונדן מיט איר, משפּחהדיק מיט איר. ער דערקענט זי, ער האָט שוין די פיגור געזען איינמאָל. איצט רעדט די פיגור צו אים ווערטער, לעבעדיקע ווערטער:

— פאַרשטענדלעך, דאָס איז ער, ״יודע, דערקענסט מיך נישט?

געוויס דערקענט ער אים, דער מערדער פון לאָטען שטייט פאַר אים און קוקט אים אין פּנים אַריין. איצט האָט ער אים. וואו איז זיין רעוואָלווער, פאַרוואָס רעכנט ער זיך נישט אָפּ מיט אים?! ניין, ער איז נישט לעבעדיק, דאָס איז דאָך אַ שטיינערנע פיגור, אָן ווילן, אַ גולם, וואָס איז אַראָפּ פון איינער פון די נישעס, פון די אַלטע דייטשע ריטער, נאָר אָנגעטון אין מאָדערנע קליידער. אָבער דער גולם רעדט. דער גולם האָט אַ פּנים, אויגן אַפילו, וואָס קוקן טיף, טיף און ליידנד.

— וואָס ווילסטו? — פרעגט אים האַנס.

— איך האָב דיך דערקענט. דו ביסט געווען אויף דער פאַרזאַמלונג. איך בין דיר נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צייט. דו זוכסט דאָך מיך. איצט האָסטו מיך. אָט בין איך דאָ!

— נאָך וואָס?

— באַווייז דאָך מוט, ייד. צי דיין רעוואָלווער פון טאַש אַרויס, וואָס דו האַלטסט אָנגעגרייט פאַר מיר. אָדער צום ווינ-ציגסטן גיב מיך אַרויס דער פּאָליציי. ווייז-אָן אויף מיר. איך האָב מיין שוועסטער דערמאָרדעט. דו ביסט דאָ נאָכדעם אַהער-געקומען.

— נאָך וואָס?

— נאָך וואָס? אַהאַ! כּדי דו זאָלסט דיין נקמה האָבן, ייד!

— נקמה? אין וועמען? דו ביסט דאָך שטיין! אַ טוי-טע פיגור! פון דער וואַנט אַרויסגעטראָטן! האָסט דאָך קיין ווילן נישט!

— וואָס רעדסטו, ייד? זעסטו דען נישט, אַז איך בין דער מערדער פון דיין פרוי, מיין שוועסטער? איך האָב זי

דערמאָרדעט צוזאַמען מיט איר נאָך נישט געבוירן קינד. נעם נקמה!

— נקמה! צי קאָן נקמה לעשן מיין לייד?

— לייד? וואָס מיינסטו, דו פאַרשאָלטענער ייד, אַז דו אַליין האָסט נאָר די פריווילעגיע אויף לייד? און איך, דער מערדער פון מיין געבויר'ענער שוועסטער — מיר מאַכן עס מיט אַ לייכט האַרץ? אַ ספּאָרט ביי אונז אַזעלכער, צי וואָס? ייד? קרענקען מיר עס נישט דורך טויזנטער מאָל טיפער ווי דו? פילן מיר דען נישט די לאַסט פון שמוץ, וואָס מיר לאָדן־אויף אויף אונזער געוויסן, די לאַסט, וואָס דריקט אויף אונזערע נשמות איבער דער זינד, וואָס איר ברענגט אויף אונז צו באַגיין? מיר טוען עס מיט פאַרגעניגן? האַ? מיר מאָרדן אונזערע שוועסטער פאַר פרייד, האַ? ייד?! האָסטו אַריינגע־קוקט אין אונזערע הערצער? ווייסטו, וואָס עס טוט זיך ביי אונז? דעם קאַמף, וואָס מיר פירן מיט זיך, די ספקות, וואָס פייניגן אונז, דאָס געוויסן, וואָס באַשווערט אונז? איר אַליין האָט נאָר אַ רעכט אויף לייד, ייד, ווייל איר זענט די געלי־טענע? און מיר, וואָס מוזן אין דעם שמוץ קריכן, די זינד באַגיין, מיר זענען אויס שטיין. האַ? דו אַליין ליידסט נאָר, ייד? ווייסטו, וואָס עס הייסט לייד?!

— דו ליידסט? דו ליידסט? — שרייט־אויס האַנס. — מיין מערדער ליידט! מיין מערדער איז מיין ברודער!

ער האָט גענומען דעם רעוואָלווער, וואָס ער האָט גע־האַט פאַר זיין מערדער אָנגעגרייט און געוואָרפן אים צו די פיס.

נאָר דער מערדער איז שוין נישט געווען. דערפאַר אָבער אַ קרייזל מיט מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם צו דער ערד געפאַלענעם האַנס...

אין דעם צושטאַנד, צווישן פאַרצווייפלונג און האָפענונג, צווישן פאַרפאַלן און אויסלייז, האָט אָנקל אַדאָלף געפונען זיין ברודערנזון אין אַ קליינעם פאַרוואָרפענעם האָטעל־צימערל אין מינכען, נאָכדעם ווי ער האָט אים געזוכט דורך דער פאָליציי אַ פאָר טעג און געבראַכט אים אַהיים...

קאַפּיטל 26

## צווישן אַלטע מויערן

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אָנקל אַדאָלף אַרויסגענומען זיין ברודערזון האַנס פון מינכען און האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ קליין שטעטל אויף דער פּראָווינץ, אַז ער זאָל זיך דעם קאָשמאַר פון קאָפּ אַרויסשלאָגן.

— קום, יונגע, איך וועל דיר ווייזן אַ שטיק מיטלאַל־טער, דו וועסט עס זען מיט דיינע אויגן, ווי זיי האָבן גע־לעבט. דו דאַרפסט אַוועקלויפן אויף אַ קליינער וויל פון אונזער צייט, וועסט אָן אָטעם־טון מיט דירערשער לאַנדשאַפט און עס וועט דיר בעסער־ווערן.

אוןווירקלעך האָט זיך דאָס קליינע מיטלאַלטערישע שטעטל ראָטענבערג, וואוהין אָנקל אַדאָלף האָט געפירט האַנסן, געפו־נען אין דער איצטיגער צייט פון גאָלד־אָפּגעבליטן האַרבסט אין מיטן אַ לאַנדשאַפט, וואָס האָט דערמאָנט מיט אירע ראָזי־בערגעדיגע און גרין־גראָזיגע טאָלן אַ לאַנדשאַפט, אַרויסגעשניטן פון אַ גראַוויר פון אַן „אַלטן דייטשן מייסטער", אַרומגערינגלט מיט אַ מיטלאַלטערלעכער מויער, באַפעסטיגט און באַשיצט מיט גאָטישע טורעמס און איז .געשלאָפן אין דעם שאָטן פון דער אַלטער מויער. דאָס שטעטל מיט זיינע קרומע געסלעך, מיט זיינע גאָטישע הייזער, איבער וועלכע עס זענען נאָך געהאָנגען די בלעכענע פענדלעך, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אונטער וועלכע „צעכן" און אין שוץ פון וועלכן הייליגן זיי געפינען זיך—האָט

געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס לעבן קומט דאָרט נישט פאָר אויף דער וואָר, נאָר אַלץ איז שפּיל און פאַרווייַלונג. די הייזער און די גאַסן, די ווינקלען און די נישעס, די טורעמס און די מיטלאַלטערלעכע ברונעמס זענען דעקאָראַציעס, ערשט נאָר-וואָס אויפגעשטעלט פאַר די „מייסטער-זינגער", וואָס װעלן דאָ באַלד אין מיטן מאַרק אויפגעפירט-ווערן. אָבער עס איז נישט געווען קיין שפּיל. אַלץ, וואָס האָט דאָ געלעבט אין דער מיטלאַלטערלעכער שטאָט, האָט געעטעמט מיט דער לופט פון מיטלאַלטערלעכער ווירקלעכקייט. אַזוי ווי די צייט וואָלט פאַרגעסן אין דעמדאָזיגן ישוב און האָט די שטאָט אַרויסגעלאָזט פון איר חשבון, איבערגעלאָזט זי אַלס זכר לדורות. פונקט ווי זי איז אויסערלעך געבליבן אין דעמזעלבן צושטאַנד, ווי זי האָט זיך געפונען אין מיטלאַלטער, אַזוי איז זי אויך אין איר אינערלעכן לעבן. אין איר רעאַלער ווירקלעכקייט, געבליבן אין דעמזעלבן צושטאַנד, ווי זי האָט זיך געפונען אַמאָל. די צייט האָט זי איבערגעלאָזט הינטער זיך און פאַרגעסן זי מיטצונעמען...

שוין דאָס „ווירטהויז", וואו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז נישט נאָר מיט זיין געבוי, מיט זיינע געוועלבטע באַלקנס, זיין אַלט מעבל, מיט זיינע חפצים און כלים געווען עכט מיטלאַלטער, נאָר דער עיקר אויך מיט זיינע לעבעדיגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערינען געפונען. ביי די אַלטע טישן, אויף די אומבאַקוועמע, שמאָלע בענק, אין דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער אַטמאָספער, זענען ביי די אַלטע גלעזער, קופּליעס און צינערנע קריגן ביער געזעסן מענטשן, וואָס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען פון אַלטע פאַרשאָטענע קברים אויפגעשטאַנען און צוריקגעקומען אין לעבן אַריין צו שרעקן די מענטשן מיט זייערע קערקער-טאָרטורישע צייטן. אונטער זייערע היינטוועלטיגע מלבושים, האָט זיך געדאַכט, טראָגן זיי די שטאָלערנע און אייזערנע, פון שטויב און אַלטקייט פאַרראָסטעטע, שילדן. אונטער די פריזורן פון די ווייבער, וואָס האָבן זיך אין דער ווירטשאַפט אַרומגעדרייט, האָט זיך געדאַכט, געפינען זיך די הויכע גאָטישע הויבן. די מענטשן האָבן זיך באַוואויגן, ווי זיי וואָלטן געהאַט דראָטענע גלידער, זיי האָבן געקוקט מיט

בייזע בליקן אויף יעדן פרעמדן. אין די פאַלדן פון זייערע פּנימער האָט זיך אויפגעהאַלטן די האַרטנעקיגע אַכזריות פון זייערע טרויעריגע צייטן. מיט דער גאַנצער אומרחמנותדיגער ביטערקייט און טרויער פון זייער צייט האָבן זיי אָפּגעגאָסן יעדן איינעם, וואָס האָט געוואַגט אַריינצוקומען פון אונזער צייט אין זייערער אַריין. האַנסן איז ענג-געוואָרן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די לופט פון דעם ווירטהויז איז אָנגעפּולט מיט פייכטן קערקער-שימל, מיט מייז-געשטאַנק, און עס וועט זיך באַלד דערהערן פון אַ נעבן-צימער דורך דער וואַנט דאָס געקלימפּער פון טאָרטור-מכשירים און דאָס קרעכצן פון געפּייניגטע. אין אַזאַ „געמיטלעכער" שטימונג האָבן די איינוואוינער פון דעם קליינעם שטעטל געטרונקען זייער ביער און מיט אַזעלכע פריינדלעכע אויגן האָבן זיי באַשאָנקען די פרעמדע, וואָס זענען געקומען פון דער גרויסער שטאָט איינשטיין ביי זיי אין שטעטל.

דאָס גאַנצע ווירטהויז איז פול-געווען מיט „קאָנספּיראַציע". ביי די טישן, אין די ווינקלען, אין די האַלב-באַהאַלטענע נישעס, אין די סעפּאַראַט-שטיבלעך, זענען געזעסן גרופּן שטאָטישע איינוואוינער, מענער מיט האָר, מענער מיט ליסינעס, מענער מיט בערד און וואָנסעס און מענער אָן בערד און אָן וואָנסעס און אפילו אָן אויגן-ברעמען, מענער מיט שניטן אויף די פּנימער, מענער אָן שניטן און אָן ביינאָקלען. נאָר ביי אַלע האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז אָט נאָר-וואָס האָבן זיי פון זיך די מיליטערישע רעק אַראָפּגעוואָרפן אָדער זיי טראָגן זיי נאָך אונטער זייערע ציוויל-קליידער. ביי פיל האָט מען געזען אייזערנע קרייצן אויף די אָפּגעטראָגענע קליידער — זיי האָבן „קאָנספּיראַטיוו" אונטערגעהאַנדלט, גערעדט, באַריכטן אָפּגעגעבן. און דאָס אַלץ מיט שטילע, ערנסט-סיטשעודיגע שטימען, ערנסטע פּנימער, בייזע אויגן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אונטערגענומען די וועלט צו דערטרינקען אין זייער ביטערן ביער, וואָס איז געשטאַנען, ווי גיפט-גלעזער, אין גרויסע קופליעס פאַר זיי. זיי האָבן יעדן פרעמדן, וואָס האָט געוואַגט אַריינצוקומען אין דער קנייפּע, גענישטערט מיט זייערע חשד-בליקן, מיט פייערדיגע ברענדיגע שפּיזן-אויגן אָפּגעמאָסטן, ווייל מען האָט גע-

האלטן אין איין „פאַרקאָנספּירירן" זיך, כסדר נייע פּלע־נער אויסשמידן — ווי אַזוי פראַנקרייך צו באַזיגן, ווי אַזוי פון ענגלאַנד די הערשאַפט איבער די ימים אָפּצונעמען, ווי אַזוי פון אַמעריקע די גאָלד־רעזערוון אַרויסצוקריגן, פון רוס־לאַנד די ברייטע גרויסע תבואה־פעלדער צו אַנעקסירן. נאָר געגן וועמען מען האָט אַממייסטן „קאָנספּירירט", פּלענער געשמידט, איז עס געווען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געגן דער בערלינער רעגי־רונג און געגן דער יידישער וועלט־הערשאַפט. מען האָט נאָר געהערט דאָס סיטשען פון וואָרט „יודע", „יודע" דורך זייערע ציינעגע און אָנצייניגע מיילער. דערביי האָבן די מערסטע פון זיי — אַ חוץ די פּאָר יידישע אָקסן־סוחרים פון פירם, וואָס האָבן אויף זייערע יאָרמערק פאַרבלאָנדזשעט — קיין ייד אַ גאַנץ יאָר אין די אויגן נישט אָנגעקוקט, אַ חוץ דעם היבקענ־דיגן שמש, וואָס האָט דאָס אַלטע יידישע בית־הקברות פון שטאָט אָפּגעהיטן. זייערע זיידעס האָבן שוין פאַר זיי דאָס שטיקל אַרבעט אָפּגעטון, די יידן נאָך מיט פיר הונדערט יאָר צוריק פאַרטריבן. פאַר זיי אַליין איז שוין גאָרנישט געבליבן, אַ חוץ צו פאַרטרייבן מיט זייערע שיקאַנעס די פאַבריק פון קינדער־שפּילצייג, ביי וועלכער אַ האַלבע שטאָט האָט זיך מפרנס־געווען. דער ייד האָט זיך געמוזט נאָך דער מלחמה קיין נירענבערג איבערטראָגן. פון דענסטמאָל־אָן שטעלט דאָס שטעטל צו אין דער גרויסער שטאָט אַריין דעם גרעסטן פּראָ־צענט פּראָסטיטוטקעס... יאָ, און אַ חוץ דעם נעמען זיי נאָך נקמה אין די קברים פון די טויטע דערמיט, וואָס זיי רייסן־אַרויס זייערע מצבות און בויען זיי זיך איין אין די ווענט, און די, וואָס זיי קאָנען נישט אויסרייסן, פאַרניכטן זיי.

אָנקל אַדאָלף האָט באַלד איינגעזען דעם פעלער, וואָס ער האָט געמאַכט, דעם קראַנקן האַנס אין דערדאָזיגער אַט־מאָספערע פון האַס און קללה אַריינצוברענגען, וואָס דאָס האָט נאָך מער אויפגעעפנט זיינע וואונדן. אָנקל אַדאָלף האָט אָבער געקאָנט לעבן אין אַ מדבר און זען מיראַזשן, ער האָט גע־האַט אַ שילד, אונטער וועלכער ער האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן — דאָס איז געווען דאָס פּנים פון דער מאַטעריע, ווי ער האָט

עס אָנגערופן, וואָס זיינע אויגן האָבן אומעטום געקאָנט דערזען.

ער האָט נישט געלעבט מיט מענטשן, ער האָט געלעבט מיט דער לאַנדשאַפט. מענטשן האָבן אים דענערווירט, געשטערט, אַ תּל־געמאַכט פון זיין אינערלעכער האַרמאָניע און אים אַרויסגעשלעפּט פון זיין אינערלעכער היים אין דער נאַקעטער גאַס אַרויס, זיי האָבן אים געלאַנגווייליגט.

די לאַנדשאַפט, דאָס פּנים פון דער מאַטעריע, וואָס טראָגט גאָטס אָנבליק, זי איז געווען אין אָנהייב. זי האָט דעם מענטשס אויג אָנגעטרונקען מיט יענעם אינספּירירנדיגן הייליגן ציטער, וואָס האָט אים געמאַכט זוכן גאָט. די לאַנדשאַפט איז די מוטער פון אַלע קונסטן, זי האָט באַשאַפן די מוזיק אין מענטשס געמיט, דורך איר באַהעפט מען זיך אומיטלבאַר מיטן באַשעפער. דער וואָס קאָן זען דאָס פּנים פון דער מאַטעריע — די לאַנדשאַפט, דער קאָן זען גאָט.

האָט ער האַנסן אַרומגעשלעפּט איבער די וועלדער און פעלדער פון דער אומגעבונג. איצט, אין האַרבסט, ווען דאָס אַלץ האָט געבליט מיט גאָלדענע פאַרבן, איצט ווען די בלוטרויטע בלעטער פון אַקאַציע און ליפּעס, דער גאָלדענער רעגן פון די קאַשטאַנען, דעמבעס, טאָפּאָלן און דער זעטיגער טונקלגרין פון די נאָדל־ביימער האָבן געבאָדן זייערע ליכטער אין די צניעותדיגע טונקעלע סטאַוון — די טבילה פאַרן טויט — ווען די צימרינג־פעלדער מיט די טויזנטער ניואַנסן פון רויט, פון בלוט ביז קופּער און אָפּגעבליטן וויין, האָבן זיך געהויבן איבער קליינע בערגלעך, געפאַלן אין די שאָטנדיגע טאָלן, ביז ענדלעך זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין מילכיג-נעפּלדיגע, געדיכטע האָריזאָנטן — האָט די לאַנדשאַפט געזונגען דאָס ליד פון פילאָזאָפישער, אַלוויסנדער און שלימותדיגער מנוחה, וואָס נאָר טויט און רעזיגנאַציע קאָן זינגען... דאָס ליד פון אייביגן פאַרגיין, וואָס איז דאָס גליקלעכע און שלווהדיגע געזאַנג. ווייל דאָס ליד פון פאַרגיין איז דאָס ליד פון אייביגן זיין...

האַנס, מיט אַ מעסער אין האַרץ, האָט געהאַט בלינדע אויגן פאַר דעם פּנים פון דער מאַטעריע און אַ פאַרשטומט האַרץ פאַר דעם ליד פון מנוחה, וואָס דאָס פּנים פון דער

נאַטור האָט געזונגען. ער האָט זיך אויף איין מינוט נישט געקאָנט באַפרייען פון קאָשמאַר אין מינכען, וואָס איז אים ווי אַן אילוזיע פון טויט, פאַרדאַרבן און טייוול מיטגעגאַנגען. די „נאַכט פון לאַנגן מעסער", פון וועלכן ער האָט געהערט אַזוי אָפט רעדן, וואָס דער „נביא פון טויט" האָט צוגעזאָגט זיינע מחנות, איז געהאָנגען ווי דאָס מעסער פון מלאך-המות איבער זיין וועלט. „זעט מען דען נישט די נאַכט, וואָס קומט-אָן?" — האָט ער זיך געפרעגט. די שטימונג פון די מענטשן, וואָס ער האָט געטראָפן אין דער קליינער שטאָט, וואו ער איז געקומען זוכן היילונג פאַר זיין נשמה, די פנימער, וואָס ער האָט געזען, דאָס שטילע, שלעכטס-אָנזאָגנדיגע קאָנספּירירן אין די ווינקעלעך, די געגאָלטע קעפּ, די נאַקעטע ברעמענלאָזע אויגן, די קאַלטע אכזריותדיגע פּנימער, די אייזערנע קרייצן אויף די ברוסטן, וואָס ער האָט געפונען אין דעם שטעטל — דאָס האָט אים נאָך מער צוגעדריקט. צי זעען זיי נישט, צי פילן זיי נישט, אַז אַ וואָלקן ציט איבער דער וועלט?

ערשט איצט דאָ אין דער אַטמאָספער פון האַס האָט האַנס דערפילט רעאַליזירט דאָס שדים-בילד, וואָס ער האָט געזען אין יענער שוידערלעכער נאַכט אין מינכען... יענע האָלצערנע, געשניצטע פנים מיט די גולמדיגע באַוועגונגען, יענע פרעמד-וועלטיגע, אוממענטשלעכע שטימע, וואָס שיט פון זיך וואָלקנס מיט האַס אַרויס און פירט די מענטשן אין אַן עקזאַלטירטן, פאַרשיכורטן צושטאַנד, טויט אין זיי יעדן ווילן אָפּ און פאַרוואַנדלט זיי אין מעכאַנישע משחיתים, וועלכע טוען זיין רצון אָן ווילן און איבערלייגונג. ער האָט געהאַט דאָס לעבעדיגע געפיל, אַז דער אַנטי-קריסט איז אויפגעשטאַנען, די מלחמה האָט אַ שטן געשיקט אין לעבן אַריין. און שפּעטער אויף די מינכענער גאַסן — יענע שדימדיגע צעמענטענע פיגורן, וואָס טרעטן-אַרויס פון די נישעס אין זייער מיטלאַלטערלעכן כלי-זיין, מישן זיך אויס מיט די לעבעדיגע, כדי צוריקצוברענגען דעם מיטלאַלטער אין אונזער וועלט אַריין... דאָס וואָס ער האָט געזען אויף יענער פאַרזאַמלונג — די יונגע מענטשן, די פנימער, די דורשטיגע אויגן, דאָס רייסן זיך נאָך מאָרד, ווי אַ וואָלפגאַנג פאַן סטיקער, דאָס וואָס זאַמלט זיך

אין די הערצער פון דעמדאָזיגן דור — דאָס איז נישט קיין פאַרבייגייענדיגע קרענק, אַרויסגערופן פון צייטווייליגע אימ־פּרעסיעס, קריזיסן, אינפלאַציעס. דאָס איז עפּעס טיפער, מיסטי־שער, סטיכישער; מען קאָן עס נישט אַוועקשאַרן מיט צייט־ווייליגע אונטערדריקונגען, פאַרמיידן דורך נישט־איינגעגעבענע פּוטשן. דאָס איז אַ שלאַנג, אַ מעדוזע, וואָס נאָר די פאַרגאַנ־גענע זינד — די מלחמה, דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון מיליאָנען, דאָס אויסשלאַכטן פון יונגע לעבנס, דער גרויסער וועלט־האַס, דאָס צעטרעטן אַלע אָנגענומענע אמתן און ווערטן, האָט אַרויס־גערופן אין לעבן אַריין. דער האַס, וואָס האָט נישט געפונען זיין אויסלייז ביי די יונגע מענטשן, ביי אַזעלכע סטיקערס אין דער צייט פון מלחמה דורך מאָרד און טויט, פאַרלאַנגט זיין אויסברוך, שרייט נאָך געוואַלט. דער האַס, וואָס איז דערצויגן־געוואָרן דורך פּאַטריאָטישע אויפהעצונגען, דער האַס, וואָס האָט זיך מיט אַלעם באַדינט, אַלץ מיטאַריינגעשלעפּט אין זיין זומפּ: דעם מענטש, די חכמה, די פאַרנונפט, דאָס געוויסן און די וויסנשאַפט, אַפילו גאָט אַליין, אַלץ מטמא־געמאַכט, צעקאַ־ליעטשעט און באַשמוצט, געמאַכט צו שאַנד־און־שפּאָט — דער האַס זוכט זיין אויסלייז! ער האָט געשאַפן דעם טייוול, דעם אַנטי־קריסט, דעם סימבאָל פון שלעכטס און טראָגט זיך ווי אַן עפּידעמיע, ווי אַ שוואַרצע מגפה און פאַרסמט די וועלט...

גענויס איז דאָס געווען דער קאָשמאַר פון מינכען, וואָס האָט זיינע אויגן מיט הייטלעך פון גיהנום פאַרהאָנגען. וואו ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער אַלטער שטאָט, האָט ער געזען טויט, פאַרניכטונג, האַס און פּיין. עס האָט אויסגעזען, ווי די שרעק פון מיטלאַלטער וואָלט פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן. עס האָט זיך אויפגעהויבן פון די קברים צוזאַמען מיט די שטיינער, מויערן און דענקמעלער, די גאַנצע פינסטערניש פון יענער צייט, אין וועלכער זיי האָבן געשטעקט. אָפּטמאָל האָט זיך האַנסן געדאַכט, אַז ער לעבט נישט היינט. די וועלט, דער נעכטן, וואָס ער האָט געקענט, איז געווען אַ חלום, אַן אילוזיע פון דער נאַכט. דאָס ריכטיגע לעבן, אין וועלכן ער געפינט זיך איצט, איז דאָס לעבן פון דער שטאָט, דער מיטלאַלטער, די צייט פון ריטער, לאַנדס־קנעכט, פּעבל, שוואַרצע מאָגאַכן

און אַרומוואַלגערנדיגע מחנות פון בעטלער, פאַרפאַלגטע און געמאַטערטע יידן, יידן מיט די ספּעציעלע יידן-הוטן, מיט געלע לאַטעס אויף די ברוסטן, וועלכע ווערן פאַרפאַלגט, נאָכגעיאָגט פון קינדער: — „העפּ-העפּ, יודע!"

און ער איז איינער פון זיי! וואָרים, מערקווירדיג, דווקא דאָ, אין דעם מיטלאַלטערלעכן שטעטל, וואָס האָט זיך אַזוי געמיט אויסצומעקן, אויסצוברענען די שפּורן פון יידן (אַ חוץ פון דעם הינקענדיגן שמש, וועלכן זיי האָבן איבערגעלאָזט דאָס אַלטע בית-הקברות צו היטן, צוליב די רייכע יידישע אַמעריקאַנישע באַזוכער), דווקא די שטאָט האָט געטראָגן דעם סטעמפּל פון יידן אויף אַלע אירע אַלטע דענקמעלער. קיינער האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזעלכע אָנגעזעענע שפּורן פון זיין אָנטייל אין לעבן, ווי דווקא די פאַרהאַסטע יידן. אויף יעדן שריט-און-טריט האָט מען געפונען אַ נאָמען, אַ הויז, אַ דענקמאָל, וואָס האָט עדות-געזאָגט אויף זייער זיין. פיל גאַסן האָבן געטראָגן יידישע נעמען: „יידישעס גהעטאָ", „סינאַגאָגע-שטראַסע", „יידן-גאַס". ביים איינגאַנג פון דער אַלטער מויער, דאָס איינציגע גוט-דערהאַלטענע מיטלאַלטערלעכע דענקמאָל, איז געווען דאָס „יידישע טאַנץ-הויז", וואו יידן האָבן זייערע חתונות געפראַוועט. די אַלטע שול, אַ געביידע נאָך פון ראָמאַנישן סטיל, איז איבערגעבויט-געוואָרן אויף אַ גאָטישער קירך. אין פיל הייזער פון דער שטאָט זענען געווען איינגעמויערט מצבות, וואָס מען האָט צעשלעפּט פון די אַלטע קברים פון בית-עולם, וואָס נישט דער ווינט און נישט דער רעגן און נישט די ציין פון דער צייט האָבן געקאָנט אויפעסן די נעמען פון די טויטע, וואָס האָבן אַריינגעשריגן אין לעבן אַריין. שוין אָפּגערעדט פון אַלטן בית-עולם, וואָס איז געווען אַ זעענסווירדיגקייט. זיינע מצבות האָבן געטראָגן נעמען פון פינאַנסיסטן, וויסנשאַפטלער, אַריסטאָקראַטן, אַפילו באַרימטע מיליטערלייט, וועלכע זענען געווען צעשפּרייט איבער אַ האַלבער וועלט. די מצבות האָבן עדות-געזאָגט, אַז דער מקור פון פיל באַרימטע משפּחות, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג נישט געהאַט קיין שייכות צו יידן, איז צו זוכן אויף דעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם בית-עולם. די יידן האָבן פאַרטראָגן זייערע שפּורן טיף אין דער

ערד, אויף פיל מעטער האָבן טרעפּן אַראָפּגעפירט צו יידן-בעדער (מקוואות), וואָס זייערע ראָמאַנישע באַפּוצונגען האָבן עדות-געזאָגט פון זייער טיפן עלטער, פון וועלכן זיי שטאַמען. אויף יעדן צווייטן ברונעם האָט מען אָנגעוויזן: דאָ האָט מען אין דעם און דעם יאָר יידן דערטרונקען; פּלעצער און מערק, אויף וועלכע מען האָט יידן פאַרברענט. יעדער שטיין האָט עדות-געזאָגט פון יידן-פאַרפאָלגונג, אַפילו די מויער, מיט וועלכער די שטאָט איז געוועזן אַרומגערינגלט, האָט געהאַט איר „יידן-טורעם“, אין וועלכן עס זענען נאָך פאַרבליבן די שפּורן פון טאָרטור-מכשירים, מיט וועלכע מען האָט די יידן געפּייניגט. עס האָט זיך געדאַכט צו פאַרנעמען די קרעכצן און די תפילות פון די קדושים, וואָס זענען הענגען געבליבן אויף די ווענט פון די שטיינערנע מויערן. איינער פון די טורעמס אין דער אַלטער מויער איז געוועזן די „ראַבינער-פעסטונג“. אין דעם טורעם האָט געזאָלט אַ באַרימטער רבי איינגעמויערט-געוועזן זיין עטלעכע און צוואַנציג יאָר. דער ריטער, וועלכער האָט דעם רבין געפאַנגען-גענומען, האָט געזאָלט — ווי עס איז געוואָרן פאַרציילט — דערוואַרטן אַ גרויס אויסליינגעלט, וואָס די יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן געוואָלט באַצאָלן, כדי זייער באַליבטן רבין אויף דער פרייהייט צו באַקומען. דער רבי האָט אָבער די יידן פאַרווערט די גרויסע סומע אויסקויף-געלט פאַר זיין באַפרייאונג צו באַצאָלן, כדי דעם רויב-גלוסטיגן ריטער נישט צו געבן קיין חשק אַנדערע רביים אין געפאַנגענשאַפט צו נעמען.

האַנס האָט אָנגעקוקט דעם הינקענדיגן שמש, וואָס האָט אים אַרומגעפירט און געוויזן די אַלע יידישע זעענסווירדיגקייטן און דערציילט אים וועגן אַלע הייליגע און פרומע נשמות, וועלכע האָבן זיך אַמאָל אין דערדאָזיגער שטאָט דאָ געפּייניגט און וועלכע האָבן איבערגעלאָזט זייערע שפּורן אויף די מויערן, אויף די נעמען פון די גאַסן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער קען אים שוין, אַז ער האָט אים שוין ערגעץ-וואו געזען מיט זיין געל-שפּיציג בערדל, מיט זיינע זומער-שפּרענקעלעך, מיט זיינע שפּיציג-רויטע, פון היץ-אָנגעצונדענע אויגן, מיט זיין ווייסער בלייכער הויט. ער טראָגט נאָר אַנדערע קליידער. עס

האָט זיך געדאַכט האַנסן, אַז ער הערט נאָך דאָס קלימפּערן פון זיין יידן-הוט, וואָס דער ייד טראָגט אויפן קאָפּ, אַז אויף זיין ברוסט באַווייזט זיך נאָך דער שפּור פון דער געלער לאַטע, וואָס ער האָט אַמאָל אויף זיינע קליידער געטראָגן, נאָר אויף אַ ווייל בלויז אויסגעטון. אַזוי ווי די שטיינערנע ריטער, וואָס ער האָט געזען אין מינכען, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן פון די ני-שעס און זיך פאַרקערפּערט אין די מיט ווינט-בלוזעס און לע-דערנע שנאָלן באַקליידעטע שטורם-טרופּן, אַזוי שטייט ער דאָ, דער ייד — אַ געשפּענסט פון מיטלאַלטער, גאָרנישט האָט זיך בעענדערט, דער מיטלאַלטער שטייט הינטער אונז פאַרשטעלט, פאַרהוילן מיט אַ לייכטער הילע. עס באַדאַרף נאָר אַראָפּפאַלן די פאָרהאַנג פון אונזער צייט און ער בלייבט שטיין אין אונ-זער לעבן מיט זיין גאַנצער רעאַלער גרויזאַמקייט. עס האָט זיך געדוכט דעם יונגעמאַן, אַז אויף דער דירערשער לאַנד-שאַפט מיט אירע בערגלעך און טאָלן, וואָס ער זעט דורך די גאָטישע פענסטערלעך פון דער מויער, רייטן-אַרום אין שטאָל געפּאַנצערטע ריטער און שלעפּן נאָך זיך, צו זייערע פערד מיט קייטן געשמידט, מיטלאַלטערלעכע רבנים, דערשראָקענע יידן, יידן מיט אַזעלכע געלע שפּיציגע בערדלעך, ווי דער, וואָס שטייט פאַר אים, מיט אַזעלכע דערשראָקענע אויגן — וועלכע זיי, די ריטער, פייניגן אין די טאָרטור-קאַמערן, האַלטן זיי פאַרשלאָסן אין די מויער-טורעמס, כדי זיי זאָלן קריגן פאַר זיי אויסלייז-געלט. פון די טורעמס שרייען-אַרויס זייערע קרעכצן, זייערע געוויינען, זייערע געבעטן. אַזוי איז עס, און אַזוי וועט עס שוין זיין. פאַרפאַלן — דער פייניגער מיט דעם געפּייניגטן זענען פאַרבונדן צוזאַמען דורך איין פאַרשאָלטענעם מזל, זיי קאָנען זיך נישט באַפרייען איינער פון אַנדערן, וויפיל זיי זאָלן זיך נישט רייסן פון זיך, וויפיל זיי זאָלן נישט אויס-מעקן זייער געביין, פאַרניכטן זייערע שפּורן. די געפּייניגטע האָבן די מויערן, די ווענט באַגאָסן מיט זייער בלוט, באַהאַנ-גען מיט זייערע טויטן-טליתים, איינגעקנעטן אין שפּאַלטן זיי-ערע קרעכצן, זייער עוולה שרייט-אַרויס פון יעדן שטיין, פון יעדן שפּאַלט, און צוזאַמען מיט דער עוולה שרייט די קללה פון פאַרשאָלטענעם מזל. עס קלינגען די כלי-משחית פון די

טאָרטור-קאַמערן, עס בלאַנקען די שווערדן פון די הענקערס פון די ווענט אַראָפּ. געשמידט צוזאַמען אין איין שיקזאַל גייען די פײַניגער און די געפּײַניגטע אין דעם בלוטיגן פוס-גאַנג, וואָס די באַשערטקייט האָט אָנגעצייכנט פאַר זיי.

בייטאָג גייען זיי אַרום אין הײַנטוועלטיגן לעבן, פּײַניגער און געפּײַניגטע, אין צילינדער-היט און מאַכן געשעפטן צוזאַמען, האַנדלען און וואַנדלען, גענאַרן און גנבעגען צוזאַמען. בײַנאַכט קומען זיי צוריק, ווי די שדים, דאָ אין די פאַרשאָלטענע מויערן, שפּילן צוריק דאָס שפּיל פון מיטלאַלטער, ווערן צוריק פאַרוואַנדלט אין ריטער און ייד. די יידישע באַנקירן אין די צילינדער-היטן, טעאַטער-דירעקטאָרן, שרייבער, קינסטלער, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, וויסנשאַפטלער, אַגענטן, מעקלער, הענדלער, שווינדלער — די אַלע, וואָס פאַרנעמען אַ גרויסע און פּריווילעגירטע פּאָזיציע אין לעבן — זיי טוען-אויס זייערע צילינדערס און טוען זיך אָן אין זייערע יידן-היטן, אין די קליידער מיט די געלע לאַטעס. די אַנדערע — זייערע געשעפטס-שותּפים, זייערע מחותּנים, זייערע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, זייער משרתים ווערן פאַרוואַנדלט אין ריטער, לאַנדס-קנעכט, צעיושעטע, צעיאַכמערטע, מיט געוואַלדן און געשרייען: „העפּ-העפּ, יודע!" און לאָזן זיך מיט אַ געלויף אויפן ייד: „העפּ-העפּ, יודע!"

„און איך, — פרעגט זיך האַנס, — בין איך דען נישט, ווי אַן אַרבעס אין זאַק, אָן מיין ווילן און וויסן, אָן מיין צושטימונג, צוגעוואָרפן געוואָרן צו זיי?..."

די וועלט הײַנט באַשטייט נישט מער פון יחידים, פון אינדיווידועלע פּערזענלעכקייטן. מען האָט די מענטשהייט איינגעטיילט אין גרופּן, אין קלאַסן, אין נאַציעס. מען געהערט שיקזאַליש דאָרט אַהין, וואו מ'האָט דיך אַרייַנגעוואָרפן. דו אַליין האָסט נישט דאָ וואָס צו זאָגן, — האָט זיך האַנס געטראַכט. אַלזאָ, האָט איר מיר געזאָגט — איך בין נישט מער איך. איך ליג אין יידישן זאַק. איך, האַנס באָדענהיימער, בין נישט מער איך, וואָס איך האָב מיין אייגענע באַשערטקייט, מיין אייגענעם ווילן, וואָס איך קאָן אויסבילדן, מיין אייגענע בחירה פון גוטס-און-שלעכטס. — איך בין פאַרשריבן, פאַר-

צייכנט, פאַרחתמעט צו אַ גרופּע, צו אַ קאָלעקטיוו, וואָס זיין שיקזאַל איז פון אַנדערע נאָך פון פריער באַשטימט. עס איז נישט קיין חילוק, וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונגען איך וועל מאַכן דאָרט אין זאַק — געוועכט, גוט, ערלעך און דינסט-גרייט פאַר מיינע מיטמענטשן צו זיין — איך בין אַן אַרבעס, וואָס איז באַשטימט געקאָכט צו ווערן, ווי די אַנדערע, מעג איך דאָרט אין זאַק שרייען וויפיל איך וויל: איך בין איך, האַנס באָדענהיימער, מיין אייגענער איך, מיט מיין אייגענעם זיין! אָבער איך בין נישט דאָס וואָס איך בין אין דער ווירקלעכקייט, נאָר דאָס וואָס דער דרויסן באַשטימט מיך...

אָבער פאַרוואָס טראָגט זיך די שנאה צו מיין גרופּע באַזונדער ווי צו יעדער אַנדערער? איך קאָן נישט אָננעמען, אַז מיין גרופּע איז בעסער אָדער ערגער ווי די אַנדערע! וואָס פאַר אַ קאָנטראָל האָב איך אויף דעם כאַראַקטער און אויפפירן זיך פון יעדן באַזונדערן יחיד פון מיין גרופּע, וואָס מען מאַכט מיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים, נישט וואָס איך פּערזענלעך באַגיי, נאָר פון יעדן יחיד פון מיין גרופּע?

די שנאה צו מיר איז אַ ליידנשאַפט, זי פליסט-אַרויס פון אַן אומקאָנטראָלירבאַרער, נישט פון לעבן, לאָגיק און פאַרשטאַנד באַרעכטיגטער אורזאַך, נאָר זי איז אַ פּאַסיע. ווי די באַשערטקייט וואָלט מיין גרופּע געווען אויסגעוויילט צו זיין דאָס צילברעט פון אַלע וועלט-פיילן, דאָס האַרץ, וואָס ציט-צו צו זיך יעדע ביטערקייט, יעדן פאַרדרוס, יעדן נקמה-דורשט, וואָס זאַמלט זיך אָן אין דעם שווערן מענטשלעכן געמיט און לאָזט עס אויסלאָדענען, אויסגיסן אויף מיר...

עס איז מיר באַשערט פון דעם שיקזאַל צו זיין די שוואָם, וואָס זאַפּט-איין אין זיך די שנאה פון דער מענטשהייט, דער קרבן, אין וועלכן מען פאַרברענט יעדע עוולה, יעדע זינד, יעדע ביטערקייט: איך בין דער שוואַכער געבונדענער שעפּס!...

ניין, נישט אין מיר איז די שולד. די שולד מיינע איז די, וואָס איך בין שוואַך, איך בין אומבאַשיצט, עס איז צום לייכטסטן איבער מיר אַ זיג אָפּצוהאַלטן. דורך דעם רײַך איך יעדן נידערטרעכטיגן, דורך דעם בין איך דער שעפּס.

אָבער ניין, די שולד איז אויך מיינע! דאָס שלעכטס פון דער וועלט איז אַ טייל פון מיר. די מענטשן פּראָדוצירן דאָס שלעכטס (עס איז אַן איינרעדעניש, זיך אַליין אַרויסצונעמען פון פּראָצעס), עס איז אין מיר, פּונקט ווי אין זיי. ווער בין איך געווען און וואָס האָב איך געטון אין לעבן? איך בין געווען אַן אָנהענגער פון אַלע גוטע זאַכן, וואָס מיר רופן פּראָגרעס, מענטשלעכקייט, ברודער־ליבע, פּאַראייניקונג פון אייראָפּע — דאָס, צו וואָס מיין אָנקל ד״ר היינריך רופט. די אַלע גוטע זאַכן זענען אונז זייער באַקוועם, אָבער וואָס האָבן מיר געטון, זיי צו רעאַליזירן? וואָס פאַר התחייבותן האָבן מיר גענומען אויף זיך, פון וואָס פאַר אַ וואוילטאָגן האָב איך זיך אָפּגעזאָגט? פאַר יעדן מיין פאַרגעניגן האָבן אַנדערע באַצאָלט מיט פאַרשקלאַפונג פון זייער צייט. איך האָב געלעבט אין לוקסוס, אין שפע און נישט געזען, ווי דאָס אַלץ ווערט געשאַפן פון דער פּראַצע פון אַנדערע, מיט דעם שווייס פון אַנדערע. און איך האָב זיך געהאַלטן פאַר אַ גוטן, אָנשטענדיגן, פיינעם מענטש. ניין, איך בין אַ טייל פון די זינד, פּונקט ווי זיי. איך האָב זיי פּראָדוצירט, פּונקט ווי זיי. איך מוז אָנהייבן אַ נייַ לעבן צו פירן. דאָס גוטע פאַרלאַנגט רעאַליזירט צו ווערן. פאַרלויפיג רעאַליזירט זיך נאָר דאָס שלעכטע, ווייל עס איז לייכטער. דאָס גוטע באַגנוגנט זיך מיט הוילע ווערטער. וואָס האָב איך, פּונקט ווי מיין אָנקל היינריך, ווי אַלע אַנדערע, וועלכע איך קען, געטון, געאָפּפערט פאַר אונזערע איבערצייגונגען, צי אידעאַלן? וואָס פאַר אַ קרבנות האָבן מיר געבראַכט אויפן מזבח פון אומבאַקאַנטן גאָט. וואָס האָבן מיר אים געגעבן — אַ חוץ ווערטער, ווערטער און ווערטער?...

דאָס גוטע פאַרלאַנגט טאָטן. איך מוז אויסגעפינען, אין וועלכן טעמפּל איך קאָן דינען אַמבעסטן דעם אומבאַקאַנטן גאָט, אויף וועלכן פעלד איך קאָן טעטיג זיין פאַר דעם גוטן און דאָס פעלד זיך אויסקלייבן און זיך עס ווידמען! — האָט האַנס באַשטימט.

מיט דעם שטראַל ליכט אויף זיין פינסטערן הימל איז ער אַהיימגעקומען אין גאַסטהויז אַריין. ער האָט זיך שוין נישט מער געשראָקן פאַר די אָנגעכמורעטע פנימער, פאַר דעם

פינסטערן קאָנספּירירנדיגן געמורמל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין די ווינקלען. ער האָט זיך אָנגערופן צום אָנקל אַדאָלף:

— אָנקל אַדאָלף, דו האָסט אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס גוטע קעמפט נישט, דאָס גוטע ליידט און וואַרט. ניין, אָנקל אַדאָלף, דו האָסט נישט רעכט. די גאַנצע צרה איז מיט אונז געווען, וואָס מיר האָבן נישט געקעמפט, מיר האָבן זיך באַגנוגן-געלאָזט מיט שיינע ווערטער, ווי אָנקל היינריך, אַפילו דו אויך מיט דיין ענטוזיאַזם פאַר דער קונסט, נאָר ווערטער, ווערטער! לאָטע האָט רעכט-געהאַט, נישט דו!

דאָס גוטע קעמפט מיט אַ הייליגער פוריע, מיט אַ געט-לעכער פּאַסיע, ווען נישט וואַקסן-ארויס די מויערן פון דער ערד, אין וועלכע מ'וויל אונז איינשליסן... עס איז אַ פראַגע פון שוואַכן און שטאַרקן! זיגן וועט דער, וואָס וועט אַממערסטן אויף קרבנות פעאיג-זיין!

— דאָס גוטע קעמפט, אָנקל אַדאָלף! — האָט ער אויס-געשריגן מיט ענטוזיאַזם.

דער אָנקל אַדאָלף האָט לייכט געשמייכלט:

— דאָס גוטע אפשר יאָ, דאָס שיינע — קיינמאָל נישט! גאָט געפינט זיך נישט אין גוטן, נאָר אין שיינעם. ווייל גוטס, ווי שלעכטס האָבן מענטשן אויסגעטראַכט, דורך דעם טוישן זיי זיך אַזוי אָפט די באַגריפן. אַמאָל פאַרוואַנדלט זיך דאָס גוטע אין שלעכטס און אַמאָל פאַרקערט. דאָס שיינע איז אייביג, אומטוישבאַר. קוק נישט אויף די מויערן, באַמי דיך צו קוקן איבער די מויערן, דאָרט געפינט זיך דאָס אייביגע פנים פון דער שיינקייט. דאָס איז דאָס פנים פון דער מאַטעריע, דאָס פנים פון גאָט. דאָס קעמפט נישט, דאָס איז דאָ!...

קאַפּיטל 27

# אַ פאַרצווייפלטער שריט

האַנס באַדענהיימער האָט באַשלאָסן צוריקצוקערן צום מקור, פונוואַנען ער קומט, פון וועלכן מען האָט אים אומבאַרעכטיגט אַרויסגענומען — צום יידנטום. ער האָט געוואָלט אויסגעפינען די מאָראַלישע כּוחות, וואָס אַרבעטן אין יידנטום; אָדער — ווי ער האָט עס אָנגערופן — אַרומקוקן זיך אין דעם זאַך, אין וועלכן מען האָט אים אַריינגעוואָרפן, כּדי ער זאָל אויסגעפינען פאַר זיך אַ פעלד פון טעטיגקייט. און כּדי ער זאָל זיך נישט פילן פרעמד, האָט ער געוואָלט ווערן איינער פון זיי, פון זיינע ברידער, פון וועלכע מ׳האָט אים אָפּגעפרעמדט.

אָן שום ספק איז עס געווען אַ פאַרצווייפלטער שריט, אַרויסגערופן דורך די מוראדיגע איבערלעבענישן זיינע, וואָס האָבן אים געבראַכט איבערצוגיין פון איין עקסטרעם צום אַנדערן.

נישט איבער רעליגיעזע מאָטיוון האָט ער געוואָלט אַיבערגיין צו זיי. ער האָט צו ווייניג ידיעות געהאַט אין די עטישע ווערטן פונם יידנטום און צו ווייניג זיך אינטערעסירט מיט די טעאָלאָגישע מעלות פון די ביידע אמונות, אַז ער זאָל מאַכן באַוואוסטזיניג די בחירה צווישן זיי. ער האָט אויך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס יידנטום איז נישט עלול אַרויסצוגעבן לויטער צדיקים און דאָס קריסטנטום לויטער רשעים. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז דאָס יידנטום האָט נישט

פאַרמיטן אַרויסצוגעבן פון זיך שפּעקוליאַנטן, פּאַראַזיטן, וואָס זיצן ווי געשווירן אויפן קערפּער פון זייער פאָלק און אויך פון פרעמדע פעלקער — פאַרשידענע יודקעוויטשעס. פּונקט אַזוי האָט אויך דאָס קריסטנטום נישט געקאָנט צוריקהאַלטן וואָלפגאַנג פאָן סטיקער צו מאָרדן זיין שוועסטער, בשעת זי האָט זיך געפונען אין אַזאַ דעליקאַטן צושטאַנד... נישט פון די ווערטן פון די אמונות איז אָנבאַלאַנגט דער מאָראַלישער מהות פון זייערע אָנהענגער. יעדע אמונה טראָגט אין זיך גענוג ברכות און איז צוגעפּאַסט צום גייסט און כאַראַקטער-פעאיגקייטן פון אירע גלויביגע. דאָס קריסטנטום איז דאָס יידנטום פון קריסטלעכן מענטש, — פּונקט ווי דאָס יידנטום איז דאָס קריסטנטום פאַרן יידישן מענטש. נישט אין די גלויביגע גייט עס, נאָר אין די אומגלויביגע, אין די נאַקעטע און בלויזע. יודקעוויטש האָט פּונקט אַזאַ באַציאונג צום יידנטום, ווי זיין, באַדענהיימערס, שוואָגער וואָלפגאַנג, צום קריסטנטום. ווען האַנס האָט דאָך באַשלאָסן זיך אומצוקערן צום יידנטום, איז עס געווען פון אַן אינערלעכן דראַנג, וואָס איז וואַך-געוואָרן אין אים, — צו זיין איינער פון די, אויף וועלכע די פיילן פון פיינטשאַפט זענען אַממערסטן געצילט, אַן אינערלעכע בענקשאַפט זיך צו באַהעפטן מיט יענעם טייל, צו וועלכן עס טראָגט זיך די שנאה, וועלכע רייצן מיט זייערע שוואַכע פּאָזיציעס יעדן נידערטרעכטיגן כאַראַקטער אָפּצוהאַלטן איבער זיי ביליגע זיגן.

אָבער וואָס הייסט איבערגיין? איז ער דען שוין נישט ביי זיי? שטייט ער דען שוין נישט אין זייערע רייען? האָט מען דען נישט זיין ווייב-און-קינד דערמאָרדעט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז איינער פון זיי? האָט זיך דען נישט אַרויסגעוויזן, אַז די שילד, מיט וועלכער זיינע עלטערן האָבן אים געוואָלט באַשיצן פאַר די פיילן פון שונא — דער שמד, איז אַ דורכגעלעכערטע, אויף שפּינוועבס געוועבטע? פאַרקערט, זי ציט נאָר די אויפמערקזאַמקייט פון שונא אויף זיך, ווייל דער, וואָס טראָגט זי, איז נישט באַרעכטיגט צו איר. דער שמד איז געוואָרן אַן אַרויספאָדערונג, ווייל מען מאַכט יידן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פאַלשע פאַרבן, מיט וועלכע דער איבער-

לויפער פּוצט זיך, כּדי צו פאַרשטעלן, אָפּצוגענאַרן די אַנ־דערע...

ניין, פאַר אים איז די קריסטלעכע אמונה נישט געווען קיין פאַלשע פאַרב. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צום קריסטנ־טום. דאָס קריסטנטום איז געווען דאָס איינציקע גוטס, וואָס איז אים איבערגעבליבן פון אַלע מאָראַלישע און עטישע ווערטן, וואָס די מלחמה און די נאָך־מלחמה־צייט האָבן צעשטערט. איצט, אין זיין נויט, איז עס געוואָרן פאַר אים אַ שוץ, אונ־טער וועלכן ער האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן און געפינען טרייסט און האָפענונג.

ווי רעאַליסטיש ער איז נישט געוואָרן דערצויגן דורך זיינע וועלטלעכע עלטערן, ווי ניכטערן באַגרענעצט זיין גע־דאַנקען־גאַנג איז נישט געהאַלטן־געוואָרן דורך דער שמאָלער קאַריטע פון מאַטעריאַליסטישער „זאַכלעכקייט”, אין וועלכער זיין דור האָט זיך געפונען, האָט ער פון תּמיד־אָן געהאַט אַ נייגונג צו דעם מאַגישן און העכערן. איצט, אין זיין צושטאַנד, האָט ער געזוכט אַ גלויבן, וואָס זאָל אים געבן די אומקלאָרע, די אומוויסנדיקע, אָבער נישט־אָפּגעפרעגטע האָפענונג, אַז עס זענען נאָך נישט אויף אייביק אָפּגעשניטן די באַנדן מיט יענעם גליק, וואָס איז אים באַשערט־געווען צו האָבן אין לעבן, מיט לאָטען, וועלכע איז אַזוי גרויזאַם אַוועקגערויבט־געוואָרן פון אים. דער פאַרלאַנג, וואָס האָט כּולל־געווען אין זיך אַלץ — זיין דראַנג נאָך אמת, זיין קלאַמערן זיך אין אַ רעטונג, אין אַ יש, האָט באַשאַפן אין אים אַ ווילן צום גלויבן, אַ טראָציקן ווילן, געגן אַלע ספקות, געגן אַלע אָפּפרעגערס, און געגן אַלע געשעענישן. אַ גלויבן, אַז עס איז דאָ אַ לאָגיק אין אונזער זיין!

אָבער דעמדאָזיקן גלויבן, דידאָזיקע האָפענונג און די זיכערקייט האָט אים נישט געקאָנט געבן קיין שום פילאָזאָפיש סיסטעם, קיין אידעאַליסטישע באַוועגונג, קיין צו מענטשן באַ־קענלעכן סיסטעם — וואָס פאַר אַ מאַטעריעלע ברכות עס האָט נישט געטראָגן אין זיינע פאַלעס און אויף ווי ברייט עס האָט זיך נישט געוואָלט פאַרשפרייטן — אַלץ האָט זיך געענ־דיקט ביי די גרענעצן פון דער וועלט. און אַלץ איז מיט־

אַריינגעריסן-געוואָרן אין געווירבל פון האַס פון אונזער צייט. יעדעס סיסטעם האָט גרייט וועמען אָרויסצולאָזן...

די פאַרבינדונג, וואָס ער האָט געזוכט, האָט אים גאָר-נישט געקאָנט געבן, אַ חוץ נאָר די בלינדע, אומפאַרשטענדלע-כע, פון אונזער שכל פאַרשלאָסענע, פון אונזער באַשרענקטער אויפפאַסונגס-מעגלעכקייט פאַרוואָרפענע לערע פון אַ לעבעדי-גער, אומגעוועענער, אָבער פאַרהאַנענער העכערער קראַפט.

די העכערע קראַפט האָט אייגנטלעך נישט געהאַט ביי אים קיין פערזאָניפיצירטע באַשטימטע געטלעכקייט. זי איז געווען דער אייביגער וועקער צום גוטן, זי האָט כולל-געווען דעם גאַנצן סכום פון גייסטיגער שאַפונגס-קראַפט דורך אַלע דורות פון מענטשן, זי איז געווען דער „אומבאַקאַנטער גאָט", פאַר וועלכן די גריכן האָבן אַ מזבח אויפגעשטעלט. ער האָט אים פריער געפונען אין אַלע זיינע אַטריבוטן — אין דער-לייזער, אין קריסטוסן. איצט האָט ער אים געזען אין דעם פאַרשעמטן גאָט פון יידן...

ער איז דאָ, אָבער נאָך נישט געקומען!

ווי יעדער קריסט האָט ער געגלויבט, אַז די יידן האַלטן-אויף ביי זיך טיפע סודות, מיט וועלכע זיי ווילן זיך נישט טיילן מיט די איבעריגע מענטשן, אַז זיי טראָגן מיט זיך אמתן, וואָס שטאַמען פון די אומדענקבאַרע צייטן, ווען זיי זענען נאָך געווען נאָענטע און פאַרבינדעטע מיט דער געטלעכ-קייט, מסורות, צוליב וועלכע זיי שטייען-אויס פורעניות און טראָגן די לאַסט פון זייער מזל אויף זיך און ווילן זיך נישט אונטערגעבן דעם ווילן פון דער וועלט. זיי שטעלן-אויס אַ קופערנעם שטערן צו דעם שפּאָט, וואָס טראָגט זיך איבער זיי, אַ שטאָלערן האַרץ צו די באַליידיגונגען, וואָס ווערן געוואָרפן אויף זיי. באַהאַלטן אַ ברכה, וואָס בענטשט זייער פאַרשאָלטנ-קייט. זיי מוזן דאָך עפּעס אויפבאַהאַלטן אַ סודותדיגן אמת, וואָס מיט זיין קראַפט און מאַכט זענען זיי ביכולת אויסצו-שטיין אַלע בלבולים און שקרים, אַ ליכט, וואָס באַלויכט זייער פינסטערניש. וואָרים אויב נישט,—וואָס איז דאָס וואָרטן? —

אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט פון דער אמונה, אין וועלכער מען האָט אים דערצויגן און מיט וועלכער מען האָט,

איבעריגנס, דעם בן־יחיד אין דעם וועלטלעכן הויז פון זיינע עלטערן נישט פיל געפּייניגט, איז געווען פון אַזאַ ראַציאָנאַליסטישער נאַטור, אַז עס האָט אין דעם פאַרוואונדעטן האַרץ פון האַנסן קיין באַלזאַם נישט געטריפט, כדי זיינע ליידן איינצושלעפערן. דער קאַטעכיזם האָט אַלע קשיות פאַרענטפערט, די ערטער און „אָמטן" פון די געטלעכע ראַנגען צעטיילט אין אַזאַ דייטש־ליבנדער מוסטערהאַפטער אָרדנונג, ווי אין אַ מיליטער־רעגימענט. איבעריגנס, האָט די געצוואונגענע, פון קיינעם קיין ווען נישט מאַכנדע, נאָר אַלס פּריווילעגיע און שוץ באַטראַכטע האַנסענס קריסטלעכע דערציאונג קיין רעליגיעזע באַדערפעניש נישט געוועקט. עס איז קיין וואונדער נישט, אַז איצט, אין דער נויט האָט זיין רעליגיעזע נאַטור, וועלכע האָט פאַרלאַנגט שפּייז, זיך געווענדעט צו דעם גאָט פון זיינע עלטערן, וואָס האָט אים שטענדיג געגרייצט מיט זיין פרעמדקייט און סודותדיגקייט. זיצט נישט די אַלטע באָבע אין די שטילסטע און טונקלסטע ווינקלען פון הויז און מורמלט עפּעס דאָרט אין דער שטיל?... דער גאַנצער סכום קרענקונג און פאַרשעמטקייט, וואָס די אַמאָליגע ריטער האָבן אויף זיין פאָלק געבראַכט, ליגט אויסגעגאָסן אויף דעם פּנים פון זיין יידישער באָבע. און פּונקט ווי זי, די אַלטע באָבע זיינע, זאָגט עדות מיט איר פּנים, אַז זי איז אויסגעשטאַנען דעם נסיון פון די אַלטע גערמאַנישע ריטער און געזעסן ביי דער וואַנט, געטראָגן די ליידן און דאָך געוואַרט אויף איר משיח, אַזוי מוז ער, האַנס, איבערנעמען איר מיסיע, אויך ער מוז זיצן ביי דער וואַנט און וואַרטן אויף דעם משיח, אויסהאַלטן די פּיין און יסורים און דעם גאַנצן נסיון, אויף וואָס די היינטיגע פייניגער, די נייע „ריטער" שטעלן־אויס דער ייד. ער מוז שטיין אויף זיין פּאָסטן און היטן די וואַנט. אָבער וואָט היטן זיי ביי דער וואַנט? צי היטן זיי נישט די קוואַלן פון דער געטלעכקייט, וואָס האָט זיך ביי זיי אַנטפּלעקט? די קוואַלן, וואָס האָבן אָנגעטרונקען די פאַרשמאַכטע מענטשהייט אין אַלע דורות, פון אָנהייב־אָן ביז דעם היינטיגן טאָג. די קוואַלן, פון משיח דעם געקומענעם און דעם דערוואַרטעטן, די קוואַלן, וואָס האָבן באַנייט די וועלט דורך דעם אומבאַקאַנטן גאָט פון

אָנהייב־אָן, די קוואַלן, וואָס האָבן זיך ווידער באַוויזן ביים ראַנד פון טויט, וואָס דאָס פינסטערע מיטלאַלטער האָט גע־בראַכט אויף דער וועלט? אויך איצט שטייט די וועלט ביים ראַנד פון טויט — ווער ווייסט, צי דידאָזיגע קוואַלן וועלן זי נישט נאָכאַמאָל באַנייען, באַפרישן, באַלעבן צום נייעם קיום. איצט ווייסט ער, אויף וואָס זיי וואַרטן, וואָס זיי היטן אין זייער לאַנגער נאַכט. אויך ער מוז זיך אָנשליסן צו זיי.

אָבער וואָס הייסט אָנשליסן זיך?

בין איך דען נישט איינער פון זיי? האָט מען דען מיך נישט פאַר איינעם פון זיי געשטעמפּלט? האָט מען מיך דען נישט באַעוולט דערפאַר, ווייל איך געהער צו זיי?

נישט דערפאַר בין איך איינער פון זיי, ווייל איך האָב געליטן ווי זיי, נאָר דערפאַר בין איך איינער פון זיי, ווייל איך גלויב ווי זיי — אַז משיח איז נאָך נישט געקומען, — האָט ער זיך געזאָגט. — ער איז דאָ, אָבער ער איז נאָך נישט געקומען. — איז פאַר זיין קומען דאַרף מען ווידמען דאָס לעבן. —

איך בין איינער פון זיי: אין מיין גלויבן און אין מיין לייד. געשטעמפּלט פון אויסנווייניג, דערצויגן פון אינעווייניג. ווי זיי זיץ איך ביי דער וואַנט און היט דעם קוואַל פון דער געטלעכקייט.

אָבער קריסטוס, לאָטע — זיין גאַנץ פאַרגאַנגען לעבן, זיין לייד, אַלץ, וואָס האָט זיך פאַראייניגט, פערזאָניפיצירט אין זיין איצטיגן באַשטאַנד — ווי אַזוי קאָן ער זיך אָפּזאָגן פון זיי? איז דאָס אָפּזאָגן זיך פון קריסטלעכן גלויבן נישט אַ פאַרראַט געגן לאָטען?

צי זאָגט ער זיך דען טאַקע אָפּ פון קריסטוסן? פאַר־קערט, — צוליב דעם גייט ער איבער צו דעם גלויבן פון זיינע עלטערן — ווייל יענע וואַרטן אויף אים. זוכט ער אים דען נישט? איז ער דען נישט פאַרבונדן מיט אַ משיח? וואָס האָט ער אין זיין לעבן — וואָס איז אים איבערגעבליבן נאָך דעם הורבן פון זיין אַזוי יונגער וועלט — ווען נישט דער גלויבן אין אַ דערלייזער, אין אַ משיח, — וועלכער וואַרט

הינטער אונזער וואַנט פון גויט און פאַרצווייפלונג? — כדי צו גלויבן אין אַ משיח, מוז ער אָנגעמען, אַז ער איז נאָך נישט געקומען. וואָרים ווי אַזוי קאָן ער ברענגען אין איינקלאַנג דאָס, וואָס ער האָט געזען אין מיינכען, — יענעם שווידערלעכן שדים־טאַנץ — מיט דעם דאָ זיין פון דעם דערלייזער. דאָס, וואָס קומט־פאָר אין דער וועלט, איז נישט קיין פאַרבייגייענ־דיגע קרענק, אַרויסגערופן פון צייטווייליגע אומשטענדן — דאָס איז עפּעס סטיכישעס — מיסטישעס, וואָס שלעפּט־מיט מיט זיך אונזער גאַנץ מאָראַליש זיין — די חכמה, דאָס געוויסן. אַפילו די געטלעכקייט אַליין. אַלץ מאַכט עס טמא — אַן אַנטיקריסט איז אויפגעשטאַנען אויף דער וועלט און שלעפּט אונז אַלע אין כף־הקלע אריין. ווי אַזוי קאָן ער דידאָזיגע וועלט, אונזער לעבן אויף איר, פאַרבינדן מיט אַ דערלייזער?

זיין משיח איז נאָך נישט געקומען. ער וואַרט אויף אים. ער זאָל קומען אונז באַפרייען פון די זינד, וואָס ליגן אויף אונז ווי אַ שטריק אויפן האַלז, און פאַרן קומען פון משיח וויל ער ווידמען זיין לעבן.

— אָ, קריסטוס, דערלייזער, הייליגער, — האָט ער גע־בעטן צו אים אין זיין האַרץ. — איך גלויב, אַז דו ביסט דאָ, דו שטייסט הינטער דער וואַנט פון אונזער נויט און שמאַך, און דו וואַרטסט אויף אונז. ווי אַזוי קאָן איך דיך פאַרליי־קענען. מער ווי אַן אַנדערשמאָל דאַרף איך דיך, ערשט איצט האָב איך דערזען דיין ליכט. — מער ווי אַנדערע באַדאַרף איך דיך. וואָס האָב איך אין מיין לעבן — אַ חוץ דעם גלויבן אין דיר?

ניין, דו ביסט עס נישט, אין ווענענס נאָמען זיי רעדן — אין ווענענס נאָמען זיי טון דאָס שלעכטס — אין ווענענס נאָמען זיי האָבן די וועלט אין אַ בלוט־באָד פאַרוואַנדלט. פאַלש זענען די כוהנים, וואָס מיט דיין נאָמען אויף זייערע ליפּן פלעכטן זיי איין זייערע הענט אין דעם שלעכטס פון דער וועלט. דיין קלייד האַלטן זיי, אָבער דו אַליין ביסט אַוועק פון זיי — ווי מיר וואַרטסט דו אַליין אויף דיין צוריק־קער. ווי דו האָסט עס שוין אַמאָל געטון. איך גיי־אַוועק פון

דיר, מיט דיר אין האַרצן. איך גיי־אַוועק פון דיר, כדי דו זאָלסט קומען, משיח, דערלייזער, קריסטוס!

---

קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ רושם עס האָט אַרויסגערופן אין זיין משפחה ווען מען האָט דערהערט וועגן דעם פאַרצווייפלטן שריט, וואָס דאָס יינגל גייט טון.

אָנקל היינריך האָט געאײלט צו הילף.

— איך אַ להכעיס־ייד? — פרעגט ער אים מיט שפּאָט. — און איצט, ווען דאָס פאָטערלאַנד ווערט ענדלעך באַפרייט פון זיין קאָשמאַר, גייסטו טון אַזאַ זאַך?

— וואָס מיינסט דו, אָנקל?

— דיין פאַרצווייפלטן שריט צוריקצוגיין צום יידנטום אויס נקמה צו די גויים. איך קאָן דאָס געפיל — להכעיס די גויים: ווייל איר ווילט נישט — וויל איך דווקא... און אַזוי ווייטער!... דאָס איז נישט אַ נקמה־נעמען אָן די גויים, נאָר אַ נקמה אין זיך אַליין. מילא, ווען מען האָט שוין דאָס אומגליק צו זיין איינער פון זיי, צו געהערן צו דער יידישער קאָנפעסיע, האַלט מען זיך דערין, נישט דערפאַר ווייל עס באַגליקט וועמען, נאָר מען לאָזט זיך נישט זיין איינראָפּעערטום צונעמען, דערפאַר ווייל מען איז צופעליג געבוירן־געוואָרן אַ ייד. איך בין אַן איינראָפּעער ווי יעדער קריסט, — האָט זיך דער דאָקטאָר צעשריגן, — מיין יידנטום האָט דערמיט גאָרנישט וואָס צו טון. איך וועל מיר נישט לאָזן פון קיינעם צונעמען מיין צוגעהעריגקייט צו דער לאַטיינישער קולטור, דערפאַר ווייל איך בין צופעליג געבוירן־געוואָרן אין אַ קאָנפעסיע, וועלכע האָט לחלוטין קיין איינפלוס נישט געהאַט אויף מיין דערציאונג און וועלט־אָנשויאונג. אָבער ווען מען האָט שוין געהאַט דאָס גליק אָנצוגעהערן צו דער אמונה, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט אונזער ציוויליזאַציע, — וועלכע איז, אַזוי צו זאָגן, די באַשעפערין, די געשטאַלטערין פון אונזער קולטור און מען זאָגט זיך פון איר באַוואוסטזיניג אָפּ — אַזאַ שריט, מוזסטו מיר פאַרציילן, קאָן מען נאָר דערקלערן מיט פאַרצווייפלונג. וואָרים דאָס הייסט באַוואוסטזיניג אָפּזאָגן זיך פון

איירָאָפּע און צוריקגיין צו אַזיע. דאָס הייסט צוריקפאַלן צו א פרעמד-וועלטיקן, צוריקגעשטאַנענעם און ענג-סעקטאַנטישן שבט. דאָס הייסט — דערמיט זיך אָפּצוזאָגן זיין אָנטייל אין דער צוגעהעריקייט צו דער מערבדיגער ציוויליזאַציע. אַזאַ שריט איז אַ להכעיס-שריט, אַ נקמה-שריט אין זיך אַליין און קאָן נאָר באַטראַכט-ווערן אַלס פאַרצווייפלטער מאָראַלישער זעלבסטמאָרד.

ד"ר היינריך האָט זיך געקאָכט. ד"ר היינריך איז בייז-געוועזן. דאָס האָט מען אָנגעזען אָן די רויטע פלעקן, וואָס זענען אַרויס אויף זיין פּנים. ד"ר היינריך האָט גערעדט מיט מער אויטאָריטעט, ווי ביז-איצט, מיט אַ זיכערקייט אין דער שטימע, וואָס מען איז נישט געוואוינט-געווען צו הערן ביי אים אין דער לעצטער צייט. דאָס וואַקלען זיך פון דער לעצ-טער צייט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. וואָרים דורך דער לעצ-טער צייט איז עפּעס געשען... ער האָט דעריבער נישט גע-שוינט האַנסן. נישט אין אַכט גענומען זיין צושטאַנד. וואָרים וואָס זיין ברודערנזון איז געגאַנגען איצט טון איז ווירקלעך געווען אַ פאַרצווייפלטער שריט, לויט ד"ר היינריכס אויפפאַסונג, און מען האָט געמוזט אָנווענדן אַ שטאַרקע שפּראַך, כדי אים אָפּצוהאַלטן פון דעם משוגעת.

האַנס איז בלייך-געווען, אָבער רואיג זיך פאַרהאַלטן. ער איז געזעסן ביים אָנקל אַדאָלף אין דער סטודיע, וואו דער אָנקל היינריך האָט אים באַזוכט. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל. אַ רעזיגנירטע רואיגקייט האָט זיך געלאָזט באַמערקן ביי אים, די רואיגקייט, וואָס קומט נאָך אַ שווערן שטורעם. ער האָט זיך אָנגערופן און עס האָט זיך דעם ד"ר היינריכן געדאַכט צו פאַרנעמען אַ ביטולדיגן שמייכל אויף האַנסענס דינע ליפּן, אַ שמייכל, וואָס האָט דעם דאָקטאָר דערצערנט און ביי אים איינצייטיג רחמנות דערוועקט אויף דעם פאַרלוירענעם יינגל.

— טאָקע צוליב דעם, צוליב דער מערבדיגער ציוויליזאַציע מוז מען צוריקגיין צו אַזיע, צו איר קוואַל, פונוואַנען זי, די מערבדיגע ציוויליזאַציע, האָט געשעפּט. וואָרים דורך דער לאַנגער רינע, דורך וועלכער די וואַסערן פון געטלעכן קוואַל זענען גערונען, האָט זיך אין זיי פיל פּסולת אַריינגע-

כאַפּט און די וואַסערן פאַרסמט. זיי האָבן מער קיין שפּור נישט פון דעם אור-קוואַל, פון וואַנען זיי שטאַמען און צוליב דעם האָט אונזער מערבדיגע ציוויליזאַציע דאָס פּנים פון היינט.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, וואָס הייסט צוריקגיין צום אור-קוואַל. דער אור-קוואַל פאַר זיך אַליין איז גאָרנישט, ער האָט אפשר געקאָנט אָנקוועלן און אָנטרינקען אַ קליינעם ענגסעקטאַנטישן נאַציאָנאַל-שאָוויניסטישן שבט, וועלכער האָט זיך אַרומגעקריגט און צעפליישט זיך איינס דאָס אַנדערע. שיין וואָלט דער אור-קוואַל אויסגעזען, ווען נישט דאָס „פסולת" (ווי דו רופסט עס אָן), וואָס ער האָט מיטגענומען אין זיין לאַנגן וועג דורך דער קאָריטע פון דער געשיכטע! ער האָט מיטגענומען דעם געדאַנק, דאָס וואָרט, די חכמה, דאָס געפיל, די שיינקייט — מיט איין וואָרט: די גאַנצע ברכה פון מענטשלעכן מין, און דער עיקר דעם גריכיש-רוימישן קאָרפּוס, דורך וועלכן ער איז אַדורכגעגאַנגען — דערפון איז באַשאַפן-געוואָרן די מערבדיגע ציוויליזאַציע! ווען דער אור-קוואַל וואָלט געבליבן שטעקן אויף זיין אָרט אָן דעם גאַנג, וואָס פּאַולוס האָט אים געגעבן דורך דעם האַרץ און אינטעלעקט פון דער וועלט, וואָלט ער שוין פון לאַנג פאַרשטאָפּט-געוועזן, אָדער ער וואָלט שטעקן געבליבן אין אַ זומפּ, אָן יעדן איינפלוס אויף דער מענטשהייט, וואָס עס וואָלט געוועזן איינס-און-דאָסזעלבע! דער „אור-קוואַל", דאָס איז אַ חוצפּהדיגע איינרעדעניש פון שאָוויניסטישע יידן. איך באַדויער דיך זייער, ווען איך זע דיך אין דערדאָזיגער געמיינדע, נאָך דערצו אין דער איצטיגער צייט, ווען, גאָט צו דאַנק, דאָס פאָטערלאַנד וואַרפט-אַראָפּ פון זיך דעם קאָשמאַר, אין וועלכן דער קריג האָט עס אַריינגעבראַכט, שטרענגט זיך אָן צוריקצושטעלן זיך אויף די פיס, צוריק צו פאַרנעמען זיין אָרט אין דער וועלט-ציוויליזאַציע, פון וועלכער פרעמדע, צוגעלאָפענע אַוואַנטוריסטן האָבן עס געוואָלט באַרויבן, אַרויפצווינגען אויף אים פרעמדאַרטיגע טעאָריעס, וואָס שטאַמען פון דיזעלבע פאַנאַטיש-שאָוויניסטישע קוועלן, פון וועלכע דו, ליידער, שעפּסט איצט אין דיין אומגליק, און וואָס עס איז פרעמד פאַר איר מערבדיג וועזן, ווי עס האָט זיך איצט, גאָט צו דאַנקען, אַרויסגעוויזן.

— אָבער אום גאָטעס ווילן, וואו איז זי, די מערבדיגע ציוויליזאַציע? דאָס מערבדיגע וועזן? וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס? וואו זענען די שפּורן פון מענטשן-ליבע, וועלט-בירגער-שאַפט און אַלע אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס דו פּרעדיגסט? די מערבדיגע ציוויליזאַציע באַשטייט פון אָפּגענאַרנדע ווערטער. וועלכע שווערד האָט נאָך אַזוי פיל געמאָרדעט, ווי היינט דאָס וואָרט! וואָס איז וויסנשאַפט, אָן דינסט פאַר דעם גוטן? דער מלאך-המוות באַדינט זיך היינט מיט די נייעסטע דערפינדונגען! דאָס איז די מערבדיגע ציוויליזאַציע? די מערבדיגע ציוויליזאַציע, אָן דעם אור-קוואַל, איז אַ רינשטאָק פון שמוץ און שאַנד, פאַרניכטונג און טויט. — און זעט דאָס פּנים, וואָס די וועלט האָט היינט!

דער דאָקטאָר איז בלייך-געוואָרן, נישט אַזוי פון האַנסענס ווערטער, ווי פון זיין ערנסט, פון זיין לייד, וואָס האָט אַרויס-געשריגן פון אים.

— ניין, יונגע, עס איז מיט דיר אוממעגלעך צו דיסקו-טירן. דו האָסט די מעטאָדע פון מענטשלעכן דענקען פאַרגעסן, די לאָגיק איז ביי דיר געליימט, עס רעדט פון דיר ליידנ-שאַפט, אויפרעגונג און, זיי מיר מוחל, פאַרצווייפלונג. עס איז אפשר דיך צו פאַרשטיין אין דיין לאַגע. מוזסט וואַרטן, ווען דו וועסט קאָנען זאַכן און געשעענישן זען און אָפּשאַצן מיט מענטשלעכע מאָסן, וועסטו איינזען, אַז מיר, יידן, ווי די גאַנצע דענקענדיגע וועלט, האָט נאָר איין רעטונג און איין האָפענונג— דאָס איז די מערבדיגע ציוויליזאַציע — זי איז אונזער מזל און אונזער באַשערטקייט. זי איז אונזער מוטער, זי באַהאַנדלט אונז מוטערלעך, אויך שטיפמוטעריש. פאַרפאַלן, מיר האָבן קיין אַנדערע היים נישט! אָבער ווען זי, די מערבדיגע ציוויליזאַציע, וועט לעבן, וועלן מיר אין איר אונזער טייל האָבן, מיר וועלן אין איר איינגעבויט-ווערן ווי אַ ציגל אין דער מויער, וואָס קיינער קאָן נישט אַרויסנעמען, אַז די וואַנט זאָל זיך נישט איינלייגן. ווען נישט די מערבדיגע ציוויליזאַציע, לוינט זיך די גאַנצע מי נישט. עס האָט קיין צוועק נישט דעם „אור-קוואַל" צו היטן, ווייל ער וועט אויסגעטריקנט-ווערן... איבעריגנס, זע איך נישט איין, וואָס דו וועסט דיר דערמיט

העלפן, איבערצוגיין צו אַן אַנדערער קאָנפעסיע. מיר לעבן שוין נישט אין דער צייט, ווען רעליגיעס האָבן געהאַט עפּעס מיט אַריינצורעדן.—אַנדערע פאַקטאָרן שפּילן אַ ראָלע אין אונזער לעבן. פּונקט ווי די פעלקער-וואַנדלונגען און די רעליגיאָנס-קריגן האָבן באַשטימט, וועלכע שטאַמען און וועלכע אמונות זאָלן באַצווינגען און באַהערשן די לענדער פון אייראָפּע — אַזוי ווערט דעצידירט אין אונזער צייט די סאָציאַלע אָרדנונג פון דער צוקונפט. פאַר איר ווערן דאָס די געראַנגלען געפירט. דער קאַמף פאַר דער סאָציאַלער אָרדנונג שלעפּט-מיט אין זיין געווירבל אומבאַוואוסט, אַפילו געגן זייער ווילן — אַלע רוחות, אַלע עלעמענטן, אונטער וואָס פאַר אַ פאַרבן זיי זאָלן נישט ציען אין פעלד. אין דעם קאַמף, וואו די צוקונפט ווערט אויס-געשמידט, וואָלט איך דיך געוואָלט זען, יונגע — דאָס איז אַ טעטיגקייט פאַר דיר, אין פאַרבינדונג מיט דער וועלט — אָבער נישט אין אָפּפאַל פון איר. ווייל דיר איז אַן אומגליק גע-שען — מיינסט דו, אַז אונזער לעבן גייט-אונטער, עס גייט נישט אונטער. עס גייען נאָר אונטער די, וועלכע זאָגן זיך אָפּ פון אים.

האַנס האָט עס געענוג געהאַט. — ער האָט ביז-איצט דעם אָנקל אויסגעהערט רואיג. אָבער זיין געדולד האָט געפּלאַצט.

— אָבער אום גאָטעס ווילן — צו אַ בינדעניש מוז מען האָבן די צושטימונג פון ביידע צדדים. בין איך דען נישט ווי אַ שמאַטע אַרויסגעוואָרפן-געוואָרן פון צווישן זיי. מיר אַלע-וואַלגערן מיר זיך דען נישט זיי אַרום צווישן די פיס? וואָס רעדסטו פון בינדעניש? ווענן אַ בינדעניש קאָנען נאָר רעדן גלייכע מיט גלייכע. — און דערפאַר טאַקע גיי איך איבער צו מיינע, איך בין אין דעם יידישן זאַק אַריינגעוואָרפן-געוואָרן, פון דאַנען מוז איך מיין בינדעניש מיט דער וועלט אָנקניפּן. דאָס איז מיין טייל וועלט — און פונדאַנען-אויס מוז איך ברענגען מיין אָרימען צושטייער פאַר דעם פּראָגרעס, פאַר דער צוקונפט, פאַר דער „אייראָפּעישער ציוויליזאַציע”, פאַר די אַלע גוטע זאַכן, וועלכע דו פּרעדיגסט, וואָרים פּראָגרעס איז לעבן. עס ווערט געאַקערט פון מענטש, אויף אַלע זיינע פעלדער. נאָר דורך דעם בידנעם טאָג-טעגלעכן לעבן קאָן מען פירן

אונזער קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט. — אַלץ, וואָס מיר האָבן געטון ביז־איצט, זענען געווען הוילע ווערטער—זיי האָבן קיין האַפט נישט געהאַט, ווייל מיר האָבן קיין אַנטייל נישט גענומען אין לעבן. אינטעליגענטע פוסטע פראַזן, וואָס האָבן קיינעם צו גאָרנישט פאַרפליכטעט, דעריבער האָט מען זיי גע־קאָנט אַזוי לייכט אויסוואָרצלען. איך וויל מיך איינפלאַנצן אין לעבן אַריין, און איך טו אויפן יידישן פעלד. וואוהין איך באַ־לאַנג און פון וועלכן קיינער קאָן מיך נישט פאַרטרייבן. — ווייל איך בין איינער פון זיי און כדי צו זיין איינער פון זיי, נעם איך איבער אַלע סימנים, וואָס באַצייכענען זיי, גוטע צי שלעכטע — כדי איך זאָל געהערן צו וועמען, און נישט הענגען אינדערלופטן, ווי איר אַלע.

אין דאָקטאָר היינריך איז עפּעס אויפגעגאַנגען — ער האָט זיך דערשראָקן, דערביי אויך דערפרייט פון דעם, וואָס ער האָט אַנטדעקט ביי האַנסן. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן אַנדערש. געזאָגט האָט ער: — ווייסט דו וואָס, האַנס — מיר מוזן אָפּוואַרטן. דו רעדסט שוין ווי איינער פון זיי.

— איך ב י ן איינער פון זיי!

מיט דעם האָט ער דאָס געשפּרעך פאַרענדיגט...

## קאַפּיטל 28

# דאָס פּאַטערלאַנד איז בעראַטעוועט

אין די שטאָל־געפּאַנצערטע קעלערס, אויסגעהאַמערט אין פעלזן פון דער מאַנהעטען־אינזל אונטער די פופציג־גאָרנדיגע הימל־קראַצערס, ליגט אָנגעזאַמלט, ווי טויטע הומרס, דאָס גאָלד פון דער וועלט. אין געפּאַנצערטע שיפן, באַוואַכט מיט באַוואָפנטע היטערס, איז עס געבּרענגט־געוואָרן פון יענער זייט ים פון אַלע ווינקלען פון דער ערד. איצט ליגט ער אָנגעהויפט, דער געלער מאַטעריאַל, געגאָסן אין שווערע בלאָקן, פּאַרפּאַקט אין געשמידטע קאַסטנס. טייל ליגן אויבן־אויף־נאַקעט, מיט דעם גאַנצן געפּערלעכן, מוראדיגן אָנבליק פון דעם אַלמעכטיגן אָפּגאָט, געגאָסן אין קוכנס און אין פּאַכן ליגן זיי איינס אויף דאָס אַנדערע, דערגרייכן ביז אונטער דעם שטאָל־געפּאַנצערטן באַלקן, געצאָרדנט מיט נומערן, אין ציפערן פּאַרצייכנט, פּאַרשלאָסן מיט טאָנען־שווערע, שטאָל־קאַלטע טירן, באַפּאַנצערט פון אַלע זייטן מיט האַרמאַטן־ענלעכע רערן־שלעסער, באַוואַכט מיט באַוואָפנטע היטערס, וועלכע זענען אויסגעשטאַט מיט די מאָדערנסטע אויטאָמאַט־ביקסן, פּאַרזעען מיט די אויסגעקליגעלטסטע אַלאַרם־צייכנס, באַכישופט מיט טויט־ברענגענדיגע עלעקטרישע שטראָמען. אַזוי ליגט דאָס גאָלד פון דער וועלט באַשיצט און באַשירעמט ווי אַן אָפּגאָט. אָבער ווי טויטע הומרס ליגט עס, דער טויטער אָפּגאָט קאָן קיין וואונדער נישט באַווייזן.

עס בענקט און לעכצט אים צו דינען אַן אויסגעהונגער־טע וועלט. פון קריג און פאַרניכטונג פאַרשמאַכט, פון רע־וואָלוציעס און איבערקערענישן אויפגעבראָזט, ווי אַ שטורעמ־דיגער ים, פון אינפלאַציעס, פּוטשען און הונגער־בלאָקאַדעס צו פאַרצווייפלונג געטריבן, לעכצט און בענקט די אויסגעמוטשעטע וועלט איינצושפּאַנען זיך אין יאָך פון זיין דינסט. דאָס גאָלד איז דער איינציגער גאָט, וואָס קאָן צוריק אָרדנונג און אויטאָריטעט אויף דער וועלט ברענגען, דער איינציגער גאָט, וואָס קאָן דאָס וואונדער באַשאַפן, פאַר די מענטשן אַרבעט און ברויט צו ברענגען. עס איז דאָס בלוט, וואָס גיסט זיך און באַלעבט דעם וועלט־בירגער. די איינציגע קראַפט, וואָס טרייבט די רעדער פון מענטשלעכן שאַפן. דאָס גאָלד קאָן נישט רוען און וואַרטן אַ טאָג, אַ שעה, אַ מינוט — עס איז דער אָטעם, וואָס ברענגט־אריין לעבן אין דער מענטש־לעכער באַוועגונג. עס שרייט נאָך טעטיגקייט. עס פאַרלאַנגט שקלאַפן, וואָס זאָלן דערצו דינען, און דאָ ליגט עס פאַר־שלאָסן און פאַרמאַכט אין אַ געפאַנצערטער שטייג, פאַראורטיילט צו אומטעטיגקייט.

די וועלט ווערט וואָס אַמאָל ענגער פאַר דעם גאָלד. הונדערט מיליאָן, וואָס באַוואוינען אַ זעקסטל טייל פון דער ערד, זענען אַרויסגעפאַלן פון זיין סיסטעם און זיך אָפּגעזאָגט אים צו דינען. מיר וועלן זען, ווי זיי וועלן אויסקומען אָן דעם אַלמעכטיגן גאָט. אַ צווייטער טייל פון דער מענטשהייט, די פּאַאיגסטע און טעטיגסטע, רייך אין רוי־מאַטעריאַלן, איז וויליג שטענדיג צו גיין אין דעם יאָך פון דעם גאָלד. — איינער פון זיינע געטרייסטע דינער איז געליימט־געוואָרן דורכן קריג, געפּלאָגט פון פּאָליטישער פיינטשאַפט, פון סאַנקציעס, באַזעצונגען, פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אינפלאַציעס — האָט ער אין זיין פאַרצווייפלונג רעוואָלטירט געגן דעם גאָט גאָלד.

דאָס מוז אויפהערן!

די מענטשן באַדאַרפן דאָס גאָלד. מער נאָך אָבער דאַס גאָלד די מענטשן.

און דאָס, וואָס נישט די וועלט־אומשפּאַנענדע קירכע, נישט דער מענטשלעכער פּראָגרעס, די מענטשלעכע ציוויליזאַ־

זאַציע, צו וועלכער מיר האָבן זיך די אַלטע יאָרן באַקענט, דאָס וואָס די חכמהדיגע דיפּלאָמאַטיע, דאָס, וואָס די אַלמעכ-טיגע שווערד פון מאַכט האָט נישט געקאָנט באַווייזן דער אויסגעמאַטערטער מענטשהייט צו ברענגען דעם פרידן און אָרדנונג,—דאָס האָט דער גאָט גאָלד מיט זיין דיקטאַטאָריש וואָרט אונטערגענומען זיך צו טון, און צו אים האָט מען זיך צוגעה-הערט. אונטער זיין מעכטיגן האַמער זענען צעקלאַפּט-געוואָרן די שטאָלענע הערצער פון די „אייזערנע קאַנצלערס". עס האָט געבראָכן די עקשנות פון דעם פורכטבאַרן פּואַנקאַרע אין פראַנקרייך, ער האָט דיקטירט, ווי צו איינעם פון זיינע כוהנים— דעם „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" אין דייטשלאַנד, אויפ-צוגעבן זיין „פּאַסיוון ווידערשטאַנד" און צו שטעלן זיך אין דינסט פון דער אַלוועלטלעכער מאַכט פון דער גרויס-אינ-דוסטריע, וואָס אָנערקענט נישט קיין לאָקאַלע קליינע נאַציאָ-נאַלע אינטערעסן, נאָר די וועלט-הערשאַפט. ער האָט צעבראָכן די פּאַפּירענע און שטאָלענע שווערדן פון אַלע געפאַר-ברענ-גענדיגע, באַאומרואיגנדיגע דעמאַגאָגן, מאַכט-זוכנדיגע אַוואַנטו-ריסטישע גענעראַלן און פּוטשן-פירערס, איינגעשטילט די אומ-רועז, אָפּגעשטעלט די געלט-פּרעס-מאַשין. ער האָט אינספּירירט מיטן הייליגן פייער פאַרן וועלט-שלום די גרויסע וועלט-פּרע-סע. אונטער איר געשריי האָבן פּאָליטיקער זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען. ער האָט צוריק געשאַפן אַן עפנטלעכע אייראָפּעיִשע מיינונג, אַרויסגערופן אַ געוואַלדיגע שטימונג פאַר באַרואיגונג און פאַרשטענדיגונג. דאָ-און-דאָרט האָט זיך געלאָזט באַמערקן ביי די גרויסע פעלקער אַ מידקייט פון דעם האַס. אַ געשריי האָט זיך אויפגעהויבן: „מיר ווילן שלום!" און אומפּאָפּולער-געמאַכט די העצער. די מענער, וואָס האָבן געבראַכט די מלחמה, קאָנען נישט ברענגען קיין פרידן... אַוועק מיט זיי, גיט אונז אַנדערע מענער! — האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען. גאָט געלט האָט אַפילו אין זיין דינסט אַרויסגערופן זיין פאַר-ביסנסטן שונא — דעם אַרבעטער-קלאַס. אין ענגלאַנד האָט אָנ-געהויבן צו וואַקסן די גרויסמאַכט פון דער אַרבעטס-פּאַרטיי, אין פראַנקרייך — די ראַדיקאַלן. פּואַנקאַרעס נקמה-פּאָליטיק איז איבערדריסיג-געוואָרן. דער גאָט פון גאָלד האָט פאַר-

לאַנגט שלום! און אונטער זיין ווילן האָט די וועלט נאָכגעגעבן.

דאָס גאָלד האָט געשיקט פון אַמעריקע זיין שליח, אייגעם פון זיינע כּוהנים, כּדי דעם קראַנקן און וויסטן אייראָפּע אָרדנונג צו ברענגען. פון קיין שום סענטימענטן, קיין אַלטע חשבונות, פון קיין שום ליידנשאַפטן, וואָס דער קריג און דאָס פיל-פאַרגאָסענע בלוט האָט אַרויסגערופן, האָט ער נישט געוואָלט וויסן. ער האָט געמאָסטן און געוואויגן אַלע אינטערעסן און ווערטן מיט דער איינציגער זאַכלעכער און ווירקזאַמער מאָס און וואָג, מיט וועלכער דער גאָט גאָלד וועגט-און-מעסט זיינע גיטער — מיט קרעדיט און דעבעט, וואָס איז צו געבן און וואָס איז צו נעמען, אָפּגעשאַצט די צאָלונגס-פעאיגקייט פון דייטשלאַנד, זיינע נאַטירלעכע רייכטימער, די פעאיגקייט פון דער נאַציע, דעם אַרבעטס-ווילן פון די מאַסן, אויסגעשטעלט אַ חשבון און דעם חשבון פּרעזענטירט פאַר די פעלקער פון דער וועלט. די זאַכלעכע שפּראַך אונטערגעשטיצט פון דער גאַנצער מאָראַלישער און פיזישער מאַכט, וואָס גאָלד באַזיצט, האָט געווירקט און דאָס וואונדער איז געשען. נישט דער גאָט פון ליבע, נישט דער גאָט פון דער שווערד, נישט די חכמה, נישט דאָס מענטשלעכע רחמנות זענען געווען אימשטאַנד איינצושטילן דאָס פאַרגאָסענע בלוט און צו ליקווידירן דעם קריג. גאָט גאָלד האָט עס געטון!

דער קאָשמאַר איז אַריבער. דאָס פאָטערלאַנד האָט אָפּגעאָטעמט, דער פּוטש, וואָס דער „האַלב-ציגיינער, האַלב-עסט-רייכער" (ווי ד"ר היינריך האָט אים גערופן) האָט געפּלאַנט אויסצופירן אין מינכען (צוליב וועלכן צוועק ער האָט געזאַמלט זיינע שטורמיסטן פון גאַנצן לאַנד אַרום זיך), האָט זיך צוליב דער נישט-געלונגענער מאַכינאַציע מיט די אָרטיגע אויטאָריטעטן — וואָס איז אין דער לעצטער מינוט קאַליע-געוואָרן צוליב די גוטע אויסזיכטן אויף דער אַמעריקאַנישער הלוואה — נישט איינגעגעבן. דער „אומרו-שטיפטער", ווי ער איז איצט גערופן-געוואָרן, איז ביי דעם קאָמעדיאַנטן-שפּיל, בעת וועלכן עס האָבן נישט געפעלט קיין טעאַטראַלע עפעקטן (מיט אַ קנאַל פון רעוואָלווער אין דער ביער-האַליע), צוזאַמען מיט אַ באַ-

וואוסטן גענעראַל-אוואַנטוריסט אַרעסטירט-געוואָרן. די ווער-מאַכט, מיט וועלכער ער איז אין פאַרבינדונג געשטאַנען און אויף וועלכער ער האָט זיך פאַרלאָזט, האָט פלוצלינג אָנגע-ווענדעט דאָס געווער געגן דעם נעכטיגן פאַרבינדעטן, געגן זיינע שטורם-טרופּן. עס זענען געווען פאַרוואונדעטע און גע-הרגעטע. צווישן די געהרגעטע האָט זיך אויך געפונען דער יונגער אַדלמאַן, דער געוועזענער לייטענאַנט וואָלפגאַנג פאָן סטיקער.

אויך אַנדערע סמנים פון באַרואיגונג האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד. די רייכסבאַנק האָט אָפּגעשטעלט דאָס דרוקן פון פּאַפּיר-מאַרקן. דער מאַרק איז טאַקע נעציילט-געוואָרן אין אַסט-ראָנאָמישע ציפערן — פיר מיליאַרד צוויי הונדערט מיליאָן פאַרן דאָלאַר. נאָר וואָס איז דער חילוק, וואָס פאַר אַ ציפער עס טראָגט דאָס פּאַפּירל! אַבי עס באַהאַלט זיין פעסטע ווערט. דאָס פּאַפּירל האַלט-אָן זינט אַ געוויסער צייט זיין באַשטאַנד, ווי אַלץ, וואָס קומט-פאַר דאָ אין לאַנד — אויף קאָמאַנדע, עס האָט מיטאַמאָל צוריקגעוואונען אַלעמענס צוטרויען. מען רעדט וועגן אַ רענטן-מאַרק, אָבער נאָך איידער דער רענטן-מאַרק האָט די ליכטיגע שיין געזען, האָט ער שוין וואונדער באַוויזן: מענטשן גלויבן אין דעם נייעם געלט און שווערן אויף אים. מענטשן נויטיגן זיך אין אַ ווערט, פאַר וועלכער עס זאָל זיך לוי-נען צו דינען. האָט מען נישט אַזאַ איינע, באַשאַפט מען זיך זי — שניידט מען אָפּ דעם גנב פון דער תליה. ווי אויף אַ דערלייזער פון אַלע נויטן און קלעמענישן האָט מען אויסגע-קוקט אויף דעם נייעם משיח, אויף דעם רענטן-מאַרק, און מען האָט געהאַט בטחון, אַז ער וועט צוריק אָרדנונג און ווערט ברענגען. האָט זיך דאָס פאָטערלאַנד מיט תאַפּענונג באַנייט, אַלץ האָט אָפּגעאָטעמט און אַלץ האָט אויף נייע צייטן אויס-געקוקט.

די נייע צייטן האָבן זיך באַוויזן. דאָס משוגעת פון פּאַ-סיוון ווידערשטאַנד האָט אויפגעהערט. אויף דעם באַפעל פון דער רעגירונג זיצט איצט דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" מיט די פראַנצויזישע קאָלעגן פון דער שווער-אינ-דוסטריע און אַרבעט-אויס אַ פּלאַן פון נייע ליפערונגען קיין

פראנקרייך (וואס ער האט עס אויך גאנץ גערן געטון, נאכדעם ווי ער האט שוין געהאט אנגעזאמלט אין זיינע שייערן דעם שניט פון דער אינפלאציע). און זיצט דען נישט אין בערלין א שאצונגס-קאמיסיע, וועלכע האט דעם צוועק אויסצוגעפינען די צאלונגס-פעאיגקייט פון דייטשלאנד, כדי אויסצואַרבעטן א געוויסן אמעריקאנישן פלאן פאר די רעפאראציע-צאלונגען?

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער גרעסטער אינפלאציע-געווינלער איז געווען דאס דייטשע רייך. דורך די יארן פון דער אינפלאציע האט עס נישט בלויז אפגעמעקט אלע זיינע חובות, נאר האט פון מיליאנען מענטשן איבער דער וועלט, וועלכע האבן ארויסגעוויזן צוטרויען צו דייטשלאנד, צוגענומען זייערע אפשפארונגען און געגעבן זיי דערפאר ווערטלאזע פאפירן. איצט שטייט דאס דייטשע רייך פריי פון חובות, אומשולדיג ווי א ניי-געבוירן קינד, און מיט דער האפענונג, וואס עס טראגט אין זיך אויף זיינע פעאיגקייטן, אויף זיין קענען, אויף דער ארבעטס-לוסט, איז עס גאר דער בעסטער, דער קרעדיט-פעאיגסטער קונדע פאר דעם אמעריקאנישן געלד. דייטשלאנד פארמעסט זיך מיט גרויסע טריט נאכצוטון אמעריקע, אמעריקאניזירן זיך. אמעריקע ווערט דער גרויסער אידעאל און אלע אויגן זענען געווענדעט צו דעם לאנד פון געלד. מען זוכט-אויס ווייטע קרובים אין אמעריקע. אמעריקע איז שוין נישט מער דאס לאנד פון עמיגראנטן, אומוויסנדיגע פראפאגנען, — אמעריקע איז דער אידעאל.

ד״ר היינריך באדענהיימער — צוריק אין זיינע פעדערן — האט צוזאמען מיטן אויפגעריכטן פאטערלאנד צוריקגעוואונען דעם גאנצן צוטרוי אין זיך, וועלכער האט דורך די יארן פון קאשמאר אנגעהויבן זיך צו וואקלען. ער האט, פארשטענדלעך, תיכף געשטעלט זיך אין דינסט פון פאטערלאנד. איצט פלאנט ער אן אגיטאציע-רייזע קיין אמעריקע, זוכט-אויס ווייטע קרובים, וועלכע זענען דורך דער מלחמה זייער רייך-געווארן, כדי אויפצומונטערן אין די הערצער פון די אמעריקאניש-דייטשע גלויבנס-גענאסן ליבע און טרייזאפט צום אלטן היימאטס-לאנד, און מיט דעם אויפצוריכטן די דייטשע אינ-

דוסטריע, אָן וועלכער דער שלום פון דער וועלט קאָן נישט באַפעסטיגט-ווערן.

יאָ, נייע צייטן קומען-אָן. די וועלט געווינט-צוריק איר צוטרוי צו דייטשער פעאיגקייט, צו דייטשער קענטעניש און דער עיקר — צו דייטשער טריישאַפט.

„דייטשלאַנד פאַרנעמט ווידער זיין באַרעכטיגטע שטעלונג אין דער וועלט, עס ווערט ווידער דער פירער צווישן די נאַציאָנען פון דעם ערד-קוגל. נישט דורך דער שווערד, וועלכע האָט זיך, ליידער, אַרויסגעוויזן נישט פאַרלעסלעך אין קריג, נאָר דורך וויסנשאַפט, דורך קענטעניש און דער עיקר דורך דעם טרייען באַקערן זיך צו דער אידעע פון וועלט-שלום און איי-ראָפעיִשן געוויסן. דער נייער בונד, וועלכן עס האָט גע-שלאָסן אין ווײמאַר, וועט דייטשלאַנד ווידער גרויס און באַ-רימט מאַכן און עס וועט ווידער ווערן דער אָנפירער אין דער וועלט״. —

ווי פסאַלמען-הימנען האָבן געקלונגען די אַרטיקלען פון ד״ר באָדענהיימער אין דער גרויסער צייטונג מיט זייער פאַ-טעטישן און נביאישן טאָן, אין וועלכע ער האָט פאָראויסגע-זאָגט די גרויסע ראָלע, וואָס שטייט-פאָר דייטשלאַנד צו שפּילן אין דער וועלט, אין דער עפּאָ פון איירָאָפעיִשער פאַראיי-ניגונג.

„דער דייטשער מענטש נויטיגט זיך נאָר אין צוויי זאַכן: אין ברויט און אין אַרבעט, דאַן וועט ער אויף דעם קוגל, אויף וועלכן עס שטייט אונזער וועלט, אַ גן-עדן באַשאַפן... די וועלט וועט נישט חרטה האָבן דערויף, וואָס זי האָט אירע האָפענונגען פאַרן וועלט-פרידן פאַראַנקערט אין דער דייטשער טריישאַפט. אין איר, אין דער דייטשער טריישאַפט, וועלן אירע געוועזענע שונאים געפינען די אומבאַזיגבאַרע פעסטונג פאַר איירָאָפעיִשער ברידערלעכקייט. דער שטיין, וואָס די בויערס האָבן פאַרוואָרפן ווערט דער ווינקלשטיין פון וועלט-פרידן״ —

האָט מיט פּאַטאָס דערקלערט ד״ר באָדענהיימער אין זיינע אַרטיקלען.

אין האַרץ האָט ער זיך נישט געקאָנט פאַרגעבן דאָס,

וואָס ער האָט אויף איין מינוט זיך אַ וואַקל-געטון און גע־לאָזט זיך באַאיינפלוסן פון דער ווילדער פּאַטריאָטישער העצע, וואָס עס האָט געפירט דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד“, וואָס ער האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיט דער פּאַטריאָטישער כוואַליע און אַגיטירט פאַרן פּאַסיוון ווידערשטאַנד. ער האָט זיך דאָס פאַרענטפערט מיט דעם קאָשמאַר-געשטאַנק, וואָס איז געשטאַנען אין לאַנד. ער האָט אָן יענער צייט געוואָלט פאַר־געסן, פון היינט-אָן גילט זיין האַרץ, זיין פעדער, זיין לעבן איין איינציגן אידעאַל — דער מענטשלעכער פאַרברידערונג. דער געדאַנק פון אייראָפּעיִשן געוויסן, די מערבדיגע ציווי־ליזאַציע — דאָס איז דאָך זיין גייסטיגער מהות, זיין אמונה, אין דעם פּאָטערלאַנד איז ער דאָך אַ באַרעכטיגטער בירגער און פאַר דעם פּאָטערלאַנד דאַרף מען קעמפן און גרייט זיין אויף קרבנות, ווייל דאָס פּאָטערלאַנד, דאָס וועלט-בירגערטום, פאַרלאַנגט זיכערקייט און שוץ, און עס איז ווערט דערפאַר דאָס לעבן אָפּצוגעבן. דאָס איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן ער שטייט. דאָס איז די גרויסע אייביגע מוטער, וואָס אונטער אירע פליגל געפינט ער שוץ. וואָס האָט ער, און וואָס איז ער, אָן זיין אָנטייל, אָן זיין צוגעהעריגקייט צו דער מערבדי־גער ציוויליזאַציע ?...

אויפן באַנהויף „זאָאָלאָגישער גאַרטען“ איז געשטאַנען אַ פאַרפאָלק און געוואַרט אויפן צוג, וואָס גייט איבער קעלן קיין פאַריז. עס איז געווען אַ שניידיגער קאַלטער ווינטער-טאָג, אַ שטורעם האָט געבלאָזן דעם שניי, וואָס האָט אין שווערע מאַסן זיך געשאָטן אויפן פעראָן פון באַנהויף. דער מאַן איז גע־ווען אָנגעטון אין אַ ווינטער-מאַנטל מיט אַ שטייפן הוט איבער זיין פיר-עקיג פנים. און די פרוי אין אַ „ברייט-שוואַנץ“-מאַנטל, וואָס האָט נאָך אַרויסגעוויזן דעם שניט פון עלעגאַנץ, אָבער ער איז שוין געווען דאָ-און-דאָרט אויסגעריבן און האָט איצט, אין ווינט, אין שניי און אין דער קעלט געמאַכט מער אַ קלעג־לעכן ווי אַן עלעגאַנטן איינדרוק. מאַן-און-ווייב האָבן זיך גע־

הויכט אין די הענט, געקלאַפּט אין די פּיס און געוואָרט אומ־געדולדיג אויפן צוג, וואָס דאַרף אָנקומען. נעבן זיי זענען געשטאַנען דריי־פּיר געלע לעדערנע רייזע־טאַשן, וואָס זענען געווען נאָך געגוג ניי, און אַ קליין אויסגעריבן, דורך פּיל ריי־זעס אויסגענוצט שוואַרץ לעדערן וואַליזקעלע, וואָס דער מאַן האָט געהאַלטן אין דער האַנט. די געלע לעדערנע טאַשן זענען ניי־דערוואָרבענע. דאָס שוואַרצע וואַליזקעלע אָבער איז אַן אַלט־באַקאַנטס, אייגנס, ווי עס וואָלט זיך אָנגעקערט מיטן אייגענעם לייב. עס האָט זיין אייגנטימער געטריי דורך פּיל געפאַרן באַ־גלייט, פּיל געפּערלעכע גרענעצן מיט אים דורכגעגאַנגען, אין פייער און וואַסער זיך געפונען. עס באַגלייט אים אויך איצט אויף דער רייזע. די לעדערנע טאַשן זענען דאָס איינציגע אייגנטום, וואָס יודקעוויטש און זיין פרוי אסתּר נעמען־מיט מיט זיך פון דעם גרויסן טאַראַראַם פון בערלין.

פון יודקעוויטשעס רייכטום האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוי־דעם. די הייזער האָט דער ווינט אַוועקגעטראָגן. די שטאָלצע באַדענהיימערישע באַנק האָט דער טייוול צוגענומען, און איצט פאַרלאָזן זיי — ניין, מען שיקט זיי אַרויס פון בערלין.

שוין אין די לעצטע חדשים, זינט דער מאַרק האָט זיך סטאַביליזירט און איז געבליבן שטיין ביי פיר מיליאַרד צוויי הונדערט מיליאָן מאַרק פאַרן דאָלאַר, האָט דאָס אומגליק זיך אָנגעהויבן. די סטאַביליזאַציע האָט יודקעוויטשן אויסגעשפּיגן, ווי דאָס לעצטע שטיק לייכעס פון אַ געזונט געוואָרענער ברוסט. די גרויסע העכט האָבן זיך נאָך געקאָנט האַלטן, קאָמבינירן, דרייען. זיי אַליין האָבן פאַרמאָגט קרעדיט־אינסטיטוציעס, זיך אַליין געצאָלט צינזן, און דער עיקר — געזעסן ביים פלייש־טאָפּ, אין דער רעגירונג. יודקעוויטש אָבער, אַזוי באַלד ווי דער מאַרק האָט אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו סטאַביליזירן זיך, אַזוי ווי עס איז נאָר געקומען צו אַן אויסגלייך צווישן פראַנק־רייך און דייטשלאַנד, ווי נאָר דאָס אַמעריקאַנער גאָלד האָט אָנגעהויבן אַריינצופליסן, האָט יודקעוויטשן אָנגעהויבן ענג צו ווערן. שפּייז באַשאַפט לעבן, פוילנדיגע און זיך־ווידמענדיגע ווערים. טריקנט מען אויס דעם זומפּ, פאַרשווינדן די מיקן. אין אַ צייט פון סטאַביליזאַציע איז נישטאָ קיין אָרט פאַר

יודקעוויטשן. די בענק האָבן געריסן די הויט. פאַר געלטער האָט מען געמוזט באַצאָלן דרייסיג, פערציג און פופציג פּראָצענט. מילא, ווען דער מאַרק איז געפלויגן אַראָפּ האָט מען נישט געקוקט דערויף. די אינפלאַציע האָט פאַר אַלץ באַצאָלט. איצט, אַז דער מאַרק האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין לויפעניש, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרקערטע שפּיל — די פּראָצענטער זענען געפלויגן אַרויף. דאָס קרן איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט און די פּראָצענטער זענען געשפּרונגען. פיר מיליאַרד, צוויי הונדערט מיליאָן מאַרק זענען קוים געווען מאָגערע פיר רענטן-מאַרק, פון וועלכע מען האָט געמוזט באַצאָלן צוויי רענטן-מאַרק פּראָצענט...

דאַן איז געשען נאָך עפּעס. כל-זמן יודקעוויטש איז געווען אַ קליין ווערימל, האָט מען אים געלאָזט אַרומקריכן אין געמויזעכץ. ווען יודקעוויטש האָט געקויפט איין הויז, צוויי, פינף, צען אַפילו, האָט מען זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. די גרויסע העכט, ווי דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד", האָבן אויפגעקויפט גאַסן, שטעט, האָטעלן, שלעסער, פאַבריקן, אייזנבאַנען, שיפס-געזעלשאַפטן. ווער האָט דאָרט באַמערקט אַ יודקעוויטשן, וואָס נאָרעט זיך אין זומפּ און קוויקט זיך מיט אַ פלויעלע. אָבער ווען יודקעוויטש האָט אָנגעהויבן אַרויסצושווימען אויף דער אויבערפלאַך, אַז יודקעוויטש האָט אָנגעהויבן צו רודערן, איז געוואָרן דער אייגנטימער און באַזיצער פון דער זייער געאַכטעטער, קאָנסערוואַטיווער, איינגעפונדעוועטער, זינט 1860 עקזיסטירנדיגער באָדענהיימערישער היפּאָטעקן-אַנשטאַלט, האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן אויף אים און מען האָט זיך געפרעגט: ווער איז יודקעוויטש?

און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט אים אַזאַ וואַלפיש, ווי דער „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד". אין געמויזעכץ פון דער אינפלאַציע איז יודקעוויטש געוואָרן אַזאַ פעטער וואָרעם, וואָס האָט שוין אַרויסגערופן די סלינע אין מויל פון די גרויסע ווערעם. — די באָדענהיימערישע היפּאָטעקן-אַנשטאַלט, פופציג מיליאָן גאָלד-מאַרק פאַרמעגנס — דאָס איז געווען אַ געשמאַקער ביסן... מען האָט אים נאָך געלאָזט

אַ ביסעלע זשיפּיען, ער זאָל נאָך אָנזאַמלען אַ ביסעלע פעטס אויף זיך, נאָך אַ ביסל פאַרמעגן, נאָך אַ פּאָר הייזער איינ־קויפן, דעם ווייבס צירונג פאַרזעצן, כדי די פּראָצענטער צו באַצאָלן. אַז מען האָט אים שוין געהאַט געלאָזט זיך געָנוג אָנצאַפּלען, אָנמוטשען (כדי עס זאָל אים לייכטער זיין צו דערווערגן), אַז ער איז רייף־געוואָרן געפרעסן צו ווערן, האָט מען אים דענסטמאָל איבערגעגעבן צו אַ קליינעם דירעקטאָרל, אַ באַאַמטן פון דעם „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד", אַז ער זאָל דעם וואָרעם אין דער בראָטפאַן אָפּבראָטן, כדי צוצוגרייטן אַ מאכל פאַרן „מולך"־מויל פון דעם „מאַן מיט דער שוואַר־צער באָרד".

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט נישט מער און נישט ווינ־ציגער, נאָר אַז דער אייגנטימער פון דער בכבודיגער, אַלט־איינגעזעסענער פירמע „באָדענהיימערישע היפּאָטעקן־אַנשטאַלט", האָט קיין פּאַס נישט, געהערט צו קיין מדינה נישט, קיין קאָנ־סול וועט זיך פאַר אים נישט אָננעמען, קיין רעגירונג וועט זיינע אינטערעסן נישט שיצן. אין דער פּאָליציי, וואו מען האָט וועגן אים ידיעות געקליבן, האָט מען אים גאָר געקענט אונ־טער אַן אַנדערן נאָמען, אויף אַ פאַלשן פּאַס פאַרשריבן־געוועזן, וואָס מען האָט נאָר געדולדעט צוליב דעם לאַ־יחרץ געלט.

דענסטמאָל האָט מען געגעבן אַ וואונק אין די בענק, אַז זיי זאָלן ענגער דעם פּאַסעק פאַרציִען.

איידער וואָס־ווען, און יודקעוויטש האָט שוין געצאַפּלט אין די הענט פון דעם „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד", ווי אַן אומשולדיג רחמנותדיג בריאהלע, אַ ווערעמל אָן פלי־געלעך, אין דעם געוועב פון דער שפּין.

ער האָט זיך נאָך אַביסל געוועלט, גערופן צוהילף זיינע ספּעציעלע כלי־זיין, וואָס זענען געשטאַנען גרייט אין אַזויפיל נויטן און געפאַרן — זיין קלוגשאַפט, זיין געשיקטקייט, זיין כיטרעקייט. נאָר געגן דעם „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד" האָט ער גאָרנישט געקאָנט אויפטון.

מען האָט אים נאָך געטון אַ טובה! מען האָט אים אין תפיסה נישט איינגעזעצט, מען האָט אים געלאָזט פריי אָפּציען פון בערלין. דעם גאַנצן קאָנצערן פון דער באָדענהיימערישער

אנשטאָלט מיט איר קרעדיט און דעבעט האָט איבערגענומען דער באַאַמטער אין נאָמען פון דעם „מאַן מיט דער שוואַר־צער באָרד”, און יודקעוויטשן געגעבן אויף הוצאות צו פאָר־לאָזן בערלין, אָבער נישט מער...

אין אָנהייב, ווען יודקעוויטש איז געוואָר־געוואָרן פון זיין לאַגע, האָט ער די צרות געשטיקט אין זיך, ער האָט מורא־געהאַט איובס בשורה אסתרן צו פאַרטרויען. ער איז גע־ווען זיכער, אַז איצט, ווען ער האָט זיין געלט פאַרלוירן, צו וואָס באַדאַרף זי אים, וועט זי אים פאַרלאָזן. אויסגעלאָזט האָט זיך פונקט פאַרקערט. אין דער נויט האָט זיך אסתר אַרויס־געוויזן פאַר אַ כשר יידיש ווייבל, וואָס פילט־מיט מיטן מאַן. זי האָט ספּאָזמען געקריגן, זי האָט געוויינט, געשריגן, גע־בראָכן זיך די הענט. ווען זי האָט זיך שוין געהאַט גוט אויס־געוויינט, האָט זי אָנגעהויבן דעם מאַן צו טרייסטן, אים מוט צוגעגעבן:

— מילא, וואָס קאָן מען זיך העלפן, גאָט צו דאַנקען, וואָס עס איז נאָר בלויז צו געלט אויסגעגאַנגען...

ווי אַ גוט ווייבל האָט זי גענומען די פּערל מיט די שיינע בריליאַנטן, וואָס ער האָט איר געקויפט, און אין זאַק באַהאַלטן — זאָל עס זיין אויף אַ שעה פון נויט.

— ביזסט נאָך נישט פאַרפאַלן, אַראָנטשיק — האָט זי צו אים געזאָגט, — גאָט וועט דיר נאָך העלפן! ,

און אויך איצט, ווי זיי שטייען ביידע אויף דער סטאַציע פון „זאָאָלאָגישען גאַרטען” מיט די געלע טשעמאָדאַנעס, מיט די פּערל און שיינע בריליאַנטן באַהאַלטן אין זאַק אויף אַ שעה פון נויט און וואַרטן אויפן צוג, וועלכער זאָל זיי פירן אין אַן אַנדער לאַנד, געפינט זי פאַר דעם דערשלאָגענעם יודקע־וויטש אַ טרייסט־וואָרט:

— און איך זאָג דיר, אַז אפשר איז עס נאָר אַ גאָט־זאַך, וואָס מען האָט דיר דאָס פאַרמעגן צוגענומען, כדי דו זאָלסט אַ מענטש ווערן. וואָס האָב איך געהאַט פון דעם גאַנצן טאַראַראַם, עס האָט דאָך דיר דעם גאַנצן קאָפּ צוגענומען, דאָס לייב און לעבן. האָסט דען געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט דו ביסט? דיין קאָפּ איז דען דיר צו עפּעס אַנדערש

געשטאַנען? ביסט דאָך מיר צומאָל קיין מאַן נישט געווען!...
אַז דיין מוח און גאַנצער חוש איז דיר געלעגן אין די הייזער. אפשר וועט דיר גאָט העלפֿן, וועסט איצט ווערן אַ מאַן מיט מענער צוגלייך! און מיר וועלן אַ יידיש לעבן פירן. עס איז דען געווען אַ לעבן, וואָס מיר האָבן דאָ געפירט? איך האָב דען געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין? ווי צו מיר, וואָס פאַר אַ לעבן איך האָב געהאַט, איך, ר׳ ברכיה חסידס איינציגע טאָכטער! — זי האָט זיך אויסגעווישט אַ טרער פון אויג. — אַ לעבן איז עס געווען? אַ שוואַרצע וויסטע חתונה! מיר האָבן דאָך שוין ביידע געהאַט פאַרגעסן, אַז מיר זענען יידישע קינדער! דאַרפסט דאַנקען גאָט, מיין מאַן, וואָס מיר זענען פטור-געוואָרן דערפון!

ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו דער סטאַציע, האָט זי צוגעלייגט:

— און דו מיינסט, אַז די הייזער בלייבן שוין ביי אים? —
דאָס האָט זי געמיינט דעם „מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד". — עס וועט קומען אַ גרעסערער שוואַרץ יאָר און וועט ביי אים צונעמען. אַזאַ געלט האַלט זיך נישט. עס גייט דאָרט אַהין, פון וואַנען עס קומט — צום טייוול! איך דאַנק דיין ליבן נאָמען, וואָס דו האָסט מיך געראַטעוועט דערפון!

יודקעוויטש האָט זי אָנגעקוקט. ער האָט זיינע אויערן נישט געגלויבט. דאָס זאָל זיין אסתר! אַזוי רעדט אסתר? —
„נאָך אַלעם איז זי דאָך טאַקע אַ כשר יידיש ווייבל", — האָט ער זיך געטראַכט, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט און געשטייגערט זיין ענערגיע אויסצואַרבעטן נייע פּלענער פאַר דעם לאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך איצט געקליבן. זיין קאָפּ איז איצט פול-געווען מיט דידאָזיגע פּלענער און זיינע אַלע חושים זענען געווען אָנגעשטרענגט אויף איין שטרעבונג — וואָס שנעלער צוריק זיך אַרויפצודראַפּען אויף דער האַלז-און-נאַקן-ברעכנדער לייטער, פון וועלכער מען האָט אים אַזוי געשווינד אַראָפּגעשליידערט.

— נישקשה, אַראָנטשיק, — האָט זי צו אים געזאָגט, —
דו וועסט זיי נאָך באַווייזן, וואָס דו קאָנסט — דו מיט דיין קאָפּ פון אַ מיניסטער...

יודקעװיטש האָט געשװיגן — נאָר אין זײן פּנים האָט מען אָנגעזען זײן צושטימונג.

---

נאָך אײנער האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דאָס פאָטער-לאַנד. דאָס איז געװען אָנקל אַדאָלף. ער האָט זיך קײנמאָל נישט געפילט גליקלעך אויפן הײמישן באָדן און נישט געהאַט קײן גרויסן צוטרוי צו דער „נײער אײראָפּעישער ערע" (װי ד"ר הײנריך האָט עס ליב-געהאַט אָנצורופן), אין װעלכן דאָס פאָטערלאַנד טרעט-אַרײן. דורך דער צײט פון דער אינפלאַציע האָט ער כמעט זײן גאַנצע זאַמלונג אויפגעגעסן. אין דער לעצטער צײט, צוליב דעם אינטערעס, װאָס ער האָט געפונען אין די לעבעדיגע יונגע מענטשן, אין האַנסן און לאָטען, האָט ער זיך געהאַט באַפרײט פון זײן לײדנשאַפט צו זאַמלען טויטע בילדער. ער האָט געהאַט פאַר װעמען אַנדערש צו לעבן און געזען איבערגעטױשט די טויטע מײסטערװערק, כדי צו דערהאַלטן בײם לעבן די לעבעדיגע... זינט ער האָט פאַרלױרן די לעבעדיגע, האָט ער זיך װידער געװענדעט צו די טויטע. יאָ, איצט האָט ער אײנגעזען, אַז נאָך אַלעם,—װאָס דער מײסטער פון גאָטס גנאָד פאַראײביגט אויף דער לײװנט, האָט מער קיום, װי דאָס מײסטערװערק, װאָס לויפט-אַרום צװישן װעלף אין לעבן. ער האָט גענומען די לעצטע װאַסער-פאַרב-צײכנונג פון סעזאַן, װאָס האָט פאַרגעשטעלט באָדענדיגע פרויען אויף דער פרײ און פון װעלכער ער האָט זיך בשום אופן נישט געװאָלט שײדן דורך דעם יאָר פון נויט, — ער האָט גענומען דידאָזיגע צײכנונג מיט זײנע פאַר גומענע קעלנער און זײן אָרימע רײזע-טאַש און זיך צוריק אװעקגע-לאָזט קײן פאַריז.

ער איז צוריקגעגאַנגען װי אַ שנעק אין זײן געצעלט אַרײן, צו לעבן צוריק זײן אײגן לעבן.

װאָרים װאָס האָט ער נאָך געהאַט, און װאָס האָט ער באַדאַרפט, דער אײנזאַמער מענטש, אַחוץ דאָס באַגליקנדע פאַרשטענדניש צו קאָנען זען דאָס „געזיכט פון דער מאַ-טעריע", װי עס זעט זיך אין זײנע רעגנבויגנדיגע פאַרבן מיט

דעם גאַנצן אומדערמעסטלעכן שלל פון ניואַנסן, פון די באַלויכטונגען און באַשאַפֿנקייט, וואָס שפּילן איינס מיט דעם אַנדערן? וואָס האָט ער נאָך געהאַט, אַ חוץ דאָס באָדן זיין אויג אין די טיפֿענישן פֿון די פֿאַרבן, אין דעם אומדערגרינטלעכן בלוי, אין דער צניעותדיקייט פֿון גרין, אין דעם פֿון הימל אַוועקגערויבטן רויט, אויפֿנעמען דאָס געזאַנג, וואָס זינגט־אַרויס פֿון דער פּיאָלעט־אָראַנזשענער באַלויכטונג, וואָס איין קאָליר וואַרפֿט אויף דעם אַנדערן. די אויגן זענען צוגעפּגעקניפּט מיט די סובטעלסטע געפֿילן אונזערע. ווען מיר זעען מיט אונזער אויג, זעען מיר מיט אַלע אונזערע חושים, וועלכע עגבערן זיך אַריין אין די טיפֿענישן פֿון דער מאַטעריע. מיר דערהערן מיט אונזערע אויגן דאָס קלאַפּן פֿונם וועלט־האַרץ — וואָס שטייגט פֿון דער מאַטעריע אַרויס.

וואָס האָט אים געקאָנט אָנגיין דאָס דורכגייענדיגע שלעכטס פֿון היינט. אונזער גאַנצע געשיכטע, די מענטשלעכע ווי די בהמהשע — די חכמהדיגע און די אָנחכמהדיגע איז אַ לאַנגע קייט פֿון מלחמות און אויסראָטונגען, וואָס בינדן זיך איינס מיטן אַנדערן. אין יעדער צייט זענען געווען יחידים, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן פֿאַר דעם רשעותדיגן מאָמענט אין דער ביי דער זייט ליגנדיגער אייביגער שיינקייט, זיי האָבן זיך געשיצט הינטער גאָטס פֿליגל, וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט אויף זיין באַשאַף. די שיינקייט האָט זיי אָנגעפֿילט מיט גלויבן און זיי זענען אויף דעם גלויבן דורכגעשוואומען די מבולס פֿון שלעכטס פֿון זייער צייט. אויך ער מוז עס טון. וואָס גייט אים אָן די צייט? ליגט נישט גאָטס פּנים אויסגעגאָסן איבער דעם רויען אויפֿגעאַקערטן שוואַרץ־טייגיגן אָנבליק פֿון דער מוטער־ערד, וואָס אַ וואַן־גאָג האָט פֿאַר אונז אַנטדעקט? אין דעם בתולהדיגן גרין, וואָס ס׳ברענגט מיט זיך דער פֿרילינג? אין די אויפֿפֿלאַמענדיגע טראַגישע געשרייען פֿון האַרבסט? — אין די הייסע וואָלקנס פֿון זומער? — אַך ווי גערן האָט ער געהאַט צו באָדן זיין אויג אין דער מיט פּיאָלעט דורכגעזאַפּטער לופֿט, וואָס פֿלאַטערט אַרום די רויטע בלעטערלאָזע צווייגן אין יונגען פֿרילינג, וועלכע אַ פּיסאַראָ, אַ סיסלע — אַלע פֿראַנצויזישע עקספּרעסיאָניסטן האָבן אים געמאַכט זען!...

איז ער נישט געשטאַנען פאַר זיין סעזאַן ווי פאַר אַ היילִיגער רעליקוויע און מיט אינערלעכער דערשיטערונג באַוואונדערט, ווי דער מייסטער האָט מיט אַ טויזנט פאַרבן וויבּרירנדיגן, דורכזיכטיגן בלויען שלייער איינגעהילט דאָס פּלאַמפּייער, וואָס נאָר ער, מיט דער דיסציפּלין פון זיין אינערלעכער רעליגיעזיטעט, האָט געקאָנט מייסטערן זיין דינאַמישע קראַפט? זענען אים די געזיכטער אין רעמבראַנדס בּילדער נישט געווען קאַפּיטלעך תהילים? און האָט ער דען נישט מתפלל-געווען פאַר דער געטלעכקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט דורך דער שיינקייט פון די גריכישע און רענעסאַנס-מייסטערס? וואָס האָט אים געקאָנט אָפּשרעקן די צייט? איז גאָט דען נישט געווען זיין פעסטונג דורך דער חסדיגער שיינקייט, וואָס ער האָט געקאָנט דערזען אין יעדער געגעבּענער ליניע, אין יעדן אויסבויג, אין יעדן קנייטש, וואָס צייכנט זיך אין „פנים פון דער מאַטעריע"?

זיין גאָט, זיין זאַמלונג איז פון דער חיה-אינפלאַציע פאַרצוקט-געוואָרן. ער האָט די טויטע מייסטערווערק געאָפּפערט פאַר דעם לעבּעדיגן. נון, איז דאָס לעבּעדיגע ווערק — לאָטע — פאַרניכטעט. איבּערגעבּליבּן איז דערפון בלויז אַ בלאָנדזשענדיגער ווידערקול, אַן אויסגייענדיגער מ אָ ט י װ, וועלכער וואָלגערט זיך אַרום אין די קעמערלעך פון אונזער געדעכעניש. אַן אָנגענומער שאָטן איז פאַרבּייגעגאַנגען. אָט איז ער געווען — און אָט איז ער שוין נישטאָ. ער דערוועקט אָנגענעמע זכרונות — און שרעקט מיט זיין טראַגישן פאַרשווינדן...

ווי אַזוי האָט עס זיך געקאָנט גלייכן צו די אייבּיגבּלייבּנדיגע מייסטערווערק פון דער „טויטער קונסט", אייגמאָל אַרויסגעריסן פון דער הימלישער אינספּיראַציע—און זיי קריצן זיך איין אין אונזערע חושים דורך דעם נס פון געטלעכקייט, וואָס יעדעס מייסטערווערק טראָגט אין זיך.

איין קליינע וואַסער-צייכענונג איז אים איבּערגעבּליבּן פון דער אינפלאַציע, וועלכע ער נעמט-מיט מיט זיך אין זיין אָרים דאַך-שטיבּל קיין פּאַריז. איצט שטייט ער מיט דער צייכענונג אין דער האַנט, נעבּן דעם אָרימען רייזע-טעשל, אויף

דער סטאַציע פון „זאָאָלאָגישען גאָרטען" און וואָרט-אָפּ דעם צוג. נעבן אים שטייט זיין ברודערנזון — האַנס. אָנקל און פּלימעניק האָבן די לעצטע צייט זייער ווינציג גערעדט צווישן זיך, ווי אויסגעמיטן זיך. נאָר איצט, ביים דערנענטערן זיך פונם צוג, רופט זיך אָנקל אַדאָלף אָן פלוצלינג, ווי ער וואָלט אויפגעבוימען אַן אָפּגעהאַקטן געשפּרעך:

— וואָס דו זאָלסט נישט טון — האַנס, נאָר דאָס איינע געדענק: היט דיך אויס פון מויערן. נישט בלויז פון פרעמדע, נאָר אויך פון אייגענע... די מויערן, וואָס מען בויט אַליין, זענען פיל געפערלעכער, ווי די פרעמדע. באַמי זיך צו קוקן איבער די מויערן, אויך דרויסן, אויסערהאַלב זיי, זענען פאַרהאַנען מענטשן!..

(סוף)